STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04369

ALROYNE

Hanns Heinz Ewers

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

האַנס עווערס

ערשטער טייל

פאַרשפּיל

ווילסטו דאָס אָפּלייקענען, טייערע פריינדין, אַז ס'זענען פאַר־תאַן ווערנס — נישט קיין מענטשן און נישט קיין חיות, מאָדנע באַשעפענישן, וועלכע אַנטשטייען פון פאַרשאָלטענער תאווה און אַבסורדע געדאַנקען.

און ווייסטו, מיין אידעלע פריינדין, גוט איז דאָס געזעץ, גוט זענען אַלע כּללים און אַלע שטרענגע נאָרמען, גוט איז דער גרויסער גאָט, וואָס האָט די אַלע נאָרמען, כּללים און געזעצן באַשאַפן, און גוט איז אויך דער מענטש, וואָס היט זיי באמת אָפּ חאָס גייט זיך זיין וועג אין הכנעה און געדולד און אין די טרייע דרכים פון זיין גוטן גאָט.

אַן אַנדערער אָבער איז דער פירשט, וואָס האָט פיינט דאָס גוטע. ער וואַרפט אָפּ אַלע געזעצן און נאָרמען, ער שאַפט — נעם עס גוט אין אַכט — קעגן דער נאַטור.

ער איז שלעכט און בייז. און שלעכט איז אויך דער מענטש, וואָס טוט, ווי ער הייסט. ער איז אַ קינד פון שטן.

ס'איז שלעכט, זייער שלעכט אָנצוגרייפן די אייביקע געזעצן

און מיט אַן עזותדיקער האַנט זיי אַרויסצורײַסן פון זייערע שטאָלענע רייפן.

דער שלעכטער קען עס טאַקע טון — עס העלפט אים צו דער שטן, וואָס איז אַ שטאַרקער האַר און קען שאַפן לויט זיין אייגענעם חשק און אייגענעם ווילן, ער קען טון זאַכן, וואָס צעשמעטערן אַלע כּללים, קערן די גאַנצע נאַטור איבער און שטעלן זי אויפן קאָפּ.

ער דאַרף זיך אָבער היטן: עס איז נאָר ליגנט און הוילע פאַרבלענדעניש אַלץ, וואָס ער שאַפט. עס שטייגט אויף און צעוואַקסט זיך אונטער די הימלען — אָבער גאָר צום סוף צעפאַלט עס און זינקט איין און באַגראָבט אונטער זיינע חורבות דעם שטאָלצן שוטה, וואָס האָט עס אויסגעטראַכט.

* *

*

זיין עקסעלענץ יאַקוב טען ברינקען, דר. מעדיצין, פּראָפעסאָר און געהיימראַט, האָט באַשאַפן דאָס זעלטענע מיידל און באַשאַפן — קעגן אַלע געזעצן פון דער נאַטור. ער האָט זי באַשאַפן איינגאַנצן אַליין, האָט באַ דעם איינפאַל געהאַט אַן אַנדערן, און דאָס דאָזיקע באַשעפעניש, וועלכעס זיי האָבן געלאָזט טויפן און גערופן אַלרוינע, איז אויסגעוואַקסן און געלעבט ווי אַ מענטשלעך קינד. צו וואָס זי פלעגט זיך צורירן האָט עס זיך פאַרוואַנדלט אין גאָלד, וווהין זי האָט נאָר אַ קוק געטון דאָרט האָבן זיך די ווילדע תאוות צעלאַכט, דאָרט אָבער ווו ס׳האָט געטראָפן איר גיפטיקער אָטעם, האָבן זיך צעשריגן אַלע זינד, און אויף דעם אָרט, ווו ס׳האָבן באַרירט אירע לייכטע טריט, האָבן אַרויסגעשפּראָצט די בלאַסע בלומען פון טויט. איינער האָט זי דערהרגעט, און דאָס איז געווען דער, וואָס האָט זי באַשאַפן: פראַנק ברוין, וועלכער האָט געוואַנדערט אין דער זייט פון לעבן.

נישט פֿאַר דיר, בלאָנד שוועסטערל, האָב איך געשריבן דאָס דאָזיקע בוך. דײַנע אויגן זענען בלויע און זענען גוט און ווײַסן גאָרנישט פֿון קיין זינד. דײַנע טעג זענען ווי שווערע טרויבן פֿון בלויע גליצענען, וואָס טריפֿן אויפֿן ווײַכן דיוואַן אַראָפּ. אַזוי גלײַך שפּאַנט דאָרט מײַן לײַכטער טריט, דורך די זוניקע אַלעען פֿון דײַנע זיסע טעג. נישט פֿאַר דיר האָב איך דאָס דאָזיקע בוך געשריבן, מײַן בלאָנד שוועסטערל, ליב שוועסטערל פֿון מײַנע שטילע, טרוימערישע טעג.

פֿאַר דיר אָבער האָב איך עס געשריבן, דו ווילדע זינדיקע שוועסטער פֿון מײַנע הייסע נעכט. בין־השמשות, ווען די שאָטנס פֿאַלן צו, ווען דער גרויזאַמער ים פֿרעסט די שײַנע גאָלדענע זון, דאַמאָלס ציטערט דורך די כוואַליעס אַ גיפֿטיק־גריניער שטראַל. עס איז דאָס ערשטע קורצע געלעכטער פֿון זינד איבער די טויט־אַנגסטן פֿון באַטריבטן טאָג, און עס צעפֿראַלט זיך דאַמאָלס איבערן שטילן וואַסער און שוימט זיך אין פֿײַערדיקע, געלע, רויטע און טיף־פֿיאָלעטע פֿאַרבן און אָטעמט די זינד אין דער טיפֿער נאַכט און הויכט אויס איר פֿאַרסמטן אָטעם איבער דער גאַנצער ערד.

און דו, שוועסטער, פֿילסט גוט איר הייסן אָטעם. דײַן אויגאַפּל צעשפּרייט זיך, ס׳הייבט זיך העכער די יונגע ברוסט, ס׳לויפֿט דורך אַ ציטער דײַנע גאָזלעכער, ס׳צעפֿליגלען זיך ברייט דײַנע פֿיבערדיקע הענט, ס׳פֿאַלן אַראָפּ די צניעותדיקע שלייערן פֿון אַלע העלע טעג, פֿון דער שוואַרצער נאַכט ווערט געבוירן אַ שלאַנג.

און ס׳צעפֿראַלט זיך, שוועסטער, דײַן ווילדע נשמה, פֿול מיט גיפֿט און אויסגעטון פֿון אַלע בושות, און פֿון פּײַן און בלוט, פֿון קושן און תּאוות שאַלט ווי אַרויס איר גרויס געשריי מיט הילכיקן טריומף דורך אַלע הימלען און גיהנומס.

שוועסטער פֿון מײַנע זינד, פֿאַר דיר האָב איך דאָס דאָזיקע בוך געשריבן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

וואָס ווייזט, ווי ס'האָט אויסגעזען דאָס הויז, אין וועלכן אַלרוינע איז אויף דער וועלט געקומען.

דאָס ווייסע הויז, אין וועלכן אַלרוינע איז געוואָרן — אַ לאַנגע צייט פאַר דעם געבוירן און נאָך פאַר דער פּרוכפּערונג — דאָס דאָזיקע הויז איז געלעגן באַם רהיין, נישט ווייט פון שטאָט, באַ דער ברייטער, מיט ווילעס פאַרבויטער גאַס, וואָס הייבט זיך אָן פון אַלטן ערצבישאָפּס פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'געפינט זיך היינט דער אוניווערסיטעט. דאָרט איז געשטאַנען דאָס הויז און דערין האָט געוווינט דער יוסטיץ-ראַט סעבאַסטיאַן גאַנטראַם.

פון דער גאַס האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ לאַנגן און מיאוסן גאָרטן, וואָס האָט קיינמאָל קיין גערטנער נישט געזען.

מ'איז צוגעקומען צו אַ הויז, פון וואַנען דער טינק איז געווען אַראָפּגעפאַלן. מ'האָט געזוכט אַ גלעקל און נישט געפונען. מען האָט גערופן און געשריגן, און קיינער איז נישט אַרויסגעקומען. ענדלעך האָט מען די טיר אַליין אויפגעשטופּט און אַרויפגעגאַנגען אויף די שמוציקע, קיינמאָל נישט געוואַשענע טרעפּ, איבער וועלכע ס'איז דורכגעשפּרונגען אין דער פינסטערניש אַ דיקע און גרויסע קאַץ.

דאָך אָבער — דער גרויסער גאָרטן האָט געשוויבלט מיט טויזנטער מאַלפּעס. דאָס זענען געווען די קינדער פון דער פאַמיליע גאָנטראַם: פרידאַ, פיליפּ, פּאָול, יעזעפל און וועלפל. עס איז מיט זיי פול געווען אומעטום. זיי האָבן געשטעקט צווישן די צווייגן פון די ביימער, זענען געקראָכן אין די טיפע גראָבנס אין דער ערד, און דערנאָך די הינט: צוויי הוצפּהדיקע שפּיצערס און איין באַס־טאַרד־פּאָקס, ווייטער דער קליינוווקסיקער פינטשער פון אַדוואָקאַט מאַגנאַסע, ענלעך צו אַ ברוין, קיילעכדיק פעסל, נישט גרעסער ווי אַ פויסט, געהייסן האָט ער ציקלאָפּ. און אַלץ האָט געליאַרמט און געשריגן. וועלפל, קוים אַ יאָר אַלט, איז געלעגן אין זיין וועגעלע און געמאַכט קולות, עקשנותדיק און שעהנלאַנג. נאָר ציקלאָפּ האָט געקענט דעם רעקאָרד האַלטן. ער האָט געבילט הייזעריק און צע־בראָכן אָן אויפהער. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט פונקט ווי וועלפל, נאָר געבילט און געהיילט.

די יינגלעך פון די גאָנטראַמס האָבן אַרומגעשטופּט צווישן די קוסטעס ביז שפּעט נאָכמיטאָג. פרידאַ, די עלטסטע האָט גע־דאַרפט אַכטונג געבן, אַז די ברידער זאָלן זיך גוט פאַרהאַלטן. אָבער זי האָט זיך געטראַכט, אַז זיי פאַרהאַלטן זיך סיי ווי גאַנץ גוט און איז זיך געזעסן טיף אין גאָרטן אין דער צעפּאַלענער בעז־אַלטאַנע מיט איר חברטע, דער קליינער פּרינצעסין וואָלקאָנסקי. ביידע האָבן געפּלוידערט און זיך געקריגט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי וועלן איינגיכן אַלט ווערן פּערצן יאָר און וועלן דאַן קע־נען חתונה האָבן, אָדער ווייניקסטנס וועט מען שוין קענען האָבן אַ געליבטן. היות אָבער, ביידע זענען געווען פרום, האָבן זיי באַ־שלאָסן אַ ביסל אונטערצוּוואַרטן, סך הכל פערצן טעג נאָך ביז דער ערשטער הייליקער קאָמוניע.

דאַמאָלס באַקומט מען לאַנגע קליידער, מ'איז דערוואַקסן, און דאַן קען מען האָבן אַ געליבטן.

באַכן דאָזיקן באַשלוס זענען זיי זיך פאַרגעקומען זייער פרום און האָבן איינגעפונען, אַז ס'וואָלט זייער גלייך געווען באַלד צו גיין אויף דער מאַי־מעסע.

— און איצט, אפשר וועט שמיטס אויך דאָרט זיין! — האָט געזאָגט פרידאַ גאַנטראַם.

אָבער די קליינע פרינצעסין האָט פאַרשאַרצט ס'נעזל:

— באַ — שמיטס!

פרידאַ האָט זי גענומען אונטער דער האַנט:

— און די בייערן אין די בלויע היטלען!

אָלגאַ וואָלקאָנסקי האָט זיך צעלאַכט:

— זיי? — דאָס איז — אַן אומזיסטע טירחה! — ווייסטו, פרידאַ, אָרנטלעכע סטודענטן גייען איבערהויפּט נישט אין קירך.

דאָס איז טאַקע אמת געווען, פיינע סטודענטן טוען נישט אַזעלכע זאַכן.

פרידאַ האָט אָפּגעזיפצט. זי האָט האַסטיק אָפּגערוקט דאָס וועגעלע מיטן שרייענדיקן קינד אין אַ זייט און אַ שטויס געטון ציקלאָפּן, וואָס האָט געוואָלט איר איינבייסן דעם פוס.

ניין, ניין, די פרינצעסין איז גערעכט געווען, מיט דער קירך איז אויס.

— לאָמיר בלייבן דאָ! — האָט זי דעצידירט. און די מיידלעך זענען צוריק אַריין אין דער אַלטאַנע.

אַלע קינדער פון די גאַנטראַמס האָבן געהאַט אַן אומענדלעכן דראַנג צום לעבן. זיי האָבן עס נישט געוווּסט, אָבער זיי האָבן פאַרגעפילט און געשפּירט אין בלוט, אַז זיי מוזן שטאַרבן יונג, פריש, אין רעכטן בליען, אַז זיי האָבן נאָר דורכצולעבן אַ קליין חלק פון דער צייט, וואָס ס'איז אַנדערע צוגעטיילט געוואָרן. און זיי האָבן די דאָזיקע צייט גענומען דרייפאַכיק, געליאַרעמט און בעשטיפּט, געפּרעסן און געטרונקען צו דער זעט אין לעבן. וועלפל האָט גע־

ליארעמט פאר אנדערע דריי. זייגע ברידער האָבן זיך אַרומגעיאָגט אין גאָרטן און פול געווען אומעטום, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען פיר טוץ און נישט קיין פיר.

שמוציק, פארחושכט און אָפּגעפליקט, תמיד איז עמעצער געווען צעבלוטיקט פון אַ שניט אין פינגער, פון אַ צעטרייבערטער קני, אָדער פון אַן ערנסטן קראַץ.

ווען די זון איז פאַרגאַנגען, זענען די קינדער פון די גאַנצראַמס אַנטשוויגן געוואָרן, צוריקגעגאַנגען אַהיים און זיך געלאָזט אין קיך אריין. זיי האָבן דאָרט געשלונגען ריזיקע שטויסן ברויט מיט פוטער, באַלייגט מיט שינקע און וואורשט. זיי האָבן געטרונקען זייער וואסער, וואָס די גרויסע דינסט האָט לייכט באַפּאַרבט מיט רויטן וויין. דערנאָך האָט זי זיי געוואַשן. זי האָט זיי אויסגעטון און אַריינגעשטעלט אין עמערס וואַסער, געגומען שוואַרצן זייף און האַרטע בערשטן און געריבן, ווי אַ פּאָר שטיוול.

אָבער ריין זענען זיי פונדעסטוועגן נישט געווען. — און זיי האָבן ווייטער געפילדערט און אַרומגעשטיפּט אין זייערע הילצערנע עמערס.

דערנאָך ערשט זענען זיי טויט-מידע אַריינגעקראָכן אין די בעטן, אָנגעדערגעפּאַלן ווי די זעק קאַרטאָפל און זיך מער נישט גערירט. זיי האָבן זיך תמיד פאַרגעסן צוצודעקן. דאָס פלעגט שוין די דינסט באַזאָרגן.

* *
*

מייגסטנס אַרום דער דאָזיקער צייט פלעגט קומען צו גיין דער אַדוואָקאַט מאַגאַסע. ער איז אַרויף אויף די טרעפּ, אָנגעקלאַפּט מיטן שטעקן אין אַ פּאָר טירן, און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, איז ער ענדלעך אַריין.

פרוי גאַנטראַם איז אים אַנטקעגן געקומען. זי איז געווען אַ

גרויסע, כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דער הער מאַנאַסע. ער איז געווען אַ קיילעכדיק קאַרליקל און שטאַרק ענלעך צו זיין מיאוסן הונט ציקלאָפּ. קורצע שטעכעדיקע האָר זענען אים אַרויסגעוואַקסן אויף די באַקן, גאָמבע און ליפּן און פון מיטן האָט אַרויסגעקוקט די נאָז, אַ קליינע און אַ רונדע ווי אַ רעטעכל. באַם רעדן פלעגט ער בילן. און ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט כסדר וועלן עפּעס הנאהדיק אַראָפּשלינגען.

— גוטן אָוונט, פרוי גאָנטראַם, — האָט ער געזאָגט — איז דער קאָלעגע נאָך נישט אין דער היים?

— גוט יאָר, הער מעצענאַס, — האָט געענטפערט די גרויסע פרוי, — מאַכט אייך אַ ביסל באַקוועם.

דאָס קליינע מענטשל האָט געשריגן: צי דער הער גאָנטראַם איז נאָך נישטאָ אין דער היים?! — און לאָזט, כ׳בעט אייך דאָס קינד אַרויסנעמען, מען הערט דאָך די אייגענע ווערטער נישט!

— וואָס — האָט געפרעגט פרוי גאָנטראַם און אַרויסגענומען די אַנטיפאַגע פון די אויערן. — אַך אַזוי! — האָט זי געזאָגט. — דאָס וועלפּעלע! — זעט אייך נאָר, הער אַדוואָקאַט, אַזאַ עסקל צו שאַפן, וועט איר דאַמאָלס שוין גאָרנישט הערן — זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און געשריגן: בילאַ, בילאַ! — אָדער פרידאַ! איר הערט נישט? טראָגט אַרויס וועלפּלען!

זי איז נאָך געווען אין מאָרגנקלייד פון מאָרעל־פאַרב. רייזיקע, קאַשטאַנפאַרביקע האָר, נאַכלעסיק אויפגעקעמט, זענען אין אומאָרדנונג אַראָפּגעפאַלן. אירע שוואַרצע אויגן האָבן אויסגעוויזן צו זיין אומענדלעך גרויסע, ווייט, ווייט אויפגעריסן און פול מיט אַ ברענענדיקן, אומהיימלעכן פייער. אָבער די שלייפן אויפן שטערן זענען געווען שטאַרק איינגעפאַלן, אַ שמאָלע דאַרע נאָז, אויף די בלאַסע, איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך געוויזן — גרויסע ציגל־פלעקן.

— האָט איר עפּעס אַ רעכטן ציגאַר, הער אַדוואָקאַט? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט אַרויסגענומען זיין טעשל בייז, כמעט אין כעס — וויפיל האָט איר שוין היינט אויסגערייכערט, פרוי גאַנטראַם?

— אַן ערך צוואַנציק שטיקלעך — האָט זי געלאַכט — איר ווייסט דאָך, די געמיינע סחורה צו פיר פעניג אַ שטיק! — אַן ענדערונג וועט אויף מיר גוט ווירקן, גיט-זשע מיר, זייט מוחל, די דיקע דאָרטן! — און האָט אַרויסגענומען אַ שווערן, כמעט אַ שוואַרצן מעקסיקאַ.

דער מאַנאַסע האָט אָפּגעזיפצט:

— מילא, ווי מיינט איר? ווי לאַנג קען דאָס נאָך אַזוי דויערן?

— באַ! — האָט זי געזאָגט — רעגט אייך נאָר נישט אויף. ווי לאַנג? אייערנעכטן האָט מיר דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז נאָך זעקס חדשים. — אָבער, איר ווייסט, פּונקט דאָס זעלבע האָט ער מיר דערקלערט פאַר צוויי יאָר. איך טראַכט אַלץ כסדר: אַז עס גאַלאָפּירט זיך גאָרנישט, עס גייט גאַנץ געלאַסן מיט דער גאַלאָפּירנדער שווינדזיכט.

— ווען איר וואָלט ווייניקסטנס נישט אַזוי פיל געריי־כערט! — האָט געיאָמערט דער קליינער אַדוואָקאַט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן, פאַרצויגן אירע שמאָלע, גרינע ליפּן הויך איבער די ציין. וואָס, מאַנאַסע, וואָס? נישט רייכערן? נו, זייט אַזוי גוט און פאַרמאַכט, כ'בעט אייך, דאָס מויל! וואָס דען זאָל איך טון? קינדער האָבן, יעדעס יאָר איינס — ס'באַלעבאַטישקייט פירן מיט די דאָזיקע אַלע יאָטן — און אַלס צולאָג די גאַלאָפּירנדע — און צו דעם אַלעמען נישט קענען ריי־כערן? זי האָט אים אַריינגעלאָזט אַ דיקן קנויל רויך גלייך אין פּנים אַריין — אַזוי, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרהוסט.

ער האָט זי אָנגעקוקט האַלב גיפטיק, האַלב ליבלעך און פאַרחידושט.

דער דאָזיקער קליינער מאַנאַסע איז געווען חוצפּהדיק, ווי זעלטן ווער. ווען ער איז געשטאַנען אויף דער טריבונע, האָט אים קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין וויץ, קיין שאַרף שניידנדיק וואָרט. ער פלעגט רייסן, בילען און בייסן אַרום זיך אָן רחמנות און אָן דער מינדעסטער מורא. — דאָ אָבער פאַר דער דאָזיקער דאַרער פרוי, וועמענס לייב איז געווען אָן אמתער סקעלעט און וואָס איר קאָפּ איז געווען ענלעך צו אַ טויטן-שאַרבן, וועלכער איז זייט יאָרנלאַנג האַלב געשטאַנען אין קבר, און האָט די אַנדערע העלפט אַליין באַגראָבן, דאָ האָט ער דערפילט עפעס אַ פּחד. די דאָזיקע עזותדיקע און שימערירנדע לאָקן, וועלכע האָבן נאָך געהאַלטן אין איין וואַקסן, וואָס אַמאָל געדיכטער און פולער, גליין ס׳וואָלט דער טויט אַליין זייער באָדן געמיסטיקט.

די דאָזיקע גלייכע, בלאַנקעדיקע ציין, וואָס האָבן פעסט געהאַלטן דאָס שפּיצל פון דיקן ציגאַר, די דאָזיקע ברייט צעעפנטע אויגן, אָן האָפענונג און אָן שום בענקשאַפט, כמעט אָן באַוווסטזיין פון זייער גליענדיקן פייער — האָבן אים געהייסן שווייגן און ווערן נאָך קלענער, ווי ר׳איז געווען, אַזוי קליין כמעט, ווי זיין הונט.

אָ, ער איז געווען זייער געבילדעט דער דאָזיקער אַדוואָקאַט מאַנאַסע. מ׳פלעגט אים רופן די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, און ס׳איז נישט געווען אַזאַ זאַך, וועגן וועלכער ער זאָל נישט קענען מיטאַמאָל געבן אַ דערקלערונג. ס׳איז אים באַלד אַדורך אין דער מחשבה: זי איז אָן אָנהענגערין פון עפּיקור זי טראַכט זיך: דער טויט גייט מיך כלל נישט אָן, כל זמן איך לעב, איז ער נישטאָ, און ווען ער וועט קומען, וועל איך שוין נישט זיין.

ער אָבער, מאַנאַסע, האָט גוט געוווּסט, אַז דער טויט איז שוין דאָ, הגם זי לעבט נאָך.

אנג איז ער שוין דאָרט געווען און זיך גנביש געשלייכט איבערן גאַנצן הויז. ער האָט געשפּילט אין באַהעלטעניש מיט דער דאַזיקער פרוי, געלאָזט אירע באַצייכנטע קינדער פילדערן און שטיפן אין גאָרטן. אָבער, וואָס אַן אמת — ער גאַלאָפּירט זיך נישט. ער גייט זיך גאַנץ געלאַס׳, ווי זי האָט עס ריכטיק געזאָגט. אָבער נאָר, סתּם אַזוי — אויס קאַפּריז. אַזוי זיך — ווייל דאָס ווילט אים, אַ ביסל שפּאַס צו טרייבן מיט דער דאַזיקער פרוי און אירע לעבנס־דורשטיקע קינדער, פּונקט ווי עס שפּילט זיך די קאַץ מיט די גאָלדענע פישעלעך אין אַ גלעזערנעם באַסיין.

— אַהאַ, ער איז כּלל נישטאָ! — האָט געטראַכט פרוי גאַנט־ראַם, ליגנדיק אויף דער סאָפקע, רייכערנדיק גראָבע, שוואַרצע ציגאַרן און פאַרשטאָפּנדיק זיך די אויערן מיט אַנטיפאַנע, כּדי נישט צו הערן דעם טומל פון די קינדער — אַהאַ, ער איז שוין נישטאָ?! — נישטאָ! — האָט אויסגעשצירעט די ציין דער טויט און געלאַכט צום אַדוואָקאַט מיטן דאַזיקן קלאָגנדיקן פּנים און אים געלאָזט אַ דיקן קנויל רויך גלייך אין פּנים אַריין.

דער קליינער מאַנאַסע האָט אים געזען, געזען געגוג דייט־לעך. ער האָט זיך צו אים צוגעקוקט און לאַנג זיך געישובט, וועל־כער טויט זאָל עס זיין פון זיין גרויסער מחנה, צי דער פון די דירער? צי בעקלינס? אָדער עפּעס אַ ווילדער אַרלעקין — טויט פון באָש, אָדער ברעקל? און אפשר עפּעס אַ משוגענער, אומגע־ריכטער טויט פון אַ האַבגראַט, גאָי, באָוולאַנדסאַן. ראַפּס, אָדער קאַלאָט?

ניין, ס'איז נישט געווען קיין איינער פון די אַלע, דער וואָס איז פאַר אים געזעסן, און מיט וועלכן מ'האָט געקענט פאַרברענגען, דאָס איז געווען אַ גוטער, בירגערלעכער, און גלייכצייטיק ראָמאַנ־טישער, דאָס איז געווען אַ ריינלענדישער טויט פון אַ רעטעל. ער איז געווען אַזעלכער, מיט וועלכן מ'האָט געקענט אַ ביסל פּלוי־

דערן, וועלכער האָט פאַרמאָגט וויץ, האָט געררייכערט, געטרונקען זויין און געלאַכט...

„דאָס איז גוט, וואָס דער דאָזיקער טויט רייכערט!" האָט געטראַכט מאַנאַסע „דאָס איז זייער גוט, ווייל מ'פילט פון אים נישט...

* *

*

דערנאָך איז געקומען דער יוסטיץ־ראַט גאַנטראַם.

— גוטן אָוונט, קאָלעגע, — האָט ער געזאָגט — שוין אויך דאָ? גאַנץ גוט, — און אָנגעהויבן דערציילן א לאַנגע געשיכטע, דערציילט מיט אַלע פרטים אַלץ, וואָס ס'האָט זיך פאַסירט היינט אין ביוראָ און אין געריכט.

לויטער וווּנדערלעכע מעשיות. דאָס וואָס אַן אַנדערן יוריסט האָט געקענט טרעפן אין משך פון גאַנצן, לאַנגן לעבן, העכסט זעלטענע פאַרפאַלן, טיילמאָל פריילעכע און געװױנ קאָמישע, טיילמאָל בלוטיקע און טראַגישע.

נאָר וואָס — קיין איין אמת וואָרט איז דערין נישט געווען. דער יוסטיץ-ראַט האָט געהאַט די זעלבע אומבאַזיגבאַרע מורא פאַרן אמת, וואָס פאַר דער באַד, אָדער אפילו פאַר דער וואַש־שיסל, ער פלעגט זאָגן ליגנט, ווען ער פלעגט נאָר ס'מויל עפענען און אין שלאָף פלעגט ער חלומען פון נייע ליגנס.

יעדער האָט געוווּסט, אַז ער זאָגט ליגנט און דאָך פלעגט מען אים גערן הערן, ווייל זיינע ליגנערישע מעשיות זענען געווען פריילעכע און גוט פאַרפאַסטע, און אויב אפילו דאָס איז אויך נישט געווען, איז דאָך אינטערעסאַנט געווען דער אופן, ווי אַזוי ער האָט זיי דערציילט.

ער האָט שוין געהאַט אַריבער פערציק, אַ גרויע, קורצע, לויזע באָרד און שיטערע האָר. ער האָט געטראָגן גאָלדענע ברילן

אויף אַ שוואַרץ, לאַנג שנירל, וועלכע זענען אים תמיד געזעסן קרום אויף דער נאָז און פון וועלכע ס'האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר קורצזיכטיקע, בלויע אויגן. ער איז געווען אַ צעטראָגענער, אַ פאַר־שמאָדערטער און נישט אָפּגעוואַשן, תמיד מיט טינט־פלעקן אויף די פינגער.

ער איז געווען אַ שלעכטער יוריסט, אַ קעגנער פון יעדער אַרבעט. ער האָט זי איבערגעלאָזט זיינע רעפערענדאַרן, וועלכע האָבן אויך גאָרנישט געטון, ווייל נאָר כדי נישט צו אַרבעטן האָבן זיי זיך צו אים געווענדט, און גאַנצע וואָכן איז זייער געביין אין ביוראָ נישט געווען. ער האָט זי איבערגעלאָזט די אָנפירער פון דער ביוראָ און די סעקרעטאַרן: די זענען געשלאָפן, און אויב זיי האָבן זיך אַמאָל אויפגעכאַפּט, האָבן זיי גאָר אָנגעשריבן דעם איינציקן זאַץ, וואָס האָט געלויטעט: „איך פּראָטעסטיר", און מיטן סטעמפּל האָבן זיי אָפּגעקוועטשט דעם יוסטיץ־ראַט.

און פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק, אַ סך בעסער ווי דער געלערנטער און וויציקער מאַנאַסע. ער האָט פאַר־שטאַנען דאָס לשון פון דעם המון און געקענט רעדן מיט לייטן. ער איז געווען באַליבט בײַ די ריכטער און אַדוואָקאַטן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין שום שוועריקייט און אַלץ געלאָזט גיין מיט זיין גאַנג. אין די אויגן פון קרימינעלן געריכט און די געשווירענע, איז ער מיט גאָלד ווערט געווען. דאָס האָבן געוווסט אַלע.

איינמאָל האָט געזאָגט אַ געוויסער אַדוואָקאַט: „איך לייג פאָר נישט אָפּצוזאָגן דעם באַשולדיקטן קיין מילדערנדיקע אומ־שטענדן: אים פאַרטיידיקט דער יוסטיץ־ראַט גאַנטראַם".

— מילדערנדיקע אומשטענדן — די האָט ער תמיד אויס־געפועלט פאַר זיינע קליענטן. דאַקעגן האָט זיי זייער זעלטן באַ־קומען מאַנאַסע, טראָץ זיין געלערזאַמקייט און שאַרפער רעטאָריק.

און נאָך עפּעס איז געווען דערין. דער יוסטיץ־ראַט גאַנט־ראַם האָט געהאַט עטלעכע ענינים, גרויסע, ריזיקע פּראָצעסן, וועלכע האָבן אָנגעמאַכט אַ רושם אין גאַנצן לאַנד. ער האָט זיי געפירט אין משך פון אַ סך יאָרן דורך אַלע אינסטאַנצן און לסוף זיי געוווּנען. אין אַזאַ פאַל טאַקע, פלעגט זיך אין אים פּלוצלינג דערוואַקסן עפּעס אַ וווּנדערבאַרע, ערגעץ אין אים, ווייזט אויס, פאַרבאַהאַלטענע ענערגיע, עפּעס אַ גענצלעך פאַרפאַלענער פּראָצעס, וואָס איז שוין צען מאָל פאַרשפּילט געוואָרן, אַן אוממעגלעכער פּראָצעס, וועלכער האָט געוואַנדערט פון איין אַדוואָקאַט צום צווייטן, עפּעס פאַרפּלאָנטערטער, אינטערנאַציאָנאַלער ענין, וועגן וועלכן ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט — דאָס דווקא האָט אים געקענט פאַרינטערעסירן. די ברידער קאַשען פון לענגעפּ, וועלכע זענען שוין געווען דריי מאָל פאַרמשפּט צום טויט, האָט ער סוף כּל סוף באַפרייט, נאָך אַ פערטן מאָל באַנייען דעם פּראָצעס און טראָץ די זיכערסטע באַווייזן. און אין גרויסן סיכסוך וועגן די מיליאָנען פון די גאַלמאַנשע קוילנגראָבן פון נויטראַל־מאַרעסנעט, אין וועלכן קיין שום יוריסט פון דריי לענדער האָט זיך נישט געקענט פונאַנדערקלויבן — און אוודאי צום ווייניקסטן גאַנטראַם אַליין — האָט ער לסוף פונדעסטוועגן אויסגעפּועלט אַ גינסטיקן אורטייל. איצט האָט ער געפירט שוין דריי יאָר דעם פּראָצעס וועגן דער הייראַטס־גילטיקייט פון דער פירשטין וואָלקאָנסקי.

און מערקווירדיק: דער דאָזיקער מענטש פלעגט קיינמאָל נישט רעדן וועגן דעם, וואָס ער האָט באמת געטון. יעדן, וועמען ער פלעגט טרעפן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אַ קאָפּ מיט שקרים וועגן זיינע פריש דערפונדענע יוריסטישע העלדנטאַטן. ס׳איז אָבער נישט אַרויס פון זיינע ליפּן קיין איין וואָרט דערפון, וואָס ער האָט באמת דורכגעפירט. אַזעלכער איז ער שוין געווען: ער פלעגט וויכן פון יעדן אמת.

ס'איז אַרייַנגעקומען פרוי גאַנטראַם: — „די קאַלאַציע וועט באַלד זיין. כ'האָב אויך דעם פּונש אָנגעשטעלט. פרישער וואַלד־מייסטער. — צי זאָל איך זיך נאָך גיין איבערטון?"

— בלייב שוין אַזוי, מיין פרוי, — האָט ער אַנטשיידט — דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע האָט גאַרנישט דאַקעגן — ער האָט זיך איבערגעריסן: — גאָט מיינער, ווי דאָס קינד מאַכט קולות! קענסטו עס נישט באַרויִקן?

די פרוי איז דורכגעגאַנגען לעבן אים מיט פּאַמעלעכע, גרויסע טריט. זי האָט געעפנט די טיר פון פּאָדערצימער: דאָרט האָט דאָס מיידל געהאַט אַרייַנגערוקט דאָס וועגעלע מיטן קינד, זי האָט גענומען וועלפּעלען, אים אַרייַנגעטראָגן אין שטוב און אים אַוועקגעזעצט אין הויכן, פּירקאַנטיקן בענקל פאַר קינדער.

— ס'איז נישט קיין וווּנדער, וואָס ס'שרייט אַזוי — האָט זי רויִק געזאָגט — ס'איז אינגאַנצן נאַס — אָבער זי האָט אַפילו נישט אַ טראַכט געטון, ווי עס איבערצוטון אויף טרוקן. — זיי שוין אַביסל שטילער, קליין שדל, — האָט זי אים געוואָרנט — זעסטו דען נישט, אַז מיר האָבן אַ גאַסט?

אָבער וועלפּל האָט זיך דורכויס נישט געלאָזט שטערן דורך דעם באַזוך. מאַנאַסע איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים געקלאַפּט, געגלעט איבער די פּעטע בעקלעך און האָט אים געבראַכט דעם גרויסן פּאַיאַץ צום שפּילן, אָבער דאָס קינד האָט אָפּגעשטופּט דעם פּאַיאַץ און געליאַרמט און געוויינט אָן אויפהער. און ציקלאָפּ האָט אים צוגעהאַלטן אונטערן טיש.

ענדלעך האָט די מוטער זיך אָנגערופן: „וואַרט נאָר, ליב צוקערפּלעצל, איך האָב עפּעס פאַר דיר". זי האָט אַרויסגענומען פון דער שאַנק דאָס שוואַרצע שפּיצל פון ציגאַר און עס אַרייַנגעדרוקט דעם קליינעם אין מויל אַריין. „נאַדיר, וועלפּל, נאַ, דאָס איז זיס, וואָס?"

און דאָס קינד האָט זיך מאָמענטאַל באַרויִקט, געלעקט און געזייגט און געקוקט אַ גליקלעכער מיט זיינע גרויסע, שטראַלנדיקע אויגן.

„נו, זעט איר, הער מאַנאַסע. ווי מ׳באַדאַרף זיך אומגיין מיט קינדער?" האָט געזאָגט די הויכע פרוי. זי האָט גערעדט שטיל און מיט זיכערקייט, כמעט ערנסט. „אָבער איר, מענער, קענט זיך כלל נישט אויף קיין קינדער".

— ס׳איז אַריינגעקומען די דינסט און געמאָלדן, אַז דער טיש איז שוין געדעקט. דערנאָך ווען די הערשאַפט איז אַוועק אין עס-צימער, איז זי צוגעגאַנגען מיט האַמטענע טריט צום קינד. „באַ!" — האָט זי אַרויסגעברומט און אים אַרויסגעריסן דאָס שפּיצל ציגאַר פון מויל.

מאָמענטאַל האָט וועלפל אָנגעהויבן נאָכאַמאָל צו וויינען. זי האָט אים גענומען אויף דער האַנט, געוויגט און געזונגען אים עפּעס אַן אומעטיק ליד פון איר וואַלאַכישער היים, אָבער זי האָט נישט געהאַט מער גליק, ווי מאַנאַסע; דאָס קינד האָט כסדר געמאַכט קולות. זי האָט אַלזאָ נאָכאַמאָל אויפגעהויבן דאָס שטיקל ציגאַר, אָנגעשפּיגן, אָפּגעריבן אין דעם שמוציקן קיך-פאַרטוך, כדי צו פאַרלעשן דאָס כסדר גליִענדיקע פייער און עס אַריינגעשטעקט נאָכאַמאָל וועלפלען אין מויל.

דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען דאָס קינד פון וויגעלע, אויסגעוואַשן, איבערגעטון אויף ריין און אויפסניי עס אַוועקגעלייגט אויפן ווייכן געלעגערל.

וועלפל האָט זיך נישט באַרירט, צופרידן און באַרויִקט האָט ער אַלץ דערלויבט מיט זיך טון. און ער איז איינגעשלאָפן מיט אַ שטראַלנדיק פּנימל מיט דעם מיאוסן שוואַרצן שפּיצל פון ציגאַר אין מויל.

אַ יאָ, זי האָט געהאַט רעכט די דאָזיקע גרויסע פרוי. זי

האָט זיך געקענט אומגיין מיט קינדער, ווייניקסטנס מיט די קינדער פון די גאָנטראַמס.

דאָרט אין עס־צימער האָט מען געגעסן נאַכטמאָל און דער יוסטיצראַט האָט דערציילט זיינע מעשיות, זיי האָבן געטרונקען לייכטן וויין, רוועך, ערשט צום סוף האָט פרוי גאָנטראַם געבראַכט דעם פונש.

זי האָט פונדעסטוועגן אַוועקגעשטעלט דעם פונש אויפן טיש: — מיר האָבן שוין מער נישט קיין שאַמפּאַניער. — נאָר איין פלעשל פּאָמער איז נאָך פאַרהאַן אין קעלער.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן פון אונטער זיינע גלעזלעך און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ: נו, מילא, דו ביזט דאָך עפּעס אַ באַלעבאָסטע! מיר האָבן גאָרנישט קיין שאַמפּאַניער און דו איבערחזרסט וועגן דעם קיין וואָרט נישט? אַזאַ מעשה! נישטאָ קיין שאַמפּאַניער אין שטוב — הייס־זשע ברענגען דעם פּאָמער.

ער האָט געוויגט מיטן קאָפּ. קיין שאַמפּאַניער! אַ מעשה! — האָט ער איבערגעחזרט — מיר מוזן זיך באַלד שאַפן אַזעלכן. קום נאָר אַהער, מיין פרוי, ברענג מיר פּאַפּיר און אַ פעדער; איך מוז שרייבן צו דער פירשטין.

אָבער ווען דאָס פּאַפּיר איז שוין געלעגן פאַר אים אויפן טיש, האָט ער עס געטון אַ רוק אָפּ פון זיך.

— אַך, — האָט ער אָפּגעזיפצט — כ׳האָב היינט אַזוי פיל געאַרבעט. שרייב דו, מיין פרוי, איך וועל דיר דיקטירן.

פרוי גאָנטראַם האָט זיך אַפילו נישט גערירט. שרייבן? דאָס האָט איר נאָך צוגעפעלט!

— ס׳פעלט מיר גאָרנישט איין. — האָט זי געזאָגט.

דער יוסטיצראַט האָט געכאַפּט אַ בליק אויף מאַנאַסען:

— ווי מיינט איר, קאַלעגע, וואָלט איר מיר נישט געקענט טון די דאָזיקע קליינע טובה? איך בין אַזוי דערשעפט.

דער קליינער אַדוואָקאַט האָט אים רוגזהדיק אָנגעקוקט.

— דערשעפט? — האָט ער געחוזקט — פון וואָס? פון דערציילן מעשיות? — כ׳וואָלט נאָר אַ בעלן געווען צו וויסן, פונוואַנען ס׳נעמט זיך תמיד אויף אייער הענט אַזוי פיל טינט, הער יוסטיצראַט, ווייל פון שרייבן איז עס דאָך געוויס נישט.

פרוי גאַנטראַם האָט געלאַכט. אַך, מאַנאַסע, דאָס איז נאָך פון דער לעצטער ווייבאַכט אָן, ווען ער האָט געמוזט די ייִנגלעך אונטערשרייבן זייערע שלעכטע צייגנישן: — און בכלל, וואָס דאַרפט איר זיך קריגן? הייסט פרידאַן שרייבן.

און האָט גערופן דורכן פענסטער פרידאַן.

פרידאַ איז אָנגעקומען און מיט איר אויך אָלגאַ וואָלקאָנסקי.

— גאַנץ גלייך, וואָס דו ביסט אויך דאָ! — האָט זי באַגריסט דער יוסטיצראַט.

— צי האָט איר שוין געגעסן נאַכטמאָל?

די מיידלעך האָבן שוין געגעסן אונטן אין דער קיך.

— זעץ זיך, פרידאַ, — האָט באַפוילן דער פאָטער, — דאָ זעץ זיך.

פרידאַ האָט געהאָרכט

— אַזוי, נעם די פעדער, שרייב, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן.

אָבער פרידאַ איז געווען אַן אמתדיק גאַנטראַם-קינד, זי האָט פיינט געהאַט דאָס שרייבן.

— ניין, ניין! — האָט זי גערופן, — אָלגאַ וועט שרייבן, זי וועט דאָס מאַכן אַ סך בעסער פאַר מיר.

די פרינצעסין איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן דער סאָפקע; זי האָט אויך נישט געוואָלט שרייבן. אָבער איר חברטע האָט געהאַט אַן עצה, ווי אַזוי זי צו מאַכן אונטערטעניק.

— אויב דו וועסט נישט שרייבן, — האָט זי איר איינגע־רוימט — וועל איך דיר נישט באַרגן קיין זינד אויף איבערמאָרגן!

דאָס האָט געהאָלפן. איבערמאָרגן האָט געדאַרפט פאָרקומען די ווידוי, און דער צעטל מיט חטאים איז נאָך געווען מאָגער. זינ־דיקן, וואָס אַן אמת, דאַרף מען נישט אין די דאָזיקע טעג פאַר דער קאָמוניע, אָבער זיך מתוודה זיין אויף די זינד דאַרף מען דאָך. מ׳דאַרף זיך שטרענג ארומפאָרשן, איבערלייגן זיך, זוכן צי ס׳געפינט זיך נישט עפעס אַ חטא. אָבער דאָס האָט בכלל אָבער בכלל נישט געקענט די פרינצעסין. דערפאַר האָט עס פרידאַ גע־מאַכט אויסגעצייכנט. איר צעטל מיט חטאים פלעגט די גאַנצע קלאַס מקנא זיין, איבערהויפט זינד, וועלכע זענען אין דער מחשבה באַ־גאַנגען געוואָרן, פלעגט זי גלענצנד אויסגעפונען גאַנצע טוצן. דאָס האָט זי שוין געירשנט פון פאָטער! זי האָט געקענט זיך מתוודה זיין אויף גאַנצע פעק זינד, אָבער אויב זי איז צופעליק אין אמתן באַגאַנגען עפעס אַ זינד, האָט זיך זיכער דער גייסטלעכער וועגן דעם נישט דערוווסט.

— שרייב, אָלגאַ, שרייב, — האָט זי איר איינגערוימט — וועל איך דיר לייען אַכט חטאים.

— צען! — האָט געפאָדערט די פרינצעסין. און פרידאַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: ס׳האָט איר קנאַפּ וואָס אויסגעמאַכט, זי וואָלט אַפילו צוואַנציק זינד געגעבן, אַבי נישט זיין געצוווּנגען צו שרייבן.

— אַלזאָ, שרייב, — האָט געזאָגט דער יוסטיצראַט: „חשובע פירשטין...״

— צי איז דאָס צו דער מאַמאַ? — האָט געפרעגט די פרינ־צעסין.

— באַטירלעך, נאָר צו וועמען דען? שרייב! „חשובע פירשטין...״

די פרינצעסין האָט נישט געשריבן.

— אויב דאָס איז צו דער מאַמאַ, קען איך דאָך אויך שרייבן „ליבע מאַמאַ!"

דער יוסטיצראַט איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— שרייב, וואָס דו ווילסט, קינד, אַבי שרייב.

און זי האָט געשריבן: „ליבע מאַמאַ!"

און שפּעטער ווייטער לויטן דיקטאַט פון יוסטיצראַט:

„ליידער מוז איך אייך מודיע זיין, אַז אונדזער ענין רוקט זיך נישט געהעריק פאָרויס. כ'מוז אַזוי פיל וועגן דעם טראַכטן, און טראַכטן איז שווער, אויב ס'איז גאָרנישט פאַרהאַן וואָס צו טרינקען. און מיר האָבן נישט קיין טראָפּן שאַמפּאַניער אין שטוב. כ'בעט אַלזאָ, איר זאָלט אַזוי גוט זיין און אונדז צושיקן, אין אינ-טערעס פון אייער פּראָצעס, אַ קיישל שאַמפּאַניער, אַ קיישל פּאָמערי און זעקס פלעשלעך..."

— סט. מאָרסאָ! — האָט אויסגערופן דער קליינער אַדוואָקאַט.

„סט. מאָרסאָ," האָט פאָרטגעזעצט דער יוסטיצראַט, „דאָס איז געמלעך די באַליבטע מאַרקע פון קאָלעגע מאַנאַסע, וועלכער העלפט טיילמאָל צו. הארציקע גרוסן..."

— זעט איר, קאָלעגע, — האָט ער געזאָגט, — וואָס פאַר אַן עוולה איר האָט מיר געטון! נישט בלויז וואָס כ'דיקטיר אַלזאָ דעם בריוו, נאָר כ'מוז אים נאָך אייגנהענטיק אונטערשרייבן! — און האָט געחתמעט זיין נאָמען.

פרידאַ האָט זיך האַלב אַוועקגעדרייט פון פענסטער.

— האָט איר שוין געענדיקט? יאָ? נו, מוז איך אייך זאָגן: אַז דאָס איז געווען איבגאַנצן איבעריק. אַלגאַס מאַמע איז טאַקע אָנגעפאָרן און גייט איצט דורכן גאָרטן.

זי האָט שוין לאַנג געהאַט געזען די פירשטין, אָבער זי האָט אומיסטן געשוויגן און נישט איבערגעריסן. אויב אַלגאַ דאַרף שוין

באַקומען אירע שיינע חתנים, מעג זי דאָך ווייניקסטנס אָפּאַרבעטן דערפאַר. אַזוי זענען שוין געווען אַלע גאַנטראַמס: פאָטער, מו־טער און קינדער: זיי האָבן געאַרבעט זייער, זייער אומגערן, אָבער האָבן גערן צוגעקוקט, ווי אַנדערע אַרבעטן.

ס'איז אַריינגעקומען די פירשטין, אַ גראָבע, צעגאָסענע פרוי. זי האָט געטראָגן גרויסע בריליאַנטן אויף די פינגער און אין די אויערן, אויפן האַלדז און אין די האָר: אָן אַ שיעור געמיין. זי איז געווען עפּעס אַן אונגאַרישע גרעפין, אָדער באַראָנין; ערגעץ אין אָריענט האָט זי זיך באַקענט מיט דעם פירשט, אַז אַ חתונה איז צו־שטאַנד געקומען, דאָס איז געווען זיכער; ס'איז אָבער אויך געווען זיכער, אַז באַלד מתחלת האָבן ביידע צדדים אָנגעהויבן עפּעס דרייען. זי האָט געוואָלט די דאָזיקע חתונה, וועלכע איז שוין לכתחילה, צוליב געוויסע טעמים, געווען אוממעגלעך, דאָך מאַכן פאַר גילטיק, דאַקעגן דער פירשט האָט נאָר געוואָלט די זעלבע חתונה, וועלכע ער האָט נעהאַלטן פאַר מעגלעך, צוליב עפּעס אַ קליינעם פאַרמעלן פעלער, באַלד באַם שליסן זי מאַכן פאַר אומגילטיק. אַ גאַנצע נעץ פון ליגנס און פרעכן שווינדל; אָן אמתדיק מאכל פאַרן הער סעבאַסטיאַן גאַנטראַם. אַלץ האָט זיך דאָרט געוואַקלט, קיין זאַך איז נישט געשטאַנען פעסט, יעדע מינדסטע באַהויפּטונג איז פון צווייטן צד גלייך אָפּגעלייקנט געוואָרן. יעדער שאָטן פון אַ פעסטן געזעץ איז געוואָרן דורך דער מלוכה, צו וועלכער ס'האָט געהערט דער צווייטער צד, באַלד צונישט געמאַכט.

נאָר איינס איז געווען זיכער: די קליינע פרינצעסין — אַזוי דער פירשט, ווי די פירשטין, האָבן זיך באַקענט צום קינד און יעדער האָט געוואָלט האָבן אַלגאַן פאַר זיך: דעם דאָזיקן פּראָדוקט פון זייער משונהדיקער חתונה, וועלכן ס'האָבן געדאַרפט צופאַלן אַזוי פיל מיליאָנען. אין דעם געגנוואַרטיקן מאָמענט, האָט די מוטער געהאַט אַן איבערגעוויכט, זי איז געווען אַן אוחזת ביד.

— זעצט אייך, פירשטין! דער יוסטיצראַט וואָלט זיך בע־סער די צונג אָפּגעריסן, איידער די דאָזיקע פּרוי אָנצורופן „איי־ער האָהייט“. זי איז געווען זיין קליענטין און ער האָט זי קיין האָר בעסער נישט באַהאַנדלט, ווי די לעצטע, דאָרפישע פּויערטע.

— טוט אויס דאָס מאַנטל! — אָבער ער האָט איר דערביי גאָרנישט געהאָלפן.

— מיר האָבן טאַקע אָקאָרשט צו אייך געשריבן — האָט ער פאַרטגעזעצט און האָט איר דורכגעלייענט יענעם שיינעם בריוו.

— אָבער מיט פאַרגעניגן! — האָט אויסגערופן די פירשטין וואָלקאָנסקי, — אָבער נאַטירלעך, מאָרגן וועט עס זיין דערלי־דיקט! — זי האָט געעפנט איר האַנט־בייטל און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גרויסן בריוו. — זעט איר, הער יוסטיצראַט, טאַקע צוליב אונדזער ענין בין איך דאָ אַהערגעקומען. ס׳איז גראָד אָנגעקומען אַ בריוו פון גראַף אָרמאָס פון גרויס־בעסקערעקגיאַרטעלעף, ווייסט איר?

הער גאָנטראַם האָט געוווּנצלט דעם שטערן: דאָס האָט נאָך צוגעפעלט, אפילו דער קייזער אַליין וואָלט נישט געקענט פון אים פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל אַרבעטן אין אָוונט, ווען ער איז שוין גע־ווען אין שטוב. ער איז אויפגעשטאַנען, צוגענומען דעם בריוו: — גוט, גוט, דאָס וועלן מיר דערליידיקן מאָרגן אין ביורא.

זי האָט זיך נאָך אַלץ געוועדט. — אָבער ס׳איז זייער דרינ־גענד, זייער וויכטיק.

דער יוסטיצראַט האָט איר איבערגעריסן:

— דרינגענד, וויכטיק? זאָגט מיר נאָר, כ׳בעט אייך, צי קענט איר איבערהויפּט האָבן אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס ס׳איז וויכטיק אָדער דרינגענד פאַר אונדזער ענין?

— קיין שום באַגריף! נאָר אין ביוראָ קען מען וועגן דעם אורטיילן.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טאָן פון אַ העפלעכן פאַר-חורף:

— פירשטין, איר זענט דאָך אַ געבילדעטע פרוי? איר האָט דאָך באַקומען יעדנפאַלס אַ גוטע דערציִונג! מוזט איר דאָך וויסן, אַז מ׳קען נישט באַלאַסטן קיין מענטשן אין אָוונט מיט גע-שעפטן.

זי האָט זיך נאָך אַלץ געעקשנט.

— אָבער אין בּיוראָ קען איך אייך קיינמאָל נישט טרעפן, חשובער הער יוסטיצראַט, און די היינטיקע וואָך בין איך שוין געווען פיר מאָל.

איצט איז ער שוין אריין אין כּעס.

— טאָ קומט-זשע די צווייטע וואָך! צי רעכנט איר, אַז כ׳האָב אייער ענין אַליין אויפן קאָפּ? וואָס מיינט איר, וויפיל צייט קאָסט מיך אָפּ בלויז דער מערדער הוטען? און דאָ גייט עס וועגן אַ קאָפּ און נישט וועגן אַ הויפן מיליאָנען.

און ער האָט גענומען דערציילן אָן אויפהער אָן אייבי-קע געשיכטע וועגן דעם דאָזיקן אומדערהערטן ראש פון אַ רויבער-באַנדע, וועלכער האָט נאָר אין זיין פאַנטאַזיע געלעבט. און וועגן זיינע יורידישע, העלדישע מעשים, וואָס ער האָט פאַרן דאָזיקן אומפאַרגלייכלעכן סעקסועלן מערדער אויפגעטון.

די פירשטין האָט אָפּגעזיפצט, אָבער זי האָט זיך צוגעהאָרכט. טיילמאָל פלעגט זי אויך לאַכן, אָבער תּמיד אויף אַ נישט געהעריק אָרט. זי איז געווען די איינציקע פון זיינע אַלע צוהערער, וואָס האָט נישט געפילט, ווי ער לייקנט און זי איז אויך געווען די איינ-ציקע, וואָס האָט זיין וויץ נישט פאַרשטאַנען.

— נישקשהדיקע מעשהלעך פאַר די קינדער! — האָט גע-בילט דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע.

ביידע מיידלעך האָבן זיך זייער געשמאַק צוגעהערט און זיך

איינגעקוקט אין יוסטיצראַט מיט ברייט־צעעפנטע מויל און אויגן.

אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט איבעררייסן.

— אַך, וואָס ווייסט איר, צו אַזאַ זאַך דאַרף מען זיך פריער צוגרייטן.

ער האָט גערעדט מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי אַ סעקסועלער פאַרברעכער וואָלט געוועזן אַ געוויינטלעכע דערשיינונג, און גלייך מ'וואָלט זיי געקענט געפינען טוצנווייז יעדן טאָג.

ענדלעך האָט עס גענומען אַ סוף. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער: „שוין צען! די קינדער מוזן שוין שלאָפן גיין! כאַפּט אויף גיך אַריין אַ גלאָז ביר".

די מיידלעך האָבן אויסגעטרונקען, אָבער די פּרינצעסין האָט דערקלערט, אַז זי וועט בשום אופן נישט גיין אַהיים, ווייל זי האָט שרעקלעך מורא און וואָלט נישט געקענט אַליין שלאָפן. מיט איר מיס אויך נישט — אפשר איז זי אויך אַ פאַרשטעלטער סעקסועלער מערדער. זי וויל דאָ בלייבן שלאָפן מיט איר חברטע. און זי האָט אפילו נישט אָנגעפרעגט באַ איר אייגענער מוטער, נאָר באַ פרידאַן און דער לעצטערס מוטער.

— אדרבא! — האָט געזאָגט פרוי גאַנטראַם. — אָבער פאַרשלאָפט נאָר נישט, כדי צו קומען צו דער צייט אין קלויסטער אַריין.

די מיידלעך האָבן זיך פאַרנייגט און אַרויסגעגאַנגען, האַלטנדיק זיך פעסט אונטער די אָרעמס.

— האָסטו אויך מורא? — האָט געפרעגט די פּרינצעסין.

— דאָס אַלץ איז דאָך אויסגעטראַכט, וואָס דער פאַפאַ דערציילט — האָט געענטפערט פרידאַ.

אָבער מורא האָט זי פונדעסטוועגן געהאַט. מורא — און גלייכצייטיק אַ מאָדנעם חשק צו די דאָזיקע זאַכן. נישט זיי דורכצולעבן, אָ, ניין, זיכער נישט. אָבער צו קענען זיי אויסטראַכטן

און אַזוי אַרום דערציילן, — „אוי, וואָלטן דאָס געווען שפּאָרע זינד פאַר דער ווידוי״ — האָט זי אָפּגעזיפצט.

אויבן האָט מען געטרונקען דעם פּונש און פרוי גאָנטראַם האָט נאָך אויסגערייכערט דעם לעצטן ציגאַר. הער מאַנאַסע איז אויפגעשטאַנען און אַריין אין דערבייִיקן צימער. און דער יוסטיצ־ראט האָט גענומען דערציילן דער פירשטין אַ נייע געשיכטע.

זי איז געזעסן, פאַרשטעלט איר גענעצן מיטן פעכער און האָט זיך נאָך אַלץ באַמיט צו קומען צום וואָרט.

— אַך, יאָ, טייערסטער הער גאָנטראַם, — האָט זי האַסטיק אַ זאָג געטון, — כ׳האָב שיער נישט פאַרגעסן! צי קען איך מאָרגן קומען מיטאָג־צייט נאָך אייער פרוי מיטן אויטאָ? אַ ביסל זיך אי־בערפאָרן?

— געוויס, — האָט ער געענטפערט, — געוויס, אויב זי וויל נאָר.

אָבער פרוי גאָנטראַם האָט געזאָגט: „ניין, איך קען נישט אַרויספאָרן״.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט די פירשטין — דאָס וועט אויף אייך זיכער גוט ווירקן, אַ ביסל דורכפאָרן זיך אויף דער פרישער פרילינגס־לופט.

פרוי גאָנטראַם האָט פּאַמעלעך אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון די ציין.

— כ׳קען נישט פאָרן, ווייל כ׳האָב נישט קיין אָנשטענדיקן הוט אָנצוטון.

די פירשטין האָט געלאַכט און עס פלומרשט ווי אַ שפּאַס אָנגענומען. זי האָט געוואָלט גלייך צומאָרגנס שיקן די מאָדיסטין מיט נייע פרילינגדיקע מאָדעלן צום אויסוואַל.

— אדרבא, — האָט געזאָגט פרוי גאָנטראַם — אָבער, אויב

שוין יאָ אַזוי, טאַ שיקט־זשע מיר די מאַדאַם בעקער פון דער קווי־רינוס־גאַס — ווייל זי האָט די בעסטע הוטן.

זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן, גוט באַטראַכט איר אויס־געברענטן ציגאַר.

— און איצט גיי איך שלאָפן — אַ גוטע נאַכט!

— אָ, יאָ, ס'איז שוין צייט, כ'מוז אויך גיין! — האָט די פירשטין ראַש געזאָגט. דער יוסטיצראַט האָט זי אַרויסבאַגלייט אונטן דורכן גאָרטן. ער האָט איר געהאָלפן אַריינשטייגן אין דער קאַרעטע און פאַרזיכטיק פאַרשלאָסן דאָס טויער פון גאָרטן.

צוריקקומענדיק האָט ער געטראָפן זיין פרוי שטיין אין דער טיר מיט אַ ברענענדיק ליכט אין דער האַנט.

— מיר קענען נישט גיין שלאָפן אין בעט, — האָט זי רויק געזאָגט.

— וואָס? — האָט ער איבערגעפרעגט — פאַרוואָס עפּעס?

— ווייל מאַנאַסע ליגט אין בעט.

— זיי זענען אַרויף מיט די טרעפּ אויפן צווייטן גאָרן און אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער.

אין דעם ריזיקן חתונה-בעט איז געלעגן קווער צעלייגט דער קליינער אַדוואָקאַט און געשמאַק געשלאָפן. זיינע בגדים זענען זאָרגפעליק געהאָנגען איבער דער שטול און די שטיוול זענען גע־שטאַנען דערלעבן. ר'האָט געהאַט אויף זיך אַ ריין נאַכט-העמד, וואָס ר'האָט אַרויסגענומען פון דער שאַנק. לעבן אים האָט זיך גע־קוילט ווי אַ יונגער יעזש זיין הונט ציקלאָפּ.

דער יוסטיצראַט גאַנטראַם האָט גענומען דאָס ליכט און אים באַלויכטן:

— און דער דאָזיקער מענטש האָט נאָך תרעומות אויף מיר, אַז איך בין עס כלומרשט פויל, — האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק פאַרוווּנדערט מיטן קאָפּ, — און אַליין איז ער פויל אַהיימצוגיין.

— שאַ! — האָט געזאָגט פרוי גאָנטראַם — שאַ, מיר וועלן נאָךביידע איבערוועקן.

זיי האָבן אַרויסגענומען בעט-צייג און נאַכט-וועש פון דער שאַנק און זענען שטיל אַרויס אויף די שפּיץ פינגער. פרוי גאָנ-טראַם האָט אונטן אויסגעבעט צוויי געלעגערס אויף די סאָפקעס.

און זיי זענען דאָרט געשלאָפן.

* *

אַלע זענען געשלאָפן אין דאָזיקן גרויסן הויז. אונטן לעבן ער קיך — בילאַ, די גראָבע קעכין, און לעבן איר די דריי הינט; אין דערבייִיקן צימער די פיר ווילדע בחורים, פיליפּ, פּאַול, עמיל און יעסיפל. אויבן זענען געשלאָפן ביידע חברטעס אין פרי-דאַס גרויסן באַלקאָן-צימער; דערלעבן איז געשלאָפן וועלפל מיט רעם שוואַרצן שפּיצל ציגאַר.

אין זאַל זענען געשלאָפן הער סעבאַסטיאַן גאָנטראַם מיט זיין פרוי. אויפן צווייטן שטאָק האָבן געשנאָרכט איינער שטאַרקער פאַרן צווייטן מאַנאַסע און זיין ציקלאָפּ. און גאָר אויבן אין בוי-דעם-שטיבל איז געשלאָפן סאָפיאַ, דאָס דינסטמיידל, וועלכע איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון טאַנץ-זאַל און זיך שטיל אַריבערגעגנבעט די שטיגן, זיי אַלע זענען געשלאָפן און געשלאָפן. צוועלף מענטש-לעכע נפשות און פיר בייזע הינט.

אָבער עמעץ איז נישט געשלאָפן און זיך פאַמעלעך אַרומגע-שלייכט אין דאָזיקן ברייטן הויז.

דאָרט הינטערן גאָרטן האָט געפלאָסן דער רהיין, האָט גע-הויבן זיין אין מויערן געשנירטע ברוסט, אַריינגעקוקט אין די שלאָפנדיקע ווילדעס און געשפּאַרט זיך צום אַלטן צאָל-הויז. קעגן און קאַטערס האָבן זיך אַרומגעיאָגט צווישן די געדיכטע קוסטעס, געיאָמערט, געביסן זיך, געדראַפּעט, געקנוילט זיך מיט צעפּלאַמטע

אויגן און באַהערשט זיך תאווהדיק און איינגעשפּאַרט אין שמערצ־פולער און געפּייניקטער תאווה.

און הינטן, ווייט פון שטאָט האָט זיך דערטראָגן דאָס שיכּורע געזאַנג פון ווילדע סטודענטן.

עמעץ איז געקראָכן אַרום דעם ווייסן הויז באַם רהיין. האָט זיך אַריינגעגנבעט דורכן גאָרטן, פאַרביי צעבראָכענע בענק און לאָמע שטולן, געקוקט מיט תענוג אויף דעם ליבע־סאַבאַט פון די תאווהדיקע קעץ.

אַרויפגעקראָכן אויף די ווענט פון הויז, אַרומגעדראַפּעט מיט האַרטע נעגל די מויערן אַזוי, אַז דער טינק איז מיט רעש אַראָפּגעפאַלן, געשנעלט מיט די פינגער אין דער טיר אַזוי, אַז זי האָט שטיל אָפּגעציטערט, אַזוי לייכט, ווי דער ווינט וואָלט זי באַרירט.

און איז שוין געווען אינעווייניק אין הויז. האָט זיך געשלייכט איבער די שטיגן, געקראָכן פאַרזיכטיק איבער אַלע שטיבן. האָט זיך פאַרהאַלטן, אַרומגעקוקט זיך און שטיל געשמייכלט.

שווער זילבער איז געשטאַנען אין מאַכאָגענעם קרעדענץ. רייכע אוצרות פון דער קייזער־צייט. אָבער די פענסטער־שויבן זענען געווען געפּלאַצט און די לעכער מיט פּאַפּיר פאַרקלעבט, האָלענדער זענען געווען צעהאָנגען איבער די ווענט, גוטע בילדער פון קעהקעק, פערבעקסעווער, פערוזע און יאַן סטאַבערטס. אָבער זיי זענען געווען צעלעכערט און די אַלטע באַגילדטע ראַמען זענען שוואַרץ געווען פון שפּינוועבס. פון ערצבישאָפשן פּרעכטיקסטן זאַל האָט געשטאַמט די מנורה — אָבער אירע צעבראָכענע קרישטאָלן זענען פאַרשמירט געווען מיט פליגנמיסט.

עמעץ האָט זיך געשלייכט דורכן ווייסן הויז, און וווּ ר׳איז אַריין, האָט זיך עפּעס צעבראָכן. כּמעט אַ גאָרנישט, אַן אומבאַדייטנדיקע קלייניקייט, אָבער כּסדר אַזוי און כּסדר.

ווי ר'איז אַריין איז אַנטשלאָפן געוואָרן, איז אין דער נאַכט אַ קליינער טומל. ס'האָט אַ סקריפּ געטון אַ פּאָדלאָגע, אַרויסגעפאַלן אַ טשוואָק, געבויגן זיך אַן אַלט שטיק מעבל, אָדער ס'האָבן די שויבן מאָדנע אָפּגעהילכט.

אַלץ איז געשלאָפן אין דאָזיקן גרויסן הויז באַם רהייז, אָבער עמעצער איז דאָרט לאַנגזאַם אַרומגעקראָכן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

וועלכעס דערציילט ווי אַזוי עס איז געשען, וואָס מען האָט אַלרויבען אויסגעטראַכט.

די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען און די ליכט האָבן געברענט אין דער מנורה, ווען ס'איז אַריין אין זאַל דער געהיימראַט טען ברינקען. ער האָט אויסגעזען שטאַרק יום־טובדיק, אָנגעטון אין פראַק, דעם גרויסן שטערן אויפן ווייסן העמד, און פון גאָלדענעם קייטל זענען נאָכגעהאָנגען צוואַנציק קליינע אָרדערס. דער יוסטיצראַט איז אויפגעשטאַנען, האָט אים באַגריסט, פאָרגעשטעלט, און דער אַלטער הער איז געגאַנגען אַרום דעם טיש און מיט אַן אָפּגעבלאַקירטן שמייכל געזאָגט יעדן אַ העפלעך וואָרט. בײַ די העלדינס פון טאָג איז ער שטיין געבליבן און זיי דערלאַנגט שייַנע לעדערנע שעכטלעך מיט גאָלדענע רינגלעך, מיט אַ שאַפיר פאַר דער בלאָנדענער פרידאַ און אַ רובין פאַר דער שוואַרצער אָלגאַ. דערנאָך האָט ער געהאַלטן פאַרביידע אַ זייער קלוגע דרשה.

— ווילט איר אויפסגיי אָנהייבן, הער געהיימראַט? — האָט געפרעגט סעבאַסטיאַן גאָנטראַם, — מיר זיצן שוין דאָ פון פיר אַ זייגער אָן — זיבעצן מאכלים! הערלעך, נישט אמת? אָט איז דער

מענו — זוכט אייך, ביטע, עפעס אויס — אָבער דער געהיימראַט האָט געדאַנקט; ער האָט געגעסן אינדערהיים.

דערנאָך איז אַרייִנגעקומען פרוי גאָנטראַם, אין בלויען, אַ ביסל אַלטמאָדישן קלייד, מיט אַ שלעפּ, הויך אויפגעקעמט.

— מיר קענען דאָס אייז נישט עסן — האָט זי אויסגע־רופן — בילאַ האָט אַרייִנגעזעצט דעם „פּירשט פּיקלער" אין באַק־אויוון.

אַלע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. עס האָט געמוזט עפּעס אַזוינס געשען; אַנדערש וואָלטן זיך די געסט נישט גוט גע־פילט אין הויז פון די גאָנטראַמס. דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע האָט געשריגן, אַז מען זאָל אַרייִנברענגען די שיסל. דאָס קען מען נישט יעדן טאָג זען! „פּירשט פּיקלער" פריש פון באַק־אויוון אַרויס.

דער געהיימראַט טען ברינקען האָט זיך אומגעקוקט נאָך אַ שטול. דאָס איז געווען אַ נידעריקער מאַנספּערשוין, גלאַט ראַזירט, מיט געשוואָלענע זעקעלעך אונטער די אויגן. ער איז געווען שטאַרק מיאוס, ער האָט געהאַט געשוואָלענע אַראָפּגעהאָנגענע ליפּן און אַ פליישיקע גרויסע נאָז. טיף האָט אַראָפּגעהאָנגען די וויע פון זיין לינקן אויג און עס פאַרמאַכט, דערפאַר איז דאָס רעכטע געווען ברייט געעפנט און האָט שעלמיש אַרויסגעגלאָצט.

עמעץ האָט געזאָגט הינטער אים: „גוט מאָרגן, פעטער יאַקוב!"

דאָס איז געווען פראַנק ברוין.

דער געהיימראַט האָט זיך אומגעקוקט. עס האָט אויסגעזען אים צו זיין נישט זייער אָנגענעם, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן זיין שוועסטערנזון. „דו געפינסט זיך דאָ?" האָט ער געפרעגט, „נאָר אייגנטלעך האָב איך מיך געקענט דערויף ריכטן".

דער סטודענט האָט געלאַכט. „אָבער, אוודאי! ביסט דאָך אַזוי קלוג, פעטער, איבעריקנס ביסטו אויך דאָ און ביסט דאָ גאַנץ

אָפיציעל, אַלס חירקלעכער געהיימראַט און אַלס אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָר אין שטאָלצן צירונג פון אַלע דיינע מעדאַלן: איך אָבער געפין זיך דאָ גאַנץ אינקאָגניטאָ — די באַנד פון מיין קאָר־פּאָראַציע שטעקט אין וועסטל־טאַש.

— דאָס באַווייזט, אַז דו האָסט נישט קיין ריין געוויסן, — האָט געזאָגט דער פעטער, — ווען דו וועסט אַמאָל —

— יאָ, יאָ, — האָט אים איבערגעריסן פראַנק ברוין. — איך ווייס שוין, אַז איך וועל אַמאָל זיין אין דיין עלטער, דאַ־מאָלס — און אַזוי ווייטער — דאָס האָסטו געוואָלט זאָגן? איך דאַנק אַלע הייליקע, וואָס איך בין נאָך נישט אַלט קיין צוואַנציק יאָר, פעטער יאַקוב, און איך פיל מיך דערין זייער גוט.

דער געהיימראַט האָט זיך אַנידערגעזעצט. — זייער גוט, איך שטעל מיר דאָס פאָר. ביסט אויפן פערטן סעמעסטער און טוסט גאָרנישט, אַ חוץ הולטאַיען און טרינקען, פעכטן און רייטן, ליבן זיך און באַגיין נאַרישקייטן! צי דערויף האָט דיך דיין מאַמע געשיקט אין אוניווערזיטעט? זאָג מיר, בחור, ביסטו איבערהויפּט געווען אויף עפּעס אַ פּאַרטראַג?

דער סטודענט האָט אַנגעגאָסן צוויי גלעזלעך: — טרינק, פעטער יאַקוב, וועסטו עס לייכטער אַריבערטראָגן! נו, אַלזאָ: אויף אַ פּאָרטראַג בין איך געווען און נישט נאָר אויף איינעם, נאָר אויף אַ גאַנצע ריי. פון יעדן קעגנשטאַנד איינעם — אויף מער טראַכט איך אַפילו נישט צו גיין — פּראַזיט!

— פּראַזיט! — האָט געזאָגט דער געהיימראַט. — און רעכנ־סטו, אַז דאָס איז אינגאַנצן גענוג? — האָט געלאַכט פראַנק ברוין. — איך מיין, אַז דאָס איז נאָך צופיל! עס איז געווען אינגאַנצן אי־בעריק! וואָס האָב איך דען צו טון אויף די לעקציעס? עס איז אפשר מעגלעך, אַז אַנדערע סטודענטן קענען זיך אַ סך אויסלערנען פון אייך פּראָפעסאָרן, אָבער זייער מוח מוז זיין צוגעפּאַסט צום

דאָזיקן מעטאָד. מיינער איז נישט אַזעלכער. פאַר מיר זענט איר אַלע אינאיינעם און יעדער באַזונדער אוממעגלעך עקלדיק, לאַנג־ווייליק און נאַריש.

דער פּראָפעסאָר האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

— ביסט אומדערהערט עזותדיק, מיין ליב יינגל, — האָט ער רויִק געזאָגט.

— באמת טאַקע? — דער סטודענט האָט זיך גלייך געזעצט און איבערגעלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. — באמת? כ׳מיין, אַז ס׳איז נישט אַזוי, נאָר ווען ס׳וואָלט אפילו אַזוי געווען, וואָלט עס גאָר נישט געשאַדט. ווייל זעסטו, פעטער יאַקוב, כ׳ווייס גאַנץ גוט, פאַר וואָס איך זאָג עס. ערשטנס, כדי דיך אַ ביסל צו דערצערנען — ווייל דו זעסט מאָדנע קאָמיש אויס, ווען דו ביסט אויפגערעגט. און צווייטנס, כדי דערנאָך צו הערן פון דיר, אַז כ׳האָב פונדעסטוועגן געהאַט רעכט. דו, למשל, פעטער יאַקוב, ביסט אַ גאַנץ נישקשהדיק כיטרער און אַלטער פוקס. ביסט זייער פעיִק, קלוג און קענסט אַ סך. אָבער אויף די פּאַרטראַגן ביסטו פונקט אַזוי אומדערטרעגלעך ווי דיינע הערן קאָלעגן — זאָג אַליין, וואָלסטו געוואָלט בייוווינען זייערע פּאַרטראַגן?

— איך? — פּאַרשטענדלעך, אַז נישט — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר — אָבער דאָס איז עפּעס אַנדערש. אַז דו וועסט אַמאָל זיין — נו, יאָ, ווייסט עס שוין — אָבער איצט זאָג מיר, יינגל, וואָס, צום טייוול, האָט דיך דאָ אַהערגעבראַכט? מוזסט דאָך אַליין מודה זיין, אַז דאָס איז נישט קיין הויז, וווּ דיין מאַמע וואָלט דיך גערן געוואָלט זען. וואָס שייך מיר?

— שוין גוט — האָט אויסגערופן פראַנק ברוין. — וואָס שייך דיר, ווייס איך שוין. דו האָסט פאַרדונגען דאָס הויז גאַנטראַ־מען, און היות ווי ער איז זיכער נישט פּינקטלעך אין צאָלן דאָס דירה־געלט, איז זיך גוט צו וויזן פאַר אים פון צייט־צו־צייט.

און זיין שווינדזיכטיקע פרוי אינטערעסירט דיך, נאַטירלעך, אַלס מעדיקער — — אַלע דאָקטוירים אין שטאָט זענען פאַרכאַפּט פון דאָזיקן פענאָמען אָן לונגען, און ווייטער איז נאָך דאָ פאַרהאַן די פירשטין, וועמען דו וואָלסט גערן פאַרקויפט דיין פּאַלאַץ אין מעה־לעם — נו, און גאָר צום סוף, פעטערל, זענען דאָ די צוויי געב־דזלעך פאַרהאַן: שפּאָרע און פרישע געמיזע, נישט אמת? — אַ נאַטירלעך, גאַנץ ערנהאַפטס — ביי דיר איז אַלצדינג גאַנץ ערנ־האַפּט, פעטער יאַקוב!

ער איז געבליבן זיצן שטיל, פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס און געלאָזן וואָלקנס רויך. דער געהיימראַט האָט געשיקלט אויף אים מיט זיין רעכט אויג גיפטיק און שעלמיש.

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן? — האָט ער שטיל גע־פרעגט.

דער סטודענט האָט אַ קליינעם לאַך געטון.

— אָ, גאָרנישט, לגמרי גאָרנישט!

ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען דאָס טעשל מיט ציגאַרן און עס דערלאַנגט דעם געהיימראַט.

— רייכער־זשע, ליבער פעטער, ראַמעאָ און יוליע, דיין מאַר־קע! דער יוסטיצראַט האָט זיכער צוליב דיר אַזוי פיל הוצאות גע־מאַכט.

— אַ דאַנק — האָט געמורמלט דער פּראָפעסאָר, — אַ דאַנק! — נאָכאַמאָל: וואָס ווילסטו אייגנטלעך דערמיט זאָגן.

פראַנק בראַון האָט זיך נענטער צוגערוקט.

— כ'וויל דיר ענטפערן, פעטער יאַקוב, — כ'קען נישט פאַרטראָגן, אַז דו זאָלסט מיר מאַכן אַ פאָרוואורף, הערסט? כ'ווייס אַליין גאַנץ גוט, אַז דאָס לעבן, וואָס איך פיר, איז אַ ביסל צו־ווילדעוועט. אָבער לאָז דאָס צורו. — — דאָס גייט דיך גאָרנישט אָן. כ'בעט דאָך בא דיר נישט, אַז דו זאָלסט מיר צאָלן מיינע

חובות. כ׳פארלאנג נאָר איינס, פעטער, אַז זאָלסט מער אַזעלכע בריוו אַהיים נישט שרייבן. זאָלסט שרייבן, אַז כ׳אַרבעט פלייסיק און מאַך פאָרשריט און נאָך אַזעלכע ענלעכע זאַכן — פאַרשטייסט?

— וואָלט איך דאָך געמוזט ליגנט זאָגן, — האָט געזאָגט דער געהיימראַט. דאָס האָט געזאָלט קלינגען גוטהאַרציק און וויציק, אָבער געקלונגען האָט עס שליימיק, ווי אַ שנעק וואָלט דורכגעקראָכן.

דער סטודענט האָט אים אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין.

— יאָ, פעטער, אין דאָזיקן פאַל דאַרפסטו לייגן, נישט פאַר מיר, דאָס ווייסטו גאַנץ גוט, פאַר דער מאַמען אָבער, — ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעהאַקט אינמיטן רעדן און אויסגעטרונקען זיין גלעזל. — און כּדי צו שטיצן מיין בקשה, אַז דו דאַרפסט דער מאַמען לייגן, וויל איך דערציילן, וואָס כ׳האָב פריִער — — דערמיט געוואָלט זאָגן.

— כ׳בין זייער ביגעריק — האָט געזאָגט דער געהיימראַט, עטוואָס פאַרחידושט און אומזיכער.

— דו קענסט מיין לעבן — האָט דער סטודענט פאָרטגעזעצט, און זיין שטים האָט געקלונגען ביטער און ערנסט, — דו ווייסט, אַז כ׳בין — נאָך היינט — אַ נאַריש ייִנגל. מיינסטו בכן, אַז היות דו ביסט אַן אַלטער, קלוגער מאַן, געבילדעט, רייך, אומעטום באַקאַנט, באַשיט מיט מעדאַלן און טיטולן און היות ווי צו דעם אַלעם ביסטו נאָך מיין פעטער אויך און מיין מוטערס איינציקער ברודער, האָסטו שוין רעכט מיך צו דערציִען. צי ס׳איז גערעכט, צי נישט — דו ווייסט עס נישט טון; קיינער ווייסט עס נישט טון — נאָר דאָס לעבן אַליין.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַ פּאַטש געטון אין קני און זיך ברייט פונאַנדערגעלאַכט.

— יאָ, יאָ, דאָס לעבן! וואַרט נאָר, ייִנגערמאַן, עס וועט דיך שוין דערציִען. עס האָט געגנוג שאַרפע קאַנטן און עקן. ס׳האָט אויך נישטקשהדיקע כּללים און געזעצן, אָרנטלעכע באַגרענעצונגען און שטעכעדיקע צוימען.

פראַנק ברוין האָט געענטפערט:

— די לעצטע עקזיסטירן נישט פאַר מיר, נישט פאַר מיר, אַקוראַט ווי נישט פאַר דיר. האָסט דו, פעטער יאַקוב, אָפּגעקלאַפּט די קאַנטן און דורכגעשניטן די שטעכעדיקע דראָטן און געלאַכט פון אַלע געזעצן — וועל איך דאָס אויך קענען טון.

— הער זיך צו, פעטער — האָט ער פאָרטגעזעצט — איך קען אויך אַ ביסל דיין לעבן. די גאַנצע שטאָט קען עס. און די פייגל אויף די דעכער זינגען וועגן דיינע קליינע שפּאַסערייען, אָבער מענטשן סודען זיך נאָר, דערציילן זיך אין די ווינקעלעך, ווייל זיי האָבן מורא פאַר דיר, פאַר דיין שכל, דיין געלט, דיין מאַכט און דיין ענערגיע. — כ׳ווייס פון וואָס עס איז געשטאָרבן די קליינע אַננאַ פּוילערט; כ׳ווייס, פאַרוואָס דיין קליין גערטנערל האָט געמוזט אַזוי גיך אַוועק קיין אַמעריקע. כ׳קען נאָך עטלעכע פון דיינע קליינע געשיכטעס. איך גוסטיר נישט אין זיי, אָבער איך וואַרף זיי דיר נישט פאָר. כ׳באַוווּנדער דיך אָבער, וואָס דו קענסט ווי אַ קליינער קעניג טון אומבאַשטראָפט אַזויפיל זאַכן — נאָר כ׳פאַרשטיי לגמרי נישט, ווי אַזוי דו קענסט געפינען חן אין די אויגן פון די אַלע קינדער — — דו מיט דיין מיאוסן פּרצוף.

דער געהיימראַט האָט זיך געשפּילט מיטן קייטל פון זיין זייגער. דערנאָך האָט ער רויִק אָנגעקוקט זיין שוועסטערנזון, פילנדיק זיך לייכט געחנפנט, און האָט געזאָגט:

— אמת, דאָס קענסטו נישט באַגרייפן?

דער סטודענט האָט געענטפערט:

— ניין, אָבער באמת ניין. אָבער איך באַגרייף אויסגעצייכנט

ווי אַזוי דו ביסט דערצו געקומען. שוין פֿון אַ לאַנגער צייט אָן ...
זיצסטו אַלצדינק, וואָס דו ווילסט, אַלץ וואָס אַ מענטש קען איך
נאָרמאַלע בירגערלעכע גרענעצן פֿאַרמאָגן. דו וואָלסט אַלזאָ געוואָלט
אַרויס דערפֿון. דער טייך לאַנגווייליקט זיך אין זיין אַלטן געלע-
גער. דאָ און דאָרט רייסט ער עזותדיק דורך די ענגע ברעגן —
דאָס איז דאָס בלוט.

דער פּראָפֿעסאָר האָט אויפֿגעהויבן זיין גלעזל און אים אונ-
טערגעשטעלט:

— גיס מיר אָן, מיין ייִנגל, — האָט ער געזאָגט. זיין קול
האָט עטוואָס געציטערט און האָט כמעט פֿייערלעך געקלונגען. —
האָסט רעכט: עס איז דאָס בלוט. דיין און מיין בלוט. — ער האָט
אויסגעטרונקען און אויסגעצויגן זיין האַנט צו זיין שוועסטערנזון.

— וועסטו אָנשרייבן דער מאַמען, אַזוי ווי כ׳האָב געוואָלט? —
האָט געפֿרעגט פֿראַנק ברוין.

— יאָ, כ׳וועל אַזוי טון! — האָט געענטפֿערט דער אַלטער.
און דער סטודענט האָט געזאָגט: — כ׳דאַנק דיר, פֿעטער יאַקוב. —
און ערשט איצט האָט ער אָנגענומען די צו אים אויסגעשטרעקטע
האַנט. — און איצט גיי אַלטער דאָן זשואַן, און רוף דיר די קאָ-
מוניאַנטינס! שיין זען זיי אויס אין זייערע הייליקע קליידלעך,
וואָס?

— הם! — האָט געמורמלט דער פֿעטער — עס שיינט מיר,
אַז זיי געפֿעלן דיר אויך גאַנץ גוט?

פֿראַנק האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— מיר? אַך, גאָט מיינער! — ניין, פֿעטער יאַקוב, דאָ בין
איך דיר נישט קיין ריוואַל — היינט נאָך נישט, היינט האָב איך
העכערע אַמביציעס. אפֿשר — ווען כ׳וועל אַמאָל זיין אַזוי אַלט ווי
דו! — אָבער איך בין נישט קיין שומר פֿון זייער צניעות, און די
דיקע רויזעלעך גאָרן נישט מער, ווי צו זיין אָפּגעפּליקט.

שמעץ וועט עס שוין טון און אין אַ קורצער צייט אַרום — פּאַר־וואָס־זשע זאָל עס נישט זיין דו? העי, אַננאַ, פרידאַ, קומט נאָר אַהער!

אָבער דיביידע מיידלעך זענען אינגאַנצן נישט צוגעגאַנגען, זיי האָבן זיך געשטופּט צום ה״ר דר. מאַהנען, וועלכער האָט זיי אָנגעגאָסן די גלעזלעך און זיי דערציילט צווייידייטיקע געשיכטעס.

די פּירשטין איז צוגעקומען: פראַנק ברוין איז אויפגעשטאַנען און איר אָפּגעטרעטן זיין אָרט.

— בלייבט דאָ, בלייבט, — האָט זי געזאָגט, — כ׳האָב נאָך ביז איצט נישט געהאַט די געלעגנהייט מיט אייך אַ ביסל צו פּלוידערן!

— דערלויבט אַ ווייל, הויכגעשעצטע פרוי, כ׳וועל נאָר ברענגען די פּאַפּיראָסן, — האָט געזאָגט דער סטודענט — און מיין פּעטער האָט זיך אַזוי געפרייט די גאַנצע צייט, אַז ער וועט אייך קענען מאַכן זיינע קאָמפּלימענטן.

דער געהיימראַט האָט זיך כּלל דערפון נישט געפרייט. ער וואָלט בעסער געוואָלט, אַז די קליינע פּרינצעסין זאָל לעבן אים זיצן. אָבער איצט האָט ער געמוזט ווייזן די מוטער. —

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. דערווייל האָט דער יוסטיצראַט געפירט די פרוי מאַריאָן צום קלאַוויר. העער גאָנטראַם האָט זיך אַנידערגעזעצט, געדרייט זיך אויף דער קלאַוויר־שטול און געזאָגט:

— כ׳בעט צו זיין אַ ווײַלע שטיל, פרוי מאַריאָן וועט אונדז אויפזינגען אַ לידל. — ער האָט זיך געווענדט צו זיין דאַמע.

— נו — וואָס, ליבע פרוי? — מסתמא ווידער אַמאָל „לע פּאַפּילאָן״? אָדער אפשר, „איל באַקציאַ״ פון אַרדיטי? — אַלוּאַ, ביטע, הייבט־זשע אָן!

דער סטודענט האָט זי אָנגעקוקט. זי איז נאָך אַלץ געווען

שיין, די דאָזיקע אַלטע, אויסגעפּוצטע דאַמע, און מ׳האָט געקענט גלייבן אין די פיל אַוואַנטורעס, וואָס מ׳האָט וועגן איר אָנדערציילט, דאַמאָלס, בשעת זי איז געווען די באַרימטע דיוואַ פון אייראָפּע. איצט וווינט זי שוין אַ פערטל יאָרהונדערט אין דער דאָזיקער שטאָט, גאָר שטיל און באַשיידן אין איר וויללע. יעדן אָוונט פלעגט זי מאַכן אַ שפּאַציר איבער איר גאָרטן און אַ האַלבע שעה געוויינט אויפן בלומיקן קבר פון איר הינטל.

און זי האָט געזונגען. לאַנג שוין געבראָכן איז געווען איר הערלעכע שטים, אָבער דאָך איז געלעגן אַ באַזונדערער חן אין איר אַרט אויספירן די אַלטע שול. אויף די געפאַרבטע ליפּן איז געלעגן אויסגעגאָסן איר זיגערישער שמייכל און אונטער דעם דינעם שיכט פּודער, האָט זי זיך באַמיט צוצוגעבן אירע שטריכן די איינציקע פּויזע פון חנעוודיקער ליבנסווירדיקייט.

איר דיקע, פעטע האַנט האָט זיך געשפּילט מיטן פעכער פון העלפאַנטביין און די אויגן האָבן זיך באַמיט אַרויסצורופן אומעטום בייפאַל.

אָ, יאָ, זי האָט דאָ אַהער געפּאַסט, מאַדאַם מאַריטאָן ווערדע ווער. זי האָט געפּאַסט אין דעם דאָזיקן הויז, ווי אַלע איבעריקע אָנוועזנדיקע געסט. פראַנק ברוין האָט זיך אומגעקוקט. דאָרט איז געזעסן זיין טייערער פעטער מיט דער פירשטין און הינטער זיי, אָנגעלענט אָן דער טיר, דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע מיטן חשובן גייסטלעכן שרעדער, דער בעסטער מבין פון וויינען אויף גאַנץ מאָיעל און סאַאַר, וועלכער האָט פאַרמאָגט דעם באַרימטסטן ווייןקעלער און וועלכן ס׳איז כמעט נישט מעגלעך געווען קיין וויינפּראָבע. שרעדער, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ העכסט קלוג־בוך איבער פּלאַטינוסעס קאָמפּליצירטער פילאָזאָפיע און וועלכער האָט גלייכצייטיק געשריבן פאַרסן פאַרן מאַריאָנעטן־טעאַטער פון קעלנער־אונטערנעמער הענעש, וועלכער איז געווען אַ פאַרברענטער

פּאַרטיקולאַריסט געהאַסט די פּרייסן, און אויב ער האָט גערעדט װעגן קייסער, האָט ער נאָר געטראַכט װעגן ערשטן נאַפּאָלעאָן און יעדעס יאָר דעם פינפטן מאַי פלעגט ער פאָרן קיין קעלן, כדי בייצוּװוינען אין דער מינאָריטן־קירך די פייערלעכע הזכרה נאָך די געפאַלענע פון דער „גראַנד־אַרמיי".

דאָרט װידער איז געזעסן דער ריזיקער סטאַניסלאַװ שאַכט אין גאָלדענע ברילן, קאַנד. פיל. אויפן זעכצעגטן סעמעסטער, צופּיל פעט און פויל, כדי זיך פון דער שטול אפילו אויפצוהייבן. שוין פון יאָרנלאַנג האָט ער געװוינט, אַלס „מעבלירטער הער" באַ דער אַלמנה פון פּראָפעסאָר און דר. דאַלינגער, און שוין לאַנג זענען צו אים אַריבער אַלע רעכט פון אַ הויז־הער. און די דאָזיקע קליינע, מיאוסע, שוין צופיל שלאַנקע פרוי, איז געזעסן לעבן אים. כסדר אָנגעפילט זיין גלעזל און אַרויפגעלייגט אַלץ גרעסערע פּאָרציִעס געבעקס אויף זיין טעלער. זי האָט גאָרנישט געגעסן — אָבער זי האָט געטרונקען נישט װיניקער פון אים. און מיט יעדן גלעזל איז געװאַקסן איר צערטלעכקייט: זי האָט ליבהאַרציק געגלעט מיט אירע ביינערדיקע פינגער זיין מעכטיקן קצבישן אָרעם.

לעבן איר איז געשטאַנען קאַרל מאָהנען, דר. יורי און דר. פיל. ער איז געװען שאַכטס אַ שול־חבר און זיינס אַ גרויסער ידיד. ער האָט אויך אַזוי לאַנג שטודירט װי יענער. נאָר ער האָט געמוזט תמיד באַלייגן עקזאַמענס און כסדר זיך געמוזט איבערװאַרפן; דערװייל איז ער געװען פילאָזאָף און נאָכנט פון דריטן עקזאַמען. ער האָט אויסגעזען װי אַ סוחרל פון אַ האַנדלס־פירמע, געשיקט, פלינק און תמיד באַװעגלעך: פראַנק ברוין האָט געהאַלטן, אַז ער װעט זיך סוף כל סוף זיכער איבערװאַרפן צום מסחר. דאָ װעט ער בעװיס זיין גליק געפינען, אַזוי למשל אין קאָנפעקציע־בראַנזשע, װו ער זאָל דאַרפן די דאַמען באַדינען. ער האָט כסדר געזוכט אַ

רייכן שידוך — אויף דער גאַס. פלעגט מאַכן פלירט־שפּאַצירן אונ־טער די פענסטער, ער איז געווען זייער געשיקט אין אָנקניפּן באַ־קאַנטשאַפט. איבערהויפּט פלעגט ער זיך צושאַרן צו צוגערייזטע ענגלענדערינס — אָבער ליידער האָבן זיי נישט געהאַט קיין געלט.

נאָך איינער איז דאָרטן געווען: דער קליינער הוזאַרן־אָפי־ציר מיט די שוואַרצע וואָנסעס, וואָס האָט איצט אַ ביסל געפלוי־דערט מיט די מיידלעך. ער, דער יונגער גראַף געראַלדינגען, ווע־מען מ׳האָט אויף יעדער פאַרשטעלונג געקענט טרעפן הינטער די קוליסן, וועלכער האָט אַ סך געמאָלט, געשפּילט מיט טאַלענט פידל און דערביי געווען דער בעסטער וועט־רייטער אין גאַנצן פאָלק און וועלכער האָט אין דער איצטיקער מינוט דערציילט אַלגאָן און פרידאַן עפּעס וועגן בעטהאָווענען, וואָס עס האָט זיי, אגב, אויס־געזען משונה לאַנגווייליק, און זיי האָבן אים נאָר געהערט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַזאַ שיינענקע, קליין אָפיצירל.

אָ, יאָ, זיי האָבן אַלע דאָ אַהערגעפּאַסט, אָן אויסנאַם. אַלע האָבן געהאַט אין זיך אַ ביסל ציגיינעריש בלוט — נישט געקוקט אויף זייערע טיטולן און מעדאַלן, קאַנסורן און אוניפאָרמען, טראָץ זייערע בריליאַנטן און גאָלדענעברילן, טראָץ אַלע בירגערלעכע שטעלעס. ערגעץ־ווו איז יעדער איינער פון זיי געווען פאַרדאָרבן און עפּעס אַמאָל זיך געהאַט אַראָפּגעגליטשט פון אויסגעטראָטענעם וועג פון בירגערלעכער אָנשטענדיקייט.

אינמיטן פרוי מאַריאָנס זינגען האָט זיך פּלוצלינג דערהערט עפּעס אַ געשריי. דאָס זענען געווען די גאָנטראַם־יינגלעך, וועלכע האָבן זיך צעבויקערט אויף די טרעפּ. די מוטער איז אַרויס, כדי זיי צו באַרויקן. דערנאָך האָט זיך צעיאָמערט וועלפל אין דער דערביייקער שטוב און די דינסט האָט געמוזט אַוועקטראָגן דאָס קינד אין בוידעם־שטיבל אַריין. זי האָט אויך מיטגענומען דאָרט

אַהין ציקלאָפּן און אויסגעבעט ביידע אין ענגן קינדער־וועגעלע.

און פרוי מאַריאָן האָט אָנגעהויבן איר צווייט ליד: דעם „שאָטן־טאַנץ" פון מעערבערס דינאַראַ.

די פירשטין האָט אויסגעפרעגט דעם געהיימראַט וועגן זײַנע נײַע עקספּערימענטן. צי וואָלט זי געקענט ווידעראַמאָל קומען און זען די מערקווירדיקע זשאַבעס, ווערים און שײַנע מאַלפּעלעך.

יאָ, געוויס. זאָל זי נאָר קומען. אויך נײַע פאַרפלאַנצונגען פון רויזן וואָלט זי באַדאַרפט זען אין זײַן פּאַלאַץ אין מעהלעם און די גרויסע, ווײַסע קאַמעליען־צוימען, וואָס זײַן גערטנער האָט דאָרט פאַרזעצט.

אָבער פאַר דער פירשטין זענען די זשאַבעס און מאַלפּעלעך געווען פיל אינטערעסאַנטער פון רויזן און קאַמעליען. ער האָט איר דערציילט וועגן זײַנע פּרוּוון איבערצוטראָגן די פאַרמער־קעמערלעך און קינסטלעכע באַפרוכטונג. ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט געראָד אַ שײַנע זשאַבקע מיט צוויי קעפּ און מיט פערצען אויגן אויפן רוקן. ער האָט איר דערקלערט ווי אַזוי ער שנײַדט אויס די פּראָטאָפּלאַזמע פון אַ קראַנקע און טראָגט זי איבער אויף אַן אַנדערן אינדיווידיום. און ווי די קעמערלעך אַנטוויקלען זיך פרײַלעך ווײַטער אויפן נײַעם קערפּער. און נאָך דער פאַרוואַנדלונג וואַקסן זיי אַרויס קעפּ און עקן, אויגן און פיס. דערנאָך האָט ער איר דערציילט וועגן זײַנע עקספּערימענטן מיט מאַלפּעס, ער האָט דערציילט, אַז ער האָט צוויי ים־קעץ, וואָס זייער בתולה־מוטער, וועלכע זייגט זיי, האָט קיין זכר נישט געזען.

דאָס האָט זי אַמשטאַרקסטן פאַראינטערעסירט. זי האָט זיך גענוי אויסגעפרעגט וועגן אַלע פּרטים, האָט זיך געהייסן דערקלערן יעדע קלייניקייט, ווי אַזוי ער מאַכט עס. געבעטן אַלע גריכישע און לאַטײַנישע ווערטער, וועלכע זי האָט נישט פאַרשטאַנען, אויף דײַטש איבערזעצן.

דער געהיימראַט האָט זיך צעגאָסן אין מנובלדיקן אויסדריקן און באַוועגונגען. דאָס שפּייעכץ איז אים גערונען פון די מויל-ווינקלען איבער דער אַראָפּגעהאָנגענער אונטערשטער ליפּ. ער האָט ליב געהאַט דעם שפּיל פון קאָפּראַלאַלגישער פּלוידעריי. ער האָט תאווהדיק איינגעזויגן די קלאַנגען פון דאָזיקן נבול פּה. און דערנאָך, באַלד נאָך עפּעס אַ באַזונדערס מיאוס וואָרט, געוואָרפן זיין „אייער האָהייט", ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דאָזיקן קיצלדיקן קעגנזאַץ.

זי אָבער האָט אים אויסגעהערט פּאַררויטיקט, אויפגערעגט, כמעט ציטערנדיק. אַריינגעזאַפּט אין זיך מיט אַלע חושים די דאָזיקע באָרדעל-אַטמאָספערע, וועלכע האָט זיך ברייט פונאַנדערגע-וויקלט אונטער דעם דינעם וויסנשאַפטלעכן פענדל.

— צי באַפרוכטעט איר נאָר מאַלפּעס אַליין, הער געהיימ-ראַט? — האָט זי אָן אָטעם געפרעגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — אויך שטשורעס און חזירימלעך. צי ווילט אייער האָהייט זיך צוקוקן ווי כ׳וועל...

ער האָט גערעדט שטיל, כמעט געפּליסטערט.

און זי האָט אויסגערופן: — יאָ, יאָ! דאָס מוז איך זען גערן, זייער גערן! — ווען-זשע אַלזאָ? — און האָט צוגעגעבן מיט געמאַכטער ווירדע: — ווייל, איר ווייסט, הער געהיימראַט, קיין זאַך אינטערעסירט מיך נישט אַזוי פיל, ווי מעדיצינישע פאָר-שונגען — מיר דאַכט זיך, אַז פון מיר וואָלט געווען אַ זייער טיכ-טיקער דאָקטאָר.

ער האָט זי אָנגעקוקט, לאַכנדיק מיטן גאַנצן מויל. — אָן שום ספק, פירשטין! — און האָט באַ זיך געטראַכט, אַז זי וואָלט שוין זיכער געווען נאָך אַ בעסערע באָרדעל-מוטער. אָבער דאָס פישל האָט שוין די ווענדקע אָנגעכאַפּט, האָט ער בכן ווידער אָנ-

געהויבן וועגן זיינע רויזן־פּאַרפּלאַנצונגען און וועגן זיין פּאַלאַץ באַם רהיין.

ער איז אים גאַנץ איבעריק, ער האָט אים געדונגען נאָר אויס גוטמוטיקייט. און די סביבה איז דאָ אַ פּרעכטיקע און ווער שמועסט דער אויסבליק. — און אפשר, אויב די פירשטין וועט זיך דעצידירן, וואָלט זי געקענט —

די פירשטין וואָלקאָנסקי האָט זיך דעצידירט, אַפילו נישט געישובט זיך קיין איין מינוט.

— יאָ, יאָ, הער געהיימראַט, געוויס קויף איך אָפּ דאָס דאָזיקע פּאַלאַצל!

זי האָט דערזען פאַרבייגיין פראַנק ברוינען און אים צוגעערופן:

— אַך, הער סטודיאָזוס! הער סטודיאָזוס! קומט נאָר אַהער! אייער פעטער האָט מיר צוגעזאָגט צו ווייזן עטלעכע פון זיינע עקספּערימענטן, צי איז דאָס נישט קיין רירנדיקע ליבנסווירדיקייט פון זיין זייט? צי האָט איר זיי שוין אַמאָל געזען?

— ניין, — האָט געזאָגט פראַנק ברוין, — דאָס אינטערעסירט מיך לחלוטין נישט.

ער האָט זיך אַוועקגעדרייט, אָבער זי האָט אים געהאַלטן פעסט באַם אַרבל.

— גיט מיר, איך בעט אייך, — גיט מיר אַ פּאַפּיראָס און — אַך, יאָ, איך בעט אייך, גיט מיר אַ גלעזל שאַמפּאַנער.

זי האָט געציטערט אין הייסן שוידער, אויף איר גוף האָט זיך אויסגעזעצט אַ פּערלדיקער שווייס. אירע גראָבע חושים, אויפגעוועקט דורכן מנובלדיקן רעדן פון אַלטן, האָבן געזוכט אַ ציל און זעבען אויסגעבראָכן אין אַ ברייטער כוואַליע איבערן יונגן סטודענט.

— זאָגט מיר, הער סטודיאָזוס — זי האָט געסאָפּעט, אירע מעכטיקע בּרוסטן האָבּן געדראָט צו צעזעצן דעם גאָרסעט. — זאָגט־זשע מיר — גלייבּט איר, אַז — אַז דער געהיימראַט וועט קענען זיין וויסנשאַפט, זיינע עקספּערימענטן מיט — דער קינסט־לעכער באַפרוכטונג — אויך אויף מענטשן אָנווענדן?

זי האָט געוווּסט, אַז עס איז נישט אַזוי, אָבער זי האָט גע־מוזט ווייטער פאָרטזעצן דעם שמועס, ווייטער אים ברייט אַרומרעדן פאַר יעדן פּרייז. און טאַקע מיטן דאָזיקן יונגן, פרישן און שיינעם סטודענט.

פראַנק בּרוין האָט געלאַכט, ער האָט אינסטינקטיוו פאַר־שטאַנען אירע געדאַנקען.

— אָבער, נאַטירלעך, פירשטין, — האָט ער לייכט געזאָגט — מיט דער גאַנצער זיכערקייט! — ער אַרבּעט טאַקע איבּערן דאָזיקן — ער האָט אַנטדעקט אַ בּייעם אופן פון אומגיין זיך, אַזאַ פאַרפולקומטן, אַז די באַשטימטע פרוי ווייסט לחלוטין גאָר־נישט, אַבסאָלוט נישט — בּיז אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערפילט זי, אַז זי איז שוואַנגער — אַזוי אַרום דעם פערטן אָדער פינפטן חודש! — זאָל אייער האָהייט זיין פאָרזיכטיק בּנוגע דעם געהיימ־ראַט. ווער ווייסט, אויב די פירשטין איז שוין נישט —

— אַך, גאָט מיינער! — האָט געשריגן די פירשטין.

— אמת, — האָט ער געזאָגט, — דאָס וואָלט געווען נישט אָנגענעם? — אַז מען האָט דערפון גאָרנישט געהאַט!

— טראַך! — פּלוצלינג איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן פון דער וואַנט און גלייך סאָפיען, דעם דינסטמיידל, אויפן קאָפּ אַרויף. דאָס מיידל האָט אַ הויכן געשריי געטון און האָט פון גרויס שרעק אַראָפּ־געלאָזט די זילבּערנע טאַץ, אויף וועלכער זי האָט אַריינגעבּראַכט שוואַרצע קאַווע.

— אַשאָד דאָס שיינע סעוור־פּאָרצעלאַן! — האָט פרוי גאָנ־טראַם גלייכגילטיק געזאָגט — וואָס איז דאָס געווען?

דר. מאַהנען האָט זיך באַלד פאַרנומען מיט דער ווינענדיקער דינסט. ער האָט איר אויסגעשניטן אַ ביסל האָר, אָוועקגעוואַשן די אָפענע ווונד, געשטילט דאָס בלוט מיט געלער כלאָראָפאָרם־וואַטע. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צו גלעטן דאָס שיינע מיידל איי־בער די באַקן און בגנבה אַנצוגעמען זי באַ איר האַרטער ברוסט. ער האָט איר געגעבן צו טרינקען, און איר עפּעס אריינגערוימט אין אויער.

אָבער דער הוזאַרן־אָפיציר האָט דערווייל אויפגעהויבן דאָס, וואָס האָט גורם געווען דאָס גאַנצע אומגליק. ער האָט עס הויך אויפגעהויבן און אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן.

אויף דעם דאָזיקן אָרט אויף דער וואַנט זענען געווען פּו־נאַנדערגעהאָנגען פאַרשידענע און מערקווירדיקע זאַכן. געצלעך פון די קאָנאַקן, האַלב־מאַן און האַלב־ווייב, פאַרביק באַמאָלט מיט געלע און רויטע שטרייפן. צוויי אַלטע רייטער־שטיוול, אויסטער־לישע און שווערע, פאַרזען מיט גרויסע שפּאַנישע שפּאָרן. פאַר־שידנאַרטיק און פאַרזשאַווערט כלי־זין, און ווייטער אויף גרויען זייד געדרוקט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם פון עפּעס אַן אַלטן גאָנטראַם פון דער יעזויִטישער הויכשול אין סעווילאַ. עס איז אויך געהאָנגען אַ וווּנדערבאַרער קרוציפיקס פון עלפנביין, באַלייגט מיט גאָלד, און אַ שווערער בודיסטישער רויזן־קראַנץ פון גרויסע, גרינע יאַדע־שטיינער.

גאָר אויבן אָבער איז געהאָנגען די זאַך, וואָס איז אָט איצט אַראָפּגעפאַלן; מען האָט דייטלעך געקענט זען דעם ריץ אין טאַ־פּעט, אויף דעם אָרט, וווּ עס האָט אויסגעריסן דעם טשוואָק פון דעם צעקרישלטן טינק. דאָס איז געווען אַ ברוינע, פאַרשטויבטע

זאַך פון אַ האַרטן זוי שטיין האָלץ־וואָרצל. עס האָט אויסגעזען ווי אַ קדמונדיק און איינגעשרומפּן מענטשל.

— אַך, דאָס איז דאָך אונדזער אַלרוינעלע! — האָט גע־זאָגט פרוי גאַנטראַם. — נו, עס איז נאָך אַ מערכה, וואָס עס איז גראָד סאָפּיאַ פאַרבייגעגאַנגען: זי איז פון באַרג אייפל און האָט אַ האַרטן שאַרבן! — ווען דאָס וואָלט געווען וועלפל, וואָלט אים דאָס נבזההדיקע מענטשל געוויס צעשפּאָלטן דעם קאָפּ.

און דער יוסטיצראַט האָט דערקלערט: — מיר באַזיצן שוין דאָס דאָזיקע עטלעכע הונדערט יאָר אין אונדזער משפחה. עס האָט שוין געזאָלט אַמאָל האָבן געטון אַזאַ נאַרישקייט: דער זיידע מיינער האָט דערציילט, אַז עס איז אים אַמאָל באַנאַכט אויפן קאָפּ אַרויפגעשפּרונגען, נאָר עס קען זיין, אַז ער איז גאָר געווען שיכּור — ער פלעגט תּמיד אַזוי גערן נעמען פון ביטערן טראָפּן.

— וואָס איז דאָס אייגנטלעך? און וואָס טוט מען דערמיט? — האָט געפרעגט דער הוזאַרן־אָפיציר.

— מ'זאָגט, אַז ס'זאָל ברענגען געלט אין שטוב אַריין, — האָט געענטפערט גאַנטראַם, — עס איז דאָ אַן אַלטע לעגענדע — אָבער מאַנאַסע וועט עס אייך קענען דערציילן — קומט נאָר אַהער קאָלעגע, פּאַקט נאָר אויף אייערע פאַרהיסטאָרישע ידיעות! ווי אַזוי איז דאָס די לעגענדע וועגן אַלרוינע?

אָבער דער קליינער אַדוואָקאַט האָט נישט געוואָלט.

— אַך, צוואָס, יעדער איינער קען עס דאָך.

— קיינער קען עס נישט, הער מעצענאַס, — האָט גערופן דער אָפיציר, — אָבער באמת קיינער, איר שעצט בכלל איבער די מאָדערנע בילדונג.

— קריכט שוין אַרויס מיט אייער חכמה, מאַנאַסע — האָט געזאָגט פרוי גאַנטראַם — כ'האָב שוין אייגנטלעך פון לאַנג גע־

וואָלט וויסן וואָס פאַר אַ באַדייטונג ס'האָט די דאָזיקע מיאוסע זאַך.

דאַן האָט ער אָנגעהויבן. ער האָט גערעדט טרוקן, זאַכלעך, ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט אַ קאַפּיטל פון עפּעס אַ בוך. ער האָט זיך כּלל נישט געאײַלט. נישט אויפגעהויבן צומאָל זײַן שטים. דערבײַ האָט ער געדרייט מיטן וואָרצל-מענטשל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, ווי מיט אַ טאַקט-שטעקעלע אַרויף און אַראָפּ.

— אַלרוין, אַלרוינע, מאַנדראַגאָראַ — ס'ווערט אויך אָנגערופן מאַנדראַגאָראַ — מאַנדראַגאַראַ אָפּיציִנאַרום. אַ פלאַנץ, וואָס געהערט צו די סאָלאַנאַצן, געפינט זיך אין בעקן פון מיטלענדישן ים, אויך אין דרום-אַפריקע, אַזיע, ביז צו די הימאַלייען. אירע בלעטער און בלומען אַנטהאַלטן אין זיך אַ מין נאַרקאָטיק: פאַרצײַטנס פלעגן זיי באַנוצט ווערן אַלס שלאָף-מיטל און אויך בשעת אָפּעראַציעס דורך דער באַרימטער מעדיציִנישער שול אין סאַלערנאָ. מ'פלעגט אויך רייכערן די דאָזיקע בלעטער און די פרוכטן מישן אין ליבעס-משקאות. זיי האָבן געזאָלט אויפוועקן די ליידנשאַפט, ווי אויך מאַכן פרוכטבאַר. שוין יעקב אבינו האָט געמאכט דערמיט זײַן קליינעם שווינדל מיט לבנס שאָף. דודאים ווערט דאָרט אָנגערופן די דאָזיקע פלאַנץ. אָבער די הויפּט-ראָל אין דער דאָזיקער לעגענדע שפּילט דער וואָרצל. זײַן מאָדנע ענלעכקייט צו אַן אַלט מאַנספערשוינדל, אָדער ווײַבעלע האָט שוין פּיטאַגאָראַס דערמאַנט; שוין פאַר זײַנע צײַטן האָבן מענטשן געגלייבט, אַז מ'קען זיך מיט זײַן הילף מאַכן אומזיכטבאַר. מ'האָט עס באַנוצט אַלס מיטל צו מאַכן כּישוף און פאַרקערט אַלס טאַליזמאַן קעגן כּישוף. אין פריִען מיטלעלטער, אין שייכות מיט די קרייצוגנגען, האָט זיך אַנטוויקלט די דײַטשע לעגענדע וועגן אַלרוינע. אַ פאַרברעכער, וואָס איז געהאָנגען מוטער-נאַקעט אויפן שייד-וועג, האָט פאַרלוירן אין מאָמענט

ווען עס האָט זיך צעבראָכן זיין רוקן־ביין, זיינע לעצטע טראָפּנס
זאָמען. דער זאָמען איז געפאַלן אויף דר׳ ערד און זי באַפרוכטעט;
פון דעם איז אַנטשטאַנען דאָס אַלרוינעלע, אַ מאַנעלע, אָדער אַ
ווייבעלע. באַנאַכט איז מען אַרויס עס אויסגראָבן. ווען עס האָט
אויסגעקלונגען האַלבע נאַכט, האָט מען געמוזט די לאָפּעטע אריינ=
שטעקן אונטער דער תליה. אָבער מען האָט גוט געטון,
אויב מען האָט זיך פריער די אויערן גוט פאַרשטאָפּט מיט
וואַטע אָדער מיט וואַקס, ווייל ווען מ׳האָט דאָס מענטשל
אַרויסגעריסן, האָט עס געמאַכט אַזעלכע משונהדיקע קולות, אַז
מ׳האָט געקענט אומפאַלן פאַר פחד — שעקספּיר דערציילט עס נאָך.
שפּעטער האָט מען דאָס אויסטערלישע באַשעפעניש אַוועקגעטראָגן
אַהיים, מ׳פלעגט עס גוט פלעגן, פון יעדן מאכל האָט מען עס גע-
בראַכט אַ ביסל עסן און אין די שבתדיקע טעג האָט מען עס גע-
וואַשן אין וויין. ס׳פלעגט ברענגען הצלחה אין פּראָצעסן און אויף
דער מלחמה, ס׳האָט געדינט אַלס קמיע קעגן כּישוף און געבראַכט
אַ סך געלט אין שטוב אַריין. ס׳האָט געמאַכט באַליבט דעם מענטש,
וואָס האָט עס פאַרמאָגט, ס׳איז געווען גוט צום טרעפן, ס׳האָט גע-
בראַכט פאַר די פרויען דעם כּישוף פון ליבע, פרוכטבאַרקייט און
לייכטע קימפּעט. אָבער אַ חוץ דעם פלעגט עס אויך פאַרשאַפן גע-
נוג יסורים און פּיין, ווי ס׳פלעגט זיך נאָר געפינען אַלע וואָס האָבן
געוווינט אין אַזאַ הויז, פלעגן פאַרפאָלגט ווערן פון אומגליקן, זיין
אייגנטימער פלעגט עס טרייבן צו תאווה, אויסגעלאַסנקייט און פאַר-
ברעכן. ענדלעך האָט עס אים געלאָזן צו גרונט גיין און פאַרזונקען
אין גהינום. — נישט קוקנדיק דערויף פלעגן די אַלרוינעלעך זיין
זייער באַליבט, האָבן זיך געפינען אין פאַרקויף און דערגרייכט הויכע
מקחים. מ׳זאָגט, אַז וואַלענשטיין פלעגט זיין גאַנץ לעבן מיט זיך
טראָגן אַזאַ אַלרוינעלע און דאָס זעלבע דערציילט מען וועגן הייג=
ריך דעם אַכט׳, ענגלאַנדס חתונה=טיכטיקן קעניג.

דער אַדוואָקאַט האָט געענדיקט און געוואָרפן דאָס האַרטע שטיקל האָלץ אויפן טיש.

— זייער אינטערעסאַנט, באמת זייער אינטערעסאַנט, — האָט אויסגערופן גראַף גערהאַרדינגען. — כ'בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר די דאָזיקע לעקציע, הער מעצענאַט.

מאַדאַם מאַריאַן אָבער האָט דערקלערט, אַז זי וואָלט אפילו אַ מינוט אַזוינס אין שטוב נישט פאַרטראָגן און האָט געקוקט מיט צעשראָקענע, אַבערגלויבערישע אויגן אויף די שטייפע, סקעלעטאַרטיקע מאַסקע פון דער פרוי גאַגטראַם.

פראַנק ברוין האָט זיך שנעל דערנענטערט צום געהיימראַט. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט. ער האָט אין אויפרעגונג אָנגעכאַפּט דעם אַלטן באַם אָרעם:

— פעטער יאַקוב — האָט ער געמורמלט — פעטער יאַקוב —

— נו, וואָס איז געשען, מיין יונגל? — האָט געפרעגט דער פּראָפעסאָר. אָבער ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען מיט זיין קוזין צום פענסטער.

— פעטער יאַקוב, — האָט איבערגעחזרט דער סטודענט — אָט איז עס אייגנטלעך — — דאָס איז עס טאַקע, וואָס דיר פעלט. דאָס איז בעסער ווי צו מאַכן נאַרישע וויצן מיט זשאַבעס, מאַלפּעס און קליינע קינדער. האַלט דאָס, פעטער יאַקוב, גיי מיטן דאָזיקן נייעם וועג, וואָס קיינער פאַר דיר איז נישט געגאַנגען!

זיין קול האָט געציטערט און ער האָט אין נערוועזער איילעניש געלאָזט דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס.

— כ'פאַרשטיי דיך אַבסאָלוט נישט! — האָט געזאָגט דער אַלטער.

— אָ, דו מוזט דאָס פאַרשטיין, פעטער יאַקוב! — האָסטו דען נישט געהערט, וואָס ער האָט דערציילט? — באַשאַף אַן אַל-

רוינע־ווּען! אַזוינס, וואָס לעבט און האָט בלוט און פלייש! דו קענסט עס מאַכן, פעטער, נאָר דו אַליין און ווייטער קיינער נישט אויף דער וועלט.

דער געהיימראַט האָט אים אָנגעקוקט נישט זיכער און פרעגנ־דיק. אָבער דאָס קול פון סטודענט האָט בעקלונגען אַזוי איבער־צייגנדיק, מיט אַזאַ כּוח פון גלויבן, אַז ער איז נישט ווילנדיק מיטגעריסן געוואָרן.

— דריק דיך אויס קלאָרער, פראַנק, — האָט ער גע־זאָגט, — ווייל כ'ווייס באמת נישט וואָס דו ווילסט.

דער קוזין האָט געמאַכט מיטן קאָפּ.

— איצט נישט, פעטער יאַקוב, אויב דו וועסט דערלויבן, וועל איך דיך באַגלייטן אַהיים.

ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט, צוגעגאַנגען צו דער דינסט, וואָס האָט דערלאַנגט קאַווע, גענומען איין שאָל און אַ צווייטע און אויסגעטרונקען מיט האַסטיקע זופּן.

— סאָפּיע, דאָס צווייטע דינסטמיידל, האָט זיך אַרויסגעדרייט פון איר באַשיצער. און דר. מאַהנען האָט זיך אַרומגעפּאָרעט או־מעטום. ער איז געווען באַשעפטיקט ווי דער עק פון אַ קו אין פליגן־סעזאָן.

פילנדיק נאָך אַלץ אַ באַדערפעניש אין די פינגער עפּעס אויסצוואַשן, עפּעס אָנצונעמען, האָט ער נעכאַפּט דאָס אַלרוינעלע און געווישט מיט אַ גרויסער סערוועטקע דעם שטויב, וואָס האָט עס בעדעקט. אָבער דאָס האָט גאַנץ ווינציק געהאָלפן:

נישט ווערנדיק גערייניקט אין משך פון יאָרהונדערטער, האָט דאָס אַלרוינעלע פאַרשמוצט איין סערוועטקע נאָך דער צווייטער און איז אַליין דערפון לחלוטין נישט געוואָרן קלערער. דאַן האָט דער רירעוודיקער דאָקטאָר עס אַ כאַפּ געטון, פאַרמאָסטן זיך

און עס אַריינגעוואָרפן אין סאַמע מיטן פון גרויסן גלאָז מיט פּונש.

— נאַ, טרינק, אַלרוינעלע! האָט ער אויסגערופן. — ביסט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן אין דאָזיקן הויז. ביסט זיכער דורשטיק. — דערנאָך איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אַ שטול און געהאַלטן אַ לאַנגע און פייערלעכע רעדע פאַר ביידע ווייס-געקליידטע מיידלעך — זאָלן זיי אזוי אייביק בלייבן, — האָט ער פאַרענדיקט, — דאָס ווינטש איך זיי פון גאַנצן האַרץ.

ער האָט ליגנט געזאָגט: ער האָט זיי דאָס כּלל נישט געווונטשן. קיינער האָט זיי דאָס נישט געווונטשן און צומווייניקסטן האָבן דאָס די מיידלעך אַליין זיך געווונטשן. אָבער זיי האָבן אַפּלאָדירט גלייך מיט די איבעריקע, זענען צוגעגאַנגען צו אים, פאַרנייגט זיך און געדאַנקט.

דער גייסטלעכער שרעדער איז געשטאַנען מיטן יוסטיצראַט גאָנטראַם און שטאַרק געזידלט, וואָס ס'רוקט זיך אַלץ נענטער אָן דער טערמין, אין וועלכן ס'וועט איינגעפירט ווערן דער נייער קאָדעקס פון ציוויל-רעכט. — נאָך אַ צען יאָר און ס'וועט קיין זכר נישט בלייבן פון נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס און מ'וועט האָבן די זעלבע געזעצן אין רהיינלאַנד ווי דאָרטן אין פּרייסן. ס'איז זיך שווער דאָס פאָרצושטעלן!

— יאָ, — האָט געזיפצט דער יוסטיצראַט, — און ערשט די אַרבעט! וויפיל וועט מען דאָס דאַרפן אויפסניי זיך לערנען. גלייך ווי ס'וואָלט אָן דעם געווען נאָך ווייניק אַרבעט — אין תוך גענומען איז אים קיין גרויסע נפקא מינא נישט געווען; ער וואָלט זיך פונקט אַזוי ווייניק פאַרנומען מיטן לייענען דעם ציוויל-קאָדעקס, ווי ר'האָט געשטודירט די רהיינלענדישע געזעצגעבונג. גאָט צו דאַנקען: די עקזאַמענעס האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך.

די פירשטין האָט זיך געזעגנט און מיטגענומען די פרוי מאַר־יאַן צו זיך אין אויטאָ. אָלגאַ איז ווייטער געבליבן בײַ איר חברטע. אויך די איבעריקע זענען זיך צעגאַנגען, געזעגענענדיק זיך איינער מיטן צווייטן.

— גייסטו אויך, פעטער יאַקוב? — האָט געפרעגט דער סטודענט.

— כ׳מוז נאָך אונטערוואַרטן, — האָט געזאָגט דער געהיים־ראַט, — ס׳איז נאָך נישטאָ מײַן אויטאָ, ער דאַרף גאָר וואָס אָנ־קומען. — פראַנק ברוין האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. פרוי פאָן דילינגער איז שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, נישט געקוקט אויף אירע פערציק יאָר, געשיקט ווי אַ ווערוויקל איז זי אַרײַן אין גאָרטן. זי איז געפאַלן, זיך צוריק אויפגעהויבן און צוגעלאָפן צום אַלטן בוק. אַרומגענומען זײַן שטאַם מיט אירע אָרעמס און מיט אירע פוס און באַרוישט, קאָמפּלעט שיכור פון ווײַן און תאווה, האָט זי גענומען קושן דעם בוים מיט הייסע לײַדנשאַפטלעכע ליפּן.

סטאַניסלאַוו שאַכט האָט זי אָפּגעריסן פון בוים, ווי אַ שטאַרק אָנגעקלאַמערטן זשוק. נישט ברוטאַל, אָבער שטאַרק און מיט כוח, זייענדיק אַלץ נאָך ניכטער, נישט קוקנדיק אויפן ים ווײַן, וואָס ר׳האָט אין זיך אַרײַנגעגאָסן. זי האָט אָנגעהויבן שרײַען און זיך פעסט געקלאַמערט אָן גלאַטיקן שטאַם. ער האָט זי אויפגעהויבן אינדערהייך און גענומען אויף זײַנע אָרעמס. דאָ האָט זי אים פּלוצ־לינג דערקענט, אַראָפּגעריסן דעם הוט פון זײַן קאָפּ און ווילד־שרײַענדיק האָט זי אים גענומען קושן אין סאַמע מיטן פּליך.

דער פּראָפעסאָר איז אויפגעשטאַנען און זיך געווענדט צום יוסטיצראַט.

— כ׳האָב אַ קליינע בקשה — האָט ער געזאָגט, — צי וואָלט איר מיר נישט געוואָלט שענקען דאָס אומגליקלעכע מענטשל?

פרוי גאָנטראַם האָט פאַרשפאָרט דעם מאַן אַן ענטפער:

— אָבער ביטע זייער, הער געהיימראַט, אַדרבא נעמט עס אייך נאָר מיט, דאָס זיסע אַלרוינעלע! — דאָס איז זיכער מער צו־געפּאַסט פאַר אַ קאַוואַליר!

זי האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין פּונש און אַרויסגעצויגן פון דאָרט דאָס וואָרצל־מענטשל. אָבער זי האָט אָנגעשלאָגן מיטן האַרטן האָלץ אָן דעם ראַנד פון דער כּלי; ס'האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער קלאַנג פון צעבראָכן גלאָז: און דער הערלעכער אַל־טער קרישטאָל איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף פּיצלעך, און זיין זיסער אינהאַלט האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן טיש און פּאָדלאָגע.

— הייליקע מוטער! — האָט זי אויסגעשריגן — ס'איז יעדנפאַלס גוט, וואָס דאָס דאָזיקע פרעכע באַשעפעניש וועט זיך שוין אַמאָל אַרויסטראָגן פון שטוב!

דאָס דריטע קאַפּיטל

װעלכעס מאַכט באַקאַנט, װי אַזױ פראַנק ברױן האָט אָנגערעדט דעם געהײמראַט צו באַשאַפן אַלרױנען.

זײ זענען געזעסן אין דער קאַרעטע, פּראָפעסאָר טען ברינקען און זײן שװעסטערזון, און באַרניש גערעדט. פראַנק ברױן איז געזעסן אָנגעלענט אָן די קישנס פון דער קאַטש און געקוקט ערגעץ װײט, טיף פאַרזונקען אין זײנע מחשבות. דער געהײמראַט האָט אים שטיל אָבסערװירט און כיטרע געגלאָצט אױף אים.

אַ קנאַפּע האַלבע שעה האָט געדױערט די רײזע. זײ זענען דורכגעפאָרן דעם שאָסײ, אַראָפּגעדרײט רעכטס און זיך געהױדעט איבערן שטײנערנעם בריק פון לענדעניק. דאָרט אינמיטן דאָרף איז געלעגן די גרױסע רעזידענץ פון דער פאַמיליע בריכקען. אַ מעכטיקער, כמעט פּירעקיקער קאָמפּלעקס בנינים, גאָרטן און פּאַרק און דערלעבן, האַרט באַם ברעג, אַ שורה קלײנע, נישט אָנזעעװדיקע אַלטע געבײדעס.

זײ האָבן זיך אַראָפּגעדרײט אין ראָג לעבן דעם פּאַטראָן פון דאָרף, דעם הײליקן נעפּאָמוק: זײן פיגור, אױסגעפּוצט מיט בלומען און צװײ אײביקע לעמפּלעך איז געשטאַנען אין אַ מערה אין

ראַג פון פּאַלאַץ. די פערד זענען שטיין געבליבן; א דינער האָט אויפגעשלאָסן דאָס אינעווייניקסטע טויער, געעפנט די טירלעך פון דער קאַרעטע.

— ברענג אונדז ווײַן, אַלויזי, — האָט באַפוילן דער געהיימראַט — מיר גייען אין ביבליאָטעק.

ער האָט זיך געווענדט צו זיין קוזין.

— צי ווילסטו בלייבן דאָ בײַ מיר שלאָפן, פראַנק? אָדער דער קוטשער זאָל וואַרטן?

דער סטודענט האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— ביידע נישט, כ׳וועל צוגיין אין שטאָט אַריין צופוס.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם הויף און אַריין אין צווייטן נידעריקן הויז אויף דער רעכטער זייט, אייגנטלעך איז דאָס נאָר געווען איין ריזיקער זאַל. דערלעבן האָט זיך געפונען אַ קליינענקע פאָדערצימער און עטלעכע קליינע, זייטיקע אוביקאַציעס. אַרום די ווענט זענען געווען צוגעשלאָגן לאַנגע, ריזיקע פאַכן, אָנגעפילט מיט טויזנטער בענדער. דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען גרויסע, גלעזערנע שענק, פול מיט רוימישע אויסגראָבונגען; אַ סך קברים זענען דאָ געוואָרן אויסגעליידיקט און באַרויבט פון זייערע שטאַרק אָפּגעהיטענע אוצרות. די פּאָדלאָגע האָבן באַדעקט גרויסע, שווערע דיוואַנעס; אַרום זענען געשטאַנען שרייב־טישן, שטולן און קאַבאַפּקעס.

אַרײַנקומענדיק אין ביבליאָטעק, האָט דער געהיימראַט אַוועקגעוואָרפן זיין אַלרוינעלע אויף דער סאָפקע. זיי האָבן אָנגעצונדן ליכט צוגעפגערוקט אַ פּאָר שטולן און זיך אַנידערגעזעצט. און דער דינער האָט אויפגעקאָרקעוועט אַ פאַרשטויבטע פלאַש.

— דו קענסט שוין גיין, — האָט געזאָגט זיין הער, — אָבער לייג דיך נישט שלאָפן, דער יונגער הער גייט צוריק אין שטאָט אַריין, וועסטו מוזן צושליסן דאָס טויער.

— נו, וואָס? — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין שוועסטערב־זון.

פראַנק ברוין האָט געטרונקען. ער האָט גענומען דאָס הילצערנע מעסערל און זיך געשפּילט דערמיט. ס'איז נאָך געווען עפּעס פייכטלעך און האָט איצט אויסגעזען כמעט בויגעוודיק.

— עס דערקלערט זיך אַליין גאַנץ דייטלעך — האָט ער געמורמלט — דאָ זענען די אויגן, איינס און דאָס צווייטע. דאָ שטאַרט אַרויס די נאָז און דאָ עפנט זיך דאָס מויל. טו נאָר אַ קוק, פעטער יאַקוב, זעט עס נישט אויס, ווי ס'וואָלט פון אונדז חוזק געמאַכט? די הענטלעך זענען עטוואָס פאַרקריפּלט, די פיס זענען אַזש ביז צו די קניען צונויפגעוואַקסן. דאָס איז עפּעס אַ משונהדיק באַשעפעניש.

ער האָט עס אויפגעהויבן אינדערהייך און עס געדרייט אין אַלע זייטן.

— קוק זיך אום, אַלרוינעלע, דאָ איז דיין נייע היים. דאָ באַם הער יאַקוב טען ברינקען איז פאַר דיר אַ פּאַסיק אָרט, אַ סך פּאַסיקער ווי דאָרט, באַם הער גאַנטראַם.

— דו ביסט אַלט, — האָט ער פאָרטגעזעצט, — ביסט שוין אַלט פירהונדערט, אפשר זעקסהונדערט, אָדער מער נאָך יאָרן. דיין טאַטן האָט מען אויפגעהאַנגען, ווייל ער איז געווען אַ מערדער, אָדער אַ פערד-גנב, אָדער אפשר אויך דערפאַר, וואָס ער האָט געשריבן פּאַשקווילן קעגן עפּעס אַ גרויסן האַר אין פּאַנצער, אָדער אין סוטאַנע. אַלצייגס וואָס ער האָט דאָרט געטון, אָבער ער איז געווען אַ פאַרברעכער אין זיין צייט און מען האָט אים אויפגעהאַנגען. ער האָט אַלזאָ אויסגעשפּריצן זיין לעצטן טראָפּן לעבן אין דר׳ערד אַריין און געפרוכפּערט דאָס משונהדיקע באַשעפעניש. און די מאַמע־ערד האָט אויפגענומען אין איר פרוכטבאַרער שויס דעם דאָזיקן לעצטן גרוס פון פאַרברעכער, דורכגעמאַכט די סודותפולע

קימפעט און געבוירן — דיך. זי, די ריזיקע, די אַלמעכטיקע — דיך, אָרים, מיאוס באַשעפעניש! — און מען האָט דיך אויסגע־גראָבן אינמיטן דער נאַכט אויפן שייד-וועג, אין ציטערניש און אימה, אונטער שרעקלעכע און הייליקע השבעות. און ווען דו האָסט דאָן צום ערשטן מאָל דאָס לבנה־ליכט דערזען, האָסטו דער־זען דיין טאַטן הענגען אויף דער תּליה: פאַרשימלטע ביינער און פוילנדיקע רעשטלעך פלייש. און זיי האָבן דיך מיטגענומען מיט זיך, די דאָזיקע — וואָס האָבן דאָרט אויבן — דיין טאַטן אויפ־געהאָנגען. דיך האָבן זיי פונרעסטווענז צוגעכאַפּט און אַהיימגע־שלעפּט; דו האָסט זיי געדאַרפט ברענגען געלט אין שטוב אַריין! רויט גאָלד און יונגע ליבע.

— און זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דו וועסט זיי ברענגען צו פּיין, עלנטן יאוש און גאָר צום סוף דער שענדלעכן טויט. אָ, זיי האָבן דאָס גוט געוווּסט — און נישט קוקנדיק דע־רויף האָבן זיי דיך אויפגעגראָבן און דיך מיטגענומען מיט זיך אַהיים; אַלץ האָבן זיי אַוועקגעגעבן פאַר ליבע און גאָלד.

דער געהיימראַט האָט זיך אָנגערופן:

— האָסט אַ שיינעם אופן פון פאַרשטעלן דיר דאָס אַלץ, מיין יונגל — ביסט אַ פאַנטאַזיאָר.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער סטודענט, — דאָס בין איך, פּונקט אַזוי ווי דו ביסט עם אויך.

— ווי איך? — האָט געלאַכט דער פּראָפעסאָר, — כ׳מיין, אַז מיין לעבן איז געגאַנגען רעאַל דורכגעפלאָסן.

זיין שוועסטערנזון האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— ניין, פעטער יאַקוב, ס׳איז נישט אַזוי. נאָר דו רופסט שוין זייער רעאַל אָן דאָס — וואָס אַגדערע רופן פאַנטאַסמאַגאָ־ריעס. גיב נאָר אַ טראַכט וועגן דיינע אַלע עקספּערימענטן! פאַר דיר זענען זיי עפּעס מער ווי אַ שפּילעכל · זיי זענען אַ וועג, וואָס

וועט אפשר אמאָל פירן צו אַ געוויסן ציל. קיינמאָל וואָלט אַ נאַר־מאַלער מענטש נישט געפאַלן אויף אַזעלכע געדאַנקען: נאָר אַ פאַנטאַסט האָט דאָס געקענט טון. און נאָר אַ ווילדער מוח, נאָר אַ מאַן, אין וועמענס אָדערן ס׳פליסט דאָס הייסע בלוט פון דער פאַמיליע ברינקען, נאָר אַזעלכער קען זיך דערויף דערוועגן. וואָס דו האָסט איצט צו טון, פעטער יאַקוב.

דער אַלטער האָט אים אומגעדולדיק איבערגעריסן און דאָך זיך געפילט נישט ווייניק געחנפנט.

— דו טרוימסט, יונגערמאַן — און דו ווייסט נאָך כּלל נישט, צי כ׳וועל האָבן חשק אויסצופירן דאָס דאָזיקע געהיימנישפולע, וועגן וועלכן דו רעדסט — און וועגן וועלכן כ׳האָב נאָך נישט די מינדסטע השגה.

אָבער דער סטודענט האָט נישט אָפּגעטרעטן; זיין שטים האָט קלאָר געקלונגען, פאַרטרוילעך און איבערצייגנדיק בײַ יעדן וואָרט.

— און דאָך, פעטער יאַקוב, וועסטו עס טון. איך ווייס גע־וויס, אַז דו וועסט עס טון, ווייל קיין אַנדערער וואָלט עס נישט געקענט טון, ווייל דו ביסט דער איינציקער מענטש אין דער וועלט, וואָס איז בכּוח דאָס אויסצופירן. געוויס זענען פאַראַן נאָך אַנדע־רע געלערנטע, וועלכע מאַכן היינט די זעלבע עקספּערימענטן, וועל־כע דו האָסט אָנגעהויבן און האָבן אויך געמאַכט אַזעלכע פאָרשריט ווי דו און אפשר נאָך גרעסערע, אָבער דאָס זענען מענטשן נאַר־מאַלע, טרוקענע, הילצערנע — וויסנשאַפט־מענטשן. זיי וואָלטן מיך אויסגעשפּעט, ווען כ׳וואָלט געקומען צו זיי מיט דעם דאָזיקן איינפאַל מיינעם, זיי וואָלטן מיך באַטראַכט פאַר אַ משוגענעם. אָדער זיי וואָלטן מיך אפשר פון שטוב אַרויסגעוואָרפן, ווייל כ׳האָב געהאַט די העזה צו זיי צו קומען מיט געדאַנקען, וועלכע זיי וואָלטן גע־האַלטן פאַר נישט אַנשטענדיקע, נישט עטישע און פאַרווערסע. אַזעלכע אידעען, וועלכע וואַגן דעם באַשעפער אַליין זיין ווערק

צו פאַרטושן, וועלכע ווילן דער גאַנצער נאַטור אַ שפּיצל אָפּטון. דו געהערסט נישט צו זיי, פּעטער יאַקוב, דו נישט! דו וועסט מיך נישט אויסלאַכן און נישט אַרויסוואַרפן פון שטוב. דיך וועט עס רייצן, פּונקט אַזוי ווי עס רייצט מיך, און דעריבער ביסט דו דער איינציקער, וואָס איז דערצו ראוי.

— אָבער וואָס איז דען, באַ אַלע געטער? — האָט אויס־געדופן דער געהיימראַט, — וואָס זאָל דאָס זיין?

דער סטודענט האָט זיך אויפגעהויבן, אַנגעגאָסן ביידע גלעז־לעך ביזן ראַנד.

— קלאַפּ אָן מיט מיר, אַלטער מכשף, האָט ער גע־רופן, — טרינק! זאָל פליסן דער יונגער, פרישער וויין אין דיינע אַלטע זעקלעך. טרינק, פּעטער יאַקוב, זאָל לעבן — דיין קינד!

ער האָט אָנגעקלאַפּט אָן פּעטערס גלעזל, אַ יסגעטרונקען אין איין אָטעם ביזן דנאָ און עס אַ שליידער געטון אַזש ביז אונטערן סופיט. ס'האָט אָפּגעהילכט אינדערהייך, אָבער טעמפּ זענען אַראָפּ־געפאַלן די צעבראָכענע שאַרבנס אויף די דינע דיוואַנען.

ער האָט צוגערוקט נענטער זיין שטול.

— און איצט הער זיך איין, פּעטער, וואָס איך מיין. דו ביסט שוין מסתמא אומגעדולדיק צוליב מיינע לאַנגע הקדמות — אָבער האָב מיר נישט פאַריבל. זיי העלפן מיר נאָר מיינע געדאַנקען צו דערטראַכטן, זיי אויסצוקנעטן, מאַכן פאַרשטענדלעכער און בולטער.

אַלזאָ, אַזוי מיין איך עס:

דו דאַרפסט באַשאַפן אַן אַלרוניש וועזן, פּעטער יאַקוב: דו זאָלסט די דאָזיקע אַלטע לעגענדע פאַר אַ ווירקלעכקייט מאַכן. וואָס מאַכט עס דען אויס, צי דאָס איז אַבערגלויביש, מיטלעל־טערישער געשפּענסטער־משוגעת, אָדער מיסטישער שאַרלאַטאַניזם פון דער אוראַלטער צייט? דו דאַרפסט פון דעם אַלטן שקר מאַכן

אָן אמת. דו באַשאַפסט זי: אַט שטייט זי דאָ פאַר דיר אין ליכט פון טאָג, בולט פאַר דער גאַנצער וועלט — קיין שום נאַרישער פּראָפעסאָר וועט נישט קענען אָפּלייקענען איר עקזיסטענץ.

— הער זיך איין, ווי אַזוי דו זאָלסט עס מאַכן!

דעם פאַרברעכער וועסטו זייער לייכט געפינען. איך מיין, אַז עס איז אַ קנאַפּע נפקא מינא, צי ער האָט געענדיקט אויף דער תליה און אויפן שייד־וועג. מיר זענען דאָך עפּעס ציוויליזירטע מענטשן; די תפיסה און אונדזער גילאָטינע זענען דאָך אַ סך באַקוועמער: אַ דאַנק דיינע ברייטע פאַרבינדונגען וועסטו גאַנץ לייכט קענען באַקומען די דאָזיקע זעלטענע מאַטעריע, פון טויט אַליין אַ ביי לעבן אַרויסרייסן.

און די ערד? — נעם עס אָן אַלס סימבאָל, פעטער, דאָס מיינט מען: פּרוכטבאַרקייט. די ערד, דאָס מיינט מען די פרוי, וועלכע נערט דעם זאָמען, וואָס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן איר שויס. זי דערנערט אים, לאָזט אים שפּראָצן, וואַקסן, בויען און פּרוכטברענגען. נעם אַלזאָ דאָס, וואָס איז פּרוכטבאַר, ווי די ערד אַליין — נעם אַ פרוי.

אָבער די ערד איז אויך די אייביקע זונה און דינט אַלעמען. זי איז די אייביקע מוטער און אויך די אויסגעלאַסענע מויד פאַר אָן אַ שיער מיליאַרדן. זי זאָגט קיינעם נישט אָפּ איר תאוהדיקן קערפּער, יעדער, ווער עס וויל נאָר, קען זי האָבן. אַלץ, וואָס האָט אין זיך לעבן, באַפרוכטעט איר געבירטגיריקע שויס אין משך פון גאַנצע הונדערטער טויזנטער יאָרן.

— און דעריבער, פעטער יאַקוב, מוזטו אויפזוכן אַ גאַסן־מיידל. נעם די אומפאַרשעמסטע, די פרעכסטע פון אַלע, נעם אַזעלכע, וועלכע איז באַלד געבוירן געוואָרן אַ הור, נישט אַזעלכע, וועלכע פירט איר פאַך אַיס נויט, אָדער איז אַ קרבן פון פאַרפירונג. אָ, ניין, אַזעלכע נישט! נעם אַזעלכע, וואָס שוין באַם שטעלן אירע

ערשטע טריט, איז זי געווען פאַרשייט. אַזאַ פּראָסטיטוטקע, וואָס די שאַנד איז איר תענוג און אָן דעם קען זי נישט לעבן. נאָר אַזעלכע מוזטו אויפזוכן. איר שויס וועט זיין ווי די שויס פון דער ערד. ביסט דאָך רייך, וועסטו זי אוודאי געפינען. ביסט נישט קיין חדר־יינגל אין די דאָזיקע זאַכן, קענסט איר פאַרלייגן אַ סך געלט און זי אָפּקויפן פאַר דיינע עקספּערימענטן. און אויב זי איז די רעכט־געטראָפענע, וועט זי זיך קאָרטשען פון געלעכטער, דיך צו־דריקן צו איר פעטן בוזים און אויסקושן דיך פאַר פרייד. ווייל — דו שענקסט איר דאָס, וואָס קיין אַנדערער מאַנספּערשוין פאַר דיר — האָט איר נישט געגעבן!

וואָס דערנאָך וועט קומען, ווייסטו בעסער פון מיר. וועסט קענען אויך מיט מענטשן דורכפירן דאָס, וואָס דו מאַכסט מיט מאַלפּעס און ים־חזירמלעך. גרייט זיין איז די וויכטיקסטע זאַך, גרייט אין דער רגע — אין וועלכער דער קאָפּ פון מערדער וועט מיט אַ קלאַפּ אין זאַק אַריין אַראָפּפאַלן.

ער איז אויפגעשפּרונגען, אָנגעשפּאַרט זיך אָן טיש און אָנ־געקוקט דעם אַלטן מיט אַ שטייפן און דורכדרינגלעכן בליק. דער געהיימראַט האָט מיט איין אויג אויפגעכאַפּט זיין בליק און אים אָפּגעשלאָגן מיט זיין קרומען שיקל, ווי אַ שמוציקע און קרומע טערקישע שאַבליע וואָלט זיך געקרייצט מיט בויגזאַמען פלאָרעט.

— און דערנאָך, הער קרוב? — האָט ער געזאָגט. — אַז דאָס קינד וועט אויף דער וועלט קומען? וואָס וועט זיין דערנאָך?

דער סטודענט האָט זיך געקווענקלט: פּאַמעלעך, טראָפּנווייז זענען געפאַלן זיינע ווערטער:

— דאַמאָלס — וועלן מיר — אַ כישוף־וועזן האָבן.

זיין שטים האָט שטיל געציטערט. ווייך און קלינגענדיק, ווי באַרירטע סטרונעס.

— דערנאָך וועלן מיר זען, וויפיל אמת עס פאַרמאָגט אין

זיך די אַלטע לעגענדע. מיר וועלן קענען אַריינבליקן אין טיפן לייב פון דער נאַטור.

דער געהיימראַט האָט געעפנט דאָס מויל, אָבער פראַנק ברוין האָט אים איבערגעריסן, איידער ער האָט נאָך געקענט קומען צום וואָרט.

— ס'וועט זיך דאַן אַרויסווייזן, צי ס'עקזיסטירט עפּעס אַזאַ געהיימנישפולעס, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע געזעצן, וואָס מיר קענען. זאָל זיך אַרויסווייזן, אויב דאָס לעבן איז ווערט די גאַנצע טרחה — אויך פאַר אונדז.

— אויך פאַר אונדז, — האָט איבערגעחזרט דער פּראָ־פעסאָר.

פראַנק ברוין האָט געזאָגט:

— יאָ, פעטער יאַקוב, אויך פאַר אונדז! פאַר דיר און פאַר מיר און פאַר די פּאָר הונדערט מענטשן, וועלכע — שטייען אי־בערן לעבן. און וועלכע זענען פונדעסטוועגן געצוווּנגען צו גיין מיטן זעלבן וועג, ווי אַלע סטאַדעס ציִען. — און ער האָט פּלוצ־לינג אוממיטלבאַר אַ פרעג געטון:

— פעטער יאַקוב, גלייבסטו אין גאָט?

דער געהיימראַט האָט אומגעדולדיק געשטאַמלט מיט די ליפּן.

— צי כ'גלייב אין גאָט? — — וואָס האָט עס דאָ פאַר אַ שייכות!

אָבער דער קרוב איז צוגעשטאַנען צו אים, נישט געלאָזט אים לאַנג זיך ישובן:

— ענטפער מיר, פעטער יאַקוב, ענטפער: גלייבסטו אין גאָט?

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום אַלטן און פון אים נישט אַראָפּגעלאָזן זיין בליק.

און דער געהיימראַט האָט געענטפערט:

— וואָס גייט עס דיך אָן יינגל? — מיטן שכל — נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב באַקענט — גלייב איך נישט אין גאָט. נאָר מיטן געפיל — אָבער דאָס געפיל איז אַזאַ נישט פעסטגעשטעלטע זאַך, עפּעס אַזאַ —

— יאָ, יאָ, — האָט אויסגערופן דער סטודענט — מיטן געפיל אַלזאָ —?

דער פּראָפעסאָר האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט און געדרייט זיך אַהין און אַהער אויף זיין שטול.

— נו יאָ — אויב כ׳זאָל זיין אויפריכטיק — טיילמאָל — גאַנץ זעלטן — אין לאַנגע צייט־פּויזעס...

דאַן האָט פראַנק ברוין אַ געשריי געטון:

— אַלזאָ, גלייבסטו, גלייבסטו, הייסט עס, אין איינציקן גאָט! יאָ, כ׳האָב עס גאַנץ גוט געוווּסט, אַלע ברינקענס האָבן געגלייבט, אַלע — אַזש ביז אַראָפּ צו דיר.

ער האָט הויך אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ, פונאַנדערגעצויגן די ליפּן און געוויזן אַ שורה בלאַנקע ציין. און האָט פּאַרטגעזעצט באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט:

— ווערסטו בכן דאָס מאַכן, פּעטער יאַקוב, און ס׳וועט דיר גאָרנישט העלפן. ווייל ס׳איז דיר עפּעס אַזוינס געגעבן געוואָרן, וואָס ווערט נאָר איינעם פון מיליאָנען געגעבן: ס׳איז דיר געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט — צו פּרוּוון גאָט! אויב ער לעבט, דיין גאָט, דאַן מוז ער דיר געבן אַ תשובה אויף דער דאָזיקער פרעכער פראַגע!

ער איז שטיל געבליבן, געגאַנגען מיט גרויסע טריט אַהין און צוריק איבערן לאַנגן זאַל. ער האָט גענומען זיין הוט און צוגעגאַנגען צום אַלטן.

— אַ גוטע נאַכט, פּעטער יאַקוב, — האָט ער געזאָגט — ווּעסטו עס טוּן?

ער האָט אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

אָבער דער אַלטער האָט עס נישט געזען. ער איז געזעסן מיט אַ פֿאַרשטאַרטן בליק און טרויעריק געטראַכט.

— איך — איך ווייס נישט — האָט ער ענדלעך געענט־פֿערט.

פֿראַנק ברוין האָט גענומען דאָס אַלרוינעלע פֿון טיש און עס אַריינגערוקט דעם אַלטן אין די הענט.

זיין שטים האָט געקלונגען בייסנדיק און הויכמוטיק.

— האָסט עס דאָ — בעראַט דיך דערמיט! — אָבער אין דער זעלבער רגע האָט ער געענדערט דעם טאָן. ער האָט שטיל אַ זאָג געטון: — אָ, איך ווייס, אַז דו וועסט עס טון.

ער האָט זיך האַסטיק געלאָזט צו דער טיר, זיך אויסגע־דרייט און נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען.

— איין זאַך נאָך, פּעטער יאַקוב, אויב דו וועסט עס טון אָבער דער געהיימראַט האָט איבערגעריסן:

— כ׳ווייס נישט, צי כ׳וועל עס טון.

— גוט, — האָט געזאָגט דער סטודענט. — כ׳פֿרעג דיך נישט וועגן דעם. — נאָר אין פֿאַל, אויב דו וועסט עס האַלטן באַ טון — ווילסטו מיר עפּעס צוזאָגן?

— וואָס אַזוינס? — האָט געפֿאָרשט דער פּראָפֿעסאָר.

ער האָט געענטפֿערט:

— זאָלסט נישט איינלאַדן — די פֿירשטין אַלס צוזעערין!

— פֿאַרוואָס דען? — האָט געפֿרעגט דער געהיימראַט. און פֿראַנק ברוין האָט געזאָגט ווייך און זייער ערנסט:

— ווייל — די דאָזיקע זאַך איז צופֿיל — הייליק.

דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען.

* *

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז און דורכגעשניטן דעם ברייטן הויף. דער דינער האָט אים געעפנט דאָס טויער און עס מיט רעש צוריק פאַרמאַכט הינטער אים. פראַנק ברוין איז אַרויס אויף דער גאַס, אָפּגעשטעלט זיך בײַ דער הייליקער פיגור און זי פאַרשנדיק באַטראַכט.

— אָ, ליבער הייליקער, — האָט ער געזאָגט, — מען ברענגט דיר בלומען און פרישן אייל פאַר דיינע לעמפּלעך. אָבער נישט דאָס דאָזיקע הויז, וואָס האָט דיר אַ ווינקל אָפּגעגעבן, זאָרגט פאַר דיר: דאָ שעצט מען דיך העכסטנס אַלס אַן אַלטערטימלעך חפץ. עס איז גוט פאַר דיר, וואָס די מענטשן גלייבן נאָך אין דיין כוח.

און שטיל אונטערברומענדיק, האָט ער געזונגען:

„יאָהאַן פון נעפּאָמוק;
זיי אונדז מציל פון געוויסער,
באַשיץ אונדזער הויז!
פאַר אַ מבול זאָלסטו עס היטן.
לאָז דאָס וואַסער אַנדערשוווּ פליסן
יאָהאַן פון נעפּאָמוק.
באַשיץ אונדזער הויז!"

— אַך, אַלטער געץ, — האָט ער פאָרטגעזעצט, — דיר איז לייכט צו פאַרהיטן דאָס דאָזיקע דאָרף פון אַ געוויסער — וועלכעס ליגט דריי פערטל שעה ווייט פון רהיין, און פון זינט דער רהיין איז אַזוי פיין רעגולירט געוואָרן און פליסט צווישן שטיינערנע מויערן. — אָבער פרווו נאָר, דו פרומער נעפּאָמוק, אָפּצוראַטעווען דאָס דאָזיקע הויז פון אַ מבול, וואָס וועט עס איצט פאַר-

בלייצן! זע, איך האָב דיך ליב, דו שטייגערנער הייליקער, ווייל דו ביסט דער פּאַטראָן פון מיין מוטער: יאָהאַנאַ נעפּאָמוצענאַ הייסט זי — און האָט נאָך מיט אַ צונאָמען הובערטינאַ, וואָס שיצט פאַר אַ ביס פון אַ משוגענעם הונט. צי געדענקסטו, ווי זי איז גע־קומען אויף דער וועלט אין דאָזיקן הויז, און טאַקע אין טאָג, וועלכער איז פאַר דיר געהייליקט געוואָרן? און דעריבער טראָגט זי דיין נאָמען, יאָהאַן פון נעפּאָמוק! און ווייל איך האָב זי ליב, מיין הייליקער, וויל איך — צוליב איר — דיך וואָרענען.

דאָרט אין יענעם הויז, זיי־זשע וויסן, איז היינט באַנאַכט אַריין אַן אַנדערער הייליקער — אַן אמתדיק אומהייליקער אייגנטלעך. אַ קליין מענטשל, נישט אויס שטיין, ווי דו, און נישט אַזוי שיין אָנ־געטון אין אַ געפּעלבלט מלבושל, ווי דו — גאָר אויס האָלץ איז עס און יעמערלעך נאַקעט. אָבער אַלט איז עס, ווי דו, נאָך על־טער אפשר, און מען זאָגט, אַז ס'פאַרמאָגט אַ וווּנדערלעכן כּוח. פּרווו־זשע, הייליקער נעפּאָמוק, באַווייז דיינע כּוחות! איינער פון אייך מוז פאַלן, דו, אָדער יענער מענטשל. זאָל זיך אַנטשיידן, ווער ס'זאָל בלייבן האַר איבערן הויז פון די בריקנקעפּ. ווייז־זשע אַרויס, הייליקער, וואָס דו קענסט.

פראַנק ברוין האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך איבער־געצלמט. ער האָט זיך קורץ צעלאַכט און איז מיט שנעלע טריט אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס. ער איז אַרויס אין פעלד און אַריינצינענדיק מיט דער פולער ברוסט די פרישע לופט פון דער נאַכט, האָט ער געשפּאַנט ווייטער אין שטאָט אַריין. ערשט אין די אַלעען, אונטער די בליענדע קאַשטנבביימער האָט ער פאַרקלענערט די טריט.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך און שטיל אונטערגעברומט אַ לידל.

פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן, זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע

און באַלד זיך אומגעקערט. ער האָט זיך שנעל אַראָפּגעדרייט לינקס אויפֿן ברייטן בוימשולער־וועג. ער איז געבליבן שטיין, זיך אומגעקוקט אויף ביידע זייטן. ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דער נידעריקער מויער און איז אַריבערגעשפרונגען אויף דער צווייטער זייט. ער איז שנעל געלאָפן דורכן שטילן גאָרטן צו אַ ברייטער רויטער ווילע צו.

דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ בליק אַרויף און צעגויפגעלייגט די ליפּן. און זיין ווילדער, קורצער פייף האָט אָפּגעהילכט אין דער נאַכט צוויי, דריי מאָל דורכאַנאַנד.

ערגעץ־ווו האָט זיך צעבילט אַ הונט. אָבער איבער אים האָט זיך געעפנט אַ פענסטער און אין אַ ווייס נאַכט־קלייד האָט זיך באַוויזן אַ בלאָנדע פרוי.

איר קול האָט געפליסטערט אין דער פינסטער:

— דו ביסט עס?

און ער האָט געענטפערט:

— יאָ, יאָ!

זי איז שנעל פארשוואונדן אין דער טיף פון צימער און באַלד צוריקגעקומען. זי האָט עפּעס איינגעוויקלט אין אַ טיכל און עס אַרונטערגעוואָרפן.

— נאַדיר, ליבער, אָט האָסטו דעם שליסל! — אָבער זיי פּאָרזיכטיק, זאָלסט די עלטערן נישט איבערוועקן.

פראַנק ברוין האָט גענומען דעם שליסל, איז אַרויף אויף די מאַרמאָרנע טרעפּלעך און געעפנט די טיר, און בעת ער איז אַרויפגעגאַנגען, שטיל און פאָרזיכטיק טאַפּנדיק אין דער פינסטער, האָט אויף זיינע ליפּן געציטערט דאָס לידל:

„יאָהאַן פון נעפּאָמוק,
אונדזער מציל פון געוויסער,
באַשיץ מיך פאַר ליבע!

זאָלן אַנדערע משוגע פון ליבע ווערן,
מיר לאָז מיין רו אויף דר'ערד נישט שטערן.
יאָהאַן פון נעפּאָמוק,
באַשיץ מיך פון ליבע!

דאָס פערטע קאַפּיטל

װעלכעס דערצײלט, װי אַזױ מ'האָט געפונען אַלדרױנעס מוטער.

פראַנק ברױן איז געזעסן אין פעסטונג, אױבן, אױפן באַרג עהרענברײטשטײן. ער איז שױן דאָרט געזעסן צװײ חדשים און האָט נאָך געהאַט דרײ אָפּצוזיצן, אין משך פון גאַנצן זומער. און דאָס אַלץ דערפאַר, װײל ער האָט אױסגעשאָסן אַ לאָך אין דער לופט און זײן קעגנער אױך דאָס אײגענע.

ער האָט זיך געלאַנגװײליקט.

ער איז געזעסן אױפן ראַנד פון דעם ברונעם, פון אונטער װעלכן ס'האָט זיך געצױגן אַ משופּעדיקער פעלז צום רהײן אַראָפּ. ער איז געזעסן מיט אַראָפּגעהאָנגענע פיס, ערגעץ װײט פאַרקוקט און געגעגנעצט. און פונקט דאָס אײגענע האָבן געטון זײנע דרײ חברים; קײנער האָט נישט גערעדט קײן װאָרט.

זײ האָבן געטראָגן לאַנגע דרײלבענע קורטקעס, װעלכע זײ האָבן אָפּגעקױפט בײַ די זעלנער. זײערע משרתימלעך פלעגן זײ הײסן זיך אױפמאָלן אױף די פלײצעס ריזיקע, שװאַרצע ציפערן. דאָס האָט געדאַרפט באַדײטן די נומערן פון זײערע קאַמערן. צװײ,

זעכצען און זעקס. פראַנק ברוין האָט געהאַט דעם נומער זיבן.

דערנאָך איז אָנגעקומען אַ קאָמפּאַניע באַזוכער, ענגלענדער און ענגלענדערינס, געפירט דורך אַ סערזשאַנט פון דער וואך. ער האָט זיי געוויזן די אָרימע אַרעסטאַנטן מיט די גרויסע ציפערן, וועלכע זענען דאָרט אַזוי באַטריבט געזעסן; דאָס האָט זיי שטאַרק גערירט. און מיט זייער אַך! און אַך! האָבן זיי געפרעגט דעם סערזשאַנט, צי זיי וואָלטן נישט געקענט עפּעס אַ נדבה שענקען די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן?

— דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן — האָט ער געזאָגט, — ער טאָר אַזוינס נישט זען. — אָבער אויס גרויס מיטלייד אין האַרץ, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס און דערקלערט וועגן דער געגנט. דאָרט ליגט קאָבלענץ, און ווייטער אַהינצו נויוויד. און דאָרט אונטן באַם רהיין.—

דערווייל זענען אונטערגעקומען די דאַמען, די אָרימע אַרעסטאַנטן האָבן אויסגעשטרעקט די הענט הינטן אַרום און געהאַלטן זיי האַרט אונטער די נומערן. דאָרט אַהין זענען אַריינגעפאַלן: געלט, פּאַפּיראָסן, טאַבאַק, אַמאָל אויך אַ וויזיט-קאַרטל מיט אַן אַד-רעס.

דאָס איז געווען אַ פאַרוויילונג, וואָס פראַנק ברוין האָט אויס-געטראַכט און איינגעפירט דאָ אויפן באַרג.

— דאָס איז אייגנטלעך דערנידעריקענד, — האָט באַמערקט נומער פערצען. דאָס איז געווען דער ריטמייסטער באַראָן פלעכט-היים.

— ביסט אַ אידיאָט, — האָט געזאָגט פראַנק ברוין. — דער-נידריקענד איז נאָר דאָס, וואָס מיר האַלטן זיך פאַר אַזעלכע פאַר-נעמע לייט, אַז מיר גיבן אַלץ אַוועק די אונטעראָפיצירן און פאַר זיך אַליין לאָזן מיר גאָרנישט איבער. ווען די ענגלישע פּאַפּיראָסן וואָלטן ווייניקסטנס נישט געווען אַזוי שטאַרק אָנפּערפומירט —

ער האָט באַקוקט דעם רויב — אָ, ווידער אַ פונט־שטיק! דער סערזשאַנט וועט זיך פרייען. — גאָט מייַנער, ס'וואָלט מיר אַליין צונויף געקומען!

— וויפיל האָסטו נעכטן פאַרשפּילט? — האָט געפרעגט דער נומער צוויי.

פראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט.

— באַ. מיין גאַנצן טשעק, וועלכער איז אינדערפרי אָנגעקומען. און אַ חוץ דעם נאָך עטלעכע ערן־אונטערשריפטן אויף בלויע פּאַפּירלעך, צו אַלדע טייוול!

נומער זעקס איז געווען אַ יונגינקער כאַראַנזשע, אַ ייִנגל. וואָס האָט אויסגעזען ווי בלוט און מילך. דער האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— איך האָב אויך אַלץ געפּטרט.

— נו, מייַנסטו אפשר, אַז אונדז איז בעסער געגאַנגען? — האָט אַ נאָס געטון דער נומער פערצן. און ווען משטעלט זיך פאָר, אַז די דאָזיקע דריי הולטייעס לאָזן זיך איצט אין פּאַריז ווילגיין פאַר אונדזער געלט! — ווי לאַנג, מייַנסטו, וועלן זיי דאָרט בלייבן?

דר. קלאַווריאַן, פלאַט־דאָקטאָר, תפיסה־אַרעסטאַנט נומער צוויי האָט געזאָגט:

— איך רעכן, אַז דריי טעג, לענגער וואָלטן זיי נישט געקענט אומבאַמערקטערהייט בלייבן, און זיי וואָלטן אויך לענגער מיטן געלט נישט אויסגעקומען.

דאָס זענען געווען די נומערן פיר, פינף און צוועלף. זיי האָבן די לעצטע נאַכט נישקשהדיק געווונען און זענען באַלד אינדערפרי אַראָפּגעקראָכן פון באַרג, כדי מיטן ערשטן מאָרגן־צוג צו פאָרן קיין פּאַריז, אַ ביסל אויסצוגלייכן די בייַנער — ווי דאָס האָט אין ציטאַדעל געהייסן.

— וואָס וועלן מיר טון הייַנטיקן זונטיק נאָכמיטאָג? — האָט געפרעגט דער נומער פערצן.

— שטרענג דיר איינמאָל אַליין אָן דיין טעמפּן קאָפּ! —
האָט אויסגעשריגן פראַנק בּרוין צום ריטמייסטער. ער איז אַראָפּ־געשפּרונגען פון דער מויער און איז דורכגעגאַנגען דורך דעם קאַ־שאַרן־הויף און אַריין אין אָפיצירישן גאָרטן. ער איז געווען בּייז און האָט הויך געפּייפט.

נישט צוליבּן פאַרלוסט אין שפּילן — דאָס האָט אים שוין אַזוי אָפט געטראָפן און אים כּלל נישט באַטריבּט. אָבּער דער אומ־גליקל עכּר אויפהאַלט דאָ אויפן באַרג, אין דער דאָזיקער איינ־טאָניקייט איז געווען נישט צום איבּערטראָגן. די פאָרשריפטן פון פעסטונג זענען געווען, וואָס אָן אמת, גאַנץ לייכטע און עס איז נישט געווען קיין איינער, וואָס די הערן אַרעסטאַנטן זאָלן אים נישט האָבּן עובר געווען. זיי האָבּן געהאַט אָן אייגענע קאַסינאָ דאָ אויבּן, אין וועלכן עס האָבּן זיך געפונען אַ פאַרטעפּיאַן און אַ האַרמאָניע; זיי האָבּן דאָרט געהאַלטן אַ צוויי טוץ צייטונגען. יעדער האָט גע־האַט אַ באַדינער און אַלס קאַמער אַ גרויס חדר — כּמעט אַ זאַל, פאַר וועלכן זיי פלעגן צאָלן דער רעגירונג דירה־געלט אַ פעניק טעגלעך. זיי האָבּן זיך געהייסן ברענגען מיטאָגן פון דעם בּעסטן רעסטאָראַן אין שטאָט, און זייער וויין־קעלער האָט זיך געפונען אין דער בּעסטער אָרדנונג. נאָר איין חסרון איז דאָרט געווען — מען האָט נישט געטאָרט די טיר פון צימער צומאַכן פון אינעווייניק. דאָס איז געווען דער איינציקער פונקט, אין וועלכן די קאָמענ־דאַנטור איז געווען זייער שטרענג; זינט דעם זעלבּסטמאָרד, וואָס עס איז אַמאָל פאָרגעקומען, איז יעדער פּרווו אָנצושלאָגן אינעווייניק אַ ריגל באַלד לכתחילה דערשטיקט געוואָרן.

— דאָס זענען „פולשטענדיקע קרעטינען,‟ — האָט געטראַכט פראַנק בּרוין, — פונקט, ווי מען וואָלט אָן אַ ריגל נישט געקענט בּאַגיין קיין זעלבּסטמאָרד.

דער דאָזיקער ריגל, וואָס האָט געפעלט, האָט אים יעדן טאָג

געפייניקט און האָט אים צעשטערט די פרייד פון דאָזיין. ווייל אויף אַזאַ אופן איז געווען אוממעגלעך אַליין צו זיין אין פעסטונג. ער האָט צוגעבונדן די טיר מיט שטריק און מיט קייטן, פאַרבאַריקאַדירט י מיט זיין בעטל און מיט אַנדער מעבל, עס האָט גאָרנישט זעהאָלפן; נאָך אַ צווייטעהדיקן קאַמף איז אַלץ געוואָרן צעקלאַפּט און צעוואָרפן, און די גאַנצע געזעלשאַפט איז שוין געשטאַנען טריומפירנד אין זיין צימער.

אָ, די דאָזיקע געזעלשאַפט! — יעדער באַזונדער איז זיך געווען אַ גאַנץ סאָלידער, פיינער און גוממוטיקער יונגערמאַן — יעדער פאַר זיך איז געווען אַזוינער, מיט וועלכן מען האָט גע-קענט — באַזונדער — פלוידערן אַ האַלבע שעה, נאָר אַלע צוזאַמען זענען געווען אומדערטרעגלעך. נאָר דער דאָזיקער „קאָממענט" האָט זיי אַלעמען דערהרגעט, דער דאָזיקער ווילדער צונויפמיש פון אַ אָפיצירישער און סטודענטישער געזעלשאַפט, צוגעפּוצט נאָך מיט עטלעכע ספּעציפישע שטותערייען פון דער פעסטונג. מען האָט געזונגען, געטרונקען און געשפּילט טאָג-איין, טאָג-אויס, נאַכט-איין, נאַכט-אויס. און צו דעם אַלעמען: אַ פּאָר מיידלעך, וואָס מען האָט אויבן פון שטאָט אַרויפגעשלעפּט און דאָס אַרויסגעגעבענען זיך אויף אַ נאַכט-שפּאַציר אין שטאָט — דאָס זענען געווען די העלדישע מעשים.

און מען האָט אויך ווענן עפּעס אַנדערש נישט גערעדט.

די, וואָס זענען אויבן צום לענגסטן געזעסן, זענען געווען די ערגסטע, איינגאַנצן שוין צעלאָזט פונם אייביקן דרייען זיך אין דאָזיקן רעדל. דר. בערמילער, וועלכער האָט דערשאָסן זיין שוואָגער און איז שוין דאָ אויבן צוויי יאָר געזעסן: און זיין שכן, דער דראַגון-אָפיציר, גראַף פאָן וואַלענדער, האָט נאָך מיט אַ האַלב יאָר מער געבאָסן אויבן פון דער פרישער לופט. און די נייע, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען, האָבן שוין נאָך איין וואָך

געקענט די דאָזיקע גאַנצע תּורה. ווײַל ס'איז געווען צום רויסטן און ווילדסטן — פֿאַר דעם האָט מען געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ.

פֿאַר פֿראַנק ברוין האָט מען געהאַט רעספּעקט. ער האָט באַלד אויפֿן צווייטן טאָג פֿון זײַן אָנקומען פֿאַרמאַכט דעם פֿאַר־טעפּיאַן אויפֿן שליסל, ווײַל ר'האָט נישט געוואָלט לענגער הערן דאָס מיאוסע „פֿרילינגס־ליד" פֿון ריטמייסטער. ער האָט צוגענומען דעם שליסל אין טאַש און האָט אים שפּעטער אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די פֿעסטונגס־וואַלן. ער האָט אויך מיטגעבראַכט מיט זיך פּיסטאָ־לעטן און געשאָסן דעם גאַנצן לאַנגן טאָג. און טרינקען האָט ער געקענט און זידלען זיך גלייך מיט זיי אַלע.

אייגנטלעך איז ער צופֿרידן געווען מיט די עטלעכע זומער־דיקע חדשים אין פֿעסטונג.

ער האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך גאַנצע פּעק ביכער: נײַע פּענעס און פֿריש פּאַפּיר. ער האָט גערעכנט, אַז ער וועט דאָרט קענען אַרבעטן. ער האָט הנאה געהאַט פֿון דער דאָזיקער געצוווּנ־גענער איינזאַמקייט. אָבער ער פֿלעגט קיין איין ביכל נישט עפֿע־נען און קיין שום בריוו שרײַבן. ער איז געוואָרן אַרײַנגעצויגן אין דאָזיקן ווילדן, קינדישן רעדל, וועלכעס האָט אים געעקלט. און האָט עס פֿונדעסטוועגן כּסדר מיטגעמאַכט. ער האָט פֿײַנט געהאַט אַלע זײַנע חברים צוזאַמען און יעדן באַזונדער.

ס'איז אַרײַנגעקומען זײַן דינער און געזאָגט סאַלוטירנדיק:

— אַ בריוו, הער דאָקטאָר.

— אַ בריוו? זונטיק נאָכמיטאָג?

ער האָט אים צוגענומען פֿון זעלנערס האַנט. דאָס איז גע־ווען אַ בריוו, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן שליח ער האָט דערקענט דאָס דינע כּתב פֿון זײַן פֿעטער.

— פֿון אים? וואָס קען ער פֿון אים פּלוצלינג פֿאַרלאַנ־

גען? — און ער האָט געוויזן דעם בריוו אויף דער האַנט — ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צוריקצושיקן דעם בריוו נישט געעפנטערהייט. וואָס איז אים דען אָנגעגאַנגען דער דאָזיקער אַלטער פּראָפעסאָר?!

יאָ, דאָס איז געווען דער ערשטער סימן פון לעבן, וואָס ר'האָט פון אים דערהאַלטן, פון זינט דער צייט, וואָס ר'איז מיט אים געפאָרן קיין לענדעניך, — נאָך דעם באַל בײַ די גאָנטראַמס, ווען ר'האָט זיך באַמיט אים איינצורעדן, אַז ר'זאָל באַשאַפן אַן אַלרויניש ווען. דאַמאָלס — פּאָר צוויי יאָר.

אָ, ווי לאַנג דאָס איז שוין.

ער האָט זיך שוין געהאַט איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדערן אוניווערסיטעט, באַלייגט זיינע עקזאַמענעס אין דער צייט און איז איצט געזעסן אין קליינעם לאַטערינגישן לאַך — און ער איז געווען טעטיק אַלס רעפערענט. טעטיק? — בײַ, ער האָט ווייטער געפירט דאָס זעלבע לעבן, ווי אין דער הויכשול! ער האָט נושא חן געווען בײַ פרויען און בײַ די אַלע, וואָס האָבן ליב געהאַט אַ צעלאָזן לעבן און ווילדע דרכים.

ס'האָבן אָבער זייער נישט געהאַט קיין נחת פון אים זיינע עלטסטע, אָ יאָ, ער פלעגט אַמאָל אַרבעטן פון צייט צו צייט — אַזוי פאַר זיך. אָבער דאָס פלעגט זיין אַזוינס, וואָס זיי פלעגן האַלטן פאַר אַ גראָבן חטא.

ווען ער האָט נאָר געקענט, פלעגט ער אַנטרינען ווערן קיין פּאַריז. ער האָט זיך בעסער געפילט אינדערהיים אין „בוט סאַקרע", ווי אין געריכט. און האָט נישט געוווסט, ווהין דאָס אַלץ פירט.

ס'איז זיכער געווען, אַז ער וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין יוריסט, אַדוואָקאַט, ריכטער, אַדער אַן ענלעכער באַאַמטער. נאָר וואָס האָט ער געזאָלט טון? האָט ער געלעבט פון איין טאָג אויפן צווייטן און געמאַכט פרישע חובות.

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין האַנט דעם בריוו, וועלכן ר'איז געווען בייגעריק אויפצורייסן, און פונדעסטוועגן שטאַרק חשק געהאַט אים אָפּצושיקן צוריק, אַזוי ווי ר'איז געווען — אומגעעפנ־טערהייט. אַלס פאַרשפּעטיקטע תשובה אויף אַן אַנדערן בריוו, וואָס דער פעטער האָט צו אים געשריבן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק.

דאָס איז געווען קורץ נאָך יענער נאַכט, ווען ער איז מיט נאָך פינף אַנדערע סטודענטן דורכגעריטן האַלבער נאַכט דאָס דאָרף, צוריקוועגס פון אַן אויספלוג אין די בערג. און צוליב אַ מאָמענ־טאַלן אַנפאַל פון אַ גוטער שטימונג, האָט ער אַלע פאַרבעטן אויף אַ נאַכט־סעודה אין הויז פון טען ברינקען.

זיי האָבן אָפּגעריסן דאָס גלעקל, געמאַכט קולות, געקלאַפּט און געפויקט אין אייזערנעם געשמידטן טויער. זיי האָבן געמאַכט אַזעלכע משונהדיקע יעלות, אַז דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך צונויפ־געלאָפן. דער געהיימראַט איז געהאַט אוועקגעפאָרן, אָבער דער דינער האָט זיי, אויפן באַפעל פון דעם קוזין, אַריינגעלאָזט אַהין. זיי האָבן אַוועקגעפירט די פערד אין שטאַל אַריין און פראַנק ברוין האָט געהייסן אויפוועקן די דינערשאַפט. ער האָט געהייסן צוגרייטן אַ גרויסע סעודה און האָט אַליין אַרויפגעבראַכט די בעס־טע וויינען פון פעטערס קעלער. זיי האָבן געבאַלעוועט און געטרונ־קען, געזונגען און זיך אַרומגעיאָגט איבערן גאַנצן הויף און גאָרטן געטומלט, געהיילט און צעקלאַפּט אַלצדינג, וואָס ס'איז זיי נאָר אונ־טער די הענט געקומען. ערשט פאַרטאָג זענען זיי אַוועקגעפאָרן, לאַרמענדיק, היילנדיק און הענגענדיק אויף זייערע שקאַפּעס, טייל, ווי די ווילדע קאָזאַקן, די איבעריקע, ווי זעק מעל.

— די יונגע הערן האָבן זיך אויפגעפירט, ווי די חזירים. — האָט אַלויזי אָפּגעגעבן אַ באַריכט דעם געהיימראַט.

אָבער נישט דאָס איז עס געווען, וואָס עס האָט דעם געהיימ־

ראַט אַזוי אויפגערעגט: דערויף וואָלט ער אפילו קיין וואָרט נישט גערעדט. אָבער אויפן קרעדענס זענען געלעגן זעלטענע עפּל, פּריש אָפּגעריסענע נעקטאַרינען, באַרנעס און מאַרעלן פון זיין אָראַנזשעריע. איידעלע פּרוכטן מיט זעלטענער מי אויסגעהאָדעוועטע. ערשטלינגען פון די נייע ביימער זענען געלעגן אין וואַטע אויף גאָלדענע טעלערס, כדי זיי זאָלן צייטיקן. אָבער די סטודענטן האָבן נישט געהאַט קיין שום פּיעטעט פאַר די דאָזיקע ליבלינגס־זאַכן פון פּראָפעסאָר און זענען אָן שום רעספּעקט אָנגעפאַלן דערויף. זיי האָבן זיי אַרויסגעריסן, און דערנאָך, זעענדיק, אַז זיי זענען האַלב נישט צייטיק, האָבן זיי זיי צוריק אַנידערגעוואָרפן. אָט דאָס האָט אים פאַרדראָסן.

ער האָט אָנגעשריבן דעם קוזין אַ פאַרביטערטן בריוו, אַז ער זאָל נישט וואַגן מער די שוועל פון זיין הויז איבערצוטרעטן.

פראַנק ברוין ווידער איז געווען טיף געטראָפן דורך דעם בריוו, וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר אַ נישטיקע קליינלעכקייט.

— אָך, ווען דער בריוו, וואָס מ'האָט איצט דערהאַלטן, וואָלט אים געטראָפן דאָרט, וווהין ער איז געבראַכט געוואָרן, אין מעטץ, אָדער אפילו אין מאָנטמאַרטר — וואָלט ער זיך נישט געווען געישובט קיין איין מינוט און אים צוריקגעשיקט.

דאָ אָבער — דאָ — אין דער עקלדיקער לאַנגווייליקייט פון דער פעסטונג.

ער האָט זיך דעצידירט:

— יעדנפאַלס איז דאָס אַ שטיקל צייט־פאַרטרייב — האָט ער געמורמלט.

ער האָט געעפנט דעם בריוו.

דער פעטער גיט אים צו וויסן, אַז נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט ער באַשלאָסן צו גיין אין דער ריכטונג פון דעם געדאַנק,

וואָס זיין קוזין האָט אים דאַמאָלס געגעבן. ער האָט שוין אפילו א פּאַסיקן קאַנדידאַט אַלס פּאַטער. די רעוויזיע פון פּראָצעס פון מער־דער און רויבער נעריססען איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן, מ'קען זיך אַלזאָ ריכטן, אַז די בקשה וועגן באַגנעדיקונג וועט אויך נישט האָבן קיין דערפאָלג. ער זוכט אַלזאָ די מוטער. וואָס אַן אמת, האָט ער שוין געמאַכט עטלעכע פּרוּוון אין דער דאָזיקער ריכטונג, אָבער זיי האָבן אַרויסגערופן אַ דורכויס נעגאַטיוון רעזולטאַט. עס דאַכט זיך אים, אַז ס'וועט פונדעסטוועגן נישט זיין אַזוי לייכט דאָס אַנט־שפּרעכנדיקע צו געפינען.

אָבער די צייט לויפט אַדורך, און ער פרעגט דעריבער זיין קוזין, צי וואָלט ער נישט געווען גרייט אים אין דער דאָזיקער אָנ־געלעגנהייט צו העלפן.

פראַנק ברוין האָט אויסגעגלאָצט די אויגן אויפן דינער:

— צי איז דער בריוועטרעגער נאָך דאָ? — האָט ער גע־פרעגט.

— לויטן באַפעל, הער דאָקטאָר, — האָט געמאָלדן דער זעלנער.

— זאָג אים, אַז ער זאָל וואַרטן און נאַדיר, גיב אים דאָס פאַרן וועג.

ער האָט אַרומגעזוכט אין די טאַשן און ענדלעך געפונען איין מאַרק. מיטן בריוו אין דער האַנט האָט ער געאיילט אין דער תפיסה אַריין. אָבער ער האָט קוים באַוויזן צוצוקומען צום קאַזאַר־מע־הויף, ווי עס איז אַרויס אַנטקעגן אים דעם פעלדוועבעלס פרוי מיטן שליח.

— אַ דעפּעשע פאַר אייך! — האָט זי אויסגערופן.

— דאָס איז געווען פון דר. פּעטערסען, דער אַסיסטענט פון געהיימראַט. זי האָט געלייענט אַזוי:

„זיין עקסעלענץ ווילט פון אייערנעכטן אָן אין בערלין.

רוימישער האָטעל. מיר וואַרטן אויף באַלדיקער תשובה, ביז איר קומט. האַרציקע גריסן".

זיין עקסעלענץ? הייסט עס, אַז זיין פעטער איז געוואָרן אַן עקסעלענץ. און דערפאַר איז ער געווען אין בערלין. — אין בערלין — אַך, אַ שאָד כ'לעבן, ער וואָלט פיל ליבער געפאָרן קיין פאַריז, דאָרט וואָלט אַ סך לייכטער געווען עפּעס צו געפינען, און דערצו עפּעס בעסערס —

אַלציינס, זאָל שוין זיין בערלין. יעדנפאַלס איז עס אַ געוויסע הפסקה אין דער דאָזיקער איינטאָניקער פוסטקייט.

ער האָט זיך אַ ווײַלע געיִשובֿט. ער מוז נאָך הײַנט אין אָוונט אַרויספאָרן. אָבער — ער האָט נישט קיין פעניק צומאָל. זיינע קאָלעגן האָבן אויך גאָרנישט.

ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן פעלדפעבעלס פּרוי.

— פּרוי פעלדפעבלין — האָט ער אָנגעהויבן — אָבער ער האָט זיך איבערגעלייגט, אַז דאָס גייט נישט. און ער האָט פאַרענדיקט: — כ'בעט אייך, גיט דעם שליח טרינק־געלט און פאַרשרייבט עס אויף מיין חשבון.

ער איז אַוועק צו זיך אין צימער, געהייסן דעם דינער פאַרפּאַקן זיין האַנט־קײַשל, עס אַוועקטראָגן גלייך צום באַנהויף און דאָרט אויף אים וואַרטן. דערנאָך איז ער אַראָפּ אונטן.

אין דער טיר איז געשטאַנען דער פעלדפעבעל, דער משגיח פון דער תפיסה און פאַרבראָכן מיט די הענט:

— איר אויך, הער דאָקטאָר, איר ווילט אויך אַוועקפאָרן? — האָט ער געיאָמערט — און דאָ זענען שוין דריי הערן אין וועג — אין פאַריז — אין אויסלאַנד! גאָט מיינער, דאָס וועט זיך זייער שלעכט ענדיקן! און דאָ וועל איך אַרייַנפאַלן, איך אַליין — ווייל איך טראָג די אחריות.

— נו, אַזוי שלעכט וועט נאָך נישט זיין, — האָט געענטפערט

פראַנק ברוין, — איך פאַר אַוועק נאָר אויף עטלעכע טעג, און יע־נע הערן וועלן זיכער אין פאַרלויף פון דער צייט צוריקקומען.

דער פעלדוועבעל האָט זיך ווייטער באַקלאָגט:

— דאָ גייט נישט וועגן מיר. איך וועל זיכער גאָרנישט זאָגן! אָבער אַנדערע, וואָס זענען מיך מקנא. און גראָד האָט היינט די וואַך דער סערזשאַנט, וועלכער —

— דער וועט שוין האַלטן דאָס מויל! — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — ער האָט נישט לאַנג פון אונדז באַקומען איבער דרייסיק מאַרק — אַ באַרמהאַרציקע נדבה פון ענגלענדערינס — איבעריקנס פאָר איך קיין קאָבלענץ אין קאָמענדאַנטור, בעטן אור־לויב. — זענט איר שוין איצט צופרידן?

אָבער דער אויפזעער איז כּלל נישט צופרידן געווען:

— וואָס? אין דער קאָמענדאַנטור? — אַבער, הער דאָקטאָר, איר האָט דאָך נישט קיין אורלויב, כּדי פונדאַנען אַראָפצוגיין אונטן אין שטאָט. און איר ווילט גאָר אין דער קאָמענדאַנטור?

פראַנק ברוין האָט געלאַכט:

— יאָ טאַקע אַהין! — כ'מוז דעם קאָמענדאַנט אָנצ״ען, ער זאָל מיר באָרגן געלט אויף דער נסיעה.

דער פעלדפעבעל האָט שוין גאָרנישט גערעדט, אַפילו זיך נישט גערירט און איז געשטאַנען אינגאַנצן פאַרשטיינט מיט אַן אָפן מויל.

— גיב מיר צען פעניק, זשאָרזש — האָט פראַנק ברוין גע־זאָגט צו זיין דינער, — אויף בריק-געלט!

ער האָט גענומען פון זיין דינער די מטבעה, און איז שנעל אַדורכגעגאַנגען דעם הויף און דעם אָפיצירישן גאָרטן און פון דאָרט אַוועק אויף די וואַלן. ער האָט אַרויסגעקלעטערט אויף דער מויערן אָנגעכאַפּט פון דער צווייטער זייט אַ צווייג פון אַ ריזיקער אָסינע און זיך אַראָפּגעלאָזט איבער איר שטאַם אויף אַ ריזיקן פעלז, און

קלאַמערנדיק זיך כּסדר אָן די געדיכטע צווייגן, איז ער פון איר ענדלעך אַראָפּגעקראָכן.

אין משך פון צוואַנציק מינוט איז ער שוין געווען אונטן. דאָס איז געווען דער וועג, וועלכן זיי פלעגן געוויינטלעך געברויכן, בשעת זייערע נאַכט-אויספלוגן.

ער איז געגאַנגען לענגאויס דעם רהיין ביז דער בריק, און דערנאָך אויף דער צווייטער קיין קאָבלענץ. ער איז געקומען אין דער קאָמענדאַנטור, האָט זיך דערוווּסט דעם אַדרעס פון גענעראַל און שנעל אַוועק אַהין. ער האָט אַוועקגעגעבן זיין וויזיט-קאַרטל און געהייסן זאָגן, אַז ער איז געקומען וועגן אַ זייער דרינגענדן ענין.

דער גענעראַל האָט אים אויפגענומען, האַלטנדיק זיין קאַרטל אין האַנט.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?

פראַנק בראון האָט געזאָגט:

— דערלויבט, עקסעלענץ, איך בין אַ געפאַנגענער פון פעסטונג.

דער אַלטער גענעראַל האָט אַ קוק געטאָן אויף אים אומגעדולדיק, ווייזט אויס אומצופרידן, וואָס מ׳האָט אים געשטערט.

— און וואָס פאַרלאַנגט איר? — ווי אַזוי האָט איר זיך איבערהויפּט אַהערגעקריגן אין שטאָט אַריין? האָט איר אורלויב?

— יאָ, עקסעלענץ — האָט געזאָגט פראַנק בראון „אורלויב אין דער קירך".

ער האָט געלייכנט, אָבער ער האָט גוט געוווּסט, אַז דער גענעראַל וויל האָבן עפּעס אַן ענטפער.

— איך בין געקומען בעטן אייער עקסעלענץ וועגן אַ דרייטאָגיקן אורלויב. מיין פאָטער האַלט ביַים שטאַרבן.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס גייט מיך אָן אייער פעטער? פּולקאָם אויסגעשלאָסן! איר זיצט נישט דאָרט אויבן פאר אייער תענוג וועגן, נאָר דערי־בער, ווייל איר האָט עובר געווען אויף דעם געזעץ פון דער רע־גירונג, איר פאַרשטייט? אויף אַזאַ אופן וואָלט מיר דאָ יעדער געקענט קומען מיט גוססדיקע פעטערס און מומעס! אויב דאָס זע־נען ווייניקסטנס נישט קיין עלטערן, זאָג איך פּרינציפּיעל אָפּ אַזעל־כע אורלויבן.

— איך דאַנק געהאָרכזאַם, עקסעלענץ, — האָט געענטפערט פראַנק ברוין, — כ׳וועל גלייך דעפּעשירן מיין פעטער, זיין עקסע־לענץ, געהיימראַט פּראָפעסאָר טען ברינקען, אַז זיין איינציקן שוועס־טערנזון איז ליידער, נישט דערלויבט צו איילן צו זיין טויטנבעט, כדי אים צו קענען פאַרמאַכן זיינע מידע אויגן.

ער האָט זיך פאַרנייגט, געמאַכט אַ באַוועגונג צום אַרויסגיין, אָבער דער גענעראַל האָט אים פאַרהאַלטן, ווי ער האָט עס דער־וואַרט.

— ווער איז אייער פעטער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

פראַנק ברוין האָט איבערגעחזרט דעם נאָמען און די שיינע טיטולן, אַרויסגענומען די דעפּעשע פון קעשענע און אים דער־לאַנגט. מיין אָרימער פעטער האָט געפּרוווט אין בערלין זוכן זיין לעצטע רעטונג, ליידער איז דער אויסגאַנג פון דער אָפּעראַציע געווען זייער אומגליקלעך.

הער! — האָט געמורמלט דער גענעראַל — פּאָרט־זשע יונ־גער פריינט, פּאָרט באַלד, אפשר איז נאָך מעגלעך הילף.

פראַנק ברוין האָט געמאַכט אַ יעמערלעכע מינע.

— דאָס ליגט נאָר אין גאָטס האַנט. ווען מיין תפילה וואָלט געקענט עפּעס העלפן, — ער האָט איבערגעריסן דאָס שיינע זיפצן און געזאָגט:

— כ׳דאַנק הכנעהדיק, עקסעלענץ: — און כ׳האָב נאָך איין בקשה.

דער קאָמענדאַנט האָט אים אָפּגעגעבן די דעפּעשע.

— וואָסערע: — האָט ער געפרעגט.

און פראַנק ברוין האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— כ׳האָב נישט קיין געלט אויף דער נסיעה, כ׳וואָלט גע־וואָלט בעטן זיין עקסעלענץ, מען זאָל מיר אויסבאָרגן דרייהונ־דערט מאַרק.

דער גענעראַל האָט אים אָנגעקוקט מיט שטאַרקן אומצוטרוי:

— שוין נישטאָ קיין געלט — הער — אַזוי אַלזאָ, אָן געלט? -- און נעכטן איז געווען דער ערשטער? צי איז דער טשעק נישט אָנגעקומען? — וואָס?

— דער טשעק איז פּינקטלעך אָנגעקומען, עקסעלענץ, — האָט ער שנעל געענטפערט. — ער איז אָבער אויך אַזוי פּינקט־לעך במשך פון דער נאַכט פאַרשפּילט געוואָרן.

דער אַלטער קאָמענדאַנט האָט געלאַכט:

— יאָ, יאָ, דאָס איז די תשובה פאַר אייער פאַרברעכן, איר פושערס! אַלזאָ דרייהונדערט מאַרק דאַרפט איר?

— יאָ, עקסעלענץ, מיין פעטער וועט זיך זיכער פרייען, ווען כ׳וועל אים קענען זאָגן, אַז זיין עקסעלענץ האָט מיך אַרויס־געראַטעוועט פון דער נויט.

דער גענעראַל האָט זיך אויסגעדרייט, צוגעגאַנגען צו דער אייזערנער קאַסע, אַרויסגענומען פון דאָרט דריי באַנקנאָטן, דער־לאַנגט זיין געפאַנגענעם אַ פעדער און זיך געהייסן אונטערשרייבן אַ וועקסל. דאַן האָט ער אים דערלאַנגט דאָס געלט. פראַנק ברוין האָט עס צוגענומען מיט אַ לייכטן פאַרנייג:

— כ׳דאַנק הכנעהדיק, עקסעלענץ.

— קיין שום דאַנק. — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט —

פאַרט מיט גליק, קומט פינקטלעך צוריק. און איצט — גריסט פון מיר העפלעך זיין עקסעלענץ.

— כ׳דאַנק נאָכאַמאָל געהאָרכזאַם, עקסעלענץ.

דערנאָך נאָך אַ לעצטן פאַרבייג, און ער איז שוין געווען הינטער דער טיר.

ער איז אַראָפּ מיט איין זעץ די זעקס טרעפּלעך און האָט זיך געמוזט מיט אַלע כוחות איינהאַלטן, כדי נישט אַרויסצולאָזן קיין הויכן געשריי פון שמחה.

— יאָ, דאָס וואָלט געווען דערליידיקט.

ער האָט צוגערופן אַ פיאַקער און געפאָרן קיין עהרענברייט־שטיין צום וואָקזאַל.

ער האָט דורכגעבלעטערט דעם רייזע־פּלאַן און פעסטגעשטעלט, אַז ער מוז נאָך דריי שעה פאָרן. ער האָט גערופן דעם דינער, וואָס האָט געוואַרט מיט דער וואַליזע און האָט אים געהייסן שנעל אַרויפלויפן אויבן און אַראָפּשיקן דעם כאָראַנזשי אין רעסטאָראַן אונטערן „רויטן האָן".

— אָבער ברענג נאָר דעם ריכטיקן! — האָט ער באַפוילן דעם דינער — דעם יונגן הער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג גע־קומען, דעם מיטן נומער זעקס אויף דער פּלייצע. באַדיר, וואַרט נאָר! דיין גראָשן האָט געבראַכט פּראָצענט — און ער האָט אים געוואָרפן אַ צענערמאַרק.

ער איז געגאַנגען אין ווייגשענק, לאַנג זיך באַטראַכט און באַשטעלט אַן עלעגאַנט נאַכטמאָל. ער איז געזעסן ביים פענסטער און זיך צוגעקוקט צום זונטיקדיקן עולם, וועלכער האָט אַרומגע־שפּאַצירט באַם רהיין.

ענדלעך איז געקומען דער כאָראַנזשי:

— נו, וואָס איז געשען?

— זעץ דיך — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — שווייג, פרעג נישט, נאָר עס, טרינק און זיי פריילעך.

ער האָט אים געגעבן אַ הונדערטערמאַרק.

— אַזוי, דו וועסט מיט דעם באַצאָלן און דאָס איבעריקע איז דיין — און זאָג זיי אויבן, אַז איך בין געפאָרן קיין בערלין — מיט אַן אורלויב! אָבער איך וועל זיכער אויף אים עובר זיין און וועל ערשט צוריקקומען סוף וואָך.

דער בלאָנדער כאַרנאַזשי האָט אויף אים אויסגעגלאָצט די אויגן פול מיט אמתער באַוווּנדערונג.

— זאָג מיר נאָר — ווי אַזוי איז דיר דאָס געלונגען?

— דאָס איז מיין סוד. — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — אָבער עס וואָלט אויך גאָרנישט קיין נוצן געבראַכט, ווען איך זאָל אים אייך אַפילו אויסזאָגן. אויף אַזאַ שפּיצל וועט זיך אַפילו דער גוטמוטיקער עקסעלענץ נאָר איינמאָל לאָזן נעמען. פּראָזיט!

דער כאַראַנזשי האָט אים באַגלייט צום צוג, דערלאַנגט די וואַליזע אין וואַגאָן אַריין און אים געזעגנט מיטן הוט און טיכל. פראַנק ברוין איז אַוועק פון פענסטער און אין דער זעלבער רגע פאַרגעסן אָן כאַראַנזשי און אָן זיינע אַלע מיטגעפאַנגענע און אָן דער גאַנצער פעסטונג. ער האָט גערעדט מיטן קאָנדוקטאָר, זיך אויסגעצויגן אין זיין קופּע, פאַרמאַכט די אויגן און איינגעשלאָפן.

דער קאָנדוקטאָר האָט אים געמוזט טרייסלען, איידער ער האָט אים דערוועקט.

— ווו זענען מיר? — האָט ער געפרעגט פאַרשלאָפן.

— באַלד וועט זיין דער באַנהויף פרידריך-שטראַסע.

ער האָט צונויפגעקליבן זיינע זאַכן, איז אַרויסגעשטיגן פון וואַגאָן און געפאָרן אין האָטעל אַריין. ער האָט זיך געהייסן געבן אַ צימער, זיך אויסגעבאָדן, איבערגעטון די מלבושים און אַראָפּ אויף פרישטיק.

באַלד אין דער טיר איז אים דר. פעטערסען אַנטקעגן געקומען.

— אַך, איר זענט דאָ, הער דאָקטאָר! — האָט ער אויסגערופן — אָ, זיין עקסעלענץ וועט זיך פרייען!

— עקסעלענץ! ווידער עקסעלענץ! דער „עקסעלענץ” האָט אים שוין פשוט וויי געטון אין די אויערן.

— ווי פילט זיך מיין פעטער — האָט ער געפרעגט — איז אים בעסער?

— בעסער? — האָט איבערגעחזרט דער דאָקטאָר — וואָס הייסט בעסער? זיין עקסעלענץ איז דאָך נישט קראַנק!

— אַזוי, אַזוי — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — נישט קראַנק?! אַ שאָד כ'לעבן, כ'האָב געמיינט, אַז דער פעטער האַלט באַ שטאַרבן.

דר. פעטערסען האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט:

— איך פאַרשטיי אייך כלל נישט.

ער האָט אים איבערגעהאַקט! — דאָס איז לחלוטין נישט נייטיק. ס'טוט מיר זייער לייד, וואָס דער געהיימראַט האַלט נישט באַ שטאַרבן. דאָס וואָלט געווען פיין! כ'וואָלט אים געקענט ירשענען, אויב ער האָט מיך נאָר נישט מעבר נחלה געווען, — וואָס עס איז אויך גאַנץ מעגלעך און אַפילו העכסט וואַרשיינלעך.

ער האָט געקוקט אויפן פאַרחידושטן דאָקטאָר און הנאה געהאַט פון יענעמס פאַרלעגנהייט.

דערנאָך האָט ער פאַרזגעזעצט:

— אָבער זאָגט מיר נאָר, הער דאָקטאָר, פון ווען אָן איז מיין פעטער אייגנטלעך עקסעלענץ?

— זינט פיר טעג, באַ אַ געלעגנהייט...

ער האָט אים איבערגעריסן:

— זינט פיר טעג! און וויפיל יאָר זענט איר שוין זיין — — זיין רעכטע האַנט?

— דאָס וועט שוין זיין אַ יאָר צען — האָט געענטפערט ד״ר. פעטערסען.

— און צען יאָר האָט איר אים גערופן „געהיימראַט״ און „המ״ און ערשט איצט, אין די דאָזיקע פיר טעג איז ער אַזוי פולשטענדיק עקסעלענץ געוואָרן בײַ אײַך, אַז איר קענט אפילו נישט טראַכטן וועגן אים אַנדערש, ווי אין דער דריטער פּערזאָן.

— דערלויבט, הער דאָקטאָר, — האָט געוואָגט דער אַסיסטענט דערשראָקן און צעטומלט — דערלויבט, — וואָס מיינט איר דערמיט אייגנטלעך?

אָבער פראַנק ברוין האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אים צוגעפירט צום פרישטיק.

— יאָ, כ׳מיין, הער דאָקטאָר, אַז איר זענט אַ וועלטלעכער מענטש? אַזעלכער, וואָס קען זיך אויף פאָרמען און מאַניערן, אַזעלכער, וואָס האָט אַן איינגעבוירענעם אינסטינקט פאַר אמתער בילדונג. — אַזוי האָב איך געמיינט. — און איצט, דאָקטאָר, לאָמיר זיך נעמען פרישטיקן, און איר וועט מיר דערווייל דערציילן, וואָס איר האָט ביז איצט אויפגעטון.

דר. פעטערסען האָט זיך אָוועקגעזעצט איינגאַנצן באַפרידיקט און צופרידן, כמעט גליקלעך. דער דאָזיקער יונגער רעפערענדאַר, וועלכן ער האָט געקענט אַלס קליינעם שול־תלמיד איז געווען, וואָס אַן אמת, אַ פלאַטער־קאָפּ און אַ מזיק, — אָבער ער איז פאָרט געווען דער שוועסטערנזון פון זיין עקסעלענץ.

דער אַסיסטענט האָט געקענט אַלט זיין אַן ערך דרייסיק יאָר און איז געווען פון מיטעלן וווקס. און פראַנק ברוין האָט געטראַכט בײַ זיך, אַז אויף דעם דאָזיקן מענטש איז אַלץ מיטל־פּראָפּאָרציאָנעל.

זיין נאָז איז געווען נישט גרויס און נישט קליין, זיין פּנים נישט מיאוס און נישט שיין. ער איז שוין נישט געווען יונג, אָבער

ער איז נאָך נישט געווען אַלט. די פאַרב פון זיינע האָר איז גע־
ווען מיטל צווישן טונקל און העל. ער איז נישט געווען נאַריש און
נישט צופיל קלוג, נישט איינגאַנצן לאַנגווייליק, אָבער אויך נישט
אינטערעסאַנט. זיין אָנטון איז נישט געווען עלעגאַנט, אָבער אויך
נישט געמיין. ער איז געווען דורכשניטלעך אין אַלעם. דאָס איז
טאַקע געווען דער מענטש, וואָס דער געהיימראַט האָט באַדאַרפט.
אַ טיכטיקער אַרבעטער, גאַנץ פעיִק, כּדי אַלץ צו פאַרשטיין און
אַלץ אויסצופירן, וואָס מ׳האָט פון אים פאַרלאַנגט. אָבער דאָך נישט
אַזוי אינטעליגענט צו קענען אַרויס פון דער גרענעץ און אַריינקוקן
קלאָר אין דעם פאַרביקן שפּיל, וואָס זיין הער האָט געשפּילט.

— וואָסער געהאַלט באַקומט איר אייגנטלעך בא מיין פע־
טער? — האָט אים געפרעגט פראַנק ברוין.

— אָ, גראַד נישט קיין גלענצנדן, — אָבער דאָך אַ גאַנץ
גענוגנדיקן — איז געווען דער ענטפער. — כ׳קען זיין איינגאַנצן
צופרידן. אויף נייַיאָר האָב איך באַקומען פיר הונדערט מאַרק אַ
צוגאָב.

ער האָט באַמערקט מיט אַ געוויסן חידוש, אַז דער הער שוועס־
טערנזון האָט אָנגעהויבן זיין פרישטיק מיט פּרוכטן, ער האָט אויפגע־
געסן אַן עפּל און אַ ביסל קאַרשן.

— וואָסערע ציגאַרן רייכערט איר? — האָט געפאָרשט דער
רעפערענדאַר.

— וואָס איך רייכער? — אַ מיטעלן סאָרט, נישט צו
שטאַרק.

ער האָט איבערגעריסן.

— אָבער צוואָס פרעגט איר עס אייגנטלעך?

— סתם אַזוי — האָט געזאָגט פראַנק ברוין, — כ׳בין גע
ווען נייגעריק, — אָבער איצט דערציילט מיר, וואָס איר האָט

שוין אייגנטלעך אין דעם ענין עפּעס אויפגעטון, צי האָט זיך פאַר אייך דער געהיימראַט פאַרטרויט מיט זיינע פּלענער?

— געוויס — האָט באַשטעטיקט מיט שטאָלץ דר. פּעטער־סען, — איך בין דער איינציקער מענטש, וואָס ווייסט דערפון — א חוץ אייך, נאַטירלעך, דער דאָזיקער עקספּערימענט האָט אַ העכסט וויסנשאַפטלעכע באַדייטונג.

דער רעפערענדאַר האָט געמאַכט אַ שטרענגע מינע.

— הם — מיינט איר?

— אָן שום ספק — האָט באַשטעטיקט דער דאָקטאָר. — און ס'איז פּשוט גענִיאַל, ווי אַזוי זיין עקסעלענץ האָט אַלץ אויסקאַל־קולירט, כּדי יעדן עווענטועלן אָנפאַל אין תּחילת צו דערשטיקן. איר ווייסט דאָך מסתּם, ווי מ'דאַרף זיין פּאַרזיכטיק. ווי מיר דאָק־טוירים ווערן תּמיד אָנגעגריפן דורך דעם נאַרישן פּובלי־קום צוליב געוויסע, אַזוי אַבסאָלוט נויטווענדיקע עקספּערימענטן, אַזוי צום ביישפּיל: וויוויסעקציע — גאָט מיינער, די מענטשן ווערן פּשוט קראַנק, ווען זיי הערן נאָר דאָס דאָזיקע וואָרט, אַלע אונ־דזערע עקספּערימענטן מיט באַצילן און אַזוי ווייטער, זעבען פאַר דער פּראָפאַנער פּרעסע אַ דאָרן אין אויג, הגם מיר פירן עס דורך כּמעט נאָר אויף חיות, ווער שמועסט שוין, ווען עס גייט אין קינסט־לעכער באַפרוכטונג, ווו מענטשן גייען אַריין אין שפּיל! זיין עק־סעלענץ האָט דעריבער געפונען די איינציקע געלעגנהייט: אַ מער־דער, וועלכער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און אַ פּראָס־טיטוטקע, וואָס איז ספּעציעל פאַר דעם ציל באַצאָלט געוואָרן. איר וועט דאָך מודה זיין: פאַר אַזאַ מאַטעריאַל, וועט זיך אפילו דער הומאַניסטעטער און אידעאַלסטער פּאַסטאָר נישט האָבן קיין חשק אָנצונעמען.

— יאָ, דאָס איז גרויסאַרטיק — האָט באַשטעטיקט פראַנק

ברוין — איר האָט רעכט, וואָס איר שעצט אַזוי הויך דאָס חשיבות פון אייער הער שעף.

דר. פעטערסען האָט ווייטער דערציילט, אַז זיין עקסעלענץ האָט געמאַכט אין קעלן מיט זיין הילף די פאַרשידנסטע פרוּוון צו געפינען די אַנטשפּרעכנדיקע פרוי, ליידער אָן דערפאָלג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן דעם קלאַס מענטשן, פון וואַנען ס'פלעגן בעוויינטלעך אַרויסקומען די דאָזיקע באַשעפענישן, האָבן געמוזט הערשן איינגאַנצן משונהדיקע באַגריפן וועגן דער קינסטלעכער באַפרוכטונג. ס'איז זיי ביידע געווען כמעט אוממעגלעך פאַרצושטעלן, אַפילו די דאָזיקע פרויען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אייגנטלעך, ווער שמועסט שוין, אַז ס'זאָל זיך ווער פון זיי לאָזן איבערעדן און איינגיין אויפן דאָזיקן געשעפט. הגם דער עקסעלענץ האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע רעטאָריק, און הגם ער האט זיי אויפגעקלערט, אַז ערשטנס איז דאָ גאָרנישט פאַרהאַן קיין סכנה, צווייטנס, אַז זיי וואָלטן פאַרדינט אַ שפּאָר ביסל געלט און דריטנס, אַז פאַר דער מעדיציניִשער וויסנשאַפט וואָלטן זיי געהאַט גרויסע פאַרדינסטן.

איינע האָט אַפילו הויך אויסגעשריגן: די גאַנצע וויסנשאַפט קען מען איר — און זי האָט באַנוצט זייער אַ מיאוסן אויסדרוק.

— פע — האָט געזאָגט פראַנק ברוין — ווי אַזוי האָט זי דאָס געקענט!

און ס'איז פונקט גוט אויסגעפאַלן, וואָס זיין עקסעלענץ האָט געמוזט, צוליב דעם אונטערנאַציאָנאַלן גינעקאָלאָגישן קאָנגרעס, קומען צופאָרן קיין בערלין. — דאָ אין דער גרויסער שטאָט וועט זיין אָן ספק אַ פיל גרעסערער אויסוואַל, מען קען אויך אָננעמען, אַז די השגות פון די באַטרעפנדע פערזאָנען זענען נישט אַזעלכע באַגרענעצטע, ווי אין דער פראָווינץ. אַז מען האָט אויך אין די דאָזיקע קרייזן ווייניקער אַבערגלויבישע מורא פאַר אַלץ, וואָס איז ניי, דאַרפן אָבער מער פּראַקטישן חוש פאַר מאַטעריעלן נוצן.

און ס'וועט זיך געפינען מער אידעאַלער אינטערעס פאַר דער וויסנ־שאַפט.

— איבערהויפט דאָס לעצטע — האָט אונטערגעשטראָכן פראַנק ברוין.

און דר. פעטערסען האָט פאַר אים ווייטער באַגרינדעט. ס'איז פשוט אוממגלייבלעך אויף וואָסערע פאַרעלטערטע באַגריפן זיי האָבן זיך דאָ אין קעלן אָנגעשטויסן! יעדעס ים־חזירל, יעדעס מאַלפּעלע האָט אָן אַ שיעור מער איינזען און שכל, ווי די דאָזיקע באַבעס. ער האָט פשוט אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דעם איבערוועגנדן אינ־טעלעקט פון דער מענטשהייט. אָבער ער האָפט, אַז זיין אָפּגע־שוואַכטער גלויבן וועט דאָ אויפסניי געשטאַרקט ווערן.

— אָן שום ספק! — האָט אים צוגעגעבן מיט דער רעפּע־רענדאַר. — דאָס וואָלט באמת געווען אַ חרפה, אַז די בערלינער גאַסטפּרויען זאָלן בלייבן הינטערשטעליק אַקעגן מאַלפּעס און ים־חזירימלעך.

— צי איז ער שוין אויפגעשטאַנען?

— אָבער שוין לאַנג — האָט דערקלערט דער אַסיסטענט — דער עקסעלענץ איז טאַקע אַוועק, ווייל צען אַ זייגער האָט ער אַן אוידיענץ אין מיניסטעריום.

— נו, און דערנאָך? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

— כ'ווייס נישט, ווי לאַנג דאָס וועט געדויערן, — האָט דער־קלערט דר. פעטערסען — אויף יעדן פאַל האָט מיך געבעטן זיין עקסעלענץ, אַז כ'זאָל אויף אים וואַרטן צוויי אַ זייגער אויף דער צווייטער זיצונג פון קאָנגרעס. פינף אַ זייגער האָט ווייטער זיין עק־סעלענץ אַ וויכטיקן צונויפקום דאָ אין האָטעל מיט עטלעכע בערלי־נער פריינט, און אַרום זיבן איז זיין עקסעלענץ פאַרבעטן צום רעק־טאָר אויף אָוונט־ברויט. אפשר, הער דאָקטאָר, וואָלט איר געקענט אין דער צווישנצייט —

פראנק ברוין האָט זיך פאַרטראַכט. אין תּוך אַריין איז ער געווען גאַנץ צופרידן, וואָס זיין פּעטער איז דעם גאַנצן טאָג פאַרנומען און וואָס ער דאַרף נישט וועגן אים זאָרגן.

— כ׳בעט אייך אָנזאָגן דעם פּעטער — האָט ער געזאָגט — אַז מיר וועלן זיך טרעפן — היינט עלף אין אָוונט, דאָ אונטן אין האָטעל.

— „עלף״? — דער אַסיסטענט האָט געמאַכט זייער אַ פאַרלעגענע מינע. — צי איז דאָס נישט צו שפּעט! זיין עקסעלענץ איז געוווינט אין דער דאָזיקער צייט שוין צו זיין אין בעט. און דערצו נאָך אַזאַ אָנגעשטרענגטן טאָג.

— זיין עקסעלענץ וועט מוזן דווקא היינט אַ ביסל מער זיך אָנשטרענגען. כ׳בעט אים דאָס מודיע צו זיין, דאָקטאָר — האָט אָנטשלאָסן געזאָגט פראַנק ברוין. — די דאָזיקע שעה איז כּלל נישט קיין פאַרשפּעטיקטע פאַר אונדזער ציל, גיכער אַ צו פריִע — לאָמיר בעסער באַשטימען אויף צוועלף. אויב דער אָרימער פּעטער איז נעבעך אַזוי שטאַרק דערשעפּט, טאָ זאָל ער זיך פריִער אַ ביסל אויסרוען. — און איצט אַדיע, דאָקטאָר — ביז היינט באַנאַכט.

ער איז אויפגעשטאַנען, זיך באַכלעסיק פאַרנייגט און אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט צונויפגעביסן די ציין; אין דער זעלבער רגע, ווען ער האָט נאָך פאַרמאַכט דאָס מויל, האָט ער דערפילט, ווי קינדיש, ווי אומגעלומפּערט ס׳איז געווען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דעם גוטן דאָקטאָר אַריינגעפּלוידערט. ווי קליינלעך זיין חוזק איז געווען און ווי ביליק זיין וויץ, ער האָט זיך כּמעט געשעמט! אַלע נערוון האָבן זיך געריסן צו עפּעס אַ טעטיקייט — און ער האָט זיי געלאָזט זיך צעהוליען, זיין מוח האָט געשפּריצט מיט טויזנטער פונקען — און — ער האָט געמאַכט סטודענטישע וויצן!

דר. פּעטערסען האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט.

„ער איז גאוהדיק״ — האָט ער געטראַכט בײַ זיך. — ער האָט מיר אפילו די האַנט נישט דערלאַנגט.

ער האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך קאווע, צוגעגאָסן מילך און אָנגעשמירט מיט פּוטער אַ נײַ שטיק ברויט. דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַן אינערלעכער איבערצייגונג:

„די גאווה קומט פאַר דער מפּלה!״

און זייער צופרידן פון זײַן געזונטער, בירגערלעכער קלוגשאַפט, האָט ער אָנגעהויבן צו עסן די ווייסע זעמל און צוגעטראָגן צום מויל דאָס טעפּעלע קאווע.

*

* *

ס׳איז שוין געווען כמעט איינס באַנאַכט ווען פראַנק ברוין האָט זיך געוויזן.

— אַנטשולדיק, פּעטער, — האָט ער לייכט געזאָגט.

— נאַ, ליבער שוועסטערנזון, — האָט געענטפערט דער גע־היימראַט, — האָסט מיך לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף דיר.

דער רעפערענדאַר האָט אים פּאַרחידושט אָנגעקוקט.

— כ׳האָב געהאַט וויכטיקע זאַכן צו טון. קודם־כּל וואַרטסטו דאָ נישט צוליב מיר, נאָר צוליב דיינע ציילן.

דער פּראָפעסאָר האָט געשיקלט צו אים.

— יונגער — האָט ער אָנגעהויבן, אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט. — נו — לאָמיר דאָס לאָזן צורו. כ׳דאַנק דיר, שוועס־טערנזון, וואָס דו ביסט געקומען מיר העלפן. ביסטו איצט גרייט צו גיין מיט אונדז?

— ניין, — האָט געענטפערט פראַנק ברוין מיט בלינדער קינדישער עקשנות, — כ׳וויל נאָך פריער טרינקען אַ סאָדע־וואַסער מיט וויסקי, מיר האָבן נאָך צייט גענוג. דאָס איז שוין געלעגן אין זיין כאַראַקטער צו שטעלן אַלצדינג אויפן שפּיץ מעסער. דעלי־

קאַט און איבערפּילבאַר כּמעט אויף דעם קלענסטן וואָרט, אויף דעם שטילסטן טאָן פון אַ פאַרוואורף, פלעגט ער דאָך ליב האָבן יעדן, מיט וועמען ער האָט זיך נאָר צונויפגעטראָפן, אויפן פרעכסטן אופן אויפצורעגן. ער פלעגט תּמיד אויסשרייען יעדן דעם ברוטאַלסטן אמת, און קיינמאָל האָט ער דעם שענסטן נישט געקענט פאַרטראָגן.

ער האָט גוט געפילט, ווי ער האָט דעם אַלטן הער אָנגעגריפן, אָבער טאַקע דער פאַקט, וואָס זיין פעטער האָט זיך געפילט אָנגעגריפן, וואָס ער האָט זיינע יינגלערישע מאַניערן גענומען אַזוי ערנסט און טראַגיש — דאָס גראָד האָט אים געקרענקט און באַליידיקט, ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ פחיתת־הכּבוד, וואָס דער געהיימראַט האָט אים אַזוי גאָרנישט פאַרשטאַנען, אַז אונטער דעם קידער־ווידער און דעם ביסל נישטיקער איבערפלעכלעכקייט האָט ער גאָרנישט געזען. מען האָט זיך אוודאי געמוזט ווערן אַנטקעגן דעם. ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָט ער געמוזט שפּילן די ראָל פון נאָך אַ גרעסערן לומפּ, ווי ער איז אין אמתן געווען. ער האָט געמוזט די מאַסקע נאָך פעסטער אָנציִען און גיין ווייטער מיט דעם זעלבן עזותדיקן וועג, וועלכן ער האָט געפונען אויף מאָנטמאַרטער: „èpater les bourgeois“

ער האָט פאַמעלעך אויסגעטרונקען זיין גלעזל, דערנאָך האָט ער זיך נאָכלעסיק אויפגעהויבן, ווי אַ מעלאַנכאָלישער פּרינץ, וואָס לאַנגווייליקט זיך.

— אויב איר האָט חשק?

זיין זשעסט איז געווען פול מיט בטול, גלייך ער וואָלט גערעדט צו עפּעס אַן אומענדלעך נידעריקערן פון זיך.

— קעלנער, אַ פיאַקער.

זיי זענען געפאָרן. דער געהיימראַט האָט געשוויגן, זיין איבערשטע ליפּ איז טיף אַראָפּגעהאָנגען, די דיקע זעקלעך אונטער די אויגן זענען אַראָפּגעהאָנגען אויף די באַקן. זיינע ריזיקע אויערן האָבן

זייט אַרויסגעשטאַרט אויף ביידע זייטן. דאָס רעכטע אויג האָט געלויכטן גרינלעך אין דער פינסטער. „ער זעט אויס ווי אַ סאָווע״ — האָט געטראַכט פראַנק ברוין „ווי אַ מיאוסע אַלטע סאָווע, וואָס לאָקערט אויף אַ מייזל״.

דר. פעטערסען איז געזעסן אויפן פעדערשטן געזעס, מיט אַן אָפן מויל פון דערשטוינונג. ער האָט כּלל נישט געקענט פאַרשטיין דאָס אַלץ — דאָס אומגלייבלעכע פאַרהאַלטן זיך פון שוועסטערנזון לגבי — זיין עקסעלענץ.

אָבער דער יונגער מענטש איז צוריק אַריין אין גלייכגעוויכט.

— אַך, צוואָס זיך איופּרעגן, צוליב דעם אַלטן אייזל! סוף כּל סוף האָט ער דאָך אויך זיינע גוטע זייטן.

ער האָט געהאָלפן דעם געהיימראַט אַראָפּגיין פון דעם פיאַקער.

— דאָ — האָט ער אויסגערופן — ביטע אַריינגיין.

„קאַפע-הויז אונטערן שטערן״ איז געשטאַנען אויף דער גרויסער שילד, וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַן עלעקטריש לעמפּל. זיי זענען אַריינגעגאַנגען, זיך דורכגעשטופּט דורך אַ לאַנגער שורה קליינע, מאַרמאָרנע טישלעך, דורך דעם שרייענדיקן און טומלענדיקן עולם. ענדלעך האָבן זיי זיך געזעצט.

דאָ איז געווען אַן אמתער מאַרק. אַ מענגע פּראָסטיטוטקעס זענען געזעסן אַרום און אַרום. אויסגעפּוצטע אין ריזיקע הוטן, שרייענדיקע, זיידענע בלוזקעס, ריזיקע מאַסן פליש, וואָס וואַרטן אויף סוחרים, האָבן זיך ברייט צעפּראַלט, ווי אין אַ שוי-פענסטער.

— איז דאָס איינס פון די בעסערע לאָקאַלן? — האָט געפרעגט דער געהיימראַט.

דער שוועסטערנזון האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— ניין, פעטער יאַקוב, כּלל נישט. דאַרטן וואָלטן מיר נישט געפונען דאָס, וואָס מיר זוכן. אפשר איז נאָך דער דאָזיקער צו גוט — מיר דאַרפן די לעצטע אויסוואורפן.

טיף הינטן איז געזעסן אַ מענטש אין אַ פּאַרפעטעסטן, אויסגעגלאַנצטן פראַק באַם פּאַרטעפּיאַן. ער האָט אָן אויפהער געשפּילט איין גאַסנלידל נאָכן צווייטן, טיילמאָל האָבן מיטגעגרילצט מיט אים אַ פּאָר שיכּורים; דערנאָך איז אַרויסגעקומען דער דירעקטאָר און זיי געצוווּנגען אויפצוהערן, דערקלערנדיק, אַז דאָס איז נישט דערלויבט אין דעם דאָזיקן אָנשטענדיקן לאָקאַל.

קליינע פּאַרקויפערס זענען אַרומגעלאָפן איבערן זאַל; עטלעכע אָרנטלעכע בירגער פון דער פּראָווינץ זענען געזעסן באַ זייטיקע טישלעך, זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר זייער פאָרגעשריטן און זייער אוממאָראַליש אין זייערע פלוידערייען מיט די דיקע גאַסנפרויען. און די געשמאַקלאָזע קעלנערס האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן די טישלעך און געבראַנגט ברוינע יויך אין גלעזלעך, און געלע אין פּיליזשאַנקעס און האָבן דאָס אָנגערופן בוליאָן אָדער מעלאַנזש. אויך פולע קאַראַפקעס מיט בראָנפן, וועלכע האָבן יעדעס אויסגעטרונקענע גלעזל מיט אַ שטריכל אָפּגעצייכנט.

צוויי ווייבער זענען צוגעקומען צו זייער טיש און געבעטן קאַווע. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין גרויסע צערעמאָניעס, אָנידערגעזעצט זיך און באַשטעלט.

— אפשר די דאָזיקע בלאָנדע? — האָט אין דער שטיל געזאָגט דר. פּעטערסען.

אָבער דער רעפּערענדאַר האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— ניין, ניין, דאָס איז גאָרנישט. — דאָס איז בלויז פליישׁ. זענען שוין בעסער אייערע מאַלפּעס!

עפּעס אַ קליינע אינמיטן זאַל האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט. זי איז געווען אַ שוואַרצע און אירע אויגן האָבן געברענט

פון תאווה. ער איז אויפגעשטאַנען און געוווּנקען צו איר אַהין. זי האָט זיך באַפרייט פון איר פּאַרטנער און איז צוגעגאַנגען צו אים.

— הער זיך איין, — האָט ער אָנגעהויבן.

אָבער זי האָט אים איבערגעריסן.

— היינט נישט. כ'האָב שוין אַ קאַוואַליר, — מאָרגן, אויב דו ווילסט.

— לאָז אים לויפן, — איז ער צוגעשטאַנען — קום מיט אונדז, מיר גייען אין אַ סעפּאַראַטקע.

דאָס איז געווען אָנצויענד.

— מאָרגן, צי וואָלט נישט געקענט זיין מאָרגן, קעצל? — האָט זי געבעטן — היינט קען איך באמת נישט, דאָס איז אַן אַלטער קונה. ער צאָלט צוואַנציק מאַרק.

פראַנק ברוין האָט זי אָנגענומען באַם אָרעם:

— איך צאָל פיל מער, אַ סך מער, פאַרשטייסט? קענסט מאַכן גליקן. דאָס איז נישט פאַר מיר — דאָס איז פאַר דעם אַלטן דאָרט, און ס'האַנדלט זיך אין אַ בעסערער זאַך.

זי האָט געשטוינט. איר בליק איז געווען געווענדט אין דער ריכטונג פון זיינע אויגן, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויפן געהיים־ראַט.

— דער דאָרטן? — האָט זי געזאָגט אַנטוישט. — און וואָס וועט דער ווידער פאַרלאַנגען?!

— לוצי! — האָט געשריגן דער מענטש פון איר טישל.

— כ'גיי שוין — האָט זי געענטפערט — אַלזאָ נאָכאַמאָל. היינט נישט. מאָרגן קענען מיר רעדן וועגן דעם, אויב וועסט וועלן. קום דאָ אַהער, אַזוי, אַרום דער זעלבער צייט!

— נאַריש ווייב! — האָט ער געמורמלט.

— זיי נישט בייז, ער וואָלט מיך דערהרגעט אויף טויט, ווען כ'וואָלט מיט אים היינט נישט געגאַנגען. ער איז תמיד אַזאַ,

ווען ער שיכורט זיך אָן! קום מאָרגן, הערסט? קום אַליין. דאַרפסט נישט צאָלן, אויב דו קענסט נישט.

זי האָט אים געלאָזט שטיין און איז צוגעלאָפן צוריק צו איר טישל. פראַנק ברוין האָט געזען ווי דער שוואַרצער פראַנט אין שטייפן פילצהוט האָט איר געמאַכט ביטערע פאָרווורפן. אָ יאָ, זי מוז אים געטריי זיין — אין משך פון דער איינער נאַכט.

ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם איבערן זאַל, אָבסערווירנדיק די פראָסטיטוטקעס. אָבער ער האָט נישט געזען קיין אייגנע, וואָס זאָל אויסזען געגנוג אויסגעלאַסן, בּאַ אַלע איז נאָך געווען אַן איבערבלייבעניש פון בירגעלעכער אָרנטלעכקייט, עפּעס אַן אינסטינקטיווע ערינערונג פון געהערן צו אַ געוויסער געזעלשאַפט, ניין, ניין, ס'איז דאָרט נישט געווען קיין אייגנע, וועלכע זאָל האָבן פרעך און באַוווסטזיניק אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וועג — נאַ, זעט, איך בין אַ הור!

ער האָט כמעט נישט געקענט דעפינירן, וואָס ער האָט אייגנטלעך געזוכט. ער האָט עס נאָר געפילט. — עס מוז זיין אַזעלכע, וואָס זאָל נאָר דאָ אַהער געהערן, און ווייטער אין ערגעץ נישט. נישט אַזעלכע, ווי די אַלע, וואָס אַ ווילדער צופאַל האָט זיי דאָ אַריינגעוואָרפן, וועלכע וואָלטן פונקט אַזוי גוט געקענט זיין ווייבער, אַרבעטערינס, דינסטן, מיידלעך — מאַשין־שרייבערינס, אָדער אפילו טעלעפאָניסטינס, ווען ס'וואָלט נאָר דער ווינט פון זייער גורל אין אַן אַנדערער זייט געבלאָזן, וועלכע זענען געוואָרן פראָסטיטוטקעס דערפאַר, ווייל די ברוטאַלע מאַנספערשוינישע תאווה האָט זיי פאַר אַזעלכע געמאַכט.

— ניין, ניין, די, וועלכע ער האָט געזוכט, האָט געמוזט זיין אַ הור נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געקענט זיין עפּעס אַנדערש, ווייל איר בלוט האָט דאָס געפאָדערט, ווייל יעדער צאָל פון איר לייב האָט געשריגן נאָך נייע אומאָרמונגען, ווייל אונטער דער

צערטלעכקייט פון איינעם האָט איר נשמה שוין געבענקט נאָך די קושן פון אַן אַנדערן.

זי האָט געדאַרפט זיין אַ הור, אַזוי ווי ער — האָט ער געשטאַמלט — נו יאָ, ווייל וואָס איז ער דען אייגנטלעך געווען?

מיד און רעזיגנירט האָט ער פאַרענדיקט זיינע מחשבות: — נו, יאָ, אַזוי ווי ער איז געווען — טרוימער.

ער איז צוריקגעגאַנגען צום טיש.

— קום פעטער, דאָ איז גאָרנישט דאָ, מיר וועלן גיין איין הויז ווייטער.

דער געהיימראַט האָט פּראָטעסטירט, אָבער דער שוועסטערנזון האָט אים נישט געהאָרכט.

— קום פעטער, — האָט ער איבערגעחזרט — כ'האָב דיר צוגעזאָגט זי צו געפינען און כ'וועל זי געפינען.

זיי זענען אויפגעשטאַנען, האָבן באַצאָלט און זענען אַוועק מיט דער גאַס העכער צו צפון.

— וווהין גייען מיר? — האָט געפרעגט דר. פעטערסען. דער רעפערענדאַר האָט נישט געענטפערט; ער איז געגאַנגען ווייטער, באַקוקנדיק די גרויסע שויבן פון די קאַפעען. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— קאַפע — „טרינקהער", — האָט ער אַ מורמל געטון — דאָ וועט זיין דאָס, וואָס מיר זוכן.

אין די דאָזיקע שמוציקע צימערן האָט מען מותּר געווען אויף יעדער ביליקער עלעגאַנץ. אמת, אויך דאָ זענען געשטאַנען קליינע, ווייסע מאַרמאָרנע טישלעך און רויטע פּליושענע קאַנאַפּעס זענען געווען אַרומגעשטעלט אַרום די ווענט, און אויך דאָ האָבן זיך אומעטום געברענט עלעקטרישע באַרנעס און ס'האָבן זיך דורכגעשטופּט די פלאַכפּיסיקע קעלנערס אין פון שמוץ קלעפּיקע פראַקן,

אָבער מ'האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס אַלץ וויל נישט אָנ־דערש אויסזען, ווי ס'איז אין דער אמתן געווען.

די לופט איז געווען אָן אָנגעריכערטע און דעמפּיקע — אָבער די, וואָס האָבן דאָ געאָטעמט, האָבן זיך געפילט פרייער און בעסער אין דער דאָזיקער לופט. זיי האָבן זיך נישט געצוווּנגען צו גאָרנישט, זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזעלכע, ווי זיי זענען אין דער אמתן געווען.

באַם זייטיקן טיש זענען געזעסן סטודענטן פון העכערע סע־מעסטערן, זיי האָבן געטרונקען זייער ביר און זיך אויסגעלאַסן גע־ווּיצלט מיט די ווייבער.

זיי האָבן זיך געקענט דורך און דורך! אַ ריזיקער מבול פון שמוץ האָט זיך לוסטיק אַרויסגעגאָסן פון זייערע מיילער.

איינער פון זיי, אַ קליינער און אַ דיקער, מיט אַ צעהאַקט פנים פון אַ סך וווּנדן, האָט אויסגעזען צו זיין אומדערשעפּט, און די ווייבער האָבן געהירזשעט, געוואַקלט זיך און געקייכט פון הויכן געלעכטער.

אַרום די ווענט | זענען געזעסן אַלפאָנסן און געשפּילט אין קאָרטן. אָדער זענען געזעסן אַליין און געגלאָצט, און צופּייפנדיק צו דער מוזיק פון די שיכּורע מוזיקאַנטן, האָבן זיי געטרונקען זייער בראָנפן. פון צייט צו צייט איז אַריינגעקומען פון גאַס עפּעס אַ פּראָסטיטוטקע, צוגעגאַנגען צו וועמען פון זיי, גערעדט אַ פּאָר קורצע ווערטער און צוריק פאַרשוווּנדן.

— דאָ וועט זיין דאָס אַנטשפּרעכנדיקע אָרט — האָט גע־זאָגט פראַנק ברוין. ער האָט געוווּנקען צום קעלנער, באַשטעלט קירשנוואַסער און געהייסן צוברענגען צו זייער טיש עטלעכע פּרויען.

פיר זענען צוגעקומען. אָבער ווען זיי האָבן זיך געזעצט, האָט ער באַמערקט אַן אַנדערע, אַרויסגייענדיק צו דער טיר, אַ הויכע,

דיקע פערזאָן, אין אַ ווייסער זיידענער בלוזקע: פון אונטער דעם קליינעם היטעלע, „אַלאַ גוראַרדי", האָבן אַפּערגעקוקט פולע פײַער־רויטע האָר. ער האָט זיך ראַש אויפגעכאַפּט פון אָרט און איר נאָכגעשפּרונגען אין גאַס אַריין.

זי איז געגאַנגען אינמיטן גאַס, נאַכלעסיק, פּאַמעלעך, זיך לייכט וויגנדיק אין די היפּטן. זי האָט אַראָפּגעדרייט לינקס, אַריין אין אַ דורכגאַנג־טויער, איבער וועלכן ס'האָט געהאָנגען אַ גאַז־פּלאַקאַט. „באַל־זאַל אונטערן צפון־פּאָל" — האָט ער אַראָפּגעלייענט.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען אין שמוציקן הויף אַריין, אין כמעט גלייך מיט איר אַריין אין דעם אָנגערויכערטן זאַל. אָבער זי האָט זיך אַנידערגעשטעלט און זיך צוגעקוקט צו דעם טאַנצנדיקן עולם.

דער עולם האָט געשריגן, געמאַכט קולות און געשאַרט מיט די פיס — מענער און פרויען האָבן געווירבלט אין אַ ראָד, אַז דער שטויב האָט זיך אַזש אויפגעהויבן, האָבן געהיילט צו דער מוזיק מיטן האַרטן דיאַלעקט פון די ריקסדאָרפער. זיי האָבן זיך געשטופּט אייבער דעם צווייטן ווילד, געמיין און ברוטאַל, אָבער זיכער אין דעם דאָזיקן פרעכן טאַנץ, וואָס איז אויף זייער אייגענעם באָדן אויסגעוואַקסן.

עס זענען אים געקומען אויפן געדאַנק „קראָקעט" און „ליקעט", וואָס זענען געטאַנצט געוואָרן אויף מאָנמאַרטער און קאַרטיער לאַטין אויפן צווייטן ברעג סעקוואַנע. אָבער לייכטער, גראַציעזער און הומאָרפולער. גאָרנישט איז געווען פון יענעם אין דעם דאָזיקן שטופּעניש, קיין שפּור נישט דערפון, וואָס די מידינעט רופן אָן „פליו". אָבער דאָס קאָכעדיקע בלוט האָט אַרויסגעשריגן פון דעם ריקסדאָרפער, כמעט אַ ווילד משוגעת, וועלכעס האָט זיך געוואָלט אויסלאָדן אין דאָזיקן נידעריקן זאַל —

די מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיט שמוציקע, פאַרשוויצטע

הענט האָט דער טאַנצמײַסטער צונויפגעקליבן געלט פֿון די פֿרויען, נישט פֿון די מענער, און דערנאָך האָט ער מיט אַ גרויסן זשעסט געגעבן אַ צײַכן אין דער זײַט פֿון דער גאַלעריע צו אַ נײַעם טאַנץ.

אָבער דער עולם האָט נישט געוואָלט דעם ריינלענדער. זיי האָבן אַרויפגעשריגן צום קאַפּעלמײַסטער און געוואָלטעוועט, אַז ער זאָל געבן אַ צײַכן מיטן שטעקעלע און אויפהערן. אָבער די מוזיק האָט ווײַטער געשפּילט, קעמפּנדיק אַקעגן גאַנצן זאַל, זיכער אויף איר הויכן אָרט, הינטער דער באַלוסטראַדע.

דאָ האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון צום מײַסטער. ער ווידער האָט גוט געקענט זײַנע ווײַבער און זײַנע קאַוואַלירן. ער האָט זיי געהאַלטן פעסט אין די הענט. האָט זיך כּלל נישט געלאָזט אַרויס־שטויסן פֿון גלײַכגעוויכט דורכן שיכּורן רעש און די דראָענדיקע אויפגעהויבענע פויסטן, אָבער ער האָט אויך געוווּסט, ווען ער מוז נאָכגעבן.

— עמיל — האָט ער געשריגן — שפּילט דעם עמיל!

עפּעס אַ גראָבע נקבה אין אַ ריזיקן הוט האָט אויפגעהויבן אירע אָרעמס און אַרומגענומען דעם קאַפּעלמײַסטער אין זײַן פֿאַר־שטויבטן פראַק.

— בראַוואָ, גוסטאַוו, דאָס האָסטו גוט געמאַכט!

ווי בוימאייל האָט געפלאָסן זײַן באַפעל אויפן צעווילדעוועטן עולם. זיי האָבן געלאַכט, זיך געשטופּט צו אים, געשריגן בראַוואָ, געקלאַפּט אים גוטמוטיק אין דער פּלייצע, אָדער געגעבן אים שטויס־אין בויך אַרײַן. דערנאָך, ווען די מוזיק האָט נאָר אָנגעהויבן דעם וואַלס, האָבן זיי אויסגעבראָכן הייזעריק און גרילצנדיק:

„Emil, du bist eine Flanze
Und so jefälst du mi — ir!
Jehst immer jlejch als janze
Und darum lieb ich di — ir".

— אַלמאַ — האָט איינער אַ געשריי געטון אינמיטן זאַל —
זעט נאָר, אַלמאַ איז דאָ.

ער האָט געלאָזט שטיין זיין פּאַרטנערין, צוגעשפּרונגען און געכאַפּט די רויטהאָריקע אונטערן אָרעם. אַ קליינער, שוואַרצער פּראַנט, מיט אַ גלאַט פּאָמאַדירטן לאָק טיף איבערן שטערן אַראָפּ־געקעמט, מיט העלע, שטעכעדיקע אויגן.

— קום! — האָט ער אויסגערופן און זי שטאַרק אָנגענומען בײַ דער טאַליע.

די פּראָסטיטוטקע האָט געטאַנצט. זי האָט פּרעכער ווי אַנ־דערע אויסגעפירט דעם שווינדלדיקן וואַלס, און זיך געלאָזט שנע־לער ארומדרייען פון איר טענצער. נאָך עטלעכע טאַקטן, איז זי שוין געווען פולשטענדיק אין טאַנץ. זי האָט אַרויסגעוואָרפן די היפטן און זיך געבויגן אַהין און צוריק, זי האָט אויסגעשטרעקט דעם קערפּער אויף פּאַרנט און אירע קני זענען כסדר געקימען אין באַ־רירונג מיט די קני פון איר טענצער. אומפאַרשעמט, געמיין מיט תאווהדיקער ברוטאַלישקייט.

פראַנק ברוין האָט דערהערט נאָענט לעבן זיך אַ שטים. ער האָט דערזען דעם קאַפּעלמייסטער, וועלכער האָט זיך מיט אַ געוויסער אָנערקענונג צוגעקוקט צו דער דאָזיקער פּראָסטיטוטקע.

— דער רוח זאָל זי נעמען, ווי זי טאַנצט!

— אָ, דאָס איז די אמתע!... — האָט געטראַכט פראַנק ברוין. ער האָט איר נאָכגעפּאָרשט מיטן בליק איבערן גאַנצן זאַל. ווען די מוזיק האָט אויפגעהערט, איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו איר און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל.

— פּריער באַצאָלן! — האָט זיך צעלאַכט דער קליינער שוואַרצער.

ער האָט אים דערלאַנגט אַ מטבע. די פּראָסטיטוטקע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שנעלן בליק, פון קאָפּ ביז פיס.

— כ'ווין נישט ווייט פונדאַנען — האָט זי געזאָגט, — קום, דריי מינוט וועגס.

ער האָט איר איבערגעריסן.

— אַלציינס, ווו די ווינסט. קום מיט מיר.

דערווייל האָט אין קאַפע-הויז „טרינקהער" דער געהיימראַט געשטעלט פאַר די פרויען משקה; זיי האָבן אויסגעקליבן „סהעררי בראַנדי" און האָבן אים דערנאָך געבעטן, אַז ער זאָל פאַר אַן אַנ-דער געטראַנק באַצאָלן: ביר און נאָכאַמאָל ביר און קיכלעך און קאַווע. דער געהיימראַט האָט געצאָלט; דערנאָך האָט ער געפרוווט גליק. ער האָט זיי געוואָלט מאַכן אַ געוויסן פאָרשלאַג, האָט ער געזאָגט. און ווער ס'האָט חשק, זאָל אויסנוצן די גוטע געלעגנהייט. אויב אָבער, ס'וועלן, ווי מ'קען פאַרויסזען, אויף זיין פראָפּאָזיציע וועלן איינגיין צוויי, אָדער דריי, אָדער אפשר גאָר אַלע פיר — דאַן מוזן זיי צווישן זיך גורל וואַרפן.

די דאַרע יעני האָט אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל.

— ווייסט, אַלטיטשקער, לאָמיר ליבערשט באַלד וואַרפן גורל דאָס וועט זיין אַ סך קליגער! ווייל איך און אָט די דאַמען — מיר וועלן טון אַלץ, וואָס פאַר אַ בייע שטיקלעך דו זאָלסט נישט האָבן אויפן לאַגער!

און עללאַ, אַ קליינע בלאָנדינקע מיט אַ קאָפּ פון אַ ליאַלקע' האָט איר אונטערגעכאַפּט:

— אַלץ, וואָס מיין חברטע טוט, טו איך. פאַרפאַלן, מען דאַרף זיין סאָליד פאַר געלט!

זי איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און געבראַכט דעם בעכער מיט די ביינער.

— נו, אַרויס קינדער, ווער אַקצעפּטירט דעם צאָלטנס פאַר-שלאַג? — מיר שפּילן מאַקס און מאָריץ.

אָבער די גראָבע אננאַ, ווען מ׳האָט גערופן „די הין“, האָט פּראָטעסטירט:

— איך האָב תמיד אַ מפּלה אין אַזאַ אָרט, צי ווער איז אפשר, אַלטיטשקער, צאָלן אַנטשעדיקונג דער, וואָס ווער נישט גער׳ווינען?

— געוויס, — האָט געזאָגט דער געהיימראַט — פינף מאַרק יעדער.

ער האָט אַנידערגעלייגט דריי זילבערנע מטבעות אויפן טיש.

— ביסט אַ פיינער מאַן! — האָט אים געלויבט יענני, און כדי דאָס צו באַשטעטיקן, האָט זי באַשטעלט נאָך אַ ריי „שערי־בראַנדי“.

און זי איז עס טאַקע געווען די, וואָס האָט געוואונען. זי האָט גענומען די דריי פינפמאַרקן און זיי דערלאַנגט די חברטעס:

— דאָ האָט איר אייער אַנטשעדיקונג. נו, איצט שיס אַרויס אַלטער שמאַדאַלניק: ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך גרייט אויף אַלע שאַנדטאַטן!

— אַלזאָ, הער זיך איין, מיין ליב קינד, — האָט אָנגעהויבן דער געהיימראַט, — ס׳גייט דאָ יעדנפאַלס אין אַן אויסערגעוויינטלעכער זאַך. —

— שטרענג דיך נאָר נישט אָן, אַלטער פליך־קאָפּ! — האָט אים איבערגעריסן די פּראָסטיטוטקע — מיר אַלע דאָ זענען שוין ווייט נישט קיין בתולות און די לאַנגע יעננבי אַמווייניקסטן! אונ־דזער ליבער גאָט האָט פאַרשידענע קאָמישע חיות אין זיין מענאַ־זשעריע — אָבער, ווען מ׳האָט נאָר גוטע פּראַקטיק, באַקענט מען זיך שוין מיט אַלע שווינערייען. ס׳וועט דיר שווער אָנקומען מיך עפּעס נייעס אויסצולערנען.

— דו האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, ליבע יעננבי, — האָט

געזאָגט דער פּראָפעסאָר, — איך פאַרלאַנג נישט פון דיר קיין שום אויסערגעוויינטלעכס פון דעם מין, וואָס דיר פאַלט איין. דאָ האַנדלט זיך אייגנטלעך וועגן — וועגן אַ ריין חיסנשאַפטלעכן עקספּערי־מענט.

— כ׳ווייס שוין! — האָט געגרילצט יעני. — כ׳האָב אים געפּאַקט! — ביסט אַ דאָקטאָר, אמת, אַלטער? — כ׳האָב שוין אַמאָל געהאַט אַזוינעם, וואָס פלעגט תמיד אָנהייבן מיט דער וויסנ־שאַפט — דאָס זענען די גרעסטע חזירים! — נו, פּראָזיט, פּעטערל, כ׳האָב גאָרנישט דאַקעגן. באַ מיר קען יעדער האָבן גליק אויף זיין אופן!

— פּראָזיט, — האָט צו איר געטרונקען דער געהיימראַט. — איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ביסט אַזוי פריי פון אַלערליי פאָראורטיילן — ווייל אַזוי וועלן מיר שנעלער קומען צו אַ הסכם. אַלזאָ, מיט איין וואָרט, מיין ליב קינד, עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַן עקספּערימענט פון קינסטלעכער באַפרוכטונג.

— פון וואָ—אָס? — האָט אויסגערופן דאָס מיידל. — פון קינסטלעכער — באַפרוכטונג? וואָס פאַר אַ גרויסע קונצן דאַרף מען דערצו? דאָס איז תמיד אַ גאַנץ פּשוטע געשיכטע!

און די שוואַרצע קלאַראַ האָט הויך געמאַכט:

— מיר יעדנפאַלס וואָלט אַ קינסטלעכע אומפרוכטבאַרקייט געווען אַ סך ליבער!

דר. פּעטערסען איז געקומען זיין הער צו הילף.

— צי קען איך איר פרווון דעם גאַנצן ענין אויפקלערן? — און ווען דער געהיימראַט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט ער געהאַלטן אַ קליינע פאָרלעזונג וועגן דער גרונט־אידעע, וועגן די ביז איצטיקע רעזולטאַטן און וועגן די מעגלעכקייטן אין דער צו־קונפט.

ער האָט דייטלעך אונטערגעשטראָכן, אַז דער דאָזיקער עקס־

ספּערימענט איז איבגאַנצן שמערצלאָז און אַז אַלע חיות, איבער װעלכע מ׳האָט ביז איצט געאַרבעט, האָבן זיך דערביי זייער גוט געפילט.

— װאָס פאַר אַ חיות? — האָט געפרעגט יעגני.

און דער אַסיסטענט האָט געענטפערט:

— נו, מייז, מאַלפּעס, ים־חזירימלעך.

דערויף האָט זי אויסגעבראָכן:

— װאָס? אַ ים־חזיר? — אמת, אַ חזיר בין איך — און אַפילו אַן אַלטע הור! אָבער אַ ים־חזיר — דאָס האָט מיר נאָך קיינער נישט געזאָגט! און דו, פליכיקער שנעק, שטעלסט דיר פאָר, אַז איך װעל זיך דערלויבן טראַקטירן װי אַ ים־חזיר? — ניין, דערויף װעט יעגני לעהמאַן קיינמאָל נישט דערלויבן!

דער געהיימראַט האָט זי געפּרוּװט באַרויִקן. ער האָט איר געשטעלט אַ פרישן שנאַפּס.

— פאַרשטיי דאָך, ליב קינד — האָט ער אָנגעהויבן.

אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט קומען צום װאָרט.

— כ׳פאַרשטיי נאָך צו גוט! — האָט זי אויסגערופן — איך זאָל װערן באַנוצט צו אַזעלכע זאַכן, צו װעלכע איר באַנוצט געװיינטלעך ברודיקע חיות! — נישטאָ קיין פרייערס — און דערנאָך אימפּן זיי אַריין אַ פּאַסקודנעם סערום אָדער באַצילן — אָדער װילט איר אפשר איבער מיר אַ װיװיסעקציע מאַכן? — זי איז װאָס אַמאָל אַריין אין אַ גרעסערן גרימצאָרן, רויט פון כעס און רוגזה. — אָדער עפּעס אַ פּאַרזעניש זאָל איך אויף דער װעלט ברענגען, כדי איר זאָלט עס קענען װייזן אויף די יערידים?! אַ קינד מיט צװיי קעפּ, אָדער מיט אַ מייזישן עק, װאָס? אָדער אַזױנס, װאָס זאָל האַלב אויסזען װי אַ ים־חזירל? — איצט װייס איך שוין פונװאַנען עס נעמען זיך אין פּאַנאָפּטיקום און בײַ קאַסטאַנען די אַלע משונהדיקע פּאַרזעענישן — איר זענט זיכער אַגענטן פאַר

די דאָזיקע פּאַסאַזשירן!? און דערצו דאַרף איך דאָס באַנוצט ווערן, זיך לאָזן פון דיר קינסטלעך באַפרוכטן? היט דיך, אַלטער חזיר — אָט האָסטו דיר דיין קינסטלעכע באַפרוכטונג!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און אַ שפּיי געטון דעם געהיימראַט גלייך אין פּנים אַריין.

דערנאָך האָט זי גענומען דאָס גלעזל, רויק עס אויסגעטרונקען און שטאָלץ אַוועקגעגאַנגען.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך באַוויזן אין דער טיר פראַנק ברוין און געווונקען צו זיי, זיי זאָלן אַרויסגיין.

— קומט נאָר אַהער, הער דאָקטאָר, קומט שוין שנעלער! — האָט אים גערופן דר. פּעטערסען אויפגערעגט, דערביי האָט ער זיך באַמיט דעם געהיימראַט דאָס פּנים אָפּצווישן.

— וואָס איז געשען? — האָט געפרעגט דער רעפערענדאַר, צוקומענדיק צום טיש.

דער פּראָפעסאָר האָט אויף אים, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַ גאַנץ בייזן בליק געוואָרפן. די דריי פּראָסטיטוטקעס האָבן געהאַלטן אין איין שרייען, בעת דער פּראָפעסאָר האָט אים דערקלערט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— וואָס זאָלן מיר איצט טון — האָט ער צום סוף צוגעגעבן.

— פראַנק ברוין האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

— טון? — לחלוטין גאָרנישט. באַצאָלן און גיין — מער נישט. — איך האָב, אַלנפאַלס, געפונען דאָס, וואָס מיר באַדאַרפן.

זיי זענען אַרויס. פאַר דער טיר איז געשטאַנען די רויטהאָריקע פּראָסטיטוטקע און מיטן שירעם אין האַנט גערופן אַ דראָזשקע. פראַנק ברוין האָט זי אַריינגעזעצט אין דער דראָזשקע, דערנאָך געהאָלפן איינשטייגן דעם פּראָפעסאָר און אַסיסטענט. ער האָט

געזאָגט דעם קוטשער אַן אַדרעס און איז אַליין אויך אַריינגעשפּרונגען.

— איר וועט דערלויבן, איך וועל אייך באַקענען, — האָט ער אויסגערופן: — פרײלין אַלמאַ — זיין עקסעלענץ, געהיימראַט טען ברינקען — דאָקטאָר קאַרל פּעטערסען.

— ביסטו משוגע געוואָרן, צי וואָס? — האָט דער פּראָפעסאָר אויף אים אָנגעשריגן.

— לחלוטין נישט, פעטער יאַקוב, — האָט דער רעפערענדאַר רויק געענטפערט. — דו וועסט דאָך אַליין מודה זיין, אַז אויב פרײלין אַלמאַ דאַרף אַ לענגערע צייט פאַרברענגען אין דיין הויז אָדער אין דיין קליניק, וועט זי סיי ווי, צי דו ווילסט, אָדער נישט, דערוויסן זיך דיין נאָמען.

ער האָט זיך דערנאָך געווענדט צו דער פּראָסטיטוטקע.

— איר וועט אַנטשולדיקן, פרײלין אַלמאַ, מיין פעטער איז שוין אַ ביסל אויף דער עלטער!

ער האָט אין דער פינסטער נישט געזען דעם געהיימראַט.

ער האָט אָבער גאַנץ גוט געהערט, ווי זיינע ליפּן האָבן זיך צונויפגעדריקט אין אוממעכטיקן כעס. ער האָט דערפון שטאַרק הנאה געהאַט, און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז איצט וועט דער פעטער שוין אַרויס מיטן לשון.

— אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט. דער געהיימראַט האָט געפרעגט רויק:

— צי האָסטו שוין געזאָגט דעם מיידל וועגן וואָס עס גייט? און צי האָט זי מסכים געווען?

פראַנק ברוין האָט אים אַריינגעלאַכט אין פּנים.

— אָבער ס׳איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן! כ׳האָב קיין איין וואָרט דערפון נישט גערעדט! כ׳בין קוים הונדערט טריט אָפּגעגאַנגען מיט דער פרײלין אַלמאַ — כ׳האָב קוים צען ווערטער

מיט איר אויסגערעדט. כ'האָב נאָר פריִער — געזען, ווי זי האָט געטאַנצט —

— אָבער, הער דאָקטאָר, — האָט אים איבערגעריסן דער אַסיסטענט — נאָכן עקספּערימענט, וואָס מיר האָבן געמאַכט, קע־נען מיר דאָך נישט —

— ליבער פּעטערסען, — האָט געזאָגט דער רעפערענדאַר ערנסט — באַרויִקט אייך. כ'האָב מיך טאַקע איבערצייגט, אַז די דאָזיקע פּערזאָן איז די, וועלכע מיר ברויכן. איך מיין — אַז דאָס איז גענוג.

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ ווייַנשענק. זיי זע־נען אויסגעשטיגן. פראַנק ברוין האָט פאַרלאַנגט אַ סעפּאַראַטקע, און דער קעלנער האָט זיי אַריינגעפירט. ער האָט געבראַכט אַ רשימה פון וויינען, דער רעפערענדאַר האָט באַשטעלט צוויי פלעשלעך „פּאָממערי“ און אַ פלעשל קאָניאַק.

— אָבער כ'בעט אַ ביסל צוואַיילן! — האָט ער געזאָגט.

דער קעלנער האָט געבראַכט ווייַן און איז אַרויסגעגאַנגען.

פראַנק ברוין האָט פאַרשלאָסן די טיר, דערנאָך איז ער צו־געגאַנגען צו דער פּראָסטיטוטקע.

— ביטע, פרייַלין אַלמאַ, נעמט אַראָפּ דעם הוט.

זי האָט אים דערלאַנגט דעם הוט. די ווילדע, פון די שפּיל־קעס באַפרייטע האָר, האָבן זיך אַראָפּגעשיט אין אַלע זייטן, אויפן שטערן און אויף די באַקן. איר פּנים האָט געהאַט די כמעט דורכ־זיכטיקע פאַרב פון רויט־האָריקע פרויען. ערטערווייז האָט מען גע־קענט זען עטלעכע זומערשפּרענקעלעך. די אויגן האָבן גרין גע־פינקלט, פון צווישן די דינע, בלויִלעכע ליפּן האָבן אַרויסגעקוקט קליינע, ווייסע, בלאַנקענדע שורות ציין. און איבער דעם אַלעם איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ פאַרצערנדע, כמעט אומנאַטירלעכע ליידנשאַפט.

— טוט אויס די בלוזקע.

זי האָט שווייגנדיק געהאָרכט. ער האָט אויפגעשפּילעט די קנעפּלעך אויף די אַקסלען און אַראָפּגערוקט דאָס העמד. זיי האָבן דערזען פּאַר זיך כמעט קלאַסישע, אַ ביסל צו גרויסע ברוסטן.

פראַנק ברוין האָט געקוקט אויף זיין פּעטער.

— דאָס איז גאַנץ גענוג — האָט ער געזאָגט — דאָס אי־בעריקע קען מען אַזוי אויך זען, — אירע היפּטן לאָזן זיכער נישט איבער גאָרנישט צום פאַרלאַנגען. —

דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צום מיידל:

— כ'דאַנק אייך, אַלמאַ, איר קענט זיך שוין צוריק אָנטון.

דאָס מיידל האָט געהאָרכט. זי האָט גענומען דאָס גלעזל, וואָס ער האָט איר אָנגעגאָסן און עס אויסגעטרונקען ביזן דנאָ. און ער האָט די גאַנצע צייט אַכטונג געגעבן, אַז איר גלעזל זאָל קיין רגע נישט שטיין ליידיק.

דערנאָך האָט ער גענומען פּלוידערן. ער האָט דערציילט וועגן פּאַריז, גערעדט וועגן שיינע פרויען אין „מולען דע לאַ גאַ־לעט" און אין „עליזעע מאָנמאַרטר". ער האָט גענוי דערציילט, ווי זיי זען אויס, געשילדערט זייערע לעטשעלעך, זייערע הוטן און קליידער.

און פּלוצלינג האָט ער זיך אַ ווענד געטון צו דער פּראָס־טיטוטקע:

— ווייסט, אַלמאַ, דאָס איז פּשוט אַ חרפּה, ווי דו גייסט אָנ־געטון. כ'בעט דיך, האָב נישט קיין פאַריבל אויף מיר, אָבער דו וואָלסט זיך אין ערגעץ נישט געקענט אַזוי ווייזן. — צי זענט איר שוין געווען אַמאָל אין אוניאָן־באַר, אָדער אין אַרקאַדיע?

ניין, דאָרט איז זי נאָך קיינמאָל נישט געווען. אַפילו אין די אַמאָר־זאַלן איז זי אויך נישט געווען. קיינמאָל האָט זי אַ קאַ־וואַליר מיטגענומען אין אַלטן באַל־הויז. אָבער ווען זי האָט אויפן

צווייטן טאָג ווידער געוואָלט אַהינגיין באַנאַכט אַליין, האָט מען זי באַלד באַם אַריינגיין משלח געווען. יאָ, מ'דאַרף האָבן אַ פּאַסיקן טואַלעט.

— גאַטירלעך, דאַרף מען האָבן! — האָט באַשטעטיקט פראַנק ברוין. און צי גלייבט זי, אַז זי קען זיך דערשלאָגן צו עפּעס דאָרט פאַרן אָראַניענבורגער טויער?

די פּראָסטיטוטקע האָט זיך צעלאַכט:

— אַך, אין תוך גענומען, איז עס אַלציינס — אַ מאַנספּערשוין בלייבט אומעטום אַ מאַנספּערשוין!

אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן. ער האָט איר דערציילט לעגענדאַרע מעשׂיות פון פרויען, וועלכע האָבן געמאַכט זייער גליק אין די גרויסע באַל-הייזער. ער האָט גערעדט וועגן שנורן פּערל און בריליאַנטן; ער האָט גערעדט וועגן קאָטשן און טייערע געשפּאַנען. דערנאָך האָט ער פּלוצלינג אַ פרעג געטון:

— זאָג מיר, ווי לאַנג גייסטו שוין אַזוי אַרום?

זי האָט רויִק געענטפערט:

— שוין צוויי יאָר, זינט איך בין אַנטלאָפן פון דער היים.

ער האָט זי כּסדר אויסגעפרעגט און אַרויסגעצויגן ביסלעכווייז אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט וויסן. ער האָט געטרונקען צו איר, אָנגעפילט כּסדר דאָס גלעזל. און אומבמערקט פאַר איר, האָט ער איר צוגעגאָסן קאָניאַק צום שאַמפּאַניער.

אינגיכן וועט זי ענדיקן צוואַנציק יאָר, זי שטאַמט פון האַלבערשטאַט. איר פאָטער איז געווען אַ פּשוטער בעקער. אַן אַרבעטזאַמער און אַן אָרנטלעכער מענטש, ווי איר מוטער און די זעקס קינדער. זי — נו, יאָ, באַלד ווי זי האָט געענדיקט די שול, האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט אַ מאַנספּערשוין — מיט אַ געזעל פון איר

פאַטער. צי זי האָט אים געליבט? — אָבער, כּלל נישט — דאָ‏
הייסט: א חוץ דעם — גאָרנישט — נאָר, ווען —

יאָ, און דערנאָך איז געקומען אַ צווייטער און דערנאָך ווי‏
דער אַן אַנדערער. דער פאַטער האָט זי געשלאָגן און די מוטער
אויך, אָבער זי פלעגט תּמיד באַנאַכט אַנטלויפן פון שטוב. אַזוי האָ‏
געדויערט אַ פּאָר יאָר — ביז די עלטערן האָבן זי פון שטוב
אַרויסגעוואָרפן. האָט זי פאַרמשכּונט איר זייגערל און איז געפאָר‏ן
קיין בערלין.

און פון יענער צייט אַן געפינט זי זיך טאַקע דאָ —

פראַנק ברוין האָט געזאָגט:

— יאָ, אַזוי גייט עס שוין. — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: —
אָבער היינט איז דיין גליקלעכער טאָג.

— אַזוי? — האָט זי געפרעגט. — ווי אַזוי? — איר שטי‏ב
איז געווען הייזעריק און פאַרנעפּלט. באַ מיר איז יעדער טאָ‏ג
גוט — אַבי נאָר צו האָבן אַ מאַן!

אָבער ער האָט געוווסט ווי זיך צו נעמען צו איר:

— אָבער, אַלמאַ, איצט מוזסטו דו דאָך נעמען יעדן מאַ‏ן
וואָס וויל דיך! — צי וואָלסטו נישט געוואָלט, אַז ס'זאָל אַמאָל זיי‏ן
פאַרקערט? — אַז דו זאָלסט קענען נעמען יעדן, וואָס איז דיר
געפעלן?

אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן:

אָ, יאָ, דאָס וואָלט איר געפעלן.

ער האָט זיך צעלאַכט:

— נו, און צי האָסטו נישט באַגעגנט אויף דער גאַס קיינ‏
מאָל אַזעלכן, וועלכן דו וואָלסט פאַרלאַנגט און וועלכער האָ‏ט
לחלוטין זיך פון דיר גאָרנישט געמאַכט און זיך געגאַנגען ווייטער?
צי וואָלט דאָס נישט געווען הערלעך, ווען דו אַליין זאָלסט קענע‏ן
אויסקלויבן?

זי האָט זיך צעלאַכט.

— דיך, יינגל, וואָלט איך גערן גענומען —

— מיך אויך, — האָט ער איינגעשטימט — און דעם און יענעם — ווען דו וואָלסט דיר נאָר אַליין געווונטשן! אָבער דערויף קען מען זיך נאָר דערלויבן, ווען מ׳האָט געלט. און דעריבער זאָג איך, אַז היינט איז דיין גליקלעכער טאָג, ווייל היינט קענסטו פאַרדינען אַ סך געלט, אויב דו וועסט נאָר וועלן.

— וויפיל? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט געענטפערט:

— אַזוי פיל געלט, אַז דו זאָלסט דיר קענען דערפאַר קויפן די שענסטע טואַלעטן, וועלכע זאָלן דיר עפענען די טירן פון די בעסטע און פאָרנעמסטע באַל-הייזער — וויפיל? לאָמיר זאָגן צען טויזנט — און אפשר צוואַנציק טויזנט מאַרק.

— וואָס? — האָט אויסגערופן דערויף דער אַסיסטענט.

און דער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט אפילו אין דער ווייטסטער השערה וועגן אַזאַ סומע נישט געטראַכט, האָט געשטאַמלט: — ב׳מיין, אַז דו באַגייסט זיך אַ ביסל לייכטזיניק מיט פרעמד געלט.

פראַנק ברוין האָט צופרידן געלאַכט:

— הערסט, אַלמאַ, ווי דער געהיימראַט קען זיך נישט באַרויקן, וואָס ער וועט דיר דאַרפן שענקען אזא גרויסע סומע. אָבער איך זאָג דיר, אַז ס׳גייט כלל נישט אין דעם. דו וועסט אים צוהעלפן — דאַרף ער דיר אַלזאָ אויך צוהעלפן. באַשטייסטו אויף פופצען טויזנט?

זי האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט:

— יאָ, — אָבער וואָס דאַרף איך דערפאַר טון?

— דאָס איז טאַקע דאָס קאָמישע, — האָט ער געזאָגט. — דו דאַרפסט אייגנטלעך אַבסאָלוט גאָרנישט טון, נאָר אַ מינוט זיך האַלטן שטיל, דאָס איז אַלץ. פּראָזיט, טרינק אויס.

זי האָט אויסגעטרונקען.

— זיך שטיל האַלטן? — האָט זי פריילעך אויסגערופן. — דאָס האָב איך נישט ליב. נאָר אויב עס מוז זיין — פאַר פופצען טויזנט מאַרק! — פּראָזיט, יינגל!

און זי האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל, וועלכעס ער האָט באַלד אויפסניי אָנגעפילט.

— דאָס איז בעמלען אַ לעגענדאַרע געשיכטע, — האָט ער דערקלערט. — ס'איז פאַרהאַן אַ געוויסער הער — אַ גראַף — אָדער אייגנטלעך אַ פירשט, אַ ווונדערשיינער יונגערמאַן, גלייב מיר — דער דאָזיקער וואָלט דיר געוויס געפעלן געוואָרן. אָבער ליידער, ווערסטו אים נישט קענען זען — מען האָט אים אַרעסטירט און ער דאַרף אינגיכן געטייט ווערן. דער אָרימער יונגערמאַן — אין תוך גענומען, איז ער אומשולדיק, אַקוראַט ווי דו און איך. נאָר ער איז אַ ביסל אַ ראַפּטוס — און אַזוי האָט דאָס אומגליק פּאַסירט. בשעתן טרינקען איז געקומען צו אַ געשלעג און אַזוי אַרום האָט ער דערשאָסן זיין בעסטן חבר. און איצט מוז ער שטאַרבן.

— און וואָס דאַרף איך טון? — האָט זי שנעל געזאָגט. אירע גנאָלענע האָבן געצוקט, ס'האָט זיך דערוועקט אין איר אַ הייסע פאַרינטערעסירונג מיטן דאָזיקן מאָדנעם פירשט.

— דו — זעסטו, — האָט ער פּאַמעלעך פאַרגעזעצט — דו דאַרפסט אים צוהעלפן אויספירן זיין לעצטן ווונטש.

— גוט — האָט זי שנעל אויפגערופן, — גוט, גוט — ער וויל פריער האָבן אַ פרוי, אמת? כ'וועל עס גערן טון — און ער וועט זיין פון מיר צופרידן.

— בראַוואָ, אַלמאַ, — האָט געזאָגט דער רעפערענדאַר, — בראַוואָ, ביסט אַ וווויל מיידל, — אָבער די זאַך איז נישט אַזוי פשוט. הער זיך גוט איין, כדי דו זאָלסט פאַרשטיין אין וואָס עס גייט. אַלזאָ, ווען ער האָט בעהרגעט זיין פריינט — כ'מיין גע-

שאָסן — איז ער אַנטלאָפן צו זיין פאַמיליע. זי האָט אים געזאָלט ראַטעווען, באַהאַלטן און צוהעלפן אַנטלויפן. אַזוי ווי זיי אָבער האָבן געוווּסט, אַז ער איז אומדערהערט רייך, און אַז איצט איז געקומען אַ זעלטענער שעת הכּושר אים איינגיכן צו ירשענען, האָבן זיי אים איבערגעגעבן דער פּאָליציי.

— צום טייוול! — האָט אַלמאַ געזאָגט מיט איבערצייגונג.

— נישט אמת? — האָט ער פאָרטגעזעצט, — דאָס איז אַ שרעקלעכע געמיינקייט?! זיי האָבן אים אַריינגעפּאַקט אין תּפיסה — און ווי מיינסטו, וואָס האָט איצט דער פּרינץ בדעה?

— נקמה נעמען! — האָט זי שנעל געענטפערט.

ער האָט איר מיט אָנערקענונג געקלאַפּט איבער דער פולער פּלייצע.

— גערעכט, אַלמאַ, דו האָסט געלייענט דיינע ראָמאַנען מיט גוטן דערפאָלג. און אַלזאָ, דער פּירשט האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אָן דער פאַרדעטערישער פאַמיליע, נאָר דאָס קען געשען נאָר דאַן, ווען ער וועט זיי אָפּטון אַ שפּיצל מיט דער ירושה. — ביזט אַהער פאַרשטייסטו מיך?

— געוויס פאַרשטיי איך. — האָט זי דערקלערט. — די ווייסטע פאַמיליע דאַרף גאָרנישט באַקומען און אַ מצווה אויף איר.

— ווי אַזוי אָרדנט מען אָבער דאָס איין? — האָט ער פאָרטגעזעצט, — דאָס איז אַ האַרבע פראַגע! אָבער נאָך לאַנגער טראַכטעניש האָט ער געפונען דעם איינציקן וועג, אַז נאָר דאַן וואָלט די פאַמיליע נישט געקענט איבערכאַפּן זיינע מיליאָנען, ווען ער וואָלט געהאַט אַ קינד!

— און האָט דער פּרינץ אַ קינד? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — לײַדער האָט ער נישט

קיין איינס. אָבער ער לעבט דאָך נאָך, ער קען אַלזאָ פּראָבּפּערן אַ קינד —

זי האָט גיך געאָטעמט, איר ברוסט האָט זיך ראַש געהויבן.

— כ׳פּאַרשטיי — האָט זי אויסגערופן. — איך דאַרף דעם גראַף אַ קינד געבוירן.

— אָט דאָס איז עס טאַקע! — האָט ער געזאָגט. — צי ווילסטו דאָס?!

און זי האָט אויסגעשריגן:

— יאָ, כ׳וויל!

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַהינטער אויף דער שטול, אויסגעצויגן די פּיס און צעשפּרייט די אָרעמס. אַ שווערער, רויטער לאָק איז איר אַראָפּגעפאַלן אויפן קארק. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אויסגעליידיקט דאָס גלעזל.

— האָסט נאָך עפּעס? לאָמיר טרינקען פאַרן געזונט פון פּרינץ!

זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך.

— אַ פיינע רויבערישע געשיכטע האָסטו איר דאָ אָנגעדערציילט, — האָט געשיפּעט דער געהיימראַט צו זיין שוועסטערנזון — אינטערעסאַנט, ווי אַזוי דו וועסט דיך איצט דערפון אַרויסדרייען?

— האָב נישט קיין מורא, פעטער יאַקוב, — האָט ער אָפּגעענטפערט. — ס׳וועט קומען נאָך אַזאַ קאַפּיטל. — דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צו דער רויט-האָריקער פּראָסטיטוטקע:

— און אַלזאָ, דאָס איז דערליידיקט. דו וועסט אונדז צוהעלפן, אַלמאַ. אָבער אין דעם אַלעם איז נאָך דאָ עפּעס אַ שווערער פּונקט, און דעם דאָזיקן מוז איך דיר נאָך דערקלערן. זי דו ווייסט — דער באַראָן זיצט.

— דער באַראָן? — האָט זי אים איבערגעריסן, — כ'האָב געמיינט, אַז ער איז אַ פּרינץ.

— אַוודאי איז ער אַ פּרינץ, — האָט זיך פראַנק ברוין אויסגעבעסערט — אָבער ווען ער טרעט אַרויס אינקאָגניטאָ, רופט ער זיך באַראָן — דאָס איז שוין אַזאַ מאָדע בײַ די פּרינצן. און אַלזאָ, זיין האָהייט פּרינץ—

— טיטולירט ער זיך זיין האָהייט? — האָט זי געפּליסטערט.

— געוויס — האָט ער אויסגערופן — זיין קייזערלעכע קעניגלעכע האָהייט! אָבער דו מוזט מיר צושווערן, אַז וועסט קיינעם דערפון גאָרנישט דערציילן — קיינעם נישט. — דער פּרינץ אַלזאָ שמאַכט אין תּפיסה און ווערט ווי צום שטרענגסטן געהיטן. מ'לאָזט קיינעם נישט אַריין צו אים, אַ חוץ זיין אַדוואָקאַט. ס'איז דעריבער אוממעגלעך, אַז ער זאָל נאָך קענען אַמאָל זיין מיט אַ פרוי, איידער זיין לעצטע שעה וועט אָנקומען.

— אָ! — האָט זי אָפּגעזיפצט. איר פאַרינטערעסירונג מיטן אומגליקלעכן פּרינץ האָט זיך פאַרקלענערט.

אָבער פראַנק ברוין האָט זיך נישט געמאַכט דערפון.

— דעריבער — האָט ער ווייטער רויק דעקלאַמירט, מיט אַ קלינגענדיקן פּאַטאָס — אין דער שרעקלעכער פּיין פון זיין האַרץ, אין זיין מוראַדיקער פאַרצווייפלונג און אין זיין אומגעשטילטן דורשט נאָך נקמה, האָט ער זיך פלוצלינג דערמאָנט אָן די וווּנדערלעכע עקספּערימענטן פון זיין עקסעלענץ, דעםווירקלעכן געהיימראַט, פּראָפעסאָר און דאָקטאָר טען ברינקען, דעם דאָזיקן שטראַלנדיקן ליכט פון דער וויסנשאַפט. אָט דער יונגער און שיינער פּרינץ, וועלכער מוז אין פרילינג פון זיין לעבן זיך געזעגענען מיט דער דאָזיקער וועלט, האָט נאָך זייער גוט געדענקט פון זיינע גאָלדענע קינדער־יאָרן דעם גוטיטשקן אַלטן הער, וועלכער האָט אים גע-

זיילט, ווען ער האָט געהאַט דעם קאָנקל-הוסט און וועלכער האָט אים אָפּט געבראַכט צוקערלעך. — אָט דאָרט, אַלמאַ, זיצט ער, קוק זיך גוט איין אין אים; דאָס נקמה-ווערקצייג פון אומגליקלעכן פרינץ! — און ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ גרויסאַרטיקן זשעסט אויף זיין פעטער — דער דאָזיקער בכבודיקער הער — האָט ער ווייטער געזאָגט, — האָט איבערגעשטיגן זיין צייט מיט עטלעכע מייל. — ווי אַזוי קינדער קומען אויף דער וועלט, ווייסטו דאָך, אַלמאַ, און דו ווייסט אויך, ווי אַזוי מען מאַכט זיי. אָבער דו ווייסט נישט דעם סוד, וועלכן ס'האָט אַנטדעקט דער דאָזיקער ווילטעטער פון דער מענטשהייט: דעם סוד פון פרוכבערן קינדער, בײַ וועלכן די פאָטערס און די מוטערס דאַרפן זיך אַפילו נישט זען. דער איידעלער פרינץ קען זיך ווייטער אין זיין תפיסה צו גרונט גיין — אָדער אַפילו אין קאַלטן קבר ליגן, אין דער צייט, ווען דו, מיידל, מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן אַלטן מאַן און דעם זאַקקענערישן אַסיסטענץ דעם טיכטיקן דאָקטאָר פעטערסען, וועסט ווערן די מוטער פון זיין קינד.

אַלמאַ האָט זיך איינגעקוקט אין געהיימראַט — דער דאָזיקער קווי-פּראָ-קוואָ, דער דאָזיקער אויסטערלישער טויש פון שיינעם, איידעלן, צום טויט פאַרמשפּטן, יונגן פרינץ אויפן אַלטן און שטאַרק מיאוסן פּראָפעסאָר איז איר כלל נישט געפעלן געוואָרן.

פראַנק ברוין האָט דאָס גוט באַמערקט, און כדי אירע רעפלעקסן אין תחילת צו דערשטיקן, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן מיט פרישע כוחות:

— דאָס פרינצישע קינד, אַלמאַ, דיין קינד — מוז נאַטירלעך קומען אויף דער וועלט אין דער גרעסטער פאַרבאָרגנהייט, און אויך זייער שטרענג אָפּגעהיטן ווערן, כדי עס צו פאַרהיטן פאַר אינטריגעס און רדיפות מצד דער שלעכטער משפחה. עס וועט נאַטירלעך אויך זיין אַ פרינץ, ווי זיין פאָטער!

— מיין קינד וועט זיין — אַ פּרינץ? — האָט זי געפּליסטערט.

— יאָ, געוויס — האָט ער באַשטעטיקט — אָדער אפשר אַ פּרינצעסין, דאָס קען מען נאָך נישט וויסן. עס וועט באַזיצן פּאַלאַצן און גרויסע גיטער און פיל מיליאָנען געלט. — אָבער דו דאַרפסט דעם קינד שפּעטער נישט לייגן קיין שטיינער אין וועג, זיך אים נישט אָנוואַרפן און קאָמפּראָמיטירן.

דאָס איז געלונגען: דיקע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער אירע באַקן. אָ, איצט האָט זי זיך שוין געפילט אין דער דאָזיקער ראָל, זי איז שוין געווען דורכגענומען מיטן שטילן ווייטיקדיקן קרבן פאַרן געליבטן קינד. — זי איז געווען אַ גאַסנמיידל — אָבער איר קינד איז געווען אַ פּרינץ! ווי אַזוי וואָלט זי געוואַגט זיך צו דערנענטערן צו אים? אָ, זי וואָלט געוואָלט אין דער שטיל ליידן און דולדן און כסדר נאָר תּפילה טון פאַר איר קינד. קיינמאָל זאָל עס זיך נישט דערוויסן — ווער ס׳איז געווען זיין מוטער.

אַ שטאַרק כליפּען איז זי באַפאַלן און האָט געטרייסלט מיט איר גאַנצן קערפּער. זי האָט זיך געוואָרפן אויפן טיש, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די הענט און ביטער געוויינט.

צערטלעך, כמעט האַרציק האָט ער זי געגלעט איבערן האַלדז און אירע צעשויבערטע האָר. ער האָט גוט געפילט די איבלדיקע זיסקייט פון דער סענטימענטאַלער לימאָנאַדע, וואָס ער אַליין האָט אָנגעמישט, און נישט קוקנדיק דערויף עס גענומען ערנסט אין דער דאָזיקער מינוט.

— מאַגדאַלענאַ, — האָט ער געשעפּטשעט, — מאַגדאַלענאַ
זי האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט און אים דערלאַנגט די האַנט.

— כ׳זאָג אייך צו — אַז כ׳וועל קיינמאָל נישט לאָזן פון זיך הערן, — אָבער — אָבער —

— וואָס פאַרלאַנגסטו, מיידל? — האָט ער שטיל געפרעגט.

זי האָט אַנגעכאַפּט זיין האַנט, געפאַלן אויף די קני און אַנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן זיינע קני.

— נאָר איינס — נאָר איינס! — האָט זי געריפן. — צי קען איך — צי וועל איך עס קענען טיילמאָל זען? נאָר פונדערווייטנס — אָך! נאָר גאָר פונדערווייטנס? —

— צי וועסטו אַמאָל פאַרענדיקן די דאָזיקע נישטיקע קאָמעדיע דיינע? — האָט אים דער געהיימראַט צוגעוואָרפן.

פראַנק ברוין האָט אים ווילד אָנגעקוקט — טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט געפילט ווי ווייט דער פעטער האָט געהאַט רעכט, האָט אין אים דאָס בלוט געקאָכט. ער האָט געשיפעט צו אים:

— שווייג, אַלטער שוטה! — זעסטו נישט, ווי שיין דאָס איז? — און ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער פּראָסטיטוטקע — אדרבא, מיידל, וועסט אים קענען זען, דיין יונגן פּרינץ. איך וועל דיך מיטנעמען, ווען ער וועט אַרויספאָרן מיט זיינע הוזאַרן, אָדער אין טעאַטער, ווען ער וועט זיצן אויבן אין דער לאָזשע — דאַמאָלס וועסטו אים קענען זען —

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר צוגעדריקט צום מויל זיינע הענט און אירע טרערן האָבן זיך צונויפגעמישט מיט אירע קושן.

ער האָט זי פּאַמעלעך אויפגעהויבן, פאַרזיכטיק זי אַוועקגעזעצט און איר ווייטער געגעבן צו טרינקען. — א גרויס גלעזל האַלב געמישט מיט קאָניאַק.

— ביסטו, הייסט עס, מסכים? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי שטיל געזאָגט, — איך בין מסכים. — וואָס דאַרף איך טון?

ער האָט זיך פאַרקלערט א רגע.

— קודם־כל — קודם־כל — מוזן מיר אָנשרייבן אַ קלײנעם אָפּמאַך.

ער האָט זיך געווענדט צום אַסיסטענט.

— צי האָט איר פּאַפּיר, דאָקטאָר? און אַן אויטאָמאַטישע פּען? — אויסגעצייכנט! טאָ שרייבט־זשע, שרייבט באַלד אין צוויי עקזעמפּלאַרן.

ער האָט דיקטירט. ער האָט געזאָגט, אַז די אונטערגעשריבענע גיט זיך פרייוויליק איבער דעם עקספּערימענט, וואָס עקסעלענץ טען ברינקען האָט בדעה דורכצופירן. אַז זי זאָגט צו אַלע פאַרשריפטן פון דעם דאָזיקן הער פינקטלעך צו פאָלגן, אַז שפּעטער נאָכן געבורט זאָגט זי זיך אָפּ פון אַלע פּרעטענזיעס בנוגע דעם קינד. דערפאַר איז זיך דער עקסעלענץ מתחיב תיכף איינצוצאָלן פופצען טויזנט מאַרק אויפן נאָמען פון דער אונטערגעשריבענער אויף אַ ביכל אין דער שפּאָר־קאַסע, און דאָס דאָזיקע ביכל איר תיכף נאָך דער קימפּעט איבערצוגעבן.

אַ חוץ דעם פאַרפליכטעט ער זיך ביז צו יענער צייט צו טראָגן אַלע הוצאות פון איר אויסהאַלט און צאָלן איר אַ חודשלעכע סומע פון הונדערט מאַרק אַלס טאַשנגעלט.

ער האָט גענומען דאָס בלעטל אין דער האַנט און נאָכאַמאָל הויך איבערגעלייענט.

— אַבער ס'איז דאָרט גאָרנישט דערמאָנט וועגן פּרינץ? — האָט זי געזאָגט.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט, — האָט ער דערקלערט, — קיין איין וואָרט נישט. דאָס מוז בלייבן אַ שטרענגער סוד.

זי האָט דאָס פאַרשטאַנען. אָבער ס'איז נאָך געווען עפּעס, וואָס האָט זי באַאומרויקט.

— פאַרוואָס — האָט זי געפרעגט, — פאַרוואָס נעמט איר

דווקא מיך? פאַרן אומגליקלעכן פרינץ וואָלט דאָך יעדע פרוי אַלץ געטון, וואָס זי וואָלט נאָר געקענט.

ער האָט אַ ביסל געשטאַמלט. די דאָזיקע שאלה איז געקומען פאַר אים אומדערוואַרטעט, אָבער ער האָט געפונען אַן ענטפער.

— הער זיך איין, דאָס איז געווען אַזוי: — די ערשטע יוגנטלעכע ליבע פון פרינץ איז געווען אַ וווּנדערלעך שיינע גרעפין. ער האָט זי געליבט אַזוי הייס, ווי נאָר אַן אמתער פרינץ איז בכוח צו ליבן, און זי האָט אויך נישט ווייניקער ליב געהאַט דעם שיינעם, איידעלן יינגנמאַן. אָבער זי איז געשטאָרבן.

— אויף וואָס איז זי געשטאָרבן? — האָט זי אַ פרעג געטון.

— זי איז געשטאָרבן אויף — מאַזלען — און די דאָזיקע שיינע געליבטע פון דעם איידעלן פרינץ האָט געהאַט די זעלבע גאָלד-רויטע לאָקן ווי דו: — דאָס איז אַלזאָ דער לעצטער האַרציקער ווונטש פון פרינץ: אַז די מוטער פון זיין קינד זאָל ענלעך זיין צו דער געליבטער פון זיין יוגנט. ער האָט אונדז געגעבן איר פּאָרטרעט און זי אונדז גענוי אָפּגעמשלט. האָבן מיר זי אַרומגעזוכט איבער גאַנץ אייראָפּע, אָבער מיר האָבן די ריכטיקע נישט געפונען — ביז מיר האָבן היינט אין אָוונט דיך דערזען.

זי האָט זיך צעלאַכט אַ צופרידענע.

— צי בין איך אין אמתן ענלעך צו דער שיינער גרעפין?

— ווי צוויי צווילינגדיקע שטערן; — האָט ער אויסגעשריען, — איר וואָלט געקענט זיין שוועסטערן, — איבעריקנס, מיר וועלן דיך לאָזן פאָטאָגראַפירן: ווי וועט זיך דער פרינץ פרייען, ווען ער וועט דערזען דיין בילד! — ער האָט איר דערלאַנגט די פען. — אַזוי, קינד, און איצט שרייב דיך אונטער!

זי האָט גענומען דאָס בלעטל און אָנגעשריבן „אַל—" דער-

נאָך האָט זי גענומען די סערוועטקע, זאָגנדיק: — אויף דער פּען איז דאָ אַ דיקע האָר. — זי האָט גענומען די סערוועטקע און אָפּגערייניקט דערמיט די פּען.

— צום טייוול — האָט געמורמלט פראַנק ברוין, — ס׳איז מיר ערשט איינגעפאַלן, אַז זי איז נאָך נישט פוליעריק. אייגנטלעך וואָלטן מיר אויך געמוזט האָבן דעם אונטערשריפט פון איר פאָטער, — אָבער, מילא — פאַר דעם דאָזיקן קאָנטראַקט וועט עס געגוגן — שרייב נאָר! — האָט ער הויך אויסגערופן. — ווי הייסט איבעריקנס דיין פאָטער?

— מיין פאָטער איז דער בעקער רוינע פון האַלבערשטאַט, — האָט זי געזאָגט, און האָט אָנגעשריבן מיט אומגעלומפּערטע, שטייפע אותיות דעם נאָמען פון איר פאָטער.

פראַנק ברוין האָט איר אַרויסגענומען דאָס בלעטל פון דער האַנט. ער האָט עס אַראָפּגעלאָזט, ווידער עס אויפגעהויבן און זיך איינגעקוקט דערין.

— גאָט אין הימל! — האָט ער הויך אויסגערופן. — דאָס — דאָס איז —

— נו, וואָס איז געשען, הער דאָקטאָר? — האָט געפרעגט דער אַסיסטענט. ער האָט אים דערלאַנגט דעם קאָנטראַקט.

— דאָ — דאָ — קוקט זיך איין — זעט נאָר דעם אונטערשריפט.

דר. פּעטערסען האָט געקוקט אויפן בויגן פּאַפּיר.

— נו? — האָט ער פאַרחידושט געפרעגט. — וואָס איז? איך זע נישט דערין קיין שום אויסערגעוויינטלעכס.

— ניין, ניין — נאַטירלעך, אז איר קענט גאַרנישט זען! — האָט זיך אָנגערופן פראַנק ברוין. — דערלאַנגט דעם קאָנטראַקט דעם געהיימראַט. יאָ — איצט לייען, פּעטער יאַקוב!

דער פּראָפעסאָר האָט באַטראַכט דעם אונטערשריפט. דאָס

מיידל האָט פאַרגעסן צו דערענדיקן איר נאָמען; אַל-רוינע איז געווען אָנגעשריבן אויפן בלעטל.

— יעדנפאַלס — אַ מאָדנער צופאַל — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר. ער האָט זאַרגפעלטיק צונויפגעלייגט דאָס בלעטל און עס אַריינגערוקט אין זיין בוזעם-טאַש.

אָבער זיין שוועסטערזון האָט אויסגערופן:

— אַ צופאַל — גוט — זאָל זיין אַ צופאַל. אַלצדינג, וואָס ס'איז וווּנדערבאַר און געהיימנישפול איז פאַר מיר צופאַל — ער האָט אָנגעקלונגען נאָכן קעלנער. — וויין, וויין! — האָט ער אַ געשריי געטון. — גיט מיר צו טרינקען. — אַלמאַ רוינע, — אַל רוינע, פאַר דיין געזונט!

ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן טיש און זיך געווענדט צום געהיימראַט.

— צי געדענקסטו דעם אַלטן קאָמערציאַלראַט ברונער פון קעלן? און זיין זון, וועלכן ער האָט גערופן מאַרקאָ? ער איז גע-ווען מיט מיר אין איין קלאַס, הגם ער איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר. דאָס איז בלויז אַ וויץ געווען, וואָס דער פאָטער האָט אים גערופן מאַרקאָ, און אַזוי איז שוין דאָס ייִנגל געגאַנגען איבער דער גאָרער וועלט אַלס מאַרקאָ ברונער! — און איצט — דער דאָזיקער צופאַל אייערער. דער אַלטער קאָמערציאַלראַט איז געווען דער ניכטערסטער מענטש אויף דער וועלט און אַזוי אויך זיין פרוי און זיינע אַלע קינדער. — מיר דוכט, אַז אין זיין שטוב אויפן נייעם מאַרק האָט מען קיינמאָל גאָרנישט מער געטרונקען ווי וואַסער, מילך, טיי, אָדער קאַווע. אָבער מאַרקאָ האָט געטרונקען. ער האָט נאָך געטרונקען אַלס סעקונדוויער — זייער אָפט פלעגן מיר אים אַהיימפירן אַ שיכורן. שפּעטער איז ער געוואָרן פענר״ך און אָפיציר — און דאַמאָלס איז געקומען זיין סוף. ער האָט גע-טרונקען און געטרונקען וואָס אַמאָל מער, אָפּגעטון שטותערייען און

איז סוף כּל סוף געוואָרן אַרויסגעטריבן. דריי מאָל האָט אים דער אַלטער אָוועקגעגעבן אין אַ דערציִונגס-אַנשטאַלט און דריי מאָל האָט ער, אַרויסגייענדיק פון דאָרטן, עטלעכע וואָכן כּסדר נאָך מער גע-שיכּורט, ווי ווען עס איז.

און איצט קומט דער ווייטערדיקער צופאַל.

מאַרקאָ ברונער האָט געטרונקען — מאַרקאָ ברונער, דאָס איז געוואָרן זיין אידעע-פיקס. דער איז אַרומגעלאָפן איבער אַלע ווינקלען פון שטאָט און האָט געזוכט זיין מאַרקע. ער האָט אַרומגערייזט לענגאויס דעם רהיין און אויסגעטרונקען אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געפונען פון דאָזיקן ווייַן זייַנעם. ער האָט זיך גע-קענט דערויף דערלויבן, ווייל ער האָט געהאַט זיין אייגן פאַרמעגן, אַ ירושה נאָך דער באָבען. — היי! — האָט ער געשריגן אין דע-ליריום — מאַרקאָ ברונער וועט אַ תּל מאַכן פון מאַרקאָ ברונער! פאַרוואָס? ווייל מאַרקאָ ברונער וועט אַ תּל מאַכן פון מאַרקאָברו-נער! און מענטשן פלעגן לאַכן פון זיינע וויצן. — אַלץ איז אַ וויץ, אַלץ איז אַ צופאַל — ס'איז ווי דאָס גאַנצע לעבן — נאָר אַ וויץ און אַ צופאַל! — פונדעסטוועגן ווייס איך, אַז דער אַלטער קאָמערציאַלראַט וואָלט אָוועקגעגעבן הונדערטער טויזנטער פאַר דעם, אַז ער זאָל דעם דאָזיקן וויץ נישט האָבן געמאַכט. כ'ווייס אויך, אַז ער וועט זיך דאָס קיינמאָל נישט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיין יינגל אָנגערופן מאַרקאָ, אָנשטאָט האַנס, אָדער פּיאָטר. — און פונדעסטוועגן — איז עס אַ צופאַל. אַ זייער נאַרישער, גראָטעסקער צופאַל — פונקט ווי דער דאָזיקער אָנגעשמירטער אונטערשריפט פון דער פּרינצישער כּלה.

דאָס מיידל איז אויפגעשטאַנען. זי האָט זיך שיכּורעהייט אָנ-געשפּאַרט אָן טיש.

— די פּרינצישע כּלה — האָט זי געשטאַמלט, — ברענגט מיר דעם פּרינץ אין בעט אַריין!

זי האָט גענומען דאָס פּעשל קאָניאַק און זיך אָנגעגאָסן אַ פול גלעזל.

— דעם פּרינץ וויל איך, איר הערט, צי נישט? פאַר דיין געזונט, זיסינקער פּרינץ.

— ליידער איז ער דאָ נישטאָ! — האָט געזאָגט דר. פּע-טערסען.

— ער איז דאָ נישטאָ? — האָט זי געלאַכט, — נישטאָ? טאָ זאָל זיין אַן אַנדערער! דו — אָדער דו — אָדער דו — אַלטיטש-קער! אַלציינס, אַבי עפּעס אַ מאַנספּערשוין!

זי האָט אַראָפּגעריסן די בלוזקע פון זיך, אַראָפּגעוואָרפן דאָס קלייד, אַראָפּגעצויגן דעם גאָרסעט און אים מיט רעש אַ וואָרף גע-טון צום שפּיגל.

— אַ מאַנספּערשוין וויל איך — קומט אַלע דריי! ברענגט ווּעמען פון דער גאַס, אויב איר ווילט!

דאָס העמד האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר קערפּער, זי איז געשטאַנען איינגאַנצן נאַקעט פאַרן שפּיגל.

— ווער וויל מיך? — האָט זי הויך גערופן — ס'קענען אַריינשפּאַצירן — אַלע באַנאַנד! עס קאָסט היינט גאָרנישט, ווייל ס'איז יום טוב — פאַר קינדער און זעלנער די העלפט.

זי האָט צעעפנט אירע אָרעמס און אַרומגענומען די לופט.

— זעלנער — האָט זי געשריגן — זעלנער, אַ גאַנצן פּולק וויל איך האָבן.

— שעם זיך — האָט געזאָגט דר. פּעטערסען — פּאַסט דאָס פאַר אַ פּרינצעס אַ כלה? — אָבער זיין בליק איז תאוותדיק געבליבן הענגען אויף אירע גרויסע, שטאַרקע ברוסטן.

זי האָט געלאַכט:

— אַך, וואָס! — פּרינץ, אָדער נישט פּרינץ! יעדער וואָס וויל, קען מיך האָבן!

איר קערפּער האָט זיך האַסטיק געבויגן, אירע ברוסטן האָבן זיך געשטרעקט צו די מאַנספּערשוינען. מיט הייסער ליידנשאַפט האָט געיאָכצט איר ווייס לייב, מיט תּאווהדיק פייער האָט געשטראָמט איר בלוט אין די בלויע אָדערן. און אירע בליקן, און אירע ציטערדיקע ליפּן, און די גאַרנדיקע הענט און אַרויספאָדערנדיקע פיס, און אירע היפּטן און ברוסטן האָבן געשריגן מיט ווילדער בענקשאַפט: איבערגעבן זיך — איבערגעבן זיך! זי האָט שוין נישט אויסגעזען ווי קיין גאַסנמיידל — זי איז געווען אַנטבלויזט פון אַלע שלייערן, באַפרייט פון אַלע קייטן, — אַ ריזיקער, אוראַלטער סימבאָל פון ווייב: געשלעכט פון קאָפּ ביז פיס.

— אָ, דאָס איז די ריכטיקע! — האָט געמורמלט פראַנק ברוין — די מאַמע ערד — מאַמע ערד —

פּלוצלינג איז איבער איר לייב דורכגעלאָפן אַ ציטער. איר הויט האָט גענומען שוידערן. שווער שלעפּנדיק די פיס, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפקע.

— כ׳ווייס נישט, וואָס מיט מיר טוט זיך, — האָט זי געמורמלט, — אַלץ דרייט זיך מיט מיר.

— ביסט אַ ביסל אָפּגעשוואַכט, — האָט געזאָגט דער רעפּערענדאַר — נאַדיר, טרינק נאָך אַ ביסל און שלאָף זיך אויס.

ער האָט איר ווידער געגעבן אַ פול גלעזל אויסצוטרינקען.

— יאָ — שלאָפן וואָלט איך געוואָלט — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט, — שלאָפסטו מיט מיר, יינגל?

זי האָט זיך געוואָרפן מיטן גאַנצן גוף אויף דער סאָפע און הויך אויסגעשטרעקט די פיס. זי האָט זיך פריילעך צעלאַכט, זיך הויך צעכליפּעט, ענדלעך זיך שטיל שלוכצנדיק איבערגעדרייט אויף אַ זייט און פאַרמאַכט די אויגן.

פראַנק ברוין האָט אַרונטערגערוקט אונטערן קאָפּ פון דער שלאָפנדיקער אַ גרויס קישן און זי צוגעדעקט. ער האָט באַשטעלט

קאַווע, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און עס אויפגעפּראַלט. אָבער ער האָט עס באַלד פאַרמאַכט מיטן מאָמענט, ווען דער העלער באַגינען האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער.

ער האָט זיך אויסגעדרייט:

— נו, מיינע הערן, זענט איר צופרידן פון דעם דאָזיקן אָבּיעקט?

דר. פּעטערסען האָט באַטראַכט דאָס מיידל מיט אַן אַנטציקטן בליק.

— איך מיין, אַז זי וועט זייער גוט טויגן — האָט ער געזאָגט. — זאָל זיין עקסעלענץ באַוויליקן צו באַטראַכטן אירע היפּטן — זי איז, ווי פּרעדיסטינירט נאָר פאַר אַ מוסטער־האַפטן געבורט.

דער קעלנער האָט אַריינגעבראַכט קאַווע. פראַנק ברוין האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג:

— זייט אַזוי גוט און טעלעפאָנירט אין דער נאָענטסטער רעטונגס־סטאַציע. — זאָל מען צושיקן אַ טראָג־בעטל. — די דאָזיקע דאַמע איז ערנסט קראַנק געוואָרן.

דער געהיימראַט האָט אים פאַרבליפט אָנגעקוקט:

— וואָס זאָל דאָס הייסן?

— וואָס דאָס זאָל הייסן! — האָט געלאַכט דער שוועסטערנזון, — אַז כ'האָב דעם קאָפּ אויפן קאַרג, פעטער יאַקוב. דאָס הייסט, אַז איך טראַכט פאַר דיר און בין אַ סך קליגער פון דיר. צי שטעלסטו דיר דען פאָר, אַז דאָס דאָזיקע מיידל, ווען זי וועט זיך אויסניכטערן, וועט אַפילו אַ רגע וועלן בלייבן בא דיר? כל זמן איך האָב זי פאַרשיכורט מיט חערטער און ווין, אַזוי לאַנג איז נאָך געגאַנגען, אָבער כ'חייס, אַז זי וועט פוןביידע העלדן אַנטלויפן באַלד אין ראַג פון דער ערשטער גאַס, נישט קוקנדיק אויפן גאַנצן געלט און אויף אַלע פּריבצן פון דער גאָרער וועלט — דעריבער

דאַרף מען אויסנוצן דעם מאָמענט. איר, דאָקטאָר פעטערסען, ווי נאָר מען וועט ברענגען דאָס טראָג־בעטל, זאָלט איר הייסן אוועקטראָגן דאָס מיידל צום באַנהויף. דער באַגינען־צוג גייט אָפּ, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, זעקס אַ זייגער. מיטן דאָזיקן צוג זאָלט איר מיט איר אַוועקפאָרן. איר וועט נעמען אַ גאַנצן קופּע און אויסבעטן דאָרטן דער פּאַציענטין. כ׳רעכן, זי וועט זיך נישט איבערוועקן, און אויב דאָס וועט געשען, גיט איר אַ ביסל קאָניאַק. איר מעגט אויך אַריינטון עטלעכע טראָפּנס מאָרפיום. אויף אַזאַ אופן וועט איר קע־נען זיין באַקוועם היינט באַנאַכט אין באַן צוזאַמען מיט אייער רויב. טעלעגראַפירט, אַז די קאָטש פון געהיימראַט זאָל אייך אָפּוואַרטן אויפן באַנהויף. דאָרט זאָלט איר אַריינזעצן דאָס מיידל אין דער קאָטש און אַוועקפירן זי אין אייער קליניק. — קוים וועט זי נאָר דאָרט זיין, וועט זי זיך שוין נישט אַזוי לייכט פון דאָרטן אַרויס־קריגן — דערויף האָט איר שוין אייערע מיטלען און תחבולות.

— אָבער אַנטשולדיקט, — הער דאָקטאָר, — האָט באַמערקט דער אַסיסטענט, — דאָס זעט דאָך כמעט אויס ווי אַ באַרויבונג.

— ס׳איז טאַקע אַזוי — האָט באַשטעטיקט דער רעפערענ־דאַר — איבעריקנס איז אייער בירגערלעך געוויסן באַרויקט: איר האָט אַ קאָנטראַקט — און איצט, רעדט נישט קיין סך — נאָר טוט, וואָס כ׳זאָג.

דר. פעטערסאָן האָט זיך געווענדט צו זיין שעף, וועלכער איז שווייגנדיק און פאַרטראַכט געשטאַנען אינמיטן שטוב. צי זאָל ער נעמען אַ בילעט ערשטע קלאַס? און וועלכעס צימער זאָל ער אויסרוימען פאַרן מיידל? און צי וואָלט נישט געווען געוווּנטשן צו נעמען פאַר איר נאָך אַ ספּעציעלן וועכטער? און צי —

דערווייל איז פראַנק ברוין צוגעגאַנגען צום שלאָפנדיקן מיידל.

— שיין מיידל, — האָט ער געמורמלט — ווי ברענענדיקע גאָלד-שלאַנגען זענען זיך צעקראָכן דיינע לאָקן.

ער האָט אַראָפּגעצוינן אַ שמאָל גאָלדן ריגגל פון פינגער, אין וועלכן ס'איז געווען איינגעפאַסט אַ פערל, ער האָט אויפגעהויבן איר האַנט און עס איר אָנגעטון אויפן פינגער.

— נעם דאָס צו; עממי סטענהאָפּ האָט מיר געגעבן דאָס דאָזיקע רינגל, ווען ס'האָט מיך פאַרסמט איר בלינדיקער כּישוף. זי איז געווען שיין און שטאַרק און, ווי דו, אַ זעלטענע הור! — שלאָף, קינד, און חלום וועגן דיין פּרינץ און דיין פּרינצישע קינד.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און איר לייכט אַ קוש געטון אין שטערן —

עס זענען אַריינגעקומען די טרעגער מיט אַ טראָג-בעטל. זיי האָבן אַוועקגעלייגט דאָס שלאָפנדיקע מיידל, איינגעהילט זי וואַרים מיט אַ וואָלענע דעק און אַרויסגעטראָגן. — ווי אַ בר-מינן — האָט אַ טראַכט געטון פראַנק ברוין.

דר. פעטערסען האָט זיך געזעגנט און איז זיי נאָכגעגאַנגען.

*

* *

ס'זענען אַריבער עטלעכע מינוט, קיינער פון זיי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. ענדלעך איז דער געהיימראַט צוגעגאַנגען צום שוועסטערנזון.

— כ'דאַנק דיר — האָט ער געזאָגט טרוקן.

— ס'איז נישטאָ קיין שום סיבה דערצו, — האָט געזאָגט דער שוועסטערנזון — כ'האָב דאָס געטון, ווייל ס'האָט מיר אַליין געמאַכט פאַרגעניגן און ס'איז געווען אַ קליינער צייט-פאַרטרייב. איך וואָלט געמוזט ליגן, ווען כ'וואָלט געזאָגט, אַז כ'האָב דאָס געטון פאַר דיר.

דער געהיימראַט איז געבליבן שטיין האַרט לעבן אים, האָט צונויפגעלייגט די הענט און געמאַכט אַ מיל מיט די פינגער.

— כ'האָב אויך אַזוי געטראַכט. איבעריקנס, וואָלט איך דיר געוואָלט עפּעס מיטטיילן, וואָס דאַרף דיך אינטערעסירן. נעמלעך, ווען דו האָסט אַזוי פריִער וועגן פּרינצישן קינד געפּלוידערט, איז מיר געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין. ווען דאָס דאָזיקע קינד וועט אויף דער וועלט קומען, וועל איך עס אַדאָפּטירן.

ער האָט שליימיק אַ לאַך געטון.

— זעסטו, ליבער שוועסטערנזון, אַז דיין טעאָריע איז נישט געגאַנגען אינגאַנצן לאיבוד. דאָס דאָזיקע קליינע, אַלרוינישע וועזן נעמט דיר צו, איידער עס איז נאָך געפרוכפערט געוואָרן, אַ גרויסן חלק פון דיין פאַרמעגן, כ'וועל זי מאַכן פאַר מיין יורשטע. איך זאָג עס דיר נאָר צוליב דעם, דיך צו פאַרהיטן פון איבעריקע אי-לוזיעס.

פראַנק ברוין האָט דערפילט אַ קלאַפּ: ער האָט אָנגעקוקט דעם פעטער גלייך אין די אויגן אַריין.

— דאָס איז גוט, פעטער יאַקוב — האָט ער רויִק געזאָגט. עס וואָלט דאָך סיי ווי פריִער צי שפּעטער געקומען דערצו, אַז דו וואָלסט מיך געמאַכט פאַר אויס יורש, נישט אמת?

אָבער דער געהיימראַט האָט אויסגעהאַלטן זיין בליק און גאָר נישט געענטפערט.

האָט דער רעפערענדאַר ווייטער גערעדט:

— אין אַזאַ פאַל וואָלט געווען גוט, אַז מיר זאָלן אויסנוצן די געלעגנהייט און דערליידיקן אונדזערע חשבונות. — כ'האָב דיך אַ סך מאָל דערצערנט און פאַרווונדעט — האָסטו מיך דער-פאַר געמאַכט פאַר אויס יורש: אונדזערע חשבונות זענען אַלזאָ אויסגעגלייכט. אָבער דו מוזט דאָך מודה זיין: אַט דעם דאָזיקן איינפאַל — האָסטו מיר צו פאַרדאַנקען, דאָס, וואָס דו וועסט אים

איצט קענען דורכפירן, איז דאָס אויך מיין פאַרדינסט. אַלזאָ גוט — דערפאַר ביסטו מיר מחויב אַ קליינע טובה צו טון — איך האָב חובות —

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אָנגעהויבן צוצוהערן. אַ גיפטיק שמייכעלע איז אַדורכגעלאָפן איבער זיין פּנים.

— וויפיל? — האָט ער געפרעגט.

פראַנק ברוין האָט געענטפערט:

— נו, ס׳וועט זיך נאָך לאָזן פאַרעכטן! אַן ערך צוואַנציק טויזנטלעך וועט זיכער זיין.

ער האָט געוואַרט. אָבער דער געהיימראַט האָט אים געלאָזט רויק וואַרטן.

— נו, וואָס? — האָט ער געפרעגט אומגעדולדיק.

האָט דער אַלטער געזאָגט.

— וואָס הייסט — נו, וואָס? דו מיינסט דאָך מסתם נישט ערנסט, אַז איך וועל די דאָזיקע חובות באַצאָלן?

פראַנק ברוין איז געבליבן געפלעפט. דאָס הייסע בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון צום קאָפּ. אָבער ער האָט זיך באַהערשט.

— פעטער יאַקוב, — האָט ער געזאָגט, און זיין קול האָט האָט געציטערט — כ׳וואָלט דיך נישט געבעטן, ווען כ׳וואָלט נישט געמוזט. עטלעכע פון די דאָזיקע חובות זענען דרינגנדע, אפילו זייער דרינגנדע. דאָס זענען קאָרטן־חובות. אַ פראַגע פון ערע —

דער פּראָפעסאָר האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— האָסט נישט געדאַרפט שפּילן —

— דאָס ווייס איך אַליין גאַנץ גוט, — האָט געענטפערט דער שוועסטערזון. ער האָט זיך נאָך אַלץ באַהערשט, אָנשטרענגנדיק אַלע נערוון. — געוויס האָב איך דאָס נישט געדאַרפט טון, אָבער קוים האָב איך דאָס שוין געטון — מוז איך אַלזאָ באַצאָלן. און נאָך עפּעס — איך קען זיך שוין מיט די דאָזיקע ענינים נישט

ווענדן צו דער מוטער. דו ווייסט עס גראַד אַזוי ווי איך, אַז זי טוט מער פּאַר מיר, ווי זי איז אומשטאַנד; און דערצו נאָך — האָט זי ערשט נישט לאַנג טאַקע — מיינע אַפּערעס רעגולירט. און צו דעם אַלעמען איז זי איצט קראַנק — — מיט איין וואָרט, איך קען עס נישט און וועל עס נישט טון.

דער געהיימראַט האָט געשמייכלט זיסלעך:

— עס טוט מיר זייער לייד אויף דיין אָרימע מוטער, אָבער דאָס קען מיך נישט באַוועגן צו ענדערן מיין באַשלוס.

— פּעטער יאַקוב! — האָט ער אויסגערופן, אויסער זיך פון כעס צוליב דער דאָזיקער קאַלטער איראָנישער מינע. — פּעטער יאַקוב, דו ווייסט נישט, וואָס דו טוסט. איך בין שולדיק אין תּפיסה עטלעכע אַרעסטאַנטן אַ פּאָר טויזנט מאַרק און כ׳מוז זיי ביז סוף וואָך אָפּצאָלן. איך האָב ווייטער אַ פּאָר נישטיקע חובות פון אָרימע מענטשן, וואָס האָבן מיר געבאָרגט, ווייל זיי האָבן מיך ליב — זיי קען איך נישט אָפּנאַרן. כ׳האָב אויך אָנגעצויגן דעם קאָמענדאַנט, כּדי צו קענען אַהערפאָרן.

— דעם אויך? — האָט איבערגעריסן דער פּראָפעסאָר.

— יאָ, אים אויך! — האָט ער איבערגעחזרט — כ׳האָב אים אָנגעקלאַפּט אַ קאָפּ, אַז דו ביסט שטערבלעך קראַנק, און אַז כ׳מוז זיין בײַ דיר אין דער לעצטער שעה. דערויף האָט ער מיר געגעבן די פּאָר פּאַפּירלעך.

דער געהיימראַט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַזוי, דאָס האָסטו אים דערציילט? — ביסט אַן אמתער גּעניע אין אָנצינען און שווינדלען — דאָס מוז אַמאָל נעמען אַ סוף.

— הייליקע מוטער! — האָט געשריגן דער שוועסטערזון — באַרעכן זיך דאָס, פּעטער יאַקוב! איך מוז האָבן דאָס געלט — איך בין פאַרלוירן, אויב דו וועסט מיר נישט העלפן.

— נו, — האָט געזאָגט דער געהיימראַט — קיין גרויסע נפקא מינא זע איך נישט. אַזוי, צי אַזוי ביסטו פאַרלוירן, — קיין אָרנטלעכער מענטש וועט שוין פון דיר קיינמאָל נישט זיין.

פראַנק ברוין האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט באַם קאָפּ.

— און דאָס זאָגסטו מיר, דו פּעטער, דו?

— געוויס, — האָט פאַרטגעזעצט דער פּראָפעסאָר — אויף וואָס האָסטו אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט? — תמיד נאָר אויף דעם לומפּיקסטן אופן.

— עס קען זיין, פּעטער, — האָט ער אים אַ וואָרף געטון אין פּנים אַריין — אָבער איך האָב עס קיינמאָל נישט אויף קיין לומ-פּיקן אופן געזאַמלט — ווי דו.

ער האָט געשריגן און ס'האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט מיט אַ בייטש געפּאַכעט און זי מיט אַ פייף אינמיטן דעם אַלטנס מיאוסן פּנים אַריין אַראָפּגעלאָזט. ער האָט געפילט, אַז ער האָט געטראָפן — אָבער ער האָט גלייכצייטיק געפילט, אַז ער האָט צו לייכט דורכגעשניטן, אָן ווידערשטאַנד, ווי אַ שוים אָדער קלעפּיקן שליים.

רויק, כמעט העפלעך האָט אים געענטפערט דער געהיימ-ראַט.

— כ'זע, אַז דו ביסט נאָך זייער נאַריש, מיין יינגל — דער-לויב דיין אַלטן פּעטער דיר אַ גוטע עצה צו געבן, אפשר וועט זי דיר אַמאָל אין לעבן צונוץ קומען. אויב מ'דאַרף עפּעס האָבן צו מענטשן, מוז מען קוקן דורך די פינגער אויף זייערע שוואַכקייטן. נעם דיר דאָס אין זינען אַריין. איך האָב דיך היינט געדאַרפט האָבן און דו מוזסט מיר מודה זיין, אַז נישט איין זאַך האָב איך גע-מוזט אַראָפּשלינגען, וואָס דו האָסט מיר צוגעוואָרפן. אָבער, זעסטו, דאָס האָט געהאָלפן. כ'האָב דאָס, וואָס כ'האָב געוואָלט. איצט איז

די מעשה אַן אַנדערע — דו קומסט צוגיין מיך בעטן, אָבער עס פאַלט דיר אפילו נישט איין צו גיין אויפן וועג פון פשרות. — נישט דערפאַר, ליבער שוועסטערנזון, זאָג איך דיר דאָס, ווייל איך רעכן, אַז דאָס זאָל דיר העלפן — באַ מיר, אָ, ניין! נאָר אפשר וועט דאָס דיר אַן אַנדערש מאָל צונוץ קומען — דאַן וועסטו מיר דאַנקבאַר זיין פאַר דער גוטער עצה.

פראַנק ברוין האָט אויף דעם געענטפערט:

— פעטער, איך בין געגאַנגען אויפן וועג פון פשרות. כ'האָב דאָס געטון, ווען כ'האָב דיך געבעטן, אַזוי ווי ס'איז געשען — און — און כ'וויל שוין מער נישט גיין אויף אים. וואָס וואָלסטו נאָך געוואָלט — אַז איך זאָל מיך נאָך מער — דערנידעריקן פאַר דיר — קום — לאָמיר דאָס דורכלאָזן — גיב מיר דאָס געלט.

דערויף האָט געענטפערט דער געהיימראַט:

— איך וויל דיר מאַכן אַ פאָרשלאַג, שוועסטערנזון. אָבער צי זאָגסטו מיר צו רויק אויסצוהערן? נישט ווידער באַלד אויפצובריזן — וואָס עס זאָל נישט זיין?

ער האָט אַנטשלאָסן געזאָגט:

— יאָ, פעטער יאַקוב.

— אַלזאָ הער זיך איין! — וועסט האָבן דאָס נייטיקע געלט צו רעגולירן דיינע פינאַנסן. קענסט אפילו האָבן נאָך מער, מיר וועלן וועגן דער סומע דורכקומען. אָבער איך דאַרף דיך האָבן — איך דאַרף דיך האָבן אין שטוב. איך וויל דורכפירן, אַז מען זאָל דיך איבערטראָגן און דיר דיין איבעריקע תפיסה שענקען.

— פאַרוואָס דען נישט? — האָט געענטפערט פראַנק ברוין. — דאָס איז אַלצאיינס, צי איך בין דאָ, צי דאָרט. ווי לאַנג דאַרף דאָס דויערן?

— מער ווייניקער אַ יאָר — האָט געענטפערט דער פּראָ־
פעסאָר. — אַפילו אַזוי לאַנג אויך נישט.

— מסכים — האָט געזאָגט דער רעפערענדאַר. — וואָס וועל
איך האָבן צו טון?

— אָך, גאַנץ ווייניק, — האָט געענטפערט דער אַלטער. —
און עס איז גראָד אַזאַ זייטיקע עובדא, צו וועלכער דו ביסט צו־
געוויינט און וועלכע וועט דיר נישט שווער אָנקומען.

— וואָס אַלזאָ? — איז ער צוגעשטאַנען.

— זעסטו, מיין יינגל — האָט פּאָרטגעזעצט דער געהיים־
ראַט, — איך וועל דאַרפן אַ ביסל צוהילף באַ דעם מיידל, וואָס
דו האָסט פולשטענדיק רעכט: זי וועט אונדז אַנטלויפן. זי וועט
זיך שטאַרק לאַנגווײלן אין דער צייט פון וואַרטן און וועט זיכער
פּרווון פאַרקירצן די צייט אויף איר שטייגער. און דו, זעסטו,
שאַצסט איבער אונדזערע מיטלען און אופנים פון קענען זי פאַר־
האַלטן. דאָס קען מען זייער גוט און באַקוועם דורפירן אין פּרי־
וואַטע אַנשטאַלטן פאַר משוגעים, ווו מען קען מענטשן פיל זיכע־
רער אָפּהיטן, איידער אין אַן אויסבעסערונג־הויז, אָדער אין תּפיסה.
ליידער זענען מיר אָבער נישט אַנטשפּרעכנד איינגעאָרדנט. איך
קען דאָך זי נישט פאַרמאַכן אין אַ טעראַריום צוזאַמען מיט זשאַ־
בעס, אָדער אין אַ שטייג צוזאַמען מיט די מאַלפּעס און ים־חזירים־
לעך, נישט אמת?

— געוויס נישט, — האָט געענטפערט דער רעפערענדאַר, —
דו מוזט עפּעס אַנדערש אויסגעפינען.

דער אַלטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך האָב טאַקע געפונען, וואָס מען דאַרף — מיר מוזן
עמעצן האָבן, וואָס זאָל זי האַלטן. מיין דר. פּעטערסען אָבער שיינט
מיר צו זיין נישט די אַנטשפּרעכנדע פּערזענלעכקייט, וועלכע זאָל
קענען לאַנג וועקן איר פאַראינטערעסירונג. דאָס הייסט, טראַכט איך,

אַז ער וואָלט איר קוים געגוג געווען אויף איין נאַכט. אָבער אַ מאַנספּערשוין מוז עס זיכער זיין: דעריבער האָב איך געטראַכט וועגן דיר.

פראַנק ברויך האָט צוגעדריקט מיט דער האַנט דעם אָנלען פון דער שטול, ווי ער וואָלט זי געוואָלט צעשמעטערן. ער האָט שווער געסאַפּעט.

— וועגן מיר — האָט ער איבערגעחזרט.

— יאָ, וועגן דיר, — האָט דערגענצט דער געהיימראַט — דאָס שיינט מיר צו זיין איינס פון די ווינציקע זאַכן, צו וועלכע דו קענסט טויגן. דו וועסט זי פאַרהאַלטן, וועסט איר כסדר בייע שטותערייען דערציילן — אויף אַזאַ אופן וועט דיין פאַנטאַזיע האָבן אַ שכלדיקן צוועק. און צוליבן פעלן פון איר פרינץ, וועט זי זיך אין דיר פאַרליבן — וועסטו אַלזאָ אויך קענען אירע עראָטישע באַדערפעניש באַפרידיקן. און אויב דאָס וועט איר נישט גענוגן, האָסטו דאָך אוודאי גענוג פריינט און באַקאַנטע, וועלכע וועלן זיי־ ער גערן געניסן פון דער דאָזיקער געלעגנהייט, כדי צו פאַרברענגען אַמאָל עטלעכע שעה מיט אַזאַ שיין באַשעפעניש.

דער רעפערענדאַר האָט שווער געאָטעמט, זיין קול האָט גע־ קלונגען הייזעריק.

— פעטער, — האָט ער געזאָגט — צי ווייסטו, וואָס דו פאַרלאַנגסט? איך זאָל זיין דער געליבטער פון דער דאָזיקער פראָס־ טיטוטקע, אין דער צייט ווען זי טראָגט אַ קינד פון אַ מערדער? כ'דאַרף נאָך דערצו זיין איר צושטעלער, יעדן טאָג זי אַן אַנדערן רעקאָמענדירן — כ'זאָל —

— געוויס, — האָט אים רויִק איבערגעריסן דער פראָפע־ סאָר — כ'ווייס זייער גוט. און כ'ווייס אויך, אַז דאָס איז, דאַכט זיך, די איינציקע זאַך אין לעבן, צו וועלכער דו ביסט פעיִק, מיין יינגל.

ער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געפילט די שמיץ, געפילט ווי זיינע באַקן האָבן זיך מיט פורפור באַגאָסן, ווי זיינע שלייפן האָבן פולסירט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס ברענט אים דאָס פנים, ס'ברענען די רויטע שראַמען, וואָס דעם פעטערס בייטש האָט אָנגעצייכנט. און ער האָט עס גוט געפילט. אָ, יאָ, דער אַלטער האָט נקמה גענומען.

דער געהיימראַט האָט אַלץ באַמערקט, און אַ צופרידן, ציניש שמייכעלע האָט זיך ברייט צעלייגט איבער זיינע אַראָפּהענגענדיקע געזיכטס-צוגן.

— באַטראַכט דיר דאָס גוט, מיט ישוב הדעת, מיין יינגל, — האָט ער פּאַמעלעך געזאָגט — מיר דאַרפן דאָך נישט גאָרנישט באַהאַלטן, מיר ביידע, איך און דו, מיר קענען די זאַכן אָנרופן באַם נאָמען; כ'וועל דיך פשוט אָנגאַזשירן אַלס — אַלס „ליבהאָבער“ פון דער דאָזיקער פּראָסטיטוטקע.

פראַנק ברוין האָט דייטלעך דערפילט: איצט ליגסטו אויף דר'ערד הילפלאָז, איינגאַנצן אוממעכטיק, עלנט נאַקעט, קענסט דיך נישט ריירן אפילו. און דער העסלעכער אַלטער טרעט דיך מיט שמוציקע פיס, שפייט אויס זיין גיפטיק שפייעכץ אין דיינע אָפענע וווּנדן אריין —

ער האָט שוין נישט געפונען קיין וואָרט צום ענטפערן, ער האָט זיך געוואַקלט נאָר אומצופאַלן. ער איז קוים אַראָפּ פון די שטיגן. ער איז געשטאַנען אויף דער גאַס און ווילד געגלאָצט אויף דער באַגינען-זון.

ער האָט רעכט נישט געוווּסט, צי ער גייט, ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער ליגט אויסגעצויגן אין אַ רינשטאָק, אַנידערגעוואָרפן פון אַ שטומפּיקן, שרעקלעכן קלאַפּ אין קאָפּ.

וואָס דאָס איז געווען, האָט ער קוים געקענט זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון. ער האָט דורכגעשלייכט די גאַסן, ווי ער וואָלט גע-

קראַכן דורך גאַנצע יאָרהונדערטער. ער איז געבליבן שטיין פאַר אַ פלאַקאַטן-סלופּ און גענומען לייענען די אַפישן פון טעאַטער. אָבער ער האָט נאָר געזען אותיות, ווערטער — ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

דערנאָך האָט ער זיך געפונען אויפן באַנהויף. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע — און פאַרלאַנגט אַ בילעט.

— וווהין? — האָט געפרעגט דער באַאַמטער.

— וווהין? — יאָ, — וווהין-זשע? — און ער איז געווען דערשטוינט, ווען ער האָט דערהערט זיין אייגענע שטימע: „קיין קאַבלענץ".

ער האָט דורכגעגנישטערט די קעשענעס און אַרויסגענומען פון זיי אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געהאַט.

— דריטע קלאַס, -- האָט ער אויסגערופן. אויף דעם האָט אים נאָך געקלעקט. ער איז אַרויס אויפן פּעראָן און ערשט איצט באַמערקט, אַז ער איז אָן אַ הוט — ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און געוואַרט.

באַלד האָט ער דערזען ווי מ'טראָגט אַרויף אַ טראָג-בעטל, נאָך וועלכן ס'איז נאָכגעגאַנגען דר. פּעטערסען. ער האָט זיך גישט געריהרט פון אָרט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס אַלץ גייט אים שוין לחלוטין נישט אָן. ער האָט געזען ווי דער צוג איז אָנגעקומען און אָבסערווירט, ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסן עפענען דעם קופּע פון דריטן קלאַס, ווי די טרעגער האָבן פאַרזיכטיק דאָרט די משא אַריינגעטראָגן.

און הינטן, אין סאַמע סוף פון צוג איז ער אַליין איינגעשטיגן.

עפּעס אַ געלעכטער האָט זיך געקראַמפט אין זיינע קינבאַקן.

— אַזוי דאַרף זיין, — האָט ער זיך געטראַכט — דריטע

קלאַס — דאָס פּאַסט טאַקע פּאַרן קנעכט, פּאַר דעם אונטערהאַל־טער.

אָבער דערנאָך האָט ער ווייטער פּאַרגעסן, אַז ער זיצט אויף אַ האַרטער באַנק. ער האָט זיך אַריינגעשטופּט אין אַ ווינקל און מאַט געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע.

און דער דאָזיקער שווערער דריק אין קאָפּ איז נישט אָפּ־געטרעטן. ער האָט געהערט די נעמען פון די סטאַציעס, אָפּטמאָל האָט זיך אים געדאַכט, ווי ס׳וואָלטן דריי, פיר געקומען כמעט איי־נע הינטער דער אַנדערער אָן איבעררייס, גלייך דער צוג וואָלט אַזוי געלאָפן, ווי די עלעקטרישע פונקען איבער די דראָטן לענג־אויס דער ליניע. און דאָ האָט זיך אים ווידער אויסגעוויזן, אַז אַ גאַנצע אייביקייט ליגט צווישן איין שטאָט און דער צווייטער.

אין קעלן האָט ער געמוזט איבערזיצן און וואַרטן אויפן צוג, וואָס פאָרט אַרויף צום רהיין. אָבער ער האָט לחלוטין נישט גע־שפּירט די הפסקה, ער האָט כמעט נישט באַמערקט צי ער זיצט אויף אַ באַנק אויפן פּעראָן, צי אין צוג.

דערנאָך האָט ער זיך געפונען אין קאָבלענץ, ער איז אויס־געשטיגן און זיך ווייטער געשלעפּט איבער די גאַסן. די נאַכט איז צוגעפאַלן. דאָ ערשט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געוואָלט גיין אַרויף, אין דער פעסטונג. ער איז דורכגעגאַנגען די בריק, און אין דער פינסטער אַרויפגעקראָכן אויפן פעלז, מיט דעם שמאָלן אַרעסטאַנטישן שטעגל, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן די קוסטעס.

פלוצלינג האָט ער זיך געפונען אויבן, אין קאַזאַרמע־הויף, דערנאָך אין זיין צימער, זיצנדיק אויפן בעט.

עמעץ איז אָנגעקומען דורכן קאָרידאָר, אַריינגעקומען אין צימער מיט אַ ליכט אין דער האַנט. דאָס איז געווען דער דיקער פּלאַט־דאָקטאָר קלאַווריאַן.

— האַלאָ! — האָט ער אויסגעשריגן אין דער טיר. — האָט אַלזאָ דער פּעלדפעבעל דאָך געהאַט רעכט! שוין צוריק, ברו־דער? נו, טאָ קום באַלד אַראָפּ אונטן — דער ריטמייסטער האַלט די באַנק.

פראַנק ברוין האָט זיך אַפילו קיין ריר נישט געטון. ער האָט קוים געהערט וואָס יענער האָט גערעדט. דאַמאָלס האָט אים יענער אָנגעכאַפּט בײַ די אַקסלען און אים שטאַרק גענומען טרייס־לען:

— דו ווילסט שוין שלאָפן, — מאַך דיך נישט נאַריש, קום בעסער מיט מיר!

פראַנק ברוין איז אויפגעשפּרונגען, עס איז געווען עפּעס אַזוינס אין אים, וואָס האָט אים אויפגעריסן פון אָרט. ער האָט גע־כאַפּט אַ שטול, זי הויך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען אַ טריט נענ־טער.

— טראָג דיך אַרויס — האָט ער געשיפּעט — טראָג דיך אַרויס, דו לומפּ איינער.

דר. קלאַווערסאָן האָט אים דערזען האַרט לעבן זיך. ער האָט אַ קוק געטון אין זיין בלאַס, אויסגעקרימט פּנים אַריין, אין די גלעזערנע, אימהדיקע אויגן. עס האָט זיך דערוועקט אין אים דער דאָקטאָר און געהייסן אים אין איין רגע פאַרשטיין דעם צו־שטאַנד.

— איז, הייסט עס, אַזוי שלעכט מיט דיר? — האָט ער רויק געזאָגט — אַנטשולדיק מיר, איך בעט דיך — און איז אַרויס־געגאַנגען.

פראַנק ברוין איז נאָך געשטאַנען אַ מינוט מיט דער שטול אין דער האַנט. אַ קאַלטער שמייכל האָט זיך אים צעלייגט אויף די ליפּן. אָבער ער האָט גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט געטראַכט.

ער האָט דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר, ער האָט דאָס גע־

הערט ווי פון אַן אומענדלעכער ווייטקייט. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון — דער קליינער פענריך איז געשטאַנען לעבן אים.

— ביסט שוין דאָ? — האָט ער געפרעגט, — וואָס איז דיר? — האָט ער זיך איבערגעשראָקן, און ווען יענער האָט גאָרנישט געענטפערט, איז ער שנעל אַרויס און צוריקגעקומען מיט אַ גלאָז און אַ פלעשל בראַנדי.

— נו, טרינק, דאָס וועט דיר בעסער מאַכן.

פראַנק ברוין האָט געטרונקען. ער האָט געפילט, ווי דער ווײַן האָט אים דערוואַרעמט דאָס בלוט, ווי די פיס אונטער אים האָבן געציטערט, פונקט ווי זיי וואָלטן געהאַלטן בײַם צוזאַמענברעכן, און ער איז שווער אַרויפגעפאַלן אויפן בעט.

דער פענריך האָט אים געהאַלטן.

— טרינק, — איז ער צוגעשטאַנען צו אים.

פראַנק ברוין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, ניין — האָט ער געפליסטערט, — איך וועל זיך נאָך אָנשיכּורן. — ער האָט אַ בלאַסן שמייכל געטון. — עס דאַכט זיך מיר — אַז איך האָב נאָך הײַנט נישט געגעסן.

— עס איז דערגאַנגען אַהער אַ טומל, אַ הויך לאַכן און קולות.

— וואָס טון זיי דאָרטן? — האָט ער גלײַכגילטיק געפרעגט.

דער פענריך האָט געענטפערט.

— זיי שפּילן, הײַנט זענען אָנגעקומען עטלעכע נײַע.

דערנאָך האָט ער אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע.

— איך האָב, איבעריקנס, אַ דעפּעשע פאַר דיר, אַ געלטדעפּעשע מיט הונדערט מאַרק. ס'איז אָנגעקומען הײַנט אין אָוונט אָט האָסטו דאָ.

פראַנק ברוין האָט גענומען די דעפּעשע, אָבער ער האָט

געמוזט צוויי מאָל איבערלייענען, איידער ער האָט פאַרשטאַנען.

דער פעטער האָט אים טעלעגראַפיש איבערגעשיקט הונדערט מארק און געמאָלדן:

— כ׳בעט דאָס צו באַטראַכטן ווי האַנט-געלט.

מיט איין שפּרונג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. דער נעפּל האָט זיך צעריסן. רויטע, בלוטיקע שטראָמען האָבן אים פאַרגאָסן די אויגן. —

— האַנט-געלט! האַנט-געלט? נו — יאָ, פאַר — פאַר דער דאַזיקער באַשעפטיקונג, וואָס דער אַלטער האָט אים פאָרגעלייגט. אָ, — פאַר דעם!

דער פעטער׳ל האָט באַטראַכט דעם באַנקנאָט:

— דאָ האָסטו דאָס געלט.

ער האָט געכאַפּט דעם באַנקנאָט און געפילט ווי ער ברענט אים די שפּיצן פון די פינגער. און די דאַזיקע ווייטיק, וואָס ער האָט ריין פיזיש געפילט, האָט אויף אים גוט געווירקט.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און מיט פאַרהאַקטע ציין געלאָזט, אַז דאָס ברענענדיקע פייער זאָל אים אַריינקריכן אין די פינגער, אין דער האַנט, אין אָרעם. ער האָט זיך געלאָזט דורכברענען דורך און דורך פון די לעצטער חרפּה-באַליידיקונגען. —

— גיב אַהער! — האָט ער אויסגערופן — גיב אַהער ווייַן! — און ער האָט גענומען טרינקען און טרינקען, און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער טונקעלער ווייַן וועט פאַרלעשן דעם גאַנצן ברענענדיקן גיהנום.

— אין וואָס שפּילט איר? — האָט ער געפרעגט — באַק?

— ניין, — האָט געזאָגט דער פעטעריך, — זיי שפּילן אין בייגער. פרייַלעכע זיבן.

פראַנק ברוין האָט אים גענומען אונטער דער האַנט.

— קום — לאָמיר אַראָפּגיין צו זיי אונטן

זיי זענען אַריין אין קאַסינאָ.

— אָט בין איך דאָ! — האָט ער אויסגעשריגן, — הונדערט מאַרק אויפן אַכטל. און האָט אַ וואָרף געטון דעם באַנקנאָט אויפן טיש.

דער ריטמייסטער האָט אַרויסגעוואָרפן די ביינער. ס'איז אויסגעפאַלן זעקס.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

וועלכעס מאַכט באַקאַנט, וועמען זיי האָבן פאַר איר פאָטער אויסגעוויילט, און ווי אַזוי אלרויִנע האָט זיך פנים אל פנים מיטן טויט געטראָפן, ווען זי איז אויף דער וועלט געקומען.

דר. קאַרל פעטערסען האָט געבראַכט דעם געהיימראַט אַ שיין געבונדן בוך, וואָס ער האָט געהייסן אויף זיין פאַרלאַנג צוגרייטן. דער רויטער, לעדערנער באַנד האָט געוויזן אויבן אין אַ זייט דעם אַלטן הערב פון די טען ברינקענס; און אינמיטן האָבן אַרויסגעגלאַנצט גרויסע, גאָלדענע אותיות: .A T .B.

די ערשטע זייטן זענען געווען ליידיק; דער פראָפעסאָר האָט זיי רעזערווירט פאַר זיך, כדי אָנצושרייבן אַ פאָרוואָרט. אַזוי אַרום האָט דאָס קאַפּיטל, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך דר. פעטערסען, אַנטהאַלטן בלויז די קורצע און איינפאַכע לעבנס-געשיכטע פון דער מוטער פון דאָזיקן ווען, פאַר וועמענס לעבן ס'איז באַשטימט געווען דאָס בוך.

דער אַסיסטענט האָט זיך געהייסן נאָכאַמאָל דערציילן דעם לעבנסלויף פון דער דאָזיקער פראָסטיטוטקע און דאָס גלייך פאַרנאָטירט. אָפילו די שטראָפן, צו וועלכע זי איז דורכן געריכט פאַראורטיילט געוואָרן, זענען געווען אויסגערעכנט:

אַלמאַ איז צוויי מאָל באַשטראָפט געוואָרן פאַר אַרומשלעפן זיך, פינף אָדער זעקס מאָל פאַר עובר זיין אויף די פּאָליציי-שע פאַרשריפטן אין צוזאַמענהאַנג מיט איר באַשעפטיקונג, און ענד-לעך איינמאָל אויך פאַר אַ גנבה — אָבער זי האָט פאַרזיכערט, אַז אין דאָזיקן פאַל איז זי געווען אומשולדיק: יענער הער זאָל איר האָבן געשענקט דאָס דאָזיקע רינגל.

ווייטער האָט דר. פעטערסען אָנגעשריבן דאָס צווייטע קאַ-פּיטל, וואָס האָט באַהאַנדלט דעם צוקונפטיקן פאָטער, דעם בערג-אַרבעטער אָן באַשעפטיקונג, פעטער ווייגאַנד נעריסען, וועלכער איז לויטן פּסק-דין פון געשוווירענעם געריכט, אין נאָמען פון קע-ניג, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. די פּראָקוראַטור האָט אים אויס גוטמוטיקער העפלעכקייט געגעבן צו דעם צוועק די געריכטס-אַקטן, אויף וועלכן כמעט ער האָט געקענט מאַכן זיינע אויסצוגן.

לויט זיי האָט זיך נעריסען שוין קינדווייז אַרויסגעוויזן צו זיין באַצייכנט דורך זיין גורל.

זיין מוטער איז געווען אַ באַקאַנטע טרינקערין, דער פאָטער אַ נישט קוואַליפיצירטער אַרבעטער, אָפט פאַר ווילדע מעשים באַ-שטראָפט. איינער פון זיינע ברידער איז שוין צען יאָר צוליב דעם זעלבן געזעסן אין תפיסה. פעטער ווייגאַנד נעריסען אַליין האָט מען באַלד נאָך זיין פאַרענדיקן די שול אָפּגעגעבן אויף דער לער צו אַ שמיד, וועלכער האָט אים, איבעריקנס, צוליב זיין געשיקט-קייט און אויך צוליב זיין אומגעווייטלעכן כוח, אויסגעשטעלט אַ גוטע צייגניש. און דאָך האָט ער אים געמוזט אַרויסטרייבן, ווייל ער פלעגט גאָרנישט דערלויבן, מען זאָל אים עפּעס זאָגן און כסדר פאַרטשעפּען אַלע פרויען פון שטוב. ער האָט דערנאָך געאַרבעט אין אַ גאַנצער ריי פאַרשידענע פאַבריקן, און נאָכן באַפרייען זיך פון מיליטער, צוליב אַן אָנגעבוירענעם חסרון — האָבן אים געפעלט צוויי פינגער אין דער רעכטער האַנט — איז ער איבער-

גענאַנגען צום צעך „פעניקס" אין די קוילן-גרובן פון רור-געביט. ער האָט נישט געהערט צו קיין שום פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, נישט צום אַלט-סאָציאַליסטישן פאַריין, נישט צום קריסטלעכן און נישט אפילו צו דער הירשדונקערישער געזעלשאַפט, וואָס זיין פאַרטיידיקער האָט עס געפרווט אונטערשטרייכן אין זיין פאַרטיידיקונגס-רעדע, אַלס אַ גינסטיקן מאָמענט. מ'האָט אים פון דאָרטן באַזייטיקט, ווען ער האָט, אין עפּעס אַ מחלוקת מיטן אָבערשטייגער, אַרויסגעכאַפּט זיין מעסער און אים גאַנץ געפערלעך פאַרוווּנדעט; דערפאַר האָט ער באַקומען זיין ערשטע שטראָף — אַ יאָר תפיסה.

נאָך זיין באַזייטיקט ווערן האָבן שוין איינגאַנצן געפעלט גרונטלעכע באַווייזן. מען האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן בלויז אויף זיינע אייגענע רייד. לויט זיי, איז ער געוואָרן דערנאָך אַ נע-ווענדניק, איז צוויימאָל אַריבערגעקראָכן די אַלפּן און זיך דורכגעקרויגן פון נעאַפּאָל קיין אַמסטערדאַם. ער פלעגט אויך באַ אַ געלעגנהייט אַרבעטן; עטלעכע מאָל איז ער, ס'רוב צוליב זיין אַרומשלענדערן זיך און אויך פאַר קלענערע גנבות, געזעסן אין תפיסה. אָבער, אַזוי איז, דאַכט זיך, ווייניקסטנס געווען די איבערצייגונג פון דער פּראָקוראַטור, ער האָט אין משך פון די דאָזיקע זיבן אָדער אַכט יאָר געהאַט עטלעכע פאַרברעכנס אויף זיין געוויסן.

דער טאַט, צוליב וועלכן ער איז איצט פאַרמשפט געוואָרן, איז אין זיין עצם געווען נישט גענוג קלאָר. עס איז בעמלעך כּלל נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, צי מען האָט דאָ געהאַט צו טון מיט אַ מאָרד צוליב רויב-צוועקן, אָדער מיט אַ מאָרד אויפן סעקסועלן באָדן. דער פאַרטיידיקער האָט זיך באַמיט עס פאַרצושטעלן אויף אַזאַ אופן, אַז דער באַשולדיקטער, דערזעענדיק איינמאָל בין-השמשות-צייט אויף די רהיינישע לאָנקעס, אין עלליגנען, ווי עס דערנענ-

טערט זיך די ביינצניעריקע, שיין געקליידטע און גוט געבויטע טאָכטער פון אַ הויז אייגנטימער, אַננאַ סיביללאַ טרויטוויין, האָט ער תּחילת בלויז בדעה געהאַט זי צו פּאַרגוואַלטיקן. שפּעטער אָבער, בשעת ער האָט געפּרוווט דאָס דאָזיקע זייער שטאַרקע מיידל צו פּאַרגוואַלטיקן, האָט ער בלויז נאָר, כּדי צו מאַכן אַן עק צו אירע ווילדע קולות, אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער און זי אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער די פּאַרחלשטע פּאַרגוואַלטיקט און ענדלעך, אויס מורא נישט אַנטדעקט צו ווערן, האָט ער שוין מיט איר אויך אַ סוף געמאַכט.

דאָס דאָזיקע פאַרשטעלן פון דער זאַך האָט אין אַ געוויסער מאָס נישט געשטימט מיטן צושטאַנד פון טויטן קערפּער, וועלכער האָט געוויזן אַ שרעקלעכע צוקאַלעטשעטקייט פון קרבן און טייל־וויַיז מיט גרויסער פאַכמענישקייט אויסגעפּירט. דער באַריכט האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, אַז די פּראָקוראַטור האָט די רעוויזיע פון פּראָצעס אָפּגעוואָרפן, אַז דער קעניג האָט נישט אויסגענוצט זיין באַגנעדיקונגס־רעכט און אַז די עקזעקוציע איז באַשטימט גע־וואָרן אויף צומאָרגנס פינקטלעך זעקס אינדערפרי. צום סוף איז באַך געזאָגט געוועז, אַז דער דעליקווענט האָט אויפן פאָרשלאַג פון דר. פּעטערסען גערן מסכּים געווען, צוליב דעם, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים צוגעזאָגט צוצושטעלן אַכט אין אָוונט צוויי פלעש־לעך שנאַפּס.

דער געהיימראַט האָט געענדיקט דאָס לייענען און האָט צו־ריק אוועקגעגעבן דאָס בוך.

— דער פאָטער איז פיל ביליקער, ווי די מוטער, — האָט ער זיך צעלאַכט. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום אַסיסטענט — איר וועט אַלזאָ די עקזעקוציע ביי־וווינען. פאַרגעסט־זשע נישט צו באַזאָרגן זיך מיט אַ פיזיאָלאָגישער צעלאָזונג פון קאָך־זאַלץ, און איילט אייך צו ווי וויַיט מעגלעך — יעדע מינוט איז טייער. קיין

באַזונדערע פאַראָרדנונגען וועלן שוין, דאַכט זיך, נישט נייטיק זיין. איך וועל אייך דערוואַרטן מאָרגן אינדערפרי אין דער קלי-ניק. עס איז אינגאַנצן איבעריק מטריח צו זיין וועמען פון די וועכטערינס; די פירשטין וועט אונדז אַסיסטירן.

— די פירשטין וואָלקאָנסקי, עקסעלענץ? — האָט געפרעגט דר. פעטערסען.

— געוויס, — האָט דער פּראָפעסאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — כ'האָב אַ גרונט זי צוצוציִען צו דער דאָזיקער קליינער אָפּע-ראַציִע — פאַר וועלכער זי האָט, איבעריקנס, גרויס אינטערעס. בכלל — ווי פילט זיך היינט אונדזער פּאַציִענטין?

דער אַסיסטענט האָט געזאָגט:

— אַך, עקסעלענץ, ס'איז דאָס אַלטע לידל. כסדר דאָס איי-גענע זינגט די צוויי וואָכן, וואָס זי געפינט זיך דאָ. זי וויינט, און שרייט, און קרעכצט — מיט איין וואָרט, זי וויל אַרויס. היינט האָט זי ווידער צעהאַקט אַ פּאָר וואַש-שיסלען.

— צי האָט איר היינט נאָכאַמאָל גערעדט צו איר געוויסן? — האָט געפרעגט דער פּראָפעסאָר.

— כ'האָב דאָס געפּרוווט, אָבער זי האָט מיך כמעט נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, — האָט געענטפערט דר. פעטערסען, — ס'איז אַ גליק, וואָס מיר וועלן מאָרגן שוין זיין אַזוי ווייט. — ווי אַזוי מיר וועלן דאָס דערנאָך איינאָרדנען, כדי זי דאָ אַזוי לאַנג צו פאַרהאַלטן, ביזוואַנען דאָס קינד וועט אויף דער וועלט קומען, דאָס איז פאַר מיר אַ רעטעניש.

— וועלכעס איר דאַרפט נישט דערקלערן, פעטערסען.

דער געהיימראַט האָט אים גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע.

— דערויף וועלן מיר שוין געפונען מיטלען — איר דאַרפט נאָר דערפילן אייער פליכט!

דער אסיסטענט האָט געענטפערט:

— דערויף קען זיין עקסעלענץ זיך גאַנץ גוט פאַרלאָזן

די פּריזע, באַגײַנענדיקע זון האָט געקושט די אַלטאַנע פון שלענדערלער אין דעם זויבערן גאָרטן, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די פּרויען־קליניק פון געהיימראַט. זי האָט לייכט געגלעט די פאַרשידנפאַרביקע, מיט טוי באַפּײַכטע בייטן פון דאַליעס. גע־צערטלט אויף די מויערן די גרויסע, טיף־בלויע קלעמאַטיס. פאַר־ביקע פונקען און גרויסע דראָסלען זענען אַרומגעלאָפן איבער די גלאַטיקע סטעזשקעס, האָבן זיך דורכגעשלייכט דורך די קורץ־גע־שוירענע גראָז־אַלעען. זיי זענען זיך אין איילעניש פונאַנדערגע־פליגן, ווען אַכט אייזערנע פאַדקאָוועס האָבן, צופאַרנדיק, פון שטיי־נערנעם ברוק צעשפּריצט אַ מחנה פונקען.

די פירשטין איז אַראָפּ פון דער קאַטש און האָט מיט שנע־לע טריט דורכגעשניטן דעם גאָרטן. אירע באַקן האָבן געפלאַמט, איר שטאַרקער בוזעם האָט האַסטיק געאָטעמט, ווען זי איז אַרויפ־געגאַנגען אויף די הויכע שטיגן אין הויז אַריין.

דער געהיימראַט איז איר אַרויס אַנטקעגן און געעפנט די טיר:

— נו, פירשטין, אָט וואָס עס הייסט פּינקטלעכקייט. ביטע, פירשטין, קומט אַריין ווייטער: איך האָב געהייסן פאַר אייך טיי מאַכן.

זי האָט אָנגעהויבן רעדן — איר שטים האָט זיך ווי אָפּגע־בראָכן, זי האָט די ווערטער אַרויסגעוואָרפן אין איילעניש, אָן אַ סדר.

— כ׳קום — פון דאָרטן. כ׳האָב עס געזען. דאָס — דאָס איז געווען — לעגענדאַריש — אויפרעגנדיק.

ער האָט זי אַרייַנגעפירט אין שטוב.

— װוּנדערבאַר קומט אײַער פֿירשטלעכע האָהײט ? פֿון דער — עקזעקוציע ?

— יאָ, — האָט זי געזאָגט — אײַער דר. פּעטערסען װעט אײך באַלד אַהערקומען. כ׳האָב באַקומען אַן אײַנטריטס-קאַרטע — באַך נעכטן אין אָװנט. דאָס איז געװען אױסערגעװײנטלעך — אױסערגעװײנטלעך —

דער געהײמראַט האָט זי געבעטן זיצן.

— צי קען איך אײַך אָנגיסן טײ ?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ביטע, עקסעלענץ, ס׳איז זײער ליבנסװירדיק פֿון אײַער זײַט ! — אַ שטאַרקער שאָד כ׳לעבן — װאָס איר זענט דאָרט נישט געװען — אַ הערלעכער יונג ! — גרױס — שטאַרק —

— װער ? — האָט ער געפֿרעגט — דער דעליקװענט ?

זי האָט געטרונקען איר טײ.

— נו, יאָ, געװיס, דער — דער מערדער ! מוסקולגדיק און הױך — אַ שטאַרקע ברוסט — װי בײַ אַן אַטלעט. ער האָט געטראָגן אַ מין בלױען סװיטער — דעם קאַרג האָבן זײ אים אַנטבלױזט. קײן שום פֿעטס — לױטער מוסקולן און מוסקול-בענדער. װי אַן אָקס —

— און צי האָט אײַער פֿירשטלעכע האָהײט געקענט זיך גוט צוקוקן צו דער גאַנצער עקזעקוציע ? — האָט געפֿרעגט דער געהײמראַט.

— אָבער אױסגעצײכנט ! — האָט זי אױסגערופֿן.

— כ׳בין געשטאַנען בײַם פֿענסטער פֿון קאָרידאָר, לעבן װעלכן ס׳איז געװען די גילאָטינע. ער האָט זיך געװאַקלט אַ ביסל, װען ער איז אַרױפֿגעגאַנגען — מ׳האָט אים געמוזט אונטערהאַלטן — ביטע, עקסעלענץ, דערלאַנגט מיר נאָך אַ שטיקל צוקער.

דער געהײמראַט האָט איר דערלאַנגט.

— צי האָט ער עפּעס געערדט?

— יאָ, — האָט געזאָגט די פירשטין — צוויי מאָל. אָבער יעדעס מאָל נאָר צו איין וואָרט. צום ערשטן מאָל, ווען דער פּראָקוראָר האָט פאָרגעלייענט דעם פּסק-דין. דאַמאָלס האָט ער אויסגערופן גאַנץ שטיל — אָבער, באמת, איך קען דאָס נישט איבערחזרן.

— אָבער פירשטין! — דער געהיימראַט האָט ציניש געשמייכלט און זי געגלעט איבער דער האַנט. — פאַר מיר דאַרפט איר זיך דאָך נישט קווענקלען.

זי האָט זיך צעלאַכט.

— ניין, נאַטירלעך, אַז נישט. אַלזאָ — אָבער איך בעט אייך, עקסעלענץ, דערלאַנגט מיר א פּעניצל ציטרין. איך דאַנק — אָבער לייגט עס מיר אַריין, איך בעט אייך, גלייך אין טעפּעלע! אַלזאָ, ער האָט געזאָגט — ניין, כ'קען דאָס נישט איבערחזרן.

— פירשטין! — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר מיט אַ לייכטן פאָרוואורף, און זי האָט געזאָגט:

— איר מוזט אָבער צומאַכן די אויגן.

דער געהיימראַט האָט געטראַכט:

„אַלטע מאַלפּע"! — אָבער ער האָט צוגעמאַכט די אויגן.

— נו? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט.

— איך וועל — איך וועל עס אייך זאָגן אויף פראַנצויזיש.

— גוט — אַלזאָ אויף פראַנצויזיש! — האָט ער אויסגערופן אומגעדולדיק.

האָט זי צונויפגעצויגן די ליפּן, זיך אָנגעבויגן צו אים און גלייך אַריינגערוימט אין אויער: „Merde"!

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צוריקגעבויגן, דער שטאַרקער פּערפום פון דער פירשטין האָט אים געצאַרט.

— אַזוי, דאָס האָט ער געזאָגט?

— יאָ, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — און ער האָט עס אַזוי געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט אויסדריקן, אַז עס איז אים אַלצייגס. דאָס איז מיר פון אים געפעלן געוואָרן, כמעט דזשענטלמעניש.

— אָן שום ספק — האָט באַשטעטיקט דער געהיימראַט, — ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער אַליין האָט דאָס אויך נישט געזאָגט — אויף פראַנצויזיש. נו, און וואָס איז געווען דאָס צווייטע וואָרט?

— אָך, דאָס איז געווען אומאָנגענעם. — די פירשטין האָט געטרונקען די טיי און צוגעביסן דעם צוקער. — עס האָט מיר קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן רושם, וואָס ער האָט אויף מיר געהאַט געמאַכט! שטעלט אייך פאָר, עקסעלענץ, אַז ווען די געהילפן פון תּלין האָבן אים אָנגעכאַפּט, האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שרייען און כליפּען ווי אַ קליין קינד.

— אָך, — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר. — אפשר נאָך אַ טעפּעלע, פירשטין? — און וואָס האָט ער געשריגן?

— פריער האָט ער זיך געווערט, — האָט זי דערציילט — ווי נאָר ער האָט געקענט, שטילשווייגנדיק און מיטן גאַנצן כוח, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיינע הענט זענען געווען צוגעבונדן אַהינטער. דריי געהילפן זענען דאָרט געווען, זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף אים און בשעת מעשה איז געשטאַנען דער תּלין, אָנגעטאָן אין פראַק און אין ווייסע הענטשקעס און זיך רויִק צוגעקוקט.

מתּחילת איז עס מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווי דער מערדער האָט די דריי קיילערס פון זיך אָפּגעשטויסן; ווי זיי האָבן אים כסדר אויפסניי גענומען פּליקן און רייסן און נישט געקענט

אים פון אָרט רירן. אָ, דאָס איז געווען אומגעהייער אויפרעגנדיק, עקסעלענץ!

— כ׳קען זיך משער זיין, פירשטין, — האָט ער צוגע־וואָרפן.

— אָבער דערנאָך, — האָט זי פאָרטגעזעצט — דערנאָך האָט זיך די לאַגע געענדערט. איינער פון זיי האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פוס, און איינציייטיק הויך אַרויפגעריסן זיינע הענט, וואָס זענען געווען געבונדן אויף די פלייצעס אַזוי, אַז ער האָט זיך גלייך אויסגעגליטשט אין דער זעלבער רגע האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרלוירן. אפשר — אפשר איז ער אויך געווען שיכור — און פלוצלינג זיך אויסגעניכטערט. — פע — און האָט גענומען שרייען —

דער געהיימראַט האָט געשמייכלט.

— וואָס האָט ער געשריגן? צי מוז איך ווידער צומאַכן די אויגן?

— ניין, — האָט זי געזאָגט — איר קענט זיי האַלטן אָפן, עקסעלענץ. — ער איז געוואָרן שרעקעוודיק, יעמערלעך פחדנות־דיק, ער האָט זייער מורא געקריגן און ער האָט געשריגן: מאַמע — מאַמע — מאַמע! אָ! אפשר אַ צוואַנציק מאָל! ביז זיי האָבן אים אויף די קני אַוועקגעלייגט, אונטער דער גילאָטינע צוגעשלעפט און זיין קאָפּ אין דער קיילעכדיקער עפענונג פון ברעט אַריינגע־שטופּט.

— האָט ער אַלזאָ ביז דער לעצטער רגע גערופן זיין מאַ־מע? — האָט געפרעגט דער געהיימראַט.

— ניין — האָט זי געענטפערט, — נישט ביז גאָר צום סוף. ווען דאָס הארטע ברעט האָט אים אַרומגענומען דעם האַלדז און דער קאָפּ האָט אויף דער צווייטער זייט אַרויסגעשטאַרט, עפּעס איז מיט אים געשען.

דער פראָפעסאָר האָט זיך אָנגעהויבן אויפמערקזאַמער צוצו־הערן.

— צי האָט אייער פירשטלעכע האָהייט געקענט גוט זיין פּנים זען? צי האָט איר זיך געקענט אָנשטויסן, וואָס אַזוינס ס'איז מיט אים פאָרגעקומען?

— אָבער יאָ, גאַנץ דייטלעך, — האָט געזאָגט די פירשטין, — אַקוראַט ווי איך זע אייך איצט פאַר מיינע אויגן. וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען — ווייס איך נישט. דאָס איז נאָר געווען אַ מאָ־מענט — בשעת דער תלין האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט צי אַלץ איז אין אָרדנונג, ווען זיין האַנט האָט דעם קנאָפּ געזוכט, וואָס האָט געדאַרפט דאָס מעסער אַראָפּלאָזן — איך האָב געזען די אויגן פון מערדער, וואָס זענען ברייט צעעפנט געווען, ווי אין משוגענער לוסט, איך האָב געזען דאָס אָפענע מויל, וואָס האָט אויס־געזען עפּעס צו כאַפּן, און די תאווהדיקע, אויסגעקרומטע געזיכטס־צוגן.

זי האָט אונטערגעשטאַמלט.

— דאָס איז אַלץ? — האָט געפאָרשט דער געהיימראַט.

— יאָ — האָט זי פאַרענדיקט — דערנאָך איז אַראָפּגע־פאַלן די האַק. דער קאָפּ איז אַרונטערגעפאַלן אין זאַק, וואָס דער געהילף פון תלין האָט אָפן געהאַלטן. — ביטע, דערלאַנגט מיר די מאַרמעלאַד, עקסלענץ.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט. דר. פעטערסען האָט געעפנט די טיר און איז אַריינגעקומען אין שטוב. ער האָט געמאַכט אין דער לופטן מיט דער האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן אַ לאַנג פּראָבע־גלעזל, פעסט פאַרפּאַקט און אין וואַטע איינגעהילט.

— גוט מאָרגן, פירשטין, — האָט ער געזאָגט, — גוט מאָרגן, עקסלענץ — — דאָ — דאָ איז עס.

די פירשטין איז צוגעשפּרונגען צו אים:

— לאָזט מיך אַ קוק טון.

אָבער דער געהיימראַט האָט זי אָפּגעהאַלטן.

— געלאַסן, אייער האָהייט ווערט — עס איז נאָך צו פרי צו זען — אויב איר וועט דערלויבן, קענען מיר צוטרעטן גלייך צו דער אַרבעט.

ער האָט זיך געווענדט צום אַסיסטענט.

— איך ווייס נישט, צי עס וועט נייטיק זיין, יעדנפאַלס וועט איר מאַכן —

ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ שטילער שטימע, אָנבייגנדיק זיך צום אויער פון דאָקטאָר.

יענער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גוט, עקסעלענץ, באַלד וועל איך אַרויסגעבן די געהעריקע אָנווייזונגען.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם ווייסן קאָרידאָר און זיך אָפּגעשטעלט צום סוף פאַרן נומער 17.

— דאָ ליגט זי, — האָט געזאָגט דער געהיימראַט און פאָרזיכטיק געעפנט די טיר.

דאָס צימער איז געווען אינגאַנצן ווייס, עס האָט געבלאַנקט פון ליכט און זון. דאָס מיידל איז געלעגן אין בעט, פאַרזונקען אין טיפן שלאָף; אַ העלער שטראַל האָט זיך דורכגעריסן דורכן געדיכט פאַרקראַטעוועטן פענסטער, געציטערט אויף דער פאָדלאָגע, געקלעטערט אויף דער לייטער, געשלייכט איבער דער ווייסער וועש, געטוליעט זיך צערטלעך צו אירע זיסע באַקן און געטיקט אירע רויטע האָר אין גליענדיקע פלאַמען. איר מויל איז געווען האַלב אָפן, די ליפן האָבן זיך לייכט באַוועגט — ווי זיי וואָלטן שטילע ליבעס־ווערטער געשעפּטשעט.

— זי חלומט — האָט געזאָגט דער געהיימראַט — זיכער וועגן איר פרינץ! — דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט זיין פייכטע,

קאַלטע האַנט אויף איר אָרעם, ער האָט זי אַ טרייסל געטון: — וואַך אויף אַלמאַ.

אַ לייכטער שוידער פון שרעק איז דורכגעלאָפן איבער אירע גלידער; זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי איז נאָך געווען פאַרשלאָפן.

— וואָ-אָס — וואָס אַזוינס? — האָט זי געשטאַמלט. דער־נאָך האָט זי דערקענט דעם פּראָפעסאָר און זיך צוריק געוואָרפן אויף די קישנס.

— לאָזט מיך אָפּ!

— קום, אַלמאַ, מאַך נישט די דאָזיקע קאָמעדיעס — האָט זי געוואָרנט דער געהיימראַט. — ס׳איז שוין סוף-כל-סוף צייט. זיי אַ ביסל קליגער, מאַך אונדז נישט קיין שוועריקייטן — מיט איין צי האָט ער אַראָפּגעריסן פון איר די קאָלדרע און זי אַראָפּגעוואָרפן אויף דר׳ערד.

די אויגן פון דער פירשטין האָבן זיך ברייט פונאַנדערגע־עפנט.

— אויסגעצייכנט! — האָט זי אויסגערופן — דאָס מיידל איז אויסגעצייכנט געבויט, זי וועט זיין צוגעפּאַסט.

אָבער דאָס מיידל האָט אַראָפּגע־וקט דאָס העמד, זיך באַ־דעקט מיט די קישנס, ווי ווייט זי האָט נאָר געקענט.

— אַוועק! טראָגט אייך אַרויס! — האָט זי געשריגן — כ׳וויל נישט! כ׳וויל נישט!

דער געהיימראַט האָט געווונקען צו זיין אַסיסטענט.

— גייט נאָר, — האָט ער באַפוילן — איילט אייך צו, מיר טאָרן קיין צייט נישט פאַרלירן.

דר. פּעטערסען האָט שנעל פאַרלאָזט דאָס צימער.

די פירשטין איז צוגעגאַנגען, זיך געזעצט אויפן בעטל און גערעדט צום מיידל.

— זיי נישט קיין נאַר, קליינע, דאָס טוט כלל נישט וויי, זי

האָט זיך באמת זי צו גלעטן, געפירט מיט אירע דיקע, באַרינגל־טע פינגער איבער איר האַלדז, נאַקן, אָרעמס, אַזש ביז צו די ברוסטן אַראָפּ.

אַלמאַ האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך.

— וואָס ווילט איר דאָ האָבן? — ווער זענט איר? אַוועק — אַוועק — כ׳וויל נישט!

די פירשטין האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן.

— אָבער איך וויל דאָך נאָר דיין טובה, קינד — וועסטו באַקומען פון מיר אַ שיינעם רינג און אַ ניי קליידל!

— כ׳וויל נישט קיין רינגל, — האָט געשריגן די פּראָסטי־טוטקע — כ׳דאַרף נישט קיין קליידל. כ׳וויל ארויס פונדאַנען. לאָז מען מיך לאָזן צורו!

דער געהיימראַט האָט מיט אַ שמייכל געעפנט דאָס פּרווו־גלעזל.

— מ׳וועט דיך דערנאָך לאָזן צורו — און דו וועסט אויך שפּעטער קענען אַוועקגיין פונדאַנען. דערווייל אָבער מוזסטו דיי־נע התחיבותן, וואָס דו האָסט אויף זיך גענומען, דערפילן — אָ, איר זענט דאָ, דאָקטאָר! — ער האָט זיך געווענדט צום אַסיס־טענט, וועלכער איז נאָר וואָס אַריינגעקומען מיט אַ מאַסקע אין דער האַנט, דורכגעזאַפּט מיט כלאָראָפאָרם — קומט נאָר שנעלער אַהער.

די פּראָסטיטוטקע האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר ברייט־פונאַנדערגעעפנטע, צעשראָקענע אויגן.

— ניין! — האָט זי געיאָמערט — ניין! ניין!

זי האָט געוואָלט אויפשפּרינגען פון בעט, זי האָט אַזאַ שטאַרקן שטויס געטון מיטביידע הענט דעם אַסיסטענט, וואָס האָט זי גע־וואָלט צוהאַלטן, אַז ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און שיער נישט אומגעפאַלן.

דאַן האָט זיך די פירשטין אַ וואָרף געטון מיט אָפענע אָרעמס אויפן מיידל, און אַראָפּגעדריקט זי מיט דער ריזיקער משא פון איר גוף צוריק אין בעט אַריין. זי האָט זי אַרומגענומען מיט די אָרעמס, איינגעגראָבן אירע פינגער אין איר ווייסן קערפער, אָנגע־כאַפּט מיט אירע ציין אַ לאַנגע, רויטע פּאַסמע האָר.

די פּראָסטיטוטקע האָט זיך געוואָרפן און געקאָפּעט מיט די פיס, נישט זייענדיק אומשטאַנד, נישט מיט די אָרעמס, נישט מיט דעם קערפער צו באַוועגן, צוגעדריקט דורכן דאָזיקן וואַגיקן גוף.

זי האָט געזען, ווי דער דאָקטאָר האָט איר אַראָפּגעלאָזט אַ מאַסקע אויפן פּנים, געהערט, ווי ער האָט געציילט:

— איינס — צוויי — דריי —

זי האָט געמאַכט קולות, אַז די ווענט האָבן אַזש אָפּגע־ציטערט:

— ניין! ניין! כ׳וויל נישט, כ׳וויל נישט! — אַך — אַך — כ׳שטיק זיך —

דערנאָך האָט אויפגעהערט דאָס שרייען, און ס׳האָט זיך נאָר געהערט אַ קלאָגעדיק, עלנט יאָמערן.

— מאַמע — אַך מאַ — מע—

*

* *

מיט צוועלף טעג שפּעטער איז די פּראָסטיטוטקע אַלמאַ רוי־בע איבערגעגעבן געוואָרן דער געריכטלעכער אויספאָרשונגס־תפיסה. דער באַפעל צו אַרעסטירן זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, ווייל די באַשולדיקטע אין גנבה האָט נישט געהאַט קיין באַשטענדיק וווינ־אָרט און ס׳איז דעריבער פאַרהאַן געווען אַ חשד, אַז זי וועט אַנט־לויפן. אָנגעקלאָגט האָט זי דער ווירקלעכער געהיימראַט טען ברינקען.

באַלד אין די ערשטע עטלעכע טעג האָט דער פּראָפעסאָר

עטלעכע מאָל געפרעגט דעם אַסיסטענט, צי ער האָט נישט אַמאָל געזען די, אָדער יענע זאַך, וואָס פעלט אים. און אַזוי צ. ב. ש. האָט ער נישט געקענט געפונען דעם אַלטן סיגנעט, וועלכן ער האָט אַראָפּגענומען פון פינגער בשעתן וואַשן זיך און אים געלאָזט אויפן וואַשטישל. אויך אַ קליין בייטעלע, וועלכעס ער האָט, ווי ער האָט זיך גאַנץ גענוי דערמאָנט, איבערגעלאָזט אין דער קעשע־נע פון מאַנטל. ער האָט דעריבער געבעטן דעם דר. פּעטערסאָן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט פּלייסיק אַכטונג געבן אויף די אָנגע־שטעלטע. דערנאָך איז אויך נעלם געוואָרן פון אַ פאַרשלאָסענעם שיפלאַד אַרויס אין אַסיסטענטס צימער אין דער קליניק אַ גאָלדן זייגערל. ס'האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס שיפלאַד איז גע־וואָרן אויפגעריסן. אַ גענויע רעוויזיע בײַ אַלע דינער אין דער קלי־ניק, וועלכע האָבן דערויף געגרן מסכים געווען, האָט נישט גע־בראַכט קיין שום רעזולטאַט.

— דאָס האָט געמוזט טון עמעצער פון די פּאַציענטן, — האָט אַנטשלאָסן געזאָגט דער געהיימראַט. און באַפוילן צו מאַכן אויך אַ רעוויזיע אין די צימערן פון די קראַנקע.

די דאָזיקע רעוויזיע האָט אויך דורכגעפירט דר. פּעטערסאָן, אָבער ווידער אָן דערפאָלג.

— האָט איר קיין שום צימער נישט דורכגעלאָזט? — האָט געפרעגט דער שעף.

— קיין שום צימער, עקסעלענץ! — האָט געענטפערט דער אַסיסטענט — אַ חוץ דאָס צימער פון אַלמאַ.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס דאָזיקע צימער נישט רעווי־דירט? — האָט ווייטער געפרעגט דער געהיימראַט.

— אָבער עקסעלענץ! — האָט געענטפערט דר. פּעטער־סאָן — דאָס איז דאָך אויסגעשלאָסן. דאָס מיידל ווערט כסדר טאָג ווי נאַכט געהיטן, און זי איז קיין איין מאָל אפילו נישט אַרויס

פון צימער. זי איז פשוט משוגע פון זינט זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער עקספּערימענט האָט זיך איינגעגעבן. זי וויינט און שרייט גאַנצע טעג, דראָט, אַז זי וועט משוגע ווערן. זי טראַכט נאָר כּסדר ווי אַזוי זיך פּינגדאַנען אַרויסצוקריגן און ווי אַזוי אונדזערע באַמיונגען צו נישט צו מאַכן, — אָפּן גערעדט, עקסעלענץ, דאַכט זיך, אַז ס׳איז לחלוטין אַן אוממעגלעכע זאַך דאָס מיידל די גאַנצע צייט דאָ צו דערהאַלטן.

— אַזוי ? — דער געהיימראַט האָט געלאַכט. — נו, פּעטערסען, קודם־כּל זוך אַדורך דעם נומער־זיבצען. דער אָנטייל פון דער פּראָסטיטוטקע אין דער גנבה שיינט מיר צו זיין נישט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז דער דר. פּעטערסען צוריקגעקומען, טראָגנדיק אין דער האַנט אַ פּעקעלע, איינגעוויקלט אין אַ נאָז־טיכל.

— דאָ זענען די זאַכן, — האָט ער געזאָגט. — איך האָב זיי געפונען באַהאַלטן אויפן סאַמע דנאָ פון דעם מיידלס וועשקייסל.

— פּאַרט אַלזאָ ! — האָט דער געהיימראַט געשאָקלט מיטן קאָפּ. — און איצט טעלעפאָנירט נאָך פּאָליציי.

דער אַסיסטענט האָט זיך געקווענקלט.

— אַנטשולדיקט, עקסעלענץ, איך וועל מיר דערלויבן אַ קליינע באַמערקונג. דאָס מיידל איז זיכער אומשולדיק, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די באַווייזן זענען קעגן איר. איר האָט זי באַדאַרפט זען, ווען איך האָב מיט דער אַלטער אויפזעערין געזוכט אין איר צימער און געפונען די דאָזיקע זאַכן. זי איז צו אַלעם געווען אַפּאַטיש און גלייכגילטיק. זי האָט זיכער קיין שום שייכות נישט צו דער דאָזיקער גנבה. עס האָט אוודאי עמעצער פון פּערסאָנאַל געמוזט צו נעמען די דאָזיקע זאַכן, און דערנאָך, אַזוי ווי

עס האָט געדראָט, מען זאָל עס אַנטדעקן, באַהאַלטן עס אין איר צימער.

דער פּראָפעסאָר האָט א קרומען שמייכל געטון.

— איר זענט זייער ריטערלעך, פּעטערסען. — אָבער אַלציינס! טעלעפאָנירט אַהין.

— עקסעלענץ, — האָט געבעטן דער אַסיסטענט, — אפשר וואָלטן מיר נאָך געקענט אונטערוואַרטן. אפשר באַכאַמאָל אויסהערן דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל.

— הערט זיך איין, פּעטערסען, — האָט געזאָגט דער געהיימראַט. — איר וואָלט אייך געדאַרפט א ביסל מער איבערלייגן, צי די פּראָסטיטוטקע האָט געגנבעט די זאכן, צי נישט, דאָס איז דאָך אייגנטלעך נישט קיין נפקא מינא. דער עיקר איז דאָס, וואָס מיר ווען פון איר פּטור ווערן, און אַז זי וועט זיין ערגעץ־וווּ לאָקירט, ביזן מאָמענט פון דער אַנטבינדונג, נישט אמת? אין דער תפיסה איז זיכערער — א סך זיכערער ווי דאָ. איר ווייסט, ווי פיין מיר ווען באַצאָלן — איך בין איר אויך גרייט צוצו־צאָלן עפּעס פאַר דער קליינער אומאָנגענעמלעכקייט — ווען אַלץ וועט בשלום דורכגיין. — קיין סך ערגער ווי דאָ וועט איר אין תפיסה נישט זיין: דאָס צימער וועט אַפילו זיין א ביסל קלענער, דאָס בעט אַ ביסל האַרטער, דאָס עסן נישט אַזוי גוט, דערפאַר אָבער וועט זי דאָרטן האָבן געזעלשאַפט — וואָס עס האָט אין איר לאַגע א סך צו זאָגן.

דר. פּעטערסען האָט געקוקט אויף אים נאָך אַלץ נישט זיכער.

— זייער ריכטיק, עקסעלענץ, אָבער — צי וועט זי דאָרטן עפּעס נישט אויספּלוידערן? דאָס וואָלט דאָך געווען זייער נישט אָנ־גענעם —

דער געהיימראַט האָט זיך צעשמייכלט.

— וואָס? זאָל זי פּלאַפּלען, וואָס איר גלוסט זיך. Histeria mendax — איר ווייסט, אַז זי האָט היסטעריע, און היסטערישע פרויען האָבן דאָס רעכט צו זאָגן ליגנס! און דערצו נאָך אַ שוואַנגערע היסטעריקע! קיינער וועט איר אפילו נישט גלייבן — און, איבע־ריקנס, וואָס וועט זי דערציילן? אַ מעשה מיט אַ פּרינץ, וואָס עס האָט איר אַנגעפּלוידערט מיין שיינער שוועסטערנזון? און צי מיינט איר, אַז דער ריכטער, פּראָקוראָר, דירעקטאָר פון תפיסה, גלח, אָדער ווער עס איז פון מיושבדיקע מענטשן וועלן בכלל וועלן אויסהערן די דאָזיקע אומוואַרשיינלעכע זאכן, וואָס עפּעס אַ פּראָס־טיטוטקע דערציילט זיי? — איבעריקנס, מיטן תפיסה־דאָקטאָר וועל איך אַליין איבעררעדן — ווער איז דאָרטן היינט צו טאָג?

— קאָלעגע דר. פּאַרשיידט — האָט געזאָגט דער אַסיס־טענט.

— אַך, אייער פריינט, דער קליינער פּאַרשיידט, — האָט דער פּראָפעסאָר פּאַרטגעזעצט — כ׳קען אים אויך. כ׳וועל אים בעטן, אַז ער זאָל באַזונדערס לייגן אַכט אויף אונדזער פּאַציענטין. כ׳וועל אים זאָגן, אַז זי איז דורך מיינעם אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט גע־האַט מיט איר באַציִונגען, געשיקט געוואָרן אין מיין קליניק, און אַז יענער העָר איז גרייט צו פּאַרנעמען זיך מיטן דערוואַרטעטן קינד אין יעדן פּאַל. כ׳וועל אים באַ דער געלעגנהייט אויפמערק־זאַם מאַכן אויף דער אומגעוויינטלעך קרענקלעכער ליגנערישקייט פון דער פּאַציענטין, און כ׳וועל אים פּרוּוון שוין דערציילן, וואָס זי וועט אים קענען, לויט אונדזער השערה דערציילן. — אַ חוץ דעם וועל איך אויף אונדזער חשבון אָנטרויען די פּאַרטיידיקונג דעם יוסטיצראַט גאַנטראַם און וועל אים דעם גאַנצן ענין אַזוי פּאָרשטעלן, אַז ער וועט אפילו איין מינוט נישט גלייבן אין די רייד פון דער פּראָסטיטוטקע — האָט איר פּאַר נאָך עפּעס מורא, פּעטערסען?

דער אַסיסטענט האָט בעקוקט אויף זיין שעף מיט גרויס באַוואונדערונג.

— ניין, באמת, עקסעלענץ! — האָט ער געזאָגט — זיין עקסעלענץ טראַכט וועגן אַלעם — אַלץ וואָס ליגט נאָר אין מיינע כוחות וועל איך בלי ספק אוועקגעבן צו דינסט פון זיין עקסעלענץ.

דער געהיימראַט האָט הויך אָפּגעזיפצט, דערנאָך אים דערלאַנגט די האַנט.

— כ׳דאַנק אייך, ליבער פעטערסען. איר וועט קוים גלייבן, ווי ווייט ס׳זענען מיר דערווידער די דאָזיקע קליינע שקרים. נאָר וואָס קען מען טון? די וויסנשאַפט פאָדערט טאַקע אַזעלכע קרבנות. אונדזערע וויכטיקע פאָרגענגער, די דאָקטוירים פון שפּעטן מיטלאַלטער, זענען געווען געצוווּנגען אַרויסצוגנבענען טויטע גופים פון די בית-עלמינס, ווען זיך לערנען אַנאַטאָמיע; זיי האָבן געמוזט זיין אויסגעשטעלט אויף כּלערליי סכנות און רדיפות, טאָרטורן און אַנדערע ענלעכע אומזיניקייטן, וואָס ס׳האָט זיי דערוואַרט פאַר מטמא זיין אַ בר-מינן. — מיר באַדאַרפן זיך נאָך נישט באַקלאָגן. מוזן מיר זיך נאָך פאָרויס דעצידירן אויף די דאָזיקע קליינע שווינדלערייען, פאַר דער טובה פון אונדזער הייליקער וויסנשאַפט. — און איצט גייט-זשע, פעטערסען, און טעלעפאָנירט!

און דער אַסיסטענט איז אַוועקגעגאַנגען, און זיין האַרץ איז פול געווען מיט גרויסער און אמתער אַכטונג צו זיין שעף.

*

* *

אַלמאַ רוינע איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר אַן איינבראָך-גנבה. אויף דער האַרבקייט פון דער שטראָף האָט געווירקט איר עקשנותדיק לייקענען, ווי אויך דער אומשטאַנד, אַז זי איז שוין איינמאָל

באַשטראָפט געווען פאַר אַ גנבה. נישט קוקנדיק דערויף זעבען, איר דאָך אָנערקענט געוואָרן מילדערנדע אומשטענדן, וואַרשיינלעך צוליב דעם, וואָס זי האָט באמת זייער שיין אויסגעזען און וואָס עס האָט זי פאַרטיידיקט דער יוסטיצראַט גאָנטראַם. זי האָט נאָר באַקומען אַ יאָר מיט זעקס חדשים תפיסה, אין וועלכע ס'איז שוין אפילו אַריינגערעכנט געוואָרן דער אויספאָרשונגס-אַרעסט.

אָבער זיין עקסעלענץ טען ברינקען האָט אויסגעפועלט, אַז מ'האָט איר געשענקט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער שטראָף, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איר פאַרהאַלטן זיך אין אַנשטאַלט איז געווען כלל נישט מוסטערהאַפט. מען האָט פונדעסטוועגן אין אַכט גענומען דאָס, וואָס איר שלעכט פאַרהאַלטן זיך דאַרף מען צושרייבן איר קרענקלעכן היסטערישן צושטאַנד, וואָס דער געהיימראַט האָט אין זיין בקשה וועגן באַגנעדיקונג שטאַרק אַקצענטירט. מען האָט אויך גענומען אין אַכט דאָס, וואָס זי וועט אינגיכן ווערן אַ מוטער.

מען האָט זי אַרויסגעלאָזט, ווען ס'האָבן זיך נאָר געוויזן די ערשטע סימנים פון דעם קומענדיקן געבורט. און מ'האָט זי אוועקגעפירט גאַנץ פרי אין דער קליניק פון טען ברינקען. מ'האָט זי אַוועקגעלייגט אין איר אַמאָליקן צימער, נומער זיבצען, אין סוף פון קאָרידאָר. שוין בשעתן איבערטראָגן זי, האָבן זיך אירע ווייען אָנגעהויבן. דר. פעטערסען האָט זי באַרויִקט, אַז דאָס וועט אינגיכן איבערגיין. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט. די ווייען האָבן געדויערט אַ גאַנצן טאָג, די גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן צווייטן טאָג. זיי האָבן אויף אַ מינוט אויפגעהערט, כדי דערנאָך מיט פרישע כוחות צוריקצוקומען, און דאָס מיידל האָט געשריגן און געקרעכצט און געוואַלגערט זיך אין שרעקלעכע יסורים. וועגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן געבורט דערציילט דאָס דריטע, קורצע קאַ-

פּיטל אין לעדערנעם בוך א. ט. ב., אויך מיט דער האַנט פון אַסיסטענט געשריבן. ער האָט צוזאַמען מיטן תפיסה־דאָקטאָר דורכגעפירט די דאָזיקע אַנטבינדונג, וועלכע איז ערשט געקומען אויפן דריטן טאָג און האָט זיך געענדיקט מיטן טויט פון דער מוטער, דער געהיימראַט אַליין איז דערביי נישט אָנוועזנד געווען.

אין דעם דאָזיקן באַריכט האָט דר. פּעטערסען אונטערגעשטראָכן דעם שטאַרקן אָרגאַניזם און אויסגעצייכנטן בוי פון דער מוטער, וועלכע האָבן פאַרשפּראָכן אומבאַדינגט אַ זייער לייכטע אַנטבינדונג. נאָר די אומגלייבלעך משונהדיקע קווער־לאַגע פון קינד האָט גורם געווען אַ קאָמפּליקאַציע, באַ וועלכער ס'איז אוממעגלעך געוואָרן צו ראַטעווען ביידע, אי די מוטער, אי דאָס קינד. ווייטער איז דערמאָנט געווען, אַז דאָס קינד, אַ מיידל, האָט כמעט נאָך אין לייב פון דער מוטער שוין אויפגעהויבן אַזאַ אומגעוויינטלעכן ליאַרם, אַזאַ שטאַרקן און אַזאַ דורכדרינגלעך שאַרפן, אַז נישט ביידע דאָקטוירים און נישט די אַסיסטירנדיקע אַקושעריגס האָבן נאָך קיינמאָל באַ קיין נייגעבוירענעם קינד אַזוינס נישט געהערט. דאָס דאָזיקע געשריי האָט כמעט געהאַט אין זיך עפּעס באַוווּסטזיניקס, פּונקט ווי דאָס קינד וואָלט באַם געוואַלטיקן אָפּרייסן זיך פון דער מוטערס שויס דערפילט אַן אומגעוויינטלעכע ווייטיק. עס איז געווען אַזוי דורכדרינגענדיק און פחדימדיק, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט באַפרייען פון אַ געוויסן אימה־געפיל אַזוי שטאַרק, אַז דר. פאַרשיידט האָט זיך געמוזט אַנידערזעצן, און אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיינע שלייפן.

וואָס אַן אמת, דאָס קינד האָט זיך באַלד דערנאָך באַרויקט און אפילו שוין מער נישט געוויינט. די אַקושערין האָט באַלד באַם באָדן פעסטגעשטעלט באַ דעם איידעלן און שוואַכן קינד אַן אומגעוויינטלעך אַנטוויקלטע Atresia vaginalis אַזוי פיל, אַז אויך די

הויט פון די פיס, העכער פון די קני, איז געוועז צונויפגעוואַקסן. די דאָזיקע אויסטערלישע דערשיינונג האָט זיך נאָך אַ גענויערע אונטערזוכונג אַרויסגעוויזן נאָר אַלס אַן איבערפלעכלעכע פאַרבינדונג פון אויבער־הייטל, וואָס קען לייכט באַזייטיקט ווערן דורך אַ באַלדיקער אָפּעראַציע.

וואָס שייך דער מוטער, האָט זי געוויס געהאַט אויסצושטיין זייער העפטיקע שמערצן און יסורים. וועגן אַ כלאָראָפאָרמירונג אָדער אַן אָרטיקער אַנעסטעזיע האָט מען פונקט אַזוי ווייניק געקענט טראַכטן, ווי וועגן איינשפּריצונג פון סקאָפּאָלאַמין־מאָרפיום, ווייל דער בלוטשטורץ, וואָס איז געווען נישט צום איינשטילן, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע האַרץ־אָפּשוואַכונג. זי האָט אַלזאָ אין משך פון דער גאַנצער צייט שרעקלעך געשריגן און געיאָמערט. דערביי איז זי נאָר אין מאָמענט פון געבורט אַליין איבערגעשריגן געוואָרן דורך די שרעקלעכע קולות פון קינד. דערנאָך איז איר קרעכצן ביסלעכווייז שוואַכער געוואָרן און דריטהאַלבן שעה שפּעטער איז זי, פאַרלירנדיק דאָס באַוווסטזיין, אַנטשלאָפן געוואָרן. אַלס דירעקטע סיבה פון טויט מוז מען באַצייכנען אַ ריס אין דער געבור־מוטער און אינערלעכער בלוטשטורץ.

*

דער קערפּער פון דער פּראָסטיטוטקע אַלמאַ רוינע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אַנאַטאָמישן אינסטיטוט, ווייל אירע קרובים, אין האַלבערשטאַט, וועלכע מען האָט מודיע געווען וועגן איר טויט, האָבן נישט געהאַט קיין שום טענות און דערקלערט, אַז די הוצאות פון דער לוויה וועלן זיי נישט בעמען אויף זיך. ער האָט אַלזאָ געדינט דעם פּראָפעסאָר פון אַנאַטאָמיע האָלצבערקערן פאַר לערצוועקן און האָט זיכער גורם געווען דעם פאַרשר"ט פון די צוהערער מיט אַלע זיינע טיילן; אַ חוץ דעם קאָפּ, וועלכן דער קאַנד.

מעד. פֿאַסמאַן האָט געזאָלט פּרעפּאַרירן. ער האָט פֿאַרגעסן אָן אים בשעת די פּעריען, און אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט גענוג שאַרבנס אָנגעפּרעפּאַרירט און דער איז שוין פֿאַר אַ גוטן פּרעפּאַראַט צו אַלט געווען, האָט ער זיך געהייסן מאַכן פֿון דער אייבערשטער טייל שאַרבן אַ שיינעם בעכער צום ביינערשפּיל. ער האָט שוין געהאַט פֿינף ביינדלעך פֿון די קנאָפּ־ביינער פֿון דעם געטויטן מערדער נעריסען, און האָט נאַר געדאַרפֿט האָבן צו זיי אַן אַנטשפּרעכנדיקן בעכער. קאַנד. מעד. פֿאַסמאַן איז כּלל נישט אַבערגלויבעריש גע־ווען, אָבער ער פֿלעגט פֿאַרזיכערן, אַז דער דאָזיקער בעכער פֿון שאַרבן פֿאַרשאַפֿט באַם מאָרגן־ביר אומגעווייניטלעכע באַקוועמלעכ־קייטן. ער האָט אין אַזעלכע הויכע טענער זיין לויב געזונגען, אַז דער דאָזיקער ביינערנער בעכער און זיינע וואַרפֿביינער האָבן אין פֿאַרלויף פֿון סעמעסטער צו אַ געוויסן שם דערגרייכט, קודם כּל באַם טיש פֿון די הערן קאַנדידאַטן, דערנאָך באַ אַלע סטודענטן. קאַנד. מעד. פֿאַסמאַן האָט ליב געהאַט זיין בעכער, און האָט פּשוט גע־האַלטן פֿאַר אַ פֿאַרגוואַלטיקונג דאָס, וואָס זייענדיק אַמאָל אויף אַן עקזאַמען־וויזיט באַ זיין עקסעלענץ טען ברינקען — האָט אים דער געבעטן, אַז ער זאָל אים אָפּטרעטן דעם דאָזיקן באַרימטן בעכער פֿון זיינע ביינער, און ער וואָלט זיכער דערויף נישט מסכּים גע־ווען, ווען נישט דער אומשטאַנד, וואָס ער האָט זיך גראָד געפּילט אַזוי שוואַך אין דער גינעקאָלאָגיע און וואָס גראָד דער דאָזיקער פּראָפֿעסאָר איז געווען אַזאַ אויסנאַמסווייז האַרבער און שרעקלע־כער עקזאַמינאַטאָר. אַ פֿאַקט איז, אַז דער קאַנדידאַט האָט דער־נאָך דעם דאָזיקן געגנשטאַנד אויסגעהאַלטן: אַזוי האָט אים אַלזאָ ער בעכער געבראַכט גליק, ווי לאַנג ער האָט אים נאָר געהאַט

און אויך דאָס, וואָס ס'איז געבליבן נאָך די דאָזיקע צוויי מענטשן, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל נישט געזען און זענען דאָך געוואָרן די פֿאָטער און מוטער פֿון אַלרוינע טען ברינקען, אויך

דאָס איז נאָכן טויט פונדעסטוועגן אין אַ געוויסער באַרירונג געקומען. דער דינער פון אַנאַטאָמישן אינסטיטוט, קנאָבלויך, האָט זייערע ביינער און רעשטלעך פון קערפּער, ווי שטענדיק, אין דעם אויף גיך אויסגעגראָבענעם גרוב אין גאָרטן פון אַנאַטאָמישן אינסטיטוט אַריינגעוואָרפן. טיף הינטן באַ דער מויער, ווו די שלענגלדיקע רויזן האָבן זיך אַזוי רייך צעוואַקסן.

אינטערמעצצאָ

אַלע זינד, ליבע פריינדין, ברענגט דער הייסער דרום־ווינט פון דער מדבר. דאָרט, ווו די זון גליט אין משך פון אומצעליקע יאָרטויזנטער, שוועבט איבער דעם שלאָפנדיקן זאַמד אַ לייכטער, ווייסער נעפל. דער דאַזיקער נעפל ווערט פאַרוואַנדלט אין געדיכטע, ווייכע וואָלקנס, מיט וועלכער ס׳רינגלט זיך אַרום דער ווירבלווינט און בילדעט פון זיי משונהדיקע, רונדע אייער: זיי אַנטהאַלטן איז זיך דאָס גאַנצע, הייסע פייער פון דער זון.

אין אַ בלאַסער שעה פון דער נאַכט שלייכט זיך צו צו זיי שטיל דער באַזיליסקן, וועלכן ס׳האָט אַמאָל די לבנה אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן געפרוכפערט. ער, דער אייביק אומפרוכטבאַרער פלאַנעט, איז זיין פאָטער: דאָך זיין מוטער איז דאָס זאַמד, אויך אַזוי אומפרוכטבאַר, ווי יענער: דאָס איז דער סוד פון דער מדבר. סייל זאָגן, אַז דאָס איז אַ חיה, אָבער ס׳איז נישט אמת: אַ מחשבה איז עס, וועלכע איז אויסגעוואַקסן דאָרטן, ווו ס׳איז קיין באָדן

און קיין זאַמען נישט געווען, וועלכע איז אַנטשטאַנען פון דער אייביקער אומפּרוכטבאַרקייט און האָט נאָר אַזעלכע משוגענע פאָר־מען אָנגענומען, וועלכע דאָס לעבן קען כּלל נישט. און דעריבער קומט שוין אַזוי אויס, אַז דאָס דאָזיקע באַשעפעניש קען קיינער נישט באַשרייבן. ווייל ס'איז אומבאַשרייבלעך, ווי דער תּוהו ובוהו אַליין.

אמת אָבער איז דאָס, וואָס מענטשן זאָגן, אַז ער איז זייער גיפטיק, ווייל ער פרעסט די פייערדיקע אייער פון דער זון, וועלכע דער ווירבל־ווינט האָט געשאַפן פון דעם מדברישן זאַמד. און דעריבער געשעט עס אויך, אַז ס'שפּריצן פּורפּורנע פלאַמען פון זיינע אויגן און זיין אָטעם שפּייט אַ הייסן, אומרייַנעם הויך אויס.

אָבער נישט אַלע נעפלדיקע אייער פרעסט אויף דער באַ־זיליסק, דאָס קינד פון דער בלאַסער לבנה. ווען ער איז זאַט און געבנצלעך איבערפולט מיט דעם הייסן גיפט, שפּייט ער אויס זיין גרינלעך שפּייעכץ אויף יענע, וואָס ליגן נאָך אין זאַמד. ער צע־ראַצט די ווייכע שאָל מיט זיינע שאַרפע נעגל, אַז דער עקלדיקער שליים זאָל קענען אַהין אַריינדרינגען, און ווען עס וועקט זיך פאַרטאָג דער מאָרגן־ווינט אויף, זעט ער אינטער די הייטלעך אַ מאָדנע פאַלעוועץ און וואַקסן, ווי פון פּיאַלעטע, פייכט־גרינע שלייערן.

און ווען עס פּיקן זיך אין דער געגנט אין האַלבן טאָג די אייער, וועלכע די היץ פון דער זון איז אויסגעזעסן, אייער פון קראַקאָדילן, זשאַבעס, שלאַנגען — אייער פון די הערלעכע עקדישן און שרצים, דאַן פלאַצן מיט אַ לייכטן קנאַל די גיפטיקע אייער פון דער מדבר. נישטאָ אין זיי קיין קערן, קיין עקדישל, אָדער אַן אַנדער קליינער באַשעפער: נאָר אַ לופטיק, משונהדיק גע־

שטאָלט, אַלפּאַרביק ווי די שלייערן פון דער טענצערין באַם פּלאַ־מען־טאַנץ, אָנגעזאַפּט מיט אַלע ריחות, ווי די בלאַסע סאַנגאַ־בלומען פון לאַהאָרע, צעשפּילט מיט אַלע טענער, ווי דאָס קלינגענדיקע האָרן פון מלאך שרפיאל, און אויך אָנגעפּילט מיט אַלע גיפטן, ווי דאָס גבזהדיקע לייב פון דעם באַזיליסק.

פלוצלינג כאַפּט זיך אויף דער שטורמווינט פון דרום, קריכט אַרויס פון די זומפּן פון די הייסע דזשונגלעס, טאַנצט איבער די זאַמדן פון דער מדבר. ער הייבט אויף די גליענדיקע שלייערן פון די זון־אייער, טראָגט זיי ווייט אַוועק איבערן בלויען ים, רייסט זיי מיט מיט זיך, ווי לייכטע וואָלקנס, ווי לופטיקע קליידער פון נאַכטיקע פּריסטערינס.

אַזוי פליט צום בלויען צפון די גיפטיקע מגפה פון אַלע תאוות —

קיל, שוועסטערל, ווי דיין צפון, זענען אונדזערע שטילע טעג. דיינע אויגן זענען בלויע און גוטע און ווייסן כלל נישט וועגן די הייסע ליידנשאַפטן. ווי שווערע טרויבן פון בלאַסע גליצענען פליסן די שעהן פון דיינע טעג און פאַלן טראָפּנווייז אויפן ווייכן טעפּיך אַראָפּ —

דאָרט שפּאַנט מיין לייכטער פוס דורך די זוניק־העלע און גרינע שפּאַלערן.

דאָך אָבער, ווען די שאָטנס הייבן אָן צוצופאַלן, בלאָנד שוועסטערל, דאַמאָלס קריכט דורך אַ ברענענדיקער שוידער דיין יונג לייב. פון דרום פליען נעפּלדיקע דעמפּונגען אָן און דיין גי־ריקע נשמה אָטעמט זיי איין און דיינע ליפּן זאַפּן תאווהדיק דעם גאַנצן בראַנדיקן גיפט פון דער מדבר איין.

*

* *

און דאַן שוין גאָרנישט, מײַן בלאָנד שוועסטערל, אײַנגעשלעפערט קינד פון מײַנע שטילע שלאָפנדיקע טעג! — ווען דער מיסטראַל קרײַזלט לײַכט זײַנע בלויע כוואַליעס, ווען פון די קרוינען פון מײַנע רויזן־לאָרבערס רופט זיך די זיסע שטים פון פײַגלאָן, דאַמאָלס בלעטער איך רויִק דעם שווערן, אין לעדער געבונדענעם בוך פון הער יאַקוב טען ברינקען. לאַנגזאַם, ווי דער צופלוס פון ים, קרײַזלט דאָס בלוט אין מײַנע אָדערן און מיט דײַנע שטילע אויגן און אומענדלעכער מנוחה לײען איך די געשיכטע פון אלרוינע. און כ׳גיב זי איבער אַזוי, ווי כ׳האָב זי געפונען, אויפריכטיק און פשוט, ווי ס׳קען נאָר איבערגעבן דער, וועלכער איז פרײַ פון אַלע לײַדנשאַפטן —

אָבער כ׳האָב געטרונקען דאָס בלוט, וועלכעס איז פון דײַנע ווונדן אין די נעכט געפלאָסן און זיך צונויפגעמישט מיט מײַן רויטן בלוט, דאָס בלוט, וואָס איז פאַרסמט געוואָרן דורכן זינדיקן גיפט פון דער הייסער מדבר. און ווען מײַן מוח פיבערט פון דײַנע קושן, וועלכע זענען — לײַדן, און פון דײַנע תענוגים, וועלכע באַדײַטן יסורים — דאַמאָלס קען זײַן, אַז כ׳וועל זיך אַרויסרײַסן פון דײַנע אָרעמס, דו ווילדע שוועסטער —

עס קען זײַן, אַז איך וועל זיצן אין שווערע חלומות פאַרזונקען דאָ פאַר מײַן פענסטער, וואָס איז געווענדט צום ים, אין וועלכן סיראָקאָ וואַרפט זײַן פײַער, אפשר וועל איך ווידער נעמען אין דער האַנט דאָס לעדערנע בוך פון געהײמראַט, אפשר וועל איך ווידער לײענען די געשיכטע פון אַלרוינען — מיט דײַנע, מיט הייסן גיפט אָנגעפילטע אויגן, און, אַזוי ווי עס שרײַט דער ים, אָנשלאָגנדיק זיך אָן די פאַרשטאַרטע פעלזן — אַזוי שרײַט דאָס בלוט אין מײַנע אָדערן —

אַנדערש, גאַנץ אַנדערש ווײַזט זיך מיר איצט אויס דאָס,

וואָס כ׳לייען. און כ׳גיב עס איבער אַזוי, ווי כ׳פיל עס, מיטן ווילדן ברען — אַזוי ווי עס קען עס איבערגעבן דער, וועלכער איז פול מיט אַלע ליידנשאַפטן —

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

וואָס דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי ס'איז אויפגעוואַקסן דאָס קינד אַלרוינע.

וועגן פאַרשאַפן זיך דעם בעכער מיט די בייגער דערמאָנט דער געהיימראַט אין זיין לעדער־געבונדענעם בוך, וועלכעס איז שוין פון איצט אָן נישט געווען פאַרשריבן מיט דעם דייטלעכן, קלאָרן כתב פון דר. פעטערסען, נאָר מיט דער דינער, צעצויגענער, אומלעזבאַרער זיין אייגענער האַנטשריפט. אָבער שוין נאָך דעם דאָזיקן קליינעם עפּיזאָד, געפינען זיך אין בוך אַ פּאָר קליינע נאָטיצן, וואָס עטלעכע פון זיי האָבן אַ געוויסע באַדייטונג פאַרן לויף פון דער גאַנצער געשיכטע.

דער ערשטער באַציט זיך אויף דער אָפּעראַציע Atresia vaginalis פון קינד, וועלכע עס האָט אויך דורכגעפירט דר. פעטערסען און וועלכער עס איז צו פאַרדאַנקען זיין פּריצייטיקער סוף. דער געהיימראַט דערמאָנט, אַז, נעמענדיק אין אַכט: ערשטנס, די איינשפּאָרונג, וועלכע עס האָט אים פאַרשאַפט דער טויט פון דער מוטער, און דערנאָך די גוטע הילף פון זיין אַסיסטענט אין דער גאַנצער ענגעלעגנהייט, האָט ער אים צוגעטיילט דערפאַר

אויף די זומערדיקע פעריען א דריי חדשימדיקן אורלויב מיט דער פולער פענסיע, און א חוץ דעם אים נאך צוגעזאגט טויזנט מארק גראטיפיקאציע. דר. פעטערסען האט זיך אויסערגעווײנטלעך גע־פרייט מיט דער דאזיקער ערשטער, גרעסערער רייזע אין זיין לעבן. ער האט זיך אבער פונדעסטוועגן געהאלטן בא דער מיינונג, פריער צו מאכן די דאזיקע גאנץ לייכטע אפעראציע, הגם מ׳האט זי געקענט אן שום קלער אפלייגן אויף א לענגערע צייט. ער האט אלזא עטלעכע טעג פאר זיין געפלאנטער נסיעה דורכגע־פירט די אפעראציע, און אפילו מיט אויסגעצייכנטן דערפאלג פאר דעם קינד. לײדער אבער האט ער אליין דערביי באקומען א שווערע בלוט־פארגיפטונג — וואס האט ארויסגערופן נאך מערער שטיינונג דערפאר, ווייל דר. פעטערסען האט מיט אזא פעדאנטישער פינקט־לעכקייט דורכגעפירט אלץ — און נאך שווערע לײדן איז ער אין משך פון אכט און פערציק שעה געשטארבן. די דירעקטע סיבה פון דער דאזיקער בלוט־פארגיפטונג האט מען נישט געקענט פעסט־שטעלן; ס׳האט זיך געהאנדלט אין א קוים מיטן אויג באמערקבאר וואונדל אויפן לינקן ארעם, וואס האט אפשר געשטאמט פון א לייכטן ראץ פון דער קלײנער פאציענטין. דער פראפעסאר באמערקט נאך בא דער דאזיקער געלעגנהייט, אז שוין דאס צווייטע מאל האט אים דער טויט פון דער דאזיקער פערזאן פארשפארט דאס אויס־צאלן א גרעסערע סומע. צו דער דאזיקער באמערקונג גיט ער נישט צו קיין שום פירוש.

ווייטער דערציילט ער האט דאס קינד, וועלכעס ער האט דער־ווייל איבערגעלאזט אין זיין קליניק, אונטער דער השגחה פון דער ערשטער אויפזעערין, זיך ארויסגעוויזן פאר א שטיל און איידל קינד. נאר איינמאל נאך האט עס געשריגן, און דאס, בשעת דעם הייליקן טויף, וועלכן עס האט דורכגעפירט אין דער קאטעדרע דער גייסטלעכער איגנאצי שרעדער. דאמאלס האט עס, וואס אן

אמת, שרעקלעך געשריגן, אַזוי, אַז די קליינע געזעלשאַפט, די אויפזעערין, וועלכע האָט זי געהאַלטן, די פירשטין וואָלקאָנסקי און דער יוסטיצראַט סעבאַסטיאַן גאָנטראַם, וועלכע זענען געווען אירע טויף-עלטערן האָבן כּלל נישט געוווסט, וואָס זיי האָבן צו טון. פון דער מינוט אָן, ווי מען האָט עס אַרויסגעטראָגן פון שטוב, האָט עס אָנגעהויבן שרייען, און נישט אויפגעהערט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מען האָט עס נישט פון קלויסטער צוריק אַריינגעבראַכט. אין דער קאַטעדרע אַליין איז געווען דער לאַרעם אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז זיין הייליקייט האָט געמוזט צואיילן ווי ווייט מעגלעך די הייליקע עבודה, כּדי זיך אַליין און די אָנוועזנדיקע צו באַפרייען פון דעם שרעקלעכן געגרילץ אין די אויערן. מען האָט פשוט פרייער אָפּגעעטעמט, ווען עס האָט זיך אַלץ געענדיקט, און די אויפזעערין איז איינגעשטיגן מיטן קינד אין דער קאַטש.

ווייזט אויס, אַז אין די דאָזיקע ערשטע יאָרן פון דעם, וועלכן דער פּראָפעסאָר האָט צוליב אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכן טעם אַ נאָמען געגעבן אַלרוינע, איז קיין שום באַזונדערס נישט פאָרגעקומען, ווייניקסטנס, איז אין לעדערנעם בוך נישטאָ קיין שום באַמערקונגסווערטע ידיעות. ס'ווערט דאָרט נאָך מיטגעטיילט, אַז דער פּראָפעסאָר האָט זיין באַשלוס, וועלכן ער האָט אָנגענומען נאָך איידער זי איז אויף דער וועלט געקומען, באמת אויסגעפירט. ער האָט דאָס מיידל אַדאָפּטירט, און האָט זי אין דער געזעצלעכער צוואה געמאַכט פאַר זיין איינציקע יורשטע, מיטן בפירוּשן אויסשליס פון אַלע איבעריקע קרובים. ווייטער דערמאָנט ער, אַז די פירשטין האָט צוגעשיקט דעם קינד, אַלס טויף-מתּנה, אַן אומגעווינטלעך קאָסטבאַרן, אָבער גלייכצייטיק געשמאַקלאָזן האַלדזבאַנד, וועלכער איז באַשטאַנען פון פיר ברילִיאַנטן-באַזעצטע גאָלדענע קייטלעך און שנורן גרויסע, שיינע פּערל. איינמיטן האָט זיך אָבער געפונען, ווידער מיט פּערל רייך באַזעצט, אַ שנור מיט בראַנד־

רויטע האָר, וואָס די פירשטין האָט געהייסן אויספּאַרטיקן פון די־
לאַקן, וועלכע זי האָט באַ דעם געבורט פון קינד געהאַט אָפּגע־
שניטן פון דער פאַרחלשטער מוטער.

אין דער קליניק איז דאָס קינד פאַרבליבן איבער פיר יאָר
ביז צו דעם מאָמענט, ווען דער געהיימראַט האָט דעם אינסטיטוט,
ווי אויך די דערמיט פאַרבונדענע עקספּערימענטאַלע סטאַציעס,
וועלכע ער האָט שוין סיי־ווי־סיי וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרנאַכ־
לעסיגט, איינגאַנצן אָװעקגעוואָרפן. ער האָט עס דערנאָך אַרויסגע־
נומען און זיין גוט אין לענדעניך.

דאָרט האָט דאָס קינד באַקומען אַ חבר צום שפּילן, וועלכער
איז געווען, וואָס אַן אמת, מיט פיר יאָר עלטער דערפון: דאָס
איז געווען וועלפל גאָנטראַם, דער יינגסטער זון פון יוסטיצראַט.
דער געהיימראַט דערציילט גאָר ווייניק וועגן דעם צוזאַמענברוך
פון גאָנטראַמס הויז; ער דערמאָנט נאָר קורץ, אַז דעם טויט האָט
שוין אָנגעהויבן לאַנגווייליגן דער שפּיל אין זייסן הויז באַם רהיין
און ער האָט אין איין יאָר אָוועקגעווישט די מוטער מיט אירע דריי
זון. דאָס פערטע יינגל, יאָזעפן, וועלכער איז לויטן ווונטש פון
דער מוטער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ גייסטלעכן, האָט גענומען צו
זיך דער הויכווירדיקער גלח שרעדער, אין דער צייט ווען פרידאַ
האָט זיך מיט איר חברטע אָלגאַ וואָלקאָנסי, וועלכע האָט אין דער
צווישנצייט חתונה געהאַט מיט עפּעס אַ צווייפלהאַפטן שפּאַנישן
גראַף, זיך קיין רום אַריבערגעטראָגן און לעבט דאָרט אין איר
הויז. איינצייטיק מיט די געשעענישן איז געקומען די פינאַנ־
סיעלע חורבה פון יוסטיצראַט, וועלכע ער האָט שוין נישט גע־
קענט אָפּהאַלטן, נישט קוקנדיק אויפן גלענצנדיקן האָנאָראַר, וואָס
ס'האָט אים באַצאָלט די פירשטין פאַר איר ענדלעך געוווּנענעם
גט־פּראָצעס. דער געהיימראַט שטעלט פאַר דעם פאַקט פון נעמען
צו זיך דאָס יינגסטע קינד אַלס אַ געוויסע ווילטעטיקע האַנדלונג,

ער פֿאַרגעסט פֿונדעסטוועגן נישט צוצוגעבן, אַז גראָד וועלפֿל האָט געירשנט עטלעכע וויינגערטנער מיט קליינע בנינים נאָך עפּעס אַ מומען פֿון דער מוטערס צד, אַזוי, אַז זיין צוקונפֿט איז געווען איינגאַנצן געזיכערט. ער באַמערקט אויך, אַז ער האָט די פֿאַרוואַל-טונג פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרמעגן איבערגענומען פֿון פֿאָטער אויף זיך ער גיט אויך צו, אַז ער האָט פֿון די צינזן פֿון דעם דאָזיקן פֿאַר-מעגן געדעקט די הוצאות פֿון קינד. ער האָט דאָס געטון אויס איידל-קייט, כּדי דאָס קינד זאָל אַמאָל שפּעטער נישט האָבן דאָס געפֿיל, אַז נאָר אויס חסד און באַרמהאַרציקייט האָט ער אים אין אַ פֿרעמד הויז אַריינגענומען און דערצויגן — מען קען זיך פֿאָרשטעלן, אַז דער געהיימראַט האָט צו דעם דאָזיקן געשעפֿט גאָרנישט דערלייגט.

בכלל קען מען פֿון די אַלע רשימות, וועלכע דער געהיים-ראַט האָט אין משך פֿון יאָר געמאַכט אין לעדערנעם בוך, אַרויס-טראָגן דעם איינדרוק, אַז וועלפֿל גאָנטראַם האָט זיך נאָך צופֿיל פֿאַר-דינט דאָס ברויט, וואָס ער האָט געגעסן אין לענדעניך. ער איז געווען אַ גוטער חבר פֿאַר זיין שוועסטערל, געווען נאָך מער ווי דאָס! ער איז געווען איר איינציק שפּילצייג און איינצייטיק איר ניאַניע. זייענדיק געוווינט צו שטיפֿן מיט זיינע ברידער, האָט ער באַלד אַריבערגעטראָגן זיין גאַנצע ליבשאַפֿט אויף דעם קליינעם, צאַרטן נפֿשל, וואָס האָט זיך אַרומגעשלענדערט אין דעם גרויסן גאָרטן, אין די שטאַלן, אַראַנזשעריעס און אַלע איבעריקע בנינים. די גרויסע שטערבלעכקייט אין הויז פֿון די עלטערן, דאָס פּלוצ-לינקע חרוב ווערן פֿון דעם אַלעם, וואָס עס איז פֿאַר אים זיין וועלט געווען, האָבן איבערגעלאָזט אויף אים אַ שטאַרקן רושם — נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער אינדאָלענץ פֿון די גאָנטראַמס. דאָס קליינע, שיינע יינגל, מיט דער מוטערס גרויסע, שוואַרצע, פֿאַרחלומטע אויגן, איז געוואָרן שטיל און פֿאַרמאַכט אין זיך. און אָט דאָס פּלוצלינג דערשטיקטע לעבן פֿון טויזנטער קינדישע

געדאַנקען, האָט זיך געקלאָמערט, ווי לייכטע שלענדערלעך אַרום דעם קליינעם נפשל אַלרויִנע און האָט זיך דאָ פעסט איינ-געזויגן מיט אַ סך דינע וואָרצלען. אַלץ, וואָס עס האָט פאַרמאָגט זיין יונג הערצל, האָט ער אַוועקגעגעבן זיין ניי שוועסטערל מיט גרויסער, אומבאַגרענעצטער גוטמוטיקייט, מיט דער זוניקער ירושה פון זיינע עלטערן.

ווען ער איז מיטאָג-צייט צוריקגעקומען פון דער שטאָט-גימ-נאַזיע, ווי ער פלעגט תמיד זיצן אויף די לעצטע בענק, פלעגט ער פאַרביילויפן די קיך, ווי הונגעריק ער איז נישט געווען, און אַרומגעזוכט אין גאַנצן גאָרטן, אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער האָט נישט געפונען אַלרויִנען. און די דינערשאַפט האָט אים געמוזט זייער אָפט מיט געוואַלט אַריינברענגען און אים זיין עסן געבן. קיינער האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק געקימערט וועגן די דאָזיקע קינדער. נאָר אין דער צייט ווען אַלע האָבן געהאַט אַ מאָדנעם אומצוטרוי צו דעם קליינעם מיידל, האָבן וועלפלען אַלע ליב גע-האַט.

עס האָט זיך איבערגעטראָגן אויף אים די זעלבע, אַ ביסל רויִע ליבשאַפט פון די דינער, מיט וועלכער זיי האָבן מיט אַ סך יאָרן צוריק באַשענקט דעם שוועסטערזון פון זייער הער פראַנק ברוין, ווען ער האָט נאָך אַלס ייִנגל זיינע שול-פעריען דאָ פאַר-בראַכט. פונקט ווי אַמאָל יענעם, אַזוי האָט אויך איצט פרויטסהיים, דער אַלטער קוטשער, זיך געלאָזט שפּילן וועלפלען בא די פערד. ער פלעגט אים אַרויפזעצן אויף זיי און דערלויבן איבערן הויף און אין גאָרטן צו רייטן אויף זיי. דער גערטנער פלעגט אים ווייזן די בעסטע פרוכטן אין גאָרטן און אויסשניידן פאַר אים די בייגעווי-דיקסטע ריטלעך, און די מיידלעך פלעגן תמיד האַלטן זיין עסן אויף דער הייסער קיך, אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן. דאָס איז זיכער געווען דערפאַר, ווייל דאָס ייִנגל פלעגט קענען אומגיין מיט

זיי, ווי מיט זיינס־גלייכן, אין דער צייט ווען דאָס מיידל, הגם נאָך גאָר אַ קליינע, האָט פונדעסטוועגן געהאַט אַ באַזונדערן אופן ווי אַזוי צו באַצייכנען דעם תהום צווישן זיי און איר. זי פלעגט קיינמאָל נישט פלוידערן מיט זיי, און אויב זי האָט עפּעס גערעדט צו זיי, איז דאָס געווען עפּעס אַ פאַרלאַנג, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ באַפעל; גראָד דאָס, וואָס די דאָזיקע לייט פון רהיין האָבן אין דער טיף פון זייער נשמה נישט געקענט פאַרטראָגן, אַפילו פון זייער הער נישט — אַ פּשיטא שוין פון דעם דאָזיקן פרעמדן קינד —

זיי האָבן עס נישט געשלאָגן: ווייל דאָס האָט דער געהיימראַט שטרענג פאַרווערט, אָבער זיי האָבן אויף די פאַרשידנסטע אופנים געגעבן דער קליינער אָנצוהערן, אַז זיי קימערן זיך כּלל נישט וועגן איר. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אַזוי, ווי זי וואָלט אינגאַנצן דאָרט נישט געווען. איז זי אַרומגעלאָפן — גוט, האָבן זיי זי געלאָזט לויפן, זיי פלעגן זאָרגן וועגן איר עסן, בעטל, וועש און קליידער — נאָר אַזוי ווי זיי פלעגן צוטראָגן דאָס עסן דעם אַלטן הויף־הינט, זיין בודע אויסקערן און אים באַנאַכט פון דער קייט אָפּלאָזן. דער געהיימראַט האָט זיך כּלל נישט געזאָרגט וועגן די קינדער, ער האָט זיי איבערגעלאָזט אויף זייער גורל. פון זינט ער האָט, באַלד נאָכן אַוועקוואַרפן די קליניק, אויך אַוועקגעוואָרפן זיין פראָפעסור, פלעגט ער זיך פאַרנעמען צוגלייך מיט די פאַרשידנסטע ערד געשעפטן און היפּאָטעק־ענינים, איבערהויפּט מיט זיין אַלטער ליבלינגס־לערע, מיט אַרכעאָלאָגיע. ער פלעגט זי פירן אַזוי, ווי אַלץ, וואָס ער פלעגט אין זיינע הענט אַריינגעמען, ווי אַ קלוגער סוחר, און ער האָט געקענט אין אַלע מוזעען פון דער וועלט פאַרקויפן זיינע געשיקט צונויפגעשטעלטע זאַמלונגען צו גאָר הויכע פרייזן.

דער דאָזיקער באָדן אַרום דעם זיץ־אָרט פון די ברינקענס,

אַראָפּ ביז צום רהיין און קעלן פון איין זייט און ווייט איבער די אייפעל-בערג פון דער צווייטער זייט, איז געווען פול מיט זאַכן, וועלכע רוים האָט אַהערגעשלעפּט צוזאַמען מיט אַלע אירע אונטער-טעניקע פעלקער. שוין פון לאַנגע יאָרן אָן פלעגן די ברינקענס כסדר זאַמלען, און אויב ס'האָט זיך וועלכער פויער אין דער צען-מייליקער סביבה אָנגעשטויסן אויף עפּעס מיטן אַקעראייזן, פלעגט ער דערנאָך שוין גראָבן זייער פלייסיק און אוועקטראָגן קיין לענ-דעניך, אין אַלטן פּאַלאַץ אַריין, וועלכער איז געווען געווידמעט דעם הייליקן יאָהאַן פון נעפּאָמוק. דער פּראָפעסאָר האָט אַלץ גע-נומען, גאַנצע טעפּ מיט מטבעות, פאַרזשאַווערט כּלי-זין און פאַר-געלטע ביינער, אורנעס, שנאַלן און טרערן-קריגלעך. ער פלעגט צאָלן מיט פעניקן, העכסטנס מיט גראָשנס — אָבער דער פויער האָט געוווסט אויף זיכער, אַז ער וועט דאָרט אין קיך באַקומען אַ גוטן שנאַפּס, און אויך, אויב ער וועט זיין אין אַ נויט — געלט אויף זריעה, וואָס אַן אמת, אויף זייער הויכע צינזן, אָבער אויך אָן ערבות, וואָס די באַנקען פאַרלאַנגען.

און דאָס איז געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער באָדן האָט קיינמאָל נישט אויסגעשפּיגן מער, ווי אין די יאָרן, וואָס אַלרוינע איז דאָרט געווען. דער פּראָפעסאָר האָט געלאַכט: „ס'ברעגגט גאָלד אין שטוב". ער האָט גוט געוווסט, אַז דאָס אַלץ איז געקומען אויפן באַטירלעכן אופן, אַז נאָר זיין אינטענסיסווערע באַשעפטיקונג איז גע-ווען די איינציקע סיבה פון דעם אַלעם. אָבער ער האָט עס אומיש-נע צוגעפּגעבונדן מיטן קליינעם באַשעפעניש — ער האָט זיך גע-שפּילט מיטן דאָזיקן געדאַנק. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין גאַנץ ריזיקאַלישע שפּעקולאַציעס, געקויפט ריזיקע קאָמפּלעקסן גרונט אין דער געגנט פון דער ווייטער ווילען-גאַס, געהייסן גראָבן אומעטום, יעדן שפּאַן ערד דורכגראָבן. ער האָט געמאַכט געשעפטן מיט אָן אַ שיעור ריזיקע, דורכגעפירט די סאַנאַציע פון דער היפּאָטעק-באַנק, וועלכער

יעדער מיושבדיקער מענטש האָט פאַרגעזאָגט אַ באַנקראָט אין דער באַנטסטער צייט. אָבער די באַנק האָט זיך געהאַלטן: אַלץ, וואָס ער האָט נאָר גענומען אין די הענט, איז געגאַנגען גוט — שפּעטער האָט ער דורך אַ צופאַל געפונען אין זיין באָדן, אין די בערג, אַ קוואַל פון זויער מינעראַל-וואַסער; ער האָט זיך געהייסן בעמען דערצו און עס אויסשעפּן. אויף אַזאַ אופן איז ער געקומען צום באַזיץ פון זויער-וואַסער, האָט אָפּגעקויפט אַלץ, וואָס איז נאָר געווען צום פאַרקויפן אין אָבער-רהיין, ער האָט כמעט מאָנאָפּאָליזירט די דאָזיקע אינדוסטריע-צווייג.

ער האָט אָרגאַניזירט אַ קליינעם טרעסט אונטער אַ נאַציאָנאַלן מאַנטל און דערקלערט, אַז מ׳דאַרף קעמפן קעגן אויסלאַנד, קעגן די ענגלענדער, צו וועמען ס׳געהערט דער „אַפּאָלינאַרוס”. די קליינע באַזיצער האָבן זיך גרופּירט אַרום זייער פירער, געשווירן זיך בײַ זיין עקסעלענץ און אים גערן דערלויבט מיטצואַרבעטן, ווען ער האָט בײַם גרינדן די געזעלשאַפט, אויסגענומען פאַר זיך אַ גרויסן טייל אַקציעס. און זיי האָבן גוט געטון: דער געהיימראַט האָט פאַרטאָפּלט זייערע געשעפטן און זיך שאַרף אָפּגערעכנט מיט די, וואָס זענען געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך נישט געוואָלט מיטאַנגאַזשירן.

ער האָט געפירט אַ מאַסע געשעפטן מיטאַמאָל — נאָר איין בשותפותדיקע אייגנשאַפט האָבן אַלע געהאַט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַלע געהאַט אַ שיכות צו ערד. דאָס איז אויך געווען זיינס אַ שוואַכקייט, אַ באַוווסטזיניקער געדאַנקען-שפּיל; ער האָט געטראַכט: אַלרוינע ציט גאָלד פון דער ערד, איז ער אַלזאָ געבליבן בײַ דעם, וואָס האָט געהאַט צו טון מיט ערד, ער האָט אפילו אַ רגע נישט געגלייבט דערין; און פונדעסטוועגן איז ער בײַ דער ווילדסטער באָדן-שפּעקולאַציע זיכער געווען, אַז ס׳וועט אים מוזן גוט גיין. יעדעס אַנדערע געשעפט פלעגט ער אָפּוואַרפן און עס אפילו נישט

פרווון, אפילו די גינציקסטע בערזע-שפעקולאַציעס, וואָס זייערע שאַנסן זענען געווען קלאָר, ווי אויף דער האַנט און בײַ וועלכע עס איז אפילו נישט געווען די קלענסטע ריזיקע.

דאַקעגן האָט עס אָפּגעקויפט אַ גאַנצע מענגע שטאַרק מסופּקדיקע אַקציעס פון אַרץ- און קוילן-גרובן. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ גאַנצער ריי זייער שלעכט באַשטעטע געזעלשאַפטן.

ער האָט דאָ אויך פאַרדינט — אַלרוינע מאַכט דאָס, האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

*

*   *

דערנאָך איז געקומען דער טאָג, אין וועלכן דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים אויסגעזען שוין עפּעס מער ווי אַ וויץ.

וועלפל האָט געגראָבן אין גאָרטן הינטער די שטאַלן, אונטער דעם גרויסן זיידנבוים, דאָרט גראָד האָט אַלרוינע געוואָלט האָבן איר אונטערערדישן פּאַלאַץ, ער פלעגט גראָבן טאָג בײַ טאָג. טיילמאָל פלעגט אים אויך צוהעלפן איינער פון די גערטנער-יינגלעך. דאָס קינד איז געזעסן דערבײַ, עס האָט גאָרנישט גערעדט, נישט געלאַכט, נאָר שטיל זיך צוגעקוקט.

און דאַן האָט אין אַ געוויסן אָוונט די לאָפּאַטע פון יינגל אָנגעקלונגען אָן עפּעס אַ האַרטער זאַך.

דער גערטנער האָט אים צוגעהאָלפן? זיי האָבן געגראָבן פאַרזיכטיק, אַרויסגענומען מיט די הענט די ברוינע ערד פון די וואָרצלען, און געבראַכט דעם פּראָפעסאָר אַ געווער-האַלטער, אַ קלאַמרע און אַ פולע האַנט מטבעות. ער האָט דאַן געהייסן סיסטעמאַטיש גראָבן ווייטער, און געפונען אַ קליינעם אוצר. — לויטער גאַלישע אַלטערטימלעכקייטן, זעלטענע און קאָסטבאַרע זאַכן.

וואָס אָן אמת, קיין שום אויסערגעוויינטלעכס איז דאָ נישט געווען. אויב די פויערן פון דער דאָזיקער אומגעגנט פלעגן אַמאָל

דאָ, אַמאָל דאָרט עפּעס געפינען — פאַרוואָס־זשע האָט זיך אויך אין זיין גאָרטן נישט געקענט עפּעס געפונען? נאָר די גאַנצע זאַך איז באַשטאַנען דעווין, וואָס ער האָט געפרעגט דעם קליינעם וועלפל, פאַרוואָס ער האָט דווקא אויפן דאָזיקן אָרט געגראָבן, אונטער דעם זיידנבוים. און וועלפל האָט געענטפערט, אַז די קליינע האָט אַזוי געוואָלט — דווקא דאָרט, און נישט ערגעץ אַנדערש.

ער האָט אויך געפרעגט אַלרוינען, אָבער אַלרוינע האָט געשוויגן.

דער געהיימראַט האָט אַלזאָ געטראַכט: זי איז אַ כּישוף־שטעקעלע, זי פילט, ווו די ערד באַהאַלט אירע אוצרות. און ער האָט דערביי געלאַכט — ער האָט נאָך אַליין געלאַכט.

טיילמאָל פלעגט ער זי מיטנעמען מיט זיך הינטער דער שטאָט, צום רהיין, אין דער וויל־גאַס. ער איז געגאַנגען מיט איר איבער דעם באָדן, ווו זיינע מענטשן האָבן געגראָבן. ער האָט זי געפרעגט — גאַנץ טרוקן:

— ווו דאַרף מען גראָבן? — און ער האָט זי שאַרף אָבסערווירט, ווען זי איז געגאַנגען איבער די לאָנקעס, צי איר צאַרטער קערפּער וועט נישט געבן וועלכן ס'איז צייכן, אַ זעלכן, וואָס זאָל זיך לאָזן אָנשטויסן. —

אָבער זי האָט געשוויגן, און איר קליינער קערפּער האָט גאָרנישט גערעדט.

דערנאָך האָט זי פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט, פלעגט זי זיך טיילמאָל שטעלן אויף אַ געוויס אָרט און זאָגן:

— גראָבן.

מען האָט געגראָבן און גאָרנישט געפונען. דאַן האָט זי הויך געלאַכט.

און דער פּראָפעסאָר האָט געטראַכט:

— זי מאַכט חוזק פון אונדז.

אָבער ער האָט תמיד פונדעסטוועגן געהייסן גראָבן דאָרט, וווּ זי האָט אָנגעוויזן.

איינמאָל, צי צוויי מאָל האָט מען עפּעס געפונען, מ'האָט געפונען אַ רוימיש קבר, — דערנאָך אַ גרויסע אורנע מיט זילבערנע מטבעות.

איצט האָט געזאָגט דער געהיימראַט:

— דאָס איז אַ צופאַל.

אָבער ער האָט געטראַכט:

— דאָס — קען אויך זיין אַ צופאַל!

* * *

איינמאָל נאָכמיטאָג, ווען דער געהיימראַט איז אַרויסגעגאַנגען פון דער ביבליאָטעק, האָט ער דערזען, ווי דאָס יינגל שטייט אונטער דער פּאָמפּע, אַ האַלב נאַקעט, מיט פּאַרויס אויסגעשרעקטן קערפּער. און דער אַלטער קוטשער האָט געפּאָמפּעוועט וואַסער, געלאָזט לויפן קאַלטע שטראָמען איבער זיין קאָפּ און נאַקן, פּלייצעס און אָרעמס. זיין לייב איז געווען שטאַרק פּאַרויטלט און אומעטום באַדעקט מיט בלעזלעך.

— וואָס איז דיר, וועלפל? — האָט ער געפרעגט.

דאָס יינגל האָט געשוויגן, פּאַרביסן די ציין, הגם טרערן זענען אים געשטאַנען אין די שוואַרצע אויגן.

אָבער דער קוטשער האָט געזאָגט:

— דאָס איז פון פּאָקזשיווע. די קליינע האָט אים געשלאָגן מיט פּאָקזשיווע.

ער האָט זיך געוועדט.

— ניין, ניין, זי האָט מיך נישט געשלאָגן. כ'בין אַליין שולדיק אין דעם. כ'האָב מיך אַריינגעוואָרפן אין פּאָקזשיווע.

דער געהיימראַט האָט אים גענומען אויפן פאַרהער; קוים

מיט צרות און נאָר מיט דער הילף פון קוטשער איז אים געלונ-גען אַרויסצוקריגן דעם אמת.

ס'איז טאַקע אַזוי געווען: ער האָט זיך אויסגעטון ביז אין דער העלפט, זיך געוואָרפן אין דער פּאָקזשיווע און זיך אין איר געוואַלגערט, אָבער — אויפן פאַרלאַנג פון דעם שוועסטערל. זי האָט באַמערקט, אַז אַנכאַפנדיק זיך אָן גרינס, האָט ער זיך אָפּגע-בריט די האַנט, אַז די האַנט איז געוואָרן רויט און בלעזלעך זע-צען אַרויסגעשפּרונגען אויף איר, האָט זי אים געהייסן מיט דער צווייטער האַנט אָנכאַפּן און דערנאָך זיך וואַלגערן אין דער פּאָק-זשיווע מיט דער נאַקעטער ברוסט. —

— נאַריש יינגל — האָט אויף אים אָנגעשריגן דער געהיים-ראַט. דערנאָך האָט ער געפרעגט, צי אַלרוינע האָט אויך אָנגע-כאַפּט די פּאָקזשיווע.

— יאָ — האָט געענטפערט דאָס יינגל, — אָבער זי האָט זיך נישט אָפּגעבריט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך געלאָזט גיין אין גאָרטן אַריין, אַרומגעזוכט אומעטום און ענדלעך געפונען אַלרוינען. זי איז גע-שטאַנען הינטן, בײַ דער גרויסער מויער, זי האָט געריסן פולע הענט פּאָקזשיווע פון אַ באַרג. זי האָט עס געטראָגן אין אירע נאַ-קעטע אָרעמס איבער דער סטעזשקע צו דער גלײַ‑ענען-אַלטאַנע און אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע אַ גאַנץ געלעגער.

— פאַר וועמען איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

די קליינע האָט אים אָנגעקוקט, און דערנאָך ערנסט גע-זאָגט:

— פאַר וועלפלען!

ער האָט אָנגענומען אירע הענט, באַטראַכט אירע דינע אָרעמס. עס איז אין ערגעץ נישט געווען קיין סימן אַפילו פון אַ הויט-אויסשלאָג.

— קום מיט מיר — האָט ער געזאָגט.

ער האָט זי אַרייַנגעפירט אין דער אַראַנזשעריע, דאָרט זע־נען געשטאַנען לאַנגע שורות יאַפּאַנישע פּרימעלן.

— רייס די דאָזיקע בלומען, — האָט ער אויסגערופן.

און אַלרוינע האָט געריסן איין בלום נאָך דער צווייטער. זי האָט געמוזט הויך אַרויפדערלאַנגען, שטעלן זיך אויף די שפּיץ פינ־גער. אירע אָרעמס זענען כסדר געקומען אין באַרירונג מיט די גיפטיקע בלעטער. אָבער ס'האָבן זיך אין ערגעץ נישט באַוויזן קיין ברען־בלעזלעך.

— זי איז אַלזאָ אומפילבאַר אויף סם — האָט געמורמלט דער פּראָפעסאָר — און ער האָט פאַרשריבן אין ברוינעם בוך אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אויפטרעטן פון Urticaria באַם אָנ־כאַפּן פון Urttica dioica און Primula obconica. ער האָט דערקלערט, אַז די ווירקונג איז אַ ריין כעמישע, אַז די קליינע הערעלעך פון שטענגל און די בלעטלעך, וועלכע צעראַצן די הויט, גיבן אַרויס פון זיך אַזאַ זויער, וואָס רופט אַרויס אין די צעראַצטע ערטער אַ לאָקאַלע פאַרווונדונג. ער האָט נאָכגעפאָרשט, ווי, און אין וואָס פאַר אַ מדרגה די אומפילבאַרקייט פון פּרימעלן און פּאָקרשי־ווע, וועלכע טרעפט אַזוי זעלטן, האָט אַ שיכות צו דער אומפילבאַר־קייט פון מכשפות און משוגעים, און צי דאַרף מען איןביידע פאַלן זוכן די סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג אין דער אויט־אָ־סוגעסטיווע אויפן באָדן פון היסטערישקייט, וואָס וואָלט געקענט דערקלערן די דאָזיקע אומפילבאַרקייט. איצט, אויב ער האָט שוין נאָר איינמאָל אָנגעהויבן צו געפינען אין דעם קליינעם מיידעלע עפּעס אומגעוויינטלעכס, האָט ער שוין גענומען פלייסיק נאָכזוכן די אַלע צופעליקייטן, וועלכע האָבן אים אויסגעוויזן צו רעדן פאַרן דאָ־זיקן געדאַנק. און מיר געפינען אויך דאָ אַ פאַרשפּעטיקטע באַמער־קונג — וועלכע דער דר. פּעטערסען האָט אַלס נישט וויכטיקע

דורכגעלאָזט — אַז דער אייגנטלעכער געבורט פון קינד איז פאַר-געקומען פונקט אין האַלבער נאַכט.

— אַלרוינע איז אַלזאָ געקומען אויף דער וועלט — אַזוי ווי ס'דאַרף צו זיין — האָט דער געהיימראַט צוגעגעבן.

*

* *

דער אַלטער בראָמבאַך איז אַראָפּגעקראָכן פון די בערג, וואָס ליגן פיר שעה ווייט פון דאָרף פיליפּ. ער איז געווען אַ האַלבער אינוואַליד. פלעגט אַרומוואַנדערן איבער די בערגיקע דערפער, פאַרקויפן קירכן-צעטלען, בילדער פון הייליקע לייט און אויך ביליקע רויזנקרענץ. ער האָט אַריינגעהינקט אין הויף און געלאָזט מעלדן דעם געהיימראַט, אַז ער האָט געבראַכט רוימישע אויסגראָבונגען, וואָס עפּעס אַ פויער האָט געפונען אויף זיין פעלד. דער פּראָפעסאָר האָט אים געהייסן זאָגן, אַז ער זאָל אונטערוואַרטן, ווייל ער האָט איצט קיין צייט נישט: דער אַלטער בראָמבאַך האָט אַלזאָ געוואַרט, זיצנדיק אויף דער שטיינערנער באַנק און רייכערנ-דיק זיין ליולקע.

ערשט אין צוויי שעה אַרום האָט אים דער געהיימראַט גע-לאָזט רופן צו זיך. ער פלעגט תמיד הייסן מענטשן וואַרטן, הגם ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טון — קיין זאַך מאַכט נישט אַזוי בידעריק די פּרייז, ווי דאָס הייסן וואַרטן, פלעגט ער זאָגן. אָבער דאַסמאָל איז ער באמת געווען פאַרנומען; דער דירעקטאָר פון גערמאַנישן מוזעום אין נירנבערג איז געווען און האָט גראָד אָפּ-געקויפט אַ היבשע זאַמלונג: גאַלישע אויסגראָבונגען אין רהיין-לאַנד.

דער געהיימראַט האָט דעם לאָמען נישט אַדיינגעלאָזט אין ביבליאָטעק, נאָר געהאַלטן אים אין קליינעם פאַדערצימער.

— נו, אַלטער הינקפּיסל, ווייז נאָר אַהער, וואָס דו האָסט דאָ! — האָט ער אויסגערופן.

דער אינוואַליד האָט אויפגעבונדן אַ גרויס, רויט נאָזטיכל און זאָרגפעליק אַוועקגעלייגט, וואָס ער האָט געהאַט דערין אויף אַן אויסגעפראָכניעטן טשטשיגע-טישל: אַ סך מטבעות, עטלעכע שטיקלעך פון העלמען, אַ טייל פון אַ פאַנצער און אַ שיין טרערן-פלעשעלע. דער געהיימראַט האָט זיך כמעט נישט אומגעקוקט דערויף און נאָר מיט אַ שיקלדיקן בליק אָפּגעמאָסטן דאָס טרערן-פלעשעלע.

— דאָס איז אַלץ, בראָמבאַך? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פאָרוואורף, און ווען דער אַלטער האָט באַשטעטיקט, האָט ער אים גענומען אָרנטלעך אויסמוסרן. אַזאַ אַלטער און איז נאָך אַזוי נאַריש ווי אַ חדר-ייִנגל. פיר שעה וועגס קומט ער און פיר שעה מוז ער צוריקגיין — עטלעכע שעה וואַרטן; אַזוי פטרט ער דעם גאַנצן טאָג צוליב דער דאָזיקער נאַרישער קראָם! ס'איז גאָרנישט ווערט דאָס דאָזיקע אַלטוואַרג, זאָל ער מוחל זיין איינפּאַקן עס און צוריק אַהיימטראָגן, ער קען דערפאַר קיין צעבראָכענעם פעניג נישט געבן! וויפיל איז דער שיעור איבערצוחזרן, אז די נאַרישע פויערן זאָלן נישט קריכן צוליב יעדן מיסט קיין לעדעניך! רויק אונטערוואַרטן, ביז ס'וועט זיך עפּעס צונויפקלויבן, און ברענגען אַלץ מיטאַמאָל! אָדער אפשר איז אים מיט זיין לאָמען פיסל אַזוי אָנגענעם בחנם צו שלעפּן זיך אַזאַ ווייטן מהלך פון פיליפּ אַהער, אין אַזאַ היץ? שעמען וואָלט ער זיך געמעגט.

דער אינוואַליד האָט זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע און פאַרלעגן געדרייט דאָם ברוינע היטל אין דער האַנט. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט עפּעס צו זאָגן, כדי דעם פּראָפעסאָר אַריינ-צוברענגען אין אַ גוטער שטימונג; אַן אַנדער מאָל האָט ער גע-קענט אויסגעצייכנט רעדן, כדי אויפצוהייבן דעם פּרייז פון זיינע

זאַכן. אָבער ס'איז אים גאָרנישט געקומען אויף די געדאַנקען, נאָר דער דאָזיקער ווייטער וועג, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט — און טאַקע צוליב דעם האָט אים דער פּראָפעסאָר געמאַכט אַ פאָרוואורף. ער איז געווען אינגאַנצן נידערגעשלאָגן און האָט גוט געזען, אַז ער האָט נאַריש געטון; ער האָט זיך אַלזאָ נישט געוועהרט. ער האָט נאָר געבעטן, אַז ער זאָל קענען די זאַכן דאָ איבערלאָזן — ווײַל ער זיי ווייניקסטנס נישט דאַרפן שלעפּן צוריק. דער געהיימראַט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און האָט אים געגעבן פּופציק פּעניג.

— דאָ, בראָמבאַך, האָט איר פאַרן וועג! אָבער זייט שוין באַכאַמאָל קלוגער און טוט אַזוי ווי איך האָב געזאָגט! און איצט גייט אַריין אין קיך און הייסט אײַך דאָרט געבן ברויט מיט פּוטער און אַ גלעזל ביר!

דער אינוואַליד האָט געדאַנקט, שטאַרק צופרידן, וואָס ס'האָט זיך געענדיקט אַזוי און הינקענדיק, האָט ער געאײַלט דורכן הויף אין קיך אַרײַן.

און זיין עקסעלענץ טען ברינקען האָט דערווייל שנעל גע־כאַפּט דאָס וואונדערבאַרע טרערן־פלעשעלע, אַרויסגעצויגן זיין זיידן טיכל פון קעשענע און עס פלייסיק אָפּגערייניקט, באַקוקט דאָס פיאָלעטע, איידעלע גלאָז פון אַלע זייטן. ערשט דערנאָך האָט ער געעפנט די טיר און אַריינגעגאַנגען אין דער ביבליאָטעק, ווו דער באַרימבערגער קאָנסערוואַטאָר איז גראָד געשטאַנען פאַר דער גלע־זערנער שאַפע, און ער האָט אים פונווייטנס געוויזן אין דער אויפ־געהויבענער האַנט זיין פלעשעלע.

— זעט איר, ליבער דאָקטאָר, — האָט ער אָנגעהויבן — דאָ האָב איך שוין אַן אומגעווייטלעכן אוצר! עס געהערט צו דעם קבר פון טוליע, דער שוועסטער פון פעלדמאַרשאַל אוילוס, באַם לאָגער פון שוואַרץ־היינדאָרף.

— איך האָב אייך פריִער געוויזן די אויסגראָבונגען פון דאָרטן!

ער האָט אים דערלאַנגט דאָס פלעשעלע און ווייטער פאָרט־געזעצט:

— און איצט שטעלט פעסט פונוואַנען עס שטאַמט!

דער געלערטער האָט גענומען דאָס גלעזל, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אָנגעזאָגט די ברילן. ער האָט געבעטן אַ ל י ו־פּ ע און אַ ניידענע שמאַטקע, ער האָט געריבן און געריייניקט, גע־האַלטן דאָס פלעשעלע אונטער דעם ליכט און געדרייט עס אין אַלע זייטן:

— הם — עס שיינט צו זיין פון סירישער אויסאַרבעטונג פון דער גלאָז־פאַבריק אין פּאַלמירע.

— בראַוואָ, — האָט אויסגערופן דער געהיימראַט — מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט אייך, איר זענט אַ ידען!

ווען דער נאָרימבערגער וואָלט געוועזן געטראָפן אויף אַנ־ריגענט, אָדער אויף מונדאָ, וואָלט ער אויך פונקט אַזוי באַגייס־טערט געוועזן באַשטעטיקט —

— נו, איצט, דאָקטאָר, פון וועלכער זייט?

דער קאָנסערוואַטאָר האָט נאָכאַמאָל אויפגעהויבן דאָס פלע־שעלע.

— צווייטער יאָרהונדערט, — האָט ער געזאָגט, — ער־שטע העלפט, און איצט האָט עס שוין געקלונגען אינגאַנצן זיכער.

— כ׳מוז אייך אויסדרוקן מיין אָנערקענונג! — האָט באַ־שטעטיקט דער געהיימראַט — איך גלייב, אַז ס׳וואָלט שווער גע־ווען צו געפונען נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי שנעל און טרעפ־לעך קענען באַצייכענען!

— אויסער אייך, נאַטירלעך, עקסעלענץ! — האָט געענט־פערט דער געלערנטער, אַביסל געחנפהט.

אָבער דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט עניוותדיק:

— איר שאַצט באַדייטנד מיינע קענטעניש, הער דאָקטאָר, כ׳האָב באַדאַרפט האָבן נישט ווייניקער, ווי אַכט טעג אָנגעשטרענג־טע אַרבעט, כדי צו קענען פעסטשטעלן דעם אָפּשטאַם פון דעם דאָזיקן פלעשעלע מיט דער גאַנצער זיכערקייט, און כ׳האָב אויך אַ סך ביכער צו דעם צוועק דורכגעבלעטערט.

— נו, אָבער כ׳באַדויער עס לגמרי נישט, עס איז באמת אַ זעלטן טייער חפץ — וואָס אַן אמת, האָט עס מיך גענוג טייער געקאָסט. דער מענטש, וואָס האָט עס געפונען, האָט דערביי זיין גליק געמאַכט.

— כ׳וואָלט דאָס גערן געוואָלט באַקומען פאַר מיין מוזעום — האָט דערקלערט דער דירעקטאָר — וויפיל פאַרלאַנגט איר?

— פאַר נירנבערג נאָר פינף טויזנט מאַרק, — האָט געענט־פערט דער פּראָפעסאָר, — איר ווייסט, אַז פאַר אַלע דייטשע אַנ־שטאַלטן שטעל איך באַזונדערע פּרייזן. די צווייטע וואָך קומען צו פאָרן צוויי הערן פון לאָנדאָן, פון זיי וועל איך פאַרלאַנגען אַכט טויזנט און וועל זיי זיכער באַקומען.

— אָבער, עקסעלענץ, — האָט געענטפערט דער געלער־טער, — פינף טויזנט מאַרק! איר ווייסט דאָך, אַז איך קען אַזעל־כע פּרייזן נישט צאָלן! דאָס גרייכט איבער מיינע פולמאַכטן.

דער געהיימראַט האָט דאַן געזאָגט:

— ס׳טוט מיר זייער לייד — אָבער באמת פאַר נידעריקער פון דעם דאָזיקן פּרייז קען איך עס נישט אַוועקגעבן.

דער הער פון נירנבערג האָט געוויגן אין דער האַנט דאָס קליינע גלעזל:

— דאָס איז אַ זעלטן טרערן־פלעשעלע, כ׳בין דערין פאַר־מעל פאַרליבט, — דריי טויזנט וועל איך באַצאָלן, עקסעלענץ.

־יין, קיין פעניג נישט ווייניקער, ווי פינף טויזנט, —

האָט געזאָגט דער געהיימראַט. — נאָר איך וועל אייך עפּעס זאָגן, הער דירעקטאָר; אַזוי ווי דאָס פלעשעלע געפעלט אייך אַזוי, טאָ דערלויבט מיר עס אייך פּערזענלעך צו שענקען. דערהאַלט עס צום אָנדענק פון אייער טרעפלעכער פעסטשטעלונג.

— כ'דאַנק, עקסעלענץ, כ'דאַנק! — האָט אויסגערופן דער קאָנסערוואַטאָר. ער איז אויפגעשטאַנען און שטאַרק געדריקט די האַנט פון געהיימראַט — אָבער אויף מיין אמת איז מיר נישט דער־לויבט אָנצונעמען קיין שום מתנות — איר וועט מיר אַלזאָ מוחל זיין, אויב איך וועל אייך אָפּזאָגן — איבעריקנס בין איך גרייט דעם געפאָדערטן פרייז צו באַצאָלן; מיר מוזן די דאָזיקע שיינע זאכן פאַרהאַלטן פאַר אונדזער פאָטערלאַנד, מיר דאַרפן עס נישט אי־בערלאָזן די ענגלענדער.

ער איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש און אויסגעפילט זיין טשעק. איידער ער האָט זיך אָבער געזעגנט, האָט אים דער גע־היימראַט נאָך איינגעשלייערט אַנדערע, ווייניקער אינטערעסאַנטע שטיקלעך — פון טוליעס קבר, דער שוועסטער פון פעלדמאַרשאַל אויליוס.

דער פּראָפעסאָר האָט געהייסן שפּאַנען און באַגלייט זיין גאַסט אַזש ביז דער קאָטש צו. ווען ער איז צוריקגעגאַנגען דורכן הויף, האָט ער געזען, ווי וועלפל און אַלרוינע זענען געשלאָפן לעבן אינוואַליד, וואָס האָט זיי געווויזן זיינע פאַרביקע, הייליקע בילדלעך, דער אַלטער בראָמבאַך האָט נאָכן אָפּעסן און אָנטרינ־קען זיך אָנגענומען פרישן מוט, ער האָט אויך פאַרקויפט דער קעכין אַ רויזן־קראַנץ, וועגן וועלכן ער האָט פאַרזיכערט, אַז דער ביסקופּ אַליין האָט אים געהייליקט, און דעריבער האָט ער גע־קאָסט מיט צוואַנציק פעניג טייערער, ווי אַנדערע, דאָס אַלץ האָט אויפגעהייטערט זיין צונג, וואָס איז פריער געווען אַזוי איבערגע־

שראָקן, ער האָט ... שטאַרקט דאָס האַרץ און צוגעהינקט צום געהיימראַט.

— הער פּראָפעסאָר, — האָט ער אויסגעשטאַמלט — קויפט פאַר די קינדער שיינע בילדלעך מיט דעם הייליקן יוזעף!

זיין עקסעלענץ איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, ער האָט אַלזאָ געענטפערט:

— דעם הייליקן יוזעף? — ניין! אָבער אפשר האָט איר דעם הייליקן יאָהאַן פון נעפּאָמוק?

ניין, דאָס האָט בראַמבאַך נישט געהאַט, אַנטאָניסן און יאָהאַנעסן און טאָמאַסן און יאַקאָבוסן — אָבער נעפּאָמוק, ליידער נישט. און האָט זיך ווידער געמוזט פאַרוואָרפן, אַז ער פאַרשטייט נישט זיין געשעפט! אין לענדעניך וואָלט מען נאָר מיטן הייליקן נעפּאָמוק געקענט מאַכן געשעפט און נישט מיט קיין שום אַנדערן הייליקן. דער וואַנדערנדיקער הענדלער איז געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט, אָבער ער האָט געמאַכט דעם לעצטן פּרווו.

— אַ צעטל, הער פּראָפעסאָר, נעמט אַ צעטל, פאַר דער באַנייונג פון דער קירך פאַרן הייליקן לאָרענטיוס אין דילמען! עס קאָסט נאָר אַ מאַרק — און יעדער קונה באַקומט הונדערט טעג פריי אין גיהנום! — אָ, דאָ שטייט עס אָפּגעדרוקט!

ער האָט אים אונטערגערוקט דאָס צעטל אונטער דער נאָז.

— ניין, האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר — מיר דאַרפן נישט קיין פרייע טעג — מיר זענען געווזן, מיר וועלן אַלזאָ גיין גלייך אין הימל אַריין — און אויף דער לאָטעריע געווינט מען סיי ווי סיי גאָרנישט.

— אַזוי? — האָט אים געענטפערט דער וואַנדערנדיקער הענדלער — מ'קען גאָרנישט געווינען! דריי הונדערט געווינסן זענען פאַרהאַן, און דער ערשטער פופציק טויזנט מאַרק מזומן געלט!

אָטאָ דאָ שטייט! — און האָט אָנגעוויזן מיט ברודיקע הענט אויפן צעטל.

דער פּראָפעסאָר האָט עס אים אַרויסגענומען פון דער האַנט.

— דו אַלט אייזל! — האָט ער געלאַכט — און דאָ שטייט פינף הונדערט צעטלען! טאָ קענסטו דיך שוין אָנשטויסן, וויפיל שאַנסן ס'זענען דאָ צום געווינען!

ער האָט זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין, אָבער דער אינוואַליד האָט אים נאָכגעהינקט און אים פאַרהאַלטן פעסט באַם ראָק.

— פּרוּווט עס פוגדעסטוועגן, הער פּראָפעסאָר — האָט ער געבעטן — מיר, אָרימע לייט, ווילן דאָך אויך לעבן.

— ניין! — האָט אויסגערופן דער געהיימראַט.

אָבער דער וואַנדערנדיקער הענדלער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן.

— איך האָב עפּעס אַ פאַרגעפיל, אַז איר מוזט געווינען!

— דאָס האָסטו תמיד, — האָט געזאָגט דער געהיימראַט.

— דערלויבט דעם קליינעם אַרויסצוציִען אַ צעטל, דאָס ברענגט גליק! האָט געבעטלט בראַמבאַך.

דאָס האָט דעם פּראָפעסאָר אָפּגעשטעלט.

— כ'וועל פּרוּוון — האָט ער געמורמלט — קום נאָר אַהער, אַלרוינעלע! — האָט ער אויסגערופן — ציִ אַרויס אַ צעטל.

דאָס קינד האָט צוגעדרעפּטשעט צו אים, דער אינוואַליד האָט זאָרגפעלטיק צונויפגעלייגט פון די צעטלען אַ פעכער און איר דערלאַנגט.

— מאַך צו די אויגן — האָט ער געהייסן — אַזוי — איצט ציִ אַרויס!

אַלרוינע האָט אַרויסגעצויגן אַ צעטל און עס דערלאַנגט דעם געהיימראַט.

דער לעצטער האָט זיך אַ מינוט געשוכבט און דערנאָך צו־גערופן דאָס יינגל.

— צי דו אויך אַרויס, וועלפל — האָט ער געזאָגט.

*

* *

אין לעדערנעם באַנד האָט זיין עקסעלענץ טען ברינקען פאַרנאָטירט, אַז ער האָט געוווינען פופציק טויזנט אויף דער קירכן־לאָטעריע פון דילמען; ליידער האָט ער נישט געקענט פעסטשעלן — האָט ער צוגעגעבן — צי אַלרוינעס, צי וועלפלס צעטל האָט גע־וווּנען, ווייל נישט אונטערשרייבנדיק אויף זיי די נעמען פון די קינ־דער, האָט ער זיי צוזאַמען אַריינגעלייגט אין שרייבטיש. אָבער ער צווייפלט כמעט נישט דערין, אַז דאָס איז געווען אַלרוינעס צעטל.

און אין דעם פאַל האָט ער אַרויסגעוויזן זיין דאַנקבאַרקייט בראַמבאַכן, וועלכער האָט אים כמעט, ווי מיט געוואַלט געבראַכט דאָס געלט אין שטוב אַריין. ער האָט אים געשענקט פינף מאַרק, און האָט דורכגעפירט דאָס, אַז ער האָט פון דער פראָווינציעלער אונטערשטיצונגס־קאַסע פאַר אַלטע נויטליידנדיקע מיליטער־לייט באַ־קומען אַ רעגולערע ערן־נדבה פון דרייסיק מאַרק יערלעך.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

װעלכעס טײלט מיט, װאָס עס איז געשעען, װען אַל־רױנע איז געװאָרן אַ דערװאַקסן מײדל.

פון דעם אַכטן ביז דעם צװעלפטן יאָר פון איר לעבן איז אַלרױנע טען ברינקען דערצױגן געװאָרן אין דעם קלױסטער פון „הײליקן האַרץ“ אין נאַנסי, פון דער צײט אָן ביז איר זיבצענטן געבורטס־טאָג — אין דעם פּענסיאָנאַט פון פר. דע װינטלין, עװע־ניו דע מאַרטאָ אין ספּאַ. צװײ מאָל אין יאָר, אױף יעדער פעריע פלעגט זי קומען צו פאָרן אין הױז פון טען ברינקען קײן לענדע־ניך.

תחילת האָט דער געהײמראַט געפּרוּװט לערנען זי אינדער־הײם. ער האָט אַנגאַזשירט אַ פרײלין, זי זאָל דערציִען דאָס קינד, דערנאָך אַ געװיסן לערער און אינגיכן װידער אַ צװײטן. זײ האָבן זיך אַלע מיאש געװען; באַ דעם בעסטן װילן האָט מען זיך נישט געקענט מיט דעם מײדל קײן עצה געבן. זי איז דורכױס נישט געװען אומדערצױגן, לגמרי נישט װילד און פאַרעקשנט. זי פלעגט אָבער נישט ענטפערן, און מ׳האָט בשום אופן נישט געקענט ברעכן איר עקשנותדיק שװײגן. זי איז געזעסן שטיל און רויִק, מיט אי־

דיע האַלבּ-צוגעמאַכטע אויגן פלעגט זי קוקן פאַר זיך, און מ'האָט נישט געקענט וויסן, צי הערט זי בכלל עפּעס. דעם גריפל פלעגט זי אפילו נעמען אין דער האַנט, מ'האָט זי אָבער נישט געקענט באַוועגן, זי זאָל שרייבן דינע, דיקע פּיסיקלעך, אָדער אותיות — אַנשטאָט דעם, פלעגט זי אָבער גראַד צייכענען עפּעס אַ משונה־דיקע חיה מיט צען פיס, אָדער אַ פּנים מיט דריי אויגן און צוויי נעז.

דאָס, וואָס זי האָט זיך בכלל אויסגעלערנט, ביז דער געהיימראַט האָט זי געשיקט אין דעם קלויסטער, האָט זי געקענט אַ דאַנק וועלפלען. דאָס יינגל, וואָס פלעגט אָפּזיצן אין יעדער קלאַס צוויי־יאָר, פלעגט זיין אומענדלעך פויל אין שול, און אויף יעדער שולאַרבעט קוקן מיט אַ פריצישן ביטול, האָט זיך אינדערהיים מיט אויסערגעוויינטלעכן געדולד מיט זיין שוועסטערל פאַרנומען.

זי פלעגט אים הייסן שרייבן לאַנגע שורות צאָלן, הונדערטער מאָל איר נאָמען און זיין נאָמען, און זיך פרייען, ווען זיין אומגעשיקטע האַנט פלעגט מיד ווערן, ווען זיינע שמוציקע פינגער פלעגן זיך פלאָנטערן. צו דעם צוועק פלעגט זי נעמען אין דער האַנט דעם גריפל אָדער די פען, לערנען זיך עפּעס אַ צאָל, איין וואָרט נאָך דעם צווייטן, פלעגט זיי באַלד קענען אָנשרייבן און הייסן דאָס יינגל זיי שעהנווייז איבערשרייבן. תמיד פלעגט זי געפונען עפּעס אַ חסרון, דאָ איז דאָס, דאָרט יענץ פּאַסיקל נישט געווען אין אָרדנונג. זי פלעגט שפּילן די ראָל פון אַ לערערין און אַזוי אַרום זיך לערנען.

דערנאָך, ווען ס'איז איינמאָל געקומען אַ געוויסער לערער צום געהיימראַט זיך קלאָגן אויף די שלעכטע רעזולטאַטן פון זיין שילער, האָט זי זיך באַלד משער געווען, אַז וועלפלען גייט שלעכט מיט די למודים. האָט זי זיך איצט געשפּילט אין אַ שול, קאָנטראָלירט אים, געלאָזט אים זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אויסגע-

הערט אים און געלערנט. זי פלעגט אים פארשליסן, נישט דער־לויבן ארויסצוגיין פון שטוב פריער, ביז וואנען ער וועט נישט פאר־ענדיקן אלע אויפגאבן, און זי פלעגט דאס טון אזוי, פונקט ווי זי וואלט יא אלץ געקענט; זי האט נישט געדולדעט קיין שום ספיקות אין איר אויטאָריטעט.

זי פלעגט תּופס זיין זייער לייכט און זייער שנעל. זי האט נישט געוואלט בלייבן הינטערשטעליק אקעגן דעם יינגל, און אזוי פלעגט זי נעמען איין ביכל נאכן אנדערן. זי האט גענומען דאס און יענץ, כאאטיש. עס איז דערגאנגען דערצו, אז אויב דאס יינגל האט עפּעס נישט געוווּסט, פלעגט ער גיין צו איר, כדי זי צו פרעגן, זייענדיק דורכויס איבערגעצייגט, אז זי מוז עס וויסן. דאן פלעגט זי אים פארהאלטן און זאגן, אז ער דארף זיך וועגן דעם פאר־טראכטן, און זי האט אים געמוסרט. אזוי ארום פלעגט זי געווינען א שטיקל צייט, זי פלעגט דאן זוכן אין די ביכער. און אויב זי האט זיך נישט געקענט פונאנדערקלויבן, פלעגט זי לויפן צום גע־היימראט און אים פרעגן. דערנאך פלעגט זי צוריקקומען צום יינגל, פרעגן אים, צי ער האט זיך נאך נישט דערמאנט און ענד־לעך אים געבן דעם ענטפער.

דער פראפעסאר האט באמערקט דעם דאזיקן שפּיל, וואס האט אים גאנץ גוט געוויילט, און ער וואלט אפשר קיינמאל נישט געטראכט וועגן אוועקלאזן דאס מיידל פון שטוב, ווען נישט דאס פסדרדיקע צושטיין פון דער פירשטין. פון תמיד אן א גוטע קא־טוילין, איז די דאזיקע פרוי מיט יעדן יאר געווארן אלץ מער גליי־ביקער, אזוי ווי יעדער קילאגראם פעטס וואלט זי פרומער געמאכט. זי האט זיך איינגעשפּארט, אז איר טויך־קינד מוז דערצויגן ווערן אין א קלויסטער. דער געהיימראט, וועלכער איז שוין יארנלאנג געווען איר פינאנציעלער יועץ, און פלעגט אפּערירן מיט אירע מי־ליאנען, כמעט ווי מיט זיינע אייגענע, האט געהאלטן פאר גלייכער

איר אין דעם דאָזיקן פונקט נאָכצוגעבן; אַזוי איז אַלרוינע געקומען קיין נאַנסי, אין דעם „הייליקן הארץ”.

פון דער צייט אָן געפינען זיך אין דעם לעדערנעם באַנד אַ חוץ די קליינע נאָטיצן, געשריבן דורך דעם געהיימראַט אַליין, לאַנגע באַריכטן פון דער אויבער-מוטער. דער פּראָפעסאָר פלעגט איראָניש שמייכלען, ווען ער האָט זיי איינגעקלעבט אין בוך, איבערהויפּט דאָרטן, ווו ס'פלעגט זיך רעדן וועגן די אויסערגעוויינטלעכע, לויבפולע פאַרשריטן פון דעם מיידל; ער האָט גוט געקענט די קלויסטערס און געוווסט, אַז אין ערגעץ לערנט מען נישט אַזוי ווייניק ווי בײַ די פרומע שוועסטערן. און עס האָט אים הנאה געטון, ווען נאָך די תחילתדיקע טיראַדן פון שבחים, וועלכע אַלע עלטערן פלעגן באַקומען, האָט בײַ אַלרוינען גאָר אַן אַנדערער טאָן פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם פריערדיקן, ווען די אויבער-מוטער פלעגט כסדר שיקן אָנקלאַגעס וועגן פאַרשידענע אכזריותן. די אָנקלאַגן זענען תמיד געווען אויף דעם זעלבן באָדן: נישט דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דעם מיידל, נישט אירע האַנדלונגען זענען געווען די סיבה פון די דאָזיקע פאַרשטעלונגען — תמיד איז עס געגאַנגען אין דער השפעה, וועלכע זי האָט געהאַט אויף אירע חברטעס.

— „ס'איז אמת, — האָט געשריבן די בכבודיקע מוטער — אַז דאָס קינד פייניקט קיינמאָל נישט אַליין קיין בעלי-חיים; ווייניקסטנס האָט מען זי נישט געכאַפּט דערבײַ. ס'איז אָבער גראָד אַזוי אמת, אַז אַלע קליינע רציחות — וועלכע די קליינע שילערינס פלעגן אויספירן, זענען אַנטשטאַנען אין אַלרוינעס קאָפּ. צוערשט האָט מען דערבײַ געכאַפּט מאַריען, זייער אַ פיין און געהאָרכזאַם קינד, ווען זי האָט אין דעם קלויסטער-גאָרטן אָנגעבלאָזן אַ זשאַבע מיט שטרוי-רערן. אויף דער פראַגע, ווי אַזוי עס איז איר דאָס איינגעפאַלן, האָט זי זיך מודה געווען, אַז אַלרוינע האָט איר דעם דאָזיקן איינפאַל געגעבן. מיר האָבן דאָס נישט געוואָלט

גלייבן, מיר האָבן גיכער געמיינט, אַז דאָס איז אַן אויסרייד, כדי אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַ טייל פון דער שולד. באַלד דערנאָך האָט מען אָבער געכאַפּט צוויי מיידלעך דערביי, ווי זיי האָבן באַשיט מיט זאַלץ צוויי גרויסע שנעקן, אַזוי, אַז די אָרימע בעלי-חיים, וועלכע זענען דאָך אויך גאָטס באַשעפעניש, זענען זיך צעשוווימען אין שליים. און ווידער האָבן די קינדער געטענהט, אַז אַלרוינע האָט זיי דערצו אָנגערעדט. ווען כ'האָב פון איר אַליין פאַרלאַנגט אַ דערקלערונג, האָט זי זיך באַלד מודה געווען אין אַלע חטאים, און דערקלערט, אַז זי האָט וועגן דעם געהערט און געוואָלט זיך איבערצייגן אויף וויפיל דאָס איז אמת. זי האָט זיך אויך מודה געווען, אַז זי האָט עס אָנגערעדט אָנצובלאָזן די זשאַבעס; און געזאָגט, אַז עס שיסט אַזוי שיין, ווען מען צעקלאַפּט דערנאָך מיט אַ שטיין די אָנגעבלאָזענע זשאַבע. זי אַליין וואָלט, וואָס אַן אמת, קיינמאָל דאָס נישט געטון, ווייל עס קען אַזוי לייכט אַרויסשפּריצן עפּעס פון דער צעריבענער זשאַבע אויף דער האַנט אַרויף. אויף דער פראַגע, צי זי פאַרשטייט אירע זינד, האָט זי דערקלערט: ניין, ווייל זי האָט דאָך גאָרנישט געטון, און דאָס, וואָס אַנדערע קינדער טוען, גייט זי לגמרי נישט אָן".

אויף דעם אָרט געפינט זיך אַ כאַראַנטעזע פון דעם געהיימראַט, וועלכע לויטעט:

„זי איז פולשטענדיק גערעכט"

„נישט קוקנדיק אויף די אַלע באַשטראָפונגען", לויטעט דער בריוו ווייטער, „האָבן מיר אין אַ קורצער צייט אַרום ווידער געהאַט פעסטצושטעלן אַ פּאָר פאַרדריסלעכע פאַלן, ווו אַלרוינע איז ווידער געווען די שולדיקע. אַזוי האָט קלאַראַ מאַאַסען אויס צירען, אַ מיידל, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר אונטער אונדזער השגחה און האָט נאָך קיינמאָל נישט געגעבן קיין גרונט צו קלאָגן זיך אויף איר, אויסגעשטאָכן אַ קרעט מיט אַ גליִענדיקע שפּיזל די אויגן.

זי האָט זיך אַזוי געקומען צום האַרץ איר טאַט, אַז זי איז ביז צום נאָענטסטן ווידוי-טאָג געווען שטאַרק אויפגערעגט, און האָט גאָר כסדר געוויינט; זי האָט זיך ערשט דאַן באַרויִקט, ווען זי האָט באַקומען די אַבסאָלוציע. דאָ האָט אַלרוינע דערקלערט, אַז קרעטן קריכן אין דער טונקעלער ערד, ס'איז אַלזאָ נישט קיין נפקא מינא, אויב זיי זען אָדער נישט. דערנאָך האָבן מיר געפונען אין גאָרטן זייער געשיקט אויפגעשטעלטע פייגל-כאַפּערס, אָבער די קליינע פייגל-פאַנגערינס, וועלכע האָבן, גאָט צו דאַנקען, נאָך גאָרנישט געהאַט געכאַפּט, האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אויסזאָגן, ווי אַזוי זיי זענען געקומען צום דאָזיקן אײַנפאַל. ערשט אונטער דעם דראַונג פון אַ זייער האַרבער שטראָף, האָבן זיי זיך מודה געווען, אַז אַלרוינע האָט זיי דערצו אָנגערעדט און גלײַכצײַטיק געדראָט, אַז אויב זיי וועלן זי פאַראַטן, וועט זי זיי עפּעס שלעכטס טון. — און ליידער האָט זיך דעם קינדס שעדלעכער אײַנפלוס אויף אירע מיטשילערינס אַזוי פאַרשטאַרקט אין דער לעצטער צייט, אַז מען קען שוין באמת פון זיי גאָרנישט אַרויסבאַקומען, אַזוי איז העלענע פּעטיאָט געכאַפּט געוואָרן דורך דער קלאַסן-שוועסטער בשעת זי האָט אין אַ פרייער שעה געפאַנגען פליגן, פאָרזיכטיק אָפּגעשניטן זייערע פליגל מיט אַ שער, אײַנציקווייז אויסגעריסן די פיסלעך, און דערנאָך זיי אַרײַנגעוואָרפן אין אַ קופּע פון מאַראַוועס. דאָס קליינע מיידל האָט אָבער געהאַלטן, אַז דאָס איז געווען איר אייגענער אײַנפאַל און האָט אַפילו פאַר דעם הויכווירדיקן גייסטלעכן געלייקנט. אַז אַלרוינע זאָל האָבן צו דעם אַ שייכות. פּונקט אַזוי פאַרעקשנט האָט אויך געלייקנט איר קוזינע גינאָן, וועלכע האָט אונדזער אַלטער גוטער קאַץ צוגעבונדן צום עק אַן אַלטן בלעכענעם טאָפּ, וועלכער האָט די אָרימע חיה שיִער נישט משוגע געמאַכט. נישט קוקנדיק אויף דעם, זענען מיר דאָך איבערצייגט, אַז אין דעם דאָזיקן, ווי אויך אין אַ סך

אַנדערע פּאַלן איז אַלרוינע געווען די הויפּט־אָנפירערין".

די אויבער־מוטער האָט ווייטער געשריבן, אַז זיי האָבן צו־נויפגערופן אַ קאָנפערענץ און באַשלאָסן דעם עקסעלענץ זייער העפלעך צו בעטן, ער זאָל אָפּנעמען זיין טאָכטער פון דעם קלויס־טער, און וואָס שנעלער קומען נאָך איר.

דער געהיימראַט האָט געענטפערט, אַז די דאָזיקע פּאָר־פאַלן פאַרשאַפן אים גרויס עגמת נפש, ער מוז אָבער בעטן, מען זאָל נאָך דערווייל דאָס קינד איבערלאָזן אין דעם קלויסטער; וואָס שווערער עס איז די אַרבעט, דאָס גרעסער דערגאָך דער דערפאָלג. ער צווייפלט נישט, אַז אַ דאַנק דער פרומקייט פון די שוועסטערן, וועט געלונגען אַרויסצוצייסן די אומרויקייט פון זיין קינדס הערצל און פאַרוואַנדלען עס אין אַ שיינעם גאָרטן פון דעם רבונו של עולם.

אין דער אמתן איז אים געגאַנגען זיך איבערצוצייגן, אויף וויפיל דער איינפלוס פון דעם איירעלן קינד וועט זיין שטאַרקער, ווי די דערציונג פון דעם קלויסטער און די ווירקונג פון די פרו־מע שוועסטערלעך. ער האָט גוט געוווּסט, אַז דער ביליקער קלויס־טער פונם „הייליקן האַרץ" איז נישט רעקאָמענדירט געווען דורך די בעסטע פאַמיליעס, און ער האָט באַדאַרפט זיין שטאָלץ, וואָס צווישן זיינע שילערינס געפינט זיך די טאָכטער פון זיין עקסע־לענץ.

ער האָט זיך נישט טועה געווען.

די בכבודיקע מוטער האָט געענטפערט, אַז מיט נאָטס הילף וועלן זיי נאָכאַמאָל פרווון און אַז אַלע שוועסטערן האָבן פרייוויליק דערקלערט, אַז זיי וועלן צו זייער טעגלעכער מעריב־תּפילה צוגעבן אַ באַזונדערן זיפץ פאַר אַלרוינען. דערויף האָט זיי דער געהיימראַט

גרויסמוטיק צוגעשיקט הונדערט מארק פאַר אָרימע לייט.

*

*　　*

בשעת די פעריען האָט דער פראָפעסאָר אָבסערווירט דאָס מיידל גאָר גרינטלעך. ער האָט געקענט די פאַמיליע גאַנטראַם פון זייער עלטער-זיידן אָן, און געוווּסט, אַז די ליבשאַפט צו אַלע בעלי-חיים האָבן זיי צוזאַמען מיט זייער מוטער-מילך אין זיך אַריינגעזויגן. ווי גרויס אפילו ס'זאָל נישט זיין דעם קינדס השפעה אויף דעם אַזוי פיל עלטערן יינגל — דאָ האָט זי זיך געמוזט אָנטרעפן אויף אַ שטערונג, זי האָט געמוזט ווערן מאַכטלאָז קעגן דעם געפיל פון אַן אַ שיעור גרויסער גוטסקייט. און דאָך האָט ער אַמאָל נאָכמיטאָג דערשנאַפט וועלפל גאַנטראַמען בײַ דעם קליינעם טייך אונטער דעם טראָמפּייטן-בוים. ער האָט געקניט אויף דער ערד, אַנטקעגן אים אויף אַ שטיין איז געזעסן אַ קליינע זשאַבע. דאָס יינגל האָט איר אַריינגעשטעקט אַ ברענעדיקן פּאַפּיראָס אין ברייטן מויל, טיף אין האַלדז אַריין, און די זשאַבע האָט מיט טויט-אַנגסטן געריכערט, זי האָט אַראָפּגעשלונגען דעם רויך, אים אַריינגעזויגן אין מאָגן אַריין, וואָס אַמאָל מער און מער; זי האָט אים אָבער נישט אַרויסגעלאָזט — אַזוי איז זי וואָס אַמאָל אַלץ דיקער און דיקער געוואָרן. וועלפל האָט געקוקט אויף איר און דיקע טרערן זענען אים געלאָפן איבער די באַקן. ער האָט אָבער פונדעסטוועגן אָנגעצונדן אַ צווייטן פּאַפּיראָס, ווען דער ערשטער איז שוין געווען שטאַרק אויסגעברענט, אַרויסגענומען דאָס שפּיצל פון דעם האַלדז, אַריינגעשטעקט מיט ציטערדיקע פינגער דעם פרישן אין מויל אַריין, און די זשאַבע איז געוואָרן משונהדיק אויפגעשוואָלן. די גרויסע אויגן האָבן זיך אַרויסגעגלאָצט פון די אויגן-הייל. ס'איז געווען אַ שטאַרקע חיה: צוויי מיט אַ האַלבן פּאַפּיראָס האָט זי געקענט פאַרטראָגן, ביז זי האָט געפּלאַצט. דאָס יינגל האָט זיך יעמערלעך צעשריגן,

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע יסורים זענען נאָך גרעסער, ווי פון דעם חיהלע, וועלכעס ער האָט צום טויט פאַרפייניקט. ער איז צו־ריקגעשפרונגען, ווי ער וואָלט געוואָלט צווישן די קוסטעס אַנט־לויפן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזעענדיק, אַז די צעריסע־נע זשאַבע באַוועגט זיך נאָך, איז ער שנעל צוגעלאָפן און מיט די אָפּצאַסן גענומען ווילד און פאַרצווייפלט טרעטן אויף דעם חיהלע, כדי עס פון די יסורים צו באַפרייען.

דער געהיימראַט האָט אים אָנגענומען בײַם אויער און גע־זוכט אין זיינע קעשענעס. ער האָט געפונען נאָך אַ פּאָר פּאַפּיראָסן, און דאָס ייִנגל האָט גלייך מודה געווען, אַז ער האָט זיי גענומען אויפן שרייב־טיש אין ביבליאָטעק. אָבער מ'האָט בשום אופן נישט געקענט בײַ אים פּועלן, אַז ער זאָל געבן אַן ענטפער, פונוואַנען ער ווייסט, אַז רייכערנדיקע זשאַבעס בלאָזן זיך אַליין אָן און צום סוף פּלאַצן זיי. דאָ האָט גאָרנישט געהאָלפן קיין רייד, און די שמיץ, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אים נישט ווייניק געלאָזט געבן דורכן גערטנער, האָבן אוודאי נישט געהאָלפן. אויך אַלרוינע האָט עקשנותדיק געלייקנט, אפילו אויך דאַמאָלס, ווען איינע פון די דינסטן האָט געזאָגט, אַז זי האָט געזען, ווי דאָס קינד האָט גענומען די פּאַפּיראָסן. נישט קוקנדיק דערויף זענען ביידע געבליבן דערבײַ: דאָס ייִנגל — אַז ער האָט געגנבעט די פּאַפּיראָסן און דאָס מיידל — אַז זי האָט עס נישט געטון.

גאָך איין יאָר איז אַלרוינע געבליבן אין קלויסטער, און דערנאָך האָט מען זי — אינמיטן שול־יאָר — אַהיימגעשיקט. און דאָסמאָל אוודאי נישט באַרעכטיקט; נאָר די אָבערגלויבלעכע שוועסטערן האָבן געקענט גלייבן אין איר שולד, און אויך אַ ביסל דער געהיימראַט, אָבער קיין שום אַנדערער מענטש, מיט אַ געזונטן שכל נישט.

ס'האָט שוין געהאַט אַמאָל אויסגעבראָכן אין „הייליקן האַרץ" אַן אָנשטעקנדיקע קראַנקהייט — מאָזלען. זיבן און פופציק מיידע־

לעך זענען דאָ געלעגן קראַנק. און נאָר עטלעכע, צווישן זיי אויך אַלרוינע, זענען געזונט געוואָרן. דאָסמאָל איז עס אָבער געווען א סך ערגער — אַ טיפוס־עפּידעמיע. אכט קינדער זענען געשטאָרבן און אויך איין שוועסטער. כמעט אַלע זענען געווען קראַנק. אַלרוינע טען ברינקען איז אָבער נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי געזונט, ווי אין דער דאָזיקער צייט; זי איז געוואָרן דיקער, האָט געבליט און איז אַרומגעלאָפן פריילעך איבער די שטובן, וווּ ס'זענען געלעגן די קראַנקע. און אַזוי ווי ס'האָט זיך אין יענע יאָכן קיינער נישט בעקומערט וועגן איר, איז זי געלאָפן איבער די שטיגן, האָט זיך געזעצט אויף אַלע בעטלעך און דערציילט די קינדער, אַז זיי מוזן שטאַרבן און דאָס שוין מאָרגן, און אַז זיי וועלן אַלע גיין אין גיהנום אַריין, זי אָבער, אַלרוינע, וועט לעבן און דאָך גיין אין הימל אַריין. און זי האָט אַלעמען צעטיילט אירע הייליקע בילדלעך און געזאָגט די מיידלעך, זיי זאָלן פלייסיק דאַווענען צו דער מאַדאָנאַ און צום הייליקן יעזוס — אָבער, אַז דאָס וועט סיי ווי סיי גאָרנישט העלפן; ברענגען מוזן זיי דאָך און גוט זיך בראָטן — יאָ, דאָס איז געווען וווּנדערבאַר, ווי זי האָט דאָס אַלץ געקענט שילדערן. טיילמאָל, ווען זי איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, איז זי געוואָרן מילדער; זי האָט נאָר צוגעזאָגט הונדערט טויזנט יאָר גיהנום־פייער. אָבער אויך דאָס איז גענוג געווען פאַר די קראַנקע מוחות פון די פרומע קליינע מיידלעך. דער דאָקטאָר, ווערנדיק שטאַרק אויפגערעגט, האָט אַליין אַרויסגעוואָרפן אַלרוינען פון שטוב, און די שוועסטערן זייענדיק פעסט איבערצייגט, אַז זי האָט פאַרשלעפּט די דאָזיקע מחלה אין קלויסטער אַריין, האָבן זי הענדום־פענדום אַהיים אָוועקגעשיקט.

דער פּראָפעסאָר האָט געלאַכט און איז געווען אַנטציקט פון דעם באַריכט. און ער איז גאָרנישט געוואָרן ערנסטער, ווען באַלד נאָך דעם קינדס קומען, זענען צוויי דינסטן קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן

אין שפּיטאָל. צו דער פּאַרוואַלטערין פון דעם קלויסטער האָט ער געשריבן אַן אויפגעבראַכטן בריוו, אין וועלכן ער באַקלאָגט זיך ביטער, וואָס מען האָט אים אין אַזעלכע באַדינגונגען אַהיימגעשיקט דאָס קינד. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן דאָס שכר לימוד פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָר, און ענערגיש געפאָדערט צוריק דאָס געלט, וואָס עס האָבן אים געקאָסט די קראַנקע דינסטן. און ער איז גע־רעכט געווען — פון סאַניטאַרן שטאַנדפּונקט האָבן די שוועסטערן פונם „הייליקן האַרץ" נישט באַדאַרפט אַזוי האַנדלען.

*

* *

בכלל האָט דער עקסעלענץ אַליין אויך נישט אַנדערש גע־האַנדלט. ער האָט נישט ספּעציעל מורא געהאַט פאַר דער אָנ־שטעקונג, נאָר אַזוי ווי בײַ אַלע דאָקטוירים, זענען אים די קראַנק־הייטן סימפּאַטישער געווען בײַ אַנדערע, ווי בײַ זיך אַליין. ער האָט זי אַלזאָ געלאָזט אין לענדעניך אַזוי לאַנג, ביז ער האָט גע־פונען פאַר איר אַ גוטן פּענסיאָן. אויפן פערטן טאָג האָט ער זי אַוועקגעשיקט קיין ספּאַא, אין דעם באַרימטן אינסטיטוט פון פר. ווינטלין. דער שווייגנדיקער אַלויזי האָט זי געמוזט באַגלייטן. די רייזע איז אַריבער פאַר דעם קינד אָן שום פּאַרפּאַל, בשעת דער באַדינער האָט געהאַט אַזש צוויי: פאַרנדיק אַהין, האָט ער געפו־נען אַ בײַטעלע מיט זילבערנע מטבעות, צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּגעקלעמט אַ פינגער, בשעת ער האָט פאַרמאַכט דאָס טירל פון קופּע. דער געהיימראַט האָט צופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען אַלויזי האָט אים אָפּגעגעבן דעם דאָזיקן באַריכט.

וועגן די יאָרן, וועלכע אַלרוינע האָט פאַרבראַכט אין ספּאַא, האָט די פריילין בעקער, אַ לערערין פון דייטש, וועלכע האָט אויך געשטאַמט פון דער אוניווערסיטעט־שטאָט בײַם רהיין און האָט פאַר־בראַכט דאָרט די פעריען, געהאַט דעם געהיימראַט אַ סך צו דער־

ציילן. באַלד פֿון ערשטן טאָג אָן האָט אַלרוינע אָנגעהויבן איר באַלעבאַטעווען אויף דער אַלטער עוועניו דע מאַרטאַ. און איר שליטה האָט זיך אויסגעשפּרייט נישט נאָר אויף די מיטשילערינס, נאָר אויך אויף די לערערינס, און גאַנץ ספּעציעל אויף דער מיס, וועלכע איז געוואָרן אין פֿאַרלויף בלויז פֿון עטלעכע וואָכן אַ ווילנלאָז שפּילעכל אין די הענט פֿון דעם קליינעם מיידל. און אַזוי האָט אַלרוינע בלויז באַלד באַ דעם פֿרישטיק דערקלערט, אַז האָניק און מאַרמעלאַד פֿאַרטראָגט זי נישט, זי וויל אָבער האָבן פּוטער. פּר. דע ווינטלין האָט איר נאַטירלעך קיין פּוטער נישט געגעבן. נאָך עטלעכע טעג האָבן אויך אַ פּאָר אַנדערע שילערינס געפֿאָדערט פּוטער, און צום סוף איז אין גאַנצן אַנשטאַלט אַנטשטאַנען איין געשריי — נאָר פּוטער. מיס פּאַטערסאָן אָבער, וועלכע האָט קיינמאָל אין איר לעבן צו דער טיי אינדערפֿרי נישט געגעסן גאָרנישט, א חוץ מאַרמעלאַד, איז אויך פּלוצלינג באַפֿאַלן אַ געוואַלטיקע בענקשאַפֿט נאָך פּוטער — אַזוי, אַז די פֿאַרוואַלטערין האָט געמוזט נאָכגעבן, און צופֿרידנשטעלן די גרויסע פּוטער־פֿאָדערונג. — אַלרוינע אָבער האָט פֿון יענעם טאָג אָן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט מאַרמעלאַדע פֿון פּאָמעראַנצן.

דאָס פּייניקן בעלי חיים, האָט די פּר. בעקער אויף אַ ספּעציעלע אָנפֿראַגע פֿון געהיימראַט דערקלערט, האָט זיך נישט געטראָפֿן אין די דאָזיקע יאָרן אין דעם פּענסיאָנאַט ווינטלין, ווייניקסטנס, איז דאָס קיין איין פֿאַל נישט אַנטדעקט געוואָרן. דערפֿאַר אָבער, האָט אַלרוינע שטאַרק געפּייניקט די אַנדערע קינדער, ווי אויך די לערערינס און לערערס, איבערהויפּט דעם אָרימען מוזיק־לערער. אין זיין טאַבעק־שקעטעלע, וועלכעס ער פֿלעגט איבערלאָזן אין מאַנטל אין קאָרידאָר, כּדי זיך אָפּצוהיטן פֿון דעם נסיון חלילה אין קלאַס נישט אַ שמעק צו טון, פֿלעגן זיך זינט אַלרוינעס אָנקומען געפֿינען די משונהדיקסטע קעגנשטאַנדן, למשל: גרויסע

קרייצשפּינען, אַ סך פּיסיקע, שיס-פּולווער, פּעפּער, זאַמד מיט טינט, אַפילו צעהאַקטע ווערים. עטלעכע מאָל האָט מען געכאַפּט די בייזע פאַרשידענע מיידלעך און זיי אפילו באַשטראָפט, קיינמאָל אָבער נישט אַלרויִנען. זי פלעגט דעם מוזיק-לערער תּמיד שטעלן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. זי האָט נישט געמאַכט די איבונגען בשעת דער מוזיק-לעקציע. זי פלעגט פאַרלייגן די הענט אין דער שויס און קיינמאָל נישט וועלן שפּילן. ווען דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַמאָל מיט יאוש פאַרקלאָגט פאַר דער פאַרוואַלטערין, האָט אַלרויִנע רויִק דערקלערט, אַז דער אַלטער זאָגט ליגנט. פר. ווינטלין האָט שוין דאַמאָלט פּערזענלעך בייגעוווינט די קומענדיקע לעקציע — און מאָדנע, דאָס קליינע מיידל האָט אויסגעצייכנט געקענט איר אויפגאַבע, געשפּילט בעסער ווי די איבעריקע און פּלוצלינג אַרויסגעוויזן אַ וווּנדערבאַרע געשיקטקייט. די אָנפירערין פון פּענסיאָן האָט דעם מוזיק-לערער געמאַכט געוואַלטיקע פאָרוווּרפן, — און יענער איז געשטאַנען אָן לשון און נישט געוווּסט וואָס עפּעס אַנדערש צו זאָגן, ווי:

— Mais c'est aiccoyable — G'est vraiment aiccoyable!*)

צוליב דעם האָבן אים די קליינע פּענסיאָן-מיידלעך גערופן „Monsieur Incroyable" זיי פלעגן דאָס אים נאָכרופן. ווו ער האָט זיך נאָר געוויזן, און האָבן עס אַרויסגערעדט פּונקט אַזוי ווי ער, ווי אויך זיי וואָלטן גאָר קיין ציין אין מויל נישט געהאַט.

וואָס שייך דער מיס, האָט זי קיין איין רויִקן טאָג נישט איבערגעלעבט. תּמיד איז זי געווען דער אָביעקט פון בייזע, נאַרישע וויצן. מען האָט איר אַריינגעשיט בייס-פּולווער אין בעט אַריין, און איינמאָל, נאָך אַן אויספלוג, אפילו אַ האַלבע טוץ פליי. דאָ איז פאַר-

*) דאָס איז פּשוט אומגלייבלעך

ווידער אָפּגעטרענט אַלע העקעלעך און קנעפּלעך פון איר קלייד, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געוואָלט אָנטאָן. איינמאָל, ווען זי האָט זיך געוואָלט לייגן אין בעט אַריין, האָט זי באַקומען טויט-שרעק צוליב דער ווירקונג פון עפּעס אַ מוסירנדיקן פּולווער דערין „Vase de musit" און אַן אַנדערש מאָל זענען איר דורכן אָפענעם פענ-סטער אַריינעפלויגן ברענענדיקע ראַקעטן, אַזוי, אַז זי האָט הויך געמוזט רופן נאָך הילף. דאָ איז די שטול, אויף וועלכער זי האָט זיך געזעצט, מיט ליים אָדער פאַרב באַשמירט געווען, דאָרט ווידער פלעגט זי אין טאַש אַ טויטע מויז געפינען אָדער אַן אַלטן קאָפּ פון אַ הון. און אַזוי איז זיך די צייט ווייטער פריילעך געגאַנגען. די אָרימע מיס האָט נישט געהאַט קיין זיכערע שעה אין טאָג. איין אויספאָרשונג פלעגט קומען נאָך דער צווייטער, תמיד זענען אַ פּאָר שולדיקע געוואָרן באַשטראָפט. קיינמאָל אָבער האָט זיך צווישן זיי נישט געפונען אַלרוינע, הגם יעדערער איז געווען איבערצייגט, אַז זי איז דאָס די הויפּט-אָנפירערין פון די אַלע שפּיצלעך. די איינציקע וואָס האָט מיט אויפרעגונג אָפּגעוואָרפן דעם חשד, איז געווען די ענגלענדערין אַליין; זי האָט זיך אַליין געשוווירן, אַז דאָס מיידל איז אומשולדיק און זיך דערביי געהאַלטן, ביז זי האָט פאַרלאָזט דעם אינסטיטוט דע וויטעלען: דאָס דאָזיקע גיהנום, ווי זי האָט געזאָגט, וועלכעס פאַרמאָגט נאָר איין קליין, זיס מלאכל.

דער געהיימראַט האָט איראָניש געשמייכלט, בשעת ער האָט אַריינגעשריבן אין לעדערנעם באַנד „דער דאָזיקער קליינער, זי-סער מלאך — אַלרוינע".

— וואָס שייך איר אַליין, דערציילט פר. בעקער דעם פּראָפע-סאָר, האָט זי פון אָנהייב אָן אויסגעמיטן צו האָבן וועלכע עס איז מגע-ומשא מיטן דאָזיקן משונהדיקן מיידל. דאָס איז איר אָנגעקו-מען לייכט, ווייל זי האָט נאָר געהאַט צו טון מיט די פראַנצויזישע

און ענגלישע קינדער און אַלרויגען האָט זי נאָר געלערנט גימנאַס־טיק און האַנט־אַרבעט. פון דעם לעצטן קעגנשטאַנד האָט זי זיך באַלד באַפרייט, נאָכדעם ווי זי האָט באַמערקט, אַז נישט נאָר־וואָס דאָס אינטערעסירט נישט אַלרויגען, נאָר פאַרקערט, זי ווייזט נאָך אַרויס אַן עקל צו דער דאָזיקער באַשעפטיקונג. בשעת די לעק־ציעס פון גימנאַסטיק, באַ וועלכע זי האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט, האָט זי זיך געהאַלטן אַזוי, ווי זי וואָלט גאָרנישט געזען די קאַפּריזן פון דעם קינד. נאָר איינמאָל, באַלד נאָך אַלרויגעס אָנקומען האָט זי געהאַט מיט איר אַ קליינעם סיכסוך. ווי זי האָט זיך אַליין מודה געווען, האָט זי זיך געמוזט אונטערגעבן.

צופעליק האָט זי אַמאָל אין אַ פרייער שעה געהערט, ווי אַל־רויגע דערציילט אירע חברטעס וועגן איר אויפהאַלטן זיך אין קלויס־טער. זי האָט דערביי אַזוי מיאוס זיך באַרימט און געליקנט, אַז זי האָט געהאַלטן פאַר איר חוב זיך אַריינצומישן. פון איין זייט האָט די קליינע דערציילט, ווי הערלעך און ווונדערלעך דאָרט איז, און פון דער צווייטער האָט זי נישט געהאַט קיין ווערטער צו באַשרייבן די כמעט קרימענעלע מעשיות וועגן די פאַרברעכנס פון די פרומע שוועסטערן. און ווייל זי אַליין איז דערצויגן געוואָרן אין דעם קלויסטער פונם „הייליקן האַרץ” אין נאַנסי, און האָט דעריבער גוט געוווסט, ווי פשוט און באַשיידן מען לעבט דאָרט, און אויך, אַז די מאַנאַכינס זענען די אומשעדלעכסטע נפשות אויף דער וועלט, האָט זי אַרויסגערופן אַלרויגען, איר געמאַכט אַ פאָרוואורף פאַר די שווינדלערישע געשיכטעס, און אויך פאַרלאַנגט, אַז דאָס מיידל זאָל באַלד דערקלערן די חברטעס, אַז אַלץ, וואָס זי האָט זיי דער־ציילט, איז ליגנט. ווען אַלרויגע האָט איר דאָס עקשנותדיק אָפּגע־זאָגט, האָט זי דערקלערט, אַז זי אַליין וועט עס די מיידלעך זאָגן. דערויף האָט אַלרויגע זיך אויפגעהויבן הויך אויף די שפּיץ פינגער, רו:ק אויף איר אַ קוק געטון און געזאָגט:

— אויב איר וועט דאָס זאָגן, וועל איך דערציילן, אַז אייער מוטער האָט אין דערהיים אַ קליין קעז־געוועלבל.

זי, די פר. בעקער, מוז מודה זיין, אַז זי איז געווען אויף אַזוי פיל שוואַך, אַז זי האָט נאָכגעגעבן דעם קינד צוליב פאַלשער בושה. וואָס אַן אמת, האָט אין דער שטילער שטים פון דעם קינד געקלונגען אַזאַ ערנסט, אַז זי האָט זיך אין דער דאָזיקער מינוט כמעט דערשראָקן, איבערגעלאָזט אַלרויגען און אַוועק צו זיך אין צימער, צופרידן פון דעם, וואָס זי האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין שטרייט מיטן דאָזיקן קליינעם באַשעפעניש.

איבעריקנס, האָט זי באַלד דערנאָך באַקומען די פאַרדינטע שטראָף דערפאַר, וואָס זי האָט פאַרלייקנט איר גוטע מוטער: אַללוירע האָט שוין אויפן צווייטן טאָג דערציילט פאַר אַנדערע שילעריגס דעם פאַקט וועגן איר מוטערס קעז־געוועלבל און עס האָט זי געקאָסט אַ סך מי, ביז עס איז איר געלונגען צוריק צו געווינען דעם רעספעקט, וועלכן זי האָט צוליב דעם פאַרלוירן.

אַ סך מער אָבער ווי אירע דערציִערס, האָט זי אָנגעטון צרות אירע חברטעס — ס׳איז נישט געווען קיין איינע אין דעם פענסיאָן, וועלכע זאָל פון איר נישט האָבן געליטן. און עס האָט זיך געדאַכט, דאָס איז געווען גאַנץ משונהדיק — אַז נאָך יעדן מיאוסן טאַט איז זי געוואָרן נאָך מער באַליבט. זי האָט אפילו באַקומען אָנגעזוידלט פון דער שילערין, וועלכע זי האָט זיך אויסגעוויילט אַלס קרבן, אָבער אַלע אַנדערע זענען געווען אויף איר זייט. און זי איז געווען מער באַליבט, ווי וועלכע עס איז פון די איבעריקע מיידלעך. די פר. בעקער האָט וועגן דעם דערציילט דעם געהיימראַט אַ סך פּרטים, פון וועלכע ער דערמאַנט אין בוך עטלעכע שרייענדיקע פאַקטן. בלאַנשע דע באַרווילע איז צוריקגעקומען פון די פעריען, וועלכע זי האָט פאַרבראַכט בײַ אירע קרובים אין פּיקאַרדיע; בײַ דער געלעגנהייט האָט דאָס טעמפּעראַמענטפולע פער־

צעניעריקע נפשל זיך פארליבט אין איר קוזין. זי האָט געשריבן צו אים פון פענסיאָן, און דאָס יינגל האָט איר געענטפערט: ב. ד. ב. פאָסט רעסטאַנט. באַלד האָט ער, ווייזט אויס, געפונען אַן אַנ־דערע ארבעט — יעדנפאַלס, זענען קיין בריוו נישט אָנגעקומען מער. אַלרוינע דאָט דעם סוד געוווּסט, זי און די קליינע לוּיזאָן. בלאַנשע איז באַטירלעך געווען שרעקלעך אומגליקלעך און האָט גאַנצע נעכט געוויינט; דאַמאָלס איז לוּיזאָן געזעסן לעבן איר און זי געטרייסט, אַלרוינע אָבער האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף זי נישט טרייסטן; איר קוזין איז איר אומטריי געוואָרן און האָט זי פאַראַטן, און איצט מוז בלאַנשע שטאַרבן פון אומגליקלעכער לי־בע. דאָס איז דער איינציקער אופן, ווי אַזוי מ׳זאָל דעם פאַלשן ווייזן זיין פאַרברעכן אין דעם אייגנטלעכן ליכט; ער וועט דערנאָך דאָס גאַנצע לעבן פאַרפאָלגט זיין פון פוריעס. און זי האָט גע־באַכט אַ סך ביישפּילן, ווו ס׳איז אויך אַזוי געשען. בלאַנשע איז באַשטאַנען צו שטאַרבן פון ליבע, אָבער דאָס איז נישט געגאַנגען אַזוי לייכט; ווייל זי האָט אפילו אַן אַפּעטיט געהאַט אַ הערלעכן, נישט קוקנדיק אויף די גרויסע יסורים. אַלרוינע האָט דערקלערט, אַז בלאַנשע איז זיך מחויב אַליין צו דערהרגענען, אויב זי קען נישט בשום אופן, צוליב דעם צעבראָכענעם האַרץ אַליין שטאַרבן.

זי האָט איר רעקאָמענדירט אַ שטילעט, אָדער אַ פּיסטאָ־לעט, — זיי האָבן אָבער נישט פאַרמאָגט נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע, ס׳האָט זיך אויך נישט איינגעגעבן אָנצורעדן בלאַנשען, זי זאָל אַרויסשפּרינגען דורכן פענסטער, אָדער דורכ־שטעכן זיך דאָס האַרץ מיט אַ נאָדל פון אַ הוט, אָדער זיך אויפ־הענגען.

אָבער אַלרוינע האָט דערויף באַלד געפונען אַן עצה.

אין אַפּטייק פון פר. ווינטלען איז געשטאַנען אַ פלעשל ליזאָל — דאָס מוז לוּיזאָן אַרויסגנבענען. ליידער איז נאָר אַ קליין

ביסל געווען אין דער פֿלאַש, האָט לוּיזאָן נאָך געמוזט אָפּקראַצן די
פּאַספּאָר־קעפּלעך פֿון אַ שעכטל שוועבעלעך, בלאַנשע האָט אָנגע־
שריבן אַ פּאָר געזעגנונגס־בריוו צו אירע עלטערן, צו דער פּאַר־
וואַלטערין און צו דעם פּאַרטעטרישן געליבטן. דערנאָך האָט זי
אויסגעטרונקען, און געשלונגען די קעפּלעך פֿון די שוועבעלעך.
ביידע האָבן געהאַט אַ משונהדיק מיאוסן טעם כּדי אָבער צו זיי
זיכער אין איר דערפֿאָלג, האָט זי אַלרוינע געהייסן אַראָפּשלינגען
נאָך דריי פּעקעלעך ביי־נאָדלען. אליין איז זי איבעריקנס ניט
געווען אַנוועזנד, בשעת דעם זעלבסטמאָרד, אונטער דעם פּרע־
טעקסט — צו היטן, אַז ס׳זאָל עמעץ נישט אָנקומען. זי איז אַריין
אין איר צימער, פֿריִער אָבער האָט איר בלאַנשע געמוזט צושווערן
באַם קרייץ, אַז זי וועט אַלץ אויספֿירן. די קליינע לוּיזאָן איז אין
דעם אָוונט געזעסן אויפֿן בעט פֿון איר חברטע, און מיט ביטערע
טרערן דערלאַנגט איר צום ערשט דעם ליזאָל, דערנאָך די קעפּ־
לעך פֿון די שוועבעלעך, ענדלעך די עטלעכע פּעקלעך נאָדלען.
ווען דער דאָזיקער דרייפֿאַכיקער מאָרד־סם האָט שטאַרק נישט גע־
דינט דער אָרימער בלאַנשען, ווען זי האָט זיך געוואָרפֿן און גע־
שריגן פֿון ווייטיק, האָט לוּיזאָן אַיגעהויבן שרייען, אַז ס׳האָט אַזש
אָפּגעהילכט אין גאַנצן הויז. זי איז אַרויסגעלאָפֿן פֿונם צימער,
האָט געבראַכט די פּאַרוואַלטערין און לערערינס און ביטער געיאָ־
מערט, אַז בלאַנשע שטאַרבט.

בלאַנשע דע באָנווילע איז גאָרנישט געשטאָרבן. דער גי־
שיקטער דאָקטאָר האָט מאָמענטאַל געגעבן אַ שטאַרק ברעך־מיטל,
וועלכעס האָט צוריק אַרויסגעשלעפּט דעם ליזאָל, פּאַספּאָר און
אַפֿילו די פּעקלעך נאָדלען. וואָס אַן אמת, איז איינס פֿון זיי צע־
ווייקט געוואָרן און אַ האַלב טוץ נאָדלען זענען געבליבן אין מאָגן.
זיי האָבן געוואַנדערט איבערן גאַנצן קערפּער און זענען אין משך
פֿון יאָר אַרויסגעקומען דורך פֿאַרשידענע ערטער, דערמאַנענדיק

דער זעלבסט-מערדערין גאַנץ ווייטיקדיק אָן איר ערשטער ליבע.

בלאַנשע האָט נאָך געמוזט אַ לאַנגע צייט ליגן אין בעט און האָבן שטאַרקע יסורים. זי איז אַלזאָ גענוג באַשטראָפט געוואָרן. אַלע האָבן איר מיטגעפילט, זענען געווען גוט צו איר — אויף וויפיל זיי האָבן נאָר געקענט, דערפילט אירע בקשות. זי האָט אָבער גאָרנישט פאַרלאַנגט, אַ חוץ דעם, אַז אירעביידע חברטעס, וועלכע האָבן איר צוגעהאָלפן צום זעלבסטמאָרד, זאָלן נישט באַשטראָפט ווערן, אַלרוינע און די קליינע לוזאָן. און זי האָט אַזוי לאַנג געבעטן און געבעטן, ביז די פאַרוואַלטערין האָט איר צוגעזאָגט — און אַזוי האָט מען אַלרוינען נישט אַרויסגעוואָרפן פון פענסיאָן.

דערנאָך איז געקומען די ריי אויף הילדע אַלדעקערך, וועלכע האָט שרעקלעך ליב געהאַט בערלינער פּאַנטשקעס. מען האָט זיי געקענט באַקומען אין דעם דייטשן קאַפע-הויז אויף דעם פּלאַץ ראַיאַל. זי האָט פאַרזיכערט, אַז זי קען אויפעסן אַ צוואַנציק שטיק. אַלרוינע אָבער האָט געהאַלטן, אַז זי וועט זיכער נישט בכוח זיין אויפצועסן קיין דרייסיק. זיי האָבן זיך געוועט: ווער עס וועט פאַרשפּילן, מוז באַצאָלן פאַר די פּאַנטשקעס. הילדע אַלדעקערך האָט געוווּנען — זי איז אָבער קראַנק געוואָרן, אַז זי האָט געמוזט פערצען טעג ליגן אין בעט.

— זול וסובא, — האָט געזאָגט אַלרוינע טען ברינקען — אַ מצווה אויף דיר. — און אַלע קליינע מיידלעך האָבן נאָך גערופן די דיקע הילדע „פרעסער".

זי האָט מתחילת אַ ביסל געוויינט, שפּעטער אָבער האָט זי זיך צוגעוויינט צום דאָזיקן פאַרצערטלטן נאָמען און צום סוף געוואָרן די געטרייסטע אָנהענגערין פון אַלרוינען — פּונקט אַזוי ווי בלאַנשע דע באַנווילע.

— נאָר איינמאָל, האָט דערציילט פר. בעקער, איז אַלרוינע

ערנסט באַשטראָפט געוואָרן אין פענסיאָן, און מאָדנע, אין דעם דאָזיקן פאַל גאָר אינגאַנצן אומגערעכט. אין אַ לבנהדיקער נאַכט איז די פראַנצויזין, נישט טויט, נישט לעבעדיק, אַרויסגעשפרונגען פון איר צימער, האָט אויפגעוועקט דאָס גאַנצע הויז, געשריגן און געיאָמערט, אַז אויף דער באַלוסטראַדע פון באַלקאָן זיצט אַ ווייסער שד. קיינער האָט נישט געוואַגט אַריינצוגיין אין איר צימער. ענדלעך האָט מען אויפגעוועקט דעם פּאָרטיער, און דער איז, באַוואָפנט מיט אַ פייגעם שטעקן, אַהין אַריין. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שד איז אַלרוינע. וועלכע איז דאָרט אין איר נאַכט־חעמד רו:יק געזעסן, און האָט מיט אירע אָפענע אויגן גלייך געקוקט אין דער לבנה אַריין. ווי אַזוי זי האָט זיך דאָרט אַהין געקרוגן, האָט מען נישט געקענט פון איר דערגיין. די פאַרוואַלטערין האָט געהאַלטן דאָס שפּילן זיך אין שדים פאַר אַ שלעכטן וויץ — ערשט דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מיידל האָט דאָס וואַרשיינלעך געטון אונטער דעם איינפלוס פון לבנה־ליכט; אויך באַ פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן האָט מען זי געכאַפּט באַ לונאַטיזם. ס׳איז מאָדנע, וואָס אַלרוינע האָט די דאָזיקע אומגערעכטע שטראָף — דאָס איבערשרייבן פון לאַנגע קאַפּיטלען פון טעלעמאַק אויסגעפירט געוויסנהאַפט, אין די פרייע נאָכמיטאָג־שעהן אָן אַ שום ווידערשטאַנד, בשעת זי וואָלט קעגן יעדער גערעכטער שטראָף ווי צום שטאַרקסטן אויפגערעגט געוואָרן.

די פר. בעקער האָט פאַרענדיקט:

— כ׳האָב מורא, אַז זיין עקסעלענץ וועט נישט האָבן קיין גרויס נחת פון זיין טעכטערל.

דער פּראָפעסאָר האָט געענטפערט:

— אָ, כ׳מיין, אַז יאָ. דערווייל בין איך שטאַרק צופרידן.

די לעצטע צוויי יאָר האָט ער נישט געהייסן אַלרוינען קומען אַהיים אויף די פערי:ען. ער האָט איר דערלויבט צו רייזן מיט

אירע חברטעס פון דעם פענסיאָן, צוערשט קיין שקאָציע מיט מאַד מאַקפערזאָן, דערנאָך מיט בלאַנשע צו אירע עלטערן קיין פּאַריז, און ענדלעך מיט די צוויי פרײַלינס ראָדענבערג אין זייערע גיטער אין דער געגנט פון מינסטער. וועגן די דאָזיקע עפּיזאָדן פון אַל-רוינעס לעבן האָט ער נישט געהאַט קיין זיכערע ידיעות. — ער האָט זיך נאָר משער געווען, וואָס זי האָט געקענט אַלץ שטיפן אין משך פון די פעריען. און ער האָט הנאה געהאַט פון דעם געדאַנק, אַז דאָס ווען, וואָס ער האָט באַשאַפן, האָט אונטער איר אויס-טערלישער השפּעה אַרומגענומען אַלץ ווײַטערדיקע קרייזן. אין די צייטונגען האָט ער געלעזן, אַז דעם זומער, ווען אַלרוינע האָט פאַרבראַכט אין באַלטענהאַגען, האָבן די גרין-ווײַסע פאַרבן פון דעם אַלטן גראַף ראָדענבערג אויף דעם געיעג גאָר גוט אָפּגעשניטן, און זיין ראַסאָווע סטאַדע האָט אים אַרײַנגעבראַכט באַדייטנדיקע רווחים; ווײַטער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז פר. דע ווינטלען האָט באַקומען אַ גאַנץ אומגעריכטע ירושה, וועלכע האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט צו ליקווידירן דעם אַנשטאַלט, אַזוי, אַז זי האָט שוין מער נישט צוגענומען קיין נייע שילערינס און נאָר די אַל-טע האָט זי נאָך געהאַלטן ביז צום פאַרענדיקן דעם שטודיום. אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע האָט ער צוגעשריבן דער אָנוועזנ-הייט פון אַלרוינען, און איז געווען כמעט איבערצייגט, אַז אויך אַנדערע הייזער, אין וועלכע זי האָט פאַרבראַכט, דער קלויסטער אין נאַנסי, רעווערענד מאַקפערזאָן אין עדינבורג, אין דעם הויז באַנוויל אויף בולוואַר הויזמאַן, האָט זי אַרײַנגעבראַכט גאָלד אין שטוב. אויף אַזאַ אופן האָט זי דרייפאַכיק באַלוינט פאַר אירע קליינע טייוואָנישע שטיקלעך. ער האָט געטראַכט, אַז די אַלע מענטשן דאַרפן זיין דאַנקבאַר דעם קינד, און האָט געהאַט דעם איינדריק, ווי ער וואָלט געבראַכט אויף דער וועלט עפּעס אַן אויס-טערליש מיידל פון עולם האחר, וועלכע איז בכוח יעדן צו באַ-

שענקען און אויסשפרייטן מיט רויזן דעם וועג פון די. וועלכע האָבן דאָס גליק צו באַגעגענען. ער האָט אַ לאַך געטון און ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז די רויזן האָבן אויך שפּיציקעציין, וועלכע קענען נישט איינעם ווייטיקדיק פאַרוואונדן.

און ער האָט געפרעגט די פר. בעקער.

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך. ווי גייט עס אייגנטלעך אייער ליבער מוטער?

— כ׳דאַנק אייך, עקסעלענץ — האָט זי געענטפערט — די מוטער האָט זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. דאָס געשעפט גייט אין לעצטן יאָר אַ סך בעסער!

זעט איר! — האָט געזאָגט דער געהיימראַט — און ער האָט באַפוילן, מ׳זאָל דעם גאַנצן נייטיקן קעז קויפן בײַ דער פרוי בע-קער אויף דער מינסטער-גאַס, עמענטאַלער, ראָקפאַרט, שעסטער און האָלענדישער.

דאָס אַכטע קאַפּיטל

וואָס פּירט אויס, ווי אַזוי אַלרוינע איז געוואָרן די האַרינטע אין הויז פון די ברינקענס.

ווען אַלרוינע איז צוריקגעקומען אין הויז באַם רהיין, וועלכעס איז געווען געהייליקט דעם קדוש יאָהאַן פון נעפּאָמוק, איז דער געהיימראַט שוין אַלט געווען זעקס און זיבעציק יאָר, אָבער נאָר אין לוח האָט מען געקענט די דאָזיקע טיפע עלטער פעסטשטעלן. קיין שום שוואַכקייט, קיין מינדסטע ליידן האָט עס נישט געקענט פאַראַטן.

ער עאָט זיך געפילט געמיטלעך אין זיין אַלטן דאָרף, וועלכעס האָט מיט זיינע, כסדר וואַקסנדיקע, ווייט אויסגעשטרעקטע פינגער געוואָלט די שטאָט דערגרייכן, ער איז געזעסן, ווי אַ צעפּאַשעטע שפין אין דער שטאַרקער נעץ פון זיין מאַכט, וועלכע האָט זיך אויסגעשפּרייט אין אַלע זייטן פון דער וועלט. און ער האָט דערשפּירט אַ לייכטע רעגונג אויפן געדאַנק, אַז אַלרוינע דאַרף קומען צו פאָרן, ער האָט זי אָפּגעצוואַרט, אַלס אַ געווונטשן שפּילצייג פאַר זיינע קאַפּריזן און גלייכצייטיק, אַלס אַ לוסטיק פאַנג-מיטל, וועל-

כעס וועט אים נאָך נישט איין נאַרישע פליג און נאַכט-פלעדערל אין זיין נעץ פאַרפירן.

אַלרוינע איז געקומען צו פאָרן און האָט זיך דעם אַלטן קיין סך אַנדערש נישט אויסגעוויזן, ווי בשעת זי איז אַ קינד געווען. ער האָט זי לאַנג אָבסערווירט, ווען זי פלעגט זיצן פאַר אים אין ביבליאָטעק, און ער האָט אין איר גאָרנישט געפונען אַזוינס, וואָס זאָל דערמאַנען איר פאָטער אָדער מוטער. דאָס דאָזיקע דראָבנע מיידל איז געווען קליין און גראַציעז, שמאָל און ענג-ברוסטיק, און נאָך נישט אַנטוויקלט. איר גאַנצע פיגור, אירע שנעלע, קאַנטיקע באַוועגונגען האָבן דערמאָנט אָן אַ ייִנגל. מ'האָט געקענט מיינען: אַ ליאַלקע — נאָר, וואָס דער קאָפּ איז נישט געווען דער קאָפּ פון אַ ליאַלקע. עטוואָס אַרויסגעשטאַרטע באַקן-ביינער, שמאָלע און בלייכע ליפּן, קליינע ציינדלעך. אָבער האָר רייכע און פולע, נישט קיין רויטע, ווי בײַ איר מוטער, נאָר שווערע קאַשטאַן-ברוינע, „אַזוי ווי בײַ דער פרוי יאָזעפאַ גאָנטראַם", האָט געטראַכט דער געהיימראַט, און דער דאָזיקער געדאַנק איז אים געפעלן געוואָרן: זי איז געווען פאַר אים אַ דערינערונג פון דעם הויז, וווּ דער געדאַנק וועגן אַלרוינען איז אַנטשטאַנען. ער האָט זייטיק אַריינגעבליקט צו איר, וועלכע איז געזעסן שטיל פאַר אים, ער האָט געקוקט אויף איר קריטיש, ווי אויף אַ בילד, ער האָט נאָכגעפאָרשט און געזוכט נאָך אַנדערע דערינערונגען —

יאָ, אירע אויגן! זיי האָבן זיך ברייט געעפנט אונטער די דרייסטע, דינע ליניעס פון די ברעמען, וואָס דער שמאָלער, גלאַטיקער שטערן האָט בולט געמאַכט. זיי האָבן געקוקט קאַלט און חוזקדיק. טיילמאָל ווייך און פאַרחלומט. העל-גרין, ווי שטאָל, און בליצנדיקע — ווי בײַ זיין שוועסטערזון פראַנק ברוין.

דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעבלאָזן די אונטערשטע ליפּ, די דאָזיקע אַנטדעקונג איז אים נישט געווען שטאַרק סימפּאַטיש. אָבער

גלייך דערנאָך האָט ער אַ הייב געטון מיט די אַקסלען — פאַר־וואָס אייגנטלעך זאָל דאָס יינגל, אין וועמענס מחשבה זי איז אַנט־שטאַנען, נישט האָבן אין איר לכל הפחות דעם דאָזיקן אָנטייל? דאָס איז געווען שוין צו ווייניק און טייער אָפּגעקויפט; מיט די אַלע קיילעכדיקע מיליאָנען, וואָס דאָס דאָזיקע שטילע מיידל האָט אים צוגענומען —

— דו האָסט שיינע, גלאַנצעדיקע אויגן, — האָט ער גע־זאָגט — זי האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ. — און דיינע האָר — האָט ער פאָרטגעזעצט — זענען שיין. וועלפּלס מוטער האָט געזאָגט אַזעלכע האָר.

— איך וועל זיי אָפּשניידן — האָט דערויף געענטפערט אַלרוינע.

— דאָס וועסטו נישט טון, הערסט? — האָט דער געהיימראַט געזאָגט באַפעלנדיק.

— אָבער ווען זי איז אַראָפּגעקומען אויף אָוונט־ברויט, זענען אירע האָר געווען אָפּגעשניטן. זי האָט אויסגעזען, ווי אַ פּאַזש, און די קורצע לאָקן זענען אַראָפּגעפאַלן אויף איר יינגלערישן קאָפּ.

— וווּ זענען דיינע האָר? — — האָט אויסגערופן דער גע־היימראַט.

זי האָט רויק געענטפערט:

אַט אָ דאָ. — און זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ גרויס טעקטור־שאַכטל; דאָ זענען געלעגן גלאַנצעדיקע, צו מעטער לאַנגע פּאַס־מעס האָר.

דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— פאַרוואָס האָסטו זיי אָפּגעשניטן? — פאַרוואָס, ווייל איך האָב עס דיר פאַרבאָטן צו טון? — הייסט עס צולהכעיס?

זי האָט זיך געשמייכלט:

— ניין, בכלל נישט. איך וואָלט עס אַזוי אויך געווען געטון.

— פאַרוואָס אַלזאָ? — האָט ער געפאָרשט.

זי האָט גענומען דאָס שאַכטל און אַרויסגעצויגן די האָר, זיבן גרויסע פּאַסמעס. יעדע איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ גאָלדן שנירל און צו יעדן שנירל איז געווען צוגעקלעבט אַ קליין צעטעלע. זיבן נעמען זענען געווען אָנגעשריבן אויף זיבן צעטעלעך: עמאַ, מאַרגעריט, לויזאָן, עוועלין, אַננאַ, מאוד און אַנדרעאַ.

— דאָס זענען דיינע שול־חברטעס? — האָט געפרעגט דער געהיימראַט. און דו נאַריש קינד, שניידסט דיר אָפּ די האָר, כּדי זיי דאָס צום אָנדענקען צו שיקן?!

ער איז געווען בייז; די דאָזיקע אומדערוואַרטעטע יונגמיידלערישע סענטימענטאַלישקייט איז אים כּלל נישט געפעלן, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס מיידל אַ סך רייפער און האַרבער.

זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

— נאָר? — איז צוגעשטאַנען דער פּראָפעסאָר.

— נאָר — האָט זי ווידער אָנגעהויבן, — זיי מוזן זיך אויך די האָר אָפּשערן.

— וואָס מוזן זיי? — האָט דער אַלטער אויסגערופן.

דערויף האָט זיך אַלרוינע צעלאַכט:

די האָר זיך אָפּשערן! אָבער אינגאַנצן! מער, ווי איך — אַזש ביז צו דער הויט — אַלזאָ זיי מוזן דאָס זעלבע טון!

— זיי וועלן געוויס נישט זיין אַזעלכע שוטות, — האָט ער צוגעוואָרפן.

— און דאָך וועלן זיי עס טון! — האָט זי זיך איינגעשפּאַרט — זיי וועלן עס זיכער טון — כ׳האָב געזאָגט, אַז מיר מוזן זיך אַלע די האָר אָפּשערן, און זיי האָבן עס מיר צוגעזאָגט, אויב איך וועל עס די ערשטע טון. אָבער כ׳האָב דערין פאַרגעסן

און כ'האָב זיך דערמאָנט ערשט דאַן, ווען דו האָסט אָנגעהויב רעדן וועגן מיינע האָר.

דער געהיימראַט האָט געלאַכט פון איר:

— זיי האָבן דיר צוגעזאָגט — יאָ, מ'זאָגט צו אַ סך זאַכן, אָבער זיי וועלן עס זיכער נישט טון, דו אַליין ביסט געווען אַזוי נאַריש.

דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר שטול און צוגעגאַנגען האַרט צום אַלטן.

— און דאָך, — האָט זי הייס געפּליסטערט — וועלן זיי דאָס טון. זיי ווייסן גאַנץ גוט. אַז כ'וואָלט זיי אויסגעריסן די האָר. אויב זיי וואָלטן דאָס נישט געטון. און — זיי האָבן מורא פאַר מיר, אפילו ווען כ'בין נישט מיט זיי.

זי איז געשטאַנען לעבן אים לייכט ציטערנדיק און אויפגערעגט.

— ציִ ביסטו אַזוי זיכער, אַז זיי וועלן עס טון? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אָפּגעענטפערט מיט כּוח:

— יאָ, כ'בין אינגאַנצן זיכער.

ס'איז אַלזאָ אויך אין אים אַנטשטאַנען די זיכערקייט און ער האָט זיך אפילו אויף איר נישט געוווּנדערט.

— פונוואַנען אייגנטלעך איז צו דיר געקומען דער דאָזיקער איינפאַל? — האָט ער געפרעגט.

אין דער רגע איז זי געוואָרן ווי איבערגעביטן. די גאַנצע אומגעווייניטלעכקייט איז פאַרשוווּנדן, זי האָט ווייטער אויסגעזען ווי אַ צעבאַלעוועט, קאַפּריזנע קינד.

— ווייל! — האָט זי שטיל געלאַכט און אירע קליינע הענטלעך האָבן געגלעט די געדיכטע פאַסמעס האָר. — ווייל — זעסט דאָס איז געווען אַזוי. ס'האָבן מיר אַראָפּגעשווערט די לאַנגע, גע-

דיכטע האָר און כ׳האָב צוליב דעם פיל מאָל געליטן אויף קאָפּ־שמערצן. און ווייטער — קורצע האָר — קליידן מיר — כ׳ווייס וועגן דעם. זיי וועט דערפאַר אָבער דערין כלל נישט קליידן. — אַזוי ווי אַ שטייגל מיט מאַלפּעס וועט אויסקוקן די קלאַס פון דער פריילין די ווינטעלען. און אַלע וועלן בעטשען, די נאַראַנים, און די מאַדמואַזעל וועט זיי מוסרן און די בייע מיס און די פריילין וועלן אויך מוסרן און וויינען מיט זיי צוזאַמען.

זי האָט געפּאַטשט מיט די הענט, זי האָט געלאַכט הויך און פריילעך.

— ווילסט מיר צוהעלפן? — האָט זי געפרעגט — ווי אַזוי זאָל מען עס איינפּאַקן?

— יעדעס באַזונדער, — האָט געזאָגט דער געהיימראַט. — אַלס פּראָבעס אָן שום ווערט. און רעקאָמענדירן.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, אַזוי וועט זיין גוט!

און בשעת דעם עסן האָט זי אים געשילדערט, ווי אַזוי די מיידלעך וועלן אויסזען — אָן די האָר.

די הויכע ווי אַ צוים־שטעקן, עוועלין קליפאָרד, וועלכע האָט שיטערער גלאַטע העל־בלאָנדע האָר, און די פּולבלוטיקע שאַטינע לויזאָן, וועלכע האָט זיך ביז איצט הויך פאַרקעמט אין אַ טורבאַן, און ערשט, די ביידע גרעפינס ראַדענבערג, אַנגאַ און אַנדרעאַ, וועלכע טראָגן לאַנגע, געקרייזלטע לאָקן אַרום די ביינערדיקע, וועסטפאַלישע קאָפּ־שאַרבנס.

— און דאָס אַלץ אָפּגעשניטן! — האָט זי געלאַכט. — זיי וועלן אויסזען ווי ים־קעץ. — יעדער וועט לאַכן, ווער ס׳וועט זיי נאָר אַזוי אָנקוקן.

זיי זענען צוריק אַריין אין דער ביבליאָטעק: דער געהיימראַט האָט איר געהאָלפן אויפזוכן אַלצדינג, ער האָט איר געגעבן

טעקטור-שאַכטלעך, אַ שנירל, טריפּוואַקס און מאַרקעס. דערנאָך האָט ער געררייכערט זיין ציגאַר, ער האָט אים כמעט געקייט, קוקנדיק, ווי זי שרייבט אירע בריוו.

זיבן בריוולעך צו זיבן חברטעס אין ספּאַ. אויפן בריוו-פּאַפּיר איז געווען אָפּגעדרוקט דער אַלטער הערבּ פון די ברינקענס: יאָהאַן פון נעפּאָמוק, דער היליקער פון פּאַרפּלייצונג, אויפן אייבערשטן פעלד, אונטן אַ זילבערנער רייער, וואָס קעמפט מיט אַ שלאַנג. דער רייער — דאָס איז געווען די חיה פון די ברינקענס.

ער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם מיידל און אַ לייכטער קיצל איז דורכגעלאָפן איבער זיין אַלטער הויט. ס'האָבן זיך אים אויפגעוועקט אַלטע זכרונות, עראָטישע געדאַנקען וועגן נישט דערוואַקסענע יינגלעך און מיידלעך. —

זי, די דאָזיקע אַלרוינע איז געווען אַ מיידל און אַ יינגל צוגלייך.

ער האָט געקוקט אויף איר גיריק און מיט ציטערדיקערליידנשאַפט. און ער האָט פאַרשטאַנען אין דער מינוט, וואָס דאָס איז געווען, וואָס ס'האָט אַזוי געצויגן מענטשן צום דאָזיקן שלאַנקן, קליינעם באַשעפעניש. ווי די פישלעך, וואָס לויפן אויפן רויב, נישט זעענדיק דעם האָקן. ער אָבער האָט גוט געזען דעם שאַרפן האָקן, אָבער ר'האָט געמיינט, אַז ער וועט אים קענען אויסמיידן, און וועט פונדעסטוועגן דעם געשמאַקן ביסן אָן שטערונג אַראָפּשלינגען. —

*

* *

וואָלף גאַנטראַם איז געווען פּראַקטיקאַנט אין דער ביוראָ, וואָס דער געהיימראַט האָט געהאַט אין שטאָט. נאָך דער אייניעריקער מיליטער-דינסט האָט אים זיין אַפּטרופּוס אַרויסגענומען פון

גימנאַזיע און האָט אױך אָפּגעגעבן אַלס פּראַקטיקאַנט אין אַ געווי־סער באַנק. דאָרט האָט ער פאַרגעסן, וואָס ער האָט מיט גרויס מי אין דער שול אויסגעלערנט. ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג און האָט אַלץ אויסגעפּירט, וואָס מ׳האָט פון אים פאַרלאַנגט.

ווען ס׳איז אַריבער די צייט פון זיין לערע, האָט ער זיך אַריינגעקרוגען אין ביוראָ פון געהיימראַט, וואָס דער לעצטער האָט אָנגערופען זיין „סעקרעטאַריאַט“.

עס איז געווען אַ מאָדנע געשעפט, דער דאָזיקער סעקרעטאַר־יאַט פון זיין עקסעלענץ. ס׳האָט אים געפירט קאַרל מאָהנען, דאָק־טאָר פון פיר פאַקולטעטן, און זיין אַלטער שעף האָט אים געהאַלטן פאַר גאַנץ ניצלעך. ער האָט כסדר געשפילט די ראָל פון אַ קאָנקו־רענט: ווו ער האָט זיך גאָר באַוויזן, פלעגט ער שליסן באַקאַנט־שאַפטן, אָנקניפּן באַציִונגען, וועלכע האָבן קיינמאָל צו גאָרנישט געפירט. די האָר זענען אים שוין לאַנג געהאַט אַרויסגעפאַלן, אָבער זיין חוש־הריח איז געווען בעסער, ווי ווען עס איז — תמיד פלעגט ער עפּעס דערשנאַפּן: אַ פרוי פאַר זיך, אַ געשעפטל פאַרן געהיימ־ראַט, און דעם אַלטן פלעגט עס תמיד בעסער אויספאַלן.

עטלעכע סוחרישע באַאַמטע האָבן געהאַלטן די ביכער גענויג אין אָרדנונג און זיך באַמיט צו רעגולירן דאָס געשעפט ביז צו אַ געוויסער מדרגה. דאָרט איז געווען איין שטוב מיט אַן אויפשריפט: „יורידישע ענינים“, אין יענער שטוב פלעגן טיילמאָל אַריינקומען אויף אַ שעה דער יוסטיצראַט גאָנטראַם און דער הער מאַנאַסע, וועלכער איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין יוסטיצראַט. זיי האָבן גע־פירט די פּראָצעסן פון געהיימראַט, וועלכע האָבן זיך שטאַרק גע־מערט; מאַנאַסע די אויסזיכטבאַרע, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון, דער אַלטער יוסטיצראַט די צווייפלהאַפטע, וועלכע ער האָט כסדר געהייסן אָפּלייגן און צום סוף דאָך געבראַכט צו אַ פאַרשטענדיקונג.

דר. מאַהנען האָט אויך זיין אייגן צימער, באַ אים איז גע־
זעסן וואָלף גאָנטראַם, וועמען ער האָט פּראָטעזשירט און זיך באַ־
מיט אויף זיין אופן אים בילדן. דער דאָזיקער וועלטס־מענטש האָט
געקענט אַ סך, כמעט נישט ווייניקער, ווי דער קליינער מאַנאַסע,
אָבער קיינמאָל איז זיין וויסן נישט געקומען אין וועלכער ס'איז
באַרירונג מיט זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו
טון דערמיט. ער האָט צונויפגעזאַמלט זיין בילדונג, ווי אַ ייגגל
זאַמלט צונויף זיינע מאַרקעס — ווייל זיינע חברים טוען אויך אַזוי.
ערגעץ אין עפּעס אַ שופלאַד זענען נאָך געלעגן זיינע קאָלעקציעס,
ער האָט זיך כּלל נישט געזאָרגט וועגן זיי, נאָר אויב ס'האָט עמע־
צער געוואָלט באַקוקן עפּעס אַ זעלטענע מאַרקע, האָט ער אַרויס־
גענומען דעם אַלבום, אויפגעעפנט:

— דאָ, ביטע, זאַקסן, דריי גראָשן, רויט!

עפּעס האָט אים געצויגן צו וואָלף גאָנטראַמען. אפשר זע־
נען דאָס געווען די גרויסע, שוואַרצע אויגן, וועלכע ער האָט אַמאָל
ליב געהאַט, ווען זיי האָבן געהערט צו דער מוטער. — ער האָט
ליב געהאַט, אַזוי ער האָט געקענט אין פונקט אַזוי, ווי ער האָט
פינף הונדערט אַנדערע שיינע אויגן ליב געהאַט, וואָס זייטער צו־
ריק ס'זענען געלעגן זיינע באַציונגען, וועלכע ער האָט געהאַט צו
וועלכער ס'איז פרוי, האָבן זיי זיך אים אויסגעוויזן טיפער. איצט
האָט זיך אים כמעט געדאַכט, אַז ער איז געווען אינטים פאַרטרויט
מיט דער דאָזיקער פרוי, וועמענס האַנט ער האָט אפילו נישט גע־
וואַגט צו קושן. צו דער דאָזיקער סימפּאַטיע האָט אויך גורם גע־
ווען דאָס, וואָס דער יונגער גאָנטראַם האָט געגלייבט אין אַלע
זיינע קליינע ליבע־געשיכטעס, אַ מינוט אפילו נישט געצווייפלט אין
זיינע העלדישע מעשים און געהאַלטן אים פאַר דעם דאָזיקן גרויסן
פאַרפירער. וואָס יענער האָט אַזוי שרעקלעך געוואָלט זיין.

דר. מאַהנען האָט אים אַנגעטון, געוויזן אים, ווי אַזוי מען

בינדט דעם קראוואַט, געמאַכט אים עלעגאַנט — אויף וויפיל ער האָט עס אַליין געקענט זיין. ער האָט אים געגעבן ביכלעך צו ליינען, מיטגענומען אים אין טעאַטער און אויף קאָנצערטן, כדי תּמיד צו האָבן פאַר זיינע רייד אַ דאַנקבאַר פּובליקום. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ וועלט־מענטש — און דאָס אייגענע האָט ער אויך געוואָלט מאַכן פון וואָלף גאַנטראַמען.

און ס'לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען, אַז נאָר אים האָט דער יונגער גאַנטראַם געהאַט צו פאַרדאַנקען אַלץ, וואָס ער איז געווען. דאָס איז געווען אַ לערער, וועלכן ער האָט באַדאַרפט, וועלכער האָט גאָרנישט געפאָדערט און כּסדר געגעבן, טאָג איין, טאָג אויס, אין יעדער מינוט כּמעט, וועלכער האָט אומבאַמערקטערהייט געבילדעט. אַזוי האָט אויפגעוואַכט דאָס לעבן אין וואָלף גאַנטראַמען.

שיין איז ער געווען, דאָס האָט יעדער געוווּסט אין דער גאַנצער שטאָט. נאָר נישט קאַרל מאָהנען, פאַר וועמען שיינקייט איז נאָר מעגלעך אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט אַ קליידל, און פאַר וועמען ס'איז אַלץ שיין געווען, וואָס ס'האָט נאָר געטראָגן לאַנגע האָר און וויטער גאָרנישט. אָבער אַנדערע האָבן עס געזען. ווען ער איז נאָך געגאַנגען אין גימנאַזיע, האָבן אים נאָכגעקוקט און נאָכגעגאַפט אַלטע הערן, אַלטע אָפיצירן פלעגן זיך אויסדרייען, און נישט איין שיין געשניטענער קאָפּ מיט צעקנייטשטע געזיכטס־צוגן, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשריגן באַהאַלטענע בענקשאַפט — האָט אָפּגעזיפצט און שנעל אונטערגעדריקט אַ הייסן באַגער. און איצטער די בליקן פון אונטער די שלייערן און פון די גרויסע היטן, וויפיל שיינע פרויען־אויגן האָבן דאָס פאַרפאָלגט דאָס דאָזיקע יינגל!

— דאָס וועט זיך שלעכט ענדיקן! — האָט געברומט דער קליינער מאַנאַסע, זיצנדיק מיטן יוסמיצראַט און מיט זיין זון אויפן

קאָנצערט אין גאָרטן. — אויב יענע וועט זיך נישט באַלד אומ־
דרייען, וועט איר נאָך דער קאָרק אָרנטלעך ווי טון!

— וועמען? — האָט געפרעגט דער יוסטיצראַט.

— וועמען? איר קעניגלעכער האָהייט! — האָט אויסגערופן דער אַדוואָקאַט — קוקט נאָר אַהין, קאָלעגע, שוין זינט אַ האַלבע שעה צייט האַלט זי אין איין גלאָצן מיט די אויגן אויף אייער זונדל, דעם האַלדז וועט זי זיך נאָך אויסדרייען.

— אָך, גאָט, לאָזט געמאַכט, — האָט גלייכגילטיק אָפּגעענט־פערט דער יוסטיצראַט.

אָבער דער קליינער מאַנאַסע האָט נישט אָפּגעלאָזן.

— זעץ דיך אַהער, וועלפל, — האָט ער באַפּוילן און דאָס יינגל האָט געהאָרכט, געזעצט זיך לעבן אים, אויסדרייענדיק די פּלייצעס צו דער פּרינצעסין.

אָך, די דאָזיקע שיינקייט פון דעם יינגל האָט איבעראַשט דעם קליינעם אַדוואָקאַט — פונקט ווי בא דער מוטער האָט זיך אים דאָ אויך אויסגעוויזן, אַז הינטער דער דאָזיקער מאַסקע הערט ער דאָס געלעכטער פון טויט. און דאָס האָט אים געפּייניקט און געמאַטערט — אַזוי, אַז ער האָט כמעט פיינט באַקומען דאָס יינגל, אַזוי, ווי ער האָט אַמאָל געליבט זיין מוטער.

משונהדיק איז געווען די דאָזיקע שנאה, ווי אַ געשפּענסט, ווי אַ הייסער ווונטש, אַז דער גורל פון דאָזיקן יינגל גאָנטראַם זאָל ווי צום שנעלסטן מקוים ווערן — איז בעסער היינט ווי מאָרגן. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס וועט זיין פאַר אים אַ געוויסע דערלייזונג. און דערנאָך האָט ער געטון אַלצדינג, כדי די דאָזיקע דערלייזונג ווי וויים מעגלעך אָפּצושלעפּן, איינגעשטעלט זיך — מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט — פאַר וועלפלען, באַמיט זיך אים צו פאַרלייכטערן.

ווען עקסעלענץ טען ברינקען האָט דאָס פאַרמעגן פון זיין

אַדאָפּטירטן קינד באַגבעט, איז ער געווען אויסער זיך פאַר כעס.

— איר זענט אַ נאַר, אַן אידיאָט! — האָט ער געבילט אויפן יוסטיצראַט; ווי זיין הונט ציקלאָפּ, עליו השלום.

ער האָט דעם פאָטער אַרויסגעלייגט קלאָר, ווי אויף דער האַנט, אויף וואָס פאַר אַ געמיינעם אופן זיין זון ווערט באַשווינדלט. דער געהיימראַט האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון די וויינגערטנער און די שטחים ערד, וואָס וואָלף האָט אָפּגעירשנט נאָך דער מומען און האָט קוים באַצאָלט דערפאַר דעם אָנגענומענעם פּרייז. דערווייל האָט ער אַנטדעקט אויף דעם דאָזיקן באָדן נישט ווייניקער, ווי דריי קוואַלן זויערע, צו וועלכע ר'האָט זיך געהייסן נעמען און זיי עקספּלואַטירן.

— מיר וואָלטן דאָך קיינמאָל נישט געפאַלן אויפן דאָזיקן געדאַנק, — האָט דער יוסטיצראַט רויק געענטפערט.

דער קליינער מאַנאַסע האָט געשפּיגן פאַר כעס. דאָס איז דאָך נישט קיין נפקא מינה! דער דאָזיקער באָדן איז איצט ווערט זעקס מאָל אַזוי פיל. און דאָס, וואָס דער אַלטער שווינדלער האָט איבערהויפּט אויסגעצאָלט, האָט ער אין אַ גרויסער מאָס אַראָפּגערעכנט פאַר דעם אויפהאַלט פון דעם יינגל. דאָס איז דאָך פּשוט אַ שווינדעריי, — אָבער דאָס האָט נישט געמאַכט דעם מינדסטן רושם אויפן יוסטיצראַט. ער איז געווען גוט, אַזוי פיל מיט וואַרעמער גוטסקייט, אַז אין יעדן מענטש האָט ער נאָר געזען דאָס, וואָס איז אין אים געווען עפּעס גוטס; באַ די נידעריקסטע פאַרברעכער אין זייערע געמיינסטע מעשים האָט ער נאָך תמיד געקענט אויסזוכן אַ פּיצעלע גוטס. און אַזוי האָט ער געהאַלטן, אַז ס'איז מצד דעם געהיימראַט אַ גרויסער חסד, וואָס ער האָט צוגענומען זיין יינגל אין סעקרעטאַריאַט. און אַלס אַטוט, האָט ער אויסגע-

שפילט דאָס, אַז דער געהיימראַט האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אין זיין צוואה וועט ער געדענקען אָן זיין זון.

— דער? דער? — דער אַדוואָקאַט איז אַזש רויט געוואָרן פאַר באַהאַלטענעם כעס, ער האָט געצופּט זיינע גרויע, האַרטע וואָנסעס, — קיין פּעניג אפילו וועט ער דעם יינגל נישט פאַר־שרייבן!

אָבער דער יוסטיצראַט האָט פאַרענדיקט דעם ויכוח:

— איבעריקנס, קיין שום גאַנטראַמען איז נאָך שלעכט נישט געגאַנגען, כל זמן דער רהיין פליסט.

און אפשר האָט ער געהאַט רעכט.

*

* *

פון זינט אַלרוינע איז צוריקגעקומען, איז וועלפל געריטן יעדן אָוונט קיין לענדעניך. דר. מאָהנען האָט אים באַזאָרגט מיט אַ פערד, וואָס ער האָט באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע פון זיין פריינט, ריטמײַסטער פון געראַלדינגען. אויך טאַנצן און פעכטן האָט דער מענטאָר געלאָזט לערנען דאָס יינגל. דאָס מוז קענען יעדער וועלטס־מענטש, האָט ער דערקלערט און גענומען דערציילן וועגן זיינע ווילדע נסיעות, וועגן זיגרייכע מענזורעס און אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג אין די באַל־זאַלן, הגם ער איז נאָך קיינמאָל אויף קיין פערד נישט געריטן, קיינמאָל קיין שווערט פאַר די אויגן נישט געזען און קוים וואָס ער האָט געקענט אַ פּאָלקע טאַנצן.

וואָלף גאָנטראַם האָט אַריינגעפירט דעם גראַפס פערד אין שטאַל און דערנאָך געגאַנגען דורכן הויף אין פּאַלאַץ אַריין. ער פלעגט תמיד ברענגען איין רויז, קיינמאָל נישט מער ווי איינע, אַזוי האָט אים געלערנט דר. מאָהנען — אָבער די שענסטע, וואָס ער האָט באַר געפונען אין שטאָט.

אַלרויִנע האָט גענומען די רויז, און האָט אָנגעהויבן זי לאַנגזאַם צו ציפּן, יעדן אָוונט איז געווען דאָס זעלבע. זי האָט צונויפגעוויקלט די בלעטלעך, געמאַכט פון זיי בלעזלעך און זיי צעקלאַפּט מיט אַ קליינעם קנאַל אָן זיין שטערן, באַקן. דאָס איז געווען אַ צייכן פון חסד, וואָס זי האָט אים אַרויסגעוויזן.

ער האָט מער נישט פאַרלאַנגט. ער האָט געחלומט — אָבער אין קיין שום פאַרלאַנגען האָבן זיך נישט אויסגעדריקט זיינע חלומות. זיי האָבן אַרומגעוואַנדלט אין דער לופט, אָנגעפילט די אַלטע צימערן, ווי אומקלאָרע בענקשאַפטן.

ווי אַ שאָטן איז וואָלף גאָנטראַם נאָכגעגאַנגען דעם דאָזיקן אויסטערלישן באַשעפעניש, וועלכעס ער האָט געליבט.

זי האָט אים גערופן וועלפל, פּונקט אַזוי ווי אַמאָל, ווען זי איז געווען אַ קינד.

— ווייל דו ביסט אַזאַ גרויסער הונד — האָט זי דערקלערט, — אַזאַ גוטע נאַרישע טרייע חיה, אַ שוואַרצע קודלאַטע און זייער שיינע, מיט טיפע, טרייע, פרעגנדיקע אויגן. דעריבער ווייל דו קענסט צו עפּעס אַנדערש נישט טויגן, ווי נאָר עמעצן נאָכלויפן און אַ בייטעלע נאָכטראָגן.

און זי האָט זיך אים געהייסן לייגן פאַר איר שטול אויף דער ערד און האָט לייכט אָנגעשפּאַרט אירע פיסלעך אויף זיין ברוסט. זי האָט אים געגלעט איבערן פּנים מיט אירע קליינע לעטשלעך פון היריש-לעדער. דערנאָך האָט זי זיי אַראָפּגעוואָרפן, אַריינגערוקט די שפּיץ פינגער צווישן זיינע ליפּן.

— קוש, קוש! — האָט זי געלאַכט.

און ער האָט אַרומגעקושט דעם דינעם, זיידענעם זאָק. אין וועלכן ס'איז געווען איינגעהילט איר פוס.

*
*

דער געהיימראַט האָט געקוקט קרום און מיט אַ זויערן שמייכל אויפן יונגן גאַנטראַם. ער אַליין איז געווען אַזוי מיאוס, פּונקט ווי דאָס דאָזיקע ייִנגל איז געווען אַזוי שיין — ער האָט וועגן דעם גוט געוווּסט. ער האָט נישט קיין מורא געהאַט, אַז אַל-רוינע זאָל זיך אין אים פאַרליבן, נאָר ס'איז נישט געווען באַקוועם זיין כּסדרדיקע אַנוועזנהייט.

— ער דאַרף נישט יעדן אָוונט אַרויסקומען אַהער, — האָט ער געברומט.

— יאָ! — האָט געענטפערט אלרוינע — און וועלפל איז געקומען.

דערויף האָט דער פּראָפעסאָר געטראַכט:

— זאָל זיין אַזוי! — שלינג נאָר איין דעם האָקן, מיין ייִנגל.

און אַזוי איז געווען: אַלרוינע איז געווען די האַרנטע אין באַזיץ פון די ברינקענס, זי איז עס געווען פון ערשטן טאָג, זינט זי איז געקומען פון דעם פּענסיאָן. זי איז געווען די האַרנטע און דאָך איז זי געבליבן פרעמד; זי איז פאַרבליבן אַן אינטרוז, אַ באַשעפעניש, וואָס איז נישט געווען צונויפגעוואַקסן מיט דער דאָ-זיקער אַלטער ערד, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינ-זאַמס מיט דעם, וואָס האָט דאָ געאָטעמט און וואָרצלען געשלאָגן. די דינערשאַפט און די מיידלעך, דער קוטשער און גערטנער האָבן זי נאָר גערופן פריילין און אַזוי האָבן אויך געזאָגט די מענטשן פון דאָרף. זיי פלעגן זאָגן:

— דאָרט גייט די פריילין, — און האָבן עס געזאָגט אַזוי

גלייך זיי וואָלטן געדעדט וועגן עמעצן, וואָס איז געקומען צו גאַסט. דאַקעגן וואָלף גאַנטראַמען פלעגן זיי רופן:

— דער יונגער הער.

דער קלוגער געהיימראַט האָט דאָס באַמערקט און ס'איז אים דאָס געפעלן געוואָרן.

— מענטשן פילן — אַז זי איז עפּעס אַנדערש, — האָט ער געשריבן אין לעדערנעם בוך, — און חיות פילן דאָס אויך.

חיות — הינט און פערד. דער שלאַנקער באָק, וועלכער איז אַרומגעלאָפן אין גאָרטן, אַפילו די קליינע וועווערקעס, וועלכע האָבן אַרומגעשווימבלט איבער די שפּיצן פון די ביימער, וואָלף גאַנטראַם איז געווען זייער פריינט, זיי פלעגן אויפהייבן די קעפּ, צוגיין צו אים, ווען ער האָט זיך דערנעענטערט. אָבער זיי זענען שנעל אַנטרונען געוואָרן, ווען זיי פלעגן דערזען די פריילין.

— נאָר אויף מענטשן שפּרייט זיך אויס איר השפּעה — האָט געטראַכט דער פּראָפעסאָר — די חיות זענען אומפּילבאַר לגבי איר — און ער האָט אַריינגערעכנט די פויערן און דינער-שאַפט אומבאַדינגט צו די חיות.

— זיי האָבן דעם זעלבן געזונטן אינסטינקט — האָט ער גע-טראַכט — די זעלבע אינסטינקטיווע אָפּנייגונג, וועלכע איז האַלב מורא, זי דאַרף זיין צופרידן, וואָס זי איז געקומען איצט אויף דער וועלט און נישט מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר צוריק! אין משך פון אַ חודש וואָלט זי שוין געווען פאַרשריגן אין דאָרף לענדע-ניך פאַר אַ מכשפה, און דער בישאָף וואָלט געהאַט אַ גוט גע-בראָטנס —

דער דאָזיקער עקל פון מענטשן און חיות צו אַלרוינען האָט אימפּאָנירט דעם אַלטן פּונקט אַזויפיל, וויפיל דער כּישוף, וועלכן זי פלעגט אויסאיבן אויף די העכער-געבוירענע, ער האָט תּמיד

געשטעלט זיינע ביישפּילן פון אַזאַ צונייגונג און אַזאַ שנאה, הגם זי האָט אין ביידע פאַלן אויך געפונען אויסנאַמען.

צווישן די נאָטיצן פון געהיימראַט דרינגט מיט זיכערקייט אַרויס, אַז ער איז כסדר געווען איבערצייגט אין דער פאַרהאַנענקייט פון געוויסע מאָמענטן בײַ אלרוינען, וועלכע האָבן אויסגעווירקט אַ שאַרף באַשטימטן איינפלוס אויף איר סביבה. און מהאי טעמא פלעגט דער פּראָפעסאָר זיך באַמיִען דאָס אַלץ צונויפזוכן און לייגן דעם גרעסטן אַקצענט אויף דעם, וואָס האָט אים אויסגעוויזן זיין היפּאָטעז צו שטיצן. וואָס אַן אמת, איז אויף אַזאַ אופן די געשיכטע פון אַלרוינען, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך איר באַשעפער, נישט געווען אַזוי פיל אַ באַריכט דערפון, וואָס זי האָט געטון, ווי גיכער אַן איבערשרייבונג פון דעם, וואָס אַנדערע האָבן — אונטער איר איינפלוס — געטון: ערשט אין די האַנדלונגען פון די מענטשן, מיט וועמען זי איז זיך צונויפגעקומען, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון דעם וועזן אַלרוינע. ער האָט זי געזען, ווי אַ פאַנטאָם, ווי עפּעס אַ רוחותדיקע זאַך, וועלכע וואַרפט רעפלעקסן אין אולטראַ־פיאָלעטע שטראַלן, און פאַרקערפּערט זיך ערשט אין אַ געוויסער געשעעניש, וואָס ליגט אויסער איר. ער האָט זיך אַזוי אַריינגעלאָזט אין דאָזיקן געדאַנק, אַז ער האָט נישט געגלייבט, אַז זי זאָל איבערהויפּט זיין אַ מענטש. ער פלעגט זי מער האַלטן פאַר אַן אויסגעטראַכטע זאַך, וועמען ער האָט קערפּער און פאָרם געגעבן — אַלס אַ בלוט־לײַדיקע ליאַלקע, וועמען ער האָט אַ מאַסקע אויסגעבאָרגט. דאָס האָט אים געחנפעט זיין אַלטע פוסטקייט: אַז ער איז דאָך פאָרט געווען די אייגנטלעכע סיבה דערפון, וואָס ס׳איז דורך אַלרוניען געשען.

און אַזוי אַרום האָט ער מיט יעדן טאָג געפּוצט זיין ליאַלקע, פאַרביקער און שענער ער האָט איר דערלויבט צו זיין די האַרנטע און האָט זיך נישט ווייניקער, ווי אַנדערע, אונטערגעגעבן

אירע קאַפּריזן און ווונטשן. נאָר מיטן דאָזיקן אונטערשיד, וואָס ער האָט געגלייבט, אַז ער האָט תמיד דאָס שפּילעכל אין די הענט און איז געווען איבערציייגט, אַז ס'איז סוף כל סוף נאָר זיין אייגענער ווילן, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט דורך דעם מעדיום אַל־רוינע.

סוף פון ערשטן בוך.

צווייטער טייל

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

וואָס רעדט דערפֿון, ווער ס'זענען געווען אַלרוינעס ליבהאָבער און ווי ס'איז זיי דערגאַנגען.

דאָס זענען געווען די פֿינף מענער, וועלכע האָבן געליבט אַלרוינען טען ברינקען: קאַרל מאָנען, האַנס גראַלדינגען, וואָלף גאָנטראַם, יאַקוב טען ברינקען און ראַספּע, דער שאָפֿער.

פֿון זיי אַלע רעדט דעם געהיימראַטס ברוינער לעדער־בוך, און פֿון זיי אַלע מוז מען דערציילן אין דער דאָזיקער געשיכטע פֿון אַלרוינען.

ראַספּע, מאַטיע־מאַריע ראַספּע איז געקומען צופֿאַרן מיט זײַן אָפּעל־אויטאָ, וועלכן ס'האָט איר געשאָנקען די פֿירשטין וואָלקאָנסקי צום זיבעצנטן געבורטסטאָג. ער האָט געהאַט געדינט בײַ די הוזאַרן און געמוזט צוהעלפֿן דעם אַלטן קוטשער בײַ די פֿערד. ער איז געווען אַ באַווײַבטער און געהאַט צוויי קליינע קינדער: ליזבעט, זײַן פֿרוי, האָט איבערגענומען די וועשערײַ אין הויז פֿון טען ברינקען. זיי האָבן געוווינט אין קליינעם הײַזל, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער ביבליאָטעק, האַרט בײַם אײַזערנעם אײַנגאַנגס־טויער אין הויף.

מאַטיע איז געווען אַ בלאָנדער, גרויס און שטאַרק. ער האָט פאַרשטאַנען זיין אַרבעט מיטן קאָפּ, ווי מיט די הענט, און די פערד האָבן געהאַרכט זיינע מוסקולן, פּונקט ווי די מאַשין האָט עס אויך געטון. גאַנץ פרי פלעגט ער אָנזאָטלען די אירלענדישע קלאַטשע פון זיין הארבטע, אוועקשטעלן זיך אין הויף און וואַרטן.

לאַנגזאַם איז די פריילין אַראָפּגעגאַנגען איבער די שטיינערנע טרעפ פון פּאַלאַץ. זי איז געקומען אַלס יינגל, אין געלע, לעדערנע קאַמאַשן און אין אַ גרויען רייטער-אַנצוג; דאָס קליינע היטעלע איבער די קורצע לאָקן. זי פלעגט נישט אַריין אין די רייט-אייזנס, נאָר הייסן אים אונטערהאַלטן די הענט, אַריינטרעטן און בלייבן דאָרט אַ קורצע ווײַלע, איידער זי האָט אַ קלאַפּ געטון די חיה מיט דער שאַרפער בייטש, אַז זי האָט אַזש אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָפן דורכן אָפענעם טויער. מאַטיע-מאַריע האָט געהאַט גענוג צרות אַרויפצוקריכן אויפן שווערן קאַשטאַן און אים נאָכצואיילן אויף זיין וואַלאַך.

די ברוינע ליזבעט האָט צוגעשלאָסן דאָס טויער הינטער זיי. זי האָט צונויפגעפּרעסט די ליפּן און זיי נאָכגעקוקט — איר מאַן, וועמען זי האָט געליבט און דער פריילין טען ברינקען, וועלכע זי געהאַסט.

ערגעץ אויף די לאָנקעס פלעגט זיך די פריילין אָפּשטעלן. זי האָט זיך אויסגעדרייט און געלאָזט אים אונטערקומען.

— וווהין רייטן מיר היינט, מאַטיע-מאַריע? — האָט זי געפרעגט.

און ער האָט געזאָגט:

— וווהין די פריילין באַפעלט.

דאַן האָט זי געגעבן אַ ריס די קליאַטשע און ווייטער גאַלאָפּירט.

— האָפּ, געלי! — האָט זי גערופן.

ראספּע האָט פיינט געהאַט דעם דאָזיקן מאָרגן־שפּאַציר־פּונקט אַזוי ווי זיין פרוי. עס האָט אויסגעזען, ווי די פּריילין וואָלט אַליין געריטן, גלייך ער וואָלט נאָר געוועזן לופט אָדער אַ שטיקל לאַנדשאַפט, אָדער ווי ער וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט פאַר זיין האַרין, דאַמאָלס אָבער, בשעת זי פלעגט זיך זאָרגן וועגן אים, האָט ער נאָך מער אומאָנגענעמס דערשפּירט. ווייל עס איז זיכער געווען, אַז זי האָט ווידער פאַרלאַנגט פון אים עפּעס אויסטערלישס.

זי איז געבליבן שטיין באַם רהיין, געוואַרט רויק, ביז ער וועט צוקומען נאָנט צו איר זייט. ער האָט געהאַט גענוג פאַמעלעך געריטן; ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט געהאַט עפּעס אַ נייעם קאַפּריז, און ער האָט געהאָפט, אַז זי וועט דערווייל אָן דעם פאַרגעסן. אָבער זי פלעגט נישט פאַרגעסן קיין קאַפּריז.

— מאַטיע־מאַריא — האָט זי געזאָגט, — לאָמיר אַריבערשווימען!

ער האָט זיך געפּרוּווט וויערן, הגם ער האָט פאָרויס געוווּסט, אַז ס'וועט גאָרנישט העלפן.

דער אָפּהאַנג אַנטקעגן איז צופיל משופּהדיק, כדי צו קענען אַרויפשטייגן. אויך איז דאָ גראָד דער שטראָם אַזוי רייסנדיק און —

ער איז געווען בייז. אַלץ וואָס זיין האַרינטע טוט, איז בערען אַזוי צוועקלאָז. פאַרוואָס דאַרף מען דווקא דורכן רהיין רייטן? מ'וועט ווערן נאַס און פאַרפרוירן, מ'קען שיין נחת האָבן, צוריקקומענדיק פון דאָרט, מיט אַ קאַטאַר, מען ריזיקירט דערביי דערטרינקען צו ווערן — איבער גאָרנישט מיט גאָרנישט. און ער האָט זיך פעסט באַשלאָסן דאָ צו בלייבן — זי קען דאָך אירע נאַרישקייטן אַליין מאַכן. וואָס איז עס אים אָנגעגאַנגען? ער האָט געהאַט אַ פרוי און קינדער —

און אזוי איז געבליבן דער באשל... פונדעסטוועגן האָט ער זיך דערנאָך דאָך געוואָרפן אין וואַסער אַר . דער שטראָם האָט אים ווייט פאַרטראָגן מיט זיין שווערן מעקלענבורגער פערד, מיט שווערער מי איז אים געלונגען צווישן די פעלזן דעם ברעג צו דערגרייכן. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט און געשאָלטן, געריטן אין שנעלן טרייב קעגן שטראָם צו זיין האַרין, זי האָט אים קוים אָנגעקוקט, מיט אַ קורצן שפּאָטישן בליק.

— נאַס געוואָרן, מאַטיע-מאַריע?

ער האָט געשוויגן, דערשלאָגן און אָנגעברוגזט. פאַרוואָס האָט זי אים גערופן באַם פאַרנאָמען? פאַרוואָס האָט זי אים געדוצט? ער, ראַספּע, איז געווען אַ שאָפער און נישט קיין פערד-קנעכט. זיין מוח האָט געפונען אַ טוץ גוטע תשובות, אָבער זיינע ליפּן האָבן עס נישט אַרויסגערעדט.

אָדער זיי זענען געריטן צום זאַמד, וווּ די הוזאַרן האָבן געמאַכט זייערע איבונגען. דאָס איז פאַר אים געווען נאָך פּאַטאַלער, פיל פון די אָפיצירן און אונטעראָפיציר{ן} האָבן אים געקענט נאָך פון דער צייט, ווען ער האָט געדינט אין רעגימענט. און דער וואַנסנדיקער וואַכמייסטער פון צווייטן שוואַדראָן האָט צו אים שפּאָטיש אַריבערגערופן:

— נו, ראַספּע, אפשר ווידער אַמאָל אַ ביסל מיטמאַכן?

— כאַפּט דער רוח די פאַרפלוכטע נקבה! — האָט געברומט ראַספּע, אָבער ער האָט דאָך איר נאָכגעלאָפירט, בשעת די פרייליין איז מיטגעריטן באַ דער זייט פון דער אַטאַקע.

דאַן איז געקומען גראַף געראַלדינגען אויף זיין ענגלישן פערד און געפלוידערט מיט דער פרייליין. ראַספּע האָט זיך צוריק-געהאַלטן, אָבער זי האָט גערעדט אַזוי הויך, אַז ער האָט געמוזט הערן:

— נו, גראַף, ווי געפעלט אייך מיין פּאָזש!

דער ריטמייסטער האָט געלאַכט: — פּרעכטיק, ס׳פּאַסט פּונקט פאַר דעם יונגן פּרינץ.

ראַספּע וואָלט אים פּעטש געגעבן און איבערהויפּט דער פריי־לין — און דעם וואַכמייסטער און דעם גאַנצן שוואַדראָן, וועלכער האָט פון אים חוזקדיק געשמייכלט, ער האָט זיך געשעמט און רויט געוואָרן ווי אַ שול־ייִנגל.

אָבער ערגער פלעגט זיין, ווען ער האָט נאָכמיטאָג געמוזט מיט איר פאָרן אין אויטאָ. ער איז געזעסן אויף זיין געזעס בײַ דער מאַשין און געגלאָצט צו דער טיר, אָפּגעזיפצט לייכטער, ווען ס׳איז עמעץ מיט איר אַרויסגעגאַנגען: דערשטיקט אין זיך אַ קללה, אויב זי איז אַרויסגעקומען. טיילמאָל פלעגט ער אונטערשטעלן דאָס ווייב, כדי געוואויר צו ווערן, אויב זי אַליין וויל פאָרן; דאַמאָלס פלעגט ער גיך אַרויסנעמען עטלעכע טיילן פון דער מאַשין, געלייגט זיך אויפן רוקן, געשמירט און געריייניקט, ער האָט זיך געמאַכט עפּעס פאַריכטן.

— מיר קענען היינט נישט פאָרן, פרייליין, — האָט ער גע־זאָגט. און ער האָט פון תענוג געשמייכלט, ווען זי איז אַרויס פון גאַראַזש.

טיילמאָל איז אים נישט געגאַנגען אַזוי לייכט. זי פלעגט בלייבן רויִק שטיין און וואַרטן. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי האָט גוט פאַרשטאַנען זיין שווינדל. אַזוי האָט ער צוגעפּגעזעצט, גאַנץ פאַמעלעך זיינע שרויפן.

— פאַרטיק? — האָט זי געפרעגט. און ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זעסטו, — האָט זי געזאָגט — עס גייט בעסער, ווען איך בין דערביי, מאַטיע־מאַריע.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון די דאָזיקע פּאַרטבנישן, ווען זיין אויטאָ איז ווידער געשטאַנען אונטערן דאַך און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם טיש, וואָס זיין פרוי האָט אים געגרייט, פלעגט ער טיילמאָל ציטערן. ער איז געווען בלאַס און זייגע אויגן האָבן שטאַר געקוקט. ליזבעט האָט אים נישט געפרעגט, זי האָט געוווּסט, וואָס דאָס איז.

— די פאַרשאָלטענע נקבה! — האָט ער געמורמלט.

זי האָט אים געבראַכט די בלאָנדע בלוי-אויגיקע קינדער, אָנגעטון אין פרישע, ווייסע נאַכט-העמדער און געזעצט אים צו איינס אויף יעדער קני. ערשט דאַמאָלס איז אים געוואָרן פרייליך און לייכט מיט די לאַכנדיקע קינדער.

און ווען די יינגלעך פלעגן שוין אין בעט ליגן און ער איז געזעסן איבדרויסן אויף דער שטיינערנער באַנק און גערייכערט זיין ציגאַר, אָדער ווען ער פלעגט זיך שלענדערן איבערן דאָרף, אָדער אין אַלטן גאָרטן פון די ברינקענס, דאַן פלעגט ער זיך מיט זיין פרוי איבערלייגן.

— דאָס וועט זיך גוט נישט ענדיקן — האָט ער געזאָגט. — זי טרייבט און טרייבט — קיין שום טעמפּאָ איז פאַר איר נישט גענוג שנעל, פּערצען פּראָטאָקאָלן אין דריי וואָכן ד

— דו דאַרפסט דאָך נישט צאָלן — האָט געזאָגט פרוי ליזבעט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט — אָבער איך בין פאַרשריבן אומעטום. די זשאַנדאַרמען נעמען גלייך זייער נאָטיץ-ביכל אַרויס, ווען זיי זעען נאָר דעם ווייסן אויטאָ און די: J. Z. 937 — ער האָט געלאַכט, — נו, וואָס שייך דעם נומער, זענען זיי זיך אויסנאַמס-ווייז נישט טועה! — מיר פאַרדינען אָרנטלעך אונדזערע פּראָטאָקאָלן!

ער איז שטיל געבליבן, אַרויסגענומען אַ שרויפן-שליסל פון

טאַש, און זיך געשפּילט דערמיט. זיין פרוי האָט אַרונטערגערוקט איר אָרעם אונטער זיינעם, אַראָפּגענומען אים דאָס היטל און אים אויפגעמאַכט די צעשויבערטע האָר.

— צי ווייסטו, אייגנטלעך, וואָס זי וויל? — האָט זי געפרעגט. זי האָט זיך באַמיט, אַז איר שטים זאָל קלינגען אומשולדיק און גלייכגילטיק.

ראַספּע האָט געמאַכט מיטן קאָפּ.

— ניין, מיין פרוי, דאָס ווייס איך נישט. זי איז עפּעס אַ משוגעת — דאָס איז עס. און זי האָט אַ פאַרפלוכטן אופן, אַז מען זאָל אַלץ טון, ווי זי וויל, ווען מ'זאָל זיך אפילו וויפיל ווערן אַנטקעגן דעם און קלאָר וויסן, אַז דאָס איז אַ פאַרברעכן. היינט —

— וואָס האָט זי היינט געטון? — האָט געפרעגט פרוי ליינבעט.

און ער האָט געזאָגט:

— אָ, — נישט מער ווי אַן אַנדערש מאָל. זי קען נישט פאַרטראָגן, אַז אַן אויטאָ זאָל פאָרויס פאַר איר פאָרן — זי מוז אים איבעריאָגן, אפילו ווען יענער זאָל זיין מיט דרייסיק פערדקראַפט מער ווי אונדזערער. „אויסמיידונג" רופט זי דאָס. „מייד אויס, זאָגט זי צו מיר און ווען איך קווענקל זיך, לייגט זי מיר לייכט די האַנט אויפן אָרעם, דעמאָלט טו איך אַ דריי, גלייך דעטייוול אַליין וואָלט די מאַשין געפירט.

ער האָט אָפּגעזיפצט, און אַראָפּגעשאַרט זיך דאָס ציגאַרנאַש פון די הויזן.

— תמיד זיצט זי לעבן מיר — האָט ער פאָרטגעזעצט, — און שוין דאָס, וואָס זי זיצט לעבן — האָט ער פאָרגעזעצט, — און שוין דאָס, וואָס זי זיצט לעבן מיר, מאַכט מיך אומרויק און נערוועז, איך טראַכט נאָר, וואָס פאַר אַ משוגעת זי וועט מיר דאָס מאָל באַפעלן. מנצח זיין שוועריגגען — דאָס איז איר גרעסטער

נחת -- פּאַרקענעס, קופּעס זאַמד און נאָך כּדומה זאַכן. צו אַלדע שוואַרצע יאָר, איך בין נישט קיין פּחדן — אָבער עס מוז דאָך עפּעס האָבן אַ תּכלית, אויב מ'שטעלט יעדן טאָג איין דאָס לעבן, — פּאָר נאָר — זאָגט זי מיר היינט, — ס'וועט גאָרנישט געשען! — זי איז גאַנץ רויק, ווען זי שפּרינגט אַריבער דעם שאָסיי-ראָוו אין אַ הונדערט קילאָמעטער-טעמפּאָ — אפשר איז טאַקע מעגלעך, אַז איר וועט גאָרנישט געשען! — אָבער איך וועל מיך דערהרגענען צום טויט. — מאָרגן אָדער איבערמאָרגן!

פרוי ליזבעט האָט געדריקט זיין האַנט.

— דו מוזסט פּרווון זי פּשוט נישט צו האָרכן, זאָג: ניין, אויב זי וויל עפּעס אַ נאַרישע זאַך! דו טאָרסט דיין לעבן נישט שטעלן אין סכּנה, — דאָס ביסטו אונדז שולדיק — מיר און די קינדער.

ער האָט זי אָנגעקוקט, שטיל און רויק.

— יאָ מיין פרוי, דאָס ווייס איך. אייך — און מיר אויך סוף כּל סוף. — אָבער זע, דאָס איז עס טאַקע: איך קען נישט דער פריילין זאָגן ניין. קיינער קען עס נישט. דו דאַרפסט זען, ווי ס'לויפט איר נאָך דער יונגער הער גאָנטראַם, אַזוי ווי אַ הינטל. ווי די אַלע איבעריקע זענען גליקלעך, אירע נאַרישע קאַפּריזן נאָכצוקומען! און קיינער פון אַלע מענטשן אין הויז קען נישט ליידן די פריילין — און דערביי טוט יעדער פּאָרט דאָס, וואָס זי וויל, וויפל עס זאָל נישט זיין נאַריש און אומזיניק.

— נישט אמת! — האָט געזאָגט פרוי ליזבעט. — פּרוטעס-היים, דער קוטשער, טוט דאָס כּלל נישט.

ער האָט אַ פייף געטון.

— פּרוטסהיים! דאָס ביסטו גערעכט. ער דרייט זיך אויס און גייט אַוועק, וויבאַלד ער דערזעט זי נאָר. אָבער ער איז שוין באַלד אַלט ניינציק יאָר און האָט שוין לאַנג קיין בלוט נישט מער.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

— קומט עס אַלזאָ — פון בלוט, מאַטיע, וואָס דו מוזסט טון איר ווילן.

ער האָט זי אויסגעמיטן, געזוכט מיט די אויגן אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער גענומען איר האַנט אי זי פויל אָנגעקוקט.

— יאָ, זעסטו, ליזבעט, איך ווייס אַליין נישט. כ'האָב שוין אָפט וועגן דעם נאָכגעטראַכט, וואָס דאָס איז אייגנטלעך, איך וואָלט זי געקענט דערווערגן, איך בין בייז אויף איר, ווען איך זע זי, און ווען זי איז נישטאָ, לויף איך אַרום פול מיט שרעק, אפשר וועט זי מיך לאָזן רופן — ער האָט געשפּיגן אויף דער ערד — צו אַלדע רוחות נאָכאַמאָל! — האָט ער גערופן — איך וואָלט געוואָלט פּטור ווערן פון דער דאָזיקער שטעלע! הלוואי וואָלט איך זי אײַנגאַנצן נישט געהאַט אָנגענומען!

זיי האָבן זיך געקושט, געדרייט זיך אַהין און אַהער, געוויגן יעדן „פּאַר" און יעדן „קעגן". און זיי זענען געקומען צום באַשלוס, אַז ער זאָל קינדיקן, פריִער אָבער זאָל ער זיך אַרומזען וועגן אַן אַנדערער שטעל און זאָל צוליב דעם גלייך צומאָרגנס גיין אין שטאָט אַריין.

אין יענער נאַכט איז פרוי ליזבעט געשלאָפן רויִק, צום ערשטן מאָל זינט עטלעכע חדשים לאַנג; מאַטיע-מאַריע איז אָבער כּלל נישט געשלאָפן.

ער האָט באַלד צומאָרגנס געבעטן אורלויב און געגאַנגען אין שטאָט אַריין צו דער פּאַרמיטלונגס-ביוראָ. ער האָט געהאַט גרויס הצלחה, דער אַגענט האָט אים גלייך מיטגענומען צום קאָמערצראַט סענעקען, וועלכער האָט געזוכט אַ שאָפער, און אים פּאַרגעשטעלט. ראַספּע איז געוואָרן אַנגאַזשירט, האָט געזאָלט באַקו-

מען אַ בעסערן געהאַלט, ווי ביז אַהער און דערצו ווייניקער אַר־בעט, ער האָט אויך מיט פערד נישט געוואָלט האָבן צו טון.

ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון הויז, האָט אים דער פאַר־מיטלער גראַטולירט. ראַספּע האָט געזאָגט:

— כ'דאַנק — ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געווען אַזוינס, פאַר וועלכן ער זאָל דאַרפן דאַנקען און, אַז ער וועט אויף די דאָזיקע שטעל נישט אָנקומען.

דאָך האָט ער זיך נישט געפרייט, דערזעענדיק, ווי זיין פרויס אויגן לייכטן גליקלעך אויף, ווען ער האָט דאָס דערציילט.

— אַלזאָ, אין פערצען טעג אַרום, — האָט ער געזאָגט — זאָל שוין די צייט וואָס גיכער אַריבער.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, — האָט זי פעסט געזאָגט — נישט ערשט אין פער־צען טעג אַרום — שוין מאָרגן! זיי מוזן דאָס גלויבן, דו מוזסט רעדן מיטן געהיימראַט.

— דאָס וועט גאָרנישט העלפן — האָט ער געענטפערט — ער וועט מיך אָפּשיקן צו דער פריילין — און —

פרוי ליזבעט האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט.

לאָז נאָר! — האָט זי באַשלאָסן. — איך וועל אַליין רעדן מיט דער פריילין.

זי האָט אים געלאָזט שטיין, געגאַנגען איבערן הויף אין פּאַ־לאַץ אַריין און געלאָזט זיך מעלדן, און בעת זי האָט אַזוי געוואַרט, האָט זי זיך געניט איבערגעקלערט, וואָס זי זאָל רעדן, כדי איר בקשה דורכצופירן, אַז ער זאָל באַלד צומאָרגנס קענען אַוועקגיין.

אָבער זי האָט גאָרנישט געדאַרפט רעדן, ווען די פריילין האָט געהערט, אַז ער וויל אַוועקגיין, אָן קינדיקונג, האָט זי קורץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז גוט.

פרוי לייזבעט איז צוריקגעלאָפן צו איר מאַן, האָט אים גע־נומען אַרומהאַלדזן און קושן.

— נאָך איין נאַכט נאָר — און דער בייזער חלום איז פאַר־ביי. און מען מוז גלייך פּאַקן — און ער זאָל טעלעפאָנירן צום קאָמענדאַנט, אַז שוין צומאָרגנס וועט ער אָנקומען אויף זיין שטעל. זי האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם אַלטן קופערט פון אונטערן בעט, איר שטאַרקע התלהבות האָט אים אויפגעהייטערט.

ער האָט אַרייַנגעשלעפּט זייַנע, מיט אייזן באַשלאָגענע קאַסטנס, אָפּגעקלאַפּט פון זיי דעם שטויב און איר געהאָלפן איינפּאַקן. ער האָט איר אַלץ דערלאַנגט, געלאָפן דערווייל אין דאָרף און באַ־שטעלט אַ וואָגן, וואָס זאָל אים אַוועקפירן זיין באַלעבאַטישקייט. און ער האָט געלאַכט און איז געווען צופרידן — צום ערשטן מאָל אין דאָזיקן הויז פון טען ברינקען.

דערנאָך ווען ער האָט אַראָפּגענומען די קאָך־טעפּ פון אויוון, איינגעוויקלט זיי אין צייטונגס־פּאַפּיר איז געקומען אַלויזי, דער דינער און האָט געמעלדעט:

— די פריילין וויל זיך דורכפאָרן.

ראַספּע האָט אויף אים אויסגעגלאָצט די אויגן און נישט גערעדט קיין וואָרט.

— פאָר נישט! — האָט גערופן זיין פרוי.

און ער האָט געזאָגט:

— מעלדעט דער פריילין, אַז איך וועל הייַנט מער נישט —

ער האָט נישט געענדיקט; אַלרוינע טען ברינקען איז גע־שטאַנען אין דער טיר.

זי האָט געזאָגט:

— מאַטיע־מאַריע, איך האָב דיך פון מאָרגן אָן באַפרייט. הייַנט וויל איך מיט דיר פאָרן.

זי איז באַלד אַוועקגעגאַנגען און נאָך איר איז געגאַנגען ראָספּע.

— פֿאַר נישט, — פֿאַר נישט! — האָט געשריגן פֿרוי ליזבעט. ער האָט עס גוט געהערט, אָבער ער האָט נישט געוווּסט, ווער עס האָט גערופֿן און פֿון וואַנען עס איז געקומען.

פֿרוי ליזבעט איז שווער אַראָפּגעזונקען אויף דער באַנק. זי האָט געהערט די טריט פֿון ביידן איבערן הויף, צו דעם גאַראַזש צו. זי האָט געהערט, ווי עס האָט זיך שטיל געעפֿנט דאָס אייזערנע טויער, געהערט ווי דער אויטאָ איז אַרויסגעפֿאָר, אויפֿן שאָסיי. און זי האָט נאָך געהערט פֿון ווייטנס אַ קורצן געשריי פֿון טראָמפּייטל.

דאָס איז געווען דער אָפּשידס-גרוס, וואָס איר מאַן פֿלעגט איר צורופֿן יעדעס מאָל, ווען ער איז אַרויסגעפֿאָרן איבערן דאָרף.

זי איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. זי האָט געוואַרט.

זי האָט געוואַרט, ביז מען האָט אים געבראַכט. פֿיר פּויערן האָבן אים געטראָגן אויף אַ מאַטראַץ. זיי האָבן אים אַנידערגעלייגט אין מיטן שטוב, צווישן די קעסטלעך און קוישן. האָבן אים אויסגעטון, געהאָלפֿן אים וואַשן, ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסן. אַ לאַנגן, ווייסן קערפּער, פֿול מיט בלוט, שטויב און שמוץ.

פֿרוי ליזבעט האָט געקניט לעבן אים שטום, אָן טרערן, דער אַלטער קוטשער איז געקומען, און אַריבערגענומען די שרייענדיקע יינגלעך. דערנאָך זענען אַוועקגעגאַנגען די פּויערן און ענדלעך אויך דער דאָקטאָר. זי האָט אים גאָרנישט געפֿרעגט, נישט מיט ווערטער און נישט מיט קיין בליקן. זי האָט געוווּסט דעם ענטפֿער, וואָס ער וועט געבן.

איינמאָל אינמיטן דער נאַכט, האָט זיך ראָספּע אויפֿגעוועקט

און אויפגעמאַכט די אויגן. ער האָט זי דערקענט און געבעטן אַ ביסל וואַסער. און זי האָט אים געגעבן צו טרינקען.

— עס איז דער סוף, — האָט ער שטיל געזאָגט.

זי האָט געפרעגט:

— ווי אַזוי איז דערצו געקומען?

ער האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ.

— כ'ווייס אַליין נישט. די פריילין האָט געזאָגט: „פאַר צו, מאַטיע-מאַריע", איך האָב נישט געוואָלט. דאַן האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיינע און כ'האָב זי געפילט דורך דער הענטשקע. און באַלד, בין איך געפאָרן ווייטער ווייס איך גאָרנישט.

ער האָט אַזוי שטיל גערעדט, אַז זי האָט געמוזט צולייגן איר אויער האַרט צו זיין מויל. און ווען ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זי שטיל געשעפטשעט:

— פאַר וואָס האָסטו דאָס געטון?

— ער האָט ווידער באַוועגט מיט די ליפּן.

— זיי מיר מוחל, ליזבעט! איך — האָב עס געמוזט טון. די פריילין —

זי האָט אים אָנגעקוקט און זיך דערשראָקן פאַרן גלאַנץ אין זיינע אויגן. און זי האָט אויסגערופן — און אַזוי פּלוצלינג איז געקומען דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס איר צונג האָט גערעדט, כמעט פריער, איידער איר מוח האָט עס דערטראַכט: —

— דו — דו ליבסט זי?

דאַן האָט ער קוים-קוים אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און האָט געמורמלט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— יאָ — יאָ! איך — בין געפאָרן — מיט איר.

דאָס איז געווען ס'לעצטע, וואָס ער האָט גערעדט. ער איז צוריק אַריינגעפאַלן אין טיפן אָנמאַכט און אַזוי געבליבן ליגן ביז

באַגינען. דערנאָך איז ער פּאַמעלעך אַנטשלאָפֿן געוואָרן מיט אַן אייביקן שלאָף.

פֿרוי ליזבעט איז אויפֿגעשטאַנען...

זי איז צוגעלאָפֿן צו דער טיר און איז געפֿאַלן דעם אַלטן פּרוויטסהיים אין די אָרעמס.

— מיין מאַן איז טויט, — האָט זי געזאָגט און דער קו־טשער האָט זיך באַלד איבערגעצלמט און געוואָלט אַריינגיין אין שטוב. אָבער זי האָט אים אָפּגעהאַלטן. — ווו איז די פֿריילין? — האָט זי זיך געפֿרעגט — לעבט זי? איז זי באַשעדיקט?

טיפֿער האָבן זיך איינגעגראָבן די קנייטשן אויף זיין אַלט פּנים.

— לעבט זי? אויב זי לעבט! דאָ שטייט זי דאָך, באַשע־דיקט? נישט אַמאָל קיין צייכן — נאָר אַ ביסל ברודיק איז זי גע־ווען! און ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ ציטערדיקער רעוומאַטישער האַנט אין הויף אַראָפּ.

דאָרט איז געשטאַנען די שלאַנקע פֿריילין אין איר מענער־אָנצוג. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם פֿוס, אַרויפֿגעקראָכן אויף די הענט פֿון אַ הוזאַר און אַריין אין זאָטל —

— זי האָט טעלעפֿאָנירט דעם ריטמייסטער — האָט געזאָגט דער קוטשער — אַז זי האָט נישט קיין רייט־קנעכט אויף היינט אינדערפֿרי. האָט דער גראַף זיין דינער אַרויסגעשיקט.

פֿרוי ליזבעט איז געלאָפֿן איבערן הויף:

— ער איז טויט, — האָט זי גערופֿן — מיין מאַן איז טויט.

אַלרוינע טען ברינקען האָט זיך אויסגעדרייט אין זאָטל, געשפּילט זיך לייכט מיט דער שפּיצרוט.

— טויט, — האָט זי פּאַמעלעך געזאָגט — טויט, ס׳איז באמת אַ שאָד —

זי האָט לייכט אַ קלאַפּ געטון דאָס פֿערד, און עס געפֿירט גלייך צום טויער צו.

— פריילין! — האָט געשריגן פרוי ליזבעט — פריילין, פריילין —

נאָר די פאַדקאָוועס האָבן אָנגעקלאַפּט אָן די אַלטע שטיינער, און פונקען האָבן פון אים אַרויסגעשפּריצט. און ווידער האָט זי, ווי תמיד, געזען דאָס פריילין אַלס ברוינגעלאָקט יינגל, רייטנדיק איבערן שאָסיי פרעך און מוטיק ווי אַ שטאָלצער פּרינץ. אָבער אַ בלויער קייזערלעכער הוזאַר איז איר נאָכגעריטן און נישט איר מאַן — מאַטיע מאַריע ראָספּע —

— פריילין! — האָט געשריגן איר ווילדער פּיין, — פריילין פריילין —

פרוי ליזבעט איז געלאָפן צום געהיימראַט. פאַרגיטערט פון דער גאַנצער פאַרצווייפלונג און שנאה. דער געהיימראַט האָט איר געלאָזט רויק רעדן, געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט איר ווייטיק און ער נעמט איר דאָס אַלץ נישט פאַריבל. ער איז אויך גרייט, נישט קוקנדיק אויף דער קינדיקונג פון זייער זייט, איר אויסצוצאָלן פאַר אַ פערטל יאָר די שכירות פון איר מאַן. אָבער זי דאַרף זיין פאַרשטענדיקער און איינזען, אַז ער אַליין טראָגט די שולד אין דעם גאַנצן באַדויערונגסווערטיקן אומגליק —

זי איז געלאָפן צו דער פּאָליציע; דאָ זענען זיי געווען גאַנץ ווייניק העפלעך. זי האָט עס געדאַרפט פאַרויסזען, האָבן זיי געטענהט און יעדער מענטש האָט געוווסט, אַז דער דאָזיקער ראָספּע איז געווען דער ווילדסטער פאַרער אין גאַנצן רהיינלאַנד. עס איז אַ גערעכטע שטראָף, און ס׳איז געווען איר חוב, אים באַצייטנס צו וואָרנען. איר מאַן אַליין, האָבן זיי געזאָגט, טראָגט די שולד, און זי דאַרף זיך שעמען, אַלץ אַרויפוואַרפן אויפן קאָפּ פון דער יינגער פריילין! איז זי דען געזעסן באַם רודער? נעכטן? אָבער איבערהויפּט?

און זי איז געלאָפן אין שטאָט אַריין צו איין אַדוואָקאַט, צו אַ צווייטן און אַ דריטן. אָבער דאָס זענען געווען ערלעכע לייט, און האָבן איר געזאָגט, אַז זיי װעלן נישט קענען פירן דעם דאָזיקן פּראָצעס, וויפיל זי זאָל געבן האַנט־געלט. אָ, גע־וויס, דאָס איז אַלץ מעגלעך און ס'לאָזט זיך פאַרשטיין. פאַר־וואָס דען נישט? אָבער צי האָט זי באַוויזן? ניין, קיין שום — אַלזאָ! זי דאַרף בלויז רויק אהיימפאָרן — דאָ איז גאָרנישט פאַר־האַן, וואָס צו מאַכן. ווען אפילו דאָס אַלץ וואָלט אַזוי געווען און ווען מ'וואָלט עס אַלץ געקענט אַליין באַווייזן — — טראָגט דאָך פאַרט איר מאַן די שולד. ווייל ער איז דאָך געווען אַ מאַן און אַ געשוּלטער און טיכטיקער שאָפער, אָבער די פריילין דאַקעגן איז נאָך אַן אומדערפאַרן און נישט דערוואַקסן באַשעפעניש.

זי איז אַהיימגעגאַנגען. זי האָט באַגראָבן איר מאַן אויפן קליינעם בית־עלמין, הינטער דער קירך. זי האָט אייגעפּאַקט אירע זאַכן און אַליין אַרויפגעלאָדן אויפן וואָגן. זי האָט גענומען דאָס געלט, וואָס ס'האָט איר געגעבן דער געהיימראַט, גענומען אירע יינגלעך און אַוועקגעגאַנגען.

אין איר ווױנונג האָט זיך אין אַ פאָר טעג שפּעטער אַריינ־געצויגן אַ פרישער שאָפער. דער איז געווען דיק און קליין און האָט אויך געטרונקען. די פריילין טען ברינקען האָט אים נישט פאַרטראָגן און איז מיט אים זעלטן אַליין אַרויסגעפאָרן. ער האָט נישט באַקומען קיין פּראָטאָקאָלן און מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ טיכטיקער מענטש און איז פיל בעסער, ווי דער ווילדער ראַספּע.

*

*   *

— נאַכט־פלעדערל! — האָט געזאָגט אַלרוינע טען ברינקען,

ווען וואָלף גאַנטראַם איז אין אָוונט אַרייַנגעקומען אין שטוב, ס׳האָבן געגליט די שיינע אויגן פונם יינגל.

— דו ביסט דאָס ליכט, — האָט ער געזאָגט.

און זי האָט געזאָגט.

— דו וועסט דיר די שיינע פליגעלעך פאַרברענען. דאַמאָלס וועסטו אַראָפּפאַלן צו דר׳ערד, און וועסט זיין אַ מיאוס ווערמל — היט דיך, וואָלף גאַנטראַם.

ער האָט זי אָנגעקוקט און געמאַכט מיטן קאָפּ.

— אָ, ניין, — האָט ער געזאָגט — ס׳איז גוט אַזוי.

און ער איז געפֿלויגן אַרום דעם ליכטל, יעדן גאַנצן אָוונט.

נאָך צוויי זעגען דאָ אַרומגעפלויגן און האָבן זיך אָפּגעזענגט די פליגל: קאַרל מאָהנען איז געווען איינער און דער אַנדערער איז געווען האַנס געראָלדינגגען.

דאָס, וואָס דר. מאָהנען פלעגט זיך פּוצן צו איר, איז געווען אַן ענין פון כבוד. אַ רייכער שידוך, האָט ער געטראַכט, סוף כּל־סוף, דאָס איז די רעכטע! — דאַן האָט זיך געלאָזט זיין שיפל מיט פונאַנדערגעשפּרייטע זעגלען.

אַ ביסל פאַרליבט איז ער געווען תּמיד אין יעדער פרוי. ס׳האָט זיך אַלזאָ איצט צעברענט זיין מוחל אונטער זיין גאָלן שאַרבן, געמאַכט אים נאַריש און געלאָזט פילן באַ דער דאָזיקער איינער דאָס, וואָס ער האָט געפילט באַ גאַנצע טוצן פרויען אין משך פון אַ סך יאָרן. און אַזוי ווי ער פלעגט תּמיד, האָט ער אויך איצט אַרויסגעלייגט פאַר דער דאָזיקער פאַרמנערין אַלץ, וואָס ער האָט אַליין געפילט; אַזוי האָט ער געטראַכט, אַז ער איז זייער שטאַרק באַגערט פון אַלרוינע טען ברינקען, הייס און מיטן גאַנצן האַרץ.

באַטאָג האָט ער דערציילט וואָלף גאַנטראַמען וועגן זיינע בייע דערקלערונגען, ס׳איז אים געווען גאַנץ ליב, וואָס דאָס יינגל

איז יעדן אָוונט אַרויסגעריטן קיין לענדעניך — ער האָט אים באַטראַכט אַלס זיין ליבעס-שליח און מיטגעשיקט דורך אים: פיל גרוסן, האַנט-קושן און קליינע מתנות.

נישט נאָר איין רויז — דאָס איז געווען פאַר אַ קאַוואַליר, ער איז אָבער געווען ליבהאָבער און געליבטער, ער האָט געמוזט מער שיקן: בלומען און שאָקאָלאַד, באָנבאָניערקעס, פעכערס, הונדערטער קלייניקייטן און שכאָכטערייען, דאָס ביסל געשמאַק, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט און וועלכעס ער האָט אויסגעלערנט זיין ליבלינג, האָט זיך מאָמענטאַל צעשמאָלצן אין די פלאַמען פון דער דאָזיקער ליבע.

אָפטמאָל פלעגט מיט אים מיטקומען דער ריטמייסטער. זיי זענען פון יאָרן-לאַנג געווען באַפריינדעט; ווי איצט וואָלף גאָנטראַם, אַזוי האָט זיך פריִער גראַף געראָלדינגען דערנערט פון דעם אוצר וויסן, וואָס דאָקטאָר מאָהנען האָט צונויפגעזאַמלט. ער האָט אים געגעבן מיט פולע הענט, זייענדיק גליקלעך, אַז עס קען איבערהויפּט זיין עפּעס אַ נוצן פון דער דאָזיקער גאַנצער קראָם. — אָפטמאָל פלעגן זיי אַרויסגיין אויף געיעג; דער דאָקטאָר פלעגט תמיד זיין דער, וואָס האָט געמאַכט די באַקאַנטשאַפט, און ערשט שפּעטער פאָרגעשטעלט זיין גרעפלעכן פריינט, מיט וועמען ער האָט זיך ליב געהאַט צו באַרימען. און זייער אָפט פלעגט דער הוזאַרן-אָפיציר כוף כל סוף אָפּרייסן די צייטיקע פרוכט, וועלכע דר. מאָהנען האָט אויסגעזוכט פאַר זיך. ווען ער האָט עס צום ערשטן מאָל געטון, האָט אים דאָס געוויסן געפייניקט. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר געמיין, געקווילט זיך עטלעכע טעג און ענדלעך אַליין מודה געווען פאַר זיין פריינט. ער האָט זיך פייערלעך פאַרטיידיקט: דאָס מיידל האָט אים געמאַכט אַזעלכע אַוואַנסן, האָט ער אַלזאָ אויסגענוצט די געלעגנהייט; ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז עס איז גוט.

האָט עס איז אַזוי געשען, ווייל, דאַכט זיך, אַז דאָס מיידל איז נישט געווען ווערט די ליבע פון זיין פריינט.

דר. מאָהנען האָט נישט געמאַכט דערפון קיין ווענז, ער האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אים גאַנץ גלייכגילטיק, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג. ער האָט ציטירט אַ ביישפּיל פון די מעיאַ-אינדיאַנער אין יוקאַטאַן, בײַ וועלכע מען זאָגט: „מיין פרוי איז אויך מיין חברס פרוי". נישט געקוקט דערויף, האָט געראַלדינגען דאָך באַמערקט, אַז זיין פריינט איז געווען געקרענקט, האָט ער אַלזאָ דאָס צווייטע מאָל שוין גאָרנישט גערעדט וועגן דעם, אויב עס האָט עפּעס אַ נייע באַקאַנטשאַפט פון דאָקטאָר אים דווקא אויסגעווײַלט.

אַזוי, איז מיט דער צייט נישט איין פרוי פון דר. מאָהנען געוואָרן אויך די פרוי פון שיינעם ריטמייסטער: אינגאַנצן ווי אין יוקאַטאַן, נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס ס'רוב זענען זיי פריער קיינמאָל נישט געווען די פרויען פון קאַרל מאָהנען.

ער איז געווען דער טרייבער, דער כיקארי, וואָס האָט די חיה דערשפּירט און צוגעטריבן — אָבער דער יעגער איז געווען האַנס געראַלדינגען. נאָר דער האָט געשוויגן, ער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ און האָט נישט געוואָלט פאַרווונדן דעם פריינטס געפילן, אַזוי פלעגט דער טרייבער נישט באַמערקן, ווען דער יעגער האָט געשאָסן און האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַרן זיגרייכסטן נימרוד באַם רהיין.

— און וואָס איז מיט עללי? — האָט געפרעגט דער ריטמייסטער.

— באַקומען דימיסיע! — האָט קאַרל מאָהנען מיט גרויס זשעסט דערקלערט:

ס'איז פּשוט אומגלייבלעך, ווי שנעל ער איז פּטור געוואָרן פון זיינע פלאַם-ליבעס. ווי נאָר ער האָט געפונען עפּעס אַ נייע. האָט ער באַלד פאַרענדיקט מיט דער אַלטער און האָט זיך שוין

סתם וועגן איר נישט געקומערט. און די מיידלעך פלעגן אים נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן. דערין איז ער, וואָס אַן אמת, געווען לייטישער, ווי דער הוזאַר — דעם לעצטן איז זייער שווער גע-וועז אָפּצורייסן זיך פון ז׳י פרויען, און די פרויען — נאָך שווע-רערע פון אים, מען האָט געדאַרפט האָבן די גאַנצע ענערגיע און באַרעדעוודיקייט פון דאָקטאָר, כדי אים ווידער מיטצושלעפּן צו עפּעס אַ נייער שיינהייט.

דאָס מאָל האָט ער געזאָגט:

— איר מוזט זי זען, ריטמייסטער! גאָט מיינער, ווי גליק-לעך איך בין, וואָס כ׳האָב זיך אַזוי גלאַטיק אַרויסגעדרייט פון די אַלע אוואַנטורעס. און נישט געבליבן אין ערגעץ שטעקן: איצט איז זי די רעכטע, וואָס איך האָב געזוכט, ענדלעך! אומגעוויינטלעך רייך, פּשוט אומדערהערט. — דער אַלטער עקסעלענץ האָט איבער דרייסיק מיליאָן — אפשר פּערציק, נו, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן דערויף, גראַף. און די שיינקייט פון זיין טעכטערל, פריש ווי אַ צעבליט צווייגל! איבעריקנס: צווישן אונדז זאָל בלייבן, דאָס פּיי-געלע האָט זיך שוין פאַרפּלאָנטערט אין דער נעץ — כ׳בין קיינ-מאָל נישט געווען אַזוי זיכער אין מיין זאַך!

— אַזוי — אָבער די פריילין קלאַראַ? — האָט דער ריט-מייסטער באַמערקט.

— שוין אָפּגעשאַפט! — האָט דערקלערט דער דאָקטאָר. — איך האָב גראָד היינט געשריבן צו איר, אַז עס טוט מיר זייער לייד, אָבער צוליב איבערלאַסטונג אין אַרבעט, האָב איך מער פאַר איר קיין צייט נישט.

געראָלדינגען האָט אָפּגעזיפצט. זי איז געווען אַ לערערין אין אַן ענגלישן פּענסיאָנאַט; דר. מאָהנען האָט זיך מיט איר באַקענט אויף אַ בירגערלעכן באַל און שפּעטער פאַרגעשטעלט פאַר זיין פריינט. פריילין קלאַראַ האָט געליבט דעם ריטמייסטער, און דער האָט גע-

האָפּס, אַז עס וועט אים פון איר באַפרייען דר. מאַהנען — אויב ער אַליין וועט מיט איר חתונה האָבן. ווייל פריער, צי שפּעטער מוז דאָס געשען! זיינע חובות האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן און ער מוז זיך סוף כּל סוף דערפון אַרויסדרייען.

— שרייבט אָן דאָס זעלבע! — האָט געראָטן קאַרל מאַהנען — גאָט מיינער — אויב איך האָב דאָס געטון, קענט איר עס דאָך אַזוי טון, אַלס בּלויזער פריינט! איר האָט אַ צו איידל געוויסן, שוין באמת אַ צו איידל געוויסן ער האָט געוואָלט אומבאַדינגט מיטנעמען דעם גראַף קיין לענדעניך, ער האָט אים געזאָגט דינען פאַר אַ דעקאָראַציע לגבי דער קליינער פריילין טען ברינקען. ער האָט אים לייכט געקלאַפּט אין דער פּלייצע: איר זענט סענטימענטאַל, גראַף, ווי אַ גימנאַזיסטל! איך פאַרלאַז אַ פרוי — און איר מאַכט א״ך אַ פורוואורף; תּמיד די אייגענע געשיכטע; אָבער באַקלערט אייך נאָר, ווען וואָס דאָ גייט: דאָס רייצנדסטע מיידל באַם גאַנצן רהיין — און דאָ קען מען זיך נישט קווענקלען!

דער ריטמייסטער איז געפאָרן מיט זיין פריינט. און האָט זיך פאַרליבּט נישט ווייניקער, ווי יענער אין דעם יונגן באַשעפעניש. וועלכעס איז געווען אַזוי אינגאַנצן אַנדערש פון דעם אַלעם, וואָס האָט אים ביז איצט געגעבן די רויטע ליפּן צו קושן.

ווען ער איז אין יענער נאַכט אַהיימגעקומען, האָט ער געהאַט דאָס זעלבע געפיל, ווי דאַמאָלס, פאַר צוואַנציק יאָר, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל די אויסגעווײלטע פון זיין פריינט פאַר זיך צוגענומען. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר געגוג אָפּגעבריט, נאָכן אַזוי אָפטן און דערפאָלגרייכן אָפּנאַרן דעם דאָקטאָר — נישט קוקנדיק דערויף, האָט ער זיך איצט געשעמט.

ווייל די דאָזיקע דאָרטן — די — איז געווען אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. און אינגאַנצן אַנדערע זענען געווען זיינע געפילן לגבי

דעם דאָזיקן האַלב-קינד, און אַנדערע זענען אויך געווען, האָט ער גוט באַמערקט די געפילן פון זיין פריינט.

איינס האָט אים באַרויִקט: פרײַלין טען ברינקען וועט דעם דאָקטאָר מאָהנען זיכער נישט אויפנעמען אַ סך ווייניקער, ווי עס וואָלט עס ווער פון די איבעריקע פרויען געטון. דאַקעגן, צי וועט זי אים יאָ וועלן, דעריין איז ער, וואָס אַן אמת, דאַסמאָל נישט געווען זיכער; לגבי דער דאָזיקער ליאַלקע האָט ער אינגאַנצן פאַרלוירן זיין איינגעבוירענע זיכערקייט.

וואָס שייך דעם יונגן גאַנטראַם, איז געווען קלאָר, אַז די פרײַלין האָט גערן געזען אַרום זיך דאָס ייִנגל, וואָס זי האָט אים געהאַלטן פאַר איר שיינעם פאַזש, ס'איז אָבער גלייכצייטיק געווען קלאָר, אַז ער איז פאַר אַלרוינען נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי נאָר אַן אונטערטעניק שפּילצייג. ניין, זיי ביידע זענען נישט געווען זיינע ריוואַלן, נישט דער געשיקטער דאָקטאָר, און נישט דאָס שיינע ייִנגל. דער ריטמייסטער האָט באַטראַכט זיינע שאַנסן צום ערשטן מאָל אין לעבן. ער האָט געשטאַמט פון גוטן, אַלטן אַדל און די קייזערלעכע הוזאַרן האָבן געשמט פאַרן בעסטן פולק אין מערב, ער איז געווען שלאַנק און גוט געבויט, ער האָט אויסגעזען גענוג יונג — נאָך אַלץ יונג, הגם ס'האָט געוואַרט אויף אים די ראַנגע פון מאַיאָר. ער איז געווען אין אַלע צווייגן פון דער קונסט אַ גוטער דילעטאַנט; כּדי צו זיין ערלעך, מוז מען מודה זיין, אַז ס'איז נישט אַזוי לייכט צי געפינען אַ פּרייסישן אָפיציר, וועלכער זאָל זיך מער מיט אַלץ אינטערעסירן און זיין מער געבילדעט, ווי ער. וואָס אַן אמת — איז אייגנטלעך נישט געווען קיין חידוש, אַז אַלע ווייבער און מיידלעך האָבן זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז — פאַרוואָס האָט אַלרוינע נישט געזאָלט דאָס זעלבע טון? זי וואָלט געדאַרפט לאַנג זוכן, איידער זי וואָלט געפונען עפּעס בעסערס דער נאָך, וואָס אַלס אַדאָפּטירטע טאָכטער פון עקסעלענץ, באַזיצט

זי נאָר דאָס, וואָס ער קען איר נישט פאַרלייגן, אין אַזאַ גרויסע שפּע: געלט! — און ער האָט געגלייבט, אַז זיי ביידע וואָלטן געווען אַ צוגעקליבענע פּאָר.

יעדן אָוונט איז וואָלף גאָנטראַם געווען אין הויז פון היילִיקן נעפּאָמוק, אָבער וויבּיקסטנס דריי מאָל אין דער וואָך האָט ער אַראָפּגעבראַכט דעם ריטמייסטער און דעם דאָקטאָר. דער געהיים־ראַט איז נאָכן אָוונט־ברויט אַוועק צו זיך אין שטוב, ער האָט זיך געוויזן בּאַ עפּעס אַ געלעגנהייט אויף אַ האַלבע שעה, ער האָט זיך צוגעהערט, אַ ביסל אָבסערווירט און אַרויסגעגאַנגען. און די דריי ליבהאָבער זענען געזעסן אַרום דער יונגער פריילין, געקוקט אויף איר און אַרויסגעוויזן זייער ליבע, יעדער אויף זיין שטייגער.

אַ שטיקל צייט איז עס געפעלן געוואָרן דעם קליינעם מיידל, אָבער דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן און ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס הייבט אָן צו ווערן אַ ביסל אייבטאָניק און אַז ס׳וואָלט געדאַרפט אַריינגעטראָגן ווערן אַ ביסל מער פאַרב אין די אָוונטלעכע זשאנר־בילדער אין לענדעניך.

— זיי וואָלטן געדאַרפט עפּעס טון, — האָט זי געזאָגט צו וואָלף גאָנטראַם.

— ווער דאַרף עפּעס טון? — האָט געפרעגט דאָס יונגל.

זי האָט אים אָנגעקוקט.

— ווער? די ביידע! דר. מאָהנען און דער גראַף.

— זאָג זיי נאָר, וואָס זיי האָבן צו טון, — האָט ער געענטפערט — און זיי ועלן עס זיכער טון.

אַלרוינע האָט געקוקט אויף אים.

— ווייס איך דען וואָס? — האָט זי פאַמעלעך געזאָגט — זיי דאַרפן ליין וויסן.

זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט און געקוקט ערגעץ פאַרטראַכט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט.

— צי וואָלט דאָס נישט געווען שיין, וועלפּל, ווען די דאָזיקע ביידע זאָלן זיך דועלירן? אַז ס׳זאָל דערשיסן — איינער דעם אַנדערן?

— פאַרוואָס זאָלן זיי זיך דערשיסן? — האָט באַמערקט וואָלף גאַנטראַם — זיי זענען דאָך די בעסטע גוטע־פריינט.

— וואָס פאַר אַ שוטה דו ביסט, וועלפּל! — האָט געזאָגט אַלרוינע — וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס, צי זיי זענען גוטע פריינט, אָדער נישט? — דאַרף מען זיי טאַקי צעשיידן.

— אָבער פאַרוואָס דען? — האָט ער געפרעגט — דאָס וואָלט דאָך געווען אינגאַנצן צוועקלאָז.

זי האָט זיך צעלאַכט. זי האָט אים אַרומגענומען זיין שוואַרצן קאָפּ און אים אַ קוש געטון אין סאַמע שפּיץ נאָז.

— ניין, וועלפּל, דאָס האָט נישט קיין שום ציל — אָבער צו וואָס דאַרף עס האָבן עפּעס אַנדערש, — ווילסטו מיר צוהעלפן?

ער האָט גאָרנישט געענטפערט. האָט זי אים נאָכאַמאָל אַ פרעג געטון:

— ווילסטו מיר צוהעלפן, וועלפּל?

ער האָט אַלזאָ מסכים געווען.

אין דאָזיקן אָוונט האָט זיך אַלרוינע באַראַטן מיטן יונגן גאַנטראַם, ווי אַזוי צו מאַכן, אַז מ׳זאָל די ביידע פריינט אַזוי קעגנזייטיק אָנהעצן, אַז ס׳זאָל איינער דעם אַנדערן אַרויסרופן אויף אַ דועל. אַלרוינע האָט אַרומגעטראַכט, געשפּינען פּלענער און געמאַכט איין פאַרשלאַג נאָכן אַנדערן: וואָלף גאַנטראַם האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זייענדיק כּסדר אין אַ לייכטער פאַרלעגנהייט, אַלרוינע האָט אים באַרויקט:

— זיי מוזן זיך נישט סוף כּל סוף קיין שלעכטס טון איינער דעם אַנדערן — בײַ דועלן פליסט געוויינטלעך גאַנץ ווייניק

בלוט אָפּ, דערנאָך מאַכט מען אויפסניי שלום: און דאָס שטאַרקט נאָך זייער פריינטשאַפט.

דאָס איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט צוגעהאָלפן עפּעס אויסטראַכטן.

ער האָט דערציילט וועגן די פאַרשידנסטע שוואַכקייטן פון די ביידע, אויף וואָס ס'איז פּילבאַר דער, און אויף וועלכן ווידער יענער און — אַזוי איז געוואַקסן זייער קליינער פּראָיעקט. דאָס איז כּלל נישט געווען קיין געשיקט צונויפגעשטעלטע אינטריגע, גיכער אַ צו קינדערישע און נאַיווע: נאָר צוויי מענטשן, וואָס זענען געווען אַזוי בלינד פאַרליבט, האָבן זיך געקענט שטרויכלען אין דער דאָזיקער אומגעשיקטער נעץ. עקסעלענץ טען ברינקען האָט עפּעס באַמערקט: ער האָט געוואָלט אויספאָרשן אַלרוינען, דערנאָך, ווען זי האָט געשוויגן, דעם יונגן גאַנטראַם.

און דאָ האָט ער זיך דערוווּסט אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, ער האָט געלאַכט און אים נאָך געגעבן עטלעכע שיינע אָנווייזונגען.

אָבער די פריינטשאַפט פון די ביידע איז געווען שטאַרקער, ווי אַלרוינע האָט געגלייבט: ס'האָט געדויערט מער פון פיר וואָכן, איידער ס'איז אַזוי גליקלעך געקומען דערצו, אַז דער דר. מאָהנען, וועלכער איז געווען אַזוי פעלזנפעסט איבערצייגט, אין זיין דערפאָלג, איז דאָך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָסמאָל וועט ער אפשר פאַרט זיין געצווּנגען אָפּצוטרעטן דעם ריטמייסטער דאָס אָרט. און יענער דאַקעגן האָט געגלייבט, אַז ס'איז נישט איינגאַנצן אויסגעשלאָסן, אַז דאָסמאָל וועט אויסנאַמסווייז דער דאָקטאָר אים טריומפירן.

מ'דאַרף זיך צונויפרעדן! — האָט ער געטראַכט און אַזוי האָט אויך געטראַכט קאַרל מאָהנען.

אָבער דער פרײלין טען ברענקען איז כסדר געלינגען צו שטערן די דאָזיקע פאַרשטענדיקונג, װעלכע יעדער פון זײ האָט געװאָלט.

זי האָט אײנגעלאַדן אין אַ געװיסן אָװנט דעם דאָקטאָר, און דעם ריטמײסטער נישט; דערנאָך װידער איז זי אַרױסגעריטן מיטן גראַף, און דעם דאָקטאָר האָט זי דערװײל געהײסן זיך אָפּװאַרטן אױף עפּעס אַ קאָנצערט אין גאָרטן. יעדער האָט זיך געהאַלטן פאַרן אױסדערװײלטן, אָבער יעדער האָט אױך געמוזט אָנערקענען, אַז איר פאַרהאַלטן זיך לגבי דעם ריװאַל איז אױך נישט אינגאַנצן גלײכגילטיק.

ענדלעך איז דער געהײמראַט אַלײן געװען דער בלאָזזאַק, װעלכער האָט די גליענדיקע פונקען פונאַנדערגעבלאָזן. ער האָט אײנמאָל גענומען דעם שעף פון זײן ביוראָ אױף אַ באַזונדערן שמועס. ער האָט מיט אים לאַנג גערעדט װעגן דעם, װי צופרידן ער איז פון זײן טעטיקײט, און, אַז ער װאָלט כּלל נישט געהאַט אַנטקעגן דעם, אַז ס'זאָל װער, װאָס איז אַזױ באַהאַװנט אין זײנע געשעפטן, װערן אַמאָל זײן נאָכפאָלגער. װאָס אַן אמת, װאָלט ער קײנמאָל נישט אױסגעאיבט קײן דרוק אױפן אױסװאַל פון זײן קינד; אָבער ער מוז אים װאָרענען; ס'איז דאָ עמעץ, װעמענס נאָמען ער װיל נישט אָנרופן, װעלכער באַקעמפט אים מיט אַלע מיטלען, ער פאַרשפרײט בעמלעך די פאַרשידנסטע מעשיות װעגן זײן לײכטן לעבן און רױמט עס אײן דער פרײלין אין אױער. אינגאַנצן דעם זעלבן שמועס האָט ער דערנאָך געהאַט מיטן ריטמײסטער, נאָר װאָס דאָ האָט ער צוגעגעבן, אַז ער װאָלט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז זײן קלײן טעכטערל זאָל אַרײנקומען דורך איר חתונה אין אַזאַ אַלטער, אײדעלער משפחה, װי די פאַמיליע גראַלדינגען.

עטלעכע װאָכן דערנאָך האָבן די בײדע ריװאַלן אױסגעמיטן

וועלכע ס'איז באַגעגעניש, זיי האָבן אָבער דערפאַר פאַרטאָפּלט זייער אויפמערקזאַמקייט לגבי אַלרוינען: איבערהויפּט דער דר. מאָהנען, וועלכער האָט צוגעטראָפן איר קלענסטן ווונטש. ווען ער האָט דערהערט, אַז זי האָט געחלומט וועגן אַ שיינעם האַלדזבאַנד פון זיבן שנירעלעך פּערל, וואָס זי האָט אין קעלן געזען בײַ אַ גאָלדשמיד אויף דער שילדער־גאַס, איז ער תיכּף דאָרט אַהינגעפאָרן און עס אָפּגעקויפט. און ווען ער האָט באַמערקט, אַז די פרײַלין איז מיט זיין מתנה באמת געווען אַ מינוט אַנטציקט, האָט ער געגלייבט, אַז ער האָט איצט געפונען אַ זיכערן וועג צו איר האַרץ און האָט זי אָנגעהויבן צו באַשיטן מיט די שענסטע און טײַערסטע שטיינער. וואָס אַן אמת, האָט ער געמוזט צו דעם צוועק אין דער קאַסע פון טען ברינקען אַ ביסל אַ קראַץ טון, אָבער ער איז געווען אַזוי זיכער אין זיין זאַך, אַז ער האָט עס געטון מיט אַ לײַכט האַרץ און האָט די דאָזיקע קליינע, נויטווענדיקע הלוואה, באַטראַכט פאַר אַ געזעצלעכער הילף, וואָס ער וועט דעם געשעפט באַלד אומקערן, ווי נאָר ער וועט דערהאַלטן דעם מיליאָנען־נדן פון שווער. דער עקסעלענץ, איז ער געווען זיכער, וועט נאָר שמייכלען פון דער דאָזיקער קליינער שטיפעריי.

דער עקסעלענץ האָט געלאַכט — אָבער אַ ביסל אַנדערש, ווי דער דאָקטאָר האָט געמיינט. נאָך אין זעלביקן טאָג, ווען אַלרוינע האָט דערהאַלטן דעם האַלדזבאַנד פון פּערל, איז ער געפאָרן אין שטאָט אַרײַן און פעסטגעשטעלט פונוואַנען דער קאָנקורענט האָט גענומען די מיטלען אויף דער דאָזיקער רײַכער מתנה. אָבער ער האָט נישט איבערגעחזרט קיין וואָרט.

גראַף געראָלדינגען האָט נישט געקענט שענקען קיין פּערל. ער האָט נישט געהאַט קיין קאַסע, וועלכע ער זאָל קענען באַרויבן און קיין שום גאָלדשמיד וואָלט אים אויף קרעדיט נישט געגעבן, דערפאַר אָבער פלעגט ער לכבוד דער פרײַלין שרײַבן

סאָגעטן, וועלכע זענען, דעם אמת זאָגנדיק, געווען גאַנץ שיין. ער האָט זי געמאָלט אין אַ מעגער קאָסטיום און האָט איר געשפּילט אויף דער פידל, אָנשטאָט בעטהאָווענען, וועלכן ער האָט ליב גע-האַט, אָפּענבאַכן, וועמען זי האָט ליב געהאַט.

ענדלעך איז אין געבורטס-טאָג פון געהיימראַט, אויף וועלכן ס'זענען אַלע געווען געלאַדן, געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס. די פריילין האָט געבעטן בסוד יעדן איינציקן פון זיי, אַז ער זאָל זי צופירן צום טיש. און ווען דער דינער האָט געבעטן אויף קאָ-לאַציע, זענען ביידע צו איר מיטאַמאָל צוגעקומען, יעדער פון זיי האָט געהאַלטן דאָס אָנוואַרפן זיך פון צווייטן פאַר נישט טאַק-טיש און עזותדיק. און יעדער פון זיי האָט געוואָלט דעם צווייטן עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ האַלבן זאַץ.

אַלרוינע האָט אַ ווינק געטון צו וואָלף גאָנטראַמען.

— היות, ווי די הערן קענען זיך נישט אויסגלייכן — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, און אָנגענומען זיין אָרעם.

תּחילת איז באַם טיש געווען זייער שטיל און דער געהיימ-ראַט האָט געמוזט אָנהייבן דעם שמועס. איגגיכן אָבער האָבן זיך ביידע ליבהאָבערס צעהיצט און גענומען טרינקען פאַרן געזונט פון בעל שמחה און זיין רייצנדיק טעכטערל. קאַרל מאַהנען האָט גע-האַלטן אַ טאָאַסט און די פריילין האָט אים צוגעוואָרפן עטלעכע בליקן, פון וועלכע ס'האָט דעם ריטמייסטער דאָס בלוט אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין. שפּעטער באַם דעסערט, האָט זי איר הענטל לייכט אָנגעשפּאַרט אויפן אָרעם פון גראַף — אַ רגע נאָר, אָבער דאָס איז געווען, אַז דעם דאָקטאָרס קיילעכדיקע פיש-אויגן זאָלן פאַרשטאַרט ווערן.

ווען מ'איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט זי זיך געלאָזט פון ביידע פירן און האָט מיט ביידע געטאַנצט. און בעת דעם וואַלץ האָט זי געזאָגט יעדן באַזונדער:

— אַך — דאָס איז געווען זייער געמיין מצד אייער פריינט! — דאָס דאַרפט איר באמת נישט שענקען.

דער גראַף האָט געענטפערט:

— באמת, אַז נישט!

און דער דר. מאַהנען האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ אַריין און דערקלערט:

— איר קענט זיך שוין זיכער אויף מיר פאַרלאָזן.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך דאָס דאָזיקע קליינע מיספאַר־שטענדעניש אויסגעוויזן דעם הוזאַר ניט ווייניקער קינדיש, ווי דעם דאָקטאָר — אָבער ביידע האָבן געהאַט עפּעס אַן אומבאַ־שטימט געפיל, ווי זיי וואָלטן עפּעס געהאַט צוגעזאָגט דער פריי־לין טען ברינקען —

— כ'וועל אים אַרויסרופן אויף פּיסטאָלעטן, — האָט זיך געטראַכט קאַרל מאַהנען, אָבער ער האָט גלייכצייטיק גערעכנט, אַז דאָס וועט זיין אַן איבעריקע זאַך. פונדעסטוועגן האָט דער ריטמייסטער געשיקט צו זיין פריינט אויף יעדן פאַל צוויי חברים — זאָל דערנאָך דאָס ערן־געריכט טון דערמיט, וואָס עס וועט וועלן.

דר. מאַהנען האָט דערנאָך פאַרהאַנדלט מיט די סעקונדאַנטן און זיי דערקלערט, אַז דער גראַף איז זיין נאָנטסטער פריינט און אַז ער וויל אים כּלל נישט נעמען פאַריבל. דער גראַף דאַרף אים נאָר איבערבעטן און אַלץ וועט צוריק גוט ווערן — און ער האָט זיי נאָך פאַרטרויליך געזאָגט, אַז באַלד נאָך דער חתונה וועט ער אָפּצאָלן אַלע חובות פון זיין פריינט. אָבער ביידע אָפיצירן האָבן דערקלערט, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע זייער שיין, אָבער דאָס גייט זיי לגמרי נישט אָן. דער ריטמייסטער האָט זיך באַליידיקט און פאַרלאַנגט סאַטיספאַקציע — זיי האָבן דעם אויפטראָג אָנצופרעגן, צי ער איז אויך אַזוי פיל ערנהאַפטיק די דאָזיקע אַרויספאָדערונג

אַנצוגעמען. דריימאָליקער קוילן־אויסטויש — אויף אַ מרחק פון פופצען טריט.

דר. מאַהנען האָט זיך איבערגעשראָקן:

— דריימאָליקער קוילן־אויסטויש — האָט ער געקרעכצט.

דערויף האָט זיך צעלאַכט דער הוזאַרן־אָפיציר.

— באַרויקט אייך, הער דאָקטאָר! — דאָס ערן־געריכט וועט קיינמאָל אין לעבן נישט צולאָזן צו אַזאַ אַרויספאָדערונג פאַר אַזאַ שטותעריי — דאָס זענען נאָר פאָרמאַליטעטן.

דר. מאַהנען האָט עס פאַרשטאַנען: ער האָט זיך פאַרלאָזן אויפן געזונטן פאַרשטאַנד פון ערן־ריכטער און אָנגענומען די אַרויספאָדערונג.

ער האָט געטון נאָך מער. ער איז גלייך אַוועקגעלאָפן אין פאַריין „סאַקסאָניאַ", געבעטן הילף און געשיקט פון זיין זייט צוויי סטודענטן צום ריטמייסטער, און כדי איבערצושטייגן די אַרויספאָדערונג, האָט ער פאַרלאַנגט אַ פינפמאָליקן קוילן־אויסטויש אויף אַ מרחק פון צען טריט. דאָס וועט זייער שיין זיין — און וועט זיכער דער קלייגער פריילין אימפּאָנירן.

דאָס ערן־געריכט, וועלכעס איז באַשטאַנען פון אָפיצירן און סטודענטן פון פאַריין, איז געווען גאַנץ מיושבדיק: זיי האָבן באַשטימט אַן איינמאָליקן קוילן־אויסטויש אויף צוואַנציק טריט. אויף אַזאַ אופן קענען זיי שוין איינער דעם אַנדערן קיין גרויסע עוולה נישט טון און זייער כבוד וועט בלייבן אומבאַפלעקט.

האַנס גערהאַרדינגען האָט געשמייכלט, ווען ער האָט געהערט דעם דאָזיקן אורטייל און זיך פאַרנייגט מיט אָנערקענונג, אָבער דר. מאַהנען איז בלאַס געוואָרן; ער האָט געהאָפט אויף דעם, אַז זיי וועלן איבערהויפּט דערקלערן דעם דועל פאַר איבעריק און וועלן זיי ביידע באַוועגן קעגנזייטיק זיך מוחל צו זיין.

ס'האָט, וואָס אַן אמת, געדאַרפט זיין נאָר אַן איינאַונאיינציקע קויל — אָבער אפילו די איינע קען אמאָל טרעפן;

ענדלעך זענען זיי גאַנץ פרי ארויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט אין וועלדל קאָטטען, אַלע ציוויל אָנגעטהון, אָבער שטאַרק פייערלעך אין זיבן קאָטשן. דריי הוזאַר-אָפיצירן און דער שטאַב-דאָקטאָר, דר. מאָהנען מיט וואָלף גאָנטראַם. צוויי סטודענטן פון פאַריין „סאַקסאָניאַ" און איינער פון פאַריין „וועסטפאַליאַ", וועלכער האָט געדאַרפט פיגורירן אַלס אומפּאַרטייאישער; אויך דער דר. ס. פערענבוים, שוין אַ גאָר אַלטער הער פון פאַריין „פּאַלאַטין". אַ חוץ דעם נאָך אַ דינער, צוויי אָפיצירישע יינגלעך און נאָך איין געהילף פון שטאַב-דאָקטאָר.

צוויי שעה זענען זיי געפאָרן אין דעם הייטערן באַגינען — אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג איז געווען דעם גראַף געראַלדינגען; נעכטן אין אָוונט האָט ער באַקומען אַ קליין בריוול פון לענדעניך. אַ קליין פּירבלעטערדיק קלעווער-בלאַט איז געווען דערין, און אויפן צעטעלע נאָר איין וואָרט „Mascotte" — אין דער אונטערשטער וועסטל-קעשענע האָט געשטעקט דאָס דאָזיקע בריוול, אים געמאַכט פריילעך און פול מיט האָפנונג. ער האָט געפּלוידערט מיט זיינע חברים און געלאַכט פון דאָזיקן קינדישן דועל. ער האָט זיך פאַרעכנט פאַרן בעסטן שיטער אין שטאָט און געזאָגט, אַזער האָט שטאַרק חשק דעם דאָקטאָר אַ קנאָפּ פון אַרבל אַראָפּצושיסן. אָבער אפילו באַ דער גרעסטער געשיקטקייט קען מען פאָרט נישט זיין זיכער מיט אַ פרעמדן פיסטאָלעט — וויל ער ליבער אויסשיסן אין דער לופטן. ווייל ס'וואָלט געווען אַ געמיינקייט פון זיין זייט, ווען ער זאָל דעם גוטן דאָקטאָר אפילו אַ ראַץ טון.

דר. מאָהנען אָבער, וועלכער איז געזעסען אין דער קאָטש צוזאַמען מיטן געהיימראַט און דעם יונגן גאָנטראַם, האָט גאָרנישט גערעדט. אויך ער האָט באַקומען אַ בריוועלע, אָנגעשריבן מיטן

גרויסן שטייפן כּתב פון דער פרײלין טען ברינקען, מיט אַ קליי־
נער פּאָדקאָווע. אָבער האָט רעכט נישט אָנגעקוקט זיין „Mascotte“.
ער האָט א מורמל געטון עפּעס אויף דעם אַרט, ווי „אַ קינדערישע
אַבערגלויבעניש“, און אַוועקגעוואָרפן דאָס בריוול אויף דעם שרייב־
טיש.

ער האָט מורא געהאַט. מיאוס מורא געהאַט, און דער דאָ־
זיקער פּחד האָט אָפּגעגאָסן מיט קאַלט, ברודיג וואסער דאָס שטרוי־
פייער פון זיין ליבע. ער האָט זיך אָנגערופן אידיאָט, וואָס ער
האָט זיך אַזוי פּרי אויפגעכאַפּט, כּדי צו פאָרן צו דער שחיטה;
ס׳האָט נאָך אַלץ געקעמפּט אין אים דער חשק איבערצוביטן דעם
ריטמייסטער און אויף אַזא אופן אַרויסדרייען זיך פון דער דאָזי־
קער געפאַר מיט בושה אפילו, וועלכע ער האָט געפילט לגבי דעם
געהיימראט און אפשר נאָך מער לגבי וואָלף גאָנטראַמען, ווען
ער פלעגט אַזוי פיל אָנדערציילן וועגן זײנע העלדישע מעשים.

דערווייל האָט ער זיך באַמיט אָנצוּנעמען אַ גאַנץ העראָישע
פּאָזע, ער האָט געפּרוּווט רייכערן אַ פּאַפּיראָס און זיך אַרומגע־
קוקט גאַנץ גלייכגילטיק. אָבער ער איז געוואָרן בלאַס ווי די
וואַנט, בעת די קאָטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן ברייטן וועג,
אין וואַלד און בעת זיי האָבן זיך מיט אַ זייטיקער סטעזשקע גע־
לאָזט אויף אַ ברייט שטיקל פעלד אינמיטן וואַלד.

די הערן דאָקטוירים האָבן צוגעגרייט זייערע באַנדאַזשן.
דער אומפּאַרטייאישער האָט געהייסן עפענען די פּיסטאָלעטן און
אָנלאָדן דאָס געווער. ער האָט געוויסנהאַפטיק אָפּגעוואויגן דעם פול־
ווער, כּדי ביידע שאָסן זאָלן זיין פון דער זעלבער קראַפט.

שיין איז געווען דאָס געווער פון די וועסטפאַליער. די סע־
קונדאַנטן האָבן געוואָרפן גורל פאַר זייערע קליענטן. זיי האָבן
געצויגן שוועבעלעך; קורץ פּאַרלירט, לאַנג געווינט.

מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט זיך צוגעקוקט דער ריט־

מייסטער צו דער דאָזיקער עטוואָס געמאַכטער פייערלעכקייט, וועל־כע ער האָט קיינמאָל ערנסט נישט גענומען, און דר. מאָהנען האָט זיך אויסגעדרייט און אַראָפּגעקוקט צו דער ערד.

דערנאָך האָט דער אומפּאַרטייאישער אָפּגעמאָסטן צוואַנציק טריט, געמאַכט ריזיקע שפּרייזן אַזוי, אַז די אָפיצירן האָבן געמאַכט אַן עטוואָס אומצופרידענע מינע, ווייל ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן נישט שטאַרק פּאַסיק, וואָס דער דאָזיקער הער מאַכט פון גאַנצן ענין אַ פּאַרס און דערהאַלט אַזוי ווייניק דעקאָרום.

— דאָס שטיקל פעלד וועט צו קליין זיין — האָט זיך צו אים איראָניש אָנגערופן מאַיאָר פאָן אָסטען. אָבער דער לאַנגער וועסטראַפּלער האָט אָפּגעענטפערט מיט דער גרעסטער רויִקייט:

— דאַן וועלן זיך די הערן קענען אויסשטעלן אין וואַלד, דאָס וועט זיין נאָך זיכערער.

די סעקונדאַנטן האָבן צוגעפירט זייערע קליענטן אויף זיי־ערע ערטער. דער אומפּאַרטייִשער האָט זיי נאָכאַמאָל געפּרוּווט באַוועגן, אַז זיי זאָלן מאַכן שלום צווישן זיך, אָבער ער האָט כּלל נישט געוואַרט אויף קיין תשובה.

— היות ווי ביידע צדדים וואַרפן אָפּ דעם שלום, — האָט ער פאָרטגעזעצט — בעט איך די הערן אַכטונג צו געבן אויף מיין באַפעל —

אַ טיפער זיפץ פון דאָקטאָר האָט אים איבערגעריסן. קאַרל מאָהנען איז געשטאַנען מיט טרייסלדיקע קניִען. דער פּיסטאָלעט איז אים אַרויס פון דער ציטערדיקער האַנט; ער איז געווען בלאַס, ווי די וואַנט.

— דערלויבט אויף אַ מאָמענט — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער דאָקטאָר, און האָט אַהינגעאײַלט צו אים מיט גרויסע טריט; נאָך אים זענען אַרומגעקומען דער געהיימראַט, וואָלף גאַנטראַם און ביידע הערן פון „סאַקסאָניאַ".

— וואָס איז אײַך? — האָט געפרעגט דר. פּערנבוים.

דר. מאָהנען האָט גישט געגעבן קיין שום ענטפער; זײַענדיק אינגאַנצן צעשרויפט, האָט ער בלויז געקוקט מיט פאַרחושטע אויגן.

— וואָס איז אײַך, דאָקטאָר? — האָט איבערגעחזרט זײַן סעקונדאַנט. ער האָט אויפגעהויבן זײַן פּיסטאָלעט פון דער ערד און אַרײַנגעשטופּט אים צוריק אין האַנט.

אָבער קאַרל מאָהנען האָט געשוויגן. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ דערטרונקענער.

פּלוצלינג האָט זיך אַדורכגעגליטשט אַ שמייכל איבערן ברייטן פּנים פון געהיימראַט. ער האָט זיך דענענטערט צום סאַקסאָניער און אים אַרײַנגערוימט אין אויער:

— ס׳איז אים געשען אַ מענטשלעכער צופאַל!

דער סטודענט פון דער קאָרפּאָראַציע האָט מתחילת נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס מיינט זײַן עקסעלענץ? — האָט ער געפרעגט.

— אָבער טוט נאָר אַ שמעק — האָט ער געשעפּטשעט.

דער סאַקסאָניער האָט זיך שנעל פונאַנדערגעלאַכט. אָבער זיי האָבן דערהאַלטן דעם ערנסט פון דער סיטואַציע, זיי האָבן נאָר אַרויסגענומען די טיכלעך און צוגעשטעקט צו די נעז.

— „Incontinentia alvi" — האָט דערקלערט דר. פּערנבוים מיט ווירדע, ער האָט אַרויפגעגאָסן עטלעכע טראָפּנס אָפּיום אויף צוקער און עס דערלאַנגט דעם דר. מאָהנען.

— נאַט, שלינגט דאָס אַראָפּ — האָט ער געזאָגט און אים אַרײַנגערוקט דעם צוקער אין מויל.

— נו, איצט נעמט צוזאַמען אײַערע כּוחות! — נו, וואָס אַן אמת, אַזאַ דועל איז טאַקע אַ שרעקלעכע זאַך!

אָבער דער אָרימער דאָקטאָר האָט גאָרנישט געהערט און

גאָרנישט געזען, ער האָט אפילו נישט געפילט דעם ביטערן טעם פון אָפיום אויף דער צונג. ער האָט געהאַט אַן אומקלאָר געפיל, אַז אַלע דערווייטערן זיך פון אים;

דערנאָך האָט ער דערהערט דאָס קול פון אומפּאַרטייִישן.

„איינס" האָט אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן — „צווײ" האָט ער דערהערט אַ שאָס.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, די ציין האָבן אים געקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע, אַלץ האָט זיך געדרייט אין זיין שאַרבן.

„דריי" האָט אָפּגעהילכט אין ראַנד פון וואַלד — דאַן האָט אויסגעשאָסן זיין פּיסטאָלעט. און דער דאָזיקער הויכער קנאַל אין אַזאַ נאָענטקייט האָט אים אַזוי פאַרטויבט, אַז די פיס האָבן זיך בײַ אים געשטרויכלט. ער איז נישט אומגעפאַלן, ער איז גיכער אַראָפּ־געזונקען אין זיך ווי „אַ שטאַרבנדיק חזירל", ער האָט זיך אַראָפּ־געזעצט אויף דעם טוי־פרישן פעלד.

ער איז קוים אַ מינוט אַזוי געזעסן, אָבער ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס'איז אַוועק אַ לאַנגע צייט: דערנאָך איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז ס'איז שוין נאָך אַלעמען

— שוין נאָך אַלעמען — האָט ער געמורמלט מיט אַ גליק־לעכן זיפץ.

ער האָט זיך אַרומגעטאַפּט אומעטום — ניין, ער איז אין ערגעץ נישט געווען פאַרוווּנדעט, נאָר — די הויזן זענען געווען באַשעדיקט. אָבער וואָס מאַכט עס אויס? קיינער האָט זיך וועגן אים נישט געקומערט, האָט ער זיך אויפגעהויבן אַליין: ער האָט דייטלעך געפילט, מיט וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער שנעלקייט עס האָבן זיך צו אים אומגעקערט זיינע לעבנס־כּוחות. ער האָט טיף איינגעאָטעמט די פרישע באַגינעדיקע לופט — אַה, ווי גוט עס איז דאָך צו לעבן!

טיף הינטן, אין צווייטן עק פון דעם פעלד האָט ער באַ־

מערקט אַ געדיכטן קנויל מענטשן פאַרזאַמלט, ער האָט זיך אויס־געווישט די ברילן און געקוקט דורך זיי — אַלע זענען געווען אויסגעדרייט צו אים מיט די פּלייצעס. פּאַמעלעך איז ער אונטער־געקומען, דערקענט וואָלף גאַנטראַמען, וועלכער איז געשטאַנען פון הינטן, דערזען עטלעכע קנ׳ענדיקע און אינמיטן ליגט איינער אויסגעצויגן, ווי גרויס ער איז.

— צי איז דאָס דער ריטמייסטער? — האָט ער אים גע־זאָלט טרעפן? — אָ — אָבער צי האָט ער איבערהויפּט געשאָסן? ער האָט געמאַכט אַ קליינעם אומקרייז צווישן הויכן פעדער־גראָז. ער איז צוגעגאַנגען נענטער און דערזען גאַנץ דייטלעך. ער האָט דערזען, אַז דער גראַף קוקט אויף אים און ווינקט צו אים לייכט מיט דער האַנט.

אַלע האָבן אים געמאַכט פּלאַץ. ער איז אַריין אינמיטן.

געראַלדינגען האָט צו אום אויסגעצויגן די רעכטע האַנט, האָט ער אַלזאָ אַנידערגעקניט און זי אָנגענומען.

— זייט מיר מוחל — האָט ער געמורמלט, — איך האָב אייך באמת נישט געוואָלט —

דער ריטמייסטער האָט זיך צעשמייכלט:

— כ׳ווייס, מיין אַלטער פריינט, — דאָס איז אַ צופאַל!

עפּעס אַ פּלוצלינגע ווייטיק האָט אים אָנגעכאַפּט, ער האָט אָנגעהויבן צו זיפצן און יעמערלעך קרעכצן.

— כ׳האָב אייך נאָר געוואָלט זאָגן, דאָקטאָר, אַז כ׳נעם עס כלל נישט פאַריבל — האָט ער ווייטער שטיל פאַרטגעזעצט.

דר. מאָהנען האָט גאָרנישט געענטפערט, די ווינקלען פון מויל האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן, די אויגן האָבן זיך אָנגע־פילט מיט גרויסע טרערן. דערנאָך האָבן די דאָקטוירים אים אָפּ־גערוקט און זיך פאַרנומען מיטן פאַרוווּנדעטן.

— ס'איז גאָרנישט וואָס צו מאַכן, — האָט שטיל געזאָגט דער שטאַב־דאָקטאָר.

— מיר מוזן אים וואָס שנעלער אַריבערטראַנספּאָרטירן אין דער קליניק, — האָט געזאָגט דער געהיימראַט.

— דאָס וועט נישט העלפן — האָט אָפּגעענטפערט דר. פּערענבוים. — בעת דעם טראַנספּאָרט וועט ער אויסהויכן די נשמה — מיר וועלן אים אומניצלעך פאַרלענגערן די שרעקלעכע יסורים!

די קויל האָט געטראָפן אין בויך, דורכגעלעכערט די אינגעווייד און געבליבן שטעקן אין קרייצביין. אָבער ס'האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט זי אַ געהיימע קראַפט דאָרט פאַרפירט! זי איז אַדורך דורך דער אונטערשטער קעשענע פון וועסטל, דערנאָך דורכן בריוועלע פון אַלרוינען און דורכגעלעכערט דאָס פירבלעטערדיקע קלעווער־בלאַט און דאָס ליבע וואָרט: „Mascotte".

*

* *

דער קליינער אַדוואָקאַט מאַנאַסע איז געווען דער, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט דעם דר. מאָהגען. ווען דער יוסטיצראַט גאָנטראַם האָט אים געוויזן דעם בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון לענדעניך, האָט ער דערקלערט, אַז דער געהיימראַט איז דער דורכגעטריבנסטער אויסוואורף, וואָס ער האָט נאָר ווען ס'איז קענען געלעווינט, און ער האָט באַשווירן זיין קאָלעגע, אַז ער זאָל פריער נישט איבערשיקן די מעלדונג צו דער פּראָקוראַטור ביז דער דאָקטאָר וועט זיך נישט געפינען אין קיין זיכערער לאגע. דאָ איז נישט געגאַנגען וועגן דועל — וועגן דעם האָט די מאַכט שוין אין זעלבן טאָג אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג — נאָר וועגן דער גנבה אין ביוראָ פון זיין עקסעלענץ. און דער אַדוואָקאַט איז אַליין געלאָפן צום פאַרברעכער און אים אַרויסגעשלעפּט פון בעט.

— אויפשטיין, — האָט ער געבילט. — אָנטון זיך! די

בעקלעך פאַקן! — איר זאָלסט פאָרן מיטן נאָנטסטן צוג קיין אַנט-ווערפּן און דערנאָך שנעל מיטן וואַסער! איר זענט אַן אייזל! אַ קעמל זענט איר! — ווי האָט איר געקענט אַזאַ טפשות באַגיין!

דר מאָהנען האָט זיך אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אויגן; ער האָט דאָס אַלץ רעכט נישט געקענט תופס זיין, ווי אַזוי ער איז געווען מיטן געהיימראַט —

אָבער הער גאַנטראַם מאַנאַסע האָט אים נישט געלאָזט קו-מען צום וואָרט.

— ווי אַזוי איר זענט געווען מיטן געהיימראַט? — האָט ער געבילט. — יאָ, גרויסאַרטיק שטייט איר מיט אים! גלענצנד! ממש אויסערגעוויינטלעך! — טאַקע דער עקסעלענץ איז עס, שוטה אײנער, דער וואָס האָט באַאויפטראַגט דעם יוסטיץ-ראַט אָנצוקלאָגן אייך אין דער פּראָקוראַטור, ווייל איר האָט זיין קאַסע באַגנבעט.

דאַן האָט זיך קאַרל מאָהנען אַנטשלאָסן אַרויסצוקריכן פון בעט.

סטאַניסלאַוו שאַכט, זיין אַלטער פריינט, האָט אים צוגעהאָלפן. ער האָט געשילדערט דעם רייזע-פּלאַן, געגעבן אים דאָס נייטי-קע געלט, באַזאָרגט דעם אויטאָ, וואָס זאָל אים אַוועקפירן קיין קעלן.

ס׳איז געווען אַ טרויעריקער אָפּשיד, איבער דרייסיק יאָר האָט קאַרל מאָהנען געלעבט אין דער דאָזיקער שטאָט, אין וועל-כער יעדעס הויז, יעדער שטיין כמעט, האָבן בײַ אים אַרויסגע-רופן זכרונות. דאָ האָט ער זיינע וואָרצלען געשלאָגן, דאָ אַליין האָט זיין לעבן געהאַט אַ געוויסע עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג. און דאָ נעמען העגדום-פּעגדום, אַוועק ערגעץ אין אַ פרעמד לאַנד —

— זאָלסט שרייבן צו מיר, — האָט געזאָגט דער דיקער שאַכט. — וואָס האָסטו בדעה צו טון?

קאַרל מאָהנען האָט זיך געקווענקלט, אַלדינג האָט בײַ אים

אויסגעזען פאַרניכטעט, רואינירט און צעבראָכן; אַ תּל איז געוואָרן פון זיין לעבן. זיינע אַקסלען האָבן געצוקט, טריב האָבן געקוקט זיינע גוטהאַרציקע אויגן.

— איך ווייס אַליין נישט, — האָט ער געמורמלט.

דערנאָך אָבער איז דאָך די אַלטע געוווינהייט אַרויסגעקראָכן אויף זיינע ליפּן. ער האָט געלאַכט מיט טרערן.

— כ׳וועל אַ שידוך טון, — האָט ער געזאָגט. — ס׳זענען דאָך פאַרהאַן אַזוי פיל רייכע מיידלעך — דאָרטן, אין אַמעריקע.

דאָס צענטע קאַפּיטל

וועלכעס דערציילט, ווי אַזוי וואָלף גאָנטראַם איז דורך אַלרוינען צו גרונט געגאַנגען

קאַרל מאָהנען איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך אַרונטערגעקרוגן אונטער די רעדער פון עקסעלענצס רייטוואָגן. דער געהיימראַט האָט אינגאַנצן איבערגענומען די לייטונג פון דער פאָלקס-היפּאָטעק-באַנק, וועלכע איז שוין פון לאַנג געווען אונטער זיין איינפלוס, און באַהערשט גלייכצייטיק די קאָנטראָל איבער דעם ווייט אין לאַנד פאַרצווייגטן סיסטעם פון די זילבער-פּאַרייבען, וועלכע האָבן אונטער דער קלעריקאַלער פאָן פאַרלייגט איבער אַלע פאַרוואָרפנסטע דערפער זייערע קליינע שפּאָר-קאַסעס. דאָס איז נישט אָנגעגאַנגען אָן זייער שאַרפע רייבונגען; ס'האָבן דערביי געליטן נישט ווייניק אַלטע באַאַמטע, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן אַקעגן דעם נייעם רעזשים, וואָס האָט זיי צוגענומען זייער זעלבסטשטענדיקייט. דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע, בשותפות מיטן יוסטיצראַט גאָנטראַם, וועלכע האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון יורידישע יועצים

בײַ די אַלע טראַנזאַקציעס, האָבן געפּרווּווט נישט אײַן שטרענגקייט צו מילדערן, און דאָך נישט געקענט אויסמײַדן, אַז דער עקסע־לענץ טען ברינגקען זאָל זיך נישט צופיל ריקזיכטלאָז אומגיין און באַזײַטיקן די אַלע, װעלכע האָבן זיך אים נאָר אַ געװיסער מאָס אויסגעװיזן פאַר איבעריק און זאָל אויך אויף אַ גאַנץ צװייפלהאַפטן אופן נישט צװינגען עטלעכע אײנצלנע, אָן אַ זײַט שטײענדיקע פּאַרטײען און שפּאַר־קאַסעס זיך אונטערצוװאַרפן זײַן מעכטיקער קאָנטראָל. װײַט ביז די אינדוסטריע־באַצירקן האָט זיך איצט אויס־געשפּרייט זײַן מאַכט. אַלדינג, װאָס האָט געהאַט אַ שײַכות מיט ערד, קוילן און מעטאַל, זויער־קוואַלן און וואַסער־לײַטונג, באָדן און געבײַדעס, לאַנדווירטשאַפטלעכע פּאַרײַנען, וועג־אַרבעט, גרעבי־ליעס און קאָלאָניזאַציע, דאָס אַלץ איז אין רהײַנלאַנד, מער אָדער װײניקער געװען אָפּהענגיק פון אים. פון זינט אַלרוינע איז צוריק־געקומען אַהיים, האָט ער זיך געכאַפּט צו אַלדינג אָן שום טראַכ־טענישן, זײענדיק פאָרויס זיכער אין דערפאָלג; ער האָט נישט גע־ווּסט מער פון קײן שום ריקזיכטן, קײן שום אָפּהאַלטן און איבער־קלערעכצן.

אויף גאַנצע זײַטן דערצײלט ער אין זײַן לעדערנעם בוך װעגן די אַלע אונטערנעמונגען. ס'װײַזט אויס, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט געװוּי באַכצופּאַרשן, װיפל אַרגומענטן ס'האָבן גערעדט קעגן יעדער נײַער אונטערנעמונג, װי קלײן ס'האָט זיך אין תוך פון דער גיך אַרויסגעװיזן די מעגלעכקייט פון דערפאָלג — נאָר דערפאַר, כּדי זיך מיט װאָס מער זיכערקייט אָנצוכאַפּן פאַר דער דאָזיקער זאַך און ענדלעך צו קענען דעם דערפאָלג צושרײַבן דעם װעזן, װאָס האָט זיך געפונען אין זײַן הויז. ער פלעגט זיך אויך טײל־מאָל מיט איר אָן עצה האַלטן, נישט פאַרטרויענדיק איר קײן שום פּרטים, ער פלעגט נאָר פרעגן. „צי זאָל איך טון דאָס?" אויב זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט ער עס געטון, אויב אָבער זי

האָט אַוועקגעמאַכט מיטן קאָפּ, האָט ער רעזיגנירט פון פּראָיעקט.

ס'האָט אויסגעזען ווי דאָס גאַנצע וואָלט שוין לאַנג נישט עקזיסטירט פאַרן דאָזיקן אַלטן הער. אויב ער פּלעגט זיך פריִער אָפּט מתיעץ זיין מיט זיינע אַדוואָקאַטן, כדי זיי זאָלן געפינען עפּעס אַן אויסוועג, אַן אָפן הינטערטירל פון עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעך קאָמפּליצירטער לאַגע, אויב ער פּלעגט אַמאָל שטודירן די אַלע מעגלעכסטע אויסוועגן פון ציוויל-קאָדעקס און האָט זיך נאָך מיט טויזנטער דריידלעך און שפּיצלעך באַמיט זיין עוולהדיקער האַנדלונג צוצוגעבן אַ געזעצלעכן כאַראַקטער, האָט ער זיך איצט כּלל נישט געקומערט וועגן אַזעלכע ווינקל-וועגן.

גלייבנדיק שטאַרק אין זיין מאַכט און גליק, פּלעגט ער שוין צופיל אָנגרייפן דאָס געזעץ, ער האָט גוט געוווּסט, אַז עס איז נישטאָ קיין שופט דאָרטן, ווו קיינער וואַגט זיך נישט אָנצוקלאָגן. וואָס אַן אמת, האָבן זיך זיינע פּראָצעסן געמערט, ווי אויך אָנקלאַגעס, מייסטנס אַנאָנימע, אָבער אויך נאָמענטלעכע, וועלכע זענען אָנגעקומען צו דער מאַכט קעגן אים. אָבער זיינע פאַרבינדונגען זענען געגאַנגען אַזוי ווייט, ס'האָט אים געשיצט די מלוכה און די קירך, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין גוטע באַציִונגען; זיין שטים אין סיים איז געווען דעצידירנד, און די פּאָליטיק פון ערצבישאָף-פּאַלאַץ אין קעלן, וועלכן ער האָט צום וויניקסטן מאַטעריעל געשטיצט, האָט אים געגעבן כּמעט נאָך אַ בעסערע באַשיצונג פון הינטן. אַזש ביז בערלין האָבן זיך אויסגעשפּרייט זיינע נעצן; דער אומגעוויינטלעך הויכער אָרדער, וועלכער איז אים מיט דער העכסטער האַנט בשעת דער אַנטהילונג פון קייזערלעכן דענקמאָל אויפן האַלדז אויפגעהאָנגען געוואָרן, האָט דאָס שוין גענוג דייטלעך דאָקומענטירט. וואָס אַן אמת, האָט ער צוגעלייגט צום דאָזיקן מאָנומענט אַ היפּשע סומע — דערפאַר אָבער האָט די שטאָ

געמוזט זייער טייער אָפּקויפן פון אים דעם באַדן, וואָס ער האָט צו דעם צוועק פאַרגעלייגט. מען דאַרף נאָך דאָ צוגעבן זיינע טיט־לען, זיין ערנווירדיקע עלטער, זיינע אָנערקענטע פאַרדינסטן פאַר דער וויסנשאַפט — וועלכער אָרימער פּראָקוראָר וואָלט דאָס געהאַט חשק קעגן אים אַרויסצוטרעטן ? —

אַ פּאָר מאָל האָט דער געהיימראַט אַליין פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל דורכפירן אַן אויספאָרשונג — דאַן האָבן זיך די מסירות אַרויס־געוויזן אַלס אַ בייזוויליקע גוזמא און האָבן געפּלאַצט, ווי זייפנ־בלאָזן. אַזוי האָט ער פאַרשטאַרקט דעם אומצוטרוי פון דער מאַכט לגבי די מסירות. און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ווען עס האָט אַמאָל געוואָלט אַ יונגער אַסעסאָר דווקא אַרויסטרעטן אין עפּעס אַ פּראָצעס, וואָס איז אים געווען קלאָר ווי די זון, אַקעגן זיין עקסעלענץ, האָט דער ערשטער מלוכה־פּראָקוראָר, נישט אַריינ־קוקנדיק אַפילו אין די אַקטן, אויסגערופן : „נאַרישקייטן ! אומזיס־טער פּראָצעס־פּלאַנטער — מיר קענען דאָס ! מיר וועלן זיך נאַר בלאַמירן דערמיט".

דער פּראָצעס־פּאַרפירער איז דאַסמאָל געווען דער פּראָוויזאָ־רישער דירעקטאָר פון וויסבאַדענער לאַנד־מוזעום, וועלכער פלעגט קויפן באַם געהיימראַט אַלע מעגלעכסטע אויסגראָבונגען, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אָפּגענאַרט און האָט אים עפנטלעך פאַרגעוואָרפן זיין פעלשונג. די מאַכט האָט נישט אָנגענומען זיין אָנקלאַגע, אָבער זיי האָבן מודיע געווען דערפון דעם געהיימראַט. און דער האָט זיך גוט פאַרטיידיקט. אין זיין אָרגאַן, אין דער זונטאָג־ביילאַגע צו דער „קעלנישער צייטונג", האָט ער געשריבן אַ שיין אַרטיקל, וועלכעס האָט געטראָגן דעם הומאַניסטישן טיטול : „די השגחה איבער די מוזעומס". ער האָט זיך כלל נישט אַריינגעלאָזן אין אים וועגן דעם, וואָס מ'האָט אים פאַרגעוואָרפן, אָבער ער האָט אַטאַקירט זיין קעג־נער אַזוי בלוטיק, ער האָט אים אַזוי גרינטלעך רואינירט, ווי וועלכן

ס'איז קרעטין און עם הארץ, אַז דער אָרימער געלערנטער איז גע־לעגן איינגעגנצן אַ צעקלאַפּטער אויף דער ערד. און ער האָט אַ צי־געטון פֿאַר זיינע שנירלעך, געלאָזט אין באַוועגונג די רעדלעך — נאָך עטלעכע חדשים איז שוין אין מוזעום געווען אַן אַנדערער הער דירעקטאָר. דער ערשטער פּראָקוראָר האָט געשאָקלט צופרידן מיט דעם קאָפּ, ווען ער האָט דורכגעלייענט וועגן דעם אַ נאָטיץ אין צייטונג; ער האָט געבראַכט דעם אַסעסאָר די צייטונג און האָט גע־זאָגט:

— לייענט, קאָלעגע! דאַנקט גאָט, וואָס איר האָט מיך דאַ־מאָלס פֿריִער געפֿרעגט און אויף אַזאַ אופן אויסגעמיטן אַן אומדער־הערט שטותריי.

דער אַסעסאָר האָט געדאַנקט, אָבער איז כּלל נישט געווען צופֿרידן.

*

* *

אין טאָג פֿון דער „הייליקער מאַריע" האָבן אַלע שליטגס און אויטאָס געאיילט צום זאַל „לעזע", וווּ ס'האָט געדאַרפֿט פּאַרקו־מען דער פּאַסט-נאַכט־באַל פֿון דער „געזעלשאַפֿט". ס'זענען געווען אַנוועזנד זיין קעניגלעכע האָהייט מיט דער משפּחה, און אַרום זיי אַלץ, וואָס האָט נאָר אין שטאָט אַן אוניפֿאָרם געטראָגן, קאָלירטע קאָרפּאָראַציע־בענדער און היטלען. אַ חוץ דעם פּראָפֿעסאָרישע און געריכטס־קרייזן, רעגירונגס-קרייזן און פּראָקוראַטור, ענדלעך רייכע לייט קאָמערצראַטן און גרויסע אינדוסטריעלער. אַלע זענען געווען אין קאָסטיומען. נאָר די „דעקלאַרירטע באַל־מוטערס" איז געווען דערלויבט די אַ. ג. שפּאַנישע קליידונג, אפֿילו די עלטערע הערן האָבן געמוזט איבערלאָזן די פֿראַקן אינדערהיים און זיך ווייזן אין אַ שוואַרצן דאָמינאָ, וועלכע מען האָט גערופֿן „Möne-mantel".

דער יוסטיצראַט גאָנטראַם האָט פּרעזידירט באַם גרויסן טיש פון עקסעלענץ; ער האָט געקענט אויסגעצייכנט דעם אַלטן וויין־קעלער און געוווּסט אויסצוזוכן די בעסטע ווייגען.

דאָרט איז געזעסן די פירשטין וואָלקאָנסקי מיט איר טאָכטער אָלגאַ. גרעפין פיגערעכי אַבראַנטעס און מיט פרידאַ גאָנטראַם, וועלכע זענען ביידע געקומען אין דעם ווינטער צו גאַסט צו דער פירשטין. דערנאָך דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע, עטלעכע פּריוואַט־דאָצענטן און פּראָפעסאָרן, ווי אויך אָפיצירן. און דער געהיימראַט אַליין, וועלכער האָט זיין טאָכטער צום ערשטן מאָל אויף אַ באַל אַריינגעפירט.

אַלרוינע איז געקומען אַלס פרייליין דע מאָפּען, לויט די צייכנונגען פון בירדסלער.

זי האָט אויפגעריסן נישט איין שאַנק אין הויז פון די ברינקענס, אַרומגענישטערט אין אַלע קאָמאָדעס און קאַסטנס; זי האָט דאָרט געפונען נאָך דער עלטער־באָבען גאַנצע שטויסן שיינע שפּיצן און מערלען. נישט איין טרער איז זיכער אויף זיי געפאַלן פון די אויגן פון די אָרימע העפטערינס, וועלכע האָבן געאַרבעט און די פייכטע קעלערס, ווי אויף אַלע הערלעכע שפּיצן־קליידער פון די שיינע פרויען, אָבער דער פרעכער אָנצוג פון אַלרוינען איז געווען דורכגענעצט פון פיזישע טרערן — פון די אויסגעזידלטע שניידערינס, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט אָריענטירן אין דעם קאַפּריזנעם קאָסטיום, פון דער פריזירערין, וואָס זי האָט געשלאָגן, וויל זי האָט נישט בעווען די פריזור און האָט נישט געקענט אָנשטעלן דעם „Chi-chis” און פון דעם קליינעם שטובמיידל, וואָס זי האָט באַם אָנטון אויס אומגעדולד געשטאָכן מיט דער לאַנגער נאָדל. אַך, דאָס איז געווען אַ פּיין. דאָס דאָזיקע מיידל פון גויטיערס אין דער מאָדנער אופפאַסונג פון די ענגלענדער — אָבער ווען זי איז געווען פאַרטיק, ווען דאָס קאַפּריזנע

יינגל האָט אויף הויכע אָפּצאַסן, מיט אַ קליינע שווערט איבערן זאַל פּאַראַדירט, איז נישט געווען קיין אויג, וועלכעס זאָל אויף אים גיריק נישט פאַלן, פון אַלט ביז יונג, פון מענער, ווי פון דאַמען.

דער קאַוואַליר דע מאָפּאַן האָט געטיילט דעם טריומף מיט ראָזאַלינדען. ראָזאַלינדאַ — די פון דער לעצטער סצענע — איז געווען וואָלף גאָנטראַם, און קיין סצענע האָט נישט געזען קיין שענערע. נישט פאַר די צייטן פון שעקספּיר, ווען שלאַנקע יינגלעך האָבן געשפּילט די ראָל פון פרויען און נישט שפּעטער. פון דער צייט ווען מאַרגאַרעטאַ העווס, דעם פּרינץ רופּערכטס געליבטע, האָט געשפּילט די ראָל פון שיינעם מיידל אין „ווי ס׳געפעלט אייך“ אַלרוינע האָט אָנגעטון ווערפלען; זי האָט אים קוים מיט צרות אויסגעלערנט ווי אַזוי ער זאָל גיין, ווי אַזוי טאַנצן, ווי זיך צו פאָכען און ווי אַזוי צו שמייכלען און פונקט ווי זי האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ יינגל און איז דאָך געווען אַ מיידל אין אָנצוג פון בירד־סלער, אויף וועמעס שטערן ס׳האָט געלייגט אַ קוש הערמעס און און גלייכצייטיק אַפראָדיטאַ, אַזוי האָט וואָלף גאָנטראַם נישט וויי־ניקער מיט זיך פאַרקערפּערט די פיגור פון זיין גרויסן לאַנדסאַן, וואָס האָט די „סאָנעטן“ אָנגעשריבן; ער איז געווען אין זיין שלעפּ־קלייד פון רויטן מיט גאָלד דורכגעהאָפטענעם בראָקאַט, אַ שיין מיידל און דאָך אַ יינגל.

דאָס האָט אפשר פאַרשטאַנען דער געהיימראַט, אפשר דער קליינער מאַנאַסע און אפשר אויך אַ ביסל פרידאַ גאָנטראַם, ווע־מענס ראַשע און פלאַטערנדיקע בליקן ס׳זענען פון איינעם צום אנדערן געפלויגן. אַ חוץ זיי קיינער נישט אין דעם גרויסן „לעזע“, וו ס׳האָבן אראָפּגעהאָנגען פון סופיט שווערע גירלאַנדעס פון רוי־טע רויזן. אָבער אַלע האָבן געפילט, אז ס׳איז דאָ געווען עפּעס אומגעוויינטלעכס, וואָס האָט געהאַט זיין אייגענעם ווערט.

איר קעניגלעכע האַהייט האָט געשיקט איר אַדיוטאַנט, גע־הייסן זיך די ביידע אַהערפירן און פאָרשטעלן. זי האָט געטאַנצט מיט זיי דעם ערשטן וואַלץ, פריער מיט ראָזאַלינדען, אַלס מאַן, און דערנאָך אַלס דאַמע מיטן קאַוואַליר דע מאָפען. זי האָט הויך גע־פּאַטשט מיט די הענט, ווען באַם מענוּעט האָט זיך טעאָפיל גוי־טיעס אויסגעטראַכטע פאַרכישופטע יינגל קאָקעטיש פאַרנייגט פאַר שעקספירס הערלעכן מיידל־חלום. איר קעניגלעכע האַהייט איז אַליין געווען אַן אויסגעצייכנטע טענצערין, די ערשטע אויפן טע־ניס־פּלאַץ — און די בעסטע גליטש־לויפערין אין שטאָט — זי וואָלט אַליין ליבערשט געטאַנצט מיט די ביידע א גאַנצע נאַכט. אָבער דער עולם האָט פאַרלאַנגט זיין רעכט: האָבן אַלזאָ פר. דע מאָפען און ראָזאַלינדע געשוועבט פון איין אָרעם אין אַנדערן: טיילמאָל האָבן זיי צוגעדריקט מוסקולערע אָרעמס פון יונגע מע־נער, אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי ווידער געפּילט די הייס־אָטעמדיקע ברוסטן פון שיינע פרויען.

גלייכגילטיק האָט געקוקט אויף דעם אַלעם דער יוסטיצראַט גאָנטראַם; דער טרעווירער פונש, וועלכן ער האָט אָנגעשטעלט, האָט אים פיל מער פאַרינטערעסירט ווי דער דערפאָלג פון זיין זון.

ער האָט געפּרוווט דערציילן דער פירשטין וואָלקאָנסקי אַ לאַנגע געשיכטע וועגן אַ פעלשער פון מטבעות, אָבער איר האָהייט האָט אים כּלל גישט געהערט. זי האָט אַנטייל גענומען אין דעם נחת און פריילעכן שטאָלץ פון עקסעלענץ טען ברינקען, ווייל אויך מיט איר אַנטייל איז דאָס דאָזיקע אויסטערלישע באַשעפע־ניש, איר טויף־טאָכטער אַלרוינע, געקומען אויף דער וועלט. נאָר דער קליינער מאַנאַסע איז געווען אומצופרידן, ער האָט געפלוכט און געבורמט שטילערהייט.

— דו דאַרפסט נישט אַזוי פיל טאַנצן, יינגל, — האָט ער

עמוסרט וועלפלען — וואָלסט געדאַרפט מער אַכטונג געבן אויף דיינע לונגען.

אָבער דער יונגער גאָנטראַם האָט אים נישט געהערט.

די גרעפין האָט זיך אויפגעכאַפּט און צוגעלאָפן צו אַל־רוינען.

— מיין שיינער קאַוואַליר — האָט זי געפליסטערט.

און דאָס יינגל אין די שפּיצן האָט געענטפערט:

— קום אַהער, קליינע טאָסקאַ! — ער האָט זי אַ כאַפּ געטון אין ווירבל פון טאַנץ, לינקס, אַרום דעם זאַל. ער האָט איר נישט געלאָזט דעם אָטעם כאַפּן. ער האָט זי געבראַכט אַ פאַרסאָפּעטע צוריק צום טיש און איר אַ קוש געטון גלייך אין די ליפּן.

פרידאַ גאָנטראַם האָט געטאַנצט מיטן ברודער און לאַנג געקוקט אויף אים מיט אירע קלוגע, גרויע אויגן.

— אַ שאָד, וואָס דו ביסט מיין ברודער, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זי כלל נישט פאַרשטאַנען.

— פאַרוואָס דען? — האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט זיך צעלאַכט.

— אַ, דו נאַריש יינגל! — איבעריקנס ביסטו גאַנץ גערעכט פרעגנדיק „פאַרוואָס דען?" ווייל אייגנטלעך דאַרף דאָס נישט זיין קיין שום שטערונג, נישט אמת? עס איז נאָר דעריבער אַזוי, ווייל די מאָראַל־רעשטלעך פון אונדזער אידיאָטישער דערציִונג הענגען אונדז נאָך אַלץ נאָך ווי בלייערנע קוילן אין די נעט פון אונדזערע מלבושים און באַצירן אונדז פרום די צניעותדיקע קליידער. — און דאָס איז עס, מיין שיין ברודערל!

אָבער וואָלף גאָנטראַם האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. זי האָט אים לאַכנדיק געלאָזט שטיין און אָנגענומען דעם אָרעם פון דער פריילין טען ברינקען.

— מיין ברודער איז אַ שענער מיידל פון דיר, — האָט זי געזאָגט — אָבער דו ביסט אַ זיס ייִנגל.

— און דו, — האָט געלאַכט אַלרוינע — דו, בלאָנדע פּריס־טערין, דו האָסט ליבער די זיסע ייִנגלעך.

— וואָס קען דען העלויזע נאָך פאַרלאַנגען? — האָט זי געענטפערט — שטרענג און טרויעריק איז עס געגאַנגען מיין אָרי־מען אַבעלאַרד, דו ווייסט דאָך — שלאַנק איז ער געווען און צאַרט ווי דו ביסט עס! דאַן האָט מען זיך געלערנט באַשיידנקייט. דיר אָבער — מיין שיין ייִנגל, וואָס דו זעסט אויס ווי אַ זעלטענער און קליינער אַפּאָסטאַל פון עפּעס אַ פרעכער תורה, דיר וועט קיי־נער קיין עוולה נישט טון.

— מיינע שפּיצן זענען אַלטע און בכּבוריקע, — האָט גע־זאָגט דער קאַוואַליר דע מאָפּען.

— אַזעלכע פאַרדעקן צום בעסטן די זיסע זינד, — האָט געלאַכט די בלאָנדע פּריסטערין. זי האָט גענומען אַ גלעזל שאַמ־פּאַניער פון טיש און עס איר דערלאַנגט:

— טרינק, מיין זיס ייִנגל.

ס'איז אונטערגעקומען די גרעפין מיט הייס בעטנדיקע אויגן.

— לאָז אים מיר, — איז זי צוגעשטאַנען צו איר חברטע — לאָז אים מיר!

אָבער פרידאַ גאָנטראַם האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, — האָט זי שאַרף געזאָגט — דעם וועל איך דיר נישט אָפּלאָזן. פרייער אויסוואַל. אויב דו ווילסט.

— זי האָט דאָך מיך געקושט, — האָט טאָסקאַ געטענהט. אָבער העלויזע האָט געחוזקט:

— צי מיינסטו, אַז נאָר דיך אַליין היינטיקע נאַכט?

זי האָט זיך געווענדט צו אַלרוינען.

— אַנטשייד, מיין פּאַריס, וועמען ווילסטו? די וועלטלעכע דאַמע, אָדער די גייסטלעכע?

— היינט? — האָט געפרעגט די פריילין דע מאָפּען.

— היינט — און ווי לאַנג דו וועסט וועלן! — האָט גע-זאָגט די גרעפין אָלגאַ.

דערויף האָט זיך צעשמייכלט דאָס יינגל אין די שפּיצן. איך וויל די פּריסטערין — און טאָסקאַן צוזאַמען.

און זי איז לאַכנדיק אונטערגעלאָפן צו דעם בלאָנדן טיטאַן, וועלכער האָט אַלס רויטער תּלין-קנעכט פּאַראַדירט מיט אַ ריזיקער האַק פון פּאַפּע.

— דו, שוואָגער, — האָט זי אויסגערופן, — כ'האָב באַקו-מען צוויי מאַמעס — ווילסטו זיי ביידע ממיתן?

דער סטודענט האָט זיך אויסגעגלייכט און פאַרקאַשערט די אַרבל.

— ווו זעגען זיי? — האָט ער געריטשעט.

אָבער אַלרוינע האָט נישט געהאַט קיין צייט צו ענטפערן, דער קאַפּיטאַן פון 28-טן פּאָלק האָט זי איינגעלאַדן צום טוואָ-סטעפּ.

קאַוואַליר דע מאָפּען איז צוגעקומען צום טיש פון די פּראָפעסאָרן.

ווו איז דיין אַלבערט? — האָט געפרעגט דער ליטעראַטור-היסטאָריקער. — און ווו איז דיין איזאַבעלאַ?

— מיין אַלבערט לויפט אומעטום אַרום, עקסעלענץ, — האָט געענטפערט אַלרוינע, — אין צוויי טויז עקזעמפּלאַרן שפּרינגט ער אַרום אין זאַל! און איזאַבעלאַ — האָט זי אַנגעהויבן אַרומזוכן מיט די אויגן. — איזאַבעלאַ, — האָט זי פּאַרטגעזעצט, — כ'וועל זי דיר באַלד ווייזן.

זי איז צוגעגאַנגען צום טעכטערל פונם פּראָפעסאָר. אַ פּוּ-

צעניעריק, איבערגעשראָקן באַשעפעניש, וועלכעס האָט זי מיט גרויסע בלויע אויגן אָנגעקוקט.

— ווילסטו זיין מיין פּאַזש, קליינע גערטנערין? — האָט זי געפרעגט.

דערויף האָט געענטפערט דאָס פלאַקס-האָריקע מיידל:

— אָ, יאָ, — גערן! — אויב דו וועסט מיך נאָר וועלן!

— דו מוזסט זיין מיין פּאַזש, בשעת, איך בין אַ דאַמע, — האָט זי געלערנט דער קאַוואַליר דע מאָפּען, — און מיין שטוב-מיידל, בשעת איך בין אַ הער.

און די קליינע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— האָב איך גוט אויסגעהאַלטן, הער פּראָפעסאָר? — האָט געלאַכט אַלרוינע...

— Summa cum laude! (* — האָט באַשטעטיקט דער ליטעראַטור-פּראָפעסאָר. — אָבער איצט לאָז מיך בעסער אָפּ, מיין קליינע טרודע.

— איצט פרעג איך! — האָט אויסגערופן די פריילין טעברינקען. און זי האָט זיך געווענדט צום קליינעם, קיילעכדיקן באָטאַניקער:

— וואָסערע בלומען בליען אין מיין גאָרטן, הער פּראָפעסאָר?

— רויטער היביסקוס, — האָט געענטפערט דער באָטאַניקער, וועלכער האָט גוט געקענט די פלאָרע פון ציילאָן — דער גאָלדענער לאָטאָס און די ווייסע טעמפּל-בלומען.

— שלעכט! — האָט אויסגערופן אַלרוינע — באמת, שלעכ
און ווייסט דו, שיסער פון האַררילעם, וואָסערע בלומען עס וואַק
אין מיין גאָרטן?

---

*) מיט דער גרעסטער אויסצייכענונג.

דער פּראָפעסאָר פון קונסט־געשיכטע האָט זי שאַרף אָנגע־קוקט, א לייכטער שמייכל האָט געצוקט אויף זיינע ליפּן.

— Les fleurs du mal (* — האָט ער געזאָגט — האָב איך געטראָפן?

— יאָ — האָט אויסגערופן פריילין דע מאָפּען — יאָ, ס'איז גוט געטראָפן. אָבער נישט פאַר אייך בליִען זיי, מיינע הערן גע־לערטע, — איר מוזט אַ שפּאַר ביסל אונטערוואַרטן, ביז זיי וועלן פאַרדאַרט און געפּרעסט אין די ביכער ליגן, אָדער וועלן אויף בילדער אונטער דעם פּאַקאָסט טריקענען.

זי האָט אַ צי געטון איר שיינע שווערט, זיך פאַרנייגט, צו־בוליפגעשלאָגן איין אָפּצאַס אָן צווייטן און סאַלוטירט. זי האָט זיך אומגעדרייט אויפן אָפּצאַס, אָפּגעטאַנצט אַ פּאָר טריט מיטן באַראָן מאָנטויפל פון די פּרייסישע הוזאַרן, דערהערט דאָס קול פון איר קעניגלעכער האָהייט און שנעל צוגעשפּרונגען צום טיש פון דער פּרינצעסין.

— גרעפין אַלמאַוויוואַ — האָט זי אָנגעהויבן — וואָס פאַר־לאַנגסטו פון דיין טרייען מלאך?

— כ'בין שטאַרק אומצופרידן פון אים — האָט געזאָגט די פּרינצעסין — ער האָט באמת פאַרדינט שמיץ! ער שלענדערט זיך אַרום אין זאַל מיט איין פיגור נאָך דער צווייטער.

— נישט פאַרגעסנדיק וועגן זיך אַליין! — האָט געלאַכט דער פּרינצעשער חתן.

אַלרוינע טען ברינקען האָט געשנאַבלט די ליפּן.

— וואָס זאָל טון אַן אָרים יינגל, וועלכער קען נישט די דאַזיקע שלעכטע וועלט?

זי האָט זיך צעלאַכט, גענומען פון אַדיוטאַנט, וועלכער איז

---

*) די בלומען פון שלעכטס.

געשטאַנען לעבן איר איבערגעטון אַלס פראַנס האַלס, די האַרפּע פון אַקסל, פּרעלודירט, אָפּגערוקט זיך עטלעכע טריט און גע־וונגען :

איר, וואָס דעם דראַנג
פון דעם האַרצן קענט,
זאָגט, איז עס ליבע,
וואָס דאָ אַזוי ברענט ?

— באַ וועמען זוכסטו אַן עצה, מלאך ? — האָט געפרעגט די פּרינצעסין.

— צי ווייסט נישט די גרעפין אַלמאַוויוואַ — האָט געענט־פערט אַלרויגע.

דערווייל האָט זיך איר האַהייט צעלאַכט.

— ביסט זייער עזותדיק, מיין פּאַזש ? — האָט זי געזאָגט.

— דאָס איז פּאַזשנאַרטיק — האָט געענטפערט דער מלאך. זי האָט אָוועקגעמאַכט די שפּיצן פון דער פּרינצעסינס אַרבל און איר אַ קוש געטון אין דער האַנט — אַ ביסל צו הויך און אַ ביסל צו לאַנג.

— זאָל איך דיר ברענגען ראַזאַלינדען ? — האָט זי געשעפּ־טשעט און האָט אַראָפּגעלייענט פון אירע אויגן דעם ענטפער.

ראַזאַלינדע האָט פאַרבייגעטאַנצט — אַפילו אויף קיין מינוט האָט מען זי נישט געלאָזט צורו אין דעם דאָזיקן אָוונט. קאַוואַליר־דע מאַפּען האָט זי אָפּגענומען פון איר טענצער און אַראָפּגעפירט איבער די שטיגן צום טיש פון די קעניגלעכע האַהייטן.

— גיט איר צו טרינקען — האָט ער אויסגערופן, — מיין ליבסטע חלשט פאַר דורשט.

זי האָט גענומען אַ גלעזל, וואָס ס'האָט איר דערלאַנגט די פּרינצעסין, עס אויפגעהויבן און צוגעטראָגן צו די רויטע ליפּן פון

וואָלף גאַנטראַם. דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צום פירשטלעכן מאַן.

— ווילסטו מיט מיר טאַנצן, ווילדער גראַף פון רהיינלאַנד?

ער האָט זיך קוים צעלאַכט און אָנגעוויזן אויף זיינע ריזיקע ברוינע רייטשטיוול מיט די משונהדיקע שפּאָרן.

— צי גלייבסטו, אַז איך וואָלט אַזוי געקענט טאַנצן?

— פּרווו! — איז זי צוגעשטאַנען און אים געצויגן באַם אָרעם.

— עס וועט שוין גיין! נאָר זע צעטרעט מיך נאָר נישט צום טויט און צעקלאַפּ מיך נישט, דו רויער יעגער!

דער פירשט האָט געוואָרפן אַ פאָרשנדן בליק אויפן דאָזיקן צאַרטן וועזן אין לופטיקן שפּיצן-געוועב, דערנאָך האָט ער אַראָפּגעצויגן די מעכטיקע הענטשקעס פון ווילדלעדער.

— אַלזאָ קום, קליינער פּאַזש, — האָט ער אויסגערופן.

אַלרוינע האָט צוגעוואָרפן אַ האַנט-קוש דער פּרינצעסין און געוואַלסירט איבערן זאַל מיט דעם שווערן פירשט. אַלע האָבן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט פאַר זיי, און ס׳איז געגאַנגען גאַנץ נישט-קשהדיק אַהין און צוריק. ער האָט זי אויפגעהויבן אין דער הייך און אַרומגעקרייצט אין דער לופט, אַז זי האָט אַזש אַ הויכן געשריי געטון, נאָר פלוצלינג האָבן זיך זיינע שפּאָרן פאַרפּלאָנטערט — פּאַץ, און ביידע זענען געלעגן אויף דער ערד. אין איין רגע האָט זי זיך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט.

— „אויפשטיין, גראַף", — האָט זי אויסגערופן — „ווייל כ׳קען דאָך דיך נישט אויפקלויבן.

ער האָט אויפגעהויבן די אייבערשטע טייל קערפּער, אָבער ווען ער האָט געוואָלט שטעלן דעם רעכטן פוס, האָט זיך אַ הויכער געשריי אַרויסגעריסן פון זיין מויל. ער האָט זיך אונטערגעשפּאַרט

אויף דער לינקער האַנט און זיך ווייטער געפרווווט אויסגלייכן. אָבער עס איז נישט געגאַנגען, אַ שטאַרקער ווייטיק האָט באַ אים אָפּגענומען די מאַכט אין פוס

און ער איז אַזוי געזעסן אינמיטן זאַל, הויך און שטאַרק, און זיך נישט געקענט רירן. עטלעכע מענטשן זענען צוגעקומען, האָבן זיך באַמיט אים אַראָפּצוציִען דעם ריזיקן שטיוול, וועלכער האָט צוגעדעקט דעם גאַנצן רעכטן פוס. אָבער עס איז נישט גע־גאַנגען, אַזוי שנעל איז אים אָנגעשוואָלן געוואָרן דער פוס; מען האָט געמוזט מיט אַ שאַרפן מעסער איבערשניידן די דיקע, האַרטע לעדער. פּראָפ. דר. העלבאַן, דער אָרטאָפּעד, האָט אים באַטראַכט און פעסטגעשטעלט אַ ברוך פון פוס אין קנעכל.

— אויף היינט איז אויס מיטן טאַנצן! — האָט געמורמלט דער פירשטלעכער מאַן.

אַלרוינע איז געשטאַנען פאַר אַ געדיכט רעדל מענטשן, וועל־כע האָבן אים אַרומגערינגלט. לעבן איר האָט זיך געשטופּט דער רויטער תלין־קנעכט. עס האָט זיך איר דערמאַנט דאָס אידיאָטישע לידל, וואָס זי האָט געהערט, ווי שיכּורע סטודענטן האָבן באַנאַכט אויף די גאַסן געגריילצט.

— זאָג נאָר, — האָט זי געפרעגט, — ווי גייט דאָס לידל וועגן די פעלדער און וועגן די וועלדער און וועגן דעם כּוח פון די מוסקולן?

דער לאַנגער טייטאָנער וועלכער איז געווען שטאַרק באַ־גלעזלט, האָט רעאַגירט, גלייך ווי מען וואָלט אַריינגעוואָרפן אַ גראָשן אין אַן אויטאָמאַט.

ער האָט אויפגעהויבן זיין האַק און זיך צעריטשעט:

„ער איז געפאַלן אויף אַ שטיין,
ער איז געפאַלן אויף אַ — קילע, קילע, קילע —
ער איז געפאַלן אויף אַ שטיין,

צעבראָכן דריי ריפּן אין לייב.
אין די פעלדער אין די וועלדער און די מוסקול-
קראַפט —
דערצו דעם רעכטן — קילע, קילע, קילע.
און דערצו דעם רעכטן!"

— האַלט ס׳מויל! — האָט אויף אים אָנגעשריגן אַ קאָלעגע פון פאַריין. — ביסטו אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ?

דאַן איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער דער גוטהאַרציקער פּידשט האָט זיך צעלאַכט;

— איך דאַנק פאַר דער פּאַסנדער סערענאַדע! אָבער די דאָזיקע דריי ריפּן וואָלסטו געקענט איינשפּאָרן — איך האָב דורכויס געננוג דעם איינעם פוס!

זיי האָבן אים אַרויסגעטראָגן אויף אַ שטול און אים אַריינ-געזעצט אין זיין שליטן. די פּרינצעסין האָט צוזאַמען מיט אים פאַר-לאָזט דעם זאַל — זי איז כּלל נישט געווען צופרידן פון דעם דאָ-זיקן פאַרפאַל.

*

* *

אַלווינע האָט געזוכט וואָלף גאַנטראַמען, זי האָט אים נאָך אַלץ געפונען בײַם פאַרלאָזטן טיש פון די האָהייטן.

— וואָס האָט זי געטון! — האָט זי האַסטיק געפרעגט — וואָס האָט זי געזאָגט?

איך ווייס נישט, — האָט געענטפערט וועלפל.

זי האָט גענומען זיין פעכער און אים העפטיק אַ קלאַפּ גע-טון איבערן אָרעם.

— דו ווייסט גאַנץ גוט, — האָט זי זיך איינגעעקשנט — דו מוזסט עס מיר זאָגן!

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָבער איך ווייס באמת נישט. זי האָט מיר געגעבן צו טרינקען און האָט מיר אַוועקגעמאַכט די האָר פון שטערן. איך גלייב, אַז זי האָט אויך געדריקט מיין האַנט — אָבער איך קען עס נישט געטרוי זאָגן, איך ווייס אויך גאָרנישט פון דעם אַלעם, וואָס זי האָט געזאָגט. איך האָב עטליכע מאָל „יאָ" געזאָגט, אָבער איך האָב זי גאָרנישט אויסגעהערט. — איך האָב אינגאַנצן וועגן עפּעס אַנדערש געטראַכט.

— ביסט שרעקלעך נאַריש, וועלפל, — האָט די פריילין געזאָגט מיט פאָרוואורף. — דו האָסט זיכער ווידער געחלומט! — און וועגן וואָס האָסטו אייגנטלעך געטראַכט?

— וועגן דיר, — האָט ער געענטפערט.

זי האָט פון כעס געטופּעט מיטן פוס.

— וועגן מיר! תּמיד אַלץ וועגן מיר! — פאַרוואָס טראַכסטו אייגנטלעך וועגן מיר?

דערויף האָבן זי בעטנדיק אָנגעקוקט זיינע גרויסע, טיפע אויגן.

— וואָס בין איך דען שולדיק, — האָט ער געפלי־סטערט.

דערווייל האָט די מוזיק אָנגעהויבן צו שפּילן און איבערגע־ריסן די שטילקייט, וועלכע עס האָט גורם געווען דאָס אַוועקגיין פון דעם פירשטלעכן פּאָר. ווייך און צוציִענדיק האָבן געקלינגען די טענער פון „די רויזן פון דרום".

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אים מיטגע־צויגן:

— קום, וועלפל, לאָמיר גיין טאַנצן!

זיי זענען אַריין אינמיטן און זיך געדרייט אַליין אין גרויסן זאַל. דער גרויער פּראָפעסאָר פון קונסט-געשיכטע האָט זיי דערזען, איז ער אַרויף אויף זיין שטול און אויסגערופן:

— שטילער! אַן עקסטראַ־וואַלץ פאַר קאַוואַליר דע מאָפּען און זיין ראָזאַלינדען.

עטלעכע הונדערט אויגן האָבן גערוט אויף דעם שיינעם פּאָר. אַלרוינע האָט דאָס באַמערקט און באַ יעדן טריט, וואָס זי האָט געשטעלט, האָט זי געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז מען מוז זי באַוווּנדערן. אָבער וואָלף גאַנטראַם האָט גאָרנישט באַמערקט, ער האָט נאָר געפילט, אַז ער רוט אין אירע אָרעמס און אַז עס טראָגן אים אַוועק ווייכע קלאַנגען. און זייער לאַנגע, שוואַרצע וויעס זענען האַלב אַרונטערגעפאַלן און באַשאָטנט די טיפע, טרוימערישע אויגן.

דער קאַוואַליר דע מאָפּען האָט געפירט, זיכער און באַוווסטזיניק ווי אַ שלאַנקער פּאַזש, וועלכער איז פון וויגל אָן געוווינט געווען צום גלאַטן פּאַרקעט. מיט אַ לייכט פאַרבויגענעם קאָפּ, מיט דער לינקער האַנט, וועלכע האָט גלייכצייטיק געהאַלטן צוויי פינגער פון ראָזאַלינדען, האָט ער צוגעדריקט דאָס גאָלדענע הענטל פון דער שווערט אַזוי, אַז איר עק האָט זיך אונטערגעהויבן פון די שפּיצן־פּאָלעס אַפער, זיינע געפּודערטע לאָקן האָבן זיך געקרייזלט, ווי זילבערנע שלענגלעך, אַ שמייכל האָט אים געעפנט די ליפּן און געוויזן די בלאַנקע ציין.

און ראָזאַלינדע האָט זיך אונטערגעגעבן זיין לייכטער פירונג. די באָרד־רויטע שלעפּ האָט זיך געגליטשט איבער דער פּאָדלאָגע, און ווי עפּעס אַ רייצנדע בלום איז דערפון אויסגעוואַקסן איר פיגור, זי איז געווען אויסגעבויגן אַרונטער, שווער זענען אַראָפּגעפאַלן די ווייסע שטרויספעדערן פון איר גרויסן הוט. אין עקסטאַז דערהויבן, ווייט אַוועקגעטראָגן פון דעם אַלעם, וואָס דאָ אַרום איז געווען, האָט זי געשוועבט אונטער די גירלאַנדן פון רויזן רונד דורכן זאַל כּסדר אַרום און אַרום.

די געסט האָבן זיך געשטופּט אויף פּאָרנט. די, וואָס זענען

געזעסן הינטן, זענען אַרויף אויף שטולן און אויף טישן, האָבן גע־קוקט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— איך גראַטוליר, עקסעלענץ, — האָט געמורמלט די פּירשטין וואָלקאָנסקי.

און דער געהיימראַט האָט אָפּגעענטפערט:

— כ'דאַנק, אייער פּירשטלעכע האָהייט. זעט איר, פּירשטין, אַז אונדזער טירחה איז נישט געווען אינגאַנצן בחינם.

זיי האָבן געטוישט די פיגורן, דער קאַוואַליר האָט געפירט זיין דאַמע קווער דורכן זאַל, און ראָזאַלינדע האָט ברייט געעפנט די אויגן און געוואָרפן שווייגנדיקע, דערשטוינטע בליקן אויפן עולם אַרום.

— שעקספּיר וואָלט אויף די קני געפאַלן, ווען ער וואָלט געזען די דאָזיקע ראָזאַלינדע — האָט דערקלערט דער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר. אָבער באַם דערבייאיקן טישל האָט דער קליינער מאַנאַסע געהאַלטן אין איין בורטשען אויפן יוצטיצראַט גאַנ־טראַם.

— שטייט נאָר אויף, קאָלעגע! טוט אַ קוק! פּונקט ווי אייער זעליקע פרוי קוקט זיך אייער יינגל אַרום — אָבער אַקוראַט אַזוי!

דער אַלטער יוסטיצראַט איז ווייטער געזעסן רויִק, באַקוקנ־דיק אַ ניי פּלעשל „אורציגער אויסלעזע".

— כ'קען זיך שוין נישט געננוי דערינערן, ווי אַזוי עס איז געווען — האָט ער גלייכגילטיק געזאָגט. אָ, ער האָט אויסגעצייכנט געוווסט — אָבער וואָס זענען אָנגעגאַנגען אַנדערע מענטשן זיינע געפילן?

און די ביידע האָבן כסדר געטאַנצט אַהין און צוריק איבערן זאַל. וואָס אַמאָל שנעלער האָבן זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט ראָזאַלינדעס ווייסע אָרעמס, וואָס ווייטער, אַלץ רויטער זענען גע־

וואָרן אירע באקן. אָבער כסדר פּאַרנעם, כסדר זיכער און געשיקט האָט אונטער דער שיכט פּודער געשמייכלט קאַוואַליר דע מאַ־פּעי.

די גרעפין אַלגאַ האָט אויסגעריסן די רויטע נעגעלעך פון אירע האָר און זיי געוואָרפן צום פּאָר, און קאַוואַליר דע מאַפּען האָט געכאַפּט איינס אין דער לופטן, צוגעדריקט עס צו די ליפּן און איר געשיקט אַ גרוס.

האָבן אויך אַנדערע געכאַפּט פאַרשידנפאַרביגע בלומען אַרויס־גענומען זיי פון די בלומען־טעפּ אויפן טיש, אָפּגעשפּילעט פון די קליידער און האָר, און אין אַ רעגן פון בלומען האָבן ביידע אַרומ־געוואַלסירט איבערן זאַל, לייכט געטראָגן פון „די רויזן פון דרום".

די קאַפּעלע האָט אַלעמאָל אויפסניי גענומען שפּילן. ס'האָט אויסגעזען, ווי די מוזיקאַנטן, וועלכע זענען געווען פאַרטעמפּט און פאַרמאַטערט פון באַנאַכטיקן שפּילן אין משך פון סעזאָן, האָבן אינגאַנצן אויפגעוואַכט. זיי האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער דער באַלוסטראַדע פון דער גאַלעריע און אַראָפּגעקוקט אונטן. געשווינ־דער האָט זיך באַוועגט דאָס שטעקעלע פון דיריגענט, הייסער האָט זיך גערוקט דער בויגן באַ די פידלער, און אומדערשעפּט, אין טיפן שטילשווייגן איז געפלויגן דאָס פּאָר דורך אַ ים פון פאַרבן און קלאַנגען: ראָזאַלינדע און קאַוואַליר דער מאַפּען.

פּלוצלינג האָט דער קאַפּעלמייסטער מיטן שטעקעלע געגעבן אַ צייכן צו ענדיקן — דאַן איז אויסגעבראָכן די אַנטציקונג. באַראָן פאָן פלאַטען, פּולקאָווניק פון אַכט און צוואַנציקסטן פּולק, איז אַראָפּגעשריגן פון דער גאַלעריע מיט אַ סטענטאָר־שטים:

— זאָל לעבן דאָס פּאָר! זאָל לעבן די פריילין טען ברינ־קען! זאָל לעבן ראָזאַלינדע!

די גלעזלעך האָבן געקלונגען, די מענטשן האָבן געשריגן און

געהיילט. זיי האָבן זיך געשטויסן אין זאַל, אַרומגערינגלט דיביידע און זיי שיער נישט דערדריקט.

צוויי סטודענטן פון דער קאָרפּאָראַציע רעגאַניאַ האָבן גע-בראַכט צו שלעפּן אַ גרויסן קויש פול מיט בלומען, וואָס זיי האָבן אונטן אָפּגעהאַנדלט באַ אַ גערטנערין, עטלעכע הוזאַרן־אָפּי-צירן האָבן געבראַכט שאַמפּאַנער, אַלרוינע האָט נאָר לייכט אָנגע-נעפּט מיט די ליפּן, אָבער וואָלף גאָנטראַם צעהיצט, ברענענדיק פון דורשט, האָט חשקדיק געשלונגען דעם קילן געטראַנק, איין גלעזל נאָכן צווייטן. אַלרוינע האָט אים מיטגעצויגן מיט זיך, מאַכנדיק זיך אַ וועג צווישן עולם.

אינמיטן זאַל איז געזעסן דער תלין-געהילף. ער האָט אויס-געצויגן דעם לאַנגן האַלדז און זיי דערלאַנגט מיט ביידע הענט די האַק.

— כ'האָב נישט קיין בלומען, — האָט ער געברומט — אָבער כ'בין אַליין אַ רויטע רויז. שנייד זי דיר אָפּ!

אַלרוינע האָט אים געלאָזט זיצן, האָט ווייטער געפירט איר דאַמע פאַרביי די טישן, וועלכע זענען געשטאַנען הינטער דער גאַלעריע, און זיך געלאָזט צו דער אָראַנזשעריע. זי האָט זיך אומגעקוקט: דאָ איז אויך געווען איבערפולט, און אַלע האָבן אויס-געשטרעקט צו זיי די הענט און גערופן צו זיך. פּלוצלינג האָט זי דערזען, הינטער אַ שווערן פאָרהאַנג, די קליינע טיר, וואָס פירט אויפן באַלקאָן אַרויס.

— אָ, דאָס איז גוט! — האָט זי אויסגערופן. — קום מיט מיר, וועלפל!

זי האָט אַוועקגעמאַכט דעם פאָרהאַנג, איבערגעדרייט דעם שליסל און שוין געהאַלטן די האַנט אויף דער קלאַמקע. אָבער פּלו-צלינג האָבן זי עמעצנס פינף דינע פינגער אָנגעכאַפּט באַם אָרעם.

— וואַס ווילט איר דאָרטן? — האָט גערופן עפּעס אַ רויש שטים.

זי האָט זיך אויסגעדרייט:

דאָס איז געווען דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע אין זיין שוואַרצן דאָמינאָ.

— וואָס ווילט איר דאָרט אינדרויסן? — האָט ער איבערגעחזרט.

זי האָט אָפּגעשטויסן זיין מיאוסע האַנט:

— און וואָס גייט דאָס אייך אָן? — האָט זי אָפּגעענטפערט — מיר ווילן אַ ביסל פרישע לופט כאַפּן!

ער האָט גיך געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ'האָב מיך טאַקע דאָס אָנגעשטויסן, און בין אייך דעריבער נאָכגעגאַנגען — אָבער איר וועט דאָס נישט טון, איר וועט דאָס נישט טון!

פריילין טען ברינקען האָט זיך אויסגעגלייכט און אים אָנגעקוקט פון אויבן אַראָפּ:

— און פאַרוואָס-זשע זאָל איך עס נישט טון? צי האָט איר בדעה מיר דערין צו שטערן?

ער האָט זיך נישט ווילנדיק איינגעקאָרטשעט אונטער איר בליק. אָבער ער האָט נישט אָפּגעלאָזט.

— יאָ, כ'וויל אייך דערין שטערן, טאַקע איך! צי פאַרשטייט איר נישט, אַז דאָס איז אַ משוגעת? ביידע זענט איר צעהיצט, איר באָדט זיך כמעט אין שווייס — און ווילט דווקא איצט אַרויסגיין אויפן באַלקאָן, בא צוואַנציק גראַד קעלט!?

— און פונדעסטוועגן וועלן מיר אַרויסגיין, — האָט זיך איינגעעקשנט אַלרוינע.

— איר קענט אייך גיין, — האָט ער געבילט, — ס'איז מיר אַ קנאַפּע נפקא מינה, וואָס איר טוט אייך, פריילין טען ברינ-

קען — נאָר דאָס ייִנגל וויל איך אָפּהאַלטן דערפֿון. נאָר וואָלף גאַנטראַמען אַליין.

אַלרוינע האָט אים אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. זי האָט אַרויסגעצויגן דעם שליסל פֿון שלאָס און ברייט אויפֿגעעפֿנט די טיר.

— אַזוי! — האָט זי געזאָגט. זי איז אַרויס אויפֿן באַלקאָן, אויפֿגעהויבן די הענט, און צוגערופֿן ראָזאַלינדען.

— ווילסטו אַרויסגיין מיט מיר אין אַווינטער־נאַכט? — האָט זי גערופֿן, — אָדער דו ווילסט גאָר בלייבן אינעווייניק אין זאַל?

וואָלף גאַנטראַם האָט אָפּגעשטופּט דעם אַדוואָקאַט אָן אַ זייט און איז שנעל אַרויס אויפֿן באַלקאָן. — דער קלײנער מאַנאַ־ האָט אויסגעשטרעקט נאָך אים זיין האַנט, אים אָנגעכאַפּט באַם אָרעם, אָבער ער האָט אים שווייגנדיק ווידער צוריקגעשטויסן אַזוי, אַז ער איז אומבאַהאָלפן אַרויפֿגעפאַלן אויף דער פּאַרהאַנג.

— גיי נישט, וואָלף, — האָט נעשריגן דער אַדוואָקאַט — גיי נישט! — האָט ער כמעט געיאָמערט, זיין הייזעריקע שטים האָט זיך אָפּגעבראָכן.

אָבער אַלרוינע האָט זיך הויך צעלאַכט.

— אַדיע, געטרייער עקאַרט! וועסט אַזוי גוט זיין און בלייבן אין זאַל און היטן דעם באַרג הערסעל!

זי האָט אים פֿאַרמאַכט די טיר אונטער דער נאָז און פֿאַר־ שלאָסן אויפֿן שליסל.

דער קלײנער מאַנאַסע האָט געפּרוווט קוקן דורך דער פֿאַר־ פרוירענער טיר. ער האָט געריסן באַ דער קלאַמקע און פֿאַר כעס געטופּעט מיט די פֿיס. דערנאָך האָט ער זיך ביסלעכווייז באַרויִקט. ער האָט זיך איינגעקערט אין זאַל אַריין.

— דאָס איז דער פּאַטום, — האָט ער געברומט. ער האָט פֿאַרהאַקט זיינע שאַרפֿע, קרום־אַרויסגעשטשירעטע ציין, צוריקגע

גאַנגען צום טיש פון עקסעלענץ און שווער צראָפּגעזונקען אויף אַ שטול.

— וואָס איז אייך מאַנאַסע: — האָט געפרעגט פרידאַ גאַנט־ראַם — איר זעט דאָך אויס ווי אַ בר־מינן?

— גאָרנישט! — האָט ער אַ ביסל געטון — אַבסאָלוט גאָר־נישט — אייער ברודער איז אַן אייזל — איבעריקנס — טרינקט נישט אַלץ אַליין אויס, קאָלעגע! גיט מיר אויך אַ ביסל פון דער דאָזיקער משקה!

דער יוסטיצראַט האָט אָנגעפילט זיין גלעזל, און פרידאַ גאַנט־ראַם האָט געזאָגט מיט איבערצייגונג:

— יאָ, כ׳גלייב אומבאַדינגט, אַז ער איז אַן אייזל.

דערווייל זענען די ביידע צוגעגאַנגען איבערן שניי צו דער באַלוסטראַדע און זיך אָנגעלענט אָן איר, ראַזאַלינדע און קאַוואַליר דע מאָפּען. די פולע לבנה האָט העל באַלויכטן די ברייטע גאַס. געוואָרפן איר מילד ליכט אויף דעם באַראָקאַרטיקן אוני־ווערסיטעט, דעם אַלטן פּאַלאַץ פון ערצבישאָף. זי האָט זיך גע־שפּילט אויף די ווייסע, ברייטע פּלאַכקייטן, דאָרט אונטן און גע־וואָרפן פאַנטאַסטישע שאָטנס איבערן טראָטואַר.

וואָלף גאָנטראַם האָט איינגעזויגן אין זיך די פראָסטיקע לופט.

— הערלעך, — האָט ער געשעפּטשעט, און אָנגעוויזן אויף דער ווייסער גאַס, וואָס איר טיפע שטילקייט האָט קיין קלאַנג נישט געשטערט.

אָבער אַלרוינע טען ברינקען האָט געקוקט אויף אים, גע־זען ווי זיינע ווייסע אָרעמס האָבן אין דעם לבנה־ליכט געשטראַלט, געזען זיינע גרויסע אויגן, וואָס האָבן טיף געלויכטן, ווי צוויי שוואַרצע אָפּאַלן...

— דו ביסט שיין, — האָט זי געזאָגט — שענער ווי די לבנה־נאַכט.

דאַן האָבן זיינע הענט אָפּגעלאָזט די שטיינערנע באַלוסטראַדע, אָנגעכאַפּט אַלרוינען און זי אַרומגענומען.

— אַלרוינע, — האָט ער אויסגערופן — אַלרוינע —

אַ קורצע ווײַלע האָט זי עס געדולדעט. אָבער דערנאָך האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס און אים לייכט אַ קלאַפּ געטון אין דער האַנט.

— ניין! — האָט זי געלאַכט, — ניין! דו ביסט ראָזאַלינדע — און איך בין אַ יינגל: מוז איך דאָס דיר ליבע פּראַוועו.

זי האָט זיך אומגעקוקט, אָנגעכאַפּט אַ שטול אין ווינקל. אַהערגעשלעפּט זי און אַראָפּגעקלאַפּט מיט דער שווערט דעם שניי פון איר.

— דאָ זעץ דיך, מיין שיינע דאַמע, — ביסט ליידער, אַ ביסל צו גרויס פאַר מיר! אַזוי, איצטער איז גוט — איצט האָט זיך אויסגעגלייכט!

זי האָט זיך העפלעך פאַרבייגט און אַנידערגעקניט אויף איין קני.

— ראָזאַלינדע, — האָט זי געצוויטשערט, — צי קען אַ וואַנדערנדיקער ריטער באַ דיר אַ קוש רויבן —

— אַלרוינע — האָט ער אָנגעהויבן — אָבער זי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און מיט דער האַנט אים פאַרשטאָפּט דאָס מויל.

— דו מוזסט מיר זאָגן „מיין הער“! — האָט זי אויסגערופן — אַלזאָ — צי קען איך דיר צורויבן אַ קוש ראָזאַלינדע?

— יאָ, מיין הער, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט. דאַן האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אים, אַריינגענומען זיין קאָפּ אין

אירע ביידע הענט און האָט אָנגעהויבן, קווענקלענדיק זיך, מיט אַ סדר.

— קודם כל די אויערן, — האָט זי געלאַכט — דאָס רעכ-טע און לינקע! ביידע באַקן — און די דאָזיקע נאַרישע נאָז, וואָס כ'האָב שוין אַמאָל געקושט. און ענדלעך — גיב אַכטונג, ראָזאַ-לינדע — דיינע שיינע ליפּן!

זי האָט זיך אָנגעבויגן, אַריבערגעבויגן איר געלאָקטן קאָפּ איבער זיין אַקסל, אונטער דעם הוט. אָבער זי האָט זיך צוריק-געצויגן.

— ניין, ניין, שיין מיידל, לאָז אָפּ דיינע הענט! זיי מוזן פיין און אָנשטענדיק ליגן אויף די קני.

דאַן האָט ער אַוועקגעלייגט די ציטעריקע הענט אויף די קני און צוגעמאַכט די אויגן. אַזוי האָט זי געקושט, אים לאַנג און הייס געקושט, אָבער צום סוף האָבן אירע קליינע ציינדלעך אָנגע-כאַפּט זיין ליפּ און זי שנעל איינגעביסן אַזוי, אַז די רויטע טראָפּנס בלוט האָבן זיך שווער אַראָפּגעקייקלט אויפן ווייסן שניי.

זי האָט זיך אָפּגעריסן, געבליבן שטיין לעבן אים און גע-נומען שטאַר קוקן אויף דער לבנה מיט ברייט-פונאַנדערגעעפנטע אויגן.

אַ פלוצלינגער שוידער האָט זי דורכגענומען, אירע שלאַנקע גלידער האָבן גענומען ציטערן.

— ס'איז מיר קאַלט, האָט זי געשעפּטשעט.

זי האָט אַרונטערגעהויבן איינעם, דערנאָך דעם צווייטן פוס.

— דער נאַרישער שניי איז שוין אומעטום אין מיינע שפּיצן שיך!

זי האָט אַראָפּגענומען איינעם און אָפּגעטרייסלט פון אים דעם שניי.

— טו אָן מיינע שיך — האָט ער אויסגערופן — זיי זענען גרעסער און ווארעמער, און ער האָט זיי שנעל אַראָפּגעצויגן און זיי איר דערלאַנגט.

— נו, איצטער איז דיר בעסער

— יאָ, — האָט זי געלאַכט — איצטער איז שוין ווידער גוט? כ׳וועל דיר דערפאַר נאָכאַמאָל אַ קוש טון, ראָזאַליינדע.

און זי האָט אים נאָכאַמאָל אַ קוש געטון — און אים ווידער איינגעביסן. דערנאָך האָבן ביידע געלאַכט, ווי שיין די לבנה האָט באַלויכטן די רויטע פלעקן אויפן ווייסן פּאָן.

— האָסטו מיך ליב, וואָלף גאָנטראַם? — האָט זי אַ פרעג געטון. און ער האָט געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, אַז מער קיינעם נישט, אַ חוץ דיך.

זי האָט זיך פאַרטראַכט אַ מינוט, דערנאָך האָט זי ווייטער געפרעגט:

— ווען איך וואָלט עס געוואָלט — צי וואָלסטו אַראָפּגעשפרונגען פון באַלקאָן.

— יאָ! — האָט ער געזאָגט.

— און פון דאַך אויך?

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און פון דעם קאַטעדרע-טורעם אויך?

ער האָט ווידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— צי וואָלסטו אַלץ פאַר מיר געטון, וועלפל? — האָט זי געפרעגט.

און ער האָט אָפּגעענטפערט;

— יאָ, אַלרוינע, אויב דו האָסט מיך ליב.

זי האָט פונאַנדערגעצויגן די ליפן און זיך לייכט געוויגט אין אירע היפטן.

— כ׳ווייס נישט, צי כ׳האָב דיך ליב, — האָט זי פאַמעלעך גע-

רעדט. — צי וואָלסטו דאָס אַלץ געטון, ווען כ׳וואָלט דיך נישט ליב געהאַט?

דאַן האָבן אויפגעבליצט זיינע הערלעכע אויגן, וואָס זיין מו־טער האָט אים געגעבן, געלויכטן פולער און טיפער, ווי זי האָט עס אַמאָל געטון. און די לבנה דאָרט אויבן איז געווען אייפער־זיכטיק אויף די דאָזיקע פּאָר מענטשלעכע אויגן, האָט זי אַוועק־געשלייכט און פאַרבאָרגן זיך הינטער דעם טורעם פון דער קאַטעדרע.

— יאָ, — האָט געזאָגט דאָס ייִנגל — יאָ, אַפילו דאַן אויך.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני און פאַרוואָרפן אירע אָרעמס אויף זיין האַלדז.

— דערפאַר, ראָזאַלינדע — דערפאַר וועל איך דיר נאָכאַמאָל אַ קוש טון!

און זי האָט אים געקושט — לענגער נאָך און הייסער. און זי האָט אים געביסן — ווילדער נאָך און טיפער. אָבער זיי האָבן שוין מער נישט געקענט זען די שווערע טראָפּנס אויפן ווייסן שניי, ווייל די אייפערזיכטיקע לבנה האָט באַהאַלטן איר זילבערנעם פאַקל.

— קום, — האָט זי געשעפּשעט, — קום, מיר מוזן זיך אומקערן צוריק.

זיי האָבן געטוישט די שיך און אַראָפּגעשיט דעם שניי פון די קליידער, האָבן אויפגעשלאָסן די טיר דורכן פאָרהאַנג, צוריק אַריינגעשלייכט אין זאַל. העל האָבן געשטראַלט די בויגן־לאָמפּן איבער זייערע קעפּ, אַ הייסע, שטיקנדיקע לופט האָט זיי אַרומ־גענומען.

וואָלף גאָנטראַם האָט זיך אַ וואַקל געטון, בשעת ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג, און זיך שנעל געכאַפּט מיט ביידע הענט באַ דער ברוסט.

זי האָט עס גלייך באַמערקט

— וועלפל! ? — האָט זי אויסגערופן.

— עט, באַרישקייטן, — האָט ער געענטפערט, עס איז גאָר־נישט — עס האָט מיר עפּעס אַ שטאָך געטון! — אָבער עס איז מיר שוין בעסער.

האַנט אין האַנט האָבן זיי געשפּאַנט איבערן זאַל.

*

* *

אויפן צווייטן טאָג איז וואָלף גאָנטראַם נישט געקומען אין ביוראָ. ער איז נישט אויפגעשטאַנען פון בעט און געלעגן אין שרעקלעכער היץ: ביין טעג איז ער אַזוי אָפּגעלעגן. טיילמאָל פלעגט ער רעדן פון היץ און אָנרופן איר נאָמען — אָבער ער איז קיין איין מאָל אין משך פון דער גאַנצער צייט נישט צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין —

ער איז געשטאָרבן — אויף אַ לונגען־אָנצונדונג. און מען האָט אים באַגראָבן אויפן נייעם בית־עלמין, הינטער דער שטאָט.

אַ גרויסן קראַנץ פון טונקעלע רויזן האָט אים צוגעשיקט די פריילין טען ברינקען.

דאָס עלפטע קאַפּיטל

וואָס גייט איבער, וואָס פאַר אַ סוף עס האָט געהאַט דער געהיימראַט דורך אַלרויגען.

אין דער שאַלט־נאַכט*) פון דעם דאָזיקן יאָר האָט געווילדעוועט אַ שרעקלעכער שטורעמווינט איבערן רהיין. ער האָט געבלאָזן פון דרום־זייט, געכאַפּט די קריִעס אייז, וואָס זענען געשווומען מיטן טייך, צעקלאַפּט זיי איינס אָן דאָס אנדערע און מיט אַ טראַסק זיי געשליידערט צום צאָל־אַמט. ער האָט אַראָפּגעריסן דעם דאַך פון דער יעזויִטן־קירך, צעבראָכן אוראַלטע ליפּעס אין דעם שלאָס־גאָרטן, אַראָפּגעשווענקט די שטאַרקע פּאָנטאָנען פון דער שטאָטישער שווים־שול און זיי צעשמעטערט אָן די ריזיקע זיילן פון דער שטיינערנער בריק.

אויך אין לענדעניך האָט געווילדעוועט דער שטורעם. דריי קוימענס האָט ער פון דעם גמינע־הויז אַראָפּגעטראָגן און איינגעלייגט דעם אַלטן שייער פון דער שענק „אונטערן האָן".

אָבער צום ערגסטן איז ער זיך באַגאַנגען מיטן הויז פון די טען ברינקענס; ער האָט פאַרלאָשן דאָס אייביקע לעמפּל, וואָס

האָט געבערענט אונטער דער פיגור פון הייליקן יאָהאַן נעפּאָמוק.

אַזוינס האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט. אין משך פון עט־לעכע הונדערט יאָר, פון זינט עס האָט עקזיסטירט דער אַלטער פּאַלאַץ.

וואָס אָן אמת, די פרומע דאָרפסלייט האָבן גלייך צוטאָרגנס אָנגעפילט דאָס לעמפל און עס אָנגעצונדן, אָבער מ׳האָט געזאָגט, אַז דאָס באַטייט אַ גרויס אומגליק און דעם זיכערן סוף פון דעם הויז ברינקען, ווייל דער הייליקער וועט איצט אָפּווענדן זיין חסד פון דעם לוטעראַנישן הויז, ווי ער האָט עס אין דער דאָזיקער נאַכט געוויזן. קיין שום שטורם אין דער וועלט וואָלט נישט בכוח געווען צו פאַרלעשן דאָס לעמפל, ווען ער וואָלט עס נישט געוואָלט דערלאָזן.

ס׳איז אַ שלעכטער סימן, האָבן לייטן געזאָגט. אַנדערע האָבן געמורמלט, אַז ס׳איז גאָרנישט געווען דער שטורם: די פריילין איז אַרויסגעגאַנגען אַרום האַלבער נאַכט — און זי האָט עס דאָס לעמפל פאַרלאָשן.

ס׳האָט אויסגעזען, אַז די מענטשן האָבן אַ טעות געהאַט אין זייער נביאות, נישט קוקנדיק אויף דער תענית־צייט זענען אין פּאַלאַץ פאָרגעקומען גרויסע בעלער.

נאַכט בײַ נאַכט האָט אַרויסגעשטראַלט אַ העל ליכט פון אַלע פענסטער, ס׳האָט זיך געהערט מוזיק, ווי אויך אַ הויך לאַכן און זינגען.

די פריילין האָט אַזוי פאַרלאַנגט.

— זי מוז האָבן צעשטרייונג — האָט זי געזאָגט — נאָך דער אבדה, וואָס זי האָט געליטן, און דער געהיימראַט האָט דערפילט אירע פאַרלאַנגען.

---

*) ווען ס׳גלייכט זיך אויס דער טאָג מיט דער נאַכט.

ער פֿלעגט איר נאָכקריכן, ווו זי האָט זיך נאָר געקערט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט איבערגענומען וועלפֿלס ראָל. גיריק האָט זי געטראָפֿן זיין קרומלעכער בליק, ווען זי פֿלעגט אַרייַנקומען אין צימער, גיריק האָט ער איר נאָכגעפֿאָלגט, ווען זי פֿלעגט אַרויסגיין פֿון שטוב. און זי האָט גוט געזען מיט וואָסערן פֿלאַם-פֿייער זי האָט אים דאָס בלוט אין די אָדערן צעפֿלאַקערט, און האָט הויך געלאַכט, פֿאַרוואַרפֿנדיק דעם קאָפּ אַהינטער.

וואָל אַמאָל מער איבערגעטריבן זענען געוואָרן אירע פֿאַרלאַנגען, כּסדר אויסטערלישער אירע קאַפּריזן.

דער אַלטער האָט נאָכגעגעבן, אָבער ער פֿלעגט זיך האַלטן אין איין דיגגען און תּמיד עפּעס פֿאַרלאַנגען דערפֿאַר. ער פֿלעגט זיך הייסן לייכט קראַצן איבער זיין גאָלן קאָפּ, איבערפֿירן שנעל מיט די פֿינגער איבערן אָרעם אַרויף און אַראָפּ. ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז זי זאָל אים אויף דער שויס זיצן, אָדער אַפֿילו אים קושן און פֿלעגט זי נאָר תּמיד הייסן קומען אַלס יינגל.

זי פֿלעגט קומען אין רייט-קאָסטיום, טיילמאָל אויך אין שפּיצן-קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן אויפֿן באַל פֿון דער הייליקער מאַריע. זי איז געקומען אַלס פֿישער-יינגל מיט אַן אָפֿענער בלוזע און נאַקעטע פֿיס, אַלס לופֿט-בוי אין אַ רויטן, שטאַרק געפּאַסטן אוניפֿאָרם, מיט בולטע היפּטן. זי איז געקומען אַלס וואַלענשטיין-יעגער, אַלס פּרינץ אָרלאָווסקי, אָדער אַלס בעריסאָ אין די קליידער פֿון אַ געריכטס-שרייבער, און אַלס אַ פּיקאָלאָ אין שוואַרצן פֿראַק, אָדער אַלס פּאַזש אין ראָקאָקאָ-קאָסטיום, אָדער אייפּאָריאָן אין טריקאָטן און בלויער טוניק.

דער געהיימראַט פֿלעגט זיצן אויף דער סאָפֿע, און זי הייסן איבערגיין זיך פֿאַר אים הין און צוריק. זיינע פֿייכטע הענט האָבן זיך גערוקט איבער די הויזן, זיינע פֿיס האָבן זיך געשאַרט איבער

דעם טעפיך. און ער האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי מיט איר אָנצוהייבן —

דאַן פלעגט זי בלייבן שטיין אַנטקעגן אים און קוקן אַרויס־פאָדערנדיק. ער פלעגט זיך דאַמאָלס איינקאָרטשן אונטער איר בליק, נישט געקענט געפינען קיין ווערטער, אומזיסט געזוכט אַ מענטעלע פאַר זיינע עקלהאַפטע פאַרלאַנגען.

מיט אַ חוזקדיקן שמייכל אויף די ליפּן פלעגט זי אַרויסגיין.

ווי נאָר אָבער עס האָט זיך פאַרמאַכט די טיר, ווי נאָר ער האָט דערהערט איר הילכיק געלעכטער אויף די טרעפּ — זענען באַלד אים געקומען די איינפאַלן. איצט איז עס געווען לייכט. איצט האָט ער גוט געוווסט, וואָס צו זאָגן און ווי אַזוי זיך צו פאַרהאַלטן. אָפט פלעגט ער זי דערנאָך רופן — טייַלמאָל פלעגט זי צוריק־קומען.

— נו? — האָט זי געפרעגט.

אָבער ס'איז נישט געגאַנגען, ווידער נישט געגאַנגען.

— גאָרנישט! — האָט ער געברומט.

*

*   *

די גאַנצע זאַך איז געווען: ס'האָט אים געפעלט די זיכער־קייט אין איר. און ער האָט אַרומגעזוכט עפּעס אַן אַנדערן קרבן, נאָר כדי זיך איבערצוציַיגן, אַז ער האָט נאָך נישט אָנגעוווירן די שליטה איבער זיינע אַלטע קונצן.

ער האָט געפונען, ס'איז געווען דאָס דרייצעניעריקע טעכ־טערל פון דעם בלעכער, וועלכע האָט אים אָפּגעבראַכט אין שטוב אַריין עפּעס אַ פאַרלייטן קעסל.

— קום מיט מיר, מאַריעלע, — האָט ער געזאָגט, — כ'וועל דיר עפּעס שענקען.

ער האָט זי אַריינגעצויגן מיט זיך אין ביבליאָטעק אַריין.

*

*   *

שטיל, ווי אַ קראַנק חיהלע, האָט זיך די קליינע אין אַ האַלבע שעה אַרום אַרויסגעשלייכט פון דעם הויז. זי האָט זיך צוגעדריקט צו דער מויער מיט ברייט פונאַנדערגעעפנטע, צעשראָקענע אויגן.

אָבער טריומפירנדיק און מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין מיאוסן פרצוף האָט זיך דער געהיימראַט געלאָזט גיין איבערן הויף צום פּאַלאַץ.

איצט איז ער געווען זיכער. — אַלרוינע אָבער האָט אים אויסגעמיטן. זי פלעגט קומען, ווען ער איז געווען רויק — און אַוועקגיין, ווי נאָר זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן ווילד צו פּלאַקערן.

— זי שפּילט — און שפּילט אויך מיט מיר, — האָט געסיקעט דער פּראָפעסאָר.

ביז ענדלעך, איינמאָל, ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט ער זי שנעל אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט. ער האָט גענוי געווּסט, וואָס ער דאַרף רעדן, וואָרט בײַ וואָרט — ער האָט עס אָבער אין דעם דאָזיקן מאָמענט אינגאַנצן פאַרגעסן.

ער איז אַריין אין אויפרעגונג. ער איז געווען אויפגערעגט אויך צוליבן פאַראַכטנדיקן בליק פון דעם מיידל. ער איז שנעל און ווילד אויפגעשפּרונגען, אַרונטערגעדרייט איר דעם אָרעם און אַנידערגעוואָרפן זי אַ שרייענדיקע אויף דער קאַנאַפּע.

זי איז אומגעפאַלן — אָבער זיך באַלד צוריק אויף די פיס געשטעלט, נאָך איידער ער האָט זיך צוגערירט צו איר. זי האָט געלאַכט, געלאַכט שרעקלעך און לאַנג, אַז ס'האָט אים אַזש אין די אויערן וויי געטון. און ער איז אַרויס אָן אַ וואָרט אַפילו.

זי האָט זיך פאַרמאַכט אין אירע צימערן און איז נישט אַראָפּ-

געקומען, נישט צו דער טיי און נישט צום אָונט־ברויט. זי פּלעגט זיך נישט ווייזן גאַנצע טעג.

ער האָט געבעטלט אונטער איר טיר. ער האָט גערעדט צו איר מיט גוטע געבעטן און געחלשט, זי איז אָבער נישט אַרויסגעגאַנגען צו אים. ער האָט איר אַריינגעשיקט בריוו, באַשווירן זי, צוגעזאָגט וואָס אַמאָל מער, אָבער זי האָט לחלוטין נישט געענטפערט.

ענדלעך, ווען ער האָט אַזוי שוין לאַנג אונטער איר טיר געסקאָמלעט, האָט זי אויפגעעפנט.

— שטילער זײַ — האָט זי געזאָגט — ביסט מיר דערווידער — וואָס ווילסטו?

ער האָט געבעטן, זי זאָל אים מוחל זײַן, אַז ס׳איז געווען עפּעס אַן אַטאַק, אַז ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן. —

— זאָגסט ליגנט — האָט זי רויִק געזאָגט.

דאָ האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַסקע. האָט איר געזאָגט, ווי ער בענקט נאָך איר, ווי ער קען נישט אָטעמען אָן איר. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט זי ליב.

זי האָט אים אויסגעלאַכט. האָט זיך אָבער אַריינגעלאָזט מיט אים אין אונטערהאַנדלונגען, געשטעלט אירע באַדינגונגען.

ער האָט זיך נאָך אַלץ געדונגען, באַמיט זיך וואָס מער אָפּצוהאַנדלען. איינמאָל — איינמאָל נאָר אין דער וואָך זאָל זי צו אים אַלס ייִנגל קומען.

— ניין, — האָט זי אויסגערופן. — יעדן טאָג, אויב ס׳וועט זיך מיר גלוסטן — און לחלוטין נישט, אויב עס וועט מיך נישט גלוסטן.

האָט ער זיך באַנוגנט דערמיט. און פון דעם דאָזיקן טאָג אָן איז ער געוואָרן דער שקלאַף פון דער פרייליין. ער איז געווען איר הונט, האָט אַרומגעטאַנצט אַרום איר, געכאַפּט די שיריים

וועלכע זי האָט בכיוון און מיט עזותדיקע פינגער אַראָפּגעשאַרט פון טיש. זי האָט אים געהייסן אַרומבלאָנקען זיך אין זיין אייגן הויז, ווי אַ קרעציקע חיה, וואָס עסט חסד-ברויט — נאָר ווייל עס גליסט קיינעם נישט זי צו דערהרגענען.

און זי האָט אים געגעבן באַפעלן:

באַזאָרג בלומען, קויף אַ מאַטאָר-שיפל, פאַרבעט אויף היינט ד י הערן און מאָרגן יענע, ברענג מיר דאָס נאָזטיכל. ער האָט גע-פאָלגט. ער האָט זיך געפילט רייך באַלוינט, ווען זי פלעגט אַמאָל פלוצלינג אַראָפּקומען אָלס עטאַנבוי מיט אַ הויכן הוט און גרויסן קיילעכדיקן קאָלנער, ווען זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים דאָס קליינע לאַקירטע שיכל, אַז ער זאָל איר די זיידענע בענדלעך פאַר-שנירן.

טיילמאָל, ווען ער איז געווען אַליין, פלעגט ער זיך אויסרייבן די אויגן. ער האָט פאַמעלעך אויפגעהויבן זיין העטלעכן קאָפּ, גע-שאָקלט אים אַהין און אַהער און געגריבלט זיך, וואָס דאָ איז אייגנטלעך געשען.

איז ער דען נישט געווינט געווען צו הערשן אין משך פון זיין גאַנץ לעבן? האָט דען נישט זיין ווילן רעגירט ביז איצט אין הויז פון די ברינקענס?

ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי ס'וואָלט באַ אים אינ-מיטן מוח אַנטשטאַנען אַ געשוויר, וואָס איז געוואָרן אָנגעשוואָלן און זיך צעוואַקסן און דערשטיקט אַלע געדאַנקען. עפּעס אַ גיפ-טיקער וואָרעם איז אים אַריינגעקראָכן דורכן אויער אָדער נאָז און אים אַ ביס געטון. און איצט פליט ער אַרום האַרט לעבן זיין פּנים און זשוזשעט חוזקדיק פאַר זיינע אויגן.

— פאַרוואָס האָט ער נישט צעטרעטן דעם מיאוסן שרץ?

ער האָט זיך האַלב אויפגעהויבן און געקעמפט מיטן באַ-שלוס.

— דאָס מוז אַמאָל נעמען אַ סוף, — האָט ער גע־מורמלט.

אָבער ווי נאָר ער פלעגט זי דערזען, האָט ער דאָס אַלץ באַלד פאַרגעסן. דאַמאָלס פלעגט זיין בליק טיפער ווערן, זיין אויער שאַרפער, ער פלעגט פאַרנעמען דעם לייכטסטן רויש פון אירע זיי־דענע קליידער. ער האָט אַרומגעשנאַפּט אין דער לופטן מיט זיין שטאַרקער נאָז, אַריינגעזויגן אין זיך דעם ריח פון איר קערפּער. זיינע אַלטע פינגער האָבן געציטערט און זיין צונג האָט געלעקט דאָס שפּייעכץ פון די ליפּן. זיינע אַלע חושים זענען איר נאָכגע־קראָכן גיריק, תאווהדיק, פאַרסמט דורך דער מיאוסער אויסגע־לאַסנקייט. — און דאָס איז געווען דער שטריק, אויף וועלכן זי האָט אים געהאַלטן.

*

* *

הער סעבאַסטיאַן גאַנטראַם איז געקומען קיין לענדעניך. דעם געהיימראַט האָט ער געטראָפן אין דער ביבליאָטעק.

— איר דאַרפט זיין פאַרזיכטיק, — האָט ער געזאָגט, — מיר וועלן האָבן אַ שפּאַר שטיקל אַרבעט, ביז מיר וועלן דאָס אַלץ אין אָרדנונג ברענגען. איר וואָלט זיך באַדאַרפט אַליין דערמיט אַ ביסל מער פאַרנעמען, עקסעלענץ.

— כ'האָב נישט קיין צייט, — האָט געענטפערט דער גע־היימראַט.

— דאָס גייט מיך לגמרי נישט אָן — האָט רויק געזאָגט גאַנ־טראַם — איר מוזט געפינען צייט. איר אינטערעסירט זיך מיט גאָר־נישט אין די לעצטע פּאָר וואָכן — און לאָזט אַלץ איבער אויף גאַטס באַראָט. גיט אַכטונג, עס קאָן נאָך עפּעס אַרויסקומען דערפון.

— אַך — האָט געחזרט דער געהיימראַט — וואָס איז דאָס געשען?

— איך האָב דאָך אייך געהאַט געשריבן — האָט געענטפערט דער אַדוואָקאַט, — אָבער מיר דאַכט זיך, אַז איר לעזט אפילו נישט מיינע בריוו. דער פריִערדיקער דירעקטאָר פון דעם וויסבאַדענער מוזעום האָט אָנגעשריבן אַ בראָשור — וועגן דעם ווייסט איר דאָך — אין וועלכער ער באַווייזט אַלדאָס ביז! ער איז דערפאַר אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט. ער האָט פאַרלאַנגט עקספערטן — און איצט האָט די קאָמיסיע באַטראַכט איירע אויסגראָבונגען, אין דעם גרעסטן טייל פון זיי דערקלערט אַלס פאַלשע. די גאַנצע פרעסע איז פול דערמיט — דער אָנגעקלאָגטער וועט זיכער באַפרייט ווערן! — האָט געזאָגט דער געהיימראַט.

— לאָזט אים צורו!

— מילא, פאַרמיינטוועגן איז — אדרבא, אויב איר ווילט אַזוי! — האָט פאַרטגעזעצט באַנטראַם. — ער האָט אָבער אַריינגעטראָגן צו דער פראָקוראַטור אַ נייע אָנקלאַגע קעגן אייך, און די מאַכט האָט זי געמוזט אָננעמען — איבעריקנס, איז דאָס נאָך ווייט נישט אינגאַנצן, אין דער קאָנקורס־מאַסע פון דער גערסטנבערגער אייזן־הוטע, האָט דער קאָנקורס־פאַרוואַלטער אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע, קעגן אייך, אויפן סמך פון געוויסע דאָקומענטן, וועגן בילאַנס־פעלשונג און שווינדלערישן באַנקראָט; אַן ענלעכע אָנקלאַגע, ווי איר ווייסט שוין, האָט אַריינגעטראָגן די ציגל־פאַבריק אין קאַרפען. און לסוף האָט דער אַדוואָקאַט קראָמער, וועלכער פאַרטרעט דעם בלעכער האמעכער דורכגעפירט, אַז די פראָקוראַטור האָט פאַראָרדנט אַ מעדיציניש אונטערזוכונג פון זיין טעכטערל.

— דאָס קינד זאָגט ליגנט, — האָט אויסגערופן דער פראָפעסאָר, — דאָס איז אַ היסטעריש שנעקל.

— איז אַוודאי גוט, — האָט צוגעגעבן דער אַדוואָקאַט, — וועט זיך אַרויסווייזן איער אומשולד. ווייטער האָבן מיר אַן אָנקלאַגע פון דעם סוחר מאַטיעזען, וועגן אַנטשעדיקונג און אָפּצאָלונג

פון פופציק טויזנט מאַרק. דאָרט מעלדעט ער, אַז ער האָט איינ־צייטיק אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע וועגן שווינדל. אין די נייע אַקטן פון דעם ענין פּלוטוס — ג. מ. ב. ה. וואַרפט אייך דער קעג־נערישער אַדוואָקאַט פאָר פעלשונג פון דאָקומענטן און דערקלערט אויך איינצייטיק, אַז ער וועט אָננעמען די געהעריקע שריט פאַר אַ געריכטלעכער אויספאָרשונג. ווי איר זעט אַלזאָ, עקסעלענץ, מערן זיך די ענינים, ווען איר קומט נישט אַ געוויסע צייט אין ביוראָ. עס גייט נישט אַוועק קיין איין טאָג, אַז עס זאָל נישט זיין עפּעס נייס.

— איר האָט שוין געענדיקט, — האָט הויך אויסגערופן דער געהיימראַט.

— ניין, — האָט גלייכגילטיק געזאָגט הער גאָנטראַם, — נאָך כּלל נישט. דאָס זענען נאָר געווען עטלעכע אויסגעקליבענע בלו־מען פון דעם דאָזיקן בוקעט, וועלכער וואַרט אייך אָפּ אין שטאָט איך ראָט אייך אומבאַדינגט, עקסעלענץ, פאָרט אין שטאָט — מאַכט נישט אַוועק מיט דער האַנט די דאָזיקע זאַכן.

אָבער דער געהיימראַט האָט געענטפערט:

— כ'זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז כ'האָב נישט קיין צייט, איר דאַרפט מיך צורו לאָזן מיט די אַלע קלייניקייטן.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך אויפגעהויבן, אַריינגעלייגט זיינע אַקטן אין דער לעדערנער טעקע און זי זאָרגפעלטיג פאַרמאַכט.

— ווי איר ווילט, — האָט ער געזאָגט. — איבעריקנס זייט וויסן, אַז ס'טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, אַז די מילהיימער קרעדיט־באַנק וועט די טעג אָפּשטעלן דאָס אויסצאָלן.

— עט, נאַרישקייטן, — האָט ער געענטפערט — איבעריקנס, האָב איך דאָרט כמעט גאָר קיין געלט נישט שטעקן.

— ניין? — האָט געפרעגט עטוואָס פאַרחידושט דער הער גאָנטראַם. — איר האָט דאָך ערשט מיט אַ האַלב יאָר פריער גע־

שטיצט די דאָזיקע אינסטיטוציע מ״ט איבער עלף מיליאָן, כדי צו האָבן אַ זיכערע קאָנטראָל איבער די זאַלצן?! כ׳האָב דאָך אַליין געמוזט צוליבן דאָזיקן צוועק פאַרקויפן די גרובן־אָבליגאַציעס פון דער פירשטין וואָלקאָנסקי.

דער עקסעלענץ טען ברינקען האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— דער פירשטינס — נו, יאָ, — בין איך דען די פירשטין?

דער אַדוואָקאַט האָט באַדויערלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זי וועט פאַרלירן איר געלט, — האָט ער געמורמלט.

— וואָס גייט דאָס מיך אָן? — האָט אויסגערופן דער געהיימראַט. — יעדנפאַלס וועלן מיר זען, וואָס עס וועט זיך נאָך לאָזן אָפּראַטעווען.

ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען פויקן מיט די פינגער איבערן שרייב־טיש.

— איר זענט גערעכט, הער אַדוואָקאַט, איך דאַרף זיך אַביסל מער פאַרנעמען מיט מיינע ענינים. וואַרט אויף מיר, איך בעט אייך, אַרום זעקס אַזייגער אין ביורא — אַ דאַנק אייך.

ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט און אַרויסבאַגלייט ביז צו דער טיר.

ער איז אָבער דעם דאָזיקן נאָכמיטאָג נישט געפאָרן אין שטאָט אַריין. צוויי אָפיצירן זענען געקומען צו דער טיי, ער האָט אַרומגעשלייכט איבער די צימערן, ער פלעגט אַריינקומען, כדי כלומרשט עפּעס צו נעמען, ער האָט זיך נישט געטרויט פון דער שטוב אַוועקצוגיין. ער איז געווען איבערזיכטיק אויף יעדן מענטש, מיט וועלכן אַלרוינע האָט גערעדט, אויף דער שטול, ווו זי איז געזעסן, אויף דעם דיוואַן, ווו איר פוס האָט געטרעטן.

און ער איז נישט געגאַנגען, נישט צומאַרגנס און נישט אי־

בערמאָרגן. דער אַדוואָקאַט האָט געשיקט איין שליח נאָכן צווייטן. ער האָט זיי אָוועקגעשיקט אָן אַן ענטפער. ער האָט פאַרמאַכט דעם טעלעפאָן, מ'זאָל אים נישט רופן.

דאַמאָלס האָט זיך דער אַדוואָקאַט געווענדט צו דער פרײלין און דערקלערט איר, אַז דער געהיימראַט איז אומבאַדינגט נייטיק אין ביוראָ. זי האָט געקלונגען נאָכן אויטאָ, געשיקט דאָס שטוב־מיידל אין דער ביבליאָטעק און געהייסן זאָגן דעם געהיימראַט, אַז ער זאָל זיך גרייט מאַכן און פאָרן מיט איר אין שטאָט.

ער האָט אַזש אויפגעציטערט פאַר שמחה. — דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט וואָכן לאַנג, אַז זי זאָל מיט אים וועלן אַרויספאָרן. ער האָט געהייסן אַרויפוואַרפן אויף זיך דעם פעלץ, איז אַראָפּ אויפן הויף, געעפנט דאָס טירל פון דער קאָטש.

זי האָט גאָרנישט גערעדט צו אים, ער אָבער האָט זיך געפילט גליקלעך שוין פון דעם, וואָס ער קען זיצן לעבן איר. זי איז גלייך פאַרפאָרן צו דער ביוראָ און געהייסן אים אויסשטייגן.

— וווהין פאָרסטו? — האָט ער געפרעגט.

— איינקויפן, — האָט זי געענטפערט.

און ער האָט געבעטן:

— וועסט קומען נאָך מיר?

זי האָט געשמייכלט:

— כ'ווייס נאָך נישט, אפשר.

שוין פאַרן דאָזיקן „אפשר" איז ער איר געווען דאַנקבאַר.

ער איז אַרויף אויף די טרעפּ און געעפנט לינקס די טיר פון יוסטיצראַטס צימער.

— אָט בין איך דאָ, — האָט ער געזאָגט.

דער יוסטיצראַט האָט אים אונטערגערוקט אַ גאַנצן שטויס מיט אַקטן.

— דאָס איז דאָס גאַנצע פּעקל — האָט ער צוגעשאָקלט

מיטן קאָפּ, — אַ שפּאַרע זאַמלונג. דערצו, נאָך אַ פּאָר אַלטע זאַכן, וועלכע מ'קען האָט שוין לאַנג געהאַלטן פאַר דערליידיקטע, זענען אויפסניי אַרויפגעשווומען. און פון אייערנעכטן אָן דריי נייע.

דער געהיימראַט האָט אַ זיפץ געטאָן:

— עס איז אַ ביסל צופיל. — אפשר וועט איר מיך אינפאָרמירן, הער יוסטיצראַט.

גאָנטראַם האָט געדרייט מיטן קאָפּ:

— איר וועט מוזן אונטערוואַרטן, ביז מאַנאַסע וועט קומען, ער אָריענטירט זיך בעסער. — ער דאַרף תיכּף דאָ זיין, איך האָב אים געהייסן רופן. ער איז נאָר וואָס געגאַנגען צום אויספאָרשונגס־ריכטער וועגן האַמאַכערס ענין.

— האַמאַכער? — האָט דער געהיימראַט געפרעגט. — ווער איז דאָס פאַר איינער.

— דער בלעכער — האָט דערמאַנט דער יוסטיצראַט — די מעדיציניש עקספּערטיזע איז זייער אַ שטרענגע. די פּראָקוראַטור האָט פאַראָרדנט די ערשטע אויספאָרשונג — דאָ ליגט די מעלדונג — בכלל, דאַכט זיך מיר, איז די דאָזיקע זאַך די וויכטיקסטע.

דער געהיימראַט האָט גענומען די אַקטן, אַדורכגעוואָרפן איין העפט נאָכן צווייטן. ער איז אָבער געווען אומרויק, האָט נערוועז זיך צוגעהערט צו יעדן קלונג פון גלאָק, צו יעדן טריט, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין קאָרידאָר.

— איך האָב זייער ווייניק צייט, — האָט ער געזאָגט.

דער יוסטיצראַט האָט געהויבן מיט די אַקסלען און פאַרייכערט געמיטלעך אַ פרישן ציגאַר.

זיי האָבן געוואַרט, אָבער דער אַדוואָקאַט איז נישט געקומען. גאָנטראַם האָט טעלעפאָנירט אין זיין ביוראָ, דערנאָך אין געריכט, ער האָט אים אָבער אין ערגעץ נישט געקענט דערשנאַפּן.

דער פּראָפעסאָר האָט די אַקטן אָפּגערוקט אין אַ זייט.

— איך קען זיי היינט נישט לייענען, — האָט ער געזאָגט. — עס אינטערעסירט מיך איבעריקנס אַזוי ווייניק.

— אפשר זענט איר קראַנק, עקסעלענץ? — האָט געזאָגט דער יוסטיצראַט. ער האָט געהייסן ברענגען ווין און סעלצער־וואַסער.

דערנאָך איז געקומען די פרײַלין. דער געהיימראַט האָט געהערט ווי דער אויטאָ פאָרט צו, איז ער אויפגעשפרונגען פון אָרט, אַ כאַפּ געטון דעם פעלץ און איר אַרויס אַנטקעגן.

— ביסט שוין פאַרטיק? — האָט זי אויסגערופן.

— נאַטירלעך, — האָט ער געענטפערט, — פולשטענדיק. אָבער דער יוסטיצראַט האָט איבערגעריסן:

— עס איז נישט אמת, פרײַלין, מיר האָבן נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן, מיר וואַרטן אויפן אַדוואָקאַט מאַנאַסע.

דער אַלטער האָט זיך אַ בייזער געטון:

— עס איז אַן אומזין! דאָס זענען אַלץ נישט קיין וויכטי־קע ענינים. איך פאָר מיט דיר, קינד.

זי האָט אַ קוק געטון אויפן יוסטיצראַט, און דער האָט געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, אַז זיי זענען זייער וויכטיק פאַר אייער פאַפאַ.

— ניין, ניין, — האָט זיך אײַנגעעקשנט דער געהיימראַט. אַלרוינע אָבער האָט דעצידירט:

— דו וועסט בלייבן —

— אַדיע, הער גאָנטראַם, — האָט זי אויסגערופן. זי האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

ער איז צוריק אַרײַנגעגאַנגען אין צימער, צוגעגאַנגען צום פענסטער, געזען ווי זי זיצט אויף אין מאָרט אָפּ. און ער איז נאָך

אַלץ ווייטער אַזוי געשטאַנען און פּאַרקוקט זיך אויפן בין השמשות אין דרויסן.

גאַנטראַם האָט אָנגעצונדן דעם גאַז, זיך רויק געזעסן אין זיין פאַטעל, געררייכערט און געטרונקען זיין חיין.

זיי האָבן געוואַרט. דאָס ביורא איז געשלאָסן געוואָרן, איי־נער נאָכן אַנדערן זענען אַוועק די אָנגעשטעלטע, האָבן געעפנט זייערע שירמען און געטאָפּטשעט אין דער קלעבעדיקער בלאָטע פון גאַס. דיביידע האָבן נישט גערעדט קיין וואָרט.

ענדלעך איז מאַנאַסע געקומען. ער איז שנעל אַרויפגעלאָפן אויף די שטיגן, אויפגעפראַלט האַסטיק די טיר.

— גוטן אָוונט, — האָט ער אַ ברום געטון, אַוועקגעשטעלט דעם שירם אין אַ ווינקל, אויסגעטון די קאַלאָשן און אַרויפגעוואָרפן דאָס נאַסע מאַנטל אויף דער סאָפע.

— עס איז שוין די העכסטע צייט — אומבאַדינגט די העכס־טע צייט! — האָט ער צוגעוואָרפן, ער איז צוגעגאַנגען צום גע־היימראַט, ברייט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים און אים אַריינגע־שריגן גלייך אין פנים אַריין:

— דער אַרעסט־באַפעל איז אַרויסגעגעבן.

— אַך, וואָס שוין ווידער! — האָט געסיקעט דער געהיים־ראַט.

— אַך, וואָס שוין ווידער! — האָט נאָכגעשפּעט דער אַד־וואָקאַט. — איך האָב אים אַליין געזען, איך מיט מיינע אייגענע אויגן. — וועגן פאַמעבערס ענין! צום שפּעטסטן מאָרגן אינדערפרי ווערט ער אויסגעפירט.

— מיר מוזן לייגן קויציע, — האָט געלאָסן באַמערקט דער יוסטיצראַט.

דער קליינער מאַנאַסע איז אויפגעשפּרונגען.

איר מיינט אַפּנים, אַז איך האָב אויך נישט געטראַכט וועגן

דעם? — כ׳האָב גלייך פאַרגעלייגט קויציע — תיכף אַ האַלבן מי־ליאָן — אָפּגעוואָרפן! די שטימונג פון געריכט האָט זיך פּלוצלינג געענדערט, עקסעלענץ, אַזוי ווי כ׳האָב עס תמיד געטראַכט. דער פּראָקוראָר האָט גאַנץ קאַלט דערקלערט:

— אייער פאָרשלאַג גיט איבער שריפטלעך. — איך מיין אָבער, אַז ס׳וועט האָבן אַ גאָר קנאַפּע פּעולה.

— אונדזער מאַטעריאַל איז פּשוט דערדריקנדיק — ס׳פּאָדערט זיך אַלזאָ גאָר שטאַרקע פאָרזיכטיקייט — דאָ האָט איר זייַנע אייגענע ווערטער! ס׳איז אַ קנאַפּע טרייסט, וואָס?

ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ פול גלעזל און אויסגעטרונקען מיט עטלעכע קורצע זיפּן.

— כ׳קען אייך נאָך מער זאָגן, עקסעלענץ! כ׳האָב געטראָפן אין געריכט דעם אַדוואָקאַט מייער II., אונדזער קעגנער אין ענין געסקענבערג: ער פאַרטרעט אויך די געמיינדע הוקינגען, וועלכע האָט נעכטן אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע. כ׳האָב אים געבעטן אַז ער זאָל אויף מיר וואַרטן און האָב געהאַט מיט אים אַ לענגערן שמועס; דאָס איז אויך איינס פון די סיבות, פאַרוואָס כ׳בין אַזוי שפּעט געקומען, הער קאָלעגע — ער האָט מיר געזאָגט דעם גאַנצן אמת. מיר זענען אין אונדזער געריכט לאָיאַל אָקעגן זיך, גאָט צו דאַנקען! כ׳האָב זיך אַלזאָ דערוווּסט, אַז די אַדוואָקאַטן פון צד־שכנגד האָבן זיך פאַרייניקט און האָבן טאַקע נעכטן אָפּגעהאַלטן אַ לענגערע קאָנפערענץ. ס׳זענען אויך געווען אָנוועזנד עטלעכע פּרעסע־רעפּאָרטערן — צווישן זיי דער רירעוודיקער דר. לאַנדמאַן פון „גענעראַלאַנצייגער“. און איר ווייסט דאָך, עקסעלענץ, אַז איר האָט נישט שטעקן אין דער דאָזיקער צייטונג קיין איין פּרוטה — די ראָלן זענען גוט פאַרטיילט, כ׳קען אייך ערב זיין, אַז דאָס מאָל וועט איר זיך נישט אַזוי לייכט אַרויסדרייען פון דער נעץ!

איצט האָט זיך דער געהיימראַט געווענדט צו גאַנטראַ־מען:

— ווי איז אייער מיינונג, הער יוסטיצראַט?

— אָפּוואַרטן — האָט ער דערקלערט — ס'וועט זיך נאָך אַלץ געפינען עפּעס אַן אויסוועג.

אָבער מאַנאַסע האָט געשריגן:

— און איך זאָג אייך, אַז מען וועט נישט געפינען קיין שום אויסוועג! די פּעטלע איז פאַרוואָרפן און מ'וועט זי אויך צוציִען, און איר וועט הענגען, עקסעלענץ, אויב איר וועט פריִער נישט אַ קאָפּ טון דאָס תליה-לייטערל און עס אומוואַרפן!

— נו, וואָס-זשע פאַר אַן עצה גיט איר מיר? — האָט גע־פרעגט דער פּראָפעסאָר.

— די זעלבע, וואָס כ'האָב געגעבן דעם אָרעמען דר. מאָהנען, וועלכן איר האָט אויף אייער געוויסן, עקסעלענץ. ס'איז געווען אַ געמיינהייט פון אייער זייט — אָבער וואָס וועט עס העלפן, אויב איך וועל אייך איצט זאָגן דעם אמת אין פּנים אַריין? כ'ראָט אייך תיכף צו פאַרקויפן אַלץ, וואָס ס'לאָזט זיך נאָר. איבעריקנס, קע־נען מיר דאָס מאַכן אָן אייך אויך. איר זאָלט מאַכן ס'פּעקל און נעלם ווערן — נאָך היינט באַנאַכט — אָט דאָס איז מיין עצה.

— מ'וועט באַכשיקן שטעקבריוו — האָט זיך אַריינגעמישט דער יוסטיצראַט.

— אַוודאי, — האָט אויסגערופן מאַנאַסע — מען וועט עס אָבער טון אָן ספּעציעלער שטרענגקייט. כ'האָב שוין גערעדט וועגן דעם מיט מיין קאָלעגע מייער, ער האַלט אויך דאָס אייגענע. עס ליגט נישט אין אינטערעס פון די קעגנער דאָס אַרויסרופן פון אַ סקאַנדאַל, און די מאַכט וועט אויך שטאַרק צופרידן זיין, אויב זיי וועלן דאָס קענען אויסמיידן. מען וויל אייך נאָר מאַכן אומשעד־לעך, עקסעלענץ, און אַז ס'זאָל נעמען אַ סוף צו אייערע שווינדלע־

רייען, און דערויף — מעגט איר מיר גלייבן — וועלן זיי איצט געפינען גענוג מיטלען. אויב איר וועט אָבער נעלם ווערן, און וועט אייך ערגעץ־ווו אין אויסלאַנד לעבן שטיל און רויִק, וועלן מיר דאָ קענען אַלץ רויִק דורכפירן; דאָס וועט, וואָס אַן אמת, אָפּקאָסטן אַן אוצר מיט געלט — אָבער אין דעם גייט אייך נישט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

דער עקסעלענץ טען ברינגקען האָט מיט פאַמעלעכע און שלעפעריקע טריט געשפּאַנט אַהין און צוריק איבערן צימער.

—ווי לאַנג מיינט איר, דאַרף איך דאָרטן בלייבן? — האָט ער ענדלעך געפרעגט.

דער קליינער אַדוואָקאַט האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו אים.

— ווי לאַנג? — האָט ער אויסגעבילט — וואָס איז דאָס פאַר אַ שאלה? אַזוי לאַנג, ווי איר וועט לעבן! איר דאַרפט זיך פילן גליקלעך, וואָס ס'איז אייך ווייניקסטנס איבערגעבליבן די דאָזיקע מעגלעכקייט; ס'איז זיכער אַ־גענעמער צו געניסן פון די מיליאָנען ערגעץ אין אַ ווילע אויף דער ריוויערע, איידער צו ענדיקן דאָס לעבן אין אַ תפיסה. און ס'וואָלט דערצו געקומען, כ'קען אייך הייליק פאַרזיכערן. איבעריקנס, האָט די מאַכט אַליין געעפנט אַ טירל, דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אַפילו שוין היינט אינדערפרי געקענט אונטערשרייבן דעם באַפעל צו אַרעסטירן אייך. ער וואָלט עס שוין זיכער איצט געווען אויסגעפירט. זיי זענען אויסטערליש אָרנטלעך, די דאָזיקע לייט. אָבער זיי וועלן עס אייך כלל נישט מוחל זיין, אויב איר וועט דאָס דאָזיקע טירל נישט אויסנוצן. זיי וועלן דאַן געצוווּנגען זיין צו מעשים — כאָ פאַרשטייט־זשע אַליין: דאַמאָלס, עקסעלענץ, שלאָפט איר היינטיקע נאַכט דאָס לעצטע מאָל אַלס פרייער מענטש.

דער יוסטיצראַט האָט צוגעגעבן:

— פּאַרט אַוועק! — נאָך אַלעמען, דאַכט זיך מיר אויך, אַז דאָס איז שוין דאָס בעסטע.

— אָ, יאָ, — האָט מאַנאַסע געבילט — דאָס בעסטע. דאָס בעסטע, און אפילו דאָס איינציקע! פּאָרט אַוועק! ווערט ערגעץ נעלם! גייט אַראָפּ פון דער סצענע — אויף תמיד — און נעמט אייך מיט אייער טאָכטער — לעגענדעניך וועט אייך זיין דערפאַר דאַנקבאַר און אפילו די גאַנצע שטאָט אויך.

איצט האָט דער געהיימראַט זיך פּלוצלינג גענומען איינהערן. צום ערשטן מאָל אין דעם דאָזיקן אָוונט איז זיין פּנים אַ ביסל לעבעדיקער געוואָרן, ס'האָט זיך אַראָפּגערוקט די פּאַרגלייווערטע אַפּאַטישע מאַסקע, אויף וועלכער ס'האָט ווי אַ קליין ליכטל געציטערט אַ נערוועזע אומרויִקייט.

— אַלרייטע, — האָט ער געפּליסטערט — אַלרייטע — ווען זי וואָלט מיט מיר געפאָרן —

ער האָט זיך געריבן מיט דער אומגעלומפּערטער האַנט זיין גרויסן שטערן אַהין און צוריק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, געבעטן אַ גלעזל וויין, און עס אויסגעטרונקען.

— כ'מיין, אַז איר האָט רעכט, מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט, — איך דאַנק אייך. זייט אַזוי גוט און מאַכט מיך נאָכאַמאָל קלאָר וועגן דעם אַלעם.

ער איז צוגעגאַנגען צו די אַקטן, גענומען דעם ערשטן פון אויבן.

— ציגל־פאַבריק אין קאַרפּען — ביטע —

דער אַדוואָקאַט האָט רויִק און זאַכלעך אָנגעהויבן זיין רעפעראַט. ער האָט גענומען די אַקטן לויטן סדר, איבערגעלייגט אַלע מעגלעכקייטן, יעדע קלענסטע אויסזיכט פון פאַרטיידיקונג. און דער געהיימראַט האָט זיך גוט צוגעהאָרכט, אַריינגעוואָרפן צייטנווייז אַ וואָרט, אויסגעפונען טיילמאָל עפּעס אַ נייע מעגלעכקייט, ווי אַמאָל

אין די אַלטע גוטע צייטן. וואָס אַמאָל קלאָרער, וואָס אַמאָל אַלץ דייטלעכער: ס'האָט זיך געדאַכט, ווי מיט יעדער נייער סכּנה וואָלט זיך געוועקט זיין אַמאָליקע עלאַסטישקייט.

אַ געוויסע צאָל ענינים האָט ער לגמרי אויסגעשלאָסן, אַלס פאַרהעלטנישמעסיק קנאַפּ געפּערלעכע, עס זענען אָבער נאָך אַלץ געבליבן געגנוג אַזעלכע, וואָס וואָלטן אים געמוזט דעם קאָרק אַראָפּדרייען. ער האָט דיקטירט אַ סך בריוו, געגעבן אַ סך אָנווייזונגען. ער האָט געמאַכט נאָטיצן, אָנגעוואָרפן פאַרשלאַגן און אָנקלאַגעס — ער האָט צוזאַמען מיטן אַדוואָקאַט דורכגעקוקט די רייזע-קאַרטע, געמאַכט דעם פּלאַן פון זיין נסיעה, געגעבן גענויע אינסטרוקציעס אויף דער נאָענטסטער צוקונפט.

און ווען „ער האָט פאַרלאָזט דאָס ביוראָ, האָט ער זיך געזאָגן, אַז ער האָט געבראַנגט זיינע ענינים אין אָרדנונג.

ער האָט געדונגען אַן אויטאָמאָביל און איז אַוועקגעפאָרן קיין לענדעניך, רויק און פול מיט בטחון. און ערשט, ווען דער דינער האָט אים דאָס טויער געעפנט, ווען ער איז געגאַנגען איבערן הויף און אויף די שטיגן פון פּאַלאַץ, האָט אים זיין זיכערקייט פאַרלאָזט.

ער האָט געזוכט אַלרוינען און געהאַלטן פאַר אַ גוטן סימן דאָס, וואָס ס'איז נישט געווען קיינער פון די געסט. ער האָט זיך דערוווּסט באַם שטוב-מיידל, אַז זי האָט אַליין געגעסן אָונט-ברויט און איז איצט אין איר צימער; איז ער אַרויפגעגאַנגען אויבן, אָנגעקלאַפּט, און אויף איר: „ביטע", איז ער אַריין אין צימער.

— איך מוז זיך מיט דיר אַדורכשמועסן, — האָט ער געזאָגט.

זי איז געזעסן באַם שרייב-טיש, געכאַפּט אַ קוק אויף אים.

— ניין, — האָט זי אויסגערופן. — איך בין איצט נישט גענייגט.

— עס איז זייער אַ וויכטיקער ענין, — האָט ער געבעטן. — מען קען עס נישט אָפּלייגן.

זי האָט אים אָנגעקוקט, לייכט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס.

— איצט נישט, — האָט זי אָפּגעענטפערט, — גיי אַראָפּ אונטן. — אין אַ האַלבער שעה אַרום.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּעלץ און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע. און ער האָט זיך איבער־געלייגט, ווי אַזוי ער זאָל עס איר זאָגן, געוויגן יעדן זאַץ און יעדעס וואָרט.

נאָך אַ גוטער שעה האָט ער דערהערט אירע טריט, ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער טיר — „דאָ איז זי שוין געשטאַנען פאַר אים אַלס לופט־בוי אין אַ שאַרלאַך־רויטן געפּאַסטן אוניפאָרם.

— אַך — דאָס איז שיין פון דיין זייט.

— אַלס באַלוינונג, — האָט זי געלאַכט. — דערפאַר ווייל דו ביסט היינט געוועזן אַזוי געהאָרכזאַם, — און איצט רעד. וואָס איז געשען?

דער געהיימראַט האָט גאָרנישט פאַרהוילן, דערציילט איר אַלץ, ווי עס איז געווען, מיט אַלע קלייניקייטן, אָן איבעריקע הוספות, און זי האָט אים נישט איבערגעריסן, געלאָזט אים רעדן און זיך מתוודה זיין.

— אין תוך גענומען, איז עס דיין שולד, — האָט ער גע־זאָגט. — איך וואָלט זיך שוין מיט דעם אַלעם גאַנץ לייכט אַן עצה געגעבן, אָבער איך האָב דאָס אַלץ פאַרנאַכלעסיקט, ווייל איך האָב זיך פאַרנומען נאָר מיט דיר, און דערווייל זענען דער הידרע די קעפּ אָנגעוואַקסן.

— די שלעכטע הידרע — האָט זי געחוזקט, — און איצט

טוט זי אָן דעם פיינעם אָרימען הערקולעס אזוי פיל צרות? אי־בעריקנס דאַכט זיך מיר, אַז דאָסמאָל איז דער העלד דער גיפּ־טיקער דראַב. און דער שרעקלעכער שלאַנג, דער בעל־נקמה.

— אַוודאי, — האָט ער באַשטעטיקט, — פון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. זיי האָבן זיך זייער „רעכט פאַר אַלע” — איך האָב מיר באַשאַפן מיינע אייגענע. און דאָס איז אייגנטלעך מיין גאַנץ פאַרברעכן — איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט עס פאַרשטיין.

זי האָט זיך פריילעך צעלאַכט:

— אַוודאי, טאַטעלע, פאַרוואָס דען נישט? מאַך איך דיר דען פאַרוואורפן? — נו, זאָג-זשע איצט, וואָס האָסטו דו בדעה צו טון?

ער האָט איר דערקלערט, אַז זיי מוזן אַנטלויפן, נאָך אין דערזעלבער נאַכט. — מ'קאָן אַרומרייזן, באַקוקן אַ שטיקל וועלט. כּודם-כּל קיין לאָנדאָן, אָדער פּאַריז — דאָ קען מען אַ ביסל פאַר־בלייבן, און זיך פאַרזעען מיט אַלעם נייטיקן. און דערנאָך איבער דעם אָקעאַן דורך אַמעריקאַ, קיין יאַפּאַן — אָדער אויך קיין אינ־דיע. נאָר ווי זי וועט וועלן. אָדער אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע, מ'דאַרף זיך כּלל נישט איילן, צייט איז פאַרהאַן גענוג און צום סוף קיין פּאַלעסטינע, גריכנלאַנד, איטאַליע און שפּאַניע, ווו ס'וועט איר געפעלן, דאָרט וועט מען פאַרבלייבן; און מ'וועט אַרויספאָרן, ווען זי וועט שוין האָבן גענוג. צום סוף וועט מען ערגעץ קויפן עפּעס אַ שיינע ווילע באַ דער גאַרדאַ-אָזיערע אָדער אויף דער ריוויערע, מיט אַ גרויסן פּאַרק באַטירלעך. זי וועט האָבן אירע איי־גענע פערד, אירע אויטאָמאָבילן, איר יאַכט. זי וועט קענען מאַכן אויפנאַמען, און פירן אַ ברייט הויז.

ער האָט נישט געקאַרגט קיין צוזאָג, האָט אין ליכטיקע פאַרבן געמאָלט אַלע פאַרכאַפּנדיקע הערלעכקייטן. ער האָט כּסדר

אויסגעפּונען עפּעס נייס און ספּעציעל רייצנדיקס. ענדלעך האָט ער אָפּגעהאַקט און אַ פרעג געטון:

— נו, קינד, וואָס זאָגסטו דערצו? צי וואָלסטו דען נישט געוואָלט דאָס אַלץ זען? ווילט זיך דיר נישט אַזוי לעבן?

זי איז געזעסן אויפן טיש, און געוויגט אירע שלאַנקע פיס.

— אוודאי, — האָט זי באַשטעטיקט, — אַפילו גאַנץ שטאַרק — נאַר —

— נאַר? — האָט ער שנעל געפרעגט, — האָסטו נאָך עפּעס אַ באַגער — טאָ זאָג אים! כ׳וועל אים דיר זיכער דערפילן.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— נו, דערפיל מיר אים, אדרבה! — כ׳וויל זייער שטאַרק אַרומרייזן — אָבער נישט מיט דיר!

דער געהיימראַט האָט זיך צוריקגעצויגן, כמעט אַ וואַקל געטון אומצופאַלן. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן אָנלען פון דער שטול, האָט געזוכט ווערטער, אָבער ער האָט נישט געקענט געפינען קיין איינס.

און זי האָט געזאָגט:

— מיט דיר וואָלט מיר געווען לאַנגוויילִיק. — ביסט מיר דערווידער! — אָן דיר!

ער האָט אויך אָנגעהויבן לאַכן, באַמיט זיך איינצורעדן, אַז זי שפּאַסט.

— אָבער טאַקע איך דאַרף דאָך דאָס אָוועקפאָרן, — האָט ער געזאָגט. — כ׳מוז נאָך היינט באַנאַכט פאָרן!

ער האָט זי געוואָלט אָנכאַפּן בײַ די הענט, אָבער זי האָט זיי פאַרלייגט אַהינטער.

— און דו, אַלרוינע? — האָט ער געפרעגט.

— איך! — האָט זי געזאָגט, — איך וועל בלייבן.

ער האָט אויפסנײ אָנגעהויבן, געבעטן און געחלשט, געזאָגט אַז ער דאַרף זי האָבן ווי לופט צום אָטעמען. אַז זי דאַרף זיך איבער אים מרחם זיין — אינגיכן וועט ער ענדיקן אַכציק יאָר, ער וועט אַלזאָ נישט לאַנג זי באַלעסטיקן. דערנאָך האָט ער ווידער געדראָט, געשריגן, אַז ער וועט זי מאַכן פאַר אויס יורשטע, ער וועט זי אויף דער גאַס אַרויסוואַרפן אָן אַ גראָשן! —

— פרווו נאָר! — האָט זי איבערגעריסן.

ער האָט נאָך אַלץ גערעדט, אויסגעמאָלט פאַר איר דעם פאַרשידנפאַרביקן לוקסוס, מיט וועלכן ער וועט זי אַרומרינגלען זי וועט זיין פריי, ווי קיין שום אַנדער מיידל, וועט קענען טון, וואָס איר וועט זיך נאָר גלוסטן, עס וועט נישט זיין קיין איין באַגער, קיין איין געדאַנק, וואָס ער זאָל אים איר נישט פאַרווירקלעכן. נאָר זאָל זי מיט אים מיטפאָרן — נישט לאָזן אים אַליין.

זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— מיר געפעלט דאָ גאַנץ גוט. איך האָב קיין שום שלעכטס נישט געטון — איך בלייב.

זי האָט דאָס געזאָגט רויק און שטיל. זי האָט אים אויך נישט איבערגעריסן, געלאָזט רעדן און צוזאָגן כסדר אויפסנײ. אָבער זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ, ווען ער האָט געפרעגט.

ענדלעך איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש, האָט מיט לייכטע טריט אים אויסגעמיטן און געאײלט צו דער טיר.

— עס איז שוין שפּעט, — האָט זי געזאָגט, — איך בין מיד. איך וויל זיך לייגן שלאָפן. — אַ גוטע נאַכט, טאַטעלע, אַ גריקלעכע רייזע.

ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג, האָט געמאַכט דעם לעצטן פרווו. ער האָט זיך פאַרופן אויף דעם, וואָס ער איז איר פאָטער, גערעדט ווי אַ פּאַסטאָר וועגן די פליכטן פון אַ קינד. דע-רויף האָט זי זיך צעלאַכט:

— כדי כ'זאָל גיין אין הימל אַריין?

זי איז געשטאַנען לעבן דער סאָפע, און האָט זיך געזעצט רייטנדיק אויפן אָנלען.

— ווי געפעלט דיר מיין פוס! — האָט זי פלוצלינג אויסגערופן, און אויסגעשטרעקט צו אים איר שלאַנקן פוס און געוויגט מיט אים אין דער לופטן אהין און צוריק.

ער האָט געקוקט אויף איר פוס. ער האָט פאַרגעסן, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט שוין מער נישט געטראַכט וועגן אַנטלויפן, וועגן דער סכנה, וואָס דראָט אים. ער האָט מער גאָרנישט געזען, גאָרנישט געפילט — אַ חוץ דעם שאַרלאַך-רויטן יינגלשן פוס, וואָס האָט זיך געוויגט אַרויף און אַראָפּ פאַר זיינע אויגן.

— איך בין זייער אַ גוט קינד — האָט זי געפּלאַפּלט — זייער אַ ליב קינד, וואָס פאַרשאַפט איר נאַרישן פאָטערל אַ סך נחת — קוש מיין פוס, טאַטעלע, גלעט מיין שיינעם פוס, טאַטעלע!

דאָ איז ער שווער אַראָפּגעזונקען אויף די קני, האָט אָנגעכאַפּט דעם רויטן פוס, געבלאָנדזשעט מיט ציטעריקע פינגער איבער דער היפּט און די פעסטע לידקעס, האָט צוגעדריקט זיינע פייכטע ליפּן צום רויטן טוך, געלעקט אים לאַנג מיט אַ ציטעריקער צונג —

פלוצלינג איז זי אויפגעשפּרונגען פון אָרט לייכט און געשיקט, האָט אים געצויגן באַם אויער, לייכט געפּאַטשט אים איבער די באַקן.

— נו, טאַטעלע — האָט געקלונגען איר שטימע — האָב איך גוט דערפילט מיין חוב אַלס קינד? — האָב-זשע מיר אַ גוטע נאַכט! פאָר גליקלעך און לאָז דיך נישט כאַפּן — ס'איז מחויב צו זיין גאָרנישט פויגלדיק אין דער תפיסה. שיק אויך אַמאָל אַ שיינע פּאָסט-קאַרטע, הערסט?

זי איז שוין געווען באַ דער טיר, איידער ער האָט זיך נאָך באַוויזן אויפצושטעלן. זי האָט זיך פאַרנייגט. קורץ און פּונקט ווי אַ יינגל האָט זי צוגעלייגט איר רעכטע האַנט צום היטל.

— כ'האָב דעם כּבוד, עקסעלענץ — האָט זי אויסגערופן — און מאַך קיין גרויסן טומל נישט באַם איינפּאַקן — ס'קען מיר שטערן דעם שלאָף.

ער איז איר נאָך מיט וואַקלדיקע טריט, האָט געזען, ווי שנעל זי איז איבער די שטיגן אַרויפגעלאָפן. ער האָט געהערט עפענען די טיר אויבן און צוויי מאָל איבערדרייען דעם שליסל אין שלאָס.

ער האָט איר געוואָלט נאָכגיין און האָט שוין געהאַט גע־לייגט די האַנט אויפן אָנלען פון די טרעפּ. ער האָט אָבער גע־פילט, אַז זי וועט נישט עפענען, וויפיל ער זאָל נישט בעטן, אַז די טיר וועט שוין בלייבן פאַר אים פאַרשלאָסן, ווען ער זאָל אַפילו די גאַנצע נאַכט פאַר איר שטיין, ביז פאַרטאָג, ביז — ביז —

ביז די זשאַנדאַרמען וועלן נאָך אים קומען —

ער איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, האָט זיך צוגעהאָרכט צו אירע לייכטע טריט — אַהין און צוריק איבערן צימער. און דערנאָך גאָרנישט. שפּעטער איז געוואָרן שטיל.

ער האָט אַרויסגעשלייכט פון הויז; מיט אַ גאָלן קאָפּ איז ער אונטער אַ שלאַקס־רעגן דורכגעגאַנגען דעם הויף. ער איז אַריין אין דער ביבליאָטעק, געזוכט שוועבעלעך, אָנגעצונדן אויפן שרייב־טיש עטלעכע ליכט. און ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויפן פאָטעל.

— ווער איז זי אייגנטלעך? — האָט ער געפליסטערט — וואָס איז זי? — וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה?

ער האָט אויפגעשלאָסן דעם אַלטן מאַכאָנענעם שרייבטיש, אַרויסגערוקט אַ שופלאָד, אַרויסגענומען אַ לעדערן בוך. ער האָט

עס אַוועקגעלייגט פאַר זיך, געקוקט אויף דער הילע. אַ. ט. ב. — האָט ער שטיל געלייענט — אַלרויבע טען ברינקען.

דאָס שפּיל איז געענדיקט, ער האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. און ער האָט עס פאַרשפּילט — ער האָט שוין נישט געהאַט קיין איין קאָרט. און דעם דאָזיקן שפּיל האָט ער דאָך אַליין געהאַלטן אין דער האַנט, ער האָט געמישט די קאָרטן. אַלע טריומפן האָט ער געהאַלטן — און דאָך האָט ער פאַרשפּילט.

ער האָט זיך אומעטיק צעשמייכלט. איצט האָט מען נאָך גע־דאַרפט די קאָסטן באַצאָלן.

— באַצאָלן? — אָ, יאָ — אָבער מיט וואָס פאַר אַ מטבע?

ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער — ס'איז שוין געווען נאָך צוועלף.

שפּעטסטנס זיבן אַ זייגער וועלן זיי קומען מיט אַ באַפעל אים צו אַרעסטירן — מער ווי זעקס שעה זענען אים נאָך פאַרבליבן. זיי וועלן זיין זייער העפלעך, זייער ריקזיכטספול — זיי וועלן אים אין זיין אייגענעם אויטאָ פירן אין אויספאָרשונגס־תּפיסה. דער־נאָך — וועט זיך אָנהייבן דער קאַמף דאָס וואָלט נישט געווען דאָס ערגסטע — ער וואָלט זיך געוועהרט לאַנגע חדשים, יעדן שפּאַן ערד וואָלט ער אָפּערגעריסן דעם קעגנער פון אונטער די פיס. אָבער לסוף — אין דער הויפּט־אויספאָרשונג — וועט ער אַריינ־פאַלן. מאַנאַסע האָט געהאַט רעכט. און צום סוף — תּפיסה.

אָדער אַנטלויפן... אָבער אַליין? אינגאַנצן אַליין? אָן איר? ער האָט געפילט, ווי ער האָט זי פיינט אין דעם דאָזיקן מאָמענט, אָבער ער האָט אויך גוט געוווסט, אַז ער האָט וועגן עפּעס אַנ־דערש נישט געקענט טראַכטן, ווי נאָר וועגן איר.

ער וועט אַרומוואָגלען איבער דער וועלט, אָן אַ ציל, אָן אַ סיבה, גאָרנישט זען, גאָרנישט הערן, אַ חוץ איר הויכער, צוויטשענדי־

קער שטים. איר, מיט רויטן טוך פאַרהילטן, ווינגדיקן פוס. — אָ — ער וועט שטאַרבן פאַר הונגער. צי דאָרט אין דער גאָרער וועלט, אָדער אין דער תּפיסה — דאָס איז שוין אַלציינס.

דער פוס — דער דאָזיקער זיסער פוס! — אָ — ווי אַזוי קען ער לעבן אָן דעם רויטן פוס?

דאָס שפּיל איז געווען פאַרלוירן — ער מוז דעקן די קאָסטן. — ער האָט זיי געוואָלט באַלד אָפּצאָלן, נאָך אין דער זעלבער נאַכט — קיינעמען גאָרנישט שולדיק בלײַבן. — ער האָט געוואָלט צאָלן דערמיט, וואָס עס איז אים געבליבן — מיט זײַן לעבן.

און ער האָט געטראַכט, אַז עס איז דאָך שוין סיי ווי סיי גאָרנישט ווערט, און ער קען נאָך צום סוף אָפּנאַרן זײַנע קעג-נער.

דאָס האָט אים געבראַכט אַ געוויסע דערלייכטערונג; איצט האָט ער אַרומגעטראַכט, צי עס וואָלט זיך אַ חוץ דעם נישט גע-לאָזט זיי געבן צום סוף אַ קאָפּ מיטן פוס. דאָס וואָלט פונדעסט-וועגן געווען אַ שטיקל באַפרידיקונג.

ער האָט אַרויסגענומען פון שרײַבטיש זײַן צוואה, וועלכע האָט געמאַכט אַלרוינען פאַר זײַן יורשטע. ער האָט זי דורכגעלייענט און דערנאָך צעריסן אויף פּיצלעך.

— איך מוז איצט מאַכן אַ נייע, — האָט ער געפּליסטערט. — פאַר וועמען — וועמען — ?

ער האָט גענומען אַ בויגן פּאַפּיר, אײַנגעטונקט די פען. עס איז נאָך געווען זײַן שוועסטער, — איר זון, פראַנק בראַון, זײַן שוועסטערזון. —

ער האָט זיך געקווענקלט. דער — דער? צי האָט דען ער טאַקע נישט געבראַכט די דאָזיקע מתּנה אין זײַן הויז אַרײַן, די

דאָזיקע משנוהדיקע בריאה, וועלכע האָט פון אים אַ תל געמאַכט? פון אים — פונקט ווי פון אַנדערע פאַר אים! — אָ, דער מוז באַשטראָפט ווערן מער נאָך ווי אַלרוינע.

— גאָט וועסטו ברענגען צו אַ נסיון, — האָט געזאָגט דער דאָזיקער יאַט, — וועסט אים אַזוי עזותדיק שטעלן די פראַגע, אַז ער וועט דיר מוזן געבן אַ תשובה. אָ, יאָ, איצט האָט ער געהאַט די תשובה

אָבער אויב ער מוז שוין אונטערגיין, אָן שום טענות ומענות, כאָ מוז אויך דער דאָזיקער יונג זיך טיילן מיט זיין גורל, ער, פראַנק ברוין, וועלכער האָט אים דעם דאָזיקן געדאַנק אונטערגע-רוקט, — אָ, האָט ער דאָך איצט געהאַט אַ פריש אָנגעשאַרפט כלי-זין אין דער האַנט. זי, זיין טעכטערל: אַלרוינע טען ברינקען. זי וועט שוין, נישקשה, צופירן אויך יענעם דאָרט אַהין, וווּ זי האָט אים צוגעפירט —

ער האָט באַטראַכט, געוויגט מיטן קאָפּ, ער האָט געשמייכלט מיט אַ בייזוויליקער צופרידנקייט אין געפיל פון לעצטן טריומף. און ער האָט אָנגעשריבן זיין צוואה, שוין אָן וואַקלעניש, מיט שנעלן און מיאוסן כתב.

אַלרוינע איז געבליבן די יורשטע, זי אַליין. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט אַן אויפטראָג פאַר דער שוועסטער און פאַרן שוועס-טערנזון. אים אָבער האָט ער באַשטימט פאַר דעם מיידלס אפּיט-רופּוס ביז צו איר פּוליעריקייט — אויף אַזאַ אופן מוז ער קומען צו פאָרן, מוז זיך געפינען נאָענט פון איר, מוז דעם פאַרסמטן הויך פון אירע ליפּן איינאָטעמען.

און ס'וועט מיט אים געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט די אַנ-דערע! אַזוי ווי מיטן גראַף און דר. מאָהנען, ווי מיט וואָלף גאָנט-

ראָם, ווי מיט דעם שאַפּער, — און צום סוף — ווי מיט אים אַליין!

ער האָט זיך הויך צעלאַכט. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דער אוניווערסיטעט זאָל זיין יורש בלייבן, אויב אַלרוינע וועט שטאַרבן אָן יורשים: אויף אַזאַ אופן האָט ער אין יעדן פאַל אויסגעשלאָסן דעם שוועסטערנזון. דערנאָך האָט ער אונטערגעשריבן דעם בויגן און פאַרציילכנט די דאַטע.

איצט האָט ער נאָכאַמאָל גענומען דעם לעדערנעם באַנד, אָנגעשריבן אַ קאַפּיטל, האָט אויך געוויסנהאַפט פאַרשריבן אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט די לעצטע צייט. ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ קליינער רעדע צו זיין שוועסטערנזון, וועלכע האָט געאָטעמט מיט חוזק.

— „פּרוּוו די איצט דאָס גליק. — האָט ער געשריבן — אַ שאָד, כ'לעבן, וואָס איך וועל שוין דאָ נישט זיין, ווען ס'וועט קו־מען די ריי אויף דיר: ס'וואָלט מיר אַזוי פיל פרייד פאַרשאַפט דאָס נאָך צו זען."

ער האָט פלייסיק אויסגעטרוקנט די נאַסע טינט, צוגעמאַכט דאָס בוך און צוריקגעלייגט עס אין שיפלאַד, צוזאַמען מיט די אַנ־דערע אָנדענקנס: דאָרט איז געלעגן דער האַלדזבאַנד פון דער פירשטין. דאָס אַלרוינעלע פון די גאַנטראַמס, דער בעכער מיט די ביינער, אַ ווייס, דורכגעשאָסן צעטעלע, וואָס ער האָט אַרויס־גענומען פון גראַף געראַלדינגענס וועסטל־קעשענע, און אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן לעבן דעם פירבלעטעריק קלע־ווער־בלאַט דאָס איינציקע וואָרט „Mascotte" און אַ סך שוואַרץ פאַרגליווערט בלוט איז דערויף געבליבן —

ער איז צוגאַנגען צום פאַרהאַנג און אָפּגעשפּילעט די זיי־דענע שנור. ער האָט מיט אַ גרויסער שער אָפּגעשניטן דער־פון אַ שטיקל און אַריינגעוואָרפן אין שיפלאַד צו די איבעריקע זאַכן צו.

„ça porte — האָט ער זיך צעלאַכט, — Mascotte — bonheure pour la maison!"*)

ער האָט געזוכט איבער די ווענט. איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ שטול, האָט קוים מיט צרות אַראָפּגעשלעפּט אַ שווערן, אייזער־נעם צלם פון אַ גרויסן האָק. ער האָט אים פּאַרזיכטיק אָוועקגע־לייגט אויפן דיוואַן.

— זיי מיר מוחל, — האָט ער זיך בייזווייליק צעלאַכט, — וואָס איך האָב דיך איבערקוואַטירט — דאָס איז נאָר אויף אַ קורצע צייט — אויף עטלעכע שעה נאָר — וועסט איבער דער צייט האָבן אַ בכבודיקן שטעלפאַרטרעטער.

ער האָט פאַרקניפּט די פּעטליע, פאַרוואָרפן זי הויך אויפן האָק. ער האָט אַ פּעסטן צי געטון, צי זי וועט אויסהאַלטן —

און ער איז אַרויף צום צווייטן מאָל אויף דער שטול —

* * *

פאַרטאָג האָבן אים געפונען די זשאַנדאַרמען. די שטול איז געווען אומגעדרייט. פונדעסטוועגן איז נאָך דער טויטער מיטן שפּיץ פון איין פוס געשטאַנען אויף איר. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט חרטה געהאַט אויף זיין טאַט, ווי ער וואָלט זיך נאָך אין לעצטן מאָמענט באמת זיך אָפּצוראַטעווען. זיין רעכט אויג איז געווען שטאַרק אָפן און האָט געגלאָצט צו דער טיר צו, און די בלויע, דיקע צונג איז אַרויסגעהאָנגען —

זייער מיאוס האָט ער אויסגעזען.

*) דאָס ברענגט גליק אין הויז.

א י נ ט ע מ ע צ צ אָ

און אפשר אויך אויף דיינע שטילע טעג, בלאָנד שוועסטערל מיינס, טריפן איצט טראָפנווייז, פון זילבערנעם גלאָק ווייכע קלאַנגען פון שלאָפנדיקער זינד.

דער גאָלדרעגן וואַרפט זיין גיפטיקן גלאַנץ דאָרטן, ווו עס איז געלעגן דער ווייסער שניי פון אַקאַציע; דער טיפער פיאָלעט פון קלעמאַטיס צעגליט זיך דאָרטן, ווו די פרומע טרויבן פון גלייצענען זענען מבשר דעם שלום. זיס איז דער לייכטער שפיל פון ראָמאַנטישער בענקשאַפט, זיסער נאָך, דאַכט זיך מיר, איז דער גרויזאַמער קאַמף פון כלערליי ליידנשאַפטן אין דער נאַכט. אָבער זיסער איבער אַלעם איז מיר אין הייסן זומער־מיטאָג די שלאָפנדיקע זינד.

— זי איז איינגעהילט אין לייכטן דרימל, מיין זיסע פריינטין, און מען דאַרף זי נישט וועקן. ווייל קיינמאָל איז זי נישט שענער, ווי אין דעם דאָזיקן שלאָף.

אין שפיגל רויט מיין ליבע זינד, גאַנץ נאָנט, רויט אין דורכזיכטיקן זייד-העמד אויף ווייסן בעטגעוואַנט. דיין האַנט, שוועסטערל, פאַלט אַרונטער איבערן ראַנד פון בעט, לייכט געבויגן זעבען דיינע שמאָלע פינגער, וועלכע טראָגן מיין גאָלדן רייפל. עס לייכטן דורכזיכטיק, ווי דאָס ערשטע טאָג-ליכט, דיינע ראָזיקע נעגל. פאַני, דיין שוואַרץ דינסטמיידל, האָט געשאַפן די דאָזיקע קליינע וווּנדער. און איך קוש אין שפיגל דעם דורכזיכטיקן ווונדער פון דיינע ראָזיקע נעגל.

נאָר אין שפיגלישן אָפּשיין — אין שפיגל נאָר, נאָר מיט געצערטלטן בליק און לייכטן הויך פון מיינע ליפּן. ווייל זיי וואַקסן און וואַקסן, און ווען די זינד וועט דערוואכן, וועלן זיי ווערן ווי די שאַרפע נעגל פון אַ טיגערן און וועלן מיין לייב צערייסן —

פון דעם שפּיצן-קישן הייבט זיך דיין קאָפּ. און אַרום צעפאַלן זיך דיינע בלאָנדע לאָקן. זיי וויקלען זיך לייכט, ווי שייבענדיקע, גאָלדענע פלאַמען, ווי דאָס ערשטע לייכטע ווייען פון אויפגעוואַכטן טאָג. אָבער דיינע קליינע ציינדלעך שמייכלען אָפּער פון די שמאָלע ליפּן, ווי די מילך-אָפּאַלן אין גלאַנציקן אָרימבאַנד פון דער לבנה-געטין. איך קוש דיינע גאָלדענע האָר, שוועסטערל, און דיינע בלאַנקע ציינדלעך.

אין שפיגל נאָר — בלויז אין שפּיגל. מיטן לייכטן הויך פון מיינע ליפּן און געצערטלטן בליק. ווייל איך ווייס: זאָל זיך נאָר אויפכאַפּן דיין הייסע זינד, וועלן ווי מעכטיקע רייס-ציין ווערן די קליינע מילך-אָפּאַלן און ווי פייערדיקע שלאַנגען דיינע גאָלדענע לאָקן.

דאַן וועלן די טיגערישע נעגל צערייסן מיין לייב, די שאַרפע ציין וועלן מיר מאַכן בלוטיקע ווונדן. די פלאַמענדיקע שלאַנגען וועלן מיט אַ צישעריי אַרומרינגלען מיין קאָפּ, קריכן

אין אויער, אריינשפריצן זייער גיפטיקן סם אין מיין געהירן, חניפהדיק שושקען און זינגען די מעשהלעך פון דער ווילדסטער ליידנשאפט —

ס׳האט זיך אראפגעגליטשט פון דיינע אָרעמס דאָס זיידע־נע העמד, און אָט לאכן דיינע קינדערשע ברוסטלעך. זיי ליגן שטיל, ווי צוויי איינטאָגיקע קעצלעך, וועלכע שטרעקן אויס אין די לופטן די זיסע, ראָזיקע פיסקלעך. בליקן אַרויף צו דיינע מילדע אויגן, בלויע אויגן פון איידלשטיינער, וואָס ברעכן די ליכט־שטראלן: זיי לייכטן, ווי די שטערן־שאפירן אין די אויגן פון מיין וועלט-פארחלומטן, גאָלדיקן בודא־קאָפּ.

זעסטו, שוועסטערל, ווי איך קוש זיי — אין שפיגלישן אָפּ־שיין? קיין שום פּנע פארמאָגט נישט קיין לייכטערן הויך — ווייל כ׳ווייס: זאָל נאָר אויפוואכן די אייביקע זינד, וועלן שלאָגן בלויע בליצן פון דיינע אויגן און טרעפן אין מיין אָרימען האַרץ. מיין בלוט וועט נעמען קאָכן און זידן, ס׳וועלן אין גלי־פייער צעשמעלצן די שטאַרקע קייטן, און דער באפרייטער וואַנזין וועט זיך צעבריון אין אלע זייטן —

פון די קייטן אָפּגעריסן, אין איר משוגענעם אימפעט, וועט זיך די בעסטיע וואַרפן אויף דיר, שוועסטער, אין ווילדן פּיין. דיינע זיסע, קינדערשע ברוסטלעך וועלן ווערן, ווי די תאווהפולע ברוסטן פון דער זונה — איצט, בשעת די זינד האָט דערוואכט — זי וועט זיי צערייסן מיט די נעגל, אריינלאָזן אין זיי איר שאַרף געביס — דער טריומף־געשריי פון ווייטיק וועט זיך אויסגיסן מיט שטראָמען בלוט.

אָבער מיינע בליקן זעען שטילער ווי די טריט פון די מאַ־נאכינס, וואָס וואכן באַם הייליקן קבר. און לייכטער, לייכטער נאָך פליסט דער הויך פון מיינע ליפּן, ווי אין קאַטעדרע דער נשמה־

קוש, וואָס שוועבט צום לחם־הפּנים און פאַרוואַנדלט דאָס ברויט אין „גאָטס־לייב“.

ווייל מ׳דאַרף נישט, אַז זי זאָל דערוואַכן, זאָל רוען און שלאָפן די שיינע זינד.

ווייל קיין זאַך, טייערע פריינטין, ווייזט זיך מיר נישט אויס זיסער, ווי די צניעותדיקע זינד אין איר לייכטן שלאָף.

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

וועלכעס דערציילט, ווי אַזוי פראַנק בּרוין איז אַרייַנגעטרעטן אין אַלרויִנעס וועלט.

פראַנק בּרוין האָט זיך אומגעקערט אין זיין מוטערס הויז פון עפּעס איינער פון זיינע פּלאַנלאָזע נסיעות, פון קאַשמיר, אָז'ער פון באָליוויאַנישן שאַקאָ, אָדער אפשר פון מערב־אינדיע, וווּ ער האָט זיך געשפּילט אין רעוואָלוציע, אין נאַרישע רעפּובּליקן, אָדער פון דעם דרום־ים, וווּ ער האָט געחלומט שיינע מעשהלעך צוזאַמען מיט די שלאַנקע טעכטער פון די אויסשטאַרבּנדיקע שבטים.

— פון ערגעץ־ווו געקומען —

לאַנגזאַם איז ער געגאַנגען דורכן הויז פון זיין מוטער. ער איז אַרויפגעגאַנגען מיטן ווייסן שטיגן־הויז, אויף וועמענס ווענט עס זענען צוזאַמען געהאָנגען אַלטע שניטן און מאָדערנע אַקוואַפאָרטן. דורך די גרויסע צימערן, אָנגעפּילט מיט פרילינגס־זון, וועלכע האָט זרייַנגעדרינגען דורך די געלע פאָרהאַנגען, דאָרטן זענען געהאָנגען די בּילדער פון זיינע אבות. זייער פיל פון דער משפּחה בּרינקענס, קלוגע און שאַרפע פּנימער, מענטשן

וואָס האָבן געהאַט דאָס באַוווסטזיין פון דעם מעמד, וואָס איז זיי באַשטימט געוואָרן אויף דער וועלט. ווייטער זענען דאָרטן געווען די פּאָרטרעטן פון דעם עלטערזיידן און דער עלטערבאָבע — גוטע בילדער פון דער קייזער־צייט. און די שיינע באָבע — אַלס זעכצעניעריק מיידל אין טראַכט פון דער קייזערין וויקטאָריאַס ערשטע צייטן. עס זענען אויך געהאָנגען די פּאָרטרעטן פון פאָטער און דער מוטער, און זיין אייגענער. איינמאָל אַלס קינד, מיט אַ גרויסן באַלעם אין דער האַנט, מיט לאַנגע העל־בלאָנדע לאָקן, וועלכע זענען אים אַרונטערגעפאַלן איבער די אַקסלען, און אַלס יינגל, אין שוואַרצן, סאַמעטענעם קאָסטיום פון אַ פּאַזש, פאַרטיפט אין לייענען אַ דיק, אַלט בוך.

אין די ווייטערדיקע צימערן זענען געווען קאָפּיעס. אומעטום בילדער פון דער דרעזדענער גאַלעריע, פון קאַסעל און ברוינשווייג, פון פּאַלאַצאָ פּיטטי, פון פּראַדאָ, פון ריקסמוזעום, אַ סך האָלענדער, רעמבראַנדט, פראַנס האַלס, אָסטאַד, דערנאָך מורילאָ, טיציאַן, פעלאַסקועז און פּעראָנעז. אַלע זענען זיי געווען אַ ביסל פאַרטונקלט, האָבן געגלאַנצט אין רויטע גאָלד־טענער אין דער זון, וואָס די גאַרדינען האָבן פאַרשטעלט.

און ווייטער דורך די צימערן, ווו די מאָדערנע זענען געהאָנגען, אַ סך גוטע בילדער און טייל ווייניקער גוטע — אָבער קיין איין ווערטלאָז, קיין איין לאַקריץ־זיס בילד איז נישט געווען צווישן זיי. און אַרום איז געשטאַנען אַלט מעבל, אַ סך מאַכאָן — עמפּיר, דירעקטואַר און בידערמייער. קיין שום דעמבענע, אָבער קיין איין פשוט, מאָדערן מעבל־שטיק איז נישט געווען צווישן זיי. אין ערגעץ קיין איינהייטלעכער סטיל, נאָר אַ מישמאַש, וואָס די צייט האָט געבראַכט, און פונדעסטוועגן אַ שטילע, אַ שלמותדיקע האַרמאָניע: אַלץ, וואָס דאָ איז געשטאַנען, איז געווען פאַרקרובעט צווישן זיך.

ער איז אַרויף אויפן שטאָק, וועלכן די מוטער האָט פאַר אים באַשטימט. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי, ווי ער האָט עס איבערגעלאָזט, ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל אָפּגעפאָרן — פאַר צוויי יאָר. קיין שום בריוו-טעשעלע איז נישט געווען איבערגערוקט, קיין שום שטול איבערגעשטעלט! אַזוי האָט די מוטער פלייסיק אַכטונג געגעבן, אַז די דינסטן זאָלן, נישט קוקנדיק אויפן גאַנצן ארומרוימען און אַרומווישן דעם שטויב, זיך דאָ פאַרהאַלטן פאָרזיכטיק און מיטן געהעריקן רעספּעקט. און דאָ, מער נאָך ווי ערגעץ אַנדערשוווּ אין הויז, האָט געהערשט אַ ווירוואַר פון אָן אַ שיעור פאַרשידנסטע זאַכן, אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די ווענט; פינף וועלט-טיילן האָבן זיך באַמיט צו געבן דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט פון זעלטנסטן, אויסטערלישסטן. גרויסע מאַסקעס, ווילדע, הילצערנע טייוול-געצלעך פון ביסמאַרק-אַרכיפּעלאַג, כינעזישע און אַנאַמיטישע פענער, פאַרשידנסטע כלי-זין פון גאָטס אַלע לענדער. דערנאָך יעגער-טראָפעען, אויסגעשטאָפּטע חיות, פעל פון יאַגוואַרן און טיגריסן, גרויסע שילדקרעטן, שלאַנגען און קראָקאָדילן. פאַרשידנפאַרביקע פויקן פון לוזאָן מיט לאַנגע העלדזער, סטרונע-אַינסטרומענטן פון ראַדזשפּוטאַן, באַזווע גוסלען פון אַלבאַניען. אויף איין וואַנט אַ ריזיקע רויט-ברוינע פישער-נעץ, וואָס גרייכט אַזש ביזן סופיט, און אין איר ריזיקע שטערנס און וואַסער-נאָדלערס, זעגן פון זעג-פיש, זילבער-שימערירנדיקע שיפּן פון טאַרפּאָן. ריזיקע שפינען, אויסטערלישע פיש פון דער גרעסטער ים-טיפעניש, מושלען און שנעקן, אַלטע בראָקאַטן איבערן מעבל, דערנאָך זיידענע אינדישע בגדים, פאַרשידנפאַרביקע שפּאַנישע מלבושים און מאַנדאַרין-מאַנטלען, געהאָפטן מיט גרויסע, גאָלדענע דראַכן.

אַ מענגע געצלעך, זילבערנע און גאָלדענע בודאַ-פיגורן פון פאַרשידענע גרייסן, אינדישע רעליעפן פון שיוואַ, קרישנאַ און גענעשאַ. און די אומגעלומפּערטע, שטיינערנע געצן פון די טשאַן-

פעלקער. צווישן דעם אַלעמען איז דאָרט, ווו ס׳איז נאָר געבליבן אַ שטיקל ליידיק אָרט אויף דער וואַנט געווען אין גלאָז־רעמען איינגעפאַסט: אַ פרעכער ראָפּס, אַ ווילדע גויאַ און אַ קליינע צייכענונג פון זשאַן קאַלאָט. דערנאָך קרוקסהאַנק, האָקאַרט און נישט איין שרייענדיקע, גרויזאַמע צייכענונג פון קאַמבאָדזשאַ און מיזאָרע. אַ סך מאָדערנע בילדלעך מיט די אונטערשריפטן און דעדוקאַציעס פון די קינסטלער. מעבל פון אַלע סטילן און אַלע קולטורן, געדיכט באַזעצט מיט בראָנזן, פּאָרצעלאַן און מיט אַן אַ שיעור קליי־ניקייטן.

אָט דאָס אַלצדינג, דאָס איז געווען פראַנק ברוין. זיין קויל האָט געטייט די אייז־בערן, אויף וועמענס ווייסע פעל זיין פוס האָט געטרעטן, ער אַליין האָט אַרויסגעפאַנגען דעם בלויען הייפיש, וועמענס מעכטיקער, דריישורהדיקער געביס האָט געהאָנגען אין דער נעץ. ער האָט דאָס צוגענומען בײַ די בוקאַ־לייט די פּאַרסמטע פיילן און שפּיזן, אים האָט געשענקט דער מאַנדזשורער פּריסטער דעם דאַזיקן נאַרישן געץ און די דאַזיקע הויכע, זילבערנע רייט־טרעטערס. ער האָט אייגנהענטיק אַרויסגעגנבעט דעם שוואַרצן דו־נערשטיין פון דעם וואַלד־טעמפּל פון היידאַן־באַדאַגרי, ער האָט מיט זיינע אייגענע ליפּן געטרונקען פון דער באַמביטאַ אין מאַטע בלוט־ברודערשאַפט מיטן ראָש פון די טאַבאַ־אינדיאַנער בײַ די זומפּיקע ברעגן פון פּילקאָמערא: פאַר דער דאַזיקער קרומער שווערט האָט ער אַוועקגעגעבן זיין בעסטע יאַגד־ביקס עפּעס אַ מאַלאַישן סולטאַן אין צפונדיקן באָרנעאָ. פאַר יענע לאַנגע תּלינישע שערווטן זיין קליינעם טאַשן־שאַכשפּיל דעם שני למלך פון שאַנטונג. די דאַזיקע וווּנדערבאַרע אינדישע טעפּיכער האָט אים געשענקט דער מאַהאַראַדזשאַ פון וויגאַטפּורי דערפאַר, וואָס ער האָט אים מציל געווען דאָס לעבן אויף דער העלפאַנט־יאַגד, און די אַכטטורמיקע מאַיאָליקדורגאַ, רויט באַשפּריצט מיטן בלוט פון ציגן און מענטש

האָט ער באַקומען פון איבערפריסטער פון דער אימהדיקער קאַלי און קאַליגאַט. —

זיין גאַנץ לעבן האָט געשטעקט אין די דאָזיקע הויכע ציי מערן. יעדער מושל, יעדעס פאַרביקע ברעקל האָט אים דערציילט לאַנגע זכרונות. דאָרט זענען געלעגן זיינע אָפּיום־לולקעס, דאָרט דאָס גרויסע מעסקאַל־שקעטל, צונויפגעשלאָגן פון זילבערנע מעקסיקאַנישע דאָלאַרן, דערלעבן די פעסט־פאַרשלאָסענע פושקע מיט שלאַנגען־גיפט פון איסלונדע. און אַ גאָלדענער אָרעמבאַנד — מיט צוויי הערלעכע קאַצן־אויגן — דאָס האָט אים אַמאָל געגעבן אין בירמאַ אַן אייביק לאַכנדיק קינד. מיט אַ סך קושן האָט ער געמוזט דערפאַר באַצאָלן. —

אַרום די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע, זענען געשטאַנען און געלעגן איינס אויף ס׳אַנדערע קופערטן און קעסטלעך — איינאונצוואַנציק זענען זיי געווען. די האָבן אָנטהאַלטן זיינע בייסטע אוצרות — די זענען נאָך נישט געווען אויפגעעפנט.

— ווו קען מען נאָך דאָס אַהינטון? — האָט ער זיך צעלאַכט.

אין אַלכסון פון ברייטן טאָפּלטן פענסטער איז געהאָנגען אַ לאַנגע, פערסישע שפּיז; אויף איר איז געזעסן אַ גרויסער שניי־ווייסער קאַקאַדו: אַ פויגל פון מאַקאַסאַר, מיט אַ הויכן רויטן טשאָפּ.

— גוט מאָרגן, פעטער! — האָט אים באַגריסט פראַנק ברוין.

— אַטיאַ, טוואַן! — האָט דער פויגל אָפּגענטפערט.

ער האָט גענומען גדלותדיק קריכן פון דער שטאַנג, און דערנאָך אַראָפּגעלאָזט זיך אין מיטן געשטעל. געקלעטערט ווייטער אויף אַ שטול און פון דאָרטן גלייך אויף דער ערד — איז ער מיט קרומע, הפּבודיקע טריט צוגעגאַנגען צו אים און אַרויפגעקלעטערט אויף

זיין פליגל. ער האָט אָנגעפּעדערט זיין טשאָפּ, ווייט פונאַנדערגעשפּרייט די פליגל, ווי די פּרייסישע הערבּ-היה.

— אַטיאַ, טוואַן! אַטיאַ, טוואַן! — האָט ער געשריגן.

פראַנק ברוין האָט אים געקראַצט דעם האַלדז, וואָס דער ווייסער פויגל האָט אים אונטערגעשטעלט.

— ווי גייט עס, פּעטערל? — כּרייסטו זיך, וואָס איך בין ענדלעך ווידער דאָ.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען אַ האַלבן שטאָק נידעריקער, אַריין אין גרויסן, געדעקטן באַלקאָן, ווּ זיין מוטער האָט געטרונקען איר טיי. אונטן אין גאָרטן האָבן העל געבערענט אַלע ליכט פון ריזיקן קאַשטנבוים; אַ ביסל ווייטער אין גרויסן, קלויסטער-גאָרטן, איז געלגן אַ ווייסער ים פון לייכטנדיקן בליעכץ. אונטער די לאַכנדיקעביימער האָבן אַרומשפּאַצירט ברוין-געקליידטע פראַנציסקאַנער.

— דאָס איז פּאַטער באַרנאַבאַס! — האָט ער אויסגערופן.

די מוטער האָט פאַרלייגט די ברילן, אַראָפּגעקוקט אונטן.

— ניין — האָט זי געענטפערט — דאָס איז פּאַטער ציפּריאַן —

אויף דער אייזערנער באַלוסטראַדע פון באַלקאָן איז געזעסן אַ גרינער אַמאַזאָנאַס-פּאַפּוגיי. און ווי באַלד ער האָט אַוועקגעזעצט דעם קאַקאַדו, איז באַלד געקומען צו לויפן צו אים דער קליינער, עזותדיקער פּאַפּוגיי. זייער קאָמיש שפּרייזנדיק כּסדר אין דער ברייט און ווי אַ לאַטשן-דרעפּטשנדיקער, גאַליציאַנער הויז-הענדלער.

Alright! — האָט ער געשריגן — Alright —

— Lorita real di Espana e di Portugal! — Anna Mari-i-i-i-a!

און ער האָט אַ פּיק געטון דעם גרויסן פויגל, וועלכער האָט אָנגעפּעדערט דעם טשאָפּ און געזאָגט גאַנץ שטיל קאַ—קאַ—דו.

— נאָך אַלץ אַזאַ מזיק פהילאַקס ? — האָט פראַנק ברוין געפרעגט.

— מיט יעדן טאָג ווערט ער פרעכער — האָט געלאַכט די מוטער — מ'קען גאָרנישט באַוואָרענען קעגן אים, ער וואָלט מיט חשק דאָס גאַנצע הויז ווי אַ שטיקל צוקער אויסגענאָגט. זי האָט איינגעטונקען אַ שטיקל צוקער אין דער טיי און עס אים דערלאַנגט אויף אַ זילבערן לעפעלע.

— און פעטער האָט זיך עפּעס אויסגעלערנט ? — האָט ער געפרעגט.

— גאָרנישט — האָט זי געענטפערט — נאָר זיין חניפה־דיקן קאַקאַדו קען ער, און נאָך עפּעס שטיקלעך מאַלאַישע ווערטער.

— און די לײַדער פאַרשטייסטו נישט — האָט ער געלאַכט.

— ניין — האָט די מוטער געזאָגט — אָבער דערפאַר פאַרשטיי איך שוין מיין גרינעם פהילאַקס גאָר גוט. ער רעדט דעם גאַנצן, ליבן טאָג אויף אַלע לשונות פון דער וועלט — תמיד עפּעס נייעס. ביזוואַנען איך פאַרמאַך אים נישט אין אַ שאַנק אַריין, כדי צו האָבן ווייניקסטנס אַ האַלבע שעה מנוחה.

זי האָט גענומען איר אַמאַזאָנאַס, וועלכער האָט אַרומשפּאַצירט איבערן טיש און אַטאַקירט די פוטער, און אַוועקגעזעצט דעם צאַפּלדיקן פויגל צוריק אויף דער באַלוסטראַדע.

ס'איז אונטערגעקומען איר ברוין הינטל, האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און אַרויפגערוקט דעם קאָפּ איר אויף די קני.

— אַ — דו ביסט אויך דאָ — האָט זי געזאָגט — דו מאָנסט דיך דיין טיי.

זי האָט אַרייַנגעגאָסן אַ ביסל טיי און מילך אין אַ קליין,

רויט שיסעלע, אַריינגעבראָקט דערין עטלעכע פּיצלעך זעמל און אַ שטיקל צוקער.

פראַנק ברוין האָט אַראָפּגעקוקט אונטן אויף די ווייטע גערטנער.

ס׳האָבן זיך דאָרט געשפּילט צווי רונדע באַדלערס אויף אַ גראָז-פּלאַץ און גענאַשט די יונגע שפּראָצלעך. אוראַלט האָבן זיי שוין געמוזט זיין — ער האָט זיי אַליין אַמאָל געבראַכט פון וואַלד, פון אַ שול-אויספלוג. וואָטאַן האָט געהייסן דער זכר, און טאָביאַש מייער די נקבה. אָדער אפשר זענען זיי געווען זייערע אייניקלעך, אָדער אוראייניקלעך — און ער האָט געזען לעבן דעם ווייס צע-בליטן מאַגנאָליע-קוסט אַ קליין בערגל, דאָרטן האָט ער אַמאָל באַ-גראָבן זיין שוואַרצן פּודעל. צווי גרויסע יוקקאַס זענען דאָרט גע-וואַקסן, זומער-צייט וועלן זיי האָבן גרויסע בלומען, מיט הונדער-טער ווייסע, קלינגענדיקע גלעקלעך.

איצט אָבער, צום פרילינג, האָט די מוטער געהייסן פאַר-פלאַנצן אַ סך פאַרביקע פרימעלן.

בלוש צוזאַמען מיט ווילדן וויין האָט זיך געשלענגלט אַזש ביז אונטערן דאַך, איבער דער הויכער מויער פון הויז. עס האָבן דאָרט געלאַרמט און אַרומגעצוויטשערט אַ סך שפּערלען.

— און דאָרט האָט די דראָסל איר נעסט, דאָרט, דו זעסט? — האָט געזאָגט די מוטער און האָט אָנגעוויזן אויפן טויער-בויגן, וועלכער האָט געפירט פון הויף אין גאָרטן אַריין; האַלב באַהאַלטן אין געדיכטן בלוש האָט געשטעקט די קיילע-כיקע נעסט.

ער האָט געמוזט גוט זיך אַרומקוקן, איידער ער האָט עס אַנטדעקט.

— דריי קליינע אייערלעך ליגן שוין דאָרטן, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, פיר, — האָט אים די מוטער פאַרבעסערט — היינט אינדערפרי האָט זי דאָס פערטע געלייגט.

— אַך, טאַקע פיר! — האָט ער באַשטעטיקט, — איצט זע איך זיי אַלע — ס'איז שיין בא דיר, מאַמע.

זי האָט אַ זיפץ געטון, אַרויפגעלייגט איר אַלטע האַנט אויף זיינער.

— אַך, יאָ, מיין ליב יינגל, — ס'איז שיין — ווען כ'וואָלט באַר נישט געווען תמיד אַליין.

— אַליין? —האָט ער געפרעגט — צי קומט מען דיך שוין נישט אַזוי אָפט באַזוכן, ווי אַמאָל?

— קומען, קומט מען — האָט זי געזאָגט — מ'קומט יעדן טאָג, אַ סך יונגע מענטשן, וואָס פאַרגעסן נישט אין דער אַלטער מאַמען. זיי קומען אויף טיי, קומען אויף אָוונט-ברויט, אַלע ווייסן, ווי כ'פריי מיך, אַז מ'געדענקט אָן מיר, אָבער זעסטו, מיין יינגל, דאָס זעבען דאָך פאַרט פרעמדע — דו ביסט עס דאָך נישט.

— מילא. בין איך דאָך דאָ, — האָט ער געזאָגט. און ער האָט געענדערט דעם שמועס, דערציילט וועגן כלערליי אויסטער-לישע זאַכן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. ער האָט זי געפרעגט, צי זי וויל זיין דערביי, בשעת ער וועט דאָס אַלץ פונאַנדער-פאַקן.

דערנאָך איז אַריינגעקומען דאָס שטובמיידל און געבראַכט די פאָסט, וועלכע איז נאָר וואָס אָנגעקומען. ער האָט געעפנט זיי-נע בריוו און זיי שנעל דורכגעבליקט.

ער איז שטיין געבליבן, געקוקט געגויער אויף איין בייגע-לע פאַפיר. דאָס איז געווען אַ בריוו פון יוסטיצראַט גאָנטראַם. וועלכער איז אים מודיע בקיצור, וואָס ס'האָט פאַסירט אין זיין פעטערס הויז. ס'איז אויך געווען בייגעלייגט אַן אָפשריפט פון דער צוואה און אַ בקשה, אַז ער זאָל ווי צום גיכסטן קומען אַהין צו

פאָרן, כּדי דעם גאַנצן ענין צו דערליידיקן. דערווייל איז ער, דער יוסטיצראַט, דורכן געריכט באַשטימט געוואָרן אַלס זיין דער־ווייליקער פּאַרטרעטער, איצט אָבער, בשעת ער האָט געהערט, אַז ער איז צוריקגעקומען קיין איראָפּע, האָט ער באַשלאָסן אים צו בעטן, אַז ער זאָל אים באַפרייען פון דעם דאָזיקן חוב.

די מוטער האָט אים אָבסערווירט בשעתן לייענען. זי האָט געקענט זיין קלענסטן זשעסט, יעדן מינדסטן שטריך פון זיין גלאַ־טיקן, אָפּגעברענטן פּנים און זי האָט אַראָפּגעלייענט פון לייכטן ציטערן אין זיינע מויל־ווינקלען, אַז עס האָט געמוזט עפּעס וויכ־טיקס געשען.

— וואָס איז געשען? — האָט זי געפרעגט, און איר שטים האָט געציטערט.

— קיין שום שלעכטס, — האָט ער לייכט געענטפערט. — דו ווייסט דאָך מסתם, אַז דער פעטער יאַקוב איז געשטאָרבן.

— יאָ, כ׳ווייס — האָט זי געזאָגט. — דאָס איז געווען גאַנץ טרויעריק.

— נו, גוט, — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. — דער יוס־טיצראַט גאַנטראַם שיקט מיר איבער די צוואה. איך בין איר אויס־פירער און איך זאָל נאָך דערצו זיין דער אַפּיטרופּוס פונם מיידל. — צוליב דעם טאַקע וועל איך מוזן פאָרן קיין לענדעניך.

— ווען ווילסטו פאָרן? — האָט זי זיך אַ פרעג געטון.

— מילא — האָט ער געזאָגט, — איך מיין, אַז — היינט אין אָוונט.

— פאָר נישט, — האָט זי געבעטן, — פאָר נישט! ביסט קוים דריי טעג דאָ צוריק בא מיר און דו ווילסט שוין ווידער אַוועקפאָרן!

— אָבער, מאַמע, — האָט ער זיך פאַרטיידיקט, — דאָס איז

דאָך נאָר אויף עטלעכע טעג, נאָר כּדי דאָרט אַ ביסל אָרדענונג צו ברענגען.

— תמיד זאָגסטו אַזוי עטלעכע טעג נאָר! — האָט זי געזאָגט. — און דערנאָך בלייבסטו אַזוי אויף גאַנצע יאָרן

— דו מוזסט דאָך אָבער פֿאַרשטיין, טייערע מוטער! — האָט ער זיך געעקשנט. — דאָס איז אַ צוואה: דער פֿעטער האָט דיר אָפּגעשריבן אַן אָנגעזעענע סומע און מיר אויך — אויף וועלכן איך האָב זיך כּלל נישט געריכט. און ס'וועט אונדז ביידע שטאַרק צונוץ קומען.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס טויג מיר דאָס געלט, אויב דו, מיין זון, ביסט נישט בײַ מיר?

ער איז אויפגעשטאַנען און אַ קוש געטון איר גרויען קאָפּ.

— טייערע מוטער, סוף פֿון דער הײַנטיקער וואָך וועל איך ווידער זיין בײַ דיר. איך פֿאָר פֿונדאַנען קוים צוויי שעה מיט דער באַן.

זי האָט טיף אָפּגעזיפֿצט און געגלעט זיינע הענט:

— צוויי שעה — צי צוויי הונדערט שעה, וואָס איז די נפקא מינה? — אַזוי, צי אַזוי — דו ביסט נישטאָ!

— זיי געזונט, טייערע מוטער, — האָט ער געזאָגט. ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויבן, האָט אײַנגעפּאַקט בלויז אַ קלײנע האַנטוואַליזע און אַרויסגעקומען נאָכמאָל אויפֿן באַלקאָן.

— זעסטו! דאָס וועט גענוג זיין קוים אויף דריי טעג — צום ווידערזען!

— צום ווידערזען, טייערער זון! — האָט זי שטיל געזאָגט.

זי האָט געהערט, ווי ער איז אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די שטיגן, געהערט, ווי די טיר האָט זיך פֿאַרקלאַפּט. זי האָט אַרויפֿגעלייגט איר האַנט

אויפן קלוגן קאָפּ פון איר הינטל, וועלכעס האָט געקוקט אויף איר, ווי עס וואָלט זי געוואָלט טרייסטן.

— ליב חיהלע, — האָט זי געזאָגט, — און ווידער זענען מיר אַליין. — אָ, נאָר כדי ווידער אָוועקצופאָרן, באַווייזט ער זיך — און ווען וועלן מיר אים ווידער זען?

דיקע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אירע גוטע אויגן איבער די קנייטשן פון די באַקן און אַראָפּגעפאַלן אויף די לאַנגע, ברוינלעכע אויערן פון הינטל. ער האָט זיי אָפּגעלעקט מיט זיין רויטער צונג.

דערנאָך האָט זי געהערט אונטן אַ קלונג, שטימען און טריט אויף די שטיגן. זי האָט אין איילעניש אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און צורעכט געמאַכט דאָס שפּיצן-טיכל אויפן קאָפּ. זי איז אויפגעשטאַנען, איבערגעבויגן זיך איבער דער באַלוסטראַדע פון באַלקאָן און גערופן אויפן הויף אַראָפּ, אז די קעכין זאָל מאַכן פרישע טיי פאַר די געסט, וואָס זענען אָנגעקומען.

אָ, עס איז גוט, וואָס אַזוי פיל מענטשן זענען זי געקומען באַזוכן. דאַמען און הערן — היינט און תמיד. זי קען מיט זיי פּלוידערן, קען זיי דערציילן — וועגן איר זון.

*

* *

דער יוסטיצראַט גאָנטראַם, וועמען ער האָט דעפּעשירט וועגן זיין אָנקומען, האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן באַנהויף. ער האָט אים מיטגענומען, אַרומגעפירט אים אויף דער גאָרטן-טעראַסע פון קייזערלעכן האָטעל און אים אַלצדינג דערציילט. און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל נאָך אין זעלבן טאָג פאָרן קיין לענדעניך, איבעררעדן מיט דער פריילין און אויפן צווייטן טאָג קומען צו אים אין ביוראָ. ער קען נישט זאָגן, אַז די פריילין זאָל אים מאַכן וועלכע ס׳איז שוועריקייטן, אָבער ער האָט אין דער באַציונג צו

איר עפּעס אַזאַ מאָדנע, אומהיימלעך געפיל, וועלכעס מאַכט אים יעדע באַגעגעניש מיט איר אומדערטרעגלעך. דאָס איז קאָמיש: ער האָט דאָך שוין אין לעבן דערקענט אַזוי פיל פאַרברעכער און — באַנדיטן, מערדער, איינברעכער, קינדער־מערדערינס, פאַבריקאַנטן פון מלאכימלעך, וכדומה, וואָס עס איז נאָר בכלל מעגלעך. און ער איז תמיד געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס זענען גאַנץ ווילע און צוטריטלעכע מענטשן, אַ חוץ זייער באַרוף. און לגבי דער דאָזיקער פריילין, וועלכע מען קען דאָך גאָרנישט פאָרוואַרפן, האָט ער תמיד אַזאַ געפיל, ווי אַנדערע מענטשן וואָלטן געהאַט לגבי יענע פאַרברעכער. אָבער די סיבה דערפון מוז זיכער ליגן אין אים אַליין.

פראַנק ברוין האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל טעלעפאָניש מעלדן וועגן אים דער פריילין. דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט, געגאַנגען פאַמעלעך דורכן פאַרק, און פון דאָרטן אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין לענדעניך. ער איז געגאַנגען דורכן דאָרף, צוגעגאַנגען צום הייליקן יאָהאַן פון נעפּאָמוק, און געווונקען צו אים מיטן קאָפּ. ער איז געבליבן שטיין פאַרן אייזערנעם טויער, האָט אָנגעקלונגען און געקוקט אין הויף אַריין. דריי מעכטיקע גאַז־קאַנדעלאַברעס האָבן געברענט באַם איינפאָר, דאָרט ווו עס האָט אַמאָל געלויכטן דאָס אָרימע לעמפּעלע — דאָס איז געווען דאָס איינציקע נייס, וואָס ער האָט באַמערקט.

אויבן, האָט פון איר פענסטער אַראָפּגעקוקט די פריילין, זי האָט זיך באַמיט צו דערקענען די שטריכן פון דעם פרעמדן אין פלאַקערנדיקן ליכט. זי האָט געזען ווי אַלויזי האָט פאַרגיכערט זיינע טריט און שנעלער ווי געוויינטלעך געעפנט דאָס טויער.

— גוטן אָוונט, יונגער הער! — האָט אויסגערופן דער דינער.

און דער פרעמדער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, אָנגערופן

אים באַם נאָמען, גלייך ווי ער וואָלט נאָך אַ קורצע נסיעה צוריקגעקומען אין זיין הויז.

— וואָס מאַכט איר עפּעס, אַלויזי?

דערנאָך האָט צוגעדרעפּטשעט דער אַלטער קוטשער איבערן שטיינערנעם ברוק פון הויף, אַזוי גיך, ווי ס'האָבן אים נאָר געקענט טראָגן זיינע קרומע, רעוומאַטישע פיס.

— יונגער הער! — האָט ער געקרייעט, — יונגער הער! זייט געגריסט אין בריגקען!

— פּרויטסהיים! — האָט געענטפערט פראַנק ברוין! — אויך נאָך דאָ? ס'פרייט מיך זייער, וואָס כ'זע אייך נאָך דאָ! — און האָט אים שטאַרק געדריקט ביידע הענט.

ס'איז געקומען די קעכין און די דיקע באַלעבאָסטע און באַלד דערנאָך פויל, דער לאָקיי. די גאַנצע געזעלן-שטוב האָט זיך אויסגעליידיקט, צוויי אַלטע דינסטן האָבן זיך געשטופּט פאָרויס, כדי אים די הענט צו דערלאַנגען: זיי האָבן זיי פריער זאָרגפעלטיק אָפּגעווישט אָן פאַרטוך.

— געלויבט זאָל זיין יעזוס קריסטוס! — האָט אים באַגריסט דער גערטנער. און ער האָט מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט:

— אויף אייביק, אמן!

— דער יונגער הער איז דאָ! — האָט גערופן די גרויע קעכין און האָט צוגענומען בא דעם טרעגער, וואָס איז מיט אים מיטגעקומען, דאָס פּעקל. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, יעדער האָט פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע באַגריסונג, אַ האַנט-דריק, עפּעס אַ וואָרט. און די יינגערע, וועלכע האָבן אים נישט געקענט, זענען געשטאַנען אין אַ זייט, אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן און פאַרלעגן געשמייכלט. אַ ביסל אָן אַ זייט איז געשטאַנען דער שאָפער, רייכערנדיק זיין קורצע לולקע; אפילו איבער זיין גלייכגילטיק פּנים האָט זיך אויך דורכגעגליטשט אַ פריינטלעכער שמייכל.

די פריילין טען ברינקען האָט געקנאַקט מיט די פינ־גער.

— ער שיינט מיר צו זיין דאָ זייער באַליבט, מיין הער אַפּיטראָפּוס, — האָט זי גאַנץ שטיל געזאָגט, און האָט גערופן אונטן אַראָפּ:

— טראָגט אָוועק די זאַכן פון דעם הער אין זיין צימער! — און דו, אַלויזי, פיר אים אַרויף.

עפּעס ווי אַ טוי־פראָסט וואָלט פאַלן אויף דעם פרישן וואַרימען פרילינג פון דער באַגריסונג. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און אַנטשוויגן געוואָרן. נאָך פרויטסהיים האָט אים נאַכאַמאָל געדריקט די האַנט און צוגעפירט צו די טרעפּ פון פאַלאַץ.

פראַנק ברוין איז אַוועק אין זיין צימער, איינגעוואַשן זיך און דערנאָך אַראָפּגעגאַנגען צוזאַמען מיטן לאַקיי, וועלכער האָט אים געמאָלדן, אַז דער טיש איז שוין געדעקט. ער איז אַריין אין עס־צימער.

אַ ווײַלע איז ער געווען אַליין און האָט זיך אַרומגעקוקט. עס איז נאָך אַלץ דאָרט געשטאַנען דער ריזיקער קרעדענץ, גע־גרייסט זיך מיט זיינע שווערע, גאָלדענע טעלער, פאַרזען מיט די הערבן פון די ברינקענס. אָבער קיין שום פרוכטן זענען אויף זיי נישט געלעגן.

— עס איז נאָך צו פרי, — האָט ער געמורמלט — און אפשר אינטערעסירט זיך נישט די קוזינע מיט קיין פרוכטן.

דערנאָך איז פון דער צווייטער זייט אַריינגעקומען די פריי־לין, אין שוואַרצן, זיידענעם קלייד, רייך פאַרפוצט מיט שפּיצן און זייער קורץ. זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אין דער טיר, צוגע־גאַנגען נענטער און אים באַגריסט.

— גוטן אָוונט, פעטער.

— גוטן אָוונט, — האָט ער געזאָגט און אויסגעשטרעקט צו

איר זיין האַנט. זי האָט אים דערלאַנגט די שפּיצן פון די פינגער, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ווי נישט זעענדיק, אָנגענומען די קליי־נע האַנט און זי שטאַרק געשאָקלט.

זי האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אַן אָרט בײַם טיש און זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער אים.

— מ׳דאַרף זיך זיכער „דו" זאָגן? — האָט זי אָנגעהויבן.

— אוודאי, — האָט ער באַשטעטיקט. — אַזאַ מנהג איז גע־ווען פון קדמונים אָן אין דער פאַמיליע ברינקען.

ער האָט אויפגעהויבן זיין גלעזל:

— פאַר דיין געזונט, קליינע קוזינע.

— קליינע קוזינע, — האָט זי געטראַכט, — ער רופט מיך קליינע קוזינע. ווי אויף אַ ליאַלקע צום שפּילן זיך קוקט ער אויף מיר. — אָבער זי האָט אים נאָכגעגעבן. — פּראָזיט, גרויסער פעטער. — זי האָט אויסגעליידיקט דאָס גלעזל, געוווּנטשן צום דינער, אַז ער זאָל עס אויפסניי אָנפילן, און זי האָט נאָכאַמאָל אויסגעטרונקען:

— פאַר דיין געזונט — הער אַפּיטראָפּוס!

דאָס האָט אים געמאַכט לאַכנדיק. אַפּיטראָפּוס — אַפּיטראָפּוס? דאָס האָט געקלונגען אַזוי חשובותדיק. — בין איך שוין באמת אַזוי אַלט? האָט ער געטראַכט. און ער האָט אָפּגעענטפערט:

— פאַר דיינעם, קליין יתומהלע.

דאָס האָט זי פאַרדראָסן.

קליין יתומהלע, ווידער: קליין? — אָ, עס וועט זיך שוין אַרויסווייזן, ווער ס׳וועט האָבן די איבערגעוויכט פון זיי ביידע.

— ווי גייט עס אייער מוטער? — האָט זי געפרעגט.

— אַ דאַנק, — האָט ער געענטפערט. — כ׳גלייב, אַז גוט. — אָבער דו קענסט דאָך זי כלל נישט? — וואָלסט זי געקענט אַמאָל באַזוכן.

— זי האָט אונדז אויך נישט באַזוכט, — האָט זי אָפּגע־

ענטפּערט. דערנאָך, זעענדיק זיין שמייכל, האָט זי שנעל צוגע־געבן:

— באמת, קוזין, עס איז אונדז גאָרנישט איינגעפאַלן.

— איך קען מיר פאָרשטעלן, — האָט ער טרוקן גע־זאָגט.

— דער פּאַפּאַ האָט כמעט קיינמאָל וועגן איר נישט גערעדט — און וועגן דיר איבערהויפּט נישט.

זי האָט גערעדט אַ ביסל צו גיך, איינס איבערן אַנדערן.

— עס האָט מיך אייגנטלעך געוווּנדערט, ווייסטו, וואָס גראָד דיך —

— מיך אויך, — האָט ער איר איבערגעריסן. — און ער האָט עס אוודאי נישט געטון אָן וועלכער עס איז כוונה.

— כוונה? — האָט זי געפרעגט — וואָסער כוונה?

ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— דאָס ווייס איך נאָך נישט. — דאָס וועט זיך זיכער אינ־גיכן אַרויסווייזן.

דער שמועס האָט זיך אָפּגעריסן. דאָס האָט אויסגעזען, ווי אַ באַלעם־שפּיל, הין און צוריק האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט קורצע זאַצן. זיי זענען געבליבן העפלעך, ליבנסווירדיק און פריינטלעך, אָבער זיי האָבן זיך קעגנזייטיק אָבסערווירט, און געשטאַנען ביידע אויף דער וואַך. זיי האָבן זיך נישט דערנענטערט צו זיך, אַ שטאַרקע נעץ האָט זיך געשפּינען צווישן זיי.

נאָכן אָוונט־ברויט האָט זי אים אַריינגעפירט אין מוזיק־צימער.

— ווילסטו טרינקען טיי? — האָט זי געפרעגט.

אָבער ער האָט געבעטן ווישקי און סאָדע־וואַסער.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט און ווייטער געפּלוידערט. דער־נאָך איז זי אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פּאָרטעפּיאַן.

— זאָל איך י״ד עפּעס זינגען? — האָט זי געפרעגט.

— אדרבה! — האָט ער העפלעך געזאָגט.

זי האָט זיך אַנידעגעזעצט. דערנאָך האָט זי זיך אויסגע־דרייט און געפרעגט:

— האָסטו עפּעס א ספּעציעלן ווונטש, קוזין?

— ניין, — האָט ער געענטפערט — כ׳קען דאָך נישט דיין רעפּערטואַר, קליינע קוזינע.

זי האָט לייכט פאַרביסן די ליפּן.

— „דערפון מוז ער זיך אָפּגעוויינען“ — האָט זי געטראַכט.

זי האָט אָפּגעקלאַפּט עטלעכע אַקאָרדן און געזונגען אַ האַל־בע סטראָפע. זי האָט אָפּגעבראָכן, אָנגעהויבן אַן אַנדער ליד. זי האָט ווידער אָפּגעבראָכן, געזונגען עטלעכע טאַקטן פון אָפּענבאַכן און עטלעכע שטעלן פון גריגן —

— דו ביסט, דאַכט זיך, נישט אין דער שטימונג — האָט ער רויק באַמערקט.

זי האָט אַוועקגעלייגט די הענט אויף דער שויס, געשוויגן א ווײַלע, פויקנדיק נערוועז מיט די פינגער איבער די קניען. דער־נאָך האָט זי אויפגעהויבן די הענט און זיי שנעל אַראָפּגעלאָזט אויף די קלאַווישן, און האָט אָנגעהויבן:

*) „Il était une bérgere,
et ron, et ron, petit patapon,
il était une bérgere,
qui gardait ses moutons“.

זי האָט זיך געווענדט צו אים און פאַרצויגן דאָס מײַלעכל, אַ יאָ, דאָס דאָזיקע קליינע פּנימל, אַרומגערעמט מיט די קורצע

---

*) ס׳איז געווען א פּאַסטושקע, וואָס האָט געהיטן אירע שעפּסעלעך.

לאָקן האָט געקענט גאַנץ גוט געהערן צו אַ גראַציעזער פאַס־טושקע.

*) „Elle fit une fromage,
et ron, et ron, petit patapon,
elle fit une fromage
du lait de ses moutons”.

— „אַ שיינע פאַסטושקע!“ — האָט ער געטראַכט — „און — אָרימע שעפעלעך“.

זי האָט געוויגט מיטן קעפל, ארויסגערוקט דעם לינקן פוס אין אַ זייט און מיטן געטאָקטן שוך צוגעקלאַפט צום טאַקט אָן דער פאָדלאָגע.

**) „Le chat, qui la regarde,
et ron, et ron, petit patapon,
le chat, qui la regarde,
d‘un petit air fripon!

***) „Si tu y mets la patte,
et ron, et ron, petit patapon,
si tu y mets la patte,
tu auras du bâton!”

זי האָט זיך צעשמייכלט גלייך אַנטקעגן אים, עס האָבן אַ בליץ געטון אירע בלאַנקע ציין.

---

*) זי האָט געמאַכט אַ קעז פון דער מילך פון אירע שעפסעלעך.

**) די קאַץ, וואָס האָט דאָס געזען, האָט געהאַט אַ קונדסישן אויסזען.

***) אויב וועסט ארויפלייגן די לאַפּקע, וועסטו קריגן מיטן שטעקן.

„צי וואָלט זי געוואָלט, אַז כ׳זאָל שפּילן די ראָל פון איר קעצל!״ — האָט ער געטראַכט.

— ס׳איז שיין — האָט ער געזאָגט — פונוואַנען קענסטו דאָס דאָזיקע קינדערישע לידל?

— פון קלויסטער, — האָט זי געענטפערט — די שוועס־טערן האָבן עס געזונגען.

ער האָט זיך צעלאַכט:

— זעט נאָר: פון קלויסטער! כ׳וואָלט מיר קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט — זינג עס ביזן סוף, קליינע קוזינע.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון קלאַוויר.

— כ׳האָב געענדיקט: דאָס קעצל איז טויט — איז אַלזאָ אויך דאָס לידל אויס.

— ס׳איז נישט אינגאַנצן אזוי, — האָט ער דערקלערט, — נאָר דייַנע פרומע מאַנאַכינס האָבן מורא געהאַט פאַר דער שטראָף — האָבן זיי דערלויבט דער שיינער פּאַסטושקע אומבאַשטראָפט צו באַגיין אַ שלעכטן חטא! — שפּיל נאָכאַמאָל דעם אַקאָמפּאַניאַמענט, און איך וועל דיר דערציילן, וואָס מיט דעם מיידל האָט ווייטער פּאַסירט.

*) „Elle fut á confesse,
et ron, et ron, petit patapon
elle fut á confesse,
pour obtenir pardon

*) זי איז זיך געגאַנגען מתוודה זיין, כדי צו באַקומען מחילה.

*) Mon pére, je m'accuse,
et ron, et ron, petit patapon,
mon pére, je m'acuse,
d'avoir tué mon chaton!

**)Ma fille pour pénitence,
et ron, et ron, petit patapon,
ma fille pour pénitence,
nous nous embrasserons!

***)La pénitence est douce,
et ron, et ron, petit patapon,
la pénitence est douce —
nous recommencerons!"

— פֿאַרטיק? — האָט זי געפֿרעגט.

— אָ, יאָ, איצט שוין אינגאַנצן! — האָט ער געלאַכט. — ווי געפֿעלט דיר דער דאָזיקער מוסר־השכּל, אַלרוינע?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זי אָנגערופֿן באַם נאָמען — דאָס האָט געצויגן איר אויפֿמערקזאַמקייט, זי האָט אַלזאָ נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער פֿראַגע.

— גאַנץ גוט! — האָט זי גלייכגילטיק געענטפֿערט.

— נישט אמת? — האָט ער אויסגערופֿן. אַ שיינע — מאָ־

*) הייליקער פֿאָטער, כ'באַשולדיק מיך אין טייטן מיין קעצל.

**) מיין טאָכטער, אַלס שטראָף לאָמיר זיך אַרומנעמען

***) די שטראָף איז זיס — לאָמיר נאָכאַמאָל אָנהייבן.

ראָל: זי לערנט, אַז קליינע מיידלעך טאָרן נישט אומבאַשטראָפט זייערע שפּיל-קעצלעך אומברענגען!

ער איז געשטאַנען הארט לעבן איר. ער איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון איר און זי האָט געמוזט גאַנץ הויך אַרויפקוקן, כדי זיין בליק צו כאַפּן. און זי האָט געטראַכט, ווי דאָס מאַכט פונדעסטוועגן אַזוי פיל אויס — די דאָזיקע נאַרישע דריי־סיק סענטימעטער! עס האָט זיך איר געוואָלט זיין אין מענער-קאָסטיום: ווייל שוין אירע ווייבערישע קליידער גיבן אים געוויסע רעכט. און זי האָט גלייכצייטיק באַמערקט, אַז בא קיין שום אַנדערן מאַנספּערשוין האָט זי נישט געהאַט דעם דאָזיקן איינדרוק. אָבער זי האָט זיך אויסגעגלייכט און געשאָקלט מיט די לאָקן.

— נישט אַלע פּאַסטושקעס ריכטען אָפּ אַזאַ תּשובה — האָט געצוויטשערט.

און ער האָט אָפּגעשלאָגן:

— און נישט אַלע ווידוי-פּעטערס אַבסאָלווירן אַזוי לייכט.

זי האָט געזוכט אַן ענטפער, אָבער נישט געפונען גאָרנישט. דאָס האָט זי פאַרדראָסן. זי וואָלט אים גערן אונטערהאַלטן געזעלשאַפט — אויף זיין שטייגער, אָבער דער דאָזיקער אופן איז פאַר איר געווען אינגאַנצן ניי — ווי עפּעס אַ לשון, אין וועלכן מען איז נאָך נישט געאיבט, וועלכעס מ׳פאַרשטייט, אָבער מ׳קען עס נאָך נישט אַליין געהעריק רעדן.

— אַ גוטע נאַכט, הער אפּיטראָפּוס — האָט זי שנעל געשמייכלט. — און האָב מיר זיסע חלומות.

זי איז אַרויף אויף די טרעפּ אין דער הויך. זי איז נישט אַריינגעלאָפן, ווי געוויינטלעך: זי איז בעגאַנגען לאַנגזאַם און פאַרטראַכט. ער איז איר נישט געפעלן, דער פעטער, אַ, כלל נישט! אָבער ער האָט זי גערייצט, גערעגט איר להכעיסדיקע נאַטור.

— מיר וועלן זיך שוין מיט אים אַן עצה געבן, — האָט זי געטראַכט.

און בשעת דאָס שטובמיידל האָט איר אויסגעטון דעם גאַרסעט און איר דערלאַנגט דאָס לאַנגע שפּיצן־העמד, האָט זי געזאָגט:

— עס איז גוט, קאַטיאַ, וואָס ער איז געקומען! דאָס וועט איבעררייסן די לאַנגווייליקייט.

זי האָט זיך כמעט געפרייט, וואָס זי האָט דעם דאָזיקן ערשטן צוזאַמענשטויס פאַרשפּילט.

*

*   *

פראַנק ברוין האָט אָפּגעהאַלטן לאַנגע זיצונגען מיטן יוצטיצראַט גאָנטראַם און מיטן אַדוואָקאַט מאַנאַסע. ער האָט זיך באַראַטן מיטן אַפּיטרופּוס־געריכט און מיטן ירושה־געריכט, געהאַט נישט איין אַרומלויפעניש און איבעריקע שוועריקייטן. מיטן טויט פון זיין פעטער זענען, וואָס אַן אמת, איבערגעריסן געוואָרן אַלע שטראָפרעכטלעכע אויספאָרשונגען, דערפאַר אָבער זענען געוואַקסן די אַנקלאַגעס אין ציוויל־ענינים, ווי דער צופלוס פון ים. אַלע קליינע סוחרימלעך, וועלכע האָבן געציטערט פאַרן קרומען בליק פון עקסעלענץ, האָבן איצט אויפגעהויבן די קעפּ און אַרויסגעטרעטן מיט וואָס אַמאָל נייע פאָדערונגען און פּרעטענזיעס אויף אַנטשעדיקונג פון שטאַרק צווייפלהאַפטער נאַטור.

— די פּראָקוראַטור האָט מיט אונדז מנוחה — האָט געזאָגט דער אַלטער יוצטיצראַט, — און די שטראָף־קאַמער דאַרף זיך אויך נישט מטריח זיין. אָבער דערפאַר האָבן מיר דאָס לאַנדס־געריכט גענומען אין אַרענדע ספּעציעל פאַר זיך. — די צווייטע געריכט־קאַמער פאַר ציוויל־ענינים איז אויף אַ משך פון אַ האַלב יאָר צייט געוואָרן אַ פּריוואַט־אַנשטאַלט פון זעליקן געהיימראַט.

— דאָס וועט זיין אַ שטיקל פאַרוויילונג פאַר אים, עליו השלום, אויב ער וועט פון גהינומדיקן, קעסל אין וועלכן ער פּרעגלט זיך, קע־נען אַרויסקוקן אויפן דאָזיקן אַנשטאַלט, — האָט באַמערקט דער אַד־וואָקאַט. — אַזעלכע מינים פּראָצעסן זעגען אים נאָר געווען צוצו־זיין סימפּאַטיש.

און ער האָט געלאַכט, ווען פראַנק ברוין האָט אים דערלאַנגט די בּורבּערגער אַרץ־גרובן־אַקציעס, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגע־שטעלט זיין ירושה.

— איצט וואָלט דער אַלטער געמעגט דאָ זיין, — האָט ער געוואָרטשעט, — און אָבסערווירן אייער פּנים ווייניקסטנס אַ האַלבע שעה. וואַרט נאָר אונטער, וועט איר האָבן אַ קליינע איבער־ראַשונג.

ער האָט גענומען די פּאַפּירן און איבערגערעכנט.

— הונדערט אַכציק טויזנט מאַרק, האָט ער רעפּערירט, — הונדערט טויזנט פאַר אייער מוטער — דאָס איבעריקע פאַר אייך! — און איצט, הערט זיך איין! — ער האָט גענומען דאָס רערל פון טעלעפאָן אין דער האַנט אַריין, געהייסן זיך פאַרבינדן מיט דער באַנק־געזעלשאַפט „שאַפּוזאַ", ער האָט פאַרלאַנגט אַ שמועס מיט איי־נעם פון די דירעקטאָרן.

— האַללאָ! — האָט ער אַ ביל געטאָן. — איר זענט עס, הער פרידבערג? — אַלזאָ ביטע, כ'האָב דאָ עטלעכע אַקציעס פון די בּורבערגער אַרץ־גרובן. צו וואָסערן פרייז קען מען זיי פאַר־קויפן?

אין טעלעפאָן האָט זיך געלאָזט הערן אַ הירזשנדיק געלעכ־טער, וועלכן מאַנאַסע האָט הויך אַקאָמפּאַנירט.

— כ'האָב זיך געריכט דערויף — האָט ער געוואָרפן אין לויף פון שמועס. — אַלזאָ גאָרנישט ווערט — וואָס? מ'קען זיך

רעכטן, אַז זיי וועלן וואָס אַמאָל מער פאַלן?! — צום גלייכסטן איז — די גאַנצע קראָם אוועקשענקען. — מילא, נאַטירלעך! — אַ שווינדלערישע אונטערנעמונג. — וועלכע וועט זיך, צו דער אַל-געמיינער צופרידנקייט, פּריִער, צי שפּעטער אויפלעזן?! אַ דאַנק אייך, הער דירעקטאָר, אַנטשולדיקט מיר; וואָס כ'האָב אייך בחינם מטריח געווען!

ער האָט אַוועקגעהאָנגען דאָס טרייבל און זיך געווענדט אָנ-געכמורעט צו פראַנק ברוינען.

— אַזוי, איצט זענט איר שוין אינפאָרמירט! — און איצט מאַכט אײַנגאַנצן אַזאַ נאַרישע מינע, וואָס אייער מענטשנפריינטלע-כער פעטער האָט זיך געריכט באַ אייך צו זען — זייט מיר מוחל מיין אויפריכטיקייט — ס'איז מעגלעך, אַז עפּעס אַן אַנדערע גרובן-געזעלשאַפט זאָל זיי צונעמען, צוליב עפּעס אַ סיבה צונעמען, אָפּ-צאָלן פאַר זיי עטלעכע הונדערט מאַרק: מיר וועלן דאַן מעגן דערפאַר מאַכן אַן אָרנטלעכן טרונק!

*

* *

די גרעסטע שוועריקייט פאַר דעם צוריקפאָרן פון פראַנק ברוינען איז באַשטאַנען אין די כמעט טאָגטעגלעכע פערטראַקטאַציעס מיט דער גרויסער מילהיימער קרעדיט-באַנק. פון וואָך צו וואָך, האָט זי מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג ווייטער געשלעפּט איר עקזיסטענץ, מיטן שטענדיקן ביטחון, אַז פון דער הילף, וואָס דער געהיימראַט האָט איר אַזוי פייערלעך צוגעזאָגט, וועט זי ווייניקסטנס אַ טייל באַקומען פון די יורשים. מיט הערצישן מוט האָבן אירע דירעקטאָרן, אַזוי גוט פון פּרעזידיום, ווי פון אויפזיכטס-ראַט, אונ-טערגעהאַלטן די טרינקענדיקע שיף אויפן וואַסער, מיטן כסדרדיקן באַוווּסטזיין, אַז דער מינדסטער שטויס מוז זי דערטרינקען. דער

עקספּלענץ האָט דורכגעפירט מיט דער הילף פון דער באַנק זייערע דרייסטע שפּעקולאַציעס. דער דאָזיקער אַנשטאַלט איז געווען אים ווי אַ לעבעדיקער גאָלד-קוואַל. אָבער די נייע אונטערנעמונגען, וועלכע ער האָט, אַ דאַנק זיין איינפלוס, דורכגעפירט, האָבן אַלעמען אַנטוישט — וואָס אַן אמת, זיין פאַרמעגן איז שוין דאַמאָלס נישט געווען אין געפאַר, דערפאַר אָבער זענען עס נאָך געווען דער פּירשטין וואָלקאָנסקיס און אויך פון אַ סך אַנדערע רייכע לייט, און דערצו נאָך די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס פון אַ סך אָרימעלייט, וועלכע האָבן מיט פּעניגן שפּעקולירט, וועלכע האָבן געגלייבט אין שטערן פון זיין עקסעלענץ. די געזעצלעכע פאַרטרעטער פון דעם ירושה-פאַרמעגן האָבן צוגעזאָגט הילף, אויף וויפיל עס וועט נאָר ליגן אין זייערע כוחות. אָבער פונקט אַזוי ווי דער יוסטיצ-אַט גאָנטראַם, אַלס פּראָוויזאָרישער אַפּיטרופּוס, אַזוי האָט אויך דאָס אַפּיטרופּוס-געריכט געהאַט געבונדענע הענט. דאָס געלט פון דער מינדעריעריקער איז מיט איינמאָל געוואָרן הייליק.

וואָס אַן אמת, עס איז געווען איין מעגלעכקייט, און דאָס האָט צוגעטראַכט מאַנאַסע. מען האָט געקענט די פריילין טען ברינקען מאַכן פולי‌עריק: דאַמאָלס וואָלט זי געהאַט פרייע הענט און וואָלט געקענט די מאָראַלישע התחיבותן פון איר פאָטער מקיים זיין. דערויף האָבן געאַרבעט אַלע פאַרינטערעסירטע, אין דער דאָזיקער האָפנונג האָבן די מיטגלידער פון דער באַנק געבראַכט די גרעסטע קרבנות פון זייער אייגן פאַרמעגן. שוין מיט פערצען טעג צוריק האָבן זיי מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג זיגרייך אָפּגעשלאָגן אַ קאָסע-רוין — איצט האָט געמוזט קומען די אַנטשיידונג.

די פריילין האָט ביזאַהער אויף אַלצדינג געשאָקלט מי

קאַפּ. זי האָט רויק אויסגעהערט, וואָס די הערן האָבן איר דער־קלערט, האָט זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— ניין, פאַרוואָס זאָל איך זיין פוליעריק? איך פיל זיך אַזוי אויך גאַנץ גוט — און צו וואָס דאַרף איך אַרויסוואַרפן געלט אויף אונטערצוהאַלטן אַ באַנק, וועלכע גייט מיך אינגאַנצן נישט אָן?

דער אַפּיטרופּוס־ריכטער האָט געהאַלטן פאַר איר אַ לאַנגע רעדע: דאָ גייט וועגן כבוד פון איר פאָטער! אַלע ווייסן, אַז ער איז עס די סיבה פון דער דאָזיקער שווערער לאַגע, אין וועלכער דער אַנשטאַלט געפינט זיך — ס'איז דעריבער דער חוב פון איר זיין גוטן נאָמען אונטערצוהאַלטן.

אַלרוינע האָט אים אַריינגעלאַכט גלייך אין פּנים.

— זיין גוטן נאָמען!?

זי האָט זיך געווענדט צום אַדוואָקאַט מאַנאַסע:

— זאָגט מיר, וואָס טראַכט איר וועגן דעם?

מאַנאַסע האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט זיך צונויפגע־קנוילט אין זיין פאָטעל, האָט געברומט און געצישעט ווי אַן אָנגע־שטרענגטער קאָטער.

— נישט קיין סך מער, דאַכט זיך, ווי איך! האָט געזאָגט די פריילין — און איך וועל דערויף נישט אויסגעבן אפילו קיין איין פעניג.

דער קאַמערצראַט ליטצמאַן, דער פּרעזעס פון דעם אויפ־זיכטס־ראַט, האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף פונדעסט־וועגן נושא פּנים זיין די אַלטע פירשטין, וועלכע איז מיטן הויז ברינקען געווען אַזוי לאַנג אינטים באַפריינדעט, און זאָל רחמנות האָבן אויף די אַלע אָרימע לייט, וואָס וועלן זייער בלוטיק פאַר־דינטן גראָשן פאַרלירן.

— צו וואָס האָבן זיי שפּעקולירט? — האָט זי רויִק גע־פרעגט — פאַרוואָס האָבן זיי אַריינגעלייגט געלט אין אַזאַ נישט זיכערער באַנק אַריין? — ווען כ׳זאָל האַלטן בּאַ נדבות צעטיילן, וואָלט איך עס געקענט בעסער פאַרווענדן.

איר לאָגיק איז געווען קלאָר און אכזריותדיק, ווי די שאַרף פון אַ מעסער. זי האָט געקענט איר פאָטער, האָט זי געזאָגט, און איז געווען זיכער, אַז ווער ס׳האָט מיט אים געהאַט בשותּפותדיקע עסקים, דער איז זיכער נישט קיין סך בעסער פון אים אַליין.

— אָבער דאָ גייט כּלל נישט וועגן אַ נדבה — האָט דער־קלערט דער ערשטער באַנק־דירעקטאָר. — עס איז כּמעט פאַרהאַן אַ זיכערע וואַרשיינלעכקייט, אַז מיט איר הילף וועט זיך די באַנק דורכוויס דערהאַלטן; זי מוז נאָר דעם דאָזיקן קריזיס איבערקומען. זי וועט צוריק באַקומען איר געלט צו איין פעניג און מיט פּראָ־צענטער.

זי האָט זיך געווענדט צום אַפּיטראָפּוס־ריכטער.

— הער לאַנד־ריכטער, — האָט זי געפרעגט, — צי איז דאָ דערין וועלכע עס איז ריזיקע!? — יאָ, צי ניין?

ער האָט געמוזט מודה זיין: אַ ריזיקע איז, וואָס אַן אמת, געווען דערביי. עס האָבן געקענט פאָרקומען נישט פאָרויסגעזעענע אומשטענדן. ער האָט דעם אַמטלעכן חוב, איר דאָס צו זאָגן — אָבער אַלס מענטש קען ער זי נאָר הייס צורעדן דאָס צו טון, און ער פאַרייניקט זיין בקשה מיט דער בקשה פון די איבעריקע הערן. זי וועט טון אַ גרויסע און אַ גוטע זאַך און וועט אָפּראַטעווען אַ מאַסע עקזיסטענצן. און די מעגלעכקייט פון היזק איז, לויט די מענטשלעכע אויסרעכנונגען, אַזוי אומבאַדייטנדיק.

זי איז אויפגעשטאַנען און אים ראש איבערגעריסן.

— איז בכן, מיינע הערן, אַ ריזיקע דאָ, — האָט זי חוזקדיק

אויסגערופן, — און איך וויל זיך דווקא נישט אריינלאָזן אין קיין שום ריזיקע. איך וויל נישט קיין שום עקזיסטענצן אָפּראַטעווען, און איך האָב אַפילו נישט דעם קלענסטן חשק צו באַגיין גרויסע און גוטע מעשים.

זי האָט זיך לייכט פאַרנייגט און איז אַרויס, איבערלאָזנדיק די אַלע הערן אין שווערער פאַרלעגנהייט.

אָבער די באַנק האָט זיך נאָך אַלץ נישט מיאש געווען און האָט געקעמפט ווייטער. זי האָט געקריגן נייעם ביטחון, ווען דער יוסטיצראַט האָט איר טעלעגראַפירט, אַז פראַנק ברוין, דער אייגנטלעכער אַפּיטרופּוס פונעם מיידל, איז געקומען צו פאָרן. די הערן פון באַנק האָבן זיך באַלד מיט אים פאַרשטענדיקט און האָבן אָפּגעשמועסט אַ צוזאַמענקונפט אין די נאָנטסטע טעג.

*

*　　　*

פראַנק ברוין האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט נישט גיין אַזוי שנעל, ווי ער האָט געמיינט, און ער האָט דאָס אָנגעשריבן זיין מוטער.

די אַלטע האָט דורכגעלייענט זיין בריוו, פאָרזיכטיק אים צונויפגעלייגט און אַריינגערוקט אין גרויסן, שוואַרצן קעסטעלע, אין וועלכן זי האָט אַלע זיינע בריוו באַהאַלטן. זי פלעגט עס עפענען אין די לאַנגע ווינטער-אָוונטן, ווען זי איז געווען אינגאַנצן אַליין, און עס פאַרלייענען פאַר איר ברוינלעכן הינטל, וואָס דער זון האָט איר אַמאָל געשיקט.

זי איז אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן און אַראָפּגעקוקט אויפן הויכן קאַשטנבוים, וואָס האָט געטראָגן אין זיינע מעכטיקע אָרעמס אַזוי פיל ברענענדיקע ליכט. זי האָט געקוקט אויף די ווייסע בלימלעכן-ביימער פון קלויסטער-גאָרטן, אונטער וועלכן עס האָבן שטיל אַרומגעשפּרייזט ברוין-געקליידטע מאָנאַכן.

— ווען וועט אמאָל קומען, מיין ליב יינגל ? — האָט זי גע־

שראָכט.

דאָס דרייצנטע קאַפּיטל

וועלכעס דערציילט, ווי אַזוי די פּירשטין האָט אַלרוינען דעם אמת אויסגעזאָגט.

דער יוסטיצראַט גאָנטראַם האָט געשריבן צו דער פּירשטין, וועלכע האָט געוויילט אין נויהיים אויף קוראַציע, אַ בריוו און געשילדערט איר די גאַנצע לאַגע. ס'האָט געדויערט געוויס צייט, ביז זי האָט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אייגנטלעך. מיט גרויס מי איז געלונגען פרידאַ גאָנטראַמען איר דאָס אַלץ צו דערקלערן.

מתחילת האָט זי נאָר געלאַכט, דערנאָך האָט זי דורכגעטראַכט, צום סוף האָט זי גענומען יאָמערן און שרייען. ווען איר טאָכטער איז אַרייַנגעקומען, איז זי איר געפאַלן שלוכצנדיק אויפן האַלדז.

— אָרים קינד, — האָט זי געהיילט — מיר זענען בעטלער. מיר ליגן אויף דער גאַס.

און זי האָט אויסגעגאָסן אַ גאַנץ שאַף מזרחדיקן צאָרן אויפן

געשטאָרבענעם עקסעלענץ, און האָט אים נישט געזשאַלעוועט קיין געמיינע זידל-ווערטער.

— אַזוי שלעכט איז נאָך נישט, — האָט באַמערקט פרידאַ גאָנטראַם, — איר האָט דאָך נאָך אייער ווילִיע אין באָן און אַ פּאַלאַצל באַם רהיין, ווי אויך פּראָצענטער פון די אונגאַרישע ווייגגערטנער. אויך באַקומט אָלגאַ איר רוסישע רענטע און —

— דערפון קען מען נישט לעבן! — האָט איר איבערגעריסן די פירשטין, — מיט דעם אַלעם קען מען פון הונגער שטאַרבן!

— מיר מוזן פּרווון צו ווירקן אויף דער פרײַלין טען ברינקען, אַז זי זאָל אײַנגיין אויף הנחות, — האָט פרידאַ באַמערקט, — ווי דער פּאַפּאַ עצהט.

— דאָס איז אַן אייזל! — האָט זי געשריגן, — אַן אַלטער הולטיי! ער איז געווען אין אַ בונד מיטן געהיימראַט, וועלכער האָט אונדז באַגנבעט. נאָר דורך אים האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיטן דאָזיקן מיאוסן שווינדלער.

און זי האָט געהאַלטן, אַז אַלע מאַנספּאַרשוינען זענען געמיינע שווינדלער, און אַז זי האָט אין איר גאַנץ לעבן נישט געטראָפן קיין איינעם, וואָס זאָל אַן אַנדערער זיין. ווי האָט עס דען אויסגעזען אָלגאַס מאַן, דער פיינער גראַף אַבראַנטעס? — האָט ער דען נישט אַלצדינג, וואָס ער האָט נאָר אין די הענט באַקומען, דורכגעלאָזט מיט שמוציקע שאַנסאָנעטינס!

איצט איז ער אַנטלאָפן מיט אַ צירקרייטערין, ווייל דער געהיימראַט האָט אַרויפגעלייגט זיין לאַפּע אויף די פּאַפּירן און אים פאַרמאַכט דעם צוטריט צו זיי —

— אַזוי, האָט ווייניקסטנס דער אַלטער עקסעלענץ עפּעס גוטס געטון! — האָט געזאָגט די גרעפין אָלגאַ.

— גוטס? — האָט געשריגן איר מוטער — פונקט ווי עס

האָלט נישט געווען אַלציינס, ווער עס האָט געגנבעט די באַנקנאָטן! חזרים זענען זיי, ווי איינער, אַזוי דער צווייטער.

אָבער זי האָט איינגעזען, אַז מען מוז פאָרט מאַכן אַ פּרוּוו. זי האָט געוואָלט אַליין פאָרן, אָבער זיי ביידע האָבן זי אָפּגערעדט. זי וועט אַריין אין כּעס און וועט זיכער מער נישט פּועלן, ווי די מיטגלידער פון דער באַנק. מ׳דאַרף זיך זייער דיפּלאָמאַטיש באַגיין, האָט געגעבן צו פאַרשטיין פרידאַ, מען מוז זיך רעכענען מיט די שטימונגען און קאַפּריזן פון דער פריילין טען בריגקען. צום בעסטן וואָלט געווען, אַז פרידאַ אַליין זאָל פאָרן.

אָבער אָלגאַ האָט געמיינט, אַז אויב זי וועט פאָרן, וועט זיין נאָך בעסער. די אַלטע פירשטין האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אָבער פרידאַ האָט דערקלערט, אַז ס׳איז נישט גוט, וואָס זי וועט דאַרפן די קוראַציע איבערייסן און זיין אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע אויפרעגונגען.

דערנאָך זענען ביידע חברטעס געקומען צו אַ הסכּם און געפאָרן צוזאַמען. די פירשטין איז געבליבן אין די בעדער, אָבער זי איז נישט געבליבן ז׳צן ליידיק. זי איז אַוועק צום אַרטיקן גלח און באַשטעלט הונדערט מעסעס פאַר דער אָרימער נשמה פון פאַרשטאָרבענעם געהיימראט; דאָס איז עכט קריסטלעך, האָט זי געטראַכט. און אַזוי ווי איר פאַרשטאָרבענער מאַן איז געווען אַ פּראַוואָסלאַוונער, איז זי געפאָרן קיין וויסבאַדן, אַוועק אין דער רוסישער קאַפּליצע, און אויך באַצאָלט דעם דאָרטיקן פּאָפּ פאַר הונדערט טרויער-תּפילות. דאָס האָט זי באַדייטנד באַרויִקט. הגם, האָט זי געטראַכט, ס׳וועט זיכער קיין סך נישט העלפן, ווייל דער עקסעלענץ איז געווען אַ פּראָטעסטאַנט און דערצו אַ פריידענקער, אָבער פון דער צווייטער זייט וועט עס איר פאָרט פאַרעכנט ווערן אַלס אַ גוטער טאַט:

— בענטשט די, וועלכע שעלטן אייך. טוט גוטס דעם, וואָס באַליידיקט און פאַרפאָלגט אייך, — אָ, דאָס וועט מען שוין דאָרט אויבן מוזן אָנערקענען.

און צוויי מאָל טעגלעך פלעגט זי נאָך צולייגן צו אירע תפילות — ספּעציעל הייסע זיפצן פאַרן עקסצעלענץ. אַזוי האָט זי זיך באַמיט דעם רבונו־של־עולם איבערצוקויפן.

*

*   *

אין לענדערניך האָט ביידע פרויען אויפגענומען פראַנק ברוין. ער האָט זיי אַרויפגעפירט אויף דער טעראַסע, געפּלוידערט מיט זיי וועגן אַמאָליקע צייטן.

— פרוווט אייער מזל, קינדער, — האָט ער געזאָגט. — מיי־נע ווערטער האָבן ניש געווירקט!

— וואָס האָט זי אייך געענטפערט? — האָט געפרעגט פרי־דאַ גאַנטראַם.

— ווייניק וואָס, — האָט ער געלאַכט. — זי האָט כּלל נישט געהערט, וואָס איך האָב גערעדט, זי האָט זיך טיף פאַרנייגט און מיט אַ טייוואָליש ווירדיקן שמייכל דערקלערט, אַז זי שעצט אים אַזוי, אַז זי וויל אַפילו נישט טראַכטן וועגן מוותר זיין אויף אים לטובת דער פירשטין. זי האָט דערביי צוגעגעבן, אַז זי ווינטשט זיך שוין מער נישט וועגן דעם צו רעדן. דערנאָך האָט זי ווידער געמאַכט אַ רעווערענס, ווידער זיך צעשמייכלט מיט נאָך מער ווירדע און בעלם געוואָרן!

— צי האָט איר נאָכאַמאָל געפרווט? — האָט געפרעגט די גרעפין אָלגאַ.

— ניין, אָלגאַ, — האָט ער געזאָגט. — דאָס לאָז איך שוין פאַר אייך איבער — איר בליק, בשעת זי איז אַוועקגעגאַנגען, איז געווען אַזאַ אָנגעשלאָסענער, אַז איך בין געקומען צו דער איבער־

צייגונג, אַז מיין איבערעדונגס־קונסט וועט זיין פונקט אַזוי אומ־פרוכטבאַר, ווי פון יענע הערן.

ער איז אויפגעשטאַנען, אָנגעקלונגען נאָכן דינער און געהייסן דערלאַנגען טיי.

— איבעריקנס, אפשר האָט איר עפּעס ספּעציעלע שאַנסן, מיינע דאַמען, — האָט ער פאָרטגעזעצט. — ווייל ווען איך האָב געזאָגט מיין קוזינע, בשעת דער יוסטיצראַט האָט פאַר אַ האַלבע שעה טעלעגראַפיש מודיע געווען, אַז איר קומט צו פאָרן און צוליב וואָס — האָב איך מורא געהאַט, אַז זי וועט אייך לחלוטין נישט וועלן אויפנעמען, און איך האָב דאָס געוואָלט אומבאַדינגט דורכ־פירן. אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט: זי האָט דערקלערט, אַז זי וועט אייך מיט פרייד באַגריסן און אַז זי פירט שוין מיט אייך אויף חדשים־לאַנג אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָדענץ. — צוליב דעם — פרידאַ גאָנטראַם האָט איבערגעריסן.

— דו שרייבסט צו איר? — האָט זי שאַרף אויסגערופן.

— די גרעפין אָלגאַ האָט געשטאַמלט:

— יאָ — אַ פּאָר — מאָל האָב איך געשריבן צו איר — זי געטרייסט — און — און —

— דו ליגסט! — האָט געשריגן פרידאַ.

דערויף איז אויפגעשפּרונגען די גרעפין.

— און דו? — שרייבסט איר נישט? כ'האָב געוווסט. אַז דו האָסט דאָס געטון: האָסט יעדן צווייטן טאָג געשריבן צו איר, דע־ריבער פלעגסטו בלייבן אָפט אַזוי לאַנג אַליין אין דיין צימער. האָסט מיר אוודאי געהייסן גאָכשפּיאָנירן דורכן שטוב־מיידל! — האָט איר פרידאַ געוואָרפן אין פנים אַריין.

די בליקן פון די חברטעס האָבן זיך געקרייצט, געברענט צו זיך מיט נאָך מער שנאה, ווי זייערע ווערטער. זיי האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען: די גרעפין האָט דערפילט, אַז זי וועט צום ערשטן

מאָל נישט טון דאָס, וואָס איר חברטע פאָדערט פון איר. און פרידאַ גאַנטראַם האָט דערפילט דעם דאָזיקן ערשטן ווידערשטאַנד אַקעגן איר איבערגעוויכט. אָבער ס'האָבן זיי געבונדן לאַנגע יאָרן פון צו־נויפלעבן און אַזוי פיל דערינערונגען — דאָס האָט נישט געקענט פאַרברענט ווערן אין איין אויגנבליק.

פראַנק ברוין האָט עס באַמערקט.

— איך שטער אייך, דאַכט זיך — האָט ער געזאָגט — אי־בעריקנס, וועט אַלרוינע אַליין באַלד אַראָפּקומען, זי איז זיך געגאַנ־גען איבערטון.

ער איז צוגעגאַנגען צו די גאָרטן־טרעפּ, זיך העפלעך גריסנ־דיק:

— כ'וועל זיך נאָך אוודאי זען מיט אייך שפּעטער.

די חברטעס האָבן געשוויגן. אַלגאַ איז געזעסן אין דעם ראָר־פאָטעל, פרידאַ האָט אַרומגעשפּאַנט מיט ברייטע טריט איבערן צימער

פלוצלינג האָט זי זיך פאַרהאַלטן און געבליבן שטיין האַרט פאַר איר חברטע.

— הער זיך איין אַלגאַ, — האָט זי שטיל געזאָגט — כ'בין דיר תמיד געווען בייהילפיק אין ערנסטע ענינים, ווי אויך אין שפּיל. אין אַלע דיינע אַוואַנטורעס און ליבשאַפטן. — איז עס נישט אמת?

די גרעפין האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, דאָס איז אמת, — אָבער איך האָב אויך דאָס אייגענע געטון און האָב אויך דיר נישט ווייניקער צוגעהאָלפן.

— אויף וויפיל דו ביסט געווען בכוח! — האָט געזאָגט פרי־דאַ גאַנטראַם — אָבער כ'וויל עס גערן דיר מודה זיין — איז דען נישט גלייכער, אַז מיר זאָלן בלייבן חברטעס?

— אודאי! — האָט אויסגערופן די גרעפין אָלגאַ — נאַר — נאַר — איך פאַרלאַנג דאָך אַזוי ווייניק!

— וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט געפרעגט פרידאַ.

— אַז דו זאָלסט מיר נישט מאַכן קיין שטערונגען! — האָט זי אָפּגעענטפערט.

— שטערונגען? — האָט פרידאַ געטענהעט — וואָסערע שטערונגען? יעדער דאַרף פּרוּוון זיין מזל — ווי כ׳האָב עס שוין דיר געזאָגט אויפן „מאַריען-באַל״!

— ניין! — האָט זיך געשפּאַרט די גרעפין — כ׳וויל זיך שוין דאָסמאָל מיט דיר נישט טיילן. כ׳האָב זיך געטיילט מיט דיר אַזוי פיל מאָל — און בין תּמיד ערגער אַרויס. דאָס איז נישט קיין גלייכע פּאַרטיילונג — דעריבער דאַרפסטו דאָסמאָל מוותּר זיין — לטובת מיר.

— ווי אַזוי נישט קיין גלייכע? — האָט אויסגערופן פרידאַ — העכסטנס לטובת דיר דאָך — דו ביסט די שענערע.

— יאָ, האָט אָפּגעענטפערט די חברטע — אָבער דאָס מאַכט גאָרנישט אויס. דו ביסט די קליגערע. און כ׳האָב זיך שוין צו אָפט איבערצייגט, אַז דאָס איז מער ווערט — אין די דאָזיקע זאַכן.

פרידא גאָנטראַם האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— קום, אָלגאַ. — האָט זי ווייך געזאָגט — זיי אַ ביסל קליגער. מיר זענען נישטאָ בלויז צוליב אונדזערע געפילן — הער זיך איין: אויב ס׳וועט זיך מיר אַ נגעבן די קליינע איבערצוציייגן, אויב כ׳וויל דיר און דיין מאַמען אָפּראַטעווען די מיליאָנען — צי וועסטו מיר דאַמאָלס לאָזן פרייע הענט? — גיי אין גאָרטן אַריין, לאָז מיך איבער מיט איר אַליין

גרויסע טרערן האָבן זיך געשטעלט אין די אויגן פון דער גרעפין.

— כ׳קען נישט, — האָט זי געשעפּטשעט. — דערלויב מיר

מיט איר צו רעדן — כ'וועל דיר גערן אָפּטרעטן דאָס גאַנצע געלט. — באַ דיר איז עס בלויז אַ מאָמענטאַלער קאַפּריז.

פרידאַ האָט הויך אָפּגעזיפצט און זיך געוואָרפן אויף דער סאָפע, האָט איינגעקלאַמערט אירע דאַרע הענט אין די זיידענע קישנס.

— אַ קאַפּריז? — און דו מיינסט, אַז איך וואָלט פאַר אַ קאַפּריז דאָס אַלץ געטון? — מיט מיר, האָב איך מורא, איז נישט קיין סך בעסער ווי מיט דיר!

אירע געזיכט-צוגן האָבן אויסגעזען פאַרשטאַרט, אירע קלאָרע אויגן האָבן שטייף געקוקט אין חלל.

אָלגאַ האָט זי אָנגעקוקט, אויפגעכאַפּט זיך, אַנידערקניט לעבן דער חברטע, און אַראָפּגעבויגן צו איר דעם בלאָנדן קאָפּ. זייערע הענט האָבן זיך געפונען, זיי האָבן זיך שטאַרק צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער, אין שטילשווייגן האָבן זיך צונויפגעמישט זייערע טרערן.

— וואָס זאָל מען טון? — האָט געפרעגט די גרעפין.

— רעזיגנירן מוזן מיר! — האָט האַרט געזאָגט פרידאַ גאַנטראַם. — מיר מוזן רעזיגנירן — ביידע. — זאָל געשען וואָס ס'וויל!

די גרעפין אָלגאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט זיך פעסטער צוגעדריקט צו דער חברטע.

— שטיי אויף! — האָט יענע געשעפטשעט. — זי גייט שוין. — ווייש אויס די טרערן, — דאָ האָסטו אַ טיכל.

אָלגאַן האָט זי געהאָרכט און איז אָפּגעגאַנגען אין דער צווייטער זייט שטוב. אָבער אַלרוינע טען ברינקען האָט גוט באַמערקט, וואָס דאָ איז געשען.

זי איז געשטאַנען אין דער גרויסער טיר, אין שוואַרצן טריקאָט, אַלס לוסטיקער פרינץ פון דער „פלעדערמויז". זי האָט זיך

קורץ פאַרנייגט, געגריסט, געקושט די הענט פון די ביידע דאַמען.

— נישט וויינען, — האָט זי געלאַכט, — נישט וויינען: דאָס געוויין מאַכט טריב די שיינע אויגן.

זי האָט געפּאַטשט אין די הענט, געהייסן דעם דינער ברענגען שאַמפּאַנער. זי האָט אַליין אָנגעפילט די גלעזלעך, דערלאַנגט די פרויען און געבעטן, זיי זאָלן טרינקען.

— ווייל ס'איז שוין אַזאַ מנהג באַ מיר, — האָט זי געטרילעט — „Chacun a son gout.“ *)

זי האָט צוגעפירט די גרעפין אַלגאַ צו דער סאָפע, געגלעט אירע פולע אָרעמס. האָט זיך דערנאָך אַוועקגעזעצט לעבן פרידאַ גאַנטראַם און איר געשאָנקען אַ לאַנגן, לאַכנדיקן בליק.

זי איז ווייטער געבליבן אין איר ראָוו, האָט דערלאַנגט די דאַמען זיסקייטן און נאַשערייען, באַשפּריצט מיט „שפּאַניש וואַסער“ פון איר גאָלדפלעשעלע די טיכלעך פון די דאַמען.

און דערנאָך האָט זי פּלוצלינג אָנגעהויבן.

— נישט אמת, ווי טרויעריק דאָס איז, וואָס כ'קען אייך נישט העלפן. עס טוט מיר אַזוי לייד.

פרידאַ גאַנטראַם האָט זיך אויסגעגלייכט, קוים מיט מי אויפגעעפנט די ליפּן.

— און פאַרוואָס דען נישט? — האָט זי געפרעגט.

— כ'האָב נישט קיין שום גרונט, — האָט אַלרוינע געענטפערט — באמת, קיין שום גרונט! — כ'וויל פשוט נישט — דאָס איז אַלץ.

זי האָט זיך געווענדט צו דער גרעפין.

---

*) יעדער האָט זיין געשמאַק.

— צי רעכנט איר אַז אייער מוטער וועט זיך זייער מצער זיין דערפון?

זי האָט באַטאָנט דעם דאַזיקן „זייער“ — דערביי האָט זי געצוויטשערט זיס און גרויזאַם צוגלייך, ווי אַ שוואַלב אויפן יאַגד־פלי.

די גרעפין האָט געציטערט אונטער איר בליק.

— אַך ניין, — האָט זי געזאָגט — נישט אַזוי זייער. — און האָט איבערגעחזרט די ווערטער פון פרידאַן:

— זי האָט דאָך נאָך אַ ווילע אין באָן און אַ פּאַלאַצל באַם רהיין, דערנאָך פּראָצענטער פון די אונגאַרישע וויינגערטנער, און אויך באַקום איך מיין רוסישע רענטע און —

זי האָט אָפּגעהאַקט, מער האָט זי נישט געוווּסט; זי האָט נישט געהאַט די מינדסטע השגה וועגן אירע פאַרהעלטענישן, זי האָט כמעט נישט געוווּסט, וואָס געלט הייסט. נאָר אַזוי פיל, אַז מען קען דערמיט אַרומגיין איבער די שיינע מאַגאַזינען איינקויפן הוטן און נאָך אַ סך אַנדערע שיינע זאַכן. און דערויף וועט עס נאָך זיכער גענוג קלעקן. זי האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז דאָס אַלצדינג איז נאָר דער מאַמאַס איינפאַל. אָבער די פריילין טען ברינקען האָפט, אַז דער דאָזיקער אומאָנגעמער פאָרפאַל וועט נישט פאַרטונקלען זייער פריינטשאַפט —

זי האָט געפּלאַפּלט אומזיניק, אָן ישוב הדעת און אָן טעם. זי האָט נישט געטראָפן קיין איין שטרענגן בליק פון דער חברטע, האָט זיך וואַרעם געטוליעט אונטער די גרין־שטראַלנדיקע אויגן פון פריילין טען ברינקען, ווי אַ וואַלד־העזל אין אַ זוניקן קרויט־פעלד.

פרידאַ גאָנטראַם איז געוואָרן אומרויק. מתחילת האָט זי אויפגערעגט דאָס אומגעהייערע טפשות פון איר חברטע, דערנאָך האָט זי געהאַלטן איר אויפפירונג פאַר געשמאַקלאָז און קאָמיש.

קיין שום פליג, האָ׳ז זי געטראַכט, פליט נישט אַזוי אומגעלומפּערט אויפן גיפט-צוקער. צום סוף אָבער, וואָס מער אַלגאַ האָט געפּלוי־דערט, וואָס מער עס האָט געגומען אויפטייען די קאָנווענציאָנעלע שניידעק פון אירע געפילן, האָבן זיך אויך בײַ פרידאַן אָנגעהויבן צו יועקן אַזעלכע עמפינדונגען, וואָס זי האָט זיך גראָד באַמיט מיט אַלע כוחות צו דערשטיקן. האָבן אויך אירע בליקן אַהינגע־וואַנדערט און זיך אָפּגעשטעלט געגוג אייפערזיכטיק אויפן פרינץ אָרלאָווסקיס שלאַנקער געשטאַלט.

אַלרוינע האָט דאָס באַמערקט.

— איך דאַנק אײַך, גרעפין, — האָט זי געזאָגט, — דאָס באַרויקט מיך זייער, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט.

זי האָט זיך געווענדט צו פרידאַ גאַנטראַם.

— ווייל דער יוסטיצראַט האָט מיר אָנדערציילט שרעקלעכע געשיכטעס וועגן דער זיכערער קאַטאַסטראָפע פון דער פירשטין!

פרידאַ האָט געזוכט דעם לעצטן אָנהאַלט און האָט זיך גע־האַלטן מיט אַלע כוחות.

— מיין פאָטער האָט געהאַט רעכט, — האָט זי האַרט גע־זאָגט. — די פּאָלקאָמע רוין איז באמת אומפאַרמיידלעך. — די פירשטין וועט מוזן דעם פּאַלאַץ פאַרקויפן —

— אָ, דאָס מאַכט גאָרנישט אויס, — האָט דערקלערט די גרעפין, — מיר ווינען דאָרט קיינמאָל נישט!

— שווייג דאָך! --- האָט אויסגערופן פרידאַ. אירע אויגן זע־נען געוואָרן טריב, זי האָט געפילט, אַז זי קעמפט גאַנץ צוועקלאָז פאַר אַ פאַרלוירענע זאַך.

— די פירשטין וועט מוזן איר הויז אויפלעזן, און עס וועט איר זיין זייער שווער צוצוגעוווינען זיך צו נייע באַדינגונגען. צי זי וועט קענען האַלטן אַן אויטאָ, דאָס איז זייער צווייפלהאַפט וואַרשיינלעך נישט.

— אַך, וואָס פאַר אַ שאָד! — האָט געזאָגט מיט אַ זינגענ־דיקער שטימע דער שוואַרצער פּירש.

— זי וועט מוזן די קי און די קאָטש פאַרקויפן, — האָט פאָרטגעזעצט פרידאַ, — די דינערשאַפט צום גרעסטן טייל פונאַנדערלאָזן —

אַלרוינע האָט איר איבערגעריסן:

— און וואָס וועט זיין מיט אייך, פריילין פרידאַ? צי וועט איר פאַרבלייבן באַ דער פירשטין?

די דאָזיקע אומדערוואַרטע פראַגע האָט זי אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט.

— איך — האָט זי געשטאַמלט, — איך — אָבער געוויס —

דאַן האָט פריילין טען ברינקען אַרויסגעצוויטשערט:

— ווען נישט דאָס, וואָלט איך געוועז זייער צופרידן צו קענען אייך פאַרלייגן מיין הויז. איך בין אַזוי איינזאַם און כ'דאַרף האָבן געזעלשאַפט — צי'ט אייך אַהער צו מיר.

פרידאַ האָט געקעמפט מיט זיך און זיך געוואַקלט אַן אויגנבליק:

— צו אייך — פריילין?

אָבער אַלגאַ האָט איר איבערגעריסן:

— ניין, ניין, זי מוז באַ אונדז בלייבן! — זי טאָר איצט מיין מוטער נישט פאַרלאָזן.

— איך בין קיינמאָל באַ דיין מאַמען נישט געווען, — האָט פרידאַ דערקלערט. — איך בין באַ דיר געווען.

— אַלציינס! — האָט די גרעפין אויסגערופן — באַ מיר, צי באַ איר, — איך וויל נישט, דו זאָלסט דאָ בלייבן.

— אַך, אַנטשולדיקט מיר. — האָט אַלרוינע געחוזקט — כ'האָב געמיינט, אַז די פריילין האָט אַן אייגענעם ווילן.

די גרעפין האָט זיך אויפגעהויבן, דאָס גאַנצע בלוט איז איר פון פנים אנטרונען.

— ניין, — האָט זי געשריגן — ניין, ניין!

— איך נעם נישט קיינעם, אויב ער קומט נישט פון זיך זעלבסט — האָט זי געלאַכט — דאָס איז שוין אַזאַ טבע בײַ מיר. און איך צווינג נישט קיינעם — פאַרבלייבט אייך בײַ דער פירשטין, אויב דאָרט איז אייך ליבער, פרײַלין גאָנטראַם.

זי איז צוגעגאַנגען צו איר, אָנגענומען אירע ביידע הענט.

— אייער ברודער איז געווען מיינס אַ גוטער פרײַנט, — האָט זי פאַמעלעך געזאָגט, — און מיין חבר — איך האָב אים אָפט געקושט.

זי האָט געזען, ווי די דאָזיקע פרוי, וועלכע איז געווען כמעט טאָפּלט עלטער פון איר, האָט אונטער אירע בליקן אַראָפּגע־לאָזט די אויגן. זי האָט געפילט, ווי אירע הענט ווערן פייכט אונטער דער לייכטער באַרירונג פון אירע פינגער. זי האָט אַריינ־געזויגן אין זיך דעם נצחון, אָנגעקוואָלן פון אים.

— ווילט איר דאָ בלייבן? — האָט זי געשעפּטשעט.

פרידאַ גאָנטראַם האָט שווער געאָטעמט. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן איז זי צוגעגאַנגען צו דער גרעפין.

— זײַ מיר מוחל, אַלגאַ — האָט זי געזאָגט — איך מוז דאָ בלייבן.

דערויף האָט זיך אַלגאַ אַ וואָרף געטון אויף דער סאָפע, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די קישנס און זיך איינגעקאָרטשעט אין היסטערישע ספּאַזמעס.

— ניין, — האָט זי געיאָמערט — ניין, ניין!

זי האָט זיך אַ זעץ אויף געטון, אויפגעהויבן די האנט, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט שלאָגן איר חברטע, און דערנאָך זיך שוי־

דערלעך צעלאַכט. זי איז אַראָפּגעלאָפן איבער די טרעפ אין גאָרטן אַריין, אָן אַ הוט, אָן אַ שירעם, דורך דעם הויף, און איז אַרויס אין גאַס.

— אָלגאַ! — האָט איר די חברטע נאָכגעשריגן — אָל־גאַ! — הער נאָר! אָלגאַ!

אָבער פריילין טען ברינקען האָט געזאָגט:

— לאָזט זי צורו. זי וועט שוין אַליין צום שכל קומען — הויכמוטיק האָט געקלונגען איר שטים.

*

*   *

פראַנק ברוין האָט געפרישטיקט אונטן אין גאָרטן אונטערן מאַי־בוים; פרידאַ גאָנטראַם האָט אים דערלאַנגט זיין טיי.

ס'איז זייער גוט פאַר דעם דאָזיקן הויז, — האָט ער גע־זאָגט — וואָס איר זענט דאָ. מען זעט אפילו נישט, אַז איר זאָלט עפּעס טון און דאָך גייט אַלץ, ווי אויף אַ שנירל. די דינערשאַפט האָט אַ משונהדיקן ווידערווילן אין דער באַציִונג צו מיין קוזינע, און ס'איז זיי געפעלן געוואָרן דער פאַסיווער ווידערשטאַנד. די דאָזי־קע לייט האָבן קיין השגה נישט וועגן סאָציאַלע קאַמפּס־מיטלען, אָבער זיי האָבן שוין דערגרייכט צו אַ געוויסן מין סאַבאָטאַזש. און די אָפּענע רעוואָלוציע וואָלט שוין לאַנג אויסגעבראָכן, ווען נישט דאָס ביסל צוגעבונדנקייט, וואָס זיי האָבן צו מיר. איצטער זענט איר אין הויז — און פלוצלינג גייט אַלץ כשורה — אַ שיינעם יישר כוח אייך, פרידאַ!

— אַ דאַנק — האָט זי אָפּגעענטפערט — כ'בין גליקלעך, ווען כ'קען עפּעס פאַר אַלרוינען טון.

— נאָר די פירשטין, — האָט ער ווייטער גערעדט — פילט אַלץ מער און מער דעם מאַנגל אין אייער געזעלשאַפט. דאָרטן

גייט אַלץ קאַפּויר, פון זינט די באַנק האָט אָפּגעשטעלט אירע אויס־צאָלונגען. אָט, ביטע, לייענט מיין פּאָסט!

ער האָט איר צוגערוקט עטלעכע בריוו.

אָבער פרידאַ גאַנטראַם האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין — אַנטשולדיקט מיר — כ׳וויל גאָרנישט לייענען. כ׳וויל גאָרנישט וויסן פון דעם אַלעמען.

ער האָט זיך געשפּאַרט:

— איר מוזט דאָס וויסן, פרידאַ. אויב איר ווילט נישט לייע־נען די בריוו, וועל איך איבערגעבן בקיצור עטלעכע פאַקטן. אייער חברטע האָט מען געפונען —

— לעבט זי? — האָט פרידאַ געשעפּטשעט.

— יאָ, זי לעבט! — האָט ער דערקלערט — ווען זי איז פונדאַנען אַנטלאָפן, האָט זי אַרומגעבלאָנקעט די גאַנצע לאַנגע נאַכט און דעם גאַנצן צווייטן טאָג דערנאָך. זי איז אוודאי צוערשט גע־גאַנגען דורך די דערפער צו די בערג צו, שפּעטער געמאַכט אַן אומקרייז און צוריקגעקערט זיך צום רהיין. די טייך־איבערפירער האָבן זי געזען נישט ווייט פון רעמאַגען. זיי האָבן פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט און זיך געהאַלטן נאָנט פון איר, ווייל איר פאַר־האַלטן זיך איז זיי פאַרגעקומען פאַרדעכטיק. און ווען זי האָט אַ שפרונג געטון פון פעלז אַראָפּ, האָבן זיי זיך צוגעשיפט און זי נאָך עטלעכע מינוטן אַרויסגעצויגן פון די כוואַליעס. זיי האָבן זי, אַ שטאַרק פאַרעקשנטע, אָפּגעפירט אין געריכטס-געפענגעניש —

פרידאַ גאַנטראַם האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף ביידע הענט.

— אין געפענגעניש? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— געוויס — האָט ער געענטפערט — נאָר וווהין האָבן זיי זי געזאָלט ברענגען? ס׳איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויב זי וועט זיך געפינען אַליין און אויף דער פריי, וועט זי גע־

וויס תיכף באַנייען איר זעלבסטמערדערישן פּלאַן. — מ׳האָט זי אַלי־זאָ געמוזט אָפּגעבן אונטער דער השגחה פון דער פּאָליציי, דערצו האָט זי זיך נאָך אָפּגעזאָגט צו געבן וועלכע עס איז דערקלערונגען, און האָט עקשנות׳דיג געשוויגן. דאָס זייגערל, דעם בייטל, אַפילו דאָס נאָזטיכל האָט זי שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעוואָרפן — און פון דער קרוין און פאַרדרייטע אותיות אויף איר וועש האָט קיינער נישט געקענט קלוג זיין. ערשט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די איניציאירטע, דורך אייער פאָטער, זוכונגען, האָט מען געקענט פעסטשטעלן איר פּערזענלעכקייט.

— ווו איז זי איצטער? — האָט פרידאַ געפרעגט.

— אין שטאָט, — האָט ער געענטפערט. — דער יוסטיצראַט האָט זי אַרויסגענומען פון רעמאַגען און זי אַוועקגעפירט אין פּרי־וואַטן משוגעים־אַנשטאַלט פון פּראָפעסאָר דאַלבערג. דאָ איז זיין באַריכט — איך האָב מורא, אַז די גרעפין אָלגאַ וועט נאָך דאָרט גאַנץ לאַנג מוזן פאַרבלייבן. נעכטן אין אָוונט איז געקומען די פירשטין. — איר, פרײלין פרידאַ, וואָלט געדאַרפט ווי צום גיכסטן באַזוכן אייער אומגליקלעכע חברטע; דער פּראָפעסאָר האָט פעסט־געשטעלט, אַז זי פאַרהאַלט זיך שטיל און רויק.

פרידאַ גאָנטראַם איז אויפגעשטאַנען.

— ניין, ניין! — האָט זי אויסגערופן. — איך האָב נישט — און איז פאַמעלעך אַוועק מיט דער סטעזשקע צווישן שמעקעדיקן פלידער.

פראַנק ברוין האָט איר נאָכגעקוקט. ווי אַ מאַרמאָר־מאַסקע האָט אויסגעזען דאָס דאָזיקע פּנים, ווי אַ פעסטער גורל, אויסגע־האַקט אין האַרטן שטיין. פּלוצלינג איז געפאַלן אַ שמייכל אויף דער דאָזיקער קאַלטער מאַסקע, ווי אַ לייכטער זונשטראַל אינמיטן פון אַ טיפן שאָטן. אירע ווייס האָבן זיך אונטערגעהויבן, אירע אויגן האָבן געזוכט לענגאויס דער אַלעע פון די רויטע בוק־ביימער, וועל־

כע האָט געפירט צום פּאַלאַץ צו. — און ער האָט געהערט דאָס הויכע געלעכטער פון אַלרויבען.

— וווּנדערבאַר איז איר כוח, — האָט ער געטראַכט. — דער פּע-ער יאַקוב האָט, שיינט מיר, געהאַט רעכט, אין די חקירות פון זיין לעדערנעם בוך.

ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— אָ, יאָ, עס איז שווער געווען נישט אַרונטערצופאַלן אונטער איר איינפלוס קיינער האָט נישט געוווּסט אין וואָס ער באַשטייט, און פונדעסטוועגן זענען אַלע געפלויגן אין דעם דאָזיקן הייסן פלאַם אַריין — צי אויך ער? ער?

איינס איז געווען זיכער: אַז עס איז געווען אין איר עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים געררייצט, ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין געניצען דין-וחשבון, ווי אַזוי עס האָט געווירקט — צי אויף זיינע חושים, צי אויפן בלוט, צי אויפן מוח — אָבער, אַז עס האָט געווירקט, דאָס האָט ער גוט געפילט. עס איז נישט אמת געווען, אַז נאָר כדי צו רעגולירן אירע ענינים איז ער דאָ כסדר געזעסן. — איצט, בשעת דער ענין פון דער מילהיימער באַנק איז שוין אַנטשידן געווען, האָט ער געקענט מיט דער הילף פון אַן אַדוואָקאַט דאָס אַלץ דערליידיקן — אַפילו נישט זייענדיק דאָ פערזענלעך.

און פונדעסטוועגן איז ער נאָך כסדר דאָ געווען. — ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט זיך אַליין אָפּגענאַרט, אַז ער האָט זיך מיט די דאָזיקע אַלע מעגלעכסטע פאַרהאַנדלונגען געשאַפן ביי קינסטלעכע סיבות, כדי אַלץ אָפּצושלעפן זיין אָפּפאָרן פונדאַנען. און עס זעט דאָס, האָט זיך אים געדאַכט, אוודאי זיין קוזינע, און אונטער איר איינפלוס טאַקע מוז ער אַזוי טון.

— מאָרגן פאָר איך צוריק אַהיים, — האָט ער גע־טראַכט.

אָבער פלוצלינג האָט אים אַראָפּגעדריקט דעם נאַקן אַ גע־דאַנק; פאַרוואָס אייגנטלעך? צי האָט ער מורא? שרעקט ער זיך פאַרן דאָזיקן צאַרטן קינד? צי האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיטן משוגעת, וועלכעס זיין פעטער האָט פאַראייביקט אין לעדערנעם בוך?

און וואָס וואָלט געקענט געשען? אין ערגסטן פאַל אַ קליינע ליבעס־אַוואַנטורע! קלאָר, אַז נישט זיין ערשטע — און אוודאי נישט זיין לעצטע! איז ער דען נישט געווען קיין פאַסיקער קעגנער און אפשר האָט ער אַפילו געהאַט דעם איבערגעוויכט? צי האָט ער דען אויך נישט איבערגעלאָזט אַפילו קרבנות אויפן לעבנסוועג, ווו זיין פוס האָט נאָר געשפּאַנט — פאַרוואָס זאָל ער אַנט־לויפן?

ער האָט דאָך זי אַמאָל באַשאַפן: ער, פראַנק ברוין. זיינער איז געווען דער איינפאַל, און דעם פעטערס האַנט — נאָר אַן אינסטרומענט. זי איז געווען זיין באַשעפעניש — אַ סך מער ווי דעם עקסעלענצס.

ווי יונג איז ער דאַמאָלס געווען און שוימענדיק ווי יונגער ווייַן, פול מיט די אויסטערלישסטע חלומות, פול מיט די הימלשטור־מענדיקסטע פאַנטאַזיעס; ער האָט מיט די שטערן אין באַלעם געשפּילט. און פלוצלינג האָט ער אָפּגעפליקט אַ זעלטענע פרי אין דעם פינסטערן אורוואַלד פון אומדערפאָרשלעכן, וועלכעס טאַמע־וועט זיינע ווילדע שריט. ער האָט געפונען אַ גוטן גערטנער און אים אָנפאַרטרויט די פרוכט. און דער גערטנער האָט פאַרזעצט דאָס קערנדל אין דער ערד, אונטערגעגאָסן דאָס שפּראָצל, געפלעגט דאָס צווייגל און אָפּגעוואַרט, ביז עס וועט זיך אין אַ יונג ביימל צעוואַקסן.

איצט האָט ער זיך צוריקגעקערט, און אָט האָט ער געפונען זיין ביימל אין ליכטנדיקן בליעכץ. גיפטיק איז עס זיכער געווען; ווער עס האָט געריט דערונטער, דעם האָט דער הויך געטראָפן. טייל זענען געשטאָרבן דערפון — אַ סך פון די, וואָס האָבן נהנה געווען פון איר זיסן וויין — און אויך דער קלוגער גערטנער, וואָס האָט עס געפלעגט.

ער אָבער איז נישט געווען דער גערטנער, וועמען דאָס זעלטענע ביימל איז געווען ליבער פון אַלץ אין דער וועלט. ער איז נישט געווען איינער פון די לייט, וועלכע האָבן געוואַנדלט אין גאָרטן צופעליק און אומבאַוווסטזיניק.

ער איז געווען דער, וואָס האָט אַמאָל די פרוכט געבראַכט און דעם קערן געגעבן. פון יענער צייט אָן האָט ער זיך אָפּטעג דורכגעריסן דורך די ווילדע וועלדער פון אומדערפאָרשלעכן. נישט איין הייסן גיפט האָט זיין נשמה איינגעאָטעמט, נישט איין מגפה־הויך און נישט איינמאָל געזונקען אין אַכזריותדיקן רויך פון זינדיקע בראַנדן. אָך, דאָס האָט אים ווי געטון שטאַרק, געפּייניקט און צעריסן אייטערנדיקע געשווירן — אָבער עס האָט אים נישט אַוועקגעלייגט. קרעפטיק און שטאַרק האָט ער זיך אויפסניי אַרויסגעקראָגן אונטער גאָטס הימל — איצט איז ער געווען גאַנץ זיכער באַ זיך ווי אין אַ פּאַנצער פון שטאָל.

אָ, געוויס: ער איז געווען אומבאַרירלעך — קיין מלחמה, אַ שפּיל נאָר האָט ער אים אויסגעזען. — אָבער דאַן — טאַקע דאַן, אויב עס איז נאָר אַ שפּיל — דאַרף ער אַוועקגיין — איז עס דען נישט אַזוי? אויב זי איז נאָר אַ ליאַלקע — געפערלעכער פאַר אַלע אַנדערע, אָבער אַן אומשולדיק שפּילכל פאַר זיינע שטאַרקע פויסטן — דאַמאָלס וואָלט די דאָזיקע ליבעס־אַוואַנטורע געווען אַ גאַנץ ביליקער ענין. נאָר — ווען דאָס וואָלט געווען אַן אמת׳ער

אַם, מיט דער זעלבער גוואַלדער-קראַפט — נאָר דאַמאָלס וואָלט עס ווערט געווען די טירחה —

— שקר! — האָט ער ווייטער געזאָגט — ווען האָט ער אייגנטלעך דערציילט די דאָזיקע העלדישקייטן זיינע? האָט ער דען נישט גאַנץ אָפט געגאַנגען פון צופיל זיכערע נצחונות? — פון צופעליקע עפּיזאָדן?

ניין, דאָ איז נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי עס איז תמיד. צי קען מען דען איבערהויפּט דעם קעגנערס קראַפט? צי איז נישט פיל געפערלעכער אַ ביס פון דער קליינער גיפט-בין, ווי פון דעם הייפישס פיסק, אויף ווען ער האָט געצילט מיט אַ זיכערער האַנט מיט אַן אויסגעצייכנטער ענגלישער ביקס.

ער האָט נישט געפינען קיין אויסגאַנג, און ווי ער האָט זיך נישט געקערט, האָט ער זיך אַלץ געדרייט אין איין קרייז. ער איז כסדר געקומען צום זעלבן פּונקט:

— בלייב!

— גוט מאָרגן, פּעטער, — האָט געלאַכט אַלרויבע טען ברינקען. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אים צוזאַמען מיט פרידאַ גאָנטראַם.

— גוט מאָרגן, — האָט ער קורץ געענטפערט. — לייען נאָר איבער די דאָזיקע בריוו — עס וועט דיר גאָרנישט שאַטן, אַז דו וועסט דיר איבערלייגן, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט. — עס וואָלט שוין צייט געווען, אויפצוהערן מיט די דאָזיקע נאַרישקייטן און זיך נעמען צו עפּעס שכלדיקערס, צי עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל כדאי זיין די מי.

זי האָט אים שאַרף אָנגעקוקט.

— אַזוי? — האָט זי געזאָגט, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט: — און וואָס, מיינסטו, איז אַזוי כדאי די מי?

ער האָט גאָרנישט געענטפערט — ווייל ער האָט קיין שום

ענטפער אין דעם מאָמענט נישט געקענט געפינען. ער איז אויפגעשטאַנען, געהויבן מיט די אַקסלען און אַוועק אין גאָרטן אַריין. הינטער אים האָט געשאָלט איר געלעכטער.

— אין אַ שלעכטער שטימונג, הער אַפּיטרופּוס?

*

* *

נאָכמיטאָג-צייט איז ער געזעסן אין דער ביבליאָטעק. פאַר אים זענען געלעגן עפּעס אַקטן, וואָס דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע האָט נעכטן צוגעשיקט, אָבער ער האָט זיי נישט געלייענט. ער האָט שטאַר געקוקט פאַר זיך און געריכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן.

דאַן האָט ער ווידער אַרויסגעצויגן פון שופלאָד דאָס לעדערנע בוך פון געהיימראַט. ער האָט געלייענט פּאַמעלעך און גענוי, פאַרטראַכט זיך איבער יעדער קלענסטער געשעעניש.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט, און עס איז האַסטיק אַריין דער שאָפער.

— הער דאָקטאָר! — האָט ער אויסגערופן, — די פירשטין וואָלקאָנסקי איז געקומען צו פאָרן, זי איז זייער אויפגערעגט; שוין פון דער קאַרעטע האָט זי אַרויסגעשריגן, אַז די פריילין זאָל אַרויסקומען. אָבער מיר האָבן גערעכנט, אַז ס'וועט גלייכער זיין, אויב איר וועט זי צוערשט אויפנעמען — וועט זי אַלזאָ אַלויזי דאָ אַריינפירען.

— גאַנץ גלייך! — האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַרויס אַנטקעגן דער פירשטין.

זי האָט זיך קוים דורכגעשטופּט דורך דער שמאָלער טיר, אַריינגעשלעפּט איר גוף אין האַלב-פינסטערן זאַל, וועמענס גריבעלאַדנס עס האָבן ווייניק זון דורכגעלאָזן.

— ווּ איז זי? — האָט זי געסאַפּעט. — ווּ איז די פריילין?

ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט און זי צוגעפירט צו דער קאַנאַפּע. זי האָט אים גלייך דערקענט און אָנגערופן בּאַם נאָמען, אָבער זי האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן אַריינלאָזן זיך מיט אים אין אַ וועלכן ס'איז שמועס.

— די פריילין אַלרוינע זוך איך, — האָט זי געשריגן, — בּרענגט אַהער די פריילין!

זי האָט אים נישט צוריִ געלאָזט, בּיז ער האָט נישט אָנגעקלונגען גאָכן דינער און געהייסן דער פריילין מעלדן, אַז די פּירשטין איז געקומען צו פאָרן; ערשט דאַמאָלס האָט זי אים בּאַווי־ליקט אויסצוהערן.

ער האָט זיך געפרעגט, וואָס עס מאַכט איר טאָכטער, און די פירשטין האָט אים דערציילט מיט אַ געוואַלטיקער שפּע פון רייד, אין וואָס פאַר אַ מעמד זי האָט געטראָפן איר טאָכטער. זי האָט אפילו נישט דערקענט די מוטער. שטיל און אַפּאַטיש איז זי געזעסן בּאַם פענסטער און געקוקט אין גאָרטן אַריין. די אַמאָליקע קליניק פון געהיימראַט, פון דעם דאָזיקן שווינדלער, האָט איצט דער פּראָפעסאָר דאַלבּערג פאַרוואַנדלט אין אַן אַנשטאַלט פאַר נערוון־קראַנקע, דאָס זעלבּע הויז אין וועלכן די —

ער האָט איבּערגעריסן דעם מבול פון אירע רייד. ער האָט שנעל אָנגענומען איר האַנט און האָט זיך מיט געמאַכטער פאַראינטעריסירונג אַראָפּגעבויגן איבּער אירע רינגלעך.

— אייער האָהייט וועט מיר אַנטשולדיקן — האָט ער פּלוצלינג אויסגערופן, — פון וואַנען שטאַמט דער דאָזיקער הערלעכער שמאַראַגד? דאָס איז פּשוט אַן אַנטיק־זאַך!

— דאָס איז אַ קנאָפּ פון מיין ערשטן מאַנס מאַגנאַט־היטל — האָט זי אָפּגעענטפערט — אַן אַלטע ירושה־זאַך.

זי האָט געוואָלט ווייטער רעדן, אָבער ער האָט זי נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

— ס'איז אַ שטיין פון אומגעווייטלעכער רייגקייט! — האָט ער פאַרזיכערט. — און פון אומגעווייטלעכער גרויס! אַן ענלעכן האָב איך געזען נאָר אין די שטאַלן פון מאַהאַראַדזשאַ אין ראַלינקאָרע — ער האָט אים געהייסן איינפּאַסן זיין באַליבטן פערד אַלס לינק אויג, אין רעכטן האָט עס געטראָגן אַ בירמאַנישן רובין, נאָר אַן עטוואָס קלענערן. און ער האָט גענומען דערציילן וועגן דער אַמאָטאָרישקייט פון די אינדישע פירשטן, וועלכע פלעגן הייסן זייערע פערד אויסשטעכן די אויגן און אויף זייער אָרט אַריינשטעלן גלעזערנע אויגן, אָדער גרויסע קאַבאַכאָנס אַריינזעצן.

— דאָס קלינגט אַכזריותדיק, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך פאַרזיכער אייער האָהייט, אַז דער איינדרוק איז אַן אַנטציקנדער. ווען איר זעט אַזאַ הערלעכע חיה, וועלכע קוקט אויף אייך מיט שטאַרע אַלעקסאַנדריטן-אויגן, אָדער וואַרפט אייך צו בליקן פון טונקל-בלויע שאַפּירן.

און ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן איידל-שטיינער: ער האָט זיך דערמאַנט אָן זיינע סטודענטישע צייטן, אַז אויף צירונג און פערל פלעגט זי זיך אַ ביסל קענען, און אַז אין תוך גענומען איז דאָס געווען די איינציקע זאַך, וואָס האָט זי באמת פאַראינטערעסירט. זי האָט אים אָפּגעענטפערט; מתחילת שנעל און אָפּגעריסן, דערנאָך איז זי מיט יעדער מינוט געוואָרן רויקער. זי האָט אַראָפּגעצויגן פון די פינגער די רינגלעך, געוויזן זיי איהם כסדר און וועגן יעדן דערציילט אַ גאַנצע געשיכטע.

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מכלומרשט זיך שטאַרק צוגעהערט.

— נו, איצטער מעג שוין קומען די קוזינע, — האָט ער געטראַכט, — דער ערשטער שטורם איז אַריבער.

אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט. אַלרוינע איז אַרייַנגעקומען; אַן רויש האָט זי געעפנט די טיר, שטיל איז זי געגאַנגען איבערן דיוואַן און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים.

— ווי פריי איך זיך, וואָס כ'זע דאָ אייער האָהייט — האָט זי געזאָגט מיט א זינגענדיקער שטים.

די פירשטין האָט אַ געשריי געטון, קוים געכאַפּט דעם אָטעם, איבערגעצלמט זיך איינמאָל און דערנאָך נאָכאַמאָל אויף אַ פּראַוואָסלאַווישן אופן.

— זע נאָר, זי איז שוין דאָ — האָט זי געקרעכצט — זי זיצט שוין דאָ?

— אוודאי — האָט אַלרוינע געלאַכט — פון בלוט און פלייש.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און דערלאַנגט דער פירשטין די האַנט.

— עס טוט מיר זייער לייד — האָט זי פאָרטגעזעצט — מיין אויפריכטיקע מיטלייד, פירשטין!

די פירשטין האָט נישט צוגענומען איר האַנט. א קורצע ווייַלע איז זי געשטאַנען אַן ווערטער, געסאַפּעט און זיך באַמיט צו קומען צו זיך. דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעפּוגען.

— כ'דאַרף נישט דיין מיטגעפיל — האָט זי אויסגערופן — כ'האָב מיט דיר עפעס צו רעדן.

אַלרוינע האָט זיך געזעצט און לייכט געוווּנקען מיט דער האַנט.

— ביטע, זאָל אייער האָהייט רעדן.

איצט האָט אָנגעהויבן די פירשטין. — צי ווייסט די פריילין, אַז זי האָט פאַרלוירן איר גאַנץ פאַרמעגן צוליב די מאַניפּולאַציעס פון עקסעלענץ? אָבער נאַטירלעך, זי ווייסט וועגן אַלעמען, די אַלע הערן פון באַנק האָבן עס איר דערציילט מיט די קלענסטע

פרטים, ווי אויך, וואָס זי דאַרף טון — אָבער זי האָט זיך אָפּגע־זאָגט צו דערפילן איר פליכט! צי ווייסט זי, וואָס ס׳איז געשען מיט איר טאָכטער? זי האָט דערציילט, ווי אַזוי זי האָט זי געטראָפן אין אַנשטאַלט און ווי ס׳איז די מיינונג פון די דאָקטוירים. זי איז וואָס אַמאָל מער געוואָרן אויפגערעגט, איר שטים איז וואָס אַמאָל געוואָרן העכער און שרייענדיקער.

אַלרוינע האָט דערקלערט, אַז זי ווייסט וועגן דעם אַלעמען גאַנץ גענוי.

דאַן האָט די פירשטין געפרעגט: וואָס רעכנט זי איצט צו טון? צי האָט זי בדעה צו גיין אין די שמוציקע דרכים פון איר פאָטער? אָך, דער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שווינדלער, אין קיין ראָמאַן וואָלט מען נישט געקענט קיין געטריבענערן שאַרלאַטאַן געפינען. איצט האָט ער זיין שכר. זי האָט זיך עקשנותדיק געטשע־פּעט אַן עקסעלענץ, געשריגן הויך אַלץ, וואָס איר איז נאָר געקו־מען אויף דער צונג — זי האָט געהאַלטן, אַז די סיבה פון אַלגאַס פּלוצלינגדיקער נערוון־אַטאַקע איז געווען די נישט געלונגענע שליחות, מיט וועלכער זי איז געקומען צו אַלרוינען, ווי אויך דאָס, וואָס אַלרוינע האָט איר אָפּגעשלאָגן איר לאַנגיעריקע חברטע. און זי האָט גערעכנט, אַז אויב די פריילין וועט איר איצט וועלן העלפן, וועט זי נישט נאָר איר פאַרמעגן, נאָר אויך איר קינד אָפּראַ־טעווען.

— איך בעט נישט — האָט זי געשריגן — כ׳פאָדער, כ׳פאַר־לאַנג מיין רעכט! דו האָסט מיר געטון אַן עוולה, דו, מיין טויף־קינד, און דיין פאָטער! פאַרבעסער־זשע איצט דאָס, וואָס ס׳איז נאָך מעגלעך צו פאַרבעסערן. ס׳איז אַ חרפה, וואָס כ׳מוז עס דיר ערשט זאָגן — אָבער דו האָסט אַליין געבראַכט דערצו.

— וואָס זאָל איך נאָך ראַטעווען? — האָט אַלרוינע שטיל גע־זאָגט — לויט ווי כ׳ווייס, איז די באַנק מיט עטלעכע טעג צוריק

געפֿאַלן. איר האָהייטס געלט איז אַלזאָ קאַפּוט געגאַנגען! — זי האָט צעצויגן דעם: ק אַ פּ וּ ט — אַז מ׳האָט געהערט די באַנק־באָטן אין דער לופֿטן פֿליען.

— דאָס מאַכט גישט אויס — האָט דערקלערט די פֿירשטין — דער יוסטיציראַט האָט מיר געזאָגט, אַז גאַנצע צוועלף מיליאָנען פֿון מיין געלט האָט דיין פֿאָטער אינוועסטירט אין דער דאָזיקער עלנטער באַנק. וועסטו מיר פּשוט צוריקגעבן די דאָזיקע צוועלף מיליאָנען — פֿון דיין געלט. באַ דיר מאַכט עס גאָרנישט אויס — דאָס ווייס איך גאַנץ גוט!

— אך! — האָט אָפּגעזיפֿצט די פֿריילין טען ברינקען. — צי איר האָהייט וועט נאָך עפּעס באַפֿעלן?

— געוויס, — האָט אויסגערופֿן די פֿירשטין — דו וועסט מודיע זיין דער פֿריילין גאָנטראַם, אַז זי זאָל גלייך פֿאַרלאָזן דיין הויז. אַז זי דאַרף תּיכּף מיטפֿאָרן מיט מיר צו מיין אָרימער טאָכטער, כ׳לייג גרויס האָפֿנונג אויף איר אָנוועזנהייט, איבערהויפּט, ווען זי וועט ברענגען די ידיעה, אַז דער דאָזיקער טרויעריקער ענין מיטן פֿאַרמעגן איז שוין רעגולירט, האָף איך, אַז דאָס וועט האָבן אַ זייער גינסטיקע ווירקונג אויף דער גרעפֿין — און אפֿשר אויך אַ פּלוצלינגדיקע רפֿואה. כ׳וועל דער פֿריילין גאָנטראַם קיין שום פֿאָרוואורף פֿאַר איר אומדאַנקבאַרן שריט און אויך בנוגע דיר, זאָג איך מיך אָפּ פֿון טאַדלען דיין פֿאַרהאַלטן זיך. כ׳פֿאַרלאַנג נאָר, אַז דער דאָזיקער ענין זאָל אין אָרדנונג געבראַכט ווערן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט טיף געאָטעמט נאָך דער געוואַלטיקער אָנשטרענגונג פֿון דער דאָזיקער לאַנגער רעדע. זי האָט אַרויסגענומען דאָס טיכל, געקילט זיך דערמיט און אָפּגעווישט די דיקע טראָפּנס שווייס, וועלכע האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף איר שטאַרק פֿאַרױטיקט פּנים.

אַלרוינע האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן און זיך לייכט פאַרבייגט.

איר האָהייט איז אַזוי גנעדיק. — האָט זי זינגענדיק געזאָגט.

דערנאָך האָט זי געשוויגן. די פירשטין האָט געוואַרט אַ ווײַלע; ענדלעך האָט זי געפרעגט;

— נו?

— נו? — האָט די פרײַלין געענטפערט מיטן זעלבן טאָן.

— איך וואַרט — האָט געזאָגט די פירשטין.

— איך אויך — האָט געזאָגט אַלרוינע.

די פירשטין האָט זיך גערוקט אַהין און אַהער אויף דער סאָפע, וועמענס אַלטע ספּרונזשינעס עס האָבן זיך טיף געבויגן אונטער איר משא. אײַנגעפּרעסט אין איר געוואַלטיקן גאַרסעט, וועלכער האָט פונדעסטוועגן פון איר רונקער קערפּער־מאַסע אויסגעשניטן עפּעס אַ כּלומרשטע פיגור, האָט זי זיך שווער און שטײַף באַוועגט. זי האָט שנעל געאָטעמט און נישט ווילנדיק געלעקט מיט דער צונג די טרוקענע ליפּן.

— אפשר הייסן אײַך ברענגען אַ גלעזל וואַסער, פירשטין? — האָט געצוויטשערט די פרײַלין.

זי האָט זיך געמאַכט, ווי נישט הערנדיק.

— וואָס האָסטו בדעה צו טון? — האָט זי פייערלעך געפרעגט.

און זי האָט געענטפערט מיט אַן אומגעווייטלעכער פּשטות.

— גאָרנישט.

די אַלטע פירשטין האָט געקוקט אויף איר מיט שטאַרע קוישע אויגען, גלײַך זי וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס דאָזיקע יונגע באַשעפעניש רעדט. זי האָט זיך שווער אויפגעהויבן, געמאַכט אַ פּאָר טריט, גענומען קוקן אַרום זיך, ווי זי וואָלט עמעצן

געזוכט פראַנק ברוין איז אויפגעשטאַנען, גענומען די קאַראַפקע פון טיש און איר אָנגעגאָסן אַ גלעזל וואַסער. זי האָט עס האַסטיק אויסגעטרונקען.

אַלרוינע האָט זיך אויך אויפגעהויבן.

— כ'בעט מיר צו אַנטשולדיקן, פירשטין — האָט זי געזאָגט — צי זאָל איך גריסן פון אייערטוועגן די פרײַלין גאָנטראַם.

די פירשטין איז צוגעגאַנגען צו איר, זידנדיק פון אײַנגעהאַלטענער רציחה,

— איצט צעשפּרינגט זי — האָט געטראַכט פראַנק ברוין.

אָבער זי האָט נישט געקענט געפינען קיין ווערטער. אומזיסט האָט זי געזוכט פון וואָס אָנצוהייבן.

— זאָג איר. — האָט זי געסאַפּעט, — זאָג איר, אַז זי זאָל זיך מיר קיינמאָל נישט ווייזן פאַר די אויגן! אַ מויר איז זי — נישט בעסער פון דיר!

זי האָט אַרומגעשפּרייזט מיט שווערע טריט איבערן זאַל, דישענדיק, שוויצנדיק און מאַכנדיק מיט די מעכטיקע אָרעמס. פּלוצלינג איז איר בליק געפאַלן אויפן אָפענעם שופלאַד, און זי האָט דאָרט דערזען דעם האַלדז-באַנד, וואָס זי האָט אַמאָל געשענקט איר טויף-קינד: גאָלדענע קייטלעך, אײַנגעפאַסט מיט בריליאַנטן און שנורן גרויסע פּערל, אַרומגענומען מיט די פייער-רויטע האָר פון דער מוטער. אַן אויסדרוק פון טריומפירנדיקער שנאה איז דורכגעלאָפן איבער איר אָנגעשוואָלן פנים, זי האָט שנעל אַרויסגעצויגן דעם האַלדז-באַנד פון שופלאַד.

— צי קענסטו דאָס? — האָט זי געשריגן.

— ניין, — האָט רויק געענטפערט אַלרוינע — כ'האָב עס נאָך קיינמאָל נישט געזען.

די פירשטין איז צוגעגאַנגען האַרט לעבן איר

— האָט, הייסט עס, דער דאָזיקער אויסוואורף, דער געהיים-

ראַט, דאָס אויסבאַהאַלטן פון דיר — דאָס האָט מען זיך געקענט ריכטן אויף אים! דאָס איז דיין טויף־מתּנה פאַר דיר, אַלרוינע!

— אַ דאַנק, — האָט די פריילין געזאָגט — די פּערל זעען אויס גאַנץ שיינע און די שטיינער אויך — אויב זיי זענען נאָר עכטע.

— זיי זענען עכטע! — האָט געשריגן די פירשטין — זיי זענען אַזוי עכט, ווי די האָר, וועלכע כ'האָב דיין מאַמען אָפּגעשניטן!

זי האָט אַ וואָרף געטון דעם האַלדז־באַנד דער פריילין אויף דער שויס.

אַלרוינע האָט גענומען דאָס זעלטענע צירונג און עס געוויגן אין דער האַנט.

— מיין — מאַמען! — האָט זי פּאַמעלעך געזאָגט — זי האָט געהאַט, דאַכט זיך, זייער שיינע האָר, מיין מאַמע.

די פירשטין האָט זיך פאַר איר ברייט אַוועקגעשטעלט און זיך פעסט אָנגענומען מיט די הענט בײַ די זייטן, זיכער אין איר זאַך, ווי אַ וועשין.

— זייער שיינע האָר, — האָט זי געלאַכט, — זייער שיינע! אַזעלכע שיינע, אַז אַלע מאַנספּאַרשוינען פלעגן איר נאָכלויפן און אַ גאַנצן טאָלער באַצאָלן, כּדי איין נאַכט צו שלאָפן לעבן די דאָזיקע שיינע האָר.

די פריילין איז אויפגעשפרונגען, און אויגנבליק איז איר דאָס גאַנצע בלוט אַוועק פון פּנים. אָבער זי האָט זיך באַלד ווידער צעשמייכלט און געזאָגט רויק און רוהיק:

— איר ווערט אַלט, פירשטין, אַלט און קינדיש.

דאָס איז שוין געווען דער סוף, דאָ איז שוין נישט געווען קיין צוריק פאַר דער פירשטין. זי האָט אויסגעבראָכן געמיין, אוי-

פערגעוויינטלעך אומפאַרשעמט, ווי אַ שיכורע באָרדעל-ווירטין. זי האָט געשריגן, איבערגעשלאָגן זיך, געהיילט, געגאָסן גאַנצע שעפער ברודיקע רייד. אַ הור איז געווען אַלרוינעס מוטער, איינע פון ני־דעריקסטן מין, וועלכע פלעגט זיך פאַר אַ מאַרק פאַרשאַכערן און אַ געמיינער, סעקסועלער מערדער איר פאָטער, נעריסען האָט ער געהייסן, זי ווייסט עס גוט. פאַר געלט האָט דער געהיימראַט די דאָזיקע פראָסטיטוטקע געקויפט צו זיין מנוּוולדיקן עקספּערימענט און האָט זי באַפרוכפערט מיט דער זרע פון געטויטן. זי איז דער־ביי געווען אַליין, זי אַליין, ווען ער האָט דער מוטער די עקלדי־קע זרע איינגעשפריצט, וועמענס עיפושדיקע פרוכט זי איז — זי, אַלרוינע, די, וואָס זיצט דאָ פאַר איר! אַ טאָכטער פון אַ מערדער, אַ קינד פון אַ גאסנמויד!

דאָס איז געווען איר נקמה. זי איז אויפגעשטאַנען, טריומ־פירנדיק, מיט אַ לייכטן טריט, אָנגעבלאָזן מיטן שטאָלץ פון איר נצחון, וואָס האָט זי מיט צען יאָר יינגער געמאַכט. זי האָט מיט רעש פאַרהאַקט די טיר אונטער זיך.

אַ שטילקייט האָט זיך אויסגעלייגט אין דער גרויסער ביב־ליאָטעק.

אַלרוינע איז געזעסן אין איר פאָטעל עטוואָס בלאַס און שווייגנדיק.

ענדלעך איז זי אויפגעשטאַנען.

— נאַרישקייטן! — האָט זי געפּליסטערט.

זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט, דערנאָך האָט זי זיך איבער־געקלערט און איז צוגעגאַנגען צו איר פעטער.

— איז דאָס אמת, פראַנק ברוין? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט זיך געקוויינקעלט אַ ווײַלע. דערנאָך איז ער אויפ־געשטאַנען און פאַמעלעך געזאָגט:

— כ'מיין, אַז ס'איז אמת.

ער איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש, גענומען דאָס לעדערנע בוך און איר דערלאַנגט.

— לייען דאָס איבער — האָט ער געזאָגט.

זי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, זי האָט זיך אויסגעדרייט צום גיין.

— נעם דאָס אויך מיט — האָט ער אויסגערופן. און ער האָט איר דערלאַנגט דעם בעכער פון די ביינער, וואָס איז געווען געמאַכט פון איר מוטערס שאַרבן, און די ביינער, וואָס זענען געווען אויסגעאַרבעט פון איר פאָטערס קנאָכן.

דאָס פערצנטע קאַפּיטל

וועלכעס באַשרייבט, ווי אַזוי פראַנק ברוין האָט זיך מיט פייער געשפּילט און ווי אַזוי אַלרוינע האָט אויפגעוואַקסט.

דעם דאָזיקן אָוונט איז דאָס פרייליין נישט אַראָפּגעקומען צום אָוונט-ברויט, זי האָט געהייסן פרידאַ גאָנטראַם זי זאָל איר נאָר טיי און עטלעכע געטרוקנטע געבעקס-שטיקלעך אין דער הויך אַרויפברענגען. פראַנק ברוין האָט געוואַרט אַ ווײַלע, ער האָט געהאָפט, אַז זי וועט אפשר שפּעטער אַראָפּקומען. דערנאָך איז ער אַוועק אין ביבליאָטעק און אָן חשק זיך גענומען איבערקוקן די אַקטן. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט ווי געהעריק אין דער אַרבעט פאַרטיפן, האָט ער פאַרמאַכט די אַקטן און באַשטימט צו פאָרן אין שטאָט אַריין. ער האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען פון שיפלעדל די לעצטע קליינע אָנדענקונגס-זאַכן: אַ שטיקל זיידענע שנור, אַ דורכגעשאָסן קאַרטל מיט אַ פיר-בלעטערדיקן קלעווער און ענדלעך דאָס אַלרוינעלע-מענטשל. ער האָט דאָס איינגעפּאַקט אין אַ פּאַפּיר, פאַרלאַקירט און געהייסן דאָס פּעקעלע אַרויפטראָגן דער פרייליין אין דער הויך. ער האָט נישט אויפגעשריבן קיין וואָרט — אַלע דערקלערונגען וועט זי דאָך שוין געפינען אין דעם לעדערנעם בוך, וואָס איז מיט אירע איניציאַלן באַצייכנט.

דערנאָך האָט ער אָנגעקלונגען נאָכן שאָפער און איז געפאָרן אין שטאָט אַריין. ער האָט געטראָפן דעם אַדוואָקאַט מאַנאַסע, ווי ער האָט זיך גערעכט, אינם קליינעם ווײַן-הויז אויפן קאַטעדראַל-פּלאַץ; סטאַניסלאַוו שאַכט איז אויך מיט אים געווען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט זיי און אָנגעהויבן אַ קליינעם שמועס.

ער האָט זיך פאַרטיפט מיטן אַדוואָקאַט אין באַטראַכטן עס-

לעכע געריכטלעכע ענינים, ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין פּאַר און קעגן בײַ דעם אָדער יענעם פּראָצעס. עטלעכע צווייפלהאַפטע אָב־געלעגנהייטן האָבן זיי באַשלאָסן איבערצולאָזן פאַרן געריכטס־ראַט אַליין, דער וועט זיי שוין ווי עס איז איינאָרדנען. וואָס אַנבאַלאַנגט אַנדערע, האָט ער געהאָפּט מיט דער גאַנצער זיכערקייט אַ בײַ־פרייענדן אורטייל צו באַקומען. אין טייל פאַלן האָט פראַנק ברוין פּראָפּאָנירט צו אָנערקענען אַלע געזעץ־פּונקטן און רויִק יעדן אור־טייל אָננעמען, נאָר מאַנאַסע איז געווען קעגן דעם: נאָר נישט אָנערקענען גאָרנישט, ווען אַפילו די פאָדערונגען פון קעגנער זאָלן זיין קלאָר ווי די זון און הונדערט מאָל געזעצלעך באַרעכטיקט. ער איז געווען דער ערלעכסטער און אויפריכטיקסטער אַדוואָקאַט אין לאַנד־געריכט, וועלכער פלעגט דעם קליענט תמיד זאָגן דעם אמת אין די אויגן אַריין, און אויף דער טריבונע פלעגט ער בעסער פאַרשווייגן — און קיינמאָל נישט זאָגן קיין ליגנט. און דאָך איז ער געווען צופיל יוריסט נישט צו האָבן אין בלוט קיין שנאה קעגן יעדער מין אָנערקענונג.

— דאָס וועט נאָר פאַרגרעסערן אונדזערע קאָסטן — האָט באַמערקט פראַנק ברוין.

— ווען אַפילו! — האָט געברומט דער אַדוואָקאַט. וואָס מאַכט דאָס אויס קעגן די אָביעקטן!? — און כ׳זאָג אייך: מ׳קען קיינמאָל פריִער גאָרנישט וויסן: — עפּעס אַ שאַנס קען מען נאָך געפינען!

— אַ יוריסטישן — אפשר — האָט פראַנק ברוין געענט־פערט — אָבער —

ער האָט געשוויגן: קיין אַנדערע זענען דאָך נישט געווען פאַרן אַדוואָקאַט, דאָס געריכט האָט גערעדט מיט געזעץ — און דעריבער איז געווען געזעץ דאָס, וואָס דאָס געריכט האָט אַנט־שיידעט.

— הײנט, װאָס אַן אמת, יאָ — און אין עטלעכע חדשים אַרום אין אַ העכערער אינסטאַנץ אײנגאַנצן אַנדערש. פונדעסטװעגן: דאָס געריכט האָט לסוף אַרױסגעגעבן אַן אורטײל, װעלכער איז געװען הײליק. דאָס האָט אָבער נישט געטון דער צד. אָבער צו קענטעניש געמען, הײסט זיך אַלײן — אַרױסגעבן אַ פּסק־דין, הײסט דעם געריכט פֿאַרלױפֿן דעם װעג.

אָבער מאַגנאַסע איז געװען אַדװאָקאַט. אַלזאָ אַ פֿאַרטרעטער פֿון אַ צד, און פּונקט אַזױ װי ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז דאָס געריכט זאָל זײן אומפּאַרטײאיש, אַזױ איז עס פֿאַר אים געװען אַ שרעקלעכע זאַך, אַז ער אַלײן זאָל דעם פּסק־דין אָננעמען אָדער אַרױסגעבן אים פֿאַר זײן צד.

פֿראַנק בראַון האָט געלאַכט.

— װי איר װילט — האָט ער געזאָגט.

דערנאָך האָט ער געשמועסט מיט סטאַניסלאַװ שאַכטן, געבעטן, אַז ער זאָל אים דערצײלן װעגן זײן פֿרײנט דר. מאַהנען און װעגן די אַלע איבעריקע, װאָס זענען דאָ געװען, בשעת זײן שטודירן. אָ, יאָזעף טהעסען איז שױן לאַנג אַ מלוכה־יועץ, און קלינגעלהעלפֿער איז געװען פּראָפֿעסאָר אין האַלע; ער װעט דאָ זיכער אינגיכן באַקומען די נײַע קאַטעדרע פֿאַר אַנאַטאָמיע. און פֿריץ לאַנגען — און באַסטיאַן — און —

פֿראַנק בראַון האָט זיך אײַנגעהערט, געבלעטערט דעם דאָזיקן לעבעדיקן אַלמאַנאַך פֿון אוניװערזיטעט, װעלכן דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל האָט גענױ געקענט.

— זענט איר נאָך אַלץ אוממאַטריקולירט? — האָט ער געפֿרעגט.

סטאַניסלאַװ האָט געשװיגן אַ ביסל באַלײדיקט, אָבער דער אַדװאָקאַט האָט אַרױסגעברומט:

— וואָס? איר ווייסט דאָס נישט? ער האָט באַלייגט זיין דאָקטאָראַט שוין מיט פינף יאָר צוריק!

שוין מיט פינף יאָר צוריק? פראַנק ברוין האָט איבערגע-רעכנט. דאָס האָט אַלזאָ געמוזט געשען אין זיין פינפאונפערציקסטן ניין, אין זעקסאונפערציקסטן סעמעסטער.

— אַלזאָ, סוף-כל-סוף! — האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט צו אים זיין האַנט, וועלכע יענער האָט שטאַרק געדריקט — טאָ דערלויבט-זשע מיר אייך צו גראַטו-לירן, הער דאָקטאָר! — האָט ער פאַרטגעזעצט — אָבער — זאָגט מיר — וואָס הייבט איר איצט אייגנטלעך אָן צו טון?

— יאָ, ווען ער וואָלט דאָס געוווּסט! — האָט זיך אָנגערופן דער אַדוואָקאַט.

דערנאָך איז געקומען דער פּאַסטאָר שרעדער, פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען און אים באַגריסט.

— איר זענט אויך סוף-כל-סוף צוריק אין לאַנד: — האָט דער גלח אויסגערופן — דאָס מוז מען פייערן!

— איך בין דער בעל-הבית — האָט דערקלערט סטאַניסלאַוו שאַכט — ער מוז מיט מיר באַגיסן מיין דאָקטאָר-הוט.

— און מיט מיר מיין נייעם וויקאַרי-טיטול! — האָט געלאַכט דער גייסטלעכער — אויב איר וועט אַלזאָ מסכים זיין, וועלן מיר זיך טיילן מיטן כבוד, ליבער דאָקטאָר שאַכט!

זיי זענען דורכגעקומען צווישן זיך, און דער גרויער וויקאַרי האָט באַשטעלט שערצהאַפבערגער וויין פון דריי און ניינציקסטן יאָר, וועלכן דאָס ווײַן-הויז האָט דורך זיין פאַרמיטלונג באַקומען צוגעשיקט.

ער האָט פאַרזוכט דעם וויין, געשאָקלט צופרידן מיטן קאָפּ און זיך צונויפגעקלאַפּט מיט פראַנק ברוינען.

— איר זענט אַ גליקלעכער — האָט ער געזאָגט — איר שטעקט אַריין די נאָז אין אַלע אומבאַקענטע ימים און לענדער, מיר לייענען דאָך וועגן דעם אין די בלעטער.

— מיר אָבער מוזן דאָ אין שטוב זיצן, און זיך טרייסטן דערמיט, אַז באַם מאָזעל וואַקסט נאָך אַלץ גוטער וויין — די דאָזיקע מאַרקע באַקומט איר אין דער פרעמד זיכער נישט!

— די מאַרקע יאָ, — האָט ער געענטפערט — אָבער דעם וויין נישט — און וואָס מאַכט איר אייגנטלעך, הויכווירדיקער?

— וואָס זאָל איך מאַכן? — האָט געענטפערט דער גלח — ס׳איז שוין באַשערט, זעט איר, זיך תמיד אויפצורעגן: אַרום דעם אַלטן רהיין ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מער פּרייסישער. מילא, שרייבט מען צוליב צעשטרייונג שלעכטע פּיעסן פאַר די טינעסעס, בעסטעוואדערס, פאַר די שפּיימאַנס און מאַריצעבּיל. דעם גאַנצן פּלוטוס און טערענץ האָב איך שוין אויסגערויבט פאַר פעטער מילאָוויטשנס קעלנער הענעשן-טעאַטער — און איצט האַלט איך באַ האַלבערג. און פאַרשטייט נאָר. דער דאָזיקער פאַרשוין — דירעקטאָר רופט ער זיך היינט — צאָלט מיר אפילו האָנאָראַרן — אויך אַזאַ מין פּרייסישע דערפינדונג.

— איר דאַרפט זיך דאָך פרייען! — האָט געוואָרטשעט דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע — אַ חוץ דעם האָט ער דאָך אָנגעשריבן אַן אַרבעט איבער יאַמבליכוס, — האָט ער זיך געווענדט צו פּראַנק ברוינען, — און כ׳זאָג אייך, אַן אויסגעצייכנט בוך.

— בנאמנות, נישט ווערט די רייד, — האָט געזאָגט דער אַלטער וויקאַרי, — ס׳איז נאָר אַ קליינער פּרווו.

סטאַניסלאַוו שאַכט האָט אים איבערגעריסן.

— לאָזט געמאַכט! — האָט ער געזאָגט — אייער ווערק איז דער יסוד פאַרן גאַנצן מהות פון דער אַלעקסאַנדריניש׳ער שול, אייער היפּאָטעזע וועגן די עמאַנאַציע-לערע פון די נעאָפּלאַטאָניקער —

ער האָט זיך געהיצט און צעדרשנט ווי אַ קאַמפּסלווסטיקער בישאָף אויפן קאָנציל, האָט געמאַכט דאָ און דאָרטן באַמערקונגען, געהאַלטן, אַז עס איז נישט גאַנץ ראַציאָנעל, וואָס דער מחבר האָט זיך אַזוי לחלוטין געשטעלט אויפן יסוד פון די דריי קאָסמישע פּרינציפּן, הגם פון דער צווייטער זייט איז עס אים אפשר נאָר אויף דעם אופן געלונגען אויפצופּאַסן גרונטלעך דעם גייסט פון פּאָרפירוסן און זיינע תּלמידים. עס האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין שמועס מאַנאַסע און צום סוף אויך דער וויקאַרי. און האָבן זיך געאַמפּערט, פונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין וויכטיקערס אויף דער גאַנצער, ברייטער וועלט נישט געווען, ווי דער דאָזיקער מערקווירדיקער מאָניזם פון די אַלעקסאַנדרינער, וועלכער איז אין תּוך געגומען, נישט מער געווען ווי אַ מיסטישע זעלבסט-פאַרניכטונג פון אייגענעם איך, דורך עקסטאַז, אַסקעטיזם און דבקות.

שווייגנדיק האָט זיך צוגעהערט פראַנק בּרוין.

— דאָס איז דייטשלאַנד, — האָט ער געטראַכט: — דאָס איז מיין לאַנד. — ערשט מיט אַ יאָר צוריק — איז אים איינגעפאַלן — איז ער געזעסן אין עפּעס א באַר, ערגעץ אין מעלבורן אָדער סידנעי — דריי מענער זענען געווען מיט אים צוזאַמען. א ריכטער, אַ קאַטעדראַל-בישאָף און אַ באַרימטער דאָקטאָר. זיי האָבן דיספּוטירט און געקריגט זיך נישט ווייניקער היציק, ווי די דריי, וועלכע זענען איצט מיט אים געזעסן — אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, ווער עס איז אַ בעסערער באָקסער: דזשימי וואַלס פון טאַסמאַניע, אָדער דער שלאַנקער פערד קאָסטאַ, דער טשעמפּיאָן פון ניי-דרום-וואַליע.

דאָ אָבער איז געזעסן אַ קליינער אַדוואָקאַט, וועלכער איז נאָך אַליין אויסגעמיטן געוואָרן באַם אוואַנסירן אויף יוסטיצראַט, ס'איז געזעסן אַ גלח, וועלכער האָט געשריבן קאָמישע פּיעסן פאַר דער מאַריאָנעטן-בינע, וועלכער האָט טאַקע געהאַט עטלעכע טיט-

לען, אָבער קיין איין פּלעבאַניע נישט און ס׳איז ענדלעך געזעסן דער אייביקער סטודענט, סטאַניסלאַוו שאַכט, וועלכער האָט צום עטלעכע און פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן גליקלעך באַליגט דעם דאָקטאָראַט און נישט געוווסט מער, וואָס ער האָט מיט זיך צו טון, און די דאָזיקע דריי נעבעכדיקע לאַפּיטוטן האָבן גערעדט איבער די העכסטע וועלט-פּראָבלעמען, וועלכע האָבן סוף כּל סוף לחלוטין גאָרנישט געהאַט צו טון מיט זייער באַרוף. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם מיט דערזעלבער לייכטקייט און זאַכלעכקייט, מיט וועלכער די הערן אין מעלבורן האָבן זיך איבער דעם באָקס-מעטש אונטערגעהאַלטן. אָ, מ׳וואָלט געקענט גאַנץ אַמעריקע און גאַנץ אויסטראַליע דורכזיפּן און דערצו נאָך ביין צענטל פון אייראָפּע — און מ׳וואָלט נישט געפונען אַזאַ שפּע פון וויסנשאַפט. —

— נאַר — זי איז טויט, — האָט ער געזיפצט. זי איז שוין לאַנג געשטאָרבן און שלאָגט מיט עיפּוש — וואָס אַן אמת, די דאָזיקע הערן פילן עס נישט!

ער האָט געפרעגט דעם וויקאַרי, ווי עס גייט עפּעס זיין דערצויגלינג, דעם יונגן נאָנטראַס, און גלייך האָט אים איבערגעריסן מאַנאַסע.

— יאָ, דערציילט-זשע, הויכווירדיקער. כ׳בין טאָקע צוליב דעם אַהערגעקומען. וואָס שרייבט ער?

וויקאַרי שרעדער האָט אָפּגעשפּילעט די סוטאַנע, אַרויסגעצויגן אַ קאָנווערט און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ בריוו.

— דאָ האָט איר, לייענט אים אַליין! — האָט ער געזאָגט — זייער נחתדיק קלינגט ער נישט!

ער האָט דערלאַנגט דעם בריוו דעם אַדוואָקאַט.

פראַנק ברוין האָט שנעל אַ קוק געטון אויפן פּאָסט-שטעמפּל.

— פון דאַוואָס? — האָט ער געפרעגט. — האָט א י ם אויך הייסט עס, נישט אויסגעמיטן דער מוטערס ירושה?

— ליידער, — האָט געזיפצט דער גלח. — און ער איז געווען אַזאַ געזונט גוט יונגל, יאָזעף! אייגנטלעך איז ער כּלל נישט באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ גייסטלעכער — כ'וואָלט אים, גאָט איז מיין עדות, עפּעס אַנדערש געהייסן שטודירן, כאָטש איך טראָג אַליין גלחישע מלבושים, ווען איך וואָלט נישט געווען זיין מוטער אויפן טויטן-בעט צוגעזאָגט. איבעריקנס, וואָלט ער שוין געפונען זיין אייגענעם וועג, אַזוי ווי איך — כ'זאָג אייך: summa cum laude האָט ער באַלייגט זיין דאָקטאָראַט! כ'האָב פאַר אים באַקומען אַלע דיספּיענסן באַם ערצבישאָף, וועלכער באַציט זיך צו מיר פערזענלעך זייער פריינטלעך. באַ דער אַרבעט איבער יאַמבליכוסן האָט ער מיר פלייסיק צוגעהאָלפן — יאַ, ס'וואָלט עפּעס געקענט זיין פון אים! נאָר — ליידער...

ער האָט אָפּגעהאַקט און אויסגעטרונקען פאַמעלעך זיין גלעזל.

— צי איז דאָס אַזוי פּלוצלינג געקומען, הויכווירדיקער? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

— מען קען אייגנטלעך אַזוי זאָגן, — האָט אָפּגעענטפערט דער גייסטלעכער. — דעם ערשטן שטויס האָט געגעבן אַ פּסיכישע דערשיטערונג: דער פּלוצלינגער טויט פון זיין ברודער וואָלף. איר האָט געדאַרפט זען יאָזעפן אויפן בית־עולם, הינטער דער שטאָט; בשעת איך האָב געהאַלטן מיין קליינע ריידע, איז ער געשטאַנען די גאַנצע צייט לעבן מיר און מיט אַ שטאַרן בליק געקוקט אויף אַ בעוואַלטיקן קראַנץ פון בלוט־רויטע רויזן, וועלכער איז געלעגן אויפן אָרון. ער האָט זיך גוט בעהאַלטן בשעת דער גאַנצער קבורה־צערעמאָניע. אָבער דערנאָך האָט ער זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַז מיר האָבן אים געמוזט פאָרמעל טראָגן, איך און שאַכט. אין דער קאַרעטע האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז ער איז אַביסל צו זיך געקומען, אָבער אין שטוב איז ער ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער

אַפּאַטיע. און דאָס איינציקע, וואָס איך האָב פון אים געקענט אַרויס־באַקומען אין יענעם אָוונט, איז געווען דאָס, אַז ער איז דער לעצ־טער פון די גאַנטראַם־יִינגלע״, און איצט האַלט עס שוין בײַ אים. און די דאָזיקע אַפּאַטיע האָט מער נישט אָפּגעטרעטן, און ער איז פון יענעם מאָמענט אָן געווען איבערצייגט, אַז זיינע טעג זענען געציילטע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די פּראָפעסאָרן האָבן, נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג, אים מתחילת געגעבן זייער פיל האָפ־נונג. דערנאָך איז עס שוין געגאַנגען מיט אַ שרעקלעכער געשווינט־קייט, מ׳האָט פון טאָג צו טאָג געקענט פעסטשטעלן דעם פאָרטשריט פון דער קראַנקהייט. איצט האָבן מיר אים ארויסגעשיקט קיין דאַ־וואָס — אָבער, ס׳שיינט מיר, אַז דאָס ליד איז שוין באַלד אויס.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און דיקע טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

— זיין מוטער איז געווען מער אויסהאַלטעוודיק — האָט גע־ברומט דער אַדוואָקאַט, — זי האָט זעקס יאָר נאָכאַנאַנד געלאַכט דעם מלאך־המות אין פּנים אַריין.

— אייביקע מנוחה גיב איר, גאָט — האָט געזאָגט דער ווי־קאַרי און אָנגעפילט די גלעזלעך — לאָמיר נעמען נאָך איר אַ שטיקל זיפּ — in memoriam —

זיי האָבן אונטערגעהויבן די גלעזלעך און זיי אויסגע־ליידיקט.

— אינגיכן וועט בלייבן בלויז דער אַלטער יוסטיציאַט אַליין, — האָט באַמערקט דר. שאַכט. — נאָר זיין טאָכטער פרידאַ זעט אויס צו זיין פולשטענדיק געזונט — זי איז די איינציקע, וואָס וועט אים אַמאָל איבערלעבן.

דער אַדוואָקאַט האָט געברומט: פרידאַ?

— און פאַרוואָס נישט? — האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

— ווייל — ווייל האָט ער אָנגעהויבן. — אָך, פאַרוואָס זאָל איך עס נישט זאָגן!?

ער האָט אים אָנגעקוקט פאַרביסן, גאַליק, ווי ער וואָלט אים געוואָלט דורס זיין.

— איר ווילט וויסן, פאַרוואָס פרידאַ וועט נישט דערלעבן איר עלטער? — כ׳וועל אייך זאָגן: ווייל זי שטעקט אינגאַנצן אין די נעגל — פון יענער פאַרפלוכטער מכשפה דאָרטן! — דערי־בער — איצט ווייסט איר שוין!

— מכשפה — האָט געטראַכט פראַנק ברוין, — ער רופט זי אָן מכשפה, ווי דער פעטער יאַקוב האָט עס געטון אין זיין לע־דערנעם באַנד.

— וואָס מיינט איר דערמיט, הער אַדוואָקאַט? — האָט ער געפרעגט.

און מעצענאַס האָט געענטפערט:

— אָט אַזוי, ווי כ׳זאָג עס — ווער ס׳דערנענטערט זיך צו־פיל צו פריילין טען ברינקען — דער קלעבט פעסט, ווי אַ פליג אין סיראָפּ — דער ווערט דערשטיקט און ס׳העלפט אים שוין נישט קיין צאַפּלען, היט זיך, הער דאָקטאָר, איך וואָרן אייך! הגם ס׳איז זייער נישט קיין דאַנקבאַרע זאַך אַזוי צו וואָרענען, איך האָב עס שוין איינמאָל געטון — אָן פּעולה — באַ וועלפלען — איצט האָלט עס באַ אייך — אַנטלויפט, זאָג איך אייך, כּל־זמן עס איז נאָך צייט. צו וואָס אייגנטלעך זיצט איר נאָך דאָ? — עס זעט אויס, ווי איר וואָלט שוין געהאַט געגעסן פון איר האָניק?

פראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט, אָבער דאָס דאָזיקע געלעכ־טער איז געווען אַ ביסל אַ קינסטלעכס.

— וואָס אָנבעלאַנגט מיר, איז נישטאָ קיין גרונט מורא צו האָבן, הער מעצענאַס! — האָט ער געזאָגט. — אָבער ער האָט זיי נישט איבערגעצייגט — און נאָך ווייניקער זיך אַליין.

זיי זענען געזעסן און געטרונקען, האָבן באַגאָסן שאַכטס דאָ־קטאָראַט און דעם וויקאַרי־טיטל פון גייסטלעכן. האָבן אויך גע־טרונקען פאַרן דערפאָלג פון קאַרל מאַנען, פון וועלכן קיינער האָט נישט געהערט, פון זינט ער האָט פאַרלאָזט די שטאָט.

— פארפאַלן געוואָרן, — האָט געזאָגט סטאַניסלאַוו שאַכט.

דערנאָך איז ער אומעטיק געוואָרן און גענומען זינגען סענ־טימענטאַלע לידער.

פראַנק ברוין האָט זיך געזעגנט. ער איז געגאַנגען צופוס ארויף קיין לענדעניך, דורך די, מיט פרילינג־בליעכץ, דופטנדיקע ביימער — ווי אין די אַמאָליקע צייטן.

* * *

ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויף, האָט ער דערזען, אַז אין דער ביבליאָטעק איז ליכטיק. ער איז אַריין אהין — אַלרוינע איז געזעסן אויף דער סאָפע.

— דו ביסט דאָ, קוזינעלע? — האָט ער זי באַגריסט. — אַזוי שפעט נאָך אויף?

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר מיט דער האַנט אים געווונקען זיך צו זעצן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגנאיבער איר און געוואַרט אָבער זי האָט געשוויגן, און ער איז נישט צו־געשטאַנען.

ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— איך האָב געוואָלט מיט דיר עפעס רעדן.

ער האָט צוגעשאָקלט סיטן קאָפּ, אָבער זי האָט ווייטער געשוויגן.

האָט ער אָנגעהויבן:

— דו האָסט געלייענט דאָס לעדערנע בוך?

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, טיף אָפּאָטעמענדיק, און געקוקט אויף אים — איך בין, הייסט עס, נאָר אַ — וויץ, וואָס דו האָסט אַמאָל געמאַכט, פראַנק ברוין?

— אַ וויץ? — האָט ער אָפּגעווענדט — אַ געדאַנק, אויב דו ווילסט —

— אַלזאָ גוט, אַ געדאַנק — האָט זי געזאָגט — וואָס מאַכן אויס ווערטער? — וואָס איז דען אַ וויץ, אויב נישט אַ פריילעכער געדאַנק? און איך מיין — אַז ער איז געווען אַ גאָר פריילעכער.

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָבער נישט צוליב דעם האָב איך אויף דיר געוואַרט; כ׳וויל דיך וועגן עפּעס אַנדערש פרעגן: זאָג מיר: גלייבסטו דערין?

— אין וואָס זאָל איך גלייבן? — האָט ער געענטפערט — צי ס׳איז אַלץ אַזוי געווען, ווי דער פעטער דערציילט עס אין זיין לעדערנעם בוך? יאָ, כ׳גלייב, אַז ס׳איז אַלץ אמת.

זי האָט געשאָקלט אומגעדולדיק מיטן קאָפּ.

— ניין, נישט דאָס מיין איך. עס איז קלאָר, אַז ס׳איז אַזוי — פאַרוואָס זאָל ער דען ליגנט זאָגן אין דעם דאָזיקן בוך? — איך וויל וויסן, צי דו גלייבסט אויך — ווי מיין — מיין — אַלזאָ: דיין פעטער האָט געגלייבט — אַז איך בין אַן אַנדער באַשעפעניש, ווי אַלע איבעריקע מענטשן, אַז איך — נו, אַז איך בין דאָס, וואָס מיין נאָמען באַטייט?

— וואָס זאָל איך דיר ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע? — האָט ער געזאָגט — פרעג בײַ אַ פיזיאָלאָג — וועט ער דיר זיכער ענטפערן, אַז דו ביסט דערזעלבער מענטש, ווי יעדער, ווי יעדער אַנדערער אויף דער וועלט, הגם דיין דעביוט איז גע-

ווען אַן עטוואָס אומגעווייטלעכער — ער וועט נאָך צוגעבן, אַז די אַלע געשעענישן זענען געווען ריינע צופעליקייטן, לגמרי זייטיקע זאַכן, וועלכע —

— דאָס גייט מיך נישט אָן — האָט זי איבערגעריסן — פאַר מיין פעטער זענען די דאָזיקע זייטיקע זאַכן געוואָרן די הויפּט־זאַך. אין תוך גענומען איז אויך נישט קיין נפקה־מינא, צי זיי זענען טאַקע געווען, אָדער נישט. איך וויל פון דיר וויסן: צי ביסטו אויך באַ דער זעלבער מיינונג? צי גלייבסטו אויך, אַז איך בין באַ דער זעלבער מיינונג? צי גלייבסטו אויך, אַז איך בין אַן אַן אויסטערליש ווען?

ער האָט געשוויגן, זוכנדיק אַ תשובה און און נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל ענטפערן. ער האָט געגלייבט דערין — און פאַרט נישט געגלייבט —

— זעסטו — האָט ער צום סוף אָנגעהויבן.

— רעד־זשע — איז זי צוגעשטאַנען — גלייבסטו, אַז איך בין דיין עזותדיקער שפּאַס — וועלכער האָט זיך פאַרקערפּערט? דיין געדאַנק, וועלכן דער געהיימראַט האָט אין זיין שמעלץ־אויוון אַריינגעוואָרפן, וועלכן ער האָט געקאָכט און דיסטילירט, ביז ס׳איז פון אים אַרויס דאָס, וואָס עס זיצט איצט פאַר דיר?

דאָסמאָל האָט ער זיך נישט געקווענקלט.

— אויב דו ביסט עס אַזוי תופס: יאָ, דאָס גלייב איך.

זי האָט זיך לייכט צעלאַכט.

— כ׳האָב מיך געריכט דערויף — און דעריבער האָב איך געוואַרט אויף דיר היינט ביינאַכט, כדי דיך וואָס גיכער אויסצו־היילן פון דער דאָזיקער גאווה. ניין, נישט דו, קוזין, האָסט גע־וואָרפן אין דער וועלט דעם דאָזיקן געדאַנק, דו נישט — פונקט אַזוי, ווי דער אַלטער געהיימראַט האָט עס נישט געטון.

ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען:

— ווער דען, איבעריקנס, האָט דאָס געקאָנט טון? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אַרונטערגעשטעקט די האַנט אונטער די קישנס.

— אָט דאָס! — האָט זי אויסגערופן. זי האָט לייכט אַ וואָרף געטון דאָס אַלרוינעלע אין דער לופטן און עס ווידער צוריקגעכאַפּט, האָט עס צערטלעך געגלעט מיט נערוועזע פינגער.

— דאָס דאָ? פאַרוואָס דאָס? — האָט ער געפרעגט.

— צי האָסטו געטראַכט וועגן דעם פריער — האָט זי צוריקגעוואָרפן — פריער — פאַר דעם טאָג, ווען דער יוסטיצראַט האָט געפייערט די קאָמוניע פוןביידע מיידלעך?

— ניין — האָט ער געענטפערט — נאַטירלעך, אַז נישט.

דערנאָך איז די דאָזיקע אַראָפּגעשפרונגען פון דער וואַנט: דאַן איז אין דיר אַנטשטאַנען דער געדאַנק! — איז עס נישט אַזוי?

— יאָ — האָט ער באַשטעטיקט — אַזוי איז עס געווען.

— און אַלזאָ — האָט זי פאָרטגעזעצט — איז ער געקומען צו דיר פון דרויסן ערגעץ, בשעת דער אַדוואָקאַט מאַנאַסע האָט געהאַלטן זיין רעדע, ווען ער האָט גערעדט, ווי אַ געלערנט בוך און אייך מסביר געווען, וואָס דאָס אַלרוינעלע איז און וואָס עס באַטייט — דאַן האָט גענומען וואַקסן דער געדאַנק אין זיין מוח, געוואָרן גרויס און שטאַרק, אַז דו האָסט געפונען אין דיר גענוג כוח דיין פעטער צו סוגעסטיאָנירן, צו צווינגען אים עס דורכצופירן און מיך צו באַשאַפן. אויב עס שטימט בכן, אַז איך בין אַ געדאַנק, וועלכער איז אויף דער וועלט געקומען און זיך פאַרקערפּערט אין אַ מענטשלעך געשטאַלט, ביסטו נאָר אַ פאַרמי-לונגסווערקצייג — נישט מער, ווי דער געהיימראַט, אָדער זיין אַסיסטענט, נישט מער, ווי — זי האָט אָפּגעהאַקט און אַנטשוויגן געבליבן.

אויף אַ ווײַלע נאָר, דערנאָך האָט זי פֿאַרטגעזעצט.

— ווי דאָס גאַסנמיידל אַלמאַ און דער מערדער, וועלכע איר האָט צונויפֿגעפֿירט — איר און — דער טויט!

זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס אַלרוינעלע אויפֿן זיידענעם קישן, געקוקט דערויף מיט כמעט צערטלעכע בליקן און געזאָגט;

— דו ביסט מײַן פֿאָטער און ביסט מײַן מוטער. דו ביסט דאָס, וואָס האָט מיך באַשאַפֿן.

ער האָט געקוקט אויף איר.

— אפשר איז עס טאַקי אַזוי, — האָט ער געטראַכט, — די געדאַנקען שווימען אַרום אין דער לופֿט, ווי דער שטויב פֿון בלומען, שפּילן אַרום, ביז זיי זינקען אַראָפּ אין עפּעס אַ מענטשלעכן מוח, אָפּט גייען זיי דאָרט לאיבוד, דאַרן איין און שטאַרבן אָפּ — אָ, נאָר גאַנץ ווייניק פֿון זיי געפֿינען אַ גוטן באָדן. — אפשר איז זי גערעכט, — האָט ער געטראַכט — מײַן מוח איז תמיד געווען גוט געגײַסטיקטער גרונט פֿאַר אַלע שטותערייִשן און ווילדע פֿאַנטאַזיעס — און עס האָט אים אויסגעזען גאַנץ גלייכגילטיג, צי ער האָט אַמאָל געוואָרפֿן אין דער וועלט דעם זוימען פֿון דעם דאָזיקן געדאַנק — אָדער ער איז געווען דער פּרוכטבאַרער בײַ דעם, וועלכער האָט אים אויפֿגענומען.

אָבער ער האָט געשוויגן און זי געלאָזט בײַ אירע געדאַנקען. ער האָט געקוקט אויף איר: אַ קינד, וואָס שפּילט זיך מיט זײַן ליאַלקע.

זי איז פֿאַמעלעך אויפֿגעשטאַנען, נישט אַרויסלאָזנדיק פֿון דער האַנט דאָס מיאוסע מענטשל.

— כ'האָב דיר געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, — האָט זי שטיל גערעדט — אַלס דאַנק פֿאַר דעם, וואָס דו האָסט מיר געגעבן דאָס לעדערנע בוך און עס נישט פֿאַרברענט.

— נו, וואָס? — האָט ער געפֿרעגט.

זי האָט זיך אַליין איבערגעריסן.

— זאָל איך דיך קושן? — האָט זי געפרעגט, — איך קען קושן —

— דאָס האָסטו געוואָלט זאָגן, אַלרוינע? — האָט ער גע־פרעגט.

— ניין, נישט דאָס! — האָט זי געענטפערט. — כ'האָב נאָר געטראַכט, אַז כ'וואָלט דיך דאַן אויך אַמאָל געקענט קושן, דאַן — אָבער צוערשט וויל איך דיר זאָגן וועגן וואָס כ'האָב גערעדט פרי־ער: — פאָר אוועק!

ער האָט פאַרביסן די ליפּן.

— פאַרוואָס?

— ווייל — ווייל ס'וועט אוודאי בעסער זיין, — האָט זי געענטפערט — פאַר דיר — און אפשר אויך פאַר מיר. אָבער ס'גייט נישט אין דעם, — איצט ווייס איך, ווי די זאַך זעט אויס, איצט בין איך — אויפגעקלערט. און איך מיין: אַזוי ווי ס'איז גע־גאַנגען ביז אַהער, וועט מסתּם ווייטער גיין — נאָר וואָס איך וועל נישט אַרומגיין בלינד — וואָס כ'זע איצט אַלצדינג. און דאַן — דאַן וואָלט געקומען די ריי אויף דיר. און דעריבער וועט זיין בע־סער, אויב דו וועסט אוועק פונדאַנען.

— ביסטו אַזוי זיכער אין זיך? — האָט ער געפרעגט. און זי האָט געענטפערט:

— צי דאַרף איך עס דען נישט זיין?

ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— אפשר — כ'ווייס נישט, אָבער זאָג מיר: פאַרוואָס האָסטו מיך געוואָלט שוינען?

— כ'האָב דיך גאַנץ ליב, — האָט זי שטיל געזאָגט — דו ביסט געווען גוט צו מיר.

ער האָט געלאַכט.

— צי זענען דאָס די אַלע אַנדערע נישט געווען?

— נאַטירלעך, — האָט זי געענטפערט, — יעדער איז עס געווען, אָבער איך האָב עס נישט אַזוי געפילט ווי איצט, און זיי — אַלע האָבן מיך געליבט. — דו נישט — נאָך נישט.

זי איז צוגעגאַנגען צום שרייב-טיש, גענומען אַ פּאָסט-קאַרטל און עס אים דערלאַנגט.

— דאָ האָסטו אַ קאַרטל פון דיין מוטער. ס'איז אָנגעקומען היינט אין אָוונט, דער דינער האָט עס בטעות אַרויפגעבראַכט צוזאַמען מיט מיין פּאָסט. כ'האָב עס געלייענט. דיין מוטער איז קראַנק — און זי בעט דיך זייער, אַז דו זאָלסט זיך אומקערן אַהיים — זי אויך.

ער האָט גענומען דאָס קאַרטל, האָט זיך ערגעץ שטאַר פאַרקוקט, אומאַנטשלאָסן, ער האָט געוווּסט, אַז זיי האָבן ביידע רעכט, האָט גוט געפילט, אַז ס'איז פּשוט אַ משוגעת דאָ צו בלייבן, און דערנאָך איז אים באַפאַלן אַ יינגלערישער להכעיס, וואָס האָט אים צוגעשריגן

— ניין, ניין.

— ווּעסט פאָרן? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט זיך געצווונגען צו רעדן מיט אַ פעסטער שטימע;

— יאָ, קוזינע!

ער האָט זי שאַרף אָנגעקוקט, געפּאָרשט יעדן שטריך פון איר פּנים. אַ קליין צוקן אַרום אירע מויל-ווינקלען, אַ לייכטער זיפץ וואָלט אים גענוג געווען, אפילו עפּעס נאַר, וואָס זאָל אים אַרויסווייזן דעם מינדסטן באַדויערן פון איר זייט. אָבער זי איז געבליבן שטיל און ערנסט, קיין הויך האָט נישט באַוועגט די שטייפע מאַסקע פון איר פּנים.

דאָס האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוווּנדעט, און ער האָט זיך

געפילט געקרענקט און באַליידיקט, און ער האָט צונויפגעדריקט די ליפּן.

— אַזוי נישט, — האָט ער געטראַכט, — אַזוי גיי איך נישט אַוועק.

זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און אים דערלאַנגט די האַנט.

— גוט, — האָט זי געזאָגט, — גוט, איצט גיי איך שוין — כ׳וואָלט אויך געוואָלט קושן דיך צום אַפּשיד. אויב דו וועסט וועלן.

אַ האַסטיק פייער האָט זיך צעפלאַקערט אין זיינע אויגן. ער האָט נישט ווילנדיק אַ זאָג געטון:

— טו עס נישט, אַלרויגע, טו עס נישט!

און זיין קול האָט אָנגענומען איר טאָן.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ראַש געפרעגט:

— פאַרוואָס נישט?

ער האָט זיך ווידער באַנוצט מיט אירע ווערטער, אָבער זי האָט באַמערקט, אַז ער טוט עס בכיוון.

— כ׳האָב דיך גאַנץ ליב, — האָט ער געזאָגט, — ביסט געווען גוט צו מיר, היינט, — נישט איין פּאָר רויטע ליפּן האָט מיין מויל געקושט — און זיי זענען געוואָרן זייער בלייך, איצט — איצט איז געקומען די ריי אויף דיר. און דעריבער איז בעסער, אַז דו זאָלסט מיך נישט קושן.

זיי זענען געשטאַנען איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן, ווי שטאָל האָבן געגלאַנצט זייערע אויגן. אַ קוים באַמערקבארער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן, בלאַנק און שאַרף איז געווען זיין כּלי-זין. איצט איז באַ איר די ברירה. איר „ניין" איז געווען זיין נצחון און מפּלה. מיט אַ לייכט האַרץ וואָלט ער דאַן געקענט אַוועקגיין. איר „דאָך" האָט אָבער באַטייט קאַמף.

און זי האָט דאָס אַלץ געפּילט — אַזוי גוט, ווי ער. ס'וועט זיין אַזוי, ווי אין ערשטן אָוונט, אינגאַנצן אַזוי. נאָר; דאַמאָלס איז עס געווען דער אָנהייב און דער ערשטער צוג — ס'איז נאָך געווען האָפענונג נישט אויף איין גאַנג אין דעם דאָזיקן צוויי-קאַמף. איצט אָבער — איז עס געווען דער סוף.

ער אָבער איז געווען דער, וועלכער האָט געוואָרפן די הענטשקע —

אָבער זי האָט זי אויפגעהויבן.

— כ'האָב נישט קיין מורא — האָט זי געזאָגט.

ער האָט געשוויגן, זיין שמייכל איז איר אָפּגעשטאָרבן אויף די ליפּן — איצט איז עס געוואָרן ערנסט.

— איך וויל דיך קושן — האָט זי איבערגעחזרט.

— היט דיך! — האָט ער געזאָגט — אויך איך וועל דיך קושן.

זי האָט אויסגעהאַלטן זיין בליק.

— יאָ — האָט זי געזאָגט — דערנאָך האָט זי זיך צעשמייכלט — זעץ זיך, דו ביסט אַ ביסל צו גרויס פאַר מיר!

— ניין — האָט ער הויך אויסגערופן — אַזוי נישט!

ער איז צוגעגאַנגען צו דער ברייטער סאָפע, האָט זיך אויסגעצויגן אויף איר, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף די קישנס, אויסגעשטרעקט די אָרעמס ווייט אויףביידע זייטן קערפּער און פאַרמאַכט די אויגן.

— איצט קום אַהער, אַלרוינע! — האָט ער גערופן. זי איז צוגעגאַנגען און אַנידערגעקניט לעבן אים צוקאָפּנס. זי האָט זיך געוואַקלט אַ ווײַלע, און אים אָנגעקוקט. דאַן האָט זי זיך פּלוצלינג געוואָרפן אויף אים, אָנגעכאַפּט זיין קאָפּ און צוגעפּרעסט אירע ליפּן צו זיינע.

ער האָט זי נישט אַרומגענומען, נישט גערירט מיט די

אָרעמס. אָבער זײַנע פֿינגער האָבן זיך געבײַלט אין אַ פֿויסט. ער האָט געפֿילט איר צונג, געשפּירט דעם לײַכטן ביס פֿון אירע צײן —

— קוש װײַטער! — האָט ער געשעפּטשעט — קוש װײַ־טער!

עפּעס אַ רױטער נעפּל איז געלעגן פֿאַר זײַנע אױגן. ער האָט געהערט דעם געהײמראַטס מיאוס געלעכטער, געזען די גרױ־סע, אױסטערלישע אױגן פֿון דער פֿרױ גאָנטראַם, װי זי בעט דעם קלײנעם מאַנאַסע, אַז ער זאָל איר דערקלערן די באַדײַטונג פֿונם אַלרױנעלע, האָט געהערט דאָס כיכיקען פֿון בײדע סאָלעניזאַנטינס, אָלגאַ און פֿרידאַ, און די צעבראָכענע, און דאָך אַזױ שײנע שטימע פֿון דער מאַדאַם דע װער, װעלכע האָט „לע פּאַפּילאָן" געזונגען. האָט געזען דעם קלײנעם הוזאַרן־לײטנאַנט, װאָס האָט זיך מיט אַזאַ התמדה אײַנגעהערט אין די רײד פֿון אַדװאָקאַט, געזען קאַרל מאָהנען, װי ער האָט אָפּגעװישט דאָס אַלרױנעלע מיט דער גרױ־סער סערװעטקע —

— קוש װײַטער! — האָט ער געמורמלט.

און אַלמאַ — איר מוטער, רױטע פֿײַערדיקע האָר, שנײ־װײַסע ברוסטן מיט קלײנע בלױע אָדערלעך. און דעם טױט פֿון איר פֿאָטער — אַזױ װי ס'האָט עס געשילדערט דער פֿעטער יאַ־קוב אין זײַן לעדערנעם בוך — לױט די רײד פֿון דער פֿירש־טין — און די שעה, אין װעלכער דער אַלטער האָט זי באַשאַפֿן — און די אַנדערע, אין װעלכער זײַן אַסיסטענט האָט זי אױף דער װעלט געבראַכט.

— קוש מיך — האָט ער געבעטן — קוש מיך.

ער האָט געטרונקען אירע קושן, געטרונקען דאָס הײסע בלוט פֿון זײַנע ליפּן, װאָס אירע צײן האָבן צעריסן. און ער האָט זיך

באַרוישט, באַוווסטזיניק און מיטן אייגענעם רצון, באַרוישט ווי מיט שוימענדיקן ווײַן, ווי מיט זייַנע גיפטן פון מזרח —

— לאָז אָפּ — האָט ער פּלוצלינג אויסגערופן — לאָז אָפּ, דו ווייסט נישט, וואָס דו טוסט.

און אָט זענען געלעגן צעטרעטן דעם טאָגס קלאָרע געדאַנקען. ס'זענען געוואַקסן די שיכּורע חלומות, ס'האָט געגומען שטייגן פון בלוט דער רויטער ים, ס'האָבן געפּאָכעט מענאַדן מיט די טי-רוס שטעקנס, ס'האָט זיך אויפגעשוימט דער הייליקער וואַנזין פון דיאָניזאָס.

—קוש מיך — האָט ער געשריגן.

אָבער זי האָט אים פּלוצלינג אָפּגעלאָזט און אירע אָרעמס זענען אַרונטערגעזונקען. ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן און זי אָנגעקוקט.

— קוש מיך — האָט ער שטיל איבערגעחזרט.

אירע אויגן האָבן געקוקט פאַרגעפּלט, זי האָט גיך געאָטעמט און פאַמעלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען.

— איצט וויל איך דיך קושן — האָט ער אויסגערופן. ער האָט זי אויפגעהויבן הויך אויף די אָרעמס, זי האָט זיך געאַמפּערט. ער האָט זי אַנידערגעוואָרפן אויף דער סאָפע, האָט אַני-דערגעקניט דאָרט, ווי זי האָט נאָר-וואָס געקניט.

— פאַרמאַך די אויגן — האָט ער געשעפּטשעט. און זיך אַראָפּגעבויגן איבער איר —

גוט, גוט זענען געווען זייַנע קושן — גלעטנדיק און ווייך, ווי האַרפע-קלאַנגען אין דער זומער-נאַכט. און אויך ווילד ווייטיק-דיק און רוי, ווי אַ שטורמווינט איבערן צפון-ים. גליענדיק, ווי דער פייערדיקער הויך פון עטנאַס מויל, רייסנדיק און בלוטדור-שטיק, ווי דעם מאַלסטראָמס געווירבל —

— עס פארזינקט. — האָט זי געשעפּטשעט, — אַלץ פאַר־זינקט.

דאַן אָבער האָבן אויסגעבראָכן די פלאַמען און עס האָבן געקנוילט זיך צום הימל די הייסע פייער־שלאַנגען. ס'זענען גע־פלויגן די בראַנד־פאַקלען, געצונדן די אַלטאַרן, ווי דער וואָלף וואָלט מיט בלוטיקע לעפצן איבערן קדשי־קדשים געשפּרונגען.

זי האָט אים אַרומגענומען מיט אירע אָרעמס, געדריקט זיך שטאַרק צו זיין ברוסט —

— איך ברען — האָט זי געיאָכצט, — כ'ווער פאַר־ברענט —

דאַן האָט ער אַראָפּגעריסן די קליידער פון איר לייב.

*

* *

הויך האָט געשיינט די זון, ווען זי האָט דערוואַכט. זי האָט געזען, אַז זי ליגט נאַקעט און האָט זיך נישט צוגעדעקט. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אים געזען זיצן לעבן זיך —

און זי האָט געפרעגט;

— וועסטו פאָרן איצט?

— ווילסטו, אַז איך זאָל פאָרן? — האָט ער צוריקגע־וואָרפן.

— בלייב, — האָט זי געשעפּטשעט. — בלייב!

דאָס פופצענטע קאַפּיטל

וואָס דערציילט, ווי אַזוי אַלרוינע האָט אין פּאַרק געלעבט.

ער האָט נישט געשריבן צו זיין מוטער, נישט דעם זעלבן טאָג און נישט צומאָרגנס. ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף דער צווייטער וואָך און אַזוי ווייטער — אויף גאַנצע חדשים. ער האָט געלעבט אין גרויסן גאָרטן פון די ברינקענס ווי אַמאָל אַלס יינגל, בשעת ער פלעגט דאָ פאַרברענגען זיינע שול־פעריען. ער איז געזעסן אין די וואַרעמע אָראַנזשעריעס, אָדער אונטער די ריזיקע צעדערן, וועמענס פלאַנץ ס'האָט אַמאָל עפּעס אַ פרומער זיידע פון לבנון אַהער געבראַכט. ער האָט אַרומגעוואַנדלט אונטער די זיידנביימער, בּאַ דער זייט פון קליינעם טייכל, וואָס איז געווען געדיכט באַשאָטנט מיט וויינענדיקע ווערבעס.

צו זיי האָט געהערט דער גאָרטן אין דעם דאָזיקן זומער, צו זיי אַליין, אַלרוינען און אים. די פריילין האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז קיינער פון דער דינערשאַפט זאָל נישט אַריינגיין, נישט בּאַטאָג און נישט בּאַנאַכט. אפילו די גערטנערס זענען נישט געווען קיין אויסנאַם: זיי זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין שטאָט, און באַקומען דעם אויפטראָג צו פלעגן די גערטנער פון אירע ווילעס אין דער קאָבלענצער גאַס. די לאָקאַטאָרן האָבן זיך

געפרייט און זענען געווען דערשטוינט פון דעד פריילינס אויפ-מערקזאַמקייט.

נאָר פרידאַ גאַנטראַם אַליין פלעגט אַרומגיין איבער די סטעזשקעס. זי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט וועגן דעם, וואָס זי האָט נישט געוווסט, אָבער איהרע פאַרביסענע ליפּן, אירע דער-שראָקענע בליקן האָבן גאַנץ גענוג גערעדט. זי האָט אים אויס-געמיטן, ווו נאָר זי פלעגט אים באַגעגענען, און איז דאָך דערשינען תמיד דאָרטן, ווו ער איז מיט אַלרוינען געווען.

— כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער — האָט ער געברומט, — איך וואָלט געוואָלט, אַז זי זאָל זיין וואָס ווייטער פונדאַ-נען.

— שטערט זי דיר? — — האָט געפרעגט אַלרוינע.

— און דיר אפשר נישט? — האָט ער צוגעוואָרפן.

— איך האָב עס נישט אַזוי שטאַרק באַמערקט — האָט זי געענטפערט. — איך לייג קנאַפּ אַכט דערויף.

— אין דעם דאָזיקן אָוונט האָט ער געטראָפן פרידאַ גאַנ-טראַם באַ די בליענדיקע ווילדע וויינטרויבן, זי איז אויפגעשטאַנען פון איר באַנק און געוואָלט אַוועקגיין. עס האָט אים געטראָפן דער פיינטלעכער בליק פון אירע אויגן.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר:

— וואָס איז דיר, פרידאַ?

— גאָרנישט! — האָט זי געזאָגט — איר קענט שוין זיין צופרידן. אינגיכן וועל איך אייך באַפרייען פון מיין אָנוועזנ-הייט.

— וואָס הייסט? — האָט ער געפרעגט.

איר שטימע האָט געציטערט:

— איך מוז אַוועקפאָרן — שוין מאָרגן! אַלרוינע האָט מיר געזאָגט, אַז איר זעט מיך נישט גערן.

אַן אומענדלעכע עצבות איז געלעגן אין אירע אויגן.

— וואַרט דאָ אונטער, פרידאַ, איך וועל מיט איר איבער-רעדן.

ער האָט געאײַלט אין הויז אַרײַן, אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען.

— מיר האָבן זיך מישב געווען — האָט ער אָנגעהויבן, — אַלרוינע און איך. ס'איז נישט גוטיק, אַז איר זאָלט אַוועקפאָרן — אויף תמיד. נאָר, פרידאַ, איך דענערוויר אייך מיט מײַן אָנוועזנ-הייט — און איר מיך אויך, אַנטשולדיקט מיר. דעריבער וועט זײַן בעסער, אַז איר זאָלט אַוועקפאָרן — אויף אַ שטיקל צײַט נאָר. פאָרט זיך איבער קיין דאַוואָס צו אײַער ברודער און קומט צוריק אין אַ צוויי חדשים אַרום.

זי איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און אים איבערראַשט אָנ-געקוקט, נאָך אַלץ פול מיט שרעק.

— איז דאָס אמת? — האָט זי געפּליסטערט, — נאָר אויף צוויי חדשים?

און ער האָט געענטפערט:

— אַוודאי איז עס אמת, פאַרוואָס זאָל איך ליגנט זאָגן פרידאַ?

זי האָט אָנגעכאַפּט זײַן האַנט, אַ גרויסע פרייד האָט אויפגע-לויכטן אין איר פנים.

— איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר, — האָט זי געזאָגט, — דאַן איז שוין אַלץ גוט — אויב איך וועל נאָך קענען צוריקקו-מען!

זי האָט זיך פאַרנייגט און גענומען גיין צום הויז. פּלוצלינג איז זי געבליבן שטיין און זיך צוריקגעקערט צו אים.

— נאָך אײנס, הער דאָקטאָר, — האָט זי געזאָגט. — אַל-רוינע האָט מיר געגעבן אַ טשעק היינט אינדערפרי, אָבער איך האָב

אים צעריסן, ווייל — ווייל — מיט איין וואָרט, איך האָב אים צעריסן. איצט אָבער וועל איך דאָך דאַרפן געלט. צו איר וויל איך נישט גיין — זי וועט פרעגן — און איך וויל נישט, אַז זי זאָל מיך וועגן דעם פרעגן. דעריבער — אפשר וואָלט איר מיר געוואָלט געבן דאָס נייטיקע געלט?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַוודאי וועל איך אייך געבן — צי קען איך אייך פרעגן, פאַרוואָס איר האָט דעם טשעק צעריסן?

זי האָט אים אָנגעקוקט און געהויבן מיט די אַקסלען, — ווייל איך וואָלט שוין דאָס געלט נישט געברויכט, ווען איך זאָל זי דאַרפן פאַרלאָזן אויף תמיד —

— פרידאַ, — איז ער צוגעשטאַנען, — וווהין וואָלט איר געגאַנגען?

— וווהין? — אַ ביטער לאַכן האָט געקלונגען פון אירע ליפּן. — וווהין? מיטן זעלבן וועג, וואָס אָלגאַ איז געגאַנגען! — נאָר גלייבט מיר, דאָקטאָר, איך וואָלט שוין מיין ציל דערגרייכט.

זי האָט צו אים לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַוועקגעגאַנגען און פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די מיי-ביימער.

באַגינען, ווען די יונגע זון האָט דערוואַכט, איז ער אַרויסגעקומען פון זיין צימער אין לייכטן קימאָנאָ, געגאַנגען אין גאָרטן מיט דער סטעזשקע, וואָס פירט צווישן די שפּאַליערן צו די רויזנבייטן, אָפּגעשניטן בול-דע-נעזש, רויזן פון דער קייזערין אויגוסטאַ וויקטאָריאַ און פרוי קאַרל דרוסקי, און מערוועי דעליאָן. ער האָט זיך אַראָפּגעדרייט לינקס, וווּ ס'זענען געשטאַנען די לאַרבעערן און זילבערנע טענענביימער.

אויפן ראַנד פון טייכל איז געזעסן אַלרוינע. זי איז געזעסן אין שוואַרצן, זיידיינעם מאַנטל, און געבראָקט פּיצלעך ברויט און זיי צוגעוואָרפן די גאָלדענע פישלעך. ווען ער איז צוגעקומען, האָט

גיך און געשיקט אויסגעפלאָכטן אַ קראַנץ פון די בלאַסע רויזן און באַקרוינט דערמיט אירע לאָקן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, געבליבן זיצן אין שפּיצן־העמד און געפּלעסקעט מיט די באָרוועסע פיס אין קילן וואַסער.

זיי האָבן כמעט גאָרנישט גערעדט. אָבער זי האָט געציטערט, ווען זיינע פינגער האָבן לייכט באַרירט איר נאַקן, ווען זיין נאָענטער הויך האָט געגלעט אירע באַקן. פּאַמעלעך האָט זי אַראָפּגעצויגן דאָס העמד און עס געלעגט דערלעבן, אויף דער בראָנזענער נימפע. זעקס נאַיאַדן זענען געזעסן אַרום, אויף דעם מאַרמאָרנעם ראַנד פון טייך, געגאָסן וואַסער פון קרוגן און אורנעס און עס פונאַנדערגעשפּריצט אין דינע שטראַלן פון זייערע ברוסטן אַרויס. כלערליי בעלי־חיים האָבן אַרומגעשוויבלט לעבן זיי, גרויסע הוממערן און לאַנגוסטן, שילדקרעטן, פיש, וואַסערשלאַנגען און עקדישן, אינמיטן אָבער האָט אַ טריטאָן געבלאָזן אין זיין האָרן און אַרום אים האָט געשפּריצט דאָס בייכיקע ים־פאָלק מיט מעכטיקע וואַסער־שטראָמען אין דער בלויער לופט אַריין.

— קום, מיין פריינט! — האָט זי געזאָגט. און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין וואַסער. עס איז געווען זייער קיל, און ער האָט געציטערט; בלוי זענען געוואָרן זיינע ליפּן און געגנדזן־הויט האָט זיך פאַרצויגן אַרום זיינע אָרעמס, ער האָט געמוזט לאַנג שווימען און מיט די הענט און פיס באַוועגן, כדי צו דערוואַרעמען דאָס בלוט און זיך צופּאַסן צו דער אומגעוויינטער טעמפּעראַטור. דער־פאַר אָבער האָט זי גאָרנישט געשפּירט קיין קעלט, — זי איז באַלד געווען אין איר עלעמענט און האָט אים אויסגעלאַכט. ווי א זשאַ־בעלע איז זי אַרומגעשווומען.

— דריי אויף די הענטלעך! — האָט זי אויסגע־רופן.

ער האָט דאָס געטון; און באַלד האָבן זיך אויפגעהויבן נאָנט

פון ברעג, לעבן דער גאַלעאַטאָן-פיגור לייכטע וואַלן אין פיר ערטער פון טייך. זיי האָבן געפּאַלעוועט אַ ווייַלע, איבערגעשלאָגן זיך און געשטיגן וואָס אַמאָל העכער און העכער. האָבן זיך געהויבן אין דער הויך, שטאַרק און הערלעך, שטייגנדיק און פאַלנדיק, שפּריצנדיק העכער נאָך ווי די שטראָמען פון די וואַסער־געצן. פיר גלאַנצנדיקע, פונקען־יאָגנדיקע, זילבערנע קאַסקאַדן.

און אָט איז זי געשטאַנען צווישן די פיר, אינמיטן פון דאָזיקן שימערדיקן רעגן, ווי אַ גראַציעזע ייִנגל, שלאַנק און צאַרט. לאַנג האָט דאַן זיין בליק זי געקושט, קיין שום פּגם איז נישט געווען אין דער פּראָפּאָרציע פון אירע גלידער, קיין מינדסטער פעלער אין דעם זיסן בילד־ווערק. גלייכמעסיק איז אויך געווען די פאַרב פון איר קערפּער, ווייסער פּאַראָס-מאַרמאָר מיט אַ לייכטן, געלבלעכן הויך. נאָר די אינעווייניקסטע זייטן פון די היפּטנביינער האָבן ראַזיק געלויכטן און געוויזן אַ מערקווירדיקע ליניע.

— דערפון איז דר. פּעטערסאָן אומגעקומען, — האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, געקניט און געקושט די דאָזיקע ערטער.

— וועגן וואָס טראַכסטו? — האָט זי געפרעגט

און ער האָט געזאָגט:

— ס'ווייזט זיך מיר איצט אויס, אַז דו ביסט אַ מעלוזינע! — גיב אַ קוק אויף די וואַסער-מיידלעך אַרום — זיי האָבן נישט קיין פיס, נאָר אַ לאַנג-שיפּיקן פיש-ווײַדל. זיי האָבן נישט קיין נשמה, די נימפעס, אָבער מ'זאָגט אַז זיי פאַרליבן זיך טיילמאָל אין אַ מענטש, עפּעס אין אַ פישער ערגעץ, אָדער אַ בלאָנדזשנדיקן ריטער. זיי פאַרליבן זיך אַזוי, אַז זיי קריכן אַרויס פון די קאַלטע כוואַליעס אויף דער יבשה. דאַן גייען זיי צו אַן אַלטער כישופמאַכערין, אָדער צו אַ כישוף-דאָקטאָר — יענער קאָכט אויף אַן עקלדיקן גיפט און די אָרעמע נימפע מוז אים אויסטרינקען, דאַן נעמט ער

אַ שאַרף מעסער און הייבט אָן צו שניידן אין סאַמע מיטן פֿון ווײַדל. עס טוט זיכער זייער ווײ, אָבער מעלוזינע פֿאַרבײַסט אין זיך די יסורים צוליב איר גרויסער ליבע. זי באַקלאָגט זיך נישט, וויינט נישט, ביז די ווייטיק טייט אָפּ אירע חושים. אָבער ווען זי כאַפּט זיך אויף — איז איר ווײַדל שוין געלם געוואָרן און זי גייט אַרום אויף צוויי שיינע פיס — ווי אַ פּרויענצימער — נאָר די צייכנס זעט מען אָן, ווו דער דאָקטאָר-מכשף האָט געשניטן.

— אָבער זי בלייבט דאָך אַ נימפע? — האָט זי געפרעגט. — אפילו מיט די מענטשלעכע פיס? — און קיין נשמה האָט איר דער מכשף נישט געגעבן?

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז ער נישט בכוח. — אָבער נאָך עפּעס זאָגט מען וועגן די נימפעס.

— וואָס זאָגט מען? — האָט זי געפרעגט.

און ער האָט דערציילט:

— נאָר כּל-זמן זי איז אומבאַרירט, האָט מעלוזינע איר אומהיימלעכן כוח. אָבער ווען זי טרינקט זיך אין די קושן פֿון איר געליבטן, ווען זי פֿאַרלירט איר מיידלשאַפֿט אין די אָרעמס פֿון איר ריטער — דאַן פֿאַרשווינדט איר כוח, קיין שום אוצרות, קיין שום גאָלד פֿון רהיין קען זי שוין נישט ליפֿערן, אָבער אויך דער מלאך-המות, וואָס איז געגאַנגען מיט אירע שפּורן, מיידט איצט אויס איר שוועל, ווי יעדע אַנדערע פרוי איז זי פֿון איצט אָן —

— ווען ס׳וואָלט אַזוי געווען! — האָט זי געשעפּטשעט. זי האָט צעריסן דעם ווייסן קראַנץ פֿון איר קאָפּ, איז צוגעשווימען צו די וואַסער-מענטשן און טריטאָנען, צו די נימפעס און נאַיאַדן און האָט זיי געוואָרפֿן בליענדיקע רויזן אין שויס.

— נעמט עס, שוועסטערן — נעמט אייך! — האָט זי געלאַכט — איך בין אַ מענטשנקינד —

*

*   *

אַ ריזיק הימל־בעט, אַ נידעריקס, אויף באַראַקאַרטיקע קאָלומנעס איז געשטאַנען אין אַלרוינעס שלאָפצימער. צוויי זײַלן זענען אויסגעוואַקסן צופוסנס פון איר בעט און געטראָגן שיסלען מיט גאָלדענע פלאַמען. די זײַטן האָבן באַצירט הערלעכע שניצערייען. אַמפּאַליע, וועמען הערקולעס שפּינט זײַן שפּינדל, אַנדראָמעדאַ, וואָס קושט פּערסעוּשן, העפּאַיסטאָס, וואָס פּאַנגט אַרעסן און אַפראָדיטען אין זײַן נעץ — און צווישן זיי שײנע גירלאַנדעס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געשפּילט טויבן און געפליגלטע יינגלעך. שווער באַגילדט איז געווען דאָס אַלטע פּראַכט־בעט, וואָס די פּרײַלין האָרטענזיע דע מאַנטיאָן האָט אַמאָל געבראַכט פון ליאָן, ווען זי איז געוואָרן דעם עלטערזיידנס פרוי.

ער האָט געזען אַלרוינען, שטייענדיק אויף אַ שטול צוקאָפּנס פון בעט, מיט אַ גרויסער צוואַנג אין דער האַנט.

— וואָס מאַכסטו דאָ? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט געלאַכט.

— וואַרט נאָר אונטער, איך וועל באַלד ענדיקן. זי האָט געקלאַפּט און פּאָרזיכטיק עפּעס אַרויסגעריסן לעבן דעם באַגילדטן אַמאָר, וועלכער האָט מיט פײַל און בויגן געשוועבט איבער איר קאָפּ. זי האָט אַרויסגעצויגן איין טשוואָק נאָכן אַנדערן, אָנגענומען דאָס קליינע געטל און עס געדרייט אַהין און אַהער — ביז זי האָט עס אָפּגעשרויפט. זי האָט עס אַ כאַפּ געטון, אַראָפּגעשפּרונגען פון דער שטול און עס אַוועקגעלייגט אויבן אויף דער שאַנק. דערנאָך האָט זי אַראָפּגענומען פון דאָרטן דאָס אַלרוינעלע, ווידער אַרויפגעקלעטערט דערמיט אויף דער שטול און עס צוגעשלאָגן צוקאָפּנס פון בעט מיט דרעטלעך און שנורן. זי איז אַראָפּגעקראָכן און באַטראַכט קריטיש איר ווערק.

— ווי געפעלט עס דיר? — האָט זי אים געפרעגט.

— וואָס האָט דאָס מענטשל דאָרט צו טון? — האָט ער צוריקגעוואָרפן.

און זי האָט געזאָגט:

— עס געהערט דאָרטן אַהין! — דער גאָלדענער אַמאָר געפעלט מיר נישט — דאָס איז פאַר אַלע אַנדערע מענטשן. איך וויל דאָרטן האָבן גאַלעאָטטאָן, מיין שטאַם-מענטשל.

— ווי רופסטו דאָס? — האָט ער געפרעגט.

— גאַלעאָטטאַ! — האָט זי אָפּגעענטפערט. — איז ער דען נישט געווען דער, וואָס האָט אונדז צונויפגעבראַכט? — זאָל ער איצט דאָרטן הענגען און זאָל ער זיך צוקוקן דורך די לאַנגע נעכט —

*

*　　*

טייל מאָל פלעגן זיי אַרומרייטן, אָוונט-צייט, אָדער אין לבנה-דיקע נעכט. זיי זענען געריטן דורך די זיבן בערגלעך, אָדער קיין ראָלל אַנדסעק און ווייטער טיף אין דער געגנט.

איינמאָל האָבן זיי געפונען אַ ווייס אייזעלע צופוסנס פון דראַכנפעלז, בײַ די מענטשן, וואָס פלעגן די חיות פאַרדינגען צום אַרויפרייטן אויפן באַרג. ער האָט עס אָפּגעקויפט. עס איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגע חיה, גוט געפלעגט און גלאַנצנדיק, ווי פרישער שניי, ביאַנקאָ האָט עס געהייסן. זיי האָבן עס מיטגענומען מיט זיך און עס געפירט אויף אַ לאַנגן שטריק הינטער דעם פערד, אָבער די חיה איז געבליבן שטיין, איינגעקלאַמערט זיך מיט די פאָדערשטע פיס, ווי אַ פאַרעקשנטער מויל-אייזל, האָט זיך געלאָזט ציִען און פליקן און זיך נישט גערירט פון אָרט.

צום סוף האָבן זיי געפונען אַן עצה, ווי אַזוי עס צו מאַכן. ער האָט געקויפט אין קעניגסווינטער אַ גרויסן שקאַרמיץ מיט צו-

קער, אָפּגעבונדן פון ביאַנקאָן דעם שטריק, געלאָזט עס פריי לויפן און אים צוגעוואָרפן איין שטיקל צוקער נאָך דעם אַנדערן פון זאָטל אַראָפּ. אַזוי אַרום איז דאָס אייזעלע נאָכגעלאָפן, געהאַלטן זיך האַרט לעבן זיין רייט-טרעטער און אַרומגעשנאַפּט זיינע קאַ- מאַשן.

דער אַלטער פּרויטסהיים האָט אַרויסגענומען די ליוולקע פון מויל, בשעת זיי זענען אָנגעקומען, חשיבותדיק אויסגעשפּיגן און זיך פריינטלעך צעשמייכלט.

— אַן אייזל — האָט ער געקייט — אַ ניי אייזל! ס'איז שוין באַלד דרייסיק יאָר, ווי מיר האָבן נישט געהאַט קיין אייזל אין שטאַל. צי דערמאַנט איר זיך, יונגער הער, ווי כ'האָב אייך גע- לערנט רייטן אויפן אַלטן, גראָען יאַנאַטאַן? — ער האָט געבראַכט אַ בינטל מייערן, געגעבן עס דער חיה און געגלעט איר האָריקע פעל.

— ווי הייסט עס, יונגער הער? — האָט ער געפרעגט. ער האָט אים געזאָגט דעם נאָמען.

— קום, ביאַנקאָ — האָט געזאָגט דער אַלטער, — ס'וועט דיר זיין גוט בא מיר, מיר וועלן פרייבטשאַפט שליסן.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צו פראַנק ברוינען.

— יונגער הער — האָט ער פאַרטגעזעצט — כ'האָב דריי אייניקלעך אין דאָרף, צוויי קליינע מיידלעך און איין יינגל, זיי זענען דעם שוועסטערס קינדער, היינטן אויפן וועג קיין גאַסענבערג. זיי קומען מיך טיילמאָל באַזוכן, זונטיק נאָכמיטאָג. צי קען איך זיי דערלויבן זיך איבעררייטן אויפן אייזל?

נאָר דאָ איבערן הויף?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט די פריילין זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס פרעגסטו נישט מיך, אַל-ע״ז? ס'איז דאָך מיין חיה, ער האָט זי מיר געשאָנקען! — נו, וועל איך דיר ענטפערן: דו קענסט זיי לאָזן רייטן דערויף — אפילו אויך אין גאָרטן, בשעת מיר זענען נישט אינדערהיים.

פראַנק ברוין האָט איר געדאַנקט מיט זיין בליק — צום אָבער דער אַלטער קוטשער האָט דאָס נישט געטון. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט חשד, האַלב פאַרחידושט און געברומט אונטער דער נאָז עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. דערנאָך האָט ער מיט די זאַפטיקע מייערן אַרייגעלאָקט דאָס אייזעלע אין שטאַל אַריין. האָט גערופן די שטאַל-יונגען, פאָרגעשטעלט פאַר זיי ביאַנקאָן, דערנאָך כסדר פאַר אַלע פערד. ער האָט עס אַרומגעפירט הינטער די ווירטשאַפטס-בנינים, געוויזן עס די קי-שטאַל מיט די שווערע האָלענדישע קי און דאָס יונגע קעלבל, די שוואַרץ-ווייסע ליזאַ, האָט עס געוויזן די הינט, צוויי קלוגע שפּיצער, דעם אַלטן הויף-הונט, און דעם עזותדיקן פאָקס, וואָס איז געשלאָפן אין שטאַל. ער האָט עס געבראַכט צו די חזירים, וווּ די אַלטע יאָרקשיר-חזירטע האָט געקאָרמעט אירע ניין חזירימלעך, צו די ציגן און צו די עופות. ביאַנקאָ האָט געפרעסן די מייערן און אים צופרידן נאָכגעקראָכן; ווייזט אויס, אַז עס איז איר געפעלן אין ברינקען.

— אָפּטמאָל, נאָכמיטאָג-צייט, — האָט געקלונגען דער פריילינס הויך קול פון גאָרטן אַרויס.

— ביאַנקאָ? — האָט זי גערופן. — ביאַנקאָ!

דאַן האָט דער אַלטער קוטשער ברייט געעפנט די טיר פון איר שטאַל און דאָס אייזעלע איז לייכט געלאָפן אין גאָרטן אַריין, געבליבן שטיין אַ פּאָר מאָל, געפרעסן גרינע זאַפטיקע בלעטער און זיך געלאָזט וואַלגערן צווישן די הויכע קלעווער-בלעטער. דערנאָך האָט עס זיך אומגעדרייט און אויפן רוף: „ביאַנקאָ" איז עס ווייטער געלאָפן און געזוכט די האַרנטע.

זיי זענען געלעגן אויפן גראָז, אונטער די אַשינע-ביימער. עס איז דאָרט נישט געווען קיין טיש — נאָר אַ גרויסער פּלויט איז געלעגן אויפן גראָז, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. אַ סך פּרוכטן זענען דאָרט געלעגן, כּלערליי מעדנים און נאַש־ווארג צווישן די רויזן; אין דער זייט זענען געשטאַנען די ווייַנען.

ביאַנקאַ האָט אַלצדינג אַרומגעשמעקט. האָט מבטל געווען מיטן בליק דעם קאַוויאַר און די אויסטערן נישט ווייניקער. האָט זיך מיט פאַראַכטונג אָפּגעקערט פון די פּאַשטעטן. דערפאַר האָט זי גענומען פון קוכן און אַ שטיקל אייז פון קיל־עמער און אין דער צווישן־צייט אַ פּאָר רויזן אויך.

— טו מיך אויס! — האָט געזאָגט אַלרוינע. דאַן האָט ער אָפּגעשפּיליעט די קנעפּלעך, העקעלעך און שפּילקעס.

ווען זי איז שוין געווען נאַקעט, האָט ער זי אַרויפגעזעצט אויפן אייזעלע. מענעריש איז זי געזעסן אויפן רוקן פון דער ווייַסער חיה, נאָר זיך לייכט אָנגעהאַלטן אָן דער קודלאַטער גריווע. פּאַמעלעך, טריט בײַ טריט, איז זי געריטן איבער דער לאָנקע, ער איז געגאַנגען בײַ דער זייט, האָט געהאַלטן זיין רעכטע האַנט אויף דער חיהס קאָפּ. קלוג איז געווען ביאַנקאַ און שטאָלץ מיטן שלאַנקן יינגעל, וועלכעס זי האָט געטראָגן אויפן רוקן, זי האָט זיך כּלל נישט אָפּגעשטעלט און איז געגאַנגען, ווי אויף סאַמעט.

דאָרט, ווי ס'האָבן זיך געענדיקט די דאַליען־בייטן, האָט געפירט אַ שמאָל שטעגל צום קליינעם שטראָם, וועלכער האָט געשפּייזט דעם, מיט מאַרמאָר אַרומגעמויערטן, טייך. זיי זענען נישט געגאַנגען איבער דער הילצערנער בריק; פּאָרזיכטיק, טריט בײַ טריט, האָט ביאַנקאַ געשפּרייזט אין קלאָרן וואַסער. האָט פון צייט צו צייט בייגעריק געכאַפּט אַ בליק אין דער זייט, ווען פון ברעג

איז אַ גרינע זשאַבע אין וואַסער אַריינגעשפּרונגען. ער האָט גע־פירט די חיה פאַרביי די מאַלינע־קוסטעס. גערינע רויטע מאַלינעס און זיך געטיילט מיט אַלרויינען. און דורך די געדיכטע קוסטעס פון די רויזן־לאַרבערס.

דאָרט אַרומגערינגלט מיט געדיכטע קלאָנען, האָט זיך אויס־געשפּרייט דאָס גרויסע נעגעלעך־פעלד, זיין עלטער־זיידע האָט עס פאַרזייט פאַר גאָטפריד קינקעל, זיין גוטן פריינד, וועלכער האָט ליב געהאַט די דאָזיקע בלומען. ער פלעגט יעדער וואָך שיקן דעם דיכטער אַ גרויסן שטרויס בלומען, כּל־זמן ער האָט געלעבט.

קליינע פעדער־נעגעלעך האָבן אַרויסגעבלינצלט אין די צענ־דליקער טויזנטער, וווהין דאָס אויג האָט נאָר געגרייכט. מיט אַ זילבערנער ווייסקייט האָבן געלויכטן די אַלע בלומען, זילבער־גרין זענען געווען זייערע לאַנגע, שמאָלע בלעטעלעך, ווייט, ווייט, ווייט אין דער אונטערגייענדיקער זון — אַ ברייט זילבערן פעלד.

ביאַנקאָ האָט געטראָגן דאָס ווייסע מיידל איבערן פעלד באַלכסון, רונד־אַרום און באַ די זייטן. טיף האָט געשפּרייזט דאָס ווייסע אייזעלע אין זילבערנעם ים, וואָס האָט מיט לייכטע פאַליעס פון ווינט אירע פיס געקושט.

ער אָבער איז געשטאַנען באַם ראַנד פון פעלד און זיך איינגעקוקט. ער האָט זיך פאַרשיכורט מיט די דאָזיקע זיסע פאַרבן.

דאַן איז זי צוגעריטן צו אים.

— איז עס שיין, מיין ליבער? — האָט זי געפרעגט.

און ער האָט ערנסט געזאָגט:

— עס איז זייער שיין. — רייט ווייטער.

— איך בין גליקלעך. — האָט זי געענטפערט.

זי האָט לייכט געלייגט איר האַנט דער קלוגער חיה הינטער

די אויערן און איז גערייטן פאַמעלעך, פאַמעלעך איבערן גלאַנצנדיקן זילבער —

*

*   *

— פאַרוואָס לאַכסטו? — האָט זי געפרעגט.

זיי זענען געזעסן אויף דער טעראַסע בשעתן פרישטיק, און ער האָט געלעזן זיין פּאָסט. עס איז דאָרט אויך געווען אַ בריוו פון הער מאַנאַסע, וועלכער האָט אים געשריבן וועגן די בורבערגער אַרץ־גרובן.

— איר האָט שוין מן הסתם געלייענט אין די צייטונגען וועגן דער אַנטדעקונג פון גאָלד־אָדערן אין די אייפל־בערג, — האָט געשריבן דער אַדוואָקאַט. — די שיכט געפינט זיך אין אַ באַדייטנדיקן טייל אויפן באָדן, וואָס נעמט אַרום די אַרץ־גרובן פון דער בורבערגער באַרג־געזעלשאַפט צי די גענויערע אויסרעכענונגען וועלן אַרויסווייזן, אַז דער קליינער גאָלד־אָדער וועט לוינען די באַדייטנדיקע הוצאות, וואָס עס שלעפּט מיט זיך מיט דאָס אויפבויען פון אַ ראַציאָנעלן גרובן — שיינט מיר צו זיין זייער צווייפלהאַפט. יעדנפאַלס זענען די פּאַפּירן, וועלכע האָבן מיט פיר וואָכן צוריק נישט געהאַט קיין שום ווערט איצט, טיילווייז, וואָס אַן אמת, צוליב די געשיקטע פּרעסע־רעקלאַמעס פון די געזעלשאַפטס־דירעקטאָרן, געוואַלטיק געשטיגן און זענען מיט אַ וואָך צוריק געשטאַנען „אַל פּאַרי". היינט האָב איך זיך דערוווּסט פון באַנק־דירעקטאָר באַללער, אַז זייער איצטיקן קורס נאָטירט מען אויף דער בערזע צוויי הונדערט פּערצען. איך האָב דעריבער אָוועקגעגעבן די אַקציעס דעם דאָזיקן הער, מיט וועלכן איך בין נאָענט באַפריינדעט, און אים געבעטן, אַז ער זאָל זי תיכף פאַרקויפן: — דאָס וועט געשען מאָרגן און איר וועט נאָך אפשר באַקומען אַ העכערן קורס!

ער האָט דערלאַנגט דעם בריוו אַלרוינען.

— וועגן דעם האָט אפילו נישט געחלומט דער פעטער יאַ־קוב, — האָט ער געלאַכט. — אַנדערש וואָלט ער מיין מוטער און מיר געוויס נישט פאַרשריבן די דאָזיקע אַקציעס.

זי האָט גענומען דעם בריוו און אויפמערקזאַם אים דורכ־געלייענט ביזן סוף. דערנאָך האָט זי אים אַרויסגעלאָזט פון די הענט און געבליבן זיצן מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק. בלייך ווי וואַקס איז געוואָרן איר פנים.

— וואָס איז דיר? — האָט ער געפרעגט.

— און דאָך האָט ער געוווּסט דערפון, — האָט זי פּאַמעלעך געזאָגט. — ער האָט עס גענוי געוווּסט! —

דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו אים:

— אויב דו ווילסט פאַרדינען געלד — זאָלסטו נישט פאַר־קויפן די אַקציעס.

זי האָט ווייטער גערעדט און איר שטים האָט געקלונגען זיי־ער ערנסט.

— מ׳וועט נאָך מער געלד געפינען — זיי וועלן נאָך מער שטייגן, פיל העכער, דיינע אַקציעס!

— ס׳איז צו שפּעט, — האָט ער לייכט געזאָגט, די פּאַפּירן זענען שוין מסתּם אין איצטיקן מאָמענט פאַרקויפט! — איבע־ריקנס — ביסטו אַזוי זיכער דערין?

— זיכער? — האָט זי איבערגעחזרט, — ווער קען נאָך זי־כערער זיין פון מיר?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן טיש און גענומען הויך כליפּען.

— אַזוי הייבט זיך עס תמיד אָן — אַזוי —

ער איז אויפגעשטאַנען, געלייגט איר דעם אָרעם אויפן אַקסל.

— נאַרישקייטן, — האָט ער געזאָגט, — שלאָג דיר אַרויס פֿון קאָפּ דאָס דאָזיקע משוגעת! — קום, אַלרוינע, לאָמיר זיך גיין באָדן, דאָס פֿרישע וואַסער וועט אָראָפּשווענקען דאָס נאַרישע שפּינוועבס, וועסט פֿלוידערן מיט דיינע שוועסטערן. די נימפֿעס — זיי וועלן דיר באַשטעטיקן, אַז קיין שום אומגליק קען שוין נישט ברענגען מעלוזינע, זינט זי האָט איר געליבטן געקושט.

זי האָט אים אָפּגעשטויסן און אויפֿגעשפּרונגען. זי האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַנטקעגן אים, און אים געקוקט שטאַר אין די אויגן.

— איך האָב דיך ליב, — האָט זי אויסגערופֿן, — יאָ, כ׳האָב ליב, — אָבער ס׳איז נישט אמת — דער כּישוף איז נישט אַוועק! כ׳בין נישט קיין מעלוזינע, כ׳בין נישט קיין קינד פֿון פֿרישן וואַסער! פֿון דער ערד שטאַם איך — און די נאַכט האָט מיך באַשאַפֿן.

אימהדיקע טענער האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון איר מויל — און ער האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז געווען אַ כליפּען, אָדער אַ ווילד געלעכטער.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטון אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, נישט געקוקט אויף איר אָמפּערן זיך און שלאָגן, ווי אַ ווילד קינד האָט ער זי געהאַלטן, אַראָפּגעטראָגן זי איבער די שטיגן אין גאָרטן אַריין. ער האָט געטראָגן די שרייענדיקע צום טייך, אַריינגעוואָרפֿן זי האַסטיק אין וואַסער אַריין אין אַלע קליידער.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן, געשטאַנען אַ ווילע, באַטויבט און צעמישט. ער האָט אויפֿגעדרייט אַלע פֿאָנטאַנעס, אַזוי, אַז ס׳האָט זי אַרומגענומען אַ פֿליעסקנדיקער רעגן פֿון אַלע זייטן.

דאַן האָט זי זיך הויך פֿונאַנדערגעלאַכט:

— קום, — האָט זי גערופֿן, — קום דו אויך.

זי האָט זיך אויסגעטאָן אין וואַסער, און אַ צעבאַלעוועטע גע-
האַרפן אים די נאַסע שטיקלעך מלבושים אויפן קאָפּ.

— ביסטו נאָך נישט פאַרטיק? איז זי צוגעשטאַנען, — איילט
זשע דיך אונטער אַ ביסל!

ווען ער איז געשטאַנען לעבן איר, האָט זי געזען, אַז ער
איז געווען פאַרבלוטיקט. פון די באַקן, פון האַלדז און פון לינקן
אויער האָבן אַראָפּגערונען טראָפּנס בלוט.

— כ'האָב דיך געביסן — האָט זי געשעפּטשעט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דאַן האָט זי זיך אויסגע-
גלייכט, אַרומגענומען זיין האַלדז און מיט גליענדיקע ליפּן גע-
טרונקען דאָס רויטע בלוט.

— איצט איז שוין גוט! — האָט זי געזאָגט.

זיי זענען אַרומגעשוואומען אין טייך. דערנאָך איז ער גע-
גאַנגען אין שטוב אַריין און געבראַכט איר אַ מאַנטל. און בשעת
זיי זענען צוריקגעגאַנגען, האַנט אין האַנט, מיט דער אַלעע פון די
רויטע בוקן האָט זי געזאָגט:

— כ'דאַנק דיר, מיין ליבסטער!

*

*   *

נאַקעט זענען זיי געלעגן אונטער רויטן פּירוס. עס האָבן
זיך צעשיידט פון זיך זייערע לייבער, וועלכע זענען געווען איינס
אין די מיטאָג-שעהן.

צעקנייטשט און צעטרעטן זענען געלעגן זייערע צערטלעכ-
קייטן, האַלדזונגען און זיסע ווערטער. ווי די בלומען, ווי די צאַר-
טע גרעזער, איבער וועלכע ס'האָט אויסגעבראָכן דער שטורם פון
זייער ליבע, טויט איז געלעגן דאָס פייער, וועלכעס האָט זיך
אַליין געפרעסן מיט תאווה'דיקע ציין: און פון אַש איז אַרויסגע-
וואַקסן אַ מוראַדיקע, שטאַלערנע שנאה.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט — איצט האָבן זיי געוווּסט, אַז זיי זענען זיך שונאים אויפן לעבן.

מיאוס און עקלדיק האָט אים אויסגעזען די לאַנגע, רויטע ליניע איבער דער אינעווייניקסטער זייט פון אירע היפטן. דאָס שפּייעכץ איז אים גערונען פון מויל, ווי ער וואָלט געהאַט גע־זויגן ביטערן סם פון אירע ליפּן. און די קליינע ווונדן, וועלכע ס׳האָבן אים איינגעביסן אירע ציין און נעגל, האָבן ווײ געטון, געברענט און זענען אויפגעשוואָלן.

— זי וועט מיך נאָך פאַרגיפטן, — האָט ער געטראַכט, — ווי זי האָט אַמאָל געטון מיטן דר. פּעטערסען.

אירע גרינע בליקן האָבן אַריבערגעלאָכט אויפרייצנדיק, שפּאָטיש און עזותדיק. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, פאַרביסן די ליפּן און פעסט צונויפגעקראַמפּט די פינגער. אָבער זי האָט זיך אויפגעהייבן, אויסגעדרייט זיך, און אַוועקגייענדיק, אים אָנגע־טרעטן דעם פוס. נאָכלעסיק און מיט פאַראַכטונג.

דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען, אַוועקגעשטעלט זיך אַנט־קעגן איר, און זייערע בליקן האָבן זיך צונויפגעקרייצט —

קיין איין וואָרט איז נישט אַרויס פון אירע ציין. אָבער זי האָט צוגעפּעצויגן די ליפּן און אויפגעהויבן די האַנט, האָט אַ שפּײ געטון און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים.

ער האָט זיך געוואָרפן אויף איר, געטרייסלט מיט איר קער־פּער און זי אַרומגעוואָרבלט באַ אירע לאָקן. ער האָט זי אַוועקגע־שליידערט אויף דער ערד, געטרעטן זי, געשלאָגן און געוואָרגן באַם האַלדז.

זי האָט זיך גוט געוועהרט. אירע נעגל האָבן אים צעטרייבערט זיין פּנים, אירע ציין האָבן זיך איינגעגעסן אין זיינע אָרעמס און ברוסט. און אין שוים אין בלוט האָבן זיך געזוכט זייערע ליפּן און געפונען זיך אין תאווהדיקער פּיין —

דאַן האָט ער זי אַ כאַפּ געטון און אַוועקגעשליידערט ווייט פון זיך אַזוי, אַז זי איז געפאַלן אַ פאַרחלשטע אין גראָז.

ער האָט זיך ווייטער געוואַקלט אַ פּאָר טריט און איז אויך געפאַלן אויף דער ערד, געגלאָצט שטאַר אין בלויען הימל, אָן וועלכען ס׳איז פאַרלאַנג, אָדער מחשבה — און האָט זיך איינגעהערט אין פּולסירן פון זיינע שלייפן — ביז די אויגן־לעפלעך זענען אים צוגעפאַלן —

ווען ער האָט דערוואַכט, האָט זי געקניט פאַר זיינע פיס. זי האָט אָפּגעווישט מיט אירע לאָקן דאָס בלוט פון זיינע ווונדן, האָט צעריסן איר העמד אין לאַנגע פאַסן און זאָרגפעלטיק פאַרבונדן זיינע ווונדן —

— לאָמיר גיין, מיין ליבסטער, — האָט זי געזאָגט, — דער אָוונט פאַלט צו.

*

* *

קליינע, בלויע אייער־שאָלן זענען געלעגן אויפן וועג. ער האָט געזוכט צווישן די קוסטעס און געפונען אַ צעשטערטע נעסט.

— דאָס זענען די פרעכע וועוויאָרקעס! — האָט ער געזאָגט — צופיל זענען זיי דאָ אין פאַרק, זיי וועלן נאָך אונדז אַלע זינגפייגל פאַרטרייבן.

— וואָס זאָל מען טון? — האָט זי געפרעגט.

און ער האָט געזאָגט:

— מ׳דאַרף עטלעכע דערשיסן!

זי האָט געפּאַטשט אין די הענט.

— יאָ, יאָ! — האָט זי געלאַכט, — מיר וועלן גיין אויף דער יאַגד!

— האָסטו עפּעס אַ ביקס? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך פאַרקלערט.

— נייַן — מיר דוכט זיך, אַז ס'איז דאָ נישטאָ קיין שום ביקס, ווייניקסטנס אַזעלכע, וואָס מ'זאָל קענען באַנוצן. — מ'וועט מוזן קויפן, — אָבער וואַרט נאָר — האָט זי זיך איבערגעריסן, דער אַלטער קוטשער האָט אַ ביקס. ער שיסט טיילמאָל די פרעגע־דע קעץ, ווען זיי ווערן ווילד.

ער איז געגאַנגען צו דער שטאַל.

— האַלאָ, פּרוויטסהיים, — האָט ער גערופן. — האָסטו עפּעס אַ ביקס ?

— יאָ, — האָט געענטפערט דער אַלטער, — זאָל איך זי ברענגען ?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער געפרעגט :

— זאָג מיר, אַלטער, דו האָסט דאָך געוואָלט, אַז דיינע איי־ניקלעך זאָלן רייטן אויף ביאַנקען ? זיי זענען דאָ געווען דעם לעצטן זונטיק — אָבער כ'האָב נישט געזען, אַז דו זאָלסט זיי האָבן אַרויפ־געזעצט אויפן אייזעלע.

דער אַלטער האָט עפּעס געברומט אונטער דער נאָז, אַוועק־געגאַנגען אין זיין שטוב און אַראָפּגענומען די ביקס פון דער וואַנט. ער איז צוריקגעקומען, זיך אַנידערגעזעצט און גענומען רייי־ניקן.

— נו ? — האָט ער געזאָגט, — דו ווילסט מיר נישט ענט־פערן ?

פּרוויטסהיים האָט געקייעט מיט טרוקענע ליפּן.

— איך וויל נישט —

פראַנק ברוין האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

— זיי נישט קיין נאַר, אַלטיטשקער, און זאָג מיר, וואָס דו האָסט אויפן האַרץ. מיט מיר קענסטו דאָך רעדן אָפן !

און דער אַלטער קוטשער האָט געזאָגט:

— איך וויל גאָרנישט אָננעמען פון אונדזער פריילין — איך וויל נישט פון איר קיין שום מתנות. איך באַקום מיין חיונה און מיין שכירות — דערפאַר גיב איך אייך מיין אַרבעט. מער וויל איך גאָרנישט.

ער האָט געפילט, אַז ער וועט נישט איבערצייגן דעם דאָזיקן קליינעם מוח, האָט ער זיך אַן עצה געטון. ער האָט פאַרוואָרפן אַ ווענדקע אויף אים.

— ווען די פריילין וואָלט פאַרלאַנגט פון דיר עפּעס אַ באַזונדערע זאַך, וואָלסטו עס געטון?

— ניין — האָט דער אַלטער פאַרעקשנט געטענהט — מער נישט ווי מיין פליכט.

— אָבער ווען זי וואָלט דיר פאַר אַ באַזונדערער אַרבעט באַזונדער באַצאָלט — האָט ער פאָרטגעזעצט — וואָלסטו עס דאַמאָלס געטון?

דער קוטשער האָט זיך נאָך אַלץ איינגעשפּאַרט.

— דאָס וואָלט זיך געווענדט —

— זיי נישט פאַרעקשנט ווי אַ באָק! — האָט געלאַכט פראַנק ברוין — די פריילין — נישט איך — וויל באַ דיר באָרגן די ביקס צו שיסן וועוויאָרקעס — דאָס האָט צו דיין פליכט קיין שום שייכות נישט. און דערפאַר — פאַרשטייסטו, אַלס באַלוינונג, דערלויבט זי דיר, אַז די קינדער זאָלן רייטן אויפן אייזעלע — ס'איז אַ פּשוטער האַנדל! קלאַפּסטו צו?

— יאָ — האָט געזאָגט דער אַלטער שמייכלענדיק — אַזוי מאַך איך עס.

ער האָט אים דערלאַנגט די ביקס און אַרויסגענומען פון שיפלאָד אַ שעכטל קוילן.

— דאָס לייג איך נאָך צו — האָט ער געזאָגט — אַזוי האָב איך איר שוין גוט באַצאָלט און בין איר גאָרנישט שולדיק — צי רייט איר אַרויס היינט באָכמיטאָג, יונגער הער? — האָט ער פאָרטגעזעצט — גוט, אַרום פינף וועלן די פערד זיין גרייט.

דערנאָך האָט ער גערופן דעם שטאַל־יונג און אים געהייסן לויפן זאָגן דער שוסטערין, אַז זי זאָל פאַרנאַכט אַריבערשיקן די קינדער.

גאַנץ באַגינען איז פראַנק ברוין געשטאַנען אונטער די אַקאַציעס, וועלכע האָבן געקושט די פריילינס פענסטער, און האָט געגעבן אַ קורצן פייף.

זי האָט געעפנט און גערופן פון פענסטער, אַז זי וועט באַלד אַראָפּקומען.

הויך האָבן אָפּגעקלונגען אירע טריט אויף די שטיינערנע פליטן, מיט איין שפּרונג איז זי אַראָפּ איבער די שטיגן פון דער גאָרטן־טעראַסע און איז שוין געשטאַנען פאַר אים.

ווי דו זעסט אויס — האָט זי אויסגערופן — אין קימאָנאָ! אַזוי גייט מען אויף יאַגד?

ער האָט געלאַכט:

— מילא, פאַר וועוויאַרקעס וועט דאָס אויך גענוג זיין — אָבער ווי דו זעסט אויס?

זי איז געווען אָנגעטון אַלס וואַלענשטיינער יעגער.

— רעגימענט האַלט! — האָט זי געזאָגט — געפעלט איך דיר?

הויכע, געלע רייטשטיוול האָט זי געטראָגן, אַ גרינעם קאַפּטן און אַ מעכטיקן גרוי־גרינעם הוט מיט אַ פלאַטערדיקער פעדער. אַן אַלטער פיסטאָלעט האָט געשטעקט אין גאַרטל און אַ לאַנגע שווערט האָט זיך געבאָמבלט באַ אירע פיס.

— דאָס מוזסטו אוועקלייגן — האָט ער געזאָגט — ווערסט

נאָך אויף די חיות אַ פּחד אָנוואַרפֿן, אַז דו וועסט צו זיי אַזוי אויף יאַגד אַרויס.

זי האָט פֿאַרצויגן די ליפּן.

— בין איך נישט שיין ? — האָט זי געפֿרעגט.

ער האָט זי גענומען אין די אָרעמס און שנעל געקושט איר ליפּן.

— רייצנד ביסטו, דו פֿוסטער קונדס ! — האָט ער געלאַכט — און פֿאַר די וועוויאַרקעס איז פּונקט אַזוי גענוג דיין האַלקישער יעגער, ווי מיין קימאַנאָ.

ער האָט איר אָפּגעשפּיליעט די שווערע און די לאַנגע שפּאָרן, אַוועקגעלייגט דעם אַלטן פּיסטאָלעט, און אָנשטאָט דעם, גענומען דעם קוטשערס ביקס.

— איצט קום, מיין פֿריינט — האָט ער גערופֿן — גאָט העלף אונדז !

זיי זענען געגאַנגען דורכן גאָרטן, האָבן שטילשווייגנדיק געטרעטן, אַריינגעבליקט צווישן די קוסטעס און אויך אויבן אויף די קרוינען פֿון די ביימער.

ער האָט אָנגעלאָדן די ביקס און אָפּגערוקט דאָס צינגל.

— צי האָסטו שוין אַמאָל געשאָסן ? — האָט ער געפֿרעגט.

— אָ, יאָ — האָט זי באַשטעטיקט — כ׳בין געווען מיט וועלפֿלען אויפֿן גרויסן יריד אין פּיטצכען, האָבן מיר זיך געאיבט אין דער שיס-בודע.

ס׳האָט עפּעס אַ רויש געטון איבער זיי אין די צווייגן.

— שיס, — האָט זי געשעפּטשעט, — שיס ! דאָרט אין דער הייך איז דאָ אַ וועוויאַרקע !

ער האָט אויפגעהויבן די ביקס און געקוקט אין דער הייך. אָבער ער האָט זי צוריק אַראָפּגעלאָזט:

—ניין, די דאָזיקע נישט! — האָט ער דערקלערט, — דאָס איז אַ יונגע חיה, זי קען קוים אַלט זיין אַ יאָר, איר וועלן מיר נאָך דערלויבן צו לעבן.

זיי זענען געגאַנגען צום שטראָם, דאָרט וווּ ער איז פון דער לאַנקע אויפן בערי‌אָזעגעם וועלדל אַרויסגעפלאָסן. דיקע יוני־באַמבעלעך האָבן געזשומעט אין דער זון, געלע פליטערלעך האָבן זיך געוויגט איבער די מאַרגאַריטקעס, אַ געפּיפּסעריי און געזשווזשעריי אומעטום, גרילן האָבן געגרילצט, בינען האָבן געזשומט, ליבעלעך פון פאַרשידענער גרויס זענען אַרומגעשפּרונגען לעבן זייערע פיס, די זשאַבעס האָבן געקוואַקעט אין וואַסער און אין דער הייך האָט געזונגען אַ קליינער לערך.

זיי זענען געגאַנגען איבער די לאַנקעס צו די רויטע בוק־ביימער. פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט האַרט באַם ראַנד אַן איבער־געשראָקן געצוויטשעריי, זיי האָבן געזען ווי אַ קליינער פינק האָט אַרויסגעפלאַטערט פון צווישן די קוסטעס. פראַנק ברוין האָט זיך שטיל דערנענטערט און שאַרף אָנגעשטעלט זיין בליק.

— דאָ האָבן מיר דעם רויבער, — האָט ער געמורמלט.

— ווו? — האָט זי געפרעגט. — ווו?

אָבער באַלד האָט אַ קראַך געטון זיין שאָס — אַ שטאַר־קע וועוויאָרקע איז אַראָפּגעפאַלן פון בוקאָוון שטאַם.

ער האָט זי הויך אויפגעהויבן באַם עק און איר געוויזן דעם שאָס.

— די וועט שוין מער נישט פּלינדערן קיין נעסטן! — האָט ער געזאָגט.

זיי האָבן זיך ווייטער גענומען יאָגן נ... די חיות איבערן

גרויסן פּאַרק: אַ צווייטע וועוויאָרקע האָט ער דערשאָסן אױף דער שלענדערלעך־אַלטאַנע, אַ דריטע גרוי־ברוינע אויפן שפּיץ פון אַ באַרנבוים.

— דו שיסט די גאַנצע צייט, — האָט זי געזאָגט, — גיב מיר אויך די ביקס.

ער האָט איר דערלאַנגט און געוויזן, ווי אַזוי זי זאָל אָנ־לאָדן און זי געהייסן עטלעכע מאָל אויסשיסן אין אַ שטאַם אַריין.

— איצט קום, — האָט ער אויסגערופן, — וויַז, וואָס דו קענסט!

ער האָט אָנגעבויגן די לופע אַראָפּ.

— אַזוי, — האָט ער זי געלערנט, — שטענדיק די עפע־נונג צו דער ערד און נישט אין דער לופט.

נאָענט פון טייך האָט זי באַמערקט אַ יונגע חיה, וואָס שפּילט זיך אויף דער סטעזשקע. זי האָט תיכף געוואָלט שיסן, אָבער ער האָט איר געעצהט אונטערצושלייכן עטלעכע טריט נענטער.

— אַזוי איז גענוג נאָענט — נו, איצט גיב איר.

זי האָט אויסגעקנאַלט, די וועוויאָרקע האָט זיך אומגעקוקט פאַרחידושט, איז שנעל אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ שטאַם און נעלם געוואָרן אין די געדיכטע צווייגן.

— דאָס צווייטע מאָל איז אויך נישט געגאַנגען בעסער. זי האָט גענומען צילן פון אַ צו גרויסן מרחק, און בשעת זי האָט גע־פּרוווט זיך דערנענטערן, זענען די חיות אַנטלאָפן, איידער זי האָט נאָך באַוויזן אויסצושיסן.

— נאַרישע באַשעפענישן! — האָט זי זיך געבייזערט — פאַרוואָס אַנטלויפן זיי נישט פאַר דיר?

זי האָט אים אויסגעוויזן רייצנד אין דעם דאָזיקן קינדישן כּעס.

— מן הסתם דערפֿאַר, ווייל זיי ווילן מיר אַ ספּעציעלן נחת אָנטון — האָט ער געלאַכט — מאַכסט אָן צו פֿיל טומל מיט דייִנע לעדערנע שטולפּן, דאָס איז עס! אָבער וואַרט, מיר מוזן נענטער אונטערקומען.

נאָנט פֿון פּאַלאַץ, ווו די ביימער זענען געדיכט אַריינגעוואַקסן אין די אַקאַציעס, האָט ער ווידער דערזען אַ וועווייאַרקע.

— בלייב דאָ שטיין — האָט ער געשעפּטשעט — כ'וועל זי דיר אַהערטרייבן נענטער. קוק כּסדר אין די קוסטעס, ווי נאָר דו וועסט זי זען, גיב אַ פֿייף, כּדי כ'זאָל וויסן. זי וועט זיך אומדרייען אויף דיין פֿייף — דאַמאָלס שיס!

ער איז געגאַנגען אַרום און אַרום מיט גרויסע שפּרייזן, זוכנדיק צווישן די קוסטעס. ענדלעך האָט ער אַנטדעקט די חיה אויף אַ נידעריקער אַקאַציע. ער האָט זי אַראָפּגעטריבן און אָנגעיאָגט מיט שאָלן פֿון ניס. ער האָט געזען ווי זי אַנטלויפֿט אין דער ריכטונג פֿון אַלרוינען, האָט ער זיך אָפּגערוקט אַ ביסל און געוואַרט אויף איר פֿייף.

אָבער ער האָט גאָרנישט געהערט. איז ער געגאַנגען צוריק מיט די זעלבע שפּרייזן און אונטערגעקומען הינטער איר אויפֿן ברייטן וועג.

זי איז געשטאַנען דאָרטן מיט דער ביקס אין דער האַנט און געקוקט מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק גלייך פֿאַר זיך אין די קוסטעס. און — עטוואָס לינקס פֿון איר — קוים מיט דריי מעטער ווייטער, האָט זיך געשפּילט די פֿריילעכע חיה אין די צווייגן.

— זי איז דאָך דאָרטן! — האָט ער גאַנץ שטיל אויסגערופֿן — דאָרטן אינדערהייך, אַ ביסל לינקס!

זי האָט דערהערט זיין שטימע און זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו אים. ער האָט געזען, ווי זי האָט געעפנט די ליפּן עפּעס צו זאָגן, האָט איינצייטיק דערהערט אַ שאָס און דערפילט אַ לייכטע ווייטיק אין דער לינקער זייט.

דערנאָך האָט ער דערהערט איר מוראדיקן, פאַרצווייפלטן געשריי, האָט געזען, ווי זי האָט אַוועקגעוואָרפן די ביקס און זיך געלאָזט צו אים. זי האָט אויפגעריסן זיין קימאָנאָ און אַרומגעטאַפּט מיט די הענט זיין ווונד.

ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געקוקט. ס׳איז געווען אַ לאַנגע, אָבער אַ גאַנץ לייכטע צעראַצונג, ס׳האָט זיך קוים גע־וויזן עטוואָס בלוט. נאָר די הויט איז געווען אָפּגעברענט און ס׳האָט זיך געזען אַ ברייטע שוואַרצע ליניע.

— כאַפּט עס דער רוח! — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט — ס׳האָט געפעלט אַ האָר — פונקט איבערן האַרץ.

זי איז געשטאַנען פאַר אים, ציטערנדיק מיט אַלע אברים. זי האָט זיך קוים געקענט דערהאַלטן אויף די פיס. ער האָט זי אונ־טערגעהאַלטן און געגעבן צו פאַרשטיין.

— אָבער ס׳איז דאָך גאָרנישט געשען, קינד, לגמרי גאָר־נישט! מיר וועלן דאָס אַ ביסל אַרומוואַשן און באַנעצן מיט אייל — איבערצייג זיך דאָך, אַז ס׳איז אַ קלייניקייט.

ער האָט נאָך מער אַוועקגעמאַכט דעם קימאָנאָ און איר געוויזן די נאַקעטע ברוסט. זי האָט מיט אירע פינגער אַרומגעטאַפּט דעם ראַנד.

— האַרט איבערן האַרץ — האָט זי געשעפּטשעט — האַרט איבערן האַרץ!

ד׳ערנאָך האָט זי זיך פּלוצלינג אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט באַם קאָפּ. אַ געוואַלטיקער פּחד איז זי באַפאַלן, און זי האָט געגו־

מען קוקן אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן. זי האָט זיך אַרויסגע-
ריסן פון זיינע אָרעמס, איז געלאָפן צום הויז צו און מיט עטלעכע
שפּרינג אַרויף אויף די טרעפּ.

דאָס זעכצענטע קאַפּיטל

וועלכעס מאַכט באַקאַנט, וואָס פאַר אַ סוף עס האָט געהאַט אַלרויִנע.

פאַמעלעך איז ער אַרויפגעגאַנגען אין זיין צימער, האָט אַרומגעוואַשן די ווונד און זי פאַרבונדן. און ער האָט געלאַכט פון דער שיס־פעיִקייט פון מיידלעך.

— זי וועט זיך שוין מיט דער צייט אויסלערנען, — האָט ער געטראַכט, — מיר וועלן זיך אַביסל איבן אין שיסן אין ציל.

דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אָן איר בליק, בשעת זי איז אַנטלאָפן, משוגע, פול מיט ווילדן יאוש, ווי זי וואָלט אַ פאַרברעך באַגאַנגען. און ס׳איז דאָך נאָר געווען אָן אומגליקלעכער צופאַל — וועלכער האָט זיך נאָך דערצו גאַנץ גליקלעך געענדיקט.

ער האָט זיך געכאַפּט, — אַ צופאַל? — אַהאַ, דאָס איז די מעשה: זי האָט עס נישט אָנגענומען פאַר קיין צופאַל, זי האָט עס אָנגענומען פאַר — דעם גורל.

ער האָט נאָכגעטראַכט:

אוודאי איז עס אַזוי געווען. דעריבער האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן — דעריבער איז זי אַזוי אַנטרונען געוואָרן — בשעת זי האָט אים אַרייַנגעקוקט אין די אויגן און דאָרט דערזען איר אייגן בילד. אַ גרויל האָט זי פאַר דעם דורכגענומען — פאַר דעם טויט, וועלכער האָט זייַנע בלומען פאַרשפּרייט דאָרט, וווּ ס׳האָט נאָר איר פוס געטרעטן —

דער קלייַנער אַדוואָקאַט האָט אים געוואָרנט.

— איצט האַלט עס בײַ אײַך.

— צי האָט דען אַלרוינע נישט געזאָגט אים דאָס זעלבע, בשעת זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַוועקגיין?

און ווירקט דען נישט אויף אים דער אַלטער כּישוף, אַזוי גוט ווי אויף אַלע אַנדערע? ווערטלאָזע פּאַפּירן האָט אים דער פעטער אָפּגעשריבן — און איצט האַקט מען גאָלד פון די דאָזיקע פעלזן. רייַך געמאַכט האָט אַלרוינע — און דעם טויט האָט זי געבראַכט —

פלוצלינג האָט ער זיך דערשראָקן — ערשט איצט. ער האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט זייַן וווּנד —

אָ, יאָ, ס׳איז אַזוי, האַרט אונטער דעם ראַנד האָט געקלאַפּט זייַן האַרץ. נאָר די קלייַנע באַוועגונג, וואָס ער האָט געמאַכט מיטן קערפּער, בשעת ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער וועווערקע — נאָר דאָס אַליין האָט אים אָפּגעראַטעוועט. — אַנדערש — אַנדערש —

אָבער ניין, ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. שוין צוליב דער מוטער אַליין, האָט ער געטראַכט: יאָ, צוליב איר — און אפילו ווען זי וואָלט נישט געווען, אויך פאַר זיך אַליין. אין די אַלע לאַנגע יאָרן האָט ער זיך אויסגעלערנט לעבן; ער האָט באַהערשט די דאָזיקע גרויסע קונסט, וועלכע האָט אים מער געגעבן, ווי טויזנטער אַנדערע, ער האָט געלעבט מיט זייַנע פולע כּוחות,

איז געשטאַנען באַם שפּיץ פון לעבן און האָט גוט געקאָנט פון ז'ער דאָזיקער וועלט און אַלע אירע וווּנדער.

— דער גורל האָט מיך ליב, — האָט ער געטראַכט — ער דראָט מיר מיט אַ פינגער. — דאָס איז נאָך אַ בפירושערע אזהרה, ווי דעם אַדוואָקאַטס דיבורים, — ס'איז נאָך צייט.

ער האָט אָפּגעשלעפּט זיין וואַליזע פון אונטער דער שאַנק אויפגעריסן די דעק און גענומען פּאַקן —

— ווי אַזוי האָט דער פעטער יאַקוב פאַרענדיקט זיין לע־דערן בוך?

„פרווו דיין מזל! אַ שאָד כ'לעבן, וואָס כ'וועל שוין דאָ נישט זיין, ווען די ריי וועט קומען אויף דיר: כ'וואָלט דאָס זייער שטאַרק געוואָלט זען!"

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, פעטער יאַקוב, — האָט ער געמורמלט, — דאָס־מאָל וועסטו אין מיר קיין נקמה נישט דערלעבן, דאָסמאָל נישט.

ער האָט צונויפגעפּאַקט זיינע שטיוול. געגליכגעלייגט די זאָקן. ער האָט זיך אָנגעגרייט אַ העמד און דעם אָנצוג, וואָס ער האָט געזאָלט אָנטון אין וועג אַריין. זיין בליק איז געפאַלן אויף דער טונקל־בלויער קימאָנאָ, וועלכע איז געהאָנגען איבערן אָנלען פון דער שטול. ער האָט זי גענומען אין דער האַנט אַריין, און באַ־טראַכט דעם ריס, וואָס די קויל האָט דורכגעבראָכן.

— כ'וואָלט אים געדאַרפט דאָ איבערלאָזן. — האָט ער גע־זאָגט. — אַלס אַן אָנדענק פאַר אַלרוינען. זאָל זי זיך עס צולייגן צו אַלע איבעריקע זכרונות.

א טיפער זיפץ האָט זיך געלאָזט הערן הינטער אים. ער האָט זיך אומגעדרייט — איבמיטן צימער איז געשטאַנען אַלרוינע אין דינעם זיידענעם מאַנטל און געקוקט אויף אים מיט גרויסע, אָפענע אויגן.

— דו פּאַקסט דיך? — האָט זי געשעפּטשעט, — דו פּאָרסט אַוועק — כ'האָב זיך געריכט דערויף.

ס'האָט אים אַ ווערג געטון אין האַלדז, אָבער ער האָט דער־שטיקט זיין אויפרעגונג און זיך באַהערשט.

— יאָ, אַלרוינע, איך פאָר אַוועק, — האָט ער געזאָגט.

זי איז אַראָפּגעזונקען אויף אַ שטול, נישט גערעדט קיין וואָרט און אים שטילשווייגנדיק אָנגעקוקט. ער איז צוגעגאַנגען צום וואַשטישל און גענומען איין זאַך נאָך דער אַנדערער: קעמ־לעך, בערשטן, זייפן און שוואָמען. דערנאָך האָט ער צוגעמאַכט די דעק און פאַרשלאָסן די וואַליזע.

— אַזוי, — האָט ער האַרט געזאָגט — איצט בין איך פאַרטיק.

ער האָט זיך דערנענטערט צו איר, כּדי איר די האַנט צו דערלאַנגען.

זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און נישט אויפגעהויבן די האַנט. און פאַרמאַכט זענען געבליבן אירע בלייכע ליפּן.

נאָר אירע אויגן האָבן גערעדט:

— פאָר נישט אַוועק — האָבן זיי געבעטן — פאַרלאָז מיך נישט. פאַרבלייב בא מיר.

— אַלרוינע — האָט ער געמורמלט. און עס האָט גע־קלונגען ווי אַ פאָרוואורף און אַ בקשה צוזאַמען, זי זאָל אים לאָזן אַוועקפאָרן.

אָבער זי האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט און אים פעסט גע־האַלטן מיט אירע בליקן.

— פאַרלאָז מיך נישט.

ער האָט געפילט ווי זיין ווילן פאַרלאָזט אים און האָט כמעט מיט געוואַלט אָפּגעווענדט פון איר זיינע אויגן. אָבער באַלד האָבן זיך געעפנט אירע ליפּן.

— פאַר נישט — האָט זי געפּאָדערט — בלייב באַ מיר!

— ניין! — האָט ער געשריגן — איך וויל נישט. דו וועסט פון מיר אַ תּל מאַכן, ווי פון די אַלע אַנדערע!

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, צוגעגאַנגען צום טיש און אָפּגעריסן עטלעכע פּיצלעך פון דער באַנדאַזש-וואַטע, וועלכע ער האָט באַנוצט בּאַ זיין וווּנד. ער האָט זיי פייכט געמאַכט מיט אַ ביסל אייל און פעסט פאַרשטאָפּט דערמיט די אויערן.

— אַזוי, איצט רעד — האָט ער געזאָגט — אויב דו ווילסט. איך הער דיך נישט, איך זע דיך נישט. כ׳מוז אַוועקפאָרן, און דו ווייסט עס! לאָז מיך אַוועקגיין.

און זי האָט שטיל געזאָגט:

— טאָ וועסטו מיך פילן.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל. און דער ציטער פון אירע פינגער האָט גערעדט:

— בלייב דאָ באַ מיר! — פאַרלאָז מיך נישט.

אַזוי זיס איז געווען דער דאָזיקער לייכטער קוש פון אירע הענט, אַזוי זיס.

— כ׳וועל מיך באַלד אַרויסרייסן — האָט ער געטראַכט! — באַלד! נאָר אַ רגע נאָך.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און טיף עטעמענדיק זיך געקוויקט מיט דעם מילדן דריק פון אירע פינגער, אָבער אירע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן, און זיינע באַקן האָבן געציטערט אונטער דער זיסער באַרירונג. פּאַמעלעך האָט זי אַרומגענומען זיין האַלדז מיט אירע אָרעמס, אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ, געשטעלט זיך אויף די

שפּיצן פינגער און אַרויפגעלייגט אירע פּייכטע ליפּן אויף זיין מויל.

— ווי משוגעדיק דאָס איז — האָט ער געטראַכט — אירע נערוון רעדן, און מיינע פאַרשטייען זייער לשון.

זי האָט אים אַוועקגעצויגן אַן אַ זייט, אַ טריט ווייטער. זי האָט אים אַנידערגעזעצט אויפן בעט, האָט זיך געזעצט אויף זיינע קניען און אים איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון זיסע צערטלעכקייטן, האָט אַרויסגעצויגן מיט די שפּיץ פינגער די וואַטע פון זיינע אויערן און אים איינגערוימט הייסע, געצערטלטע ווערטער. ער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, אַזוי שטיל האָט זי גערעדט, אָבער ער האָט גוט תופס געווען דעם זין און געפילט, אַז דאָס איז שוין נישט געווען: — בלייב! — און אַז ס׳האָט איצט געהייסן — ווי גוט ס׳איז, וואָס דו בלייבסט.

זיינע אויגן-לעפלעך זענען נאָך אַלץ געווען אַראָפּגעלאָזט, ער האָט נאָך אַלץ געהערט דאָס וואַנזיניקע שעפּטשען פון אירע ליפּן, געפילט נאָר, ווי די שפּיצן פון אירע פינגער זענען געלאָפן איבער זיין ברוסט און פּנים, זי האָט אים נישט געצויגן, נישט צוגעשטאַנען צו אים — און ער האָט געפילט דעם שטראָם פון אירע נערוון, וועלכע ער האָט זיך אונטערגעגעבן. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך איז ער אַראָפּגעזונקען אויפן בעט.

דאַן איז זי פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, געזען, ווי זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר און זי פאַרשלאָסן, דערנאָך האָט זי ענג פאַרוקט די שווערע גאַרדינען בײַ די פענסטער. אַ שטילע, מאַטע דעמערונג האָט אָנגעפילט דאָס צימער.

ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, אויפשטיין, אָבער זי איז שוין געווען צוריק, נאָך איידער ער האָט אַ ריר געטון מיט אַן אבר. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס שוואַרצע מאַנטל און

אוועקגעלייגט זיך לעבן אים. זי האָט אים צוגעמאַכט די אויגן מיט אירע מילדע פינגער און צוגעפּרעסט אירע ליפּן צו זיינע.

ער האָט געפילט איר קליינע ברוסט אין זיין האַנט, געפילט די שפּיצן פון אירע פיס־פינגער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף זיינע פיס, האָט געפילט אירע לאָקן, וואָס זענען געפאַלן אויף זיי־נע באַקן —

און ער האָט זיך שוין מער נישט געווערט, און האָט זיך איר איינגאַנצן אונטערגעגעבן.

— בלייבסטו? — האָט זי געפרעגט. אָבער ער האָט גוט גע־ווּסט, אַז דאָס איז שוין מער קיין פראַגע נישט געווען, אַז זי האָט עס נאָר געוואָלט נאָכאַמאָל הערן אויך פון זיינע ליפּן.

— יאָ — האָט ער שטיל געזאָגט.

אירע קושן זענען געפאַלן ווי אַ רעגן אין מאַי. אירע צערט־לעכקייטן האָבן זיך געשאָטן, ווי אַ שוידער פון מאַנדל־בלימלעך אין אָוונט־ווינט, אירע חניפה־ווערטער זענען געשפּרונגען ווי די שעמע־רירנדיקע פּערל פון די קאַסקאַדן אין פּאַרק־טייך.

— דו האָסט עס מיך געלערנט! — האָט זי שטיל געשעפּ־טשעט — דו — דו האָסט מיר געוויזן, וואָס ליבע איז — איצט מוזסטו בלייבן פאַר מיין ליבע, וועלכע דו האָסט געשאַפן.

זי האָט לייכט געגלעט זיין וווּנד און זי געקוּשט מיט אַ צערטלעכער צונג. האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט מיט ווילדע אויגן.

— כ׳האָב דיר אָנגעטון יסורים — האָט זי געפליסטערט — כ׳האָב דיר געטראָפן — האַרט לעבן האַרץ — ווילסט מיך שלאָגן? זאָל איך ברענגען אַ בייטש? טו, וואָס דו ווילסט! רייס מיר ווונדן מיט דיינע ציין — נעם אַ מעסער, טרינק מיין בלוט — טו, וואָס דו ווילסט — אַלץ, אַלץ! — דיין שקלאַפין בין איך.

ער האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן און טיף אָפּגע־זיפצט.

*

*   *

טיילמאָל, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער ביבליאָטעק, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט עפּעס אַ געלעכטער ערגעץ פון די ווינקלען אַרויס.

דאָס ערשטע מאָל, בשעת ער האָט עס געהערט, האָט ער געגלייבט, אַז דאָס איז אַלרוינע, הגם איר שטימע האָט אַנ־דערש געקלונגען. ער האָט אַרומגעזוכט און נישט געפונען קיי־נעם.

ווען ער האָט ווידער געהערט, האָט ער זיך דערשראָקן.

— דאָס איז דעם פּעטער יאַקובס הייזעריקע שטים — האָט ער געטראַכט — ער לאַכט מיך אויס.

דערנאָך האָט ער זיך צונויפגענומען און זיך באַהערשט.

— דאָס איז אַ קאָשמאַר — האָט ער געמורמלט — און ס'איז קיין חידוש נישט, מיינע נערוון זענען צערייצט.

ווי אַ צעחושטער איז ער אַרומגעגאַנגען, מיט אַ שלייכנדיקן, וואַקלדיקן טריט, בשעת ער איז געווען אַליין, מיט שווערע באַוועגונגען און שטאַרן, אַפּאַטישן בליק. אָבער מיט אָנגעלאָדענע, גע־שפּאַנטע נערוון, בשעת ער איז געווען לעבן איר — דאַמאָלס האָט געגומען קאָכן זיין בלוט, וואָס פלעגט בכלל שטיל און טראָפּנווייז פליסן.

ער איז געווען איר לערער — דאָס איז אמת. ער האָט איר געעפנט די אויגן, זי אויסגעלערנט אַלע סודות פון די מזרח־לענדער, אַלע שפּילן פון די אַלטע פעלקער, פאַר וועלכע די ליבע איז געווען קונסט. אָבער ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט איר קיין שום פרעמדס נישט געזאָגט, נאָר ווי ער וואָלט אין איר אויפגעוועקט די דערי־

נערונג פון עפּעס, וואָס איז פון לאַנג שוין געווען איר אייגנס. אָפּטמאָל, איידער ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט, האָט שוין אויפגע־פלאַמט איר געוואַלטיקע לוסט און אויסגעבראָכן ווי אַ וואַלד־שׂרפה אין זומער־צייט.

ער האָט געוואָרפן דעם פּאַקל. און דאָך האָט אים געגרוילט פאַר דער דאָ יקער בראַנד, וואָס האָט אים זיין לייב פאַרזענגט, וואָס האָט אים געשליידערט אין אַלע היצן און פיבערס און אים ווידער פאַרדאַרט און געמאַכט רינען זיין בלוט אין די אָדערן.

איינמאָל, בשעת ער האָט אַזוי געשלייכט איבערן הויף, האָט ער באַגעגנט פּרויטסהיימען.

— איר רייט שוין נישט מער, יונגער הער? — האָט גע־פרעגט דער אַלטער קוטשער.

ער האָט שטיל געענטפערט:

— ניין, איך רייט שוין נישט היינט.

אין דער רגע האָט זיך צונויפגעטראָפן זיין בליק מיט די אויגן פון דעם אַלטן און ער האָט געזען, ווי זיינע פאַרטרוקנטע ליפּן האָבן זיך אויפגעעפנט.

— רעד נישט, אַלטעטשקער! — האָט ער האַסטיק געזאָגט — כ׳ווייס, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן! — אָבער איך קען נישט — איך קען נישט.

דער קוטשער האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען צום גאָרטן. ער האָט אויסגעשפּיגן, געשאָקלט פאַר־טראַכטערהייט מיטן קאָפּ און זיך איבערגעצלמט.

*

* *

איינמאָל אין אָוונט איז געזעסן פרידאַ גאָנטראַם אויף דער

שטיינערנער באַנק אונטער די בוק-ביימער. ער האָט זיך דערנעג־טערט און איר דערלאַנגט די האַנט.

— שוין צוריק, פרידאַ?

— די צוויי חדשים זענען פאַרביי — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זיך געריבן מיט דער האַנט דעם שטערן.

— פאַרביי? — האָט ער געמורמלט — מיר שיינט, ווי ס'וואָלט קוים אַ וואָך געווען — ווי דערגייט עס אייער ברודער — האָט ער פאָרטגעזעצט.

— ער איז געשטאָרבן — האָט זי געענטפערט — שוין לאַנג. מיר האָבן אים באַגראָבן דאָרט אויבן אין דאַוואָס — דער וויקאַ־רי שרעדער און איך.

— געשטאָרבן — האָט ער איבערגעחזרט. דערנאָך ווי ער וואָלט געוואָלט די געדאַנקען פאַרטרייבן, האָט ער גיך אַ פרעג געטון:

— און וואָס הערט זיך עפּעס בכלל אויף דער וועלט? מיר לעבן דאָ, ווי די נזירים, מיר גייען נישט אַרויס פון גאָרטן.

די פירשטין איז געשטאָרבן אויף אַ פּאַראַליז — האָט זי אָנ־געהויבן — די גרעפין אַלגאַ —

אָבער ער האָט זי נישט געלאָזט ווייטער רעדן.

— ניין, ניין, — האָט ער געבעטן — רעדט נישט מער. כ'וויל שוין מער גאָרנישט הערן. טויט — טויט און טויט! — שווייגט, פרידאַ, שווייגט!

איצט איז ער געווען צופרידן, וואָס זי איז דאָ געווען. זיי האָבן ווייניק גערעדט צווישן זיך, אָבער זענען געזעסן, שטיל איי־נער לעבן אַנדערן בסוד, בשעת די פרייילין איז געווען אין הויז. אַלרוינע האָט זיך געבייזערט, וואָס פרידאַ גאָנטראַם האָט זיך צו־ריקגעקערט.

— צוואָס איז זי געקומען צו פאָרן? — איך וויל זי דאָ נישט האָבן! כ׳וויל קיינעם נישט, אַ חוץ דיך.

— לאָז זי אָפּ, — האָט ער געזאָגט, — זי שטייט קיינעם נישט אין וועג און באַהאַלט זיך, ווי ווייט זי קען.

— איר זענט באַזאַמען, בשעת איך בין נישט דערביי, — האָט געזאָגט אַלרוינע, — איך ווייס עס. אָבער זאָל זי זיך היטן.

— וואָס ווילסטו טון? — האָט ער געפרעגט.

און זי האָט געענטפערט:

— טון? גאָרנישט! צי האָסטו פאַרגעסן, אַז איך דאַרף גאָר־נישט טון? — אַלץ קומט אַליין פון זיך.

נאָכאַמאָל האָט אין אים אויפגעוואַכט דער ווידערשטאַנד.

— דו ביסט געפערלעך — האָט ער געזאָגט — ווי אַ גיפ־טיקע יאַגדע.

— פאַרוואָס־זשע נאָשט זי? איך האָב זי געהייסן אַוועקגיין אויף תמיד! — דו האָסט אָבער געמאַכט דערפון צוויי חדשים — ס׳איז דיין שולד

— ניין — האָט ער געשריגן — ס׳איז נישט אמת. זי וואָלט זיך דאַמאָלס געוועזן דערטרונקען —

— גלייכער — האָט געלאַכט אַלרוינע.

ער האָט אָפּגעריסן און שנעל געזאָגט:

— די פירשטין איז געשטאָרבן. אַ פּאַראַליז האָט זי אָנגע־כאַפּט —

— געלויבט צו גאָט! — האָט געלאַכט אַלרוינע.

ער האָט פאַרהאַקט די ציין, אָנגעכאַפּט אירע אָרעמס און זי גענומען טרייסלען.

— אַ מכשפה ביסטו! — האָט ער געצישעט — מ׳דאַרף אַזעלכע ווי דו טייטן.

זי האָט זיך נישט געוועהרט, בשעת זייַנע הענט האָבן זיך איינגעגראָבן אין איר קערפּער.

— ווער דאַרף דאָס טון? — האָט זי געלאַכט — דו?

— יאָ, איך! — האָט ער געשריגן — איך! — איך האָב געפלאַנצט דעם זוימען פון דעם דאָזיקן גיפטיקן בוים — טאָ וועל איך אויך געפינען די האַק, אים אונטערצוהאַקן — און די וועלט פון דיר צו באַפרייען.

— טו־זשע דאָס — האָט זי געצוויטשערט — טו־זשע דאָס, פראַנק ברוין!

ווי אייל האָט געפלאָסן איר חוזק אויפן פייער, וואָס האָט אים געברענט. הייסע און רויטע וואָלקנס רויך האָבן אים פאַר־נעפּלט די אויגן, האָבן שטיקנדיק אַרייַנגעדרונגען אין זיין מויל. זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרומט, ער האָט זי שנעל אָפּגעלאָזט און אויפגעהויבן אויף איר די געבייַלטע פויסט.

— שלאָג, — האָט זי גערופן, — שלאָג! — אָ, אַזוי האָב איך דיך ליב!

דאַן איז אַראָפּגעזונקען זיין אָרעם; דערטרונקען איז גע־וואָרן זיין אָרימער ווילן אין דעם מבול פון אירע צערטלעכקייטן.

*

* *

אין דער דאָזיקער נאַכט איז ער וואַך געווען. אַ פלאַקער־דיקע ליכטשיין איז געפאַלן אויף אים פון דער גרויסער, זילבער־נער מנורה, וועלכע איז געשטאַנען אויפן קאַמין. ער איז געלעגן אין דער עלטערבאָבעס ריזיקן בעט; איבער אים, פּונקט איבער אים, האָט געשוועבט דאָס הילצערנע מענטשל.

— אויב ס'וועט אַראָפּפאַלן, וועט עס מיך דערהרגענען, — האָט ער געטראַכט אין האַלב־שלאָף. — כ'מוז עס אַראָפּנעמען. דערנאָך איז געפאַלן זיין בליק אונטן אַראָפּ. צופוסנס פון

בעט. די פיס פאַרלייגט אונטער זיך, איז געזעסן אַלרוינע, און ס׳האָט עפּעס געקלונפּערט אין אירע הענט. ער האָט עטוואָס אומגעדרייט דעם קאָפּ און אַראָפּגעקוקט.

זי האָט געהאַלטן דעם בעכער — איר מוטערס שאַרבן. זי האָט געוואָרפן די ביינדלעך — איר פאָטערס ביינער.

— ניין, — האָט זי געמורמלט — און זיבן: — זעכצען!

זי האָט ווידער אַריינגעלייגט די ביינער אין דעם שאַרבן־בעכער, צעשאָקלט לייכט די קלימפּערנדיקע זאַכן אַהין און אַהער.

— עלף! — האָט זי גערופן.

— וואָס טוסטו דאָרט? — האָט ער איר איבערגעריסן.

זי האָט זיך אומגעדרייט.

— איך שפּיל, — כ׳האָב נישט געקענט איינשלאָפן — האָב איך גענומען שפּילן.

— וואָס האָסטו געשפּילט? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אַריינגעשליכט צו אים, געשיקט ווי אַ גלאַטיק שלענגל.

— וואָס ס׳וועט זיין, האָב איך געשפּילט, וואָס ס׳וועט זיין — מיט דיר און מיט פרידאַ גאָנטראַם!

— נו — און וואָס וועט זיין? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

זי האָט געפּיקט מיט די פינגער אויף זיין ברוסט.

— זי וועט שטאַרבן, — האָט זי געצוויטשערט, — פרידאַ גאָנטראַם וועט שטאַרבן.

— ווען? — איז ער צוגעשטאַנען.

— כ׳ווייס נישט, — האָט זי געזאָגט, — אינגיכן — גאָר אינגיכן!

ער האָט צונויפגעקראַמפּט די פינגער.

— נו — און וואָס וועט זיין מיט מיר?

און זי האָט געזאָגט:

— דאָס ווייס איך נישט — דו האָסט מיר איבערגעריסן — זאָל איך שפּילן ווייטער?

— ניין, — האָט ער געשריגן, — ניין! — כ׳וויל עס נישט וויסן!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, טיף פאַרזונקען אין אומעטיקע מחשבות און געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק. פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער, האָט זיך אויפגעזעצט און געקוקט אָנגעשטרענגט צו דער טיר.

לייכטע טריט האָבן פאַרבייגערוישט, און מ׳האָט גאַנץ דייטלעך געהערט אַ פאַרדלאָגטע אָפּהילכן.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, צוגעגאַנגען צו דער טיר און זיך אונטערגעהערט אָנגעשטרענגט. די טריט האָבן זיך דערווייטערט איבער די שטיגן, אין דער הויך.

דערנאָך האָט ער דערהערט הינטער זיך איר הויך געלעכטער.

— לאָז זי צורו! — האָט עס געקלונגען, — וואָס ווילסטו פון איר?

— וועמען זאָל איך לאָזן צורו? — האָט ער געפרעגט, — ווער איז עס?

און זי האָט נאָך אַלץ געלאַכט:

— ווער? — פרידאַ גאַנטראַם! דיין פּחד איז פּריצייטיק, מיין ריטער — זי לעבט נאָך!

ער איז צוריקגעקומען און זיך געזעצט אויפן ראַנד פון בעט.

— ברענג מיר וויין! — האָט ער גערופן — איך וויל טרינקען.

זי איז אויפגעשפרונגען, אַריינגעלאָפֿן אין דערבייִיקן צי־מער: געבראַכט די קריסטאַלענע קאַראַפֿקע און אָנגעפֿולט די גלעזלעך מיט בלוטיקן בורגונדער.

— זי גייט שטענדיק אַרום, — האָט זי דערקלערט, — טאָג און נאַכט. זי קען נישט שלאָפֿן, זאָגט זי, שפּאַנט זי אַרום אין גאַנצן הויז.

ער האָט נישט געהערט, וואָס זי האָט גערעדט, האָט אויס־געטרונקען דעם ווײַן אין איין אָטעם און ווידער אויסגעשטרעקט צו איר דאָס גלעזל.

— נאָך! — האָט ער געפֿאָדערט. — גיב מיר נאָך.

— ניין, — האָט זי געזאָגט — אַזוי נישט! — לייג דיך אַוועק — איך וועל דיך אָנטרינקען, אויב דו ביסט דורשטיק.

זי האָט אַרונטערגעדריקט זײַן קאָפּ אין די קישנס אַראָפּ, אַנידערגעקניט לעבן אים אויף דער ערד. האָט גענומען אַ שלוק ווײַן — און האָט עס אים געגעבן פֿון איר מויל. ער איז געוואָרן שיכּור פֿון ווײַן, און נאָך שיכּורער פֿון די ליפּן, וואָס האָבן אים דאָס דערלאַנגט.

*

* *

די זון האָט געברענט מיטאָג־צײַט. זיי זענען געזעסן אויף דעם מירמל־ראַנד פֿון טײַך און געפּליעסקעט מיט די פֿיס אין וואַסער.

— גיי אַרײַן אין מײַן צימער — האָט זי געזאָגט, — אויפֿן טואַלעט־טישל ליגט אַ ווענדקע, לינקס צו — ברענג זי מיר!

— ניין? — האָט ער געענטפֿערט, — דו דאַרפֿסט נישט פֿאַנגען, וואָס האָבן דיר געטון די גאָלדענע פֿישלעך?

און זי האָט געזאָגט:

— גיי, ברענג מיר!

דאַן איז ער אויפגעשטאַנען און געגאַנגען צום פּאַלאַץ. ער איז אַריינגעקומען אין צימער — האָט גענומען די ווענדקע און ז באַטראַכט קריטיש. דאַן האָט ער צופרידן געשמייכלט:

— מילא, זי וועט קיין סך נישט פאַנגען מיט דער דאָזי־קער זאַך!

ער איז געבליבן שטיין. שווערע קנייטשן האָבן זיך געצויגן אויף זיין שטערן.

— נישט קיין סך פאַנגען: — האָט ער פאַרטגעזעצט, — זי וועט פאַנגען די גאָלדענע פישלעך, אפילו ווען זי זאָל אַ פּלייש־האַקן אַריינוואַרפן!

זיין בליק איז געפאַלן אויפן בעט, אויבן אויפן שטאָם־מענטשל. ער האָט אַוועקגעוואָרפן די ווענדקע אין אַ ווינקל און אַ כאַפּ געטון אַ שטול, אַרויפגעקראָכן אויף איר און מיט אַ האַסטי־קער באַוועגונג אַראָפּגעריסן דאָס אַלרוינעלע. ער האָט צונויפגע־קליבן פּאַפּיר, אַריינגעוואָרפן עס אין קאַמין, עס אָנגעצונדן און אַרויפגעלייגט דערויף דאָס מענטשל.

ער האָט זיך געזעצט אויף דער ערד און זיך צוגעקוקט צו די פלאַמען. אָבער זיי האָבן נאָר געטראָפן דאָס פּאַפּיר, האָבן אפילו נישט אָפּגעזונגט דאָס אַלרוינעלע, און עס קוים נאָר פאַרקאָפּטשעט. און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס לאַכט פון אים, אַז זיין העס־לעך פּנים קרומט זיך אין אַ מנוּוולדיקן פּרצוף — אָ, אין דעם מיאוסן רונצלען פון פעטער יאַקוב! און איצט — איצט האָט ווי־דער געשאַלט דאָס דאָזיקע שליימיקע לאַכן — אַרום און אַרום, פון אַלע ווינקלען.

ער איז אויפגעשפּרונגען, האָט גענומען פון טיש זיין מע־סער און געעפנט די שאַרפע קלינג. ער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס מענטשל פון פייער.

האַרט איז געווען דאָס וואָרצל־האָלץ און אויסערגעוויינטלעך

עקשנותדיק. נאָר קליינע שפּענדלעך האָט ער געקענט אוועקשיילן. אָבער ער האָט נישט אָפּגעלאָזט, געשניטן און געשניטן — איין שטיקל נאָכן אַנדערן. העלער שווייס האָט זיך אים געפּערלט אויף זיין שטערן, די פינגער האָבן אים ווי געטון פון דער אומגעוויינטער אַרבעט. ער האָט געמאַכט אַ הפסקה און געבראַכט פריש פּאַפּיר, שטויסן נישט געלייענטע צייטונגען, ער האָט אַרויפגעוואָרפן דערויף די שפּענדלעך, באַגאָסן זיי מיט רויזן-אייל און מיט קעלניש וואַסער.

אָ, איצט האָט עס געברענט מיט אַ העליש פייער. די פלאַמען האָבן אים פאַרטאָפּלט די כוחות, גיכער און שטאַרקער האָט ער געשניטן די שפּענער פון האָלץ און געליפערט נאָכאַנאַנד ביישפּייז דעם פייער. קלענער איז געוואָרן דאָס מענטשל און האָט פאַרלוירן זיינע אָרעמס און ביידע פיס. ס׳האָט נאָך אָלץ נישט נאָכגעגעבן, כסדר געווערט זיך און אים אַריינגעשלאָגן שאַרפע שטיקלעך האָלץ אין די פינגער. אָבער ער האָט באַנעצט מיט זיין בלוט דעם מיאוסן קאָפּ און ווילד לאַכנדיק, אַראָפּגעשיילט פרישע שפּענער פון זיין לייב.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט איר שטימע, הייזעריק, כמעט צעבראָכן:

— וואָס טוסטו? — האָט זי אויסגערופן.

ער איז אויפגעשפּרונגען און אַריינגעוואָרפן דאָס לעצטע שטיקל אין די פּרעסנדיקע פלאַמען. ער האָט זיך אומגעדרייט. ווילד און וואַנזיניק האָבן געגלאַנצט זיינע גרינע אויגן.

— איך האָב עס דערהרגעט! — האָט ער געשריגן.

— מיך! — האָט זי געיאָמערט — מיך —

זי האָט זיך געכאַפּט מיט ביידע הענט בא דער ברוסט.

— עס טוט ווײ — האָט זי געשעפּטשעט — אָ, ווי דאָס טוט ווײ.

ער איז האסטיק דורכגעגאַנגען פאַרבײ איר און פאַרקנאַלט הינטער זיך די טיר —

דאָך איז ער אַ שעה שפּעטער ווידער געלעגן אין אירע אָרעמס און ווידער געטרונקען אירע גיפטיקע קושן.

*

* *

אמת איז — ער איז געווען איר לערער. זײן האַנט האָט זי געפירט דורכן פּאַרק פון ליבע, טיף אינעווייניק אויף פאַר-וואָרפענע שטעגן, ווייט פון די, דורכן עולם באַזוכטע, ברייטע אַלעען. אָבער דאָרט, וווּ עס האָט זיך אין געדיכטעניש פאַרלוירן דער וועג, דאָרט, וווּ זײן פוס האָט אָפּגעווייכט פון פלוצלינגדיקע תהומות, דאָרט איז זי לאַכנדיק געגאַנגען ווייטער, אָן דאגות און פרײ פון וועלכער עס איז מורא און וואַקלעניש, לייכט און מיט טאַנצנדיקע טריט. צווישן די רויטע, גיפטיקע פּירות, וואָס זענען געוואַקסן אין פּאַרק פון ליבע, איז נישט געווען קיין איינע אַזעלכע, וואָס אירע פינגער זאָלן נישט אָפּרייסן, וואָס אירע ליפּן זאָלן מיט אַ שמייכל נישט פאַרזוכן —

פון אים האָט זי געוואוסט, ווי זיס עס איז דאָס שיכּרות, ווען עס זויגן די ליפּן די קליינע טראָפּנס בלוט פון געליבטנס קערפּער. אָבער איר תאווה איז געווען אומדערזעטבאַר און איר ברענענדיקער דורשט נישט צום שטילן —

דערשעפּט איז ער געווען אין דער דאָזיקער נאַכט פון אירע קושן און האָט זיך פאַמעלעך באַפרייט פון אירע אָרעמס. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און געלעגן ווי אַ בר-מינן, שטייף און אומבאַוועגלעך. אָבער ער איז נישט געשלאָפן, קלאָר און וואַך

זענען געווען זיינע געדאַנקען, נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער ייִדקייט.

לאַנגע שעהן איז ער אַזוי אָפּגעלעגן. די העלע, פולע לבנה האָט זיך אַריינגעגאָסן דורכן אָפענעם פענסטער און איז געפאַלן ברייט אויפן ווייסן געלעגער. און ער האָט געהערט, ווי זי האָט זיך באַוועגט בײַ זיין זייט, שטיל געקרעכצט און געשעפּטשעט עפּעס אומזיניקע ווערטער, ווי תמיד אין אַזעלכע לבנהקע נעכט. ער האָט זי געהערט אויפשטיין, צוגיין זינגענדיק צום פענסטער און דערנאָך פאַמעלעך צוריקקומען. ער האָט געפילט, ווי זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים און זיך לאַנג איינגעקוקט אין אים.

ער האָט זיך נישט גערירט. זי איז ווידער אויפגע-שטאַנען, צוגעלאָפן צום טיש און דערנאָך צוריקגעקומען.

און זי האָט גענומען בלאָזן וואָס אַמאָל גיכער אויף זיין לינקער זייט, דערנאָך האָט זי געוואַרט אַ ווײַלע און זיך איינגע-הערט אין זיין אָטעמען.

באַלד האָט ער דערשפּירט, ווי עפּעס אַ קאַלטע און שאַרפע זאַך האָט געראַצט זיין הויט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ מעסער.

— נו, איצט וועט זי עס אַריינזעצן — האָט ער געטראַכט. אָבער עס האָט אים נישט אויסגעזען ווײַטיקלעך, אדרבה, עס איז אים אַפילו אויסגעקומען זיס און זייער גוט. ער האָט זיך נישט באַוועגט און שטיל געוואַרט אויפן האַסטיקן ריס, וואָס זאָל עפענען זיין האַרץ.

זי האָט געשניטן — פאַמעלעך און לייכט. נישט זייער טיף — אָבער גענוג אַזוי, אַז זיין בלוט זאָל הייס אַרויסקוועלן. ער האָט געהערט איר האַסטיק אָטעמען, האָט געפּענט אַ ביסל די אויגנלעפּלעך און אַרויפגעבליקט צו איר. אירע ליפּן זענען געווען

האַלב אָפן, איר קליינע שפּיץ צונג האָט זיך גיריק אַרויסגערוקט פון צווישן די בלאַנקע ציין. אירע ווייסע ברוסטלעך האָבן זיך האַסטיק געהויבן און אַ וואַנזיניק פייער האָט געשפּריצט פון אירע שטאַרע, גרינע אויגן.

דערנאָך האָט זי זיך פּלוצלינג געוואָרפן אויף אים. האָט צוגעפּרעסט דאָס מויל צו דער אָפענער וואונד און געטרונקען — געטרונקען —

שטיל איז ער געלעגן און אומבאַוועגלעך; ער האָט געפילט, ווי זיין בלוט פליסט אים צום האַרץ; עס האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אַז זי וועט אים אויסטרינקען און וועט אים קיין טראָפּן נישט איבערלאָזן. און זי האָט געטרונקען — געטרונקען — אַ גאַנצע אייביקייט האָט זי זיין בלוט געטרונקען —

ענדלעך האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געזען, ווי זי האָט אינגאַנצן געגליט; פּאַרויטלט זענען געווען אירע באַקן אין ליכט פון דער לבנה, קליינע טראָפּנס שווייס האָבן זיך גע־פּערלט אויף איר שטערן. זי האָט געגלעט מיט צערטלעכע פינגער דעם דערשעפּטן קוואַל פון איר פּורפּורנעם, דערפרישנדיקן גע־טראַנק און אָפּגעפּרעסט אויף אים עטלעכע לייכטע קושן. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט און געקוקט מיט שטאַרע אויגן אין דער לבנה —

עפּעס האָט זי געצויגן. זי איז אויפגעשטאַנען און איז צו־געגאַנגען מיט שווערע טריט צום פענסטער, האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ שטול און אַרויפגעשטעלט דעם פוס אויפן פענסטער־ברעט — זייענדיק באַגאָסן פון זילבערנעם ליכט —

דערנאָך איז זי, ווי אין פּלוצלינגן באַשלוס, אַראָפּ אונטן. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט נישט רעכטס, נישט לינקס און איז געגאַנגען גלייך פאָרויס.

— איך גיי שוין — האָט זי געפּליסטערט, — איך גיי.

זי האָט געעפנט די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען.

אַ ווײַלע איז ער נאָך געלעגן שטיל און זיך אײַנגעהערט אין די טריט פון דער נאַכט־וואַנדלערין, וועלכע האָבן זיך ערגעץ ווי פאַרלוירן אין די ווײַטע חדרים. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, אַרויפגעצויגן אויף זיך שיך און זאָקן און גענומען דאָס מאַנטל. ער איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען — וועט ער ווייניקסטנס קענען אַ ביסל שלאָפן. אַוועק, אַוועק, — איידער זי קומט צוריק.

ער איז געגאַנגען דורכן קאָרידאָר צו זײַן צימער. פּלוצלינג האָט ער דערהערט טריט. האָט ער זיך ווי אײַנגעקאָרטשעט אויף דער שוועל פון אַ טיר. אָבער דאָס איז געווען אַ שוואַרץ געשטאַלט — פרידאַ גאָנטראַם אין אירע טרויער־קליידער. זי האָט געהאַלטן אַ ליכט אין דער האַנט, ווי תּמיד בשעת אירע נאַכט־שפּאַצירן; דאָס ליכט איז געווען אָנגעצונדן, נישט קוקנדיק אויף דער פולער לבֿנה. ער האָט געזען איר בלאַס אָפּגעצערט פּנים, די ליידנדיקע רונצלען אַרום דעם מויל, די צונויפגעפּרעסטע פאַר־ביטערטע ליפּן, האָט געזען אירע איבערגעשראָקענע און צעחושטע אויגן —

— זי איז משוגע — האָט ער געטראַכט — משוגע, אַזוי ווי איך.

אַ רגע האָט ער געטראַכט, צי עס וואָלט נישט גלײַך געווען צו רעדן מיט איר, אַז זי זאָל זיך איבערלייגן, אפשר — אפשר איז פאַרט —

אָבער ער האָט באַלד אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— ניין, ניין, מ׳קען דאָ גאָרנישט העלפן.

זי האָט פאַרשטעלט דעם וועג צו זײַן צימער, און ער האָט

דערום באַשלאָסן צו גיין אין דער ביבליאָטעק און זיך דאָרט צו־שפּאַרן אויף דער סאָפע. ער האָט אַראָפּגעשלײכט פון די טרעפּ, צוגעגאַנגען צום טויער, אָפּגערוקט דעם ריגל און אָפּגעבונדן די קייט. ער האָט זיך שטיל אַרויסגעגנבעט דורכן טויער אין הויף אַריין.

אויפגעפּראַלט איז געווען דאָס אייזערנע טויער פון הויף, גלייך ווי באַטאָג און דאָס האָט אים געחידושט. ער איז אַרויסגע־גאַנגען דורכן טויער אויפן שליאַך.

אין טיפן שאָטן איז געלעגן די מערה פון הייליקן, העלער ווי שטענדיק האָט געבלאַנקט דער ווייסער שטיין. אַ מענגע בלו־מען זענען געלעגן אַרום זיינע פיס און פיר, פינף לעמפּלעך האָבן געברענט צווישן זיי. און ס'האָט אים אויסגעזען, ווי די דאָזיקע מענטשלעכע פלעמלעך, וועלכע מען פלעגט רופן אייביקע, וואָלטן געקעמפט מיטן ליכט פון דער לבנה.

— אָרימע לעמפּלעך — האָט ער געמורמלט. אָבער זיי האָבן אים דאָך אויסגעזען ווי אַ ישועה, ווי אַ שוץ אַנטקעגן די אומ־דערגריינטלעכע כּוחות פון דער נאַטור. ער האָט זיך געפילט זיכע־רער אין דעם דאָזיקן שאָטן, נאָנט צום הייליקן, ווען דאָס לבנה־ליכט האָט נישט דערגרייכט און וועלכער האָט געברענט זיינע איי־גענע פלעמלעך. ער האָט אַרויפגעבליקט צו אים און געזען די האַרטע שטריכן פון דער שטיינערנער פיגור און ס'האָט אים אויס־געזען, ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיק אין דעם דאָזיקן בלינצלדיקן ליכט פון די לעמפּלעך. ס'האָט אים געשיינט, ווי דער הייליקער וואָלט זיך אויסגעגלייכט און שטאָלץ אַרויפגעקוקט אין דערהייך, דאָרטן, וווּ ס'האָט געשיינט די לבנה.

דאַן האָט ער גענומען לייכט אונטערברומען, ווי מיט אַ סך יאָרן צוריק, אָבער הייס און מיט התלהבות, דאָס פאָלקס־לידל:

„יאָהאַן פון נעפּאָמוק,
אונדזער מציל פון געוויסער,
שיק מיך פון ליבע!
זאָלן אַנדערע משוגע פון ליבע ווערן,
מיר לאָז אויף דר'ערד דאָ מיין רו נישט שטערן,
יאָהאַן פון נעפּאָמוק,
שיק מיך פון ליבע."

דערנאָך איז ער צוריקגעגאַנגען דורכן טויער און אריין אין הויף — אויף דער שטיינערנער באַנק, פאַר די שטאַלן, איז געזעסן דער אַלטער קוטשער; ער האָט געזען, ווי ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און צו אים געווונקען. ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו אים איבערן שטיינערנעם פלאַסטער.

— וואָס איז געשען, אַלטעטשקער — האָט ער געפליסטערט.

פרויטסהיים האָט נישט געענטפערט, נאָר אויסגעצויגן די האַנט און געטייטלט מיטן קורצן ציבוק אַרויף אינדערהייך.

— וואָס? — האָט ער געפרעגט — ווו?

דערנאָך אָבער האָט ער שוין גוט געזען.

אויפן הויכן דאַך פון פאַלאַץ האָט אַרומגעשפּאַנט רויק און זיכער אַ שלאַנק נאַקעט יינגל.

אַלרוינע איז עס געווען.

ווייט פונאַנדערגעעפנט זענען געווען אירע אויגן און האָבן געקוקט אַרויף אינדערהייך, צו דער פולער לבנה.

ער האָט געזען, ווי אירע ליפן האָבן זיך באַוועגט, געזען, ווי זי האָט לייכט אויסגעשטרעקט די הענט אין דער צעשטערנטער נאַכט. ווי אַ בקשה האָט עס אויסגעזען, ווי אַ פאַרשמאַכטע תפילה.

און זי האָט אַלץ געשפּרייזט ווייטער, אַראָפּ צום שפּיץ דאַך און איצט לענגויס מיטן ראַנד, טריט-בא-טריט.

זי האָט געמוזט אַראָפּפאַלן, געמוזט זיך צעשעדיקן אויף דער ערד.

אַ פלוצדינגדיקער פּחד האָט אים אָנגעכאַפּט, זיינע ליפּן האָבן זיך געעפנט, כּדי זי צו וואָרענען, כּדי זי צו רופן.

— אַלר — —

אָבער ער האָט דערשטיקט אין זיך דאָס געשריי. וואָרענען זי איצט, אָנרופן באַם נאָמען — וואָלט הייסן: זי דערהרגענען! זי איז געשלאָפן און אַזוי אַרום געווען זיכער — כּל-זמן זי איז געשלאָפן און האָט אַרומגעוואַנדלט אין דעם דאָזיקן שלאָף. אָבער אויב ער וועט זי רופן — אויב זי וועט דערוואַכן — דאַן, דאַן מוז זי אַראָפּפאַלן!

עפּעס אין אים האָט געפאָדערט:

— שריי! שריי! — טו אַ געשריי, דאַן ביסטו גערעטע-וועט! — אַ קליין וואָרט נאָר, נאָר איר נאָמען — אַלרוינע! די טראָגסט איר לעבן אויף דיין שפּיץ צונג — איר לעבן איז דיין אייגנס! — שריי! שריי!

זיינע ציין האָבן זיך פאַרהאַקט, די אויגן פאַרמאַכט און זיי-נע הענט האָבן זיך פעסט צונויפגעקלאַמערט. אָבער ער האָט גע-פילט: איצט, איצט וועט עס געשען. אַך, ס'איז שוין נישטאָ קיין צוריק, ער מוז עס טון! אַלע זיינע געדאַנקען האָבן זיך צונויפגעע-שמאָלצן און זיך אויסגעשמידט אין איין לאַנגן, שאַרפן מערדע-רישן שטילעט.

— אַלרוינע —

דאַן האָט עס אָפּגעשאַלט ווייט אין דער נאַכט, אויף א הויכן קול, ווילד און פאַרצווייפלט:

— אַלרוינע — אַלרוינע!

ער האָט אויפגעעפנט ברייט די אויגן — און געקוקט שטאַר אינדערהייך. ער האָט געזען, ווי זי האָט אויבן אַראָפּגעלאָזט די הענט, ווי אַ פּלוצלינגער שווידער איז דורכגעלאָפן איר גאַנצן קערפּער, ווי זי האָט זיך אויסגעדרייט און דערשראָקן צוריקגעקוקט אויפן גרויען, שוואַרצן געשטאַלט, וועלכעס האָט זיך אַרויסגערוקט פון דאַך־פענסטערל. ער האָט געזען, ווי פרידאַ גאָנטראַם האָט ברייט צעעפנט אירע אָרעמס און זיך געלאָזט לויפן פאָרויס — ער האָט געהערט נאָכאַמאָל איר אַנגסט־געשריי:

— אַלרוינע!

דערנאָך האָט ער שוין גאָרנישט געזען, אַ געדיכטער נעפּל האָט פאַרדעקט זיינע אויגן. ער האָט נאָר געהערט אַ טויבן פאַל און באַלד דערנאָך אַ צווייטן און אַ לייכטן, הויכן געשריי — איינעם נאָר.

דער אַלטער קוטשער האָט אים אָנגעכאַפּט באַם אָרעם און אים מיטגעצויגן מיט זיך. ער האָט זיך געוואַקלט, איז שיער נישט אומגעפאַלן — ער האָט זיך אויסגעריסן פון אים און געגומען גיך לויפן איבערן הויף צום פּאַלאַץ צו —

ער האָט אַנידערגעקניט לעבן איר — ער האָט גענומען איר זיסן קערפּער אין זיינע אָרעמס. אַ סך בלוט איז אַראָפּגערונען פון אירע קורצע לאָקן —

ער האָט צוגעלייגט זיין אויער צו איר האַרץ און געהערט אַ לייכט קלאַפּן.

— זי לעבט נאָך — האָט ער געפּרעפּלט — אָ, זי לעבט נאָך. — און ער האָט געקושט איר בלאַסן שטערן.

ער האָט אַ קוק געטון אין דער זייט, וווּ דער אַלטער קוטשער האָט זיך געפּאָרעט אַרום פרידאַ גאָנטראַם, ער האָט געזען, ווי יענער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז שווערלעך אויפגעשטאַנען.

— זי האָט דעם באַקן צעבראָכן, — האָט ער אים געהערט רעדן.

וואָס איז עס אים אָנגעגאַנגען? — אַלרוינע האָט גע־לעבט — זי האָט געלעבט.

— קום, — אַלטער האָט ער גערופן — מיר וועלן זי אַריינ־טראָגן אין שטוב.

ער האָט זי עטוואָס אונטערגעהויבן — דאַן האָט זי אויפ־געעפנט די אויגן.

אָבער זי האָט אים נישט דערקענט.

— איך גיי, — האָט זי געפליסטערט — איך גיי —

און איר קאָפּ איז צוריקגעפאַלן אַהינטער —

ער איז אויפגעשפרונגען — געוואַלטיק האָט געשאַלט זיין ווילדער געשריי, האָט זיך אָפּגעבראָכן אַרום אָן די ווענט פון די הייזער און אָפּגעהילכט מיט אַ סך קולות איבערן גאָרטן.

— אַלרוינע, — אַלרוינע! — איך בין עס געווען — איך! —

דער אַלטער קוטשער האָט אים אַרויפגעלייגט די פאַרשוויצ־טע האַנט אויפן אַקסל און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, יונגער הער, — האָט ער געזאָגט — פריילין גאָנט־ראַם האָט גערופן צו איר.

ער האָט זיך ווילד פונאַנדערגעלאַכט:

— איז עס דען נישט געווען מיין באַגער?

אָנגעכמורעט האָט זיך דעם אַלטנס פּנים. רוי האָט געקלונ־גען זיין שטים:

— מיין באַגער איז עס געווען.

*

* *

די דינערשאַפט איז זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע בנינים. זיי זע־

נען געקומען מיט ליכט און מיט געפילדער, האָבן געשריגן און גע־רעדט אײנער איבער איינעם און אָנגעפולט מיט ליאַרם דעם גאַנצן הויף — ער האָט זיך געוואַקלט, ווי אַ שיכור, און זיך קוים צוגעשלעפט צום הויז, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן אַלטן קוטשערס אַקסל.

— איך וויל אַהיים, — האָט ער געפּליטטערט, — די מו־טער וואַרט

אויסקלאַנג

שפּעט איז דער זומער און הויך הייבן זייערע קעפּ פון די שטענגלעך די קלעטערנדיקע רויזן. די מאַלוועס פאַרשפּרייטן רונדאַרום זייערע מאַטע קלאַנגען אין די ווייכע פאַרבן: בלאַס, גאָלד, פיאָלעט און ווייכן ראָזאַ.

בשעת דו האָסט אָנגעקלאַפּט צו מיר, ליבע פריינדין, האָט דאַן געררופן דער יונגער פרילינג. ווען דו ביסט אַריינגעדרונגען דורכן שמאָלן טירל אין גאָרטן פון מיינע חלומות, האָבן די נאַרציזן און הימלשליסלען געזונגען דעם ברוך-הבא פאַר די פלינקע שוועלבעלעך. בלוי און גוט זענען געווען דיינע אויגן, און דיינע טעג זענען געגליכן געווען צו די שווערע טרויבן פון העל-בלויע גליצענען, וואָס טריפן טראָפּנווייז צום ווייסן טעפּיך אַראָפּ: לייכט האָט מיין פוס געשפּאַנט דורך די זוניקע בלעטער-אַלעען.

אָבער עס זענען צוגעפאַלן די שאָטנס. און אין דער נאַכט האָט אַרויסגעשלייכט פון ים די אייביקע זינד, וואָס קומט פון דרום, פון דער היץ פון די מדבר־זאַמדן, האָט אויסגעשפיגן ווייט איר פאַרפּעסטעטן הויך, אויסגעשפּרייט אין מיינע גערטנער די שלייערן פון דער ליידנשאַפטלעכער שיינקייט. דאַן, ווילדע שוועסטער, האָט אויפגעוואַכט דיין הייסע נשמה, פול מיט אַלע גיפטן, אויסגעטון פון יענער בושה, און האָט געטרונקען מיין בלוט, און איר יובל־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער ווייטיקדיקער פּיין און די תאווהדיקע קושן.

אין ווילדע פּאַזורעס זענען אויסגעוואַקסן די זיסע וווּנדער פון דיינע ראָזע נעגל, וואָס פּאַני, דיין שטוב־מיידל, האָט געפּלעגט. אין מעכטיקע רייס־ציין האָבן זיך פאַרוואַנדלט די לייכטנדיקע מילך־אַפּאַלן פון דיינע בלאַנקע ציינדלעך. אין אַרויסשטאַרנדיקע זונה־ברוסטן די שניי־ווייסע קעצלעך פון דיינע זיסע קינדערשע קנאָספּן. פייערדיקע שלאַנגען צישען אַרויס פון דיינע גאָלדענע לאָקן און פון דיינע אויגן, די מילדע אויגן פון איידלשטיין, וואָס ברעכן דאָס ליכט, ווי די ליכטיקע שאַפיר־שטערנס פון מיין שטילן, גאָלדיקן בודאַ, שפּריצן אויס בליצן, וועלכע שמעלצן די קייטן פון עדן וואַנזין אין זייער גלי־פייער.

אָבער דער גאָלדיקער לאָטאָס איז אויסגעוואַקסן אויפן טייך פון מיין נשמה, האָט זיך אויסגעשפּרייט מיט ברייטע בלעטער אויף אַ ווייטן שטח און פאַרדעקט דאָס אכזריותדיקע ווירבלען און שפּרודלען פון דער טיפעניש. און די זילבערנע טרערן, וואָס די וואָלקנס האָבן אַראָפּגעוויינט, זענען געלעגן, ווי גרויסע פּערל אויף די גרינע בלעטער און געפּונקלט אין דער מיטאָג־זון, ווי געשליפענע לבנה־שטיינער. דאָרט, וווּ ס׳איז געלעגן דער בלאַסער שניי פון אַקאַציע, האָט דער גאָלד־רעגן געוואָרפן זיינע גיפטיקע פאַרבן —

דאָן איז מיר, שוועסטערל מיינס, אַנטפּלעקט געוואָרן די גרויסע ־יינקייט פון צניעותדיקער זינד און כ׳האָב פאַרשטאַנען די תשוקות פון די הייליקע.

כ׳בין פאַרן שפּיגל געזעסן, געליבטע פריינדין, און פון שפּיגל אַרויס געטרונקען דעם איבערפולטן בעכער פון דיין זינד, בשעת די ביסט געשלאָפן אין הייסן נאָכמיטאָג אין דינעם זיידענעם העמד אויפן ווייסן געלעגער.

אַן אַנדערע ביסטו געווען, בלאָנדע פריינדין, ווען די זון האָט געלאַכט דורך דער פּראַכט פון מיינע גערטנער — הנעווי־דיק שוועסטערל פון מיינע שטילע, פאַרחלומטע טעג. און גאָר אַן אַנדערע, בלאָנדע פריינדין, בשעת די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין, ווען די מוראדיקע פינסטערניש איז שטיל אַרויס־געקראָכן פון דער געדיכטעניש — ווילדע, זינדיקע שוועסטער פון מיינע הייסע נעכט. איך אָבער האָב געזען באַ דער שיין פון טאָג־ליכט אַלע זינד פון דער נאַכט אין דיין נאַקעטער שיינ־קייט.

פון שפּיגל איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען די דאָזיקע דער־קענטעניש, פון דעם אַלטן שפּיגל אין דער גאָלדענער רעם, וועל־כע האָט זיך צוגעקוקט נישט צו איין ליבעס־שפּיל אין פאַרנטיקן צימער פון פּאַלאַץ אין סאַן קאָנסטאַנצאַ. אין דעם דאָזיקן שפּיגל האָב איך דערקענט דעם אמת, בשעת כ׳האָב אַרויסגעקוקט צו אים פון די בלעטלעך אין דעם לעדערנעם בוך: זיכערער פון אַלץ איז די צניעות־יקע זינד פון דער אומשולד.

*

אַז עס זענען פאַרהאַן באַשעפענישן — נישט קיין מענטשן — נישט קיין חיות — משונהדיקע וועזנס, וואָס זענען אַנטשטאַנען פון

דער פאַרשאָלטענער תאווה פון אויסטערלישע מחשבות — דאָס וועסטו נישט אָפּלייקענען, ליבע פריינדין, דו נישט.

גוט איז דאָס בעזעץ. גוט זײַנען אַלע שטרענגע נאָרמען. גוט איז דער גאָט, וואָס האָט זיי באַשאַפן און גוט איז דער מענטש, וואָס האַלט זיך אָן זיי. אַ קינד פון שטן איז אָבער דער, וועלכער גרייפט אָן די קופּערנע רייפן פון די אייביקע געזעצן.

צו שלעכטס העלפט צו דער שטן, וועלכער איז אַ מעכ־טיקער האַר — און דאַן איז ער בכוח צו שאַפן לויט זיין איי־גענעם שטאָלצן ווילן — קעגן דער גאַנצער נאַטור. ביז אונ־טער די הימלען צעוואַקסט זיך זיין ווערק — און פאַלט צום סוף דאָך איין און באַגראָבט אונטער זיינע חורבות דעם גייציקן שוטה, וואָס האָט עס אויסגעטראַכט.

*

פאַר דיר, שוועסטער, האָב איך געשריבן דאָס דאָזיקע בוך. — אַלטע, לאַנג פאַרגעסענע ווונדן האָב איך אויפגעריסן און געמישט זייער טונקל בלוט מיטן העלן און פרישן בלוט פון די לעצטע ענוים; שיינע בלומען שפּראָצן פון דער ערד, וועלכע איז מיט בלוט דורכגעזאָפט. דער ריינער אמת, שיינע פרינצעסין, איז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דיר דערציילט — איך האָב פונדעסטוועגן גענומען דעם שפּיגל און אַראָפּגעלייענט פון זיין גלעזערנער אויבערפלאַך די לעצטע דערקענטעניש און דעם גאַנצן מהות פון די דערשיינונגען, דעם בראשית פון די אוראַל־טע דערינערונגען.

נעם צו, שוועסטער, דאָס דאָזיקע בוך. נעם עס צו פון

א ווילדן אַוואַנטוריסט, וועלכער איז געווען אַ שטאָלצער שוטה און שטילער בעל-חלומות צוגלייך —

פון איינעם, שוועסטערל, וואָס האָט געוואַנדערט מן הצד פון לעבן.

סוף

אינטערמעצאָ

	DATE DUE		

Alleyne Weisman Library
Congregation Anshei Israel
5550 E. 5th St.
Tucson, AZ 85711

אלרוינע

אַ געשיכטע פֿון אַ אויסטערלישער פֿרוי